STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10879

GELT

Emile Zola

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געלט

ראָמאַן פון עמיל זאָלא

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין

דריטע אויסגאַבע
1918

ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס“
173—175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

1.

פונקט ווען דער זייגער אויף דער בערזע האָט געשלאָגען עלף, איז סאקאר אריין אין דעם ווייס־גאָלדענעם רעסטאָראַנט פון שאַמפּאַ, וואָס זיינע הויכע פענסטער האָבען ארויסגעקוקט אויף׳ן בערזען־סקוועער.

מיט איין שנעלען בליק איז ער דורכגעלאָפען דיא געזיכטער פון דיא פערהאָוועטע געסט, וואָס זיינען דאָרט געזעסען ענג איינס נעבען אַנדערען, עלענבויגען צו עלענבויגען, ארום דיא ראָנדען קליינע טישלעך און האָט זיך, דאכט זיך, פערוואונדערט, וואָס ער האָט דאָרט ניט געטראָפען דעם, וועמען ער האָט געזוכט.

א קעלנער מיט געשיר איז איילענדיג פערבייגעגאנגען. סאקאר האָט איהם אָפּגעשטעלט.

— זאָגט נור, איז העררר אורע שוין דאָ געוועזען? — האָט סאקאר זיך צו איהם געווענדעט.

— ניין, מיין העררר, נאָך ניט — האָט דער קעלנער נאָכגעענטפערט.

סאקאר האָט מעהר גאָר נישט געפרעגט און האָט זיך אנידערגעזעצט ביי א טישעל נאָהענט געבען פענסטער, וואָס א גאסט האָט געהאט נור וואָס פערלאָזען.

ער האָט געמיינט, אז ער האָט יענעם פערשפּעטיגט און האָט גענומען קוקען דורך׳ן פענסטער אויף דיא פערבייגעהער אין דרויסען.

אין דער זעלבער צייט האָט א קעלנער באדעקט זיין טישעל מיט א נייעם טישטוך, טעלער פאַר איהם אוועקגעשטעלט, מעסער און גאָפּעל פאַר איהם אוועקגעלייגט, און סאקאר האָט נאָך אלץ ניט בעשטעלט זיין פריהשטיק. זיינע אויגען האָבען געבלאָנדזשעט איבער׳ן בערזע־סקוועער, וועלכער האָט זעהר

פרעהליך אויסגעזעהן אין דעם דאָזיגען העלען, יונגען, מאַיאַ־וועו טאָג.

אזוי וויא עס איז געווען פריהשטיק־צייט, איז דער סקווער במעט ליידיג געווען און דיא בענק אונטער דיא פריש־בליהענ־דיגע צארט־גרינע קאסטאַניען־בוימער זיינען ניט באזעצט געווען.

דאָרט, נעגען דיא שטאַכעטען, איז אַ פלאַטץ, וואו דראָזש־קעס שטעהען. דאָרט האָט זיך איצט געצויגען אַ לאַנגער־לאַנגער ראַנד פון דראָזשקעס פון איין עק ביז'ן צווייטען, ביז דעם פלאַטץ, וואו דער אָמניבוס שטעלט זיך אָפּ.

אויף יענעם פלאַטץ איז איצט געשטאַנען אַ גרופּפּע פּאססאזשירען און געווארט אויף'ן אָמניבוס, וואָס איז גע־גאַנגען צו דער באסטיליע.

דיא זונן האָט געוואָרפען גאַנצע סנאָפּעס שטראַהלען, פערטרינקענדיג מיט איהר גלאַנץ דיא בערזען־געביידע, מיט איהרע זיילען, איהרע הויכע סטאַטוען, און איהרע ברייטע מעכטיגע טרעפּ. דאָרט זיינען געשטאַנען גאַנצע ראַנדען שטור־לען דערווייליע נאָך פון קיינעם ניט פערנומען.

דאַן האָט כאַקאַר אַ קוק געטהאָן ארום זיך און האָט בע־מערקט ביים צווייטען טישעל דעם בערזען־מעקלער מאַזאָ ער האָט צו איהם אויסגעשטרעקט דיא האנד.

— איהר זייט דאָ? גוט מאָרגען. וויא געהט'ס?

— אָה, גאַנץ גוט—האָט מאַזאָ געענטפערט, דריקענדיג איהם דיא האנד צוטראַגען.

מאַזאָ איז געווען גאָר אַ היבשער יונגערמאַן. קליין, שווארץ, אָבער זעהר פלינק. ניט לאַנג—אין'ם עלטער פון צוויי און דרייסיג יאָהר—האָט ער בעקומען בירושה פון זיין פערשטאָרבענעם אָנקעל דעם מעקלער־פלאַטץ אויף דער בערזע. איצט, זיצענדיג אין רעסטאָראַנט, איז ער אין גאַנצען פער־טהאַן געווען מיט זיינעם אַ גאַסט, וועלכער איז געזעסען געגען איהם. דער גאַסט מיט'ן נאָמען אַמאַדיע, אַ ברייטער מאַן, מיט אַ ריין־געגאָלטען, רויטען פנים, איז געווען זעהר אַ פּאָפּו־

לערע פערזענליכקייט צווישען דיא בערזע־ספעקולאנטען. זייט זיין גרויסער „אויפטהועכץ" מיט דיא אקציען פון דיא שעלזיר מינעס האבען דיא בערזע־ספעקולאנטען איהם פערגעטערט.

אין א צייט, ווען דיא אקציען פון יענער גרויסער אונטער־נעהמונג זיינען געפאלען ביז פופצעהן פראנק, ווען מען האט געהאלטען פאר א שטיק משוגעת צו קויפען יענע אקציעס אפילו פאר אזא ניעדריגען פרייז, האט ער, אמאדיע, איינגע־שטעלט זיין גאנצען פערמעגען, צוויי הונדערט טויזענד פראנק, און האט זיי געקויפט.

ניט אויס קלוגער בערעכענונג, חלילה, נור סתם אויף מזל האט ער זיי געקויפט, אומגעלומפערט און נאריש. עס האט איהם אבער אפגעגליקט: צופעליג האט מען אין יענע מינעס רייכע מעטאל־אדערען געפונען. דאן האט זיך דער קורס פון דיא דאזיגע אקציען א הייב געטהאן הימעל־הויך, ביז איבער טויזענד דאלאר א'ן אקציע... קנאפע פופצעהן מיליאן דאלאר האט אמאדיע אזוי פון דער דאזיגער ספעקולאציאן געמאכט, אין זיין אומגעלומפערטע שפיעל, פאר וועלכע ער איז דעמאלט ווערטה געווען פערשפארט צו ווערען אין א משוגעים הויז, האט איהם צו דער מדרגה פון א גוואלדיגען פינאנץ־גאון דער־הייבען. פון יענער צייט אן בייגען אלע דיא קעפ פאר איהם און אלע לויפען צו איהם נאך עצות.

ער האט אבער מעהר ניט ספעקולירט, צופריעדען מיט זיין איינציגער וואונדער־ליכער ספעקולאציאן, וואס האט איהם געגעבען אזוי פיעל געלד און אזא נאמען...

דאך האט מאזא זיך געסטארעט, אפשר האט ער איהם היינט בעוועגען זיין קינד צו ווערען, אקציעס דורך איהם צו קויפען.

סאקאר, וועלכער איז ניט אימשטאנד געווען ארויסצו־רופען אפילו א שמייכעל ביי אמאדיע'ן, האט זיך אומגעקוקט אויף א'ן אנדער טישעל, וואו עס זיינען געזעסען זיינע אנדערע דריי בעקאנטע ספעקולאנטען, און האט צו זיי זיך געגריסט.

דיא דאָזיגע דריי זיינען געווען פּילערא, מאָזער און סאַלמאַן.

— גוט מאָרגען! וויא געהט׳ס?..

— אָה, זאָ, זאָ... און ביי איך?..

דיא דאָזיגע בעקאַנטע האָבען איהם אויך קאַלט געענט־פערט, כמעט פיינדליך.

פּילערא, אַ זעהר לאַנגער, מאָגערער מאַן, מיט העפטיגע בעוועגונגען מיט אַ נאָז, דין און שפּיציג, וואָס האָט אויסגע־זעהן אויף זיין מאגערען, הויט־און־ביינער פּנים, ווי דאס קלינ־געל פון אַ שווערד ביי אַ „צודרעהטען“ רייטענדען ריטער, האָט זיך אויפגעפיהרט ווי אַ׳ן איינפאַכער שולער. ער האָט תמיד איינגעשטעלט, תמיד געשפּיעלט און געשוואָלעוועט אויף דער בערזע אָהן קאָפּ און אויסרעכנונג. ער האָט געהאַט אַ כלל, אַז דאָס מינדסטע טראַכטען און איבערלייגען ביים ספּעקולירען ברייננט נור אונגליק. ער האָט זיך געפּוילט צו טראַכטען, האָט זיך פערלאָזען אויף׳ן צופאַל און געגלויבט אין זיין מזל...

זיין שכן מאָזער איז געווען פּונקט דער היפּך פון איהם: קליין, מיט אַ פּנים, געל וויא וואַקס, מיט אַ קראַנקען לעבער,— אַ מענש, וואָס האָט שטענדיג געהאַלטען אין איין ציטערען, טאָמער קומט אַ קראַך...

דער דריטער ספּעקולאַנט סאַלמאַן, אַ זעהר שעהנער מאַן, וואָס האָט אויסגעקוקט אינגער פון זיינע פופציג יאָהר, מיט אַ פּראַכטפאָלער טינט־שוואַרצער באָרד, האָט געהאַט אַ שם פאַר זעהר אַ כיטרען קערל. קיינמאָל האָט ער ניט ארויסגע־רעדט קיין איבריגען וואָרט, האָט מען צו איהם גערעדט, האָט ער געענטפערט נור מיט אַ שמייכעל; מען האָט קיינמאָל אויף זיכער ניט געוואוסט אויף וואָס ער שפּיעלט, צי ער וועט איבערהויפּט שפּיעלען... דער אופן, וויא אזוי ער האָט זיך צוגעהערט צו פּילערא׳ן, האָט אויף מאָזער׳ן אַזאַ שווערען איינדרוק געמאַכט, אַז ער האָט צוריקגעצויגען זיין אָרדער, וואָס ער האָט פריהער געגעבען פאַר היינט אויף דער בערזע.

סאלמאַן'ס שווייגען האָט ביי איהם דעם מוטה אָפּגענומען צו ספּעקולירען היינט.

סאקאר האָט זיך ניט פערלאָרען פון דער דאָזיגער גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכער מען האָט איהם בעגעגענט. מיט פּיבערשע, ארויספּאָדערענדיגע אויגען האָט ער געקוקט ווייטער ארום זיך. ער האָט זיך נור בעגריסט מיט נאָך איינעם א יונגענמאַן, וועלכער איז געזעסען ביי דעם דריטען טישעל ווייטער. דער יונגערמאַן, א'ן אָריענטאַלישער טיפּ מיט'ן נאָמען סאבאטאַני, א שעהנער יונג מיט א לייכגליכען דונקעלען פּנים, בעשיינט פון א פּאָאר פּראַכטפאָלע הייסע שווארצע אויגען און פער'מיאוס'ט פון א בייזען העסליכען מויל, האָט איהם געענטפערט מיט א ליעבענסווירדיגען שמייכעל.

דיא פּאמילאַרע ליעבענסווירדיגקייט פון דעם דאָזיגען יונגענמאַן האָט איהם אין גאַנצען פערביטערט. וואָס פאַר א מחותן איז יענער מיט איהם. א דונקעלע פּערזענליכקייט, געקומען פון ערגעץ לעצטען הערבסט קיין פּאריז, איז פּלוצים ערשיענען אויף דער בערזע. שפּעטער א ווײלע האָט ער געהאַנדעלט אלס „שמדוירמאַן" פּאר א געפּלאצטען באַנק. דאַן האָט ער ביסלעכווייז געוואונען דעם צוטרויען פון דעם „פּארקעט" און דער „קוליסע", ד. ה. פון דיא בערזע־מיטגליעדער און דיא קלענערע ספּעקולאַנטען, האָט געוואונען זייער צוטרויען דורך זיין פּינקטליכקייט און ליעבענס־ווירדיגקייט. ביי דיא פרויען האָט ער אויך פערשטאַנען, וויא אויסצונעהמען.

דער קעלנער איז צוגעגאַנגען צו סאקאר'ן.

— וואָס ווילט איהר עסען?

סאקאר האָט זיך א כאַפּ געטהאָן.

— אָה, יע! וואָס איהר ווילט — א קאָטלעט מיט שפּארגעלן!

דאַן האָט ער א רוף געטהאָן דעם קעלנער צוריק.

— זייט איהר זיכער, אז הערר אורע איז דאָ נאָך ניט געווען?

— זיכער, איך ווייס עס בעשטימט—האָט דער קעלנער געענטפערט און איז אוועק.

סאַקאַר האָט זיך ווידער פערטראַכט... אָט אזוי איז ער דאָס געפאַלען נאָך'ן קראַך דיעם לעצטען אָקטאָבער!.. זיין פּאַלאַץ אין פּאַרק מאָנסאָ האָט ער געמוזט פערקויפען און אַ'ן איינפאַכע דירה דינגען... ער איז אזוי ווייט געפאַלען, אַז גור אונבעדייטענדע מענשען, אזוינע וויא סאַבאַטאַני, באַמער־קען איהם איצט. און פריהער, ווען ער פלעגט אריינקומען אַהער אין רעסטאָראַנט, פלעגען איהם אַלע גריסען, אַללע! זיין בליק האָבען זיי געזוכט, זיין שמייכעל, זיין האַנד־דרוק, זיין וואָרט... ער איז דאָ געוועזען דער הערשער... ביז היינט האָט ער זיין שטראָף וויא אַ מאַן געטראָגען, ער האָט קיינעם ניט בעשולדיגט פאַר דאָס, וואָס זיין לעצטע ספּעקולאַציאָן אין בילדען הייזער האָט זיך געענדיגט מיט אזא סקאַנדאַליעזען קראַך, פון וועלכען ער איז קוים אַרויס מיט גאַנצע ביינער...

איצט אָבער האָט ער זיך גענומען פיהלען פערביטערט. איצט האָט זיך אין זיין הארצען צופלאַמט אַ ברענענדיגע דורשט נאָך נקמה... אין דעם איז איבערהויפּט שולדיג געוועזען אורע, וועלכער האָט איהם פערשפּראָכען צו זיין דאָ פּונקט עלף מיט אַ'ן ענטפער פון זיין, סאַקאַר'ס, ברודער רוגאָן, דעם אַלמעכ־טיגען שטאַאַטס־מיניסטער, וועלכער האָט אַ כעס געטראָגען אויף סאַקאַר'ן...

אורע, אַ מיטגליעד פון אונטערשטען קאַמער, אַן אינ־סטרומענט אין דיא הענד פון דעם בעריהמטען מיניסטער, איז געוועזען דער פערמיטלער צווישען דיא צוויי ברידער.

געוויס, רוגאָן איז קיינמאָל ניט געוועזען קיין גוטער ברודער. אָבער דאָך גלויבט זיך ניט סאַקאַר'ן, אַז ער זאָל איהם אין גאַנ־צען לאָזען פאַלען. מען קען פערשטעהן, ווארום רוגאָן איז עפּענטליך געגען איהם דעמאָלט ארויסגעטראָטען נאָך'ן קראַך... ער האָט ניט געוואָלט קאָמפּראָמיטירט ווערען. ניט געוואָלט, מען זאָל איהם צונויפמישען מיט זיין ברודער'ס ווילדע ספּע־קולאַציאָנען... דאָס לייגט זיך שוין אויפ'ן שכל... אָבער

פאַרוואָס האָט ער איהם אין דיעזע זעקס חדשים שטילערהייט ניט געהאָלפען?... וועט ער טאקע וואגען איהם אפּצוזאָגען דיא לעצטע הילף, וואָס ער האָט ביי איהם געבעטען דורך אורע'ן? געהן אליין צו איהם — דאָס סמייעט ער ניט. ער האָט מורא איהם צו דערצאָרנען... און זיין מעכטיגער ברודער קען איהם העלפען. איין וואָרט זיינס איז גענוג, אום וויעדער איהם, סאקאר'ן, אויף דיא פיס צו שטעלען, און דאָס גאַנצע פייגע און גרויסע פאריז זאָל זיך צו זיינע פיס וואַרפען...

— וועלכען וויין וועט דער העրר טרינקען? — האָט געפרעגט דער וויין־קעלנער.

— בורדאָ־וויין — האָט סאקאר געענטפערט.

סאקאר, פערטיעפט אין זיינע געדאנקען, האָט פאַרגעסען אָן דעם קאָטלעט, וואָס איז געלעגען פאר איהם א קאלטער. האָט אין גאַנצען אָן זיין הונגער פארגעסען.

פלוצים האָט ער בעמערקט וויא איבער'ן טיש־טוך האָט א שאטען א ציטער געטהאָן. ער האָט אויפגעהויבען דיא אויגען, און דערזעהן מאססיאן'ן, א דיקען מאַן מיט א רויטען פּנים, א קאָמיססיאָנער אייף דער בערזע, וועלכען ער, סאקאר, האָט נאָך געקענט בעת יענער איז נאָך געוועזען אָן אָרעמאַן.

מאססיא מיט א ליסט אין האנד, אויף וועלכען ער האָט אנגענומען אָרדערס פון דיא בערזע־ספּעקולאנטען, האָט זיך ארומגעדרעהט צווישען דיא טישלעך, ווענדענדיג זיך פון איין מאַן צום צווייטען מיט זיין ליסט. סאקאר'ן איז ער אָבער פאַרבייגעגאַנגען, אקוראט וויא ער וואָלט איהם גאָר ניט בעמערקט. דאָס האָט נאָך מעהר אויפגערעגט סאקאר'ן. מאססיא איז צוגעגאַנגען צו פילערא און מאזער'ן און האָט זיי פאָרגעלייגט זיין ליסט. פערטהאָן אין זייער געשפּרעך האָבען זיי קוים א בליק געטהאָן אויף איהם. ניין, היינט האָבען זיי ניט פאָר איהם קיין אָרדער, פיעלייכט אָן אַנדערסמאָל.

צום בעריהמטען אמאדיע, וועלכער איז אין דיעזער צייט געזעסען איבערגעבויגען איבער א קרעבס־סאלאט, אונטער־

האַלטענדיג זיך אין דער שטיל מיט מאזא, האָט מאססיא ניט געסמייעט צו צוגעהן. ער איז צוגעגאַנגען צו סאלמאַן, וועלכער האָט גענומען דיא ליסט פון זיין האַנד, א ווײלע איהר בעטראַכט און שווייגענדיג צוריקגעגעבען.

אין רעסטאָראַנט איז געוואָרען טומעלדיגער. יעדע ווײלע זיינען אריינגעקומען אַנדערע קאָמיססיאָנערען, קלאַפּענדיג מיט דיא טיהרען. פון דאָ און דאָרט האָבען זיך גענומען טראָגען פערשיעדענע אויפגערעגטע שטימען. דיא אויפרעגונג ארום האָט גענומען שטייגען אַלץ לײדענשאַפטליכער מיט יעדער מינוט פאַר'ן עפענען דיא בערזע.

סאַקאָר, וועלכער האָט ווידער גענומען קוקען דורך'ן פענסטער, האָט איצט געזעהן, וויא אויף'ן בערזע־סקווער ווייזען זיך אַלץ מעהר און מעהר מענשען אויף דראָשקעס און צופוס, וועהרענד אויף דיא טרעפּ פון דער בערזע, וואָס זיינען פערגאָסען מיט זונען־שטראַהלען, בעוועגען זיך מענער, וויא שווארצע פלעקען.

— איך זאָג אייך נאָך אַמאָל — האָט זיך מאזער אָפּגערופען מיט זיין קלאַגעדיגער שטימע — אַז איך בעטראַכט דיא וואַהלען פון לעצטען מער׳ץ מיט שרעק... דיא גאַנצע פאַריזער דעלעגאַציאָן איז אין דער אָפּעראַציאָן.

אָבער פילערא האָט א קוועטש געטהאָן מיט דיא אַקסלען:

— נו, אַז קאַרנאָ און גאַרנייר־פּאַזשיי זיינען צוגעקומען ביי דיא לינקע, איז וואָס איז דאָרט?...

— דאָס זאָגט שוין א סך! — האָט מאזער אויסגעשריען מיט היץ — און דיא זעלבע זאַך איז מיט דער שלעזוויג־האָלשטיין פראַגע! — אָה, איהר מעגט שמייכלען, פיעל איהר ווילט, איך ווייס אָבער וואָס איך רייד. איך מיין ניט, אַז מיר דאַרפען ערקלעהרען קריעג דיא פּרייסען, אום זיי ניט דערלאָזען צו פערבאַפּען דענעמארק, מיר האָבען אָבער געקענט אָנווענדען אַנדערע מיטלען... עס איז א געפעהרליכע שפּיעל, צו לאָזען דיא גרויסע פאַרשלינגען דיא קליינע, מען ווייסט

ניט וויא ווייט דאס פערשלינגען קען געהן... און מיט מעק־סיקא איז אויך...

פילערא וועלכער איז היינט געווען זעהר און זעהר גוט אויפגעלעגט האט איהם אונטערבראכען מיט א הויכען געלעכטער.

— נו, נו, מיין ליעבער — האט ער אויסגעשריען — דאנה'ט נור ניט וועגען מעקסיקא!... מעקסיקא וועט נאך אמאל זיין דאס בעריהמטעסטע בלאט אין דער געשיכטע פון אונזער רעגיערונג. צום טייפעל, וואס האט איהר זיך איינגערעדט, אז דיא רעגיערונג פון אונזער קייזער איז קראנק!... איז אונזער רעגיערונג'ס הלואה, וואס זיא האט לעצטען יאנואר געפאדערט, דיא דריי הונדערט מילליאנען, ניט אונטערגעצייכענט געווארען פופצעהן מאל מעהר? יאס איז אן אונערהערטער ערפאלג!... און דאס איז נאך ניט אלעס. איהר ווארט נור אויף דיא וועלט־אויסשטעלונג אין 1867, אין דריי יאהר ארום פון היינט, וואס דער קייזער האט בעשלאסען, דאן וועלען מיר וויעדער ריידען!...

— און איך זאג אייך, און איך זאג אייך — האט מאזער געטענה'ט איינגעשפארט — אז שלעכטע צייטען קומען אן, שלעכטע צייטען...

— אוי, לאזט צופריעדען, וואס האט איהר זיך איינגערעדט? מיר האבען זעהר גוטע צייטען! — האט גערעדט פילערא.

סאלמאן האט געקוקט אויף זיי ביידען און האט פאר־זיך געשמייכעלט.

סאקאר, וועלכער האט אויך געהערט דעם דאזיגען געשפרעך, האט צונויפגעמישט אין זיין מוח דעם קריזיס פון דער רעגיערונג מיט זיין אייגענער קריטישער לאגע. ווען דיא רעגיערונג וואס האט איהם גרויס געמאכט, אויך געבראכען ווערען וויא ער אליין? זייט דיא לעצטע צוועלף יאהר האט ער געליעבט און פערטהיידיגט דיא דאזיגע רעגיערונג, אונטער וועלכער ער האט אויפגעלעבט, הויך אויסגעוואקסען און מיט

לעבענס־זאפט און קראפט זיך אנגעזויגט, וויא דער בוים, וואס זיינע ווארצלען זיינען אין פעטע ערד איינגעוואקסען.... אבער ווען זיין ברודער זאל איהם וועלען ארויסרייסען פון דעם פעטען באדען, ווען ער זאל איהם ניט וועלען העלפען, דאן מעג אלעס געהן צו גרונד, אלעס!

ער האט געווארט אויף זיינע ספארגעלן, וואס ער האט בעשטעלט, און זיינע געדאנקען האבען זיך געטראגען ווייט, ווייט פון דעם רעסטאראנט, וואו דיא אויפרעגונג האט נאכאנאנד געוואקסען. זיינע עראינערונגען האבען איהם געפאנגען געהאלטען.

אין דעם גרויסען שפיעגעל אנטקעגען האט ער זיין פנים דערזעהן, און ער האט זיך שטארק פערוואונדערט. דיא צייהען פון דער עלטער האבען זיין קליינע פערזאן ניט געקענט איינבייסען, פופציג יהאר אלט, האט ער איצט אויסגעזעהן קוים אכט און דרייסיג. ער האט איינגעהאלטען דיא יוגענדליכע מאיערקייט און לעבעדיגקייט. מיט דיא יאהרען האט זיין דונקעלעס געזיכט מיט דער שפיציגער נאז און דיא קליינע ברענענדיגע אויגען זאגאר זיך וויא צוגעפאסט צו דיא איבעריגע גליעדער זיינע. זיינע האאר זיינען נאך געדיכט געווען, אהן איין גרויען פעדעם'ל.

ניט ווילענדיג האט ער זיך איצט דערמאנט אן זיין אנקומען אין פאריז אויף מארגען נאך דעם בעוואוסטען שטאאטסשטרייך, ווען נאפאלעאן דער דריטער האט זיך ערקלעהרט אלס קייזער פון פראנקרייך; אן יענעם ווינטער אבענד האט ער זיך דערמאנט, ווען א הונגעריגער, אהן א פרוטה ביי דער נשמה, האט ער ארומגעבלאנדזשעט איבער דיא פאריזער בולווארען מיט געדאנקען וועגען ארויפצוארבייטען זיך... אה, ער וועט קיינמאל ניט פארגעסען זיין ערשטען אוועקגעהן אנקוקען דיא פאריזער גאסען, נאך איידער ער האט אפילו זיין אלטען קופערט געעפענט! אקוראט וויא ער וואלט דעמאלט געוואלט ווייזען דער גרויסער וועלט־שטאדט דיא צוטרענטע

שיך און דיא שמוציגע קליידער פון איינעם פון איהרע צוקינפּטיגע הערשער!

זייט יענעם אבענד איז ער הויך אויסגעוואקסען, גאנצע שטראָמען פון מילליאָנען זיינען דורך זיינע פינגער געפלאָסען. און דאָך איז דער רייכטהום קיינמאָל זיין שקלאַף ניט געווען, זיין אייגענס, וועלכען ער האָט געקענט בענוצען ווען און וויא ער האָט געוואָלט, וועלכען ער האָט געקענט איינהאַלטען פעסט, פערשלאָסען: אין זיין קאַסע האָט תמיד ליעגען און בעטרוג געוועלטיגט, פערבאָרגענע לעבער זיינען דאָרט, אין זיין קאַסע, געווען, דורך וועלכע זיינע מילליאָנען זיינען פערשוואונדען...

און איצט איז ער ווידער אין דער לאַגע, וויא אין יענעם אבענד, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל דיא פּאַריזער גאַסען געמאָסטען. ער איז אָבער אויך נאָך אזוי יונג, וויא דעמאָלט, אזוי אונבעפריעדיגט און דער פערלאַנג נאָך לעבען איז אין איהם איצט אויך אזוי שטאַרק, וויא פריהער.

ער האָט אַ סך פערזוכט פון׳ם לעבען, אָבער ניט גענוג, וויא ער האָט געמיינט. ער האָט ניט געהאַט ניט קיין צייט און ניט קיין געלעגענהייט, זאַט אָנעסען זיך פון׳ם לעבען...

און איצט האָט ער ווידער גענדארפט אָנהויבען פון אָנפאַנג, עס האָט איהם אָבער געפעהלט דיא אָפּנאַרענדיגע האָפנונג פון אַן אָנפאַנגער...

און דאָך... אַ פיבעריש־הייסער פערלאַנג האָט איהם אָנגענומען, פון דאָס ניי אָנצופאַנגען, ארויפצושטעלען דיא פוס ווידער אויפ׳ן לייטער און קלעטער־ען, קלעטערען אזוי הויך דיעזען מאָל, אזוי הויך, ביז ער וועט זעהן דיא שטאָדט ווייט, ווייט אונטער זיינע פיס... ער וויל ניט מעהר דעם אויפגעבלאָזענעם, אויפגעקלאַפּטען רייכטהום, וואָס האָט די ממשות פון רויך, נור נאָך דיא פעטע עשירות שטרעבט ער, בעשיצט פון אַ מעכטיגער פעסטונג, וואו דער גאָלד־קעניג אליין זיצט אויף אַ טהראָן פון מיט גאָלד אָנגעשטאָפּטע זעק...

זיינע געדאנקען זיינען אויף א רגע ווידער אונטערבראָ־כען געוואָרען פון מאָזער׳ס שטילער שטימע:

— דאָס מיליטער, וואָס אונזער רעגיערונג האָט ארויס־געשיקט נאָך מעקסיקאָ, קאָסט אונז אָפּ פערצעהן מיליאָן א מאָנאט — האָט דער ספּעקולאַנט אויסגעשריען — טהיער האָט עס בעוויזען... מען מוז בלינד זיין, ניט צו זעהן, וויא דיא אונצופריעדענהייט וואקסט צווישען דיא דעפּוטאַטען... דיא לינקע האָבען שוין דאָרט העכער דרייסיג מיטגליעדער. דער קייזער אליין זעהט שוין איין, אז דיא אבזאָלוטע מאכט ווערט אונמעגליך, ווען ער האָט גענומען ריידען וועגען פער־שיעדענע פרייהייטען...

פּילערא האָט איהם אויף דעם גענטפערט מיט א פער־עכטליכען געלעכטער.

— יאָ, איך וויים — האָט מאָזער זיך געקאָכט ווייטער — איהר וועט זאָגען, אז דיא געשעפטען בליהען... אָבער איהר וועט שוין זעהן שפּעטער... איהר הערט? מען רייסט צו פיעל הייזער ארונטער אין פּאַריז און מען בויט צו פיעל נייע!... דיעזער פעסטער בויען און רייסען האָבען פערשלונ־גען צו פיעל בארעס געלד... און דיא שטאַרקע באַנקען, אויף וועלכע איהר זייט אזוי שטאָלץ, וועלכע מאַכען, דאַכט זיך, אזוינע גלענצענדע געשעפטען — אַט, וואַרט נאָר אַקאָרשט, ביז איינע פון זיי וועט שוואַך ווערען, איהר וועט דאַן זעהן, וויא זיי אלע וועלען פּלאַצען, וויא אויפגעבלאָזענע פּענכערס... אויסער דעם, האָט זיך גענומען פיהלען א שטאַרקע אונצופריע־דענהייט אין פאָלק אויך. דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער־בונד, וואָס מען האָט ניט לאַנג געגרינדעט, בכדי צו פערבע־סערען דיא לאַגע פון דיא ארבייטער, איז אויך א בייזער ציי־כען פון דער צייט. איך אליין האָב פאַר דעם שטאַרק מורא. עס הערשט אין פראַנקרייך א פּראָטעסט־בעוועגונג, א רעוואָלו־ציאָנערע בעוועגונג, וועלכע ווערט מיט יעדען טאָג אלץ געפעהר־ליכער... איך זאָג אייך: עס איז א וואָרים אין דער פרוכט... אלעס מוז געהן קאַפּוט!...

פון אללע זייטען האט מען גענומען פראטעסטירען געגען זיינע לעצטע ווערטער. מאזער איז משוגע! ניט ער רעדט עס, נור זיין קראנקער לעבער!....

אין דער זעלבער צייט, ווען ער האט אזוי געסטראשעט מיט דיא צוקונפטיגע אונגליקען, האט ער, מאזער, זיינע אויגען נעהאלטען אויף מאזא און אמאדיע, וועלכע האבען ניט אויפגעהערט זיך צו סוד'ען אין דער שטיל אונטער דעם ארומיגען טומעל.

דער דאזיגער לאנגער סוד'ען זיך האט ביסלעכווייז גענומען שטארק בעאונרוהיגען דיא ארומיגע ספעקוליאנטען. עס איז קיין ספק ניט אז אמאדיע גיט איצט זיינע ארדערס מאזא'ן, אז ער גרייט זיך צו עפעס א גרויסער „אויפטהועכץ"... שוין דריי טעג, וויא עס טראגען זיך בייזע קלאנגען וועגען דער ארבייט אין סועץ... האט ניט זייער סוד'ען זיך עפעס א שייכות מיט יענע בייזע קלאנגען?

מאזער האט א ווינק געטהאן צו פילערא און האט איהם אויף איינגערוימט א סוד:

— איהר ווייסט שוין? דיא ענגלענדער ווילען דארט שטערען דיא וועיטערדיגע ארבייט... עס קען נאך קומען צו א קריעג...

דיא דאזיגע נייעס וועגען א מעגליכע מלחמה מיט ענגלאנד האט גראד געווירקט אויף פילערא'ן. אונגלויבליך האט עס אפילו געקלונגען, און דאך האט מען באלד גערעדט ביי אללע טישלאך וועגען דעם, און אין א ווײלע ארום האט שוין געקלונגען: ענגלאנד האט אן אולטימאטום אריינגעשיקט מיט דער פארדערונג, אפצושטעלען גלייך דיא ארבייט אין סועץ... אמאדיע סוד'עט זיך הפנים אויך וועגען דעם מיט מאזא'ן, מסתמא הייסט ער איהם פערקויפען אללע סועץ-אקציען...

א נעמור-מעל, וויא פון א פאניק, האט זיך גענומען טראגען אליץ העכער און העכער דורך דער ליפט, וואס איז געפרעסט געוואן מיט דעם ריח פון פעטען געקעכץ, אין מיטען דעם קלינגקלאנג פון טעלער און לעפעל. דיא אויפרעגונג איז געווארען

גאַר שטאַרק, ווען מאַזאַ'ס געהילף, דער קליינער פלאָרי, איז פּלוצים אין רעסטאָראַנט אריינגעקומען. פלאָרי, מיט אַ צאַרטען פּנים און גערדיכטער שווארצער באָרד, איז שנעל צוגעגאַנגען צו זיין פּרינציפּאַל, איהם איבערגעגעבען אַ בינטעל פּאַפּירען מיט אָרדערס און איהם עפּעס איינגערוימט אויפ'ן אויער.

— גוט! — האָט מאַזאַ קורץ געענטפערט און אַריינגע־לייגט דיא פּאַפּירען אין זיין טאַשען־בוך.

דאַן האָט ער ארויסגענומען דיא אוהר.

— שוין צוועלף! זאָגט בערטהיע'ן, ער זאָל אויף מיר ווארטען. איהר, פלאָריע, זאָלט אויך זיין אויף אייער פּלאַטץ. ברענגט מיר אַללע לעצטע טעלעגראַמען.

ווען פלאָריע איז אוועק, האָט מאַזאַ ווידער זיך גענומען סוד'ען מיט אמאדיע. ער האָט ארויסגעשלעפּט פון קעשענע נאָך אַנדערע פּאַפּירען און זיי אוועקגעלייגט אויפ'ן טישטוך נעבען זיין טעלער.

איצט האָט זיך דער עולם אַ ריהר געטאָהן... דיא מעהר־סטע פון דיא געקט האָבען גענומען געהן צו דער טהיר. אַ סך פון זיי, פערבייגעהענדיג מאַזאַ'ס טישעל, האָבען זיך אָפּגע־שטעלט און איינגערוימט מאַזאַ'ן אַ וואָרט אויפ'ן אויער. מאַזאַ, קייענדיג, האָט געמאַכט מיט'ן קאָפּ און פערשריבען אויף אַ צעטעל.

דיא פאַלשע ידיעה וועגען אַ מעגליכע מלחמה, — קיינער האָט ניט געוואוסט, פון וואַנען זיא האָט זיך גענומען — האָט זיך געטראָגען איבער דיא ספּעקולאַנטען ווי אַ שטורם־וואָלקען.

— איהר פערקויפט דאָך אויך, ניט אמת? — האָט מאַזאַ זיך געווענדעט צו סאַלמאַן'ען.

דער שטומער שמייכעל פון דעם לעצטען איז געווען אַזוי יעטזעלהאַפט, אַז ביי מאַזער'ן אַליין האָט זיך פער'גנב'עט אַ חשד, צי איז ניט דיא גאַנצע ידיעה וועגען ענגלאַנד'ס אולטי־מאַטום, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין זיין היציגען מוח און אין וועלכער ער אַליין האָט שוין געוועזט גענומען גלויבען,—

צי איז ניט דיא דאזינע ידיעה אין גאנצען אן אויסגעטראכטע מעשה?...

פילערא האט זיך אויף אריינגעמישט:

— און איך קימער זיך ניט וועגען דעם—האט ער זיך אפּגערופען מיט א טאן פון א בעריהמער—איך פערקויף ניט; איך קויף...

ביי סאקאר'ן האט אין דיא שלייפען גענומען האמער'ן פון דער ערומיגער אויפרעגונג, וואס האט נאך געהאלטען אין איין שטייגען צווישען דיא ספעקולאנטען. דערמאנענדיג זיך וויעזוי ער פערביטערט אן אורע'ן, וועלכען ער האט שוין מעהר ניט געהאפט דא היינט צו טרעפען, האט ער צוטראגען גענומען עסען זיינע ספארגלען.

דיא לעצטע עטליכע וואכען האט ער אויפגעהערט זיך צו פערשטעהן. אמאל, אז עס איז איהם עפּעס איינגעפאלען וואס צו טהאן, פלעגט ער בעשליסען אין איינכצוויי־דריי. איצט איז איהם אזוי שווער געווען עפּעס צו בעשליסען. ער וויים, אז עפּעס מוז ער אונטערנעהמען, אז עפּעס מוז געטהאן ווערען און איבערהויפּט גאר אויף אן אנדער אופן, אין גאנצען פון דאס ניי, אלס נייער מענש, אנפאנגען א נייעס לעבען. ער האט אויך געטראכט וועגען א הויכער פאליטישער שטעלע... פארוואס זאל ער ניט ערגרייכען א מיניסטער שטעלע, וויא זיין ברודער? אין ספּעקולאציאנען גלויבט ער שוין ניט מעהר. די גרויסע געלדער, וואס מען מאכט ביי דעם האבען קיין האפט ניט: מען מאכט זיי שנעל, אבער אזוי שנעל גערן זיי פארלארען... נאך קיינמאל איז ער ניט געגאנגען שלאפען מיט דעם בעוואוסטזיין, אז ער פערמאגט, פערמאגט אויף אן אמת, כאטש איין ריכטיגען מיליאן... איצט, אריינטראכטענדיג אין זיך, האט ער זיך געפרעגט: צי איז ער גאר אין גאנצען ניט צו היציג פאר דעם קאמפּף פאר געלד וואס פאדערט קאלטבלוטיגקייט און איבערלעגונג. יא, מיט דעם נור אליין, מיט זיין היציגען טעמפּעראמענט, הייסט עס, קען מען ערקלעהרען, וואס נאך צעהן יאהר פיהרען אזא לעבען פון לוקסוס

און רייכטהום איז ער ארויס אן אָרימאַן, וועהרענד אנדערע, פיעל נארישערע מענשען פון איהם, האָבען פון דיא זעלבע ספעקולאציאָנען מיט הייזער זיך פערמעגענס אָנגעלעבט... יאָ, וויא עס שיינט, האט ער א טעות געהאט אין זיינע פעהיגקייטען; אויפ'ן פּאָליטישען פעלד וואָלט ער מיט זיין טעמפּעראַמענט, פעהיגקייטען און טיכטיגקייט מעהר ערפאָלג געהאט... דאָס הענגט אָבער אָפּ אין גאנצען פון זיין ברודער'ס ענטפער! ווען דער ברודער וועט איהם אָפּשטויסען פון זיך, ווען ער וועט זיך אָפּזאָגען פון איהם, דאַן... ווען צו זיין ברודער און צו דיא אנדערע! דאַן וועט ער וואגען אויסצופיהרען זיין גרויסען פּראָיעקט, וועגען וועלכען ער האָט נאָך מיט קיינעם ניט גערעדט און פון וועלכען ער טרוימט זייט וואָכען מיט שרעק. דער דאָזיגער פּראָיעקט וועט דיא וועלט אויפרודערען, סיי ער וועט געלינגען און סיי ער וועט דורכפאַלען.

פילערא האָט ווידער זיין שטימע געלאָזט הערען:

— מאַזאָ, ווערט שלאָססער זיכער אויסגעשלאָסען?

— זיכער — האָט מאַזאָ געענטפערט — היינט הענגען מיר ארויס א נאָטיץ וועגען דעם... אזוינע זאַכען זיינען מיר אפילו ניט צום הארצען. עס מוז אָבער געטהאָן ווערען. זייט א געוויסע צייט קומען אָן וועגען איהם אַלץ ערגערע און ערגערע רעפּאָרטען... עס מאַכט אָבער נישט, ווען מיר וועלען פון צייט צו צייט א רייניג טהאָן דעם פּלאַץ...

— מען דערצעהלט מיר — האָט מאַזער זיך אריינגעמישט — אז אייערע קאָלעגען יאַקאָב און דעלאַראָק זיינען צו איהם אריינגעפאַלען מיט היבשע סומען...

מאַזאָ האָט א מאַך געטהאָן מיט א האַנד.

— מיר מוזען זיך תמיד ריכטען אויף אזוינע מעגליכע פערלוסטען — האָט ער געזאָגט — וויא עס ווייזט אויס, געהערט דער דאָזיגער שלאָססער צו א גאַנצער באַנדע. אָבער ער וועט שוין אונז מעהר ניט בעטריגען... ער וועט שוין איצט מוזען זוכען זיין מזל ערגעץ אין בערלין צו אין וויען.

סאקאר האט גענומען זוכען מיט דיא אויגען סאבאטאני. דורך א צופאל האט ער זיך דערוואוסט, אז סאבאטאני איז אין געהיים פערבונדען מיט שלאססער'ן.ביידע האבען גע־שפיעלט דעם גוט בעקאנטען שווינדעל־שפיעל אויף דיא זעלבע אקציען: איינער פאר, דער צווייטער געגען דעם פרייז פון דיא אקציען. דער פערליערענדער פלעגט בעקומען א העלפט פון דעם געווינס און פלעגט זיך אפטראגען.

סאקאר האט איהם באלד דערזעהן. דער יונגערמאן איז זיך רוהיג געזעסען ביי זיין טישעל און געענדיגט זיין פריה־שטיק. דאן האט ער זיך אויפגעהויבען, בעצאהלט פאר זיין פריה־שטיק און, צוגעהענדיג מיט א רוהיגע מינע צו מאזא'ן, האט ער איהם דיא האנד געדריקט און איהם אין דער שטיל גע־געבען זיין ארדער, וועלכען מאזא האט אויף'ן צעטעל פער־צייכענט.

— סאבאטאני פערקויפט אויף זיינע סועץ'ער אקציען — האט מאזער ארויסגעשעפצעט אויפגערעגט און ניט קענענדיג זיך בעהערשען לענגער, האט ער אויסגעשריען אויפ'ן קול:

— ווירקליך, וואס דענקט מען וועגען סועץ ? . . .

ארום איז געווארען שטיל, אלע האבען זיך א קעהר גע־טהאן מיט דיא פנים'ער צו דעם טישעל, וואו אמאדיע און מאזא זיינען געזעסען, אקוראט וויא נור זיי אליין האבען געקענט גע־בען א ריכטיגען ענטפער אויף דער דאזיגער פראגע, וואס האט דיא איבעריגע אזוי געמוטשעט. אבער אמאדיע, וועלכער האט אין דער אמת'ן אונטערגעהאנדעלט דיא גאנצע צייט מיט מא־זא'ן וועגען א שטעלע פאר זיינעם א פלימעניק, האט געשווי־גען, ניט וויסענדיג וואס צו זאגען. מאזא האט, וויא זיין שטיי־גער איז געווען, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען געשעפט, אויך געשוויגען. ער האט זיך נור געוואונדערט וועגען דיא פיעל ארדערס, וואס ער האט היינט געקראגען, צו פערקויפען סועץ'ער אקציען.

עס האט זיך נור אפגערופען סאבאטאני:

— סועץ שטעהט זעהר גוט ! — האט ער זיך אפגערופען

מיט א זינגענדיגער שטימע, איז צוגעגאנגען צו סאקאר'ן און א דריק געטהאן איהם העפליך דיא האנד, און האט פערלאזען דעם רעסטאראנט.

סאקאר האט אויף א רגע געפיהלט דעם דרוק פון יענעמ'ס האנד, אזוי בייגיג און אזוי שוואך, וויא פון א פרויען־האנד. אין זיין איצטיגען מוטה איז ער בערייט געווען צו ערקלעה־רען אט דיא אלע דאזיגע ספעקולאנטען פאר א באנדע גנבים און רויבער. אה, ווען ער זאל זיין געצוואונגען צו דעם, וויא ער וואלט זיי צו דער וואנד צוגעדריקט, וויא ער וואלט זיי געשאָ־רען און געשונדען, דעם דאזיגען שרעקענדיגען מאזער, דעם בעריהמער פילערא, דעם פליכעוואטען סאלמאן און דעם דא־זיגען אידיאט אמאדיע!...

דער קלינג־קלאנג פון דיא טעלער און גלעזער האט זיך גענומען הערען העכער און אפטער; דיא שטימען הייזעריגער, אויפגערעגטער. דיא טהירען האבען גענומען קלאפען האסטיגער. איינס נאך'ן אנדערען זיינען דיא ספעקולאנטען איצט געלאפען צום שלאכטפעלד, צו דער בערזע, צו דעם ערווארטעטען קראך פון דיא סועץ'עו' אקציען...

א קוק טרויענדיג דורך'ן פענסטער אויפ'ן סקווער, וועלכער איז איצט בעלאגערט געווען פון מענשען און דראזשקעס, האט מען געקענט איצט זעהן, וויא איבער דיא ווייסע טרעפ פון דער בערזע, פון דער זון פערגאסען, בעווענען זיך גאנצע מחנות שווארצע פליעגען, מענשליכע פליעגען, אלע אין שווארצען און קארעקט אנגעצויגען. און זיי אלע טראגען זיך אין איין ריכ־טונג און פילען אן דיא גאלעריען פון דער בערזע. אין דער זעלבער צייט האבען זיך הינטער דיא שטאכעטען אויך בעוויזען עטליכע פרויען־צימער, וואס האבען געשפאציערט אונטער דיא בוימער.

פלוצים, ווען סאקאר האט גענומען שניידען זיין קעז, וואס ער האט זיך בעשטעלט, האט ער דערהערט א הויכע שטימע:

— ענטשולדיגט, מיין ליעבער, איך האב פאר קיין פאל פריהער ניט געקענט קומען!...

דאס איז געווען אורע. ענדליך איז ער געקומען. ער איז געווען א נארמאן פון קאלוואדא, מיט א ברייטען, גראבען פנים פון א ביטרען פויער, וועלכער מאכט זיך בלומרשט פאר א נאר.

ער האט זיך געזעצט ביי סאקאר'ס טישעל און האט גלייך באשטעלט פריהשטיק.

— נו? — האט זיך סאקאר אפגערופען טרוקען, סטא־רענדיג זיך צו בעהערשען.

אבער אורע האט זיך אויך געהאלטען גאנץ קאלט־בלוטיג און האט זיך גאר ניט געאיילט.

ער האט אנגעקוקט סאקאר'ן פארזיכטיג און ביטרע און האט אריינגענומען א ביסען אין מויל. דאן ערשט האט ער ארויסגערעדט גאנץ שטיל:

— איך האב היינט געזעהען דעם גרויסען מאן, היינט אין דער־פריה, ביי איהם אין הויז. ער האט זיך ארויסגעוויזען זעהר גוט, זעהר און זעהר גוט צו אייך.

ער איז אנשוויגען געווארען, האט אויסגעטרונקען א גרוי־סע גלאז וויין, אריינגעשפארט א קארטאפעל אין מויל און דאן האט ער גערעדט ווייטער:

— קורץ, מיין ליעבער, ער וועט טאהן פאר אייך אלעס, וואס ער קען נור. ער וועט פאר אייך געפינען א גוטע שטעלע, אבער ניט אין פראנקרייך... צום ביישפיעל, א גובערנאטאר שטעלע אין איינער פון אונזערע קאלאניעס, אין א גוטער קא־לאניע... דארט וועט איהר זיך קענען לעבען וויא א קייזער.

סאקאר איז בלייך געווארען.

— הערט אויס—האט ער אויסגעשריען אויפגערעגט—איהר מאכט שפאס פון מיר! דאס איז אונגלויבליך! וואס וויל ער? פערטריבען מיך פון פראנקרייך?... אזוי הייסט עס, ער וויל זיך בעפרייען פון מיר? גוט, אבער זאל ער וויסען, אז מיך פעריאגט מען ניט אזוי לייכט פון פראנקרייך.

נו, נו, קאכט זיך ניט אזוי — האט זיך אורע אפגערופען

מיט א׳ן אנגעשטאפטען מויל — מיר ווילען נור אייער טובה. פערלאזט זיך נור אויף אונז.

— איך זאל זיך לאזען פערשיקען, הא? דאס וואס ער וויל, הא? אלזא הערט: אט ערשט האט מען דא גערעדט, אז דיא רעגיערונג האט געמאכט גענוג פעהלערען. יא, דער קריעג מיט איטאליען, מעקסיקא, דיא פייגע האלטונג געגען פרייסען און דיא אנדערע פעהלערען, וואס זיא מאכט טאג איין טאג אויס... דיא רעגיערונג וועט אזוי לאנג מאכען פעהלערען, ביז גאנץ פראנקרייך וועט זיך א הייב טהאן און זיא אפווישען פון דער ערד....

הערענדיג דיא דאזיגע ווערטער, איז אורע בלייך געווארען און האט זיך אומגעקוקט צושראקען.

— הערט אויס, הערט אויס—האט ער ארויסגעשטאמעלט

— איך קען ניט הערען אזוינע רעדעס... רוגאן איז אן עהרענמאן, און כל זמן ער פיהרט דיא רעגיערונג, וועט קיין בייז ניט טרעפען... ניין, רעדט בעסער ניט. איהר ווילט ניט צוגעבען אז ער איז א גרויסער מאן און דאס אלעס.

סאקאר האט פערסקריעט דיא צייהן.

— פון מיינטוועגען מעגט איהר זיך פאר איהם בוקען, ניט מיין זאך... איך וויל נור וויסען: יא, אדער ניין, וויל ער מיר העלפען אין פאריז, צי ניין?...

— אין פאריז קיינמאל ניט!

סאקאר האט מעהר ניט גערעדט. ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין ארט און א רוף געטהאן דעם קעלנער, אום איהם צו בעצאהלען. אין דער זעלבער צייט האט אורע, וועלכער האט גוט געקענט סאקאר׳ס טעמפעראמענט, רוהיג געשלונגען גרויסע שטיקער ברויט און איהם געלאזט אוועקגעהן אים מורא פאר א סקאנדאל.

פלוצים האט זיך דורכגעטראגען א פערשטיקטער טומעל צווישען דיא אנוועזענדע געסט:

אין רעסטאראנט איז אריינגעקומען א נייע פערזאן, גונדערמאן, דער פינאנץ-קעניג, דער הערשער פון דער בערזע און

דער געזעלשאַפט, אַ זעכציג יעהריגער מאַן, מיט אַ גרויסען פּלי־בעוואַטען קאָפּ, דיקער נאָז און רונדע אויסגעקאַטשעטע אויגען; זיין גאַנצע פּערזאָן האָט אויסגעדריקט האַרטנעקיגקייט און מיעדקייט.

ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען אויף דער בערזע, האָט אַפילו זיין פערטרעטער דאָרט ניט געהאַט און אין קיין רעסטאָ־ראַנען האָט ער אויך קיינמאָל ניט געגעסען. זעלטען נור פּלעגט ער אריינקומען, וויא היינט, אין רעסטאָראַנט פון שאַמ־פּאַ, פּלעגט זיך זעצען ביי אַ טישעל און באַשטעלען אַ גלאָז ווישי־וואַסער. זייט צוואַנציג יאָהר ליידענדיג אויף׳ן מאָגען, האָט ער געלעבט נור אויף מילך.

גלייך זיינען אַלע קעלנערס געווען אויף דיא פיס און דיא אַנוועזענדע געסט האבען אַלע וויא איינער, גענומען קוקען אויף איהם מיט בעזונדערען דרך ארץ.

מאָזער, וויא אַ צודולטער, האט אויסגעגלאָצט אויף איהם דיא אויגען.

פאר איהם איז גונדערמאַן געווען אַן אונגעוועהנליך וועזען, וועלכער האט געוואוסט אַלע סודות פון ספּעקולאַציאָן, וועלכער האט געקענט ווארפען דעם פּרייז פון אַקציען ארויף און אראָפּ, וויא פּילקעס...

פּעלירא האָט זיך אויך מיט דרך־ארץ פערנייגט פאר גונדערמאַן׳ען. ער האט דרך ארץ געהאַט נור פאר מיליאַרדען.

דער זייגער אין דיעזער צייט איז געווען האלב איינס. מאַזא האט פערלאָזען אמאַדיע און איז שנעל צוגעגאַנגען צו גונדערמאַן׳ען, פון וועמען ער פלעגט אמאָל אויך אַן אָרדער קריגען, און האט זיך פאר איהם ניעדעריג פערנייגט מיט אַ קאַווירענדיגען שמייכעל צוגאָסען איבער׳ן גאַנצען פּנים.

אַ סך פון דיא געסט, וועלכע האָבען שוין געהאַלטען ביים פערלאָזען דעם רעסטאָראַנט, האבען זיך געשטעלט ארום דעם גאָט פון דער בערזע און געקוקט אויף איהם מיט רע־ספּעקט און עהרפורכט, וועהרענד ער האָט מיט אַ ציטערענ־

דיגער האנד לאנגזאם צונעטראגען דיא גלאז וויסקי־וואססער צו זיינע בלייכע ליפען.

מיט א פאאר יאהר צוריק, ווען סאקאר האט געספעקו־לירט מיט זיינע הייזער אין מאנסא, האט ער זיך צו־ווער־טעלט מיט גונדערמאן. זיי האבען ניט געקענט פערשטעהן איי־נער דעם אנדערען, איינער א ליידענשאפטליכער לעבע־מאן, דער צווייטער א קאלטער, אויסגערעכענטער קאפ. סאקאר האט שוין געוואלט אוועקגעהן, אויפגערעגט פריהער פון אורע'ן און איצט נאך מעהר פון דעם באנקיר'ס אונערווארטעטען ער־שיינען, ערשט גונדערמאן האט איהם א רוף געטהאן:

— זאגט נור, ליעבער פריינד, איז דאס אמת, אז איהר גיט אויף אייער געשעפט? איהר טהוט א גלייכע זאך, איך פערזיכער אייך.

דאס איז געווען פאר סאקאר'ן א פאטש אין פנים. ער האט זיך אויסגעגלייכט מיט זיין קליינער פיגור און האט גע־ענטפערט מיט א טאן, וואס איז שארף געווען וויא א שווערד:

— איך געה גרינדען א קרעדיט באנק מיט א קאפיטאל פון פינף און צוואנציג מיליאנען; איך וועל זיך קירצליך מיט אייך זעהן....

און זאגענדיג עס, האט ער פערלאזען דעם פערשטיקטען רעסטאראנט, איבערלאזענדיג הינטער זיך דעם טומעל פון דיא מענשען, וואס האבען זיך געאיילט אויף דער בערזע, מורא האבענדיג צו פערשפעטיגען.

אה, זאל ער נור ערפאלג האבען! דאן וועט ער דער־שטיקען דיעזע אלע מענשען, וואס דערקענען איהם ניט! דאן וועט ער פרובען זיך מעסטען מיט דעם דאזיגען געלד־קעניג און ווער ווייסט אפשר וועט ער איהם אויך בעזיעגען!....

דערווייל האט ער אפילו נאך ניט קיין בעשטימטען פלאן וויא אזוי צו נעהמען זיך אויספיהרען דעם דאזיגען גראנדיע־זען פראיעקט, און איצט האט ער זיך געוואונדערט, וויא אזוי

ער האט געקענט זאגען גונדערמאן'ען אזא זאך... דאס אבער האט זיך ביי איהם ארויסגעריסען פון היץ, פון אויפרעגונג... ער האט דאך איהם געמוזט עפּעס ענטפערען!... אָבער וואָס טהוט ער אנדערש? וואו אנדערש זוכט מען דאָס גליק? זיין ברודער וויל איהם ניט העלפען. דיא מענשען בעליידיגען איהם, פערלאכען איהם, ראַיען זיך אין זיינע וואונ־דען, אקוראט וויא ער וואָלט געווען א פערבלוטיגטער ווילדער אָקס אויף דער ארענע...

א ווייל איז ער שטעהן געבליעבען אויפ'ן טראָטואר, ציטערענדיג אין גאַנצען פון אויפרעגונג. דאָס איז געווען אין דער שטונדע, ווען עס דאכט זיך, אז דאָס לעבען פון פּאַריז אין גאַנצען פערקלייבט זיך אויף דיעזען ברייטען סקווער, צווישען דער ריע מאנטמארטר און ריע רישעליע — דיא פערקעהרס־אָדערן, דורך וועלכע אזוי פיעל מחנות מענשען שטראָמען דורך.

איבער דיא פיער איבערגעקרייצטע וועגען, וואָס לויפען פון דעם דאָזיגען סקווער, האָבען זיך געטראָגען ניט אונטער־בראָכענערהייט גאַנצע שטראָמען פון וועגען און דראָזשקעס, געמישט פון כוואליעס פון צופוס־געהער.

אָהן אַן אויפהער זיינען דיא צוויי ראנדען דראָזשקעס, וואָס זיינען געשטאנען ארום דיא שטאכעטען, דורכגעבראָכען געוואָרען און וויעדער זיך געשלאָסען. אָט פלעגט דיא דראָזש־קע אפּפאָהרען און אָט פלעגט אנאנדערע צופאָהרען, וועהרענד דיא שעהנע קאַרעטעס פון דיא בערזע־מעקלערס זיינען גע־שטאנען אויף זייערע פריוויליגירטע פלעצער מיט אויסגעפּוצ־טע קוטשערס.

דיא טרעפּ און דיא קאָרידאָרען פון דער בערזע האָבען איצט געשוויבעלט שווארץ פון מענשען, און פון הינטער דער קוליסע, אונטער'ן זייגער, האָט זיך איצט געטראָגען דער גע־טומעל פון מענשען, וואס האבען געקויפט און פערקויפט, יענער דומפּפער רוישען פון דעם בערזע־ים...

פערבייגעהער האָבען דיא קעפּ פעררי‌סען און ארויפגע־קוקט, וועלענדיג אריינדרינגען אין דיא סודות פון דער בער־זען־וועלט, אין יענע אונערקלעהרליכע ווילדע סודות און בע־וועגונגען, וואָס זיינען ארויסגערופען פון דעם פאלען אָדער שטייגען פון דעם קורס אויף דיא פערשיעדענע אקציען...

סאקאר איז געשטאנען, בעטויבט פון דיא ווייטע קולות, פון דעם ארומיגען טומעל און געדראנג, און ער האָט ווידער געטרוימט פון א גאָלד־קעניגרייך, קוקענדיג אויף דער בערזע, וואו פון איינם ביז דריי האָט גוואלדיג געקלאפּט דאָס הארץ פון דעם מעכטיגען גאָלד־גאָט...

זייט זיין קראך האָט ער ניט געוואגט אריבערצוטרעטען דיא שוועל פון דער בערזע. און איצט האָט איהם אויך אָפּ־געהאַלטען א געפיהל פון קראנקהאפטע אייגענליעבע צו געהן אהין, ניט זייענדיג זיכער, וויא מען וועט איהם דאָרט אויפ־נעהמען. וויא א ליעבהאָבער, וואָס איז ארויסגעטריעבען פון זיין געליעבטער׳ס שלאָף־צימער, סטארעט זיך איינצורייד‌ען, אז ער האסט זיא און פיהלט דאָך א ברענענדיגע בענקשאפט נאָך איהר, אזוי האָט סאקאר זיך געסטארעט איינצורייד‌ען, אז ער האסט דיא בערזע, האסט יענע מענשען און דאָך האָט ער ניט געקענט אין זיך דערשטיקען א ברענענדיגען פערלאנג צוצוגעהן נעהענטער צו יענעם פלאץ, וואו אוצרות גאנצע זיי־נען געשאפען געוואָרען...

ער איז צוגעגאנגען נעהענטער צו דער בערזע, האָט זיך גענומען ארומדרייהען אהין און אהער, איז אין פארק אריין און האָט גענומען וואנדערן אונטער דיא קאסטאניען־בוימער.

אין יענעם שטויביגען פארק אָהן א בליהמעלע זיינען אויף בענק געזעסען צווישען צייטונגס־בידלאך געפאלענע ספּעקו־לאנטען און אַמ׳ען מיט קינדער פון דער נאכבארשאפט.

סאקאר האָט אָנגענומען א רוהיגע מינע פון א שפּאציער־געהער; ער האָט אָבער ניט ארונטערגענומען דיא אויגען

פון דער בערזע, פאָרשטעלענדיג זיך אין זיין פאַנטאַזיע, וויא ער בעלאַגערט דיא געביידע, וויא זיא צאַפּעלט זיך אין זיינע נעגעל...

געהענדיג דורך'ן פּאַרק, האָט ער זיך פּלוּצים דערזעהן געגענאיבער רוע דע לא באַנקא און איז באַלד אריינגעפאַלען אין מיטען פון דער „קליינער בערזע", צווישען דיא ספּעקולאַנטען, וואָס זיינען בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „דיא פייכטע פיס". דיעזער נאָמען האָט אויסגעדריקט איראָנישע פעראכטונג צו דיא דאָזיגע בערזע־סוחרים'לעך, וואָס האָבען דאָ געהאַט זייערע בעזונדערע קליינע בערזע אונטער'ן פרייען הימעל, וואו זיי פלעגען זיך פערזאַמלען יעדען טאָג אין א בעשטימטער שטונדע, סיי אין א שעהנעם וועטער, סיי אין א גוס־רעגען און האָבען געקויפט און פערקויפט אקציען פון אונטערגעגאַנגענע געזעלשאַפטען און פירמעס. פאַר זייער אָפטיגען שטעהן אונטער'ן רעגען האָט מען זיי גערופען „דיא פייכטע פיס".

דיא מעהרסטע פון דיא דאָזיגע ספּעקולאַנטען זיינען געווען אידען און זיי האָבען געשריען, און געליאַרעמט, און געהיצט זיך, פּונקט וויא דיא אַנדערע אויף דער גרויסער בערזע.

סאַקאַר האָט געוואָלט פערבייגעהן, ערשט זיינע אויגען האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף א דיקען מאַן, וועלכער איז געשטאַנען אָן א זייט פון אַלעמען און בעטראַכט א רובין געגען דער זון.

— העי, ביש! — האָט סאַקאַר אויסגערופען — איך דאַרף אייך טאַקי!

ביש, א איד, וועלכער האָט געהאַט א געשעפטס־אַגענטור, איז גוט בעקאַנט געווען סאַקאַר'ן. אין שווערע צייטען האָט סאַקאַר זיך פיעל מאָל ביי איהם אויסגעהאָלפען.

יענער איז נאָך אַלץ געשטאַנען ענטציקט פון דעם רובין, זיין ברייטער, פלאַכער פּנים פעררִיסען ארויף און דיא

דיקע, גרויע אויגען פערזשמורעט פון דער זון. מען האט גע־קענט זעהן זיין ווייסען האלזטוך פערדרעהט וויא א שטריק; וועהרענד דער קאלנער פון זיין אלטען פרינץ אלבערט, דיא ארבייט, וויא עס איז קענטיג געווען אמאל, פון א גוטען שניי־דער, איז געווען פערשטויבט און צופליקט ביז צו די דינע בליי־כע האר, וואס האבען זיך ארונטערגעגליטשט פון'ם פליכעוואַ־טען קאפ צום נאקען ארונטער. זיין הוט, פון דער זון גע־פארבט און פון רעגען געוואשען, איז געווען צודרעהט און צו־קארטשעט.

צום סוף דאט ביש אויך בעמערקט סאקאר'ן.

— אה, הערר סאקאר, איהר זייט גאר אין אונזער גע געגנד? — האט ער אויסגעשריען.

— יא, איך וויל זעהן אייער ברודער וועגען א רוסישען בריעף, וואס איך האב געקראגען פון א רוסישען באנקיר אין קאנסטאנטינאפאל. איך וויל, ער זאל איהם מיר איבערזעצען.

ביש, וועלכער האט נאך אלץ געגלעט מיט אונבעוואוסטע צערטליכקייט דעם רובין, וואס ער האט געהאלטען אין זיין רעכטער האנד, האט אויסגעשטרעקט זיין לינקע צו סאקאר'ן נאך'ן בריעף.

— נאך היינט ביינאכט קריעגט איהר איהם צוריק אן איבערזעצטען — האט ער געזאגט.

— אה, איך וועל בעסער אליין ארויפגעהן צו אייער ברודער. א קליין בריוועלע, א צעהן צייל'ען. ער וועט מיר עס גלייך איבערלעזען — האט סאקאר געזאגט.

ער איז אונטערבראכען געווארען פון א נייער פערזאן, וואס איז אין דיעזער צייט ארונטערגעקומען. דיא נייע פערזאן, א מורא'דיג דיקע פרוי, איז בעקאנט געווען צווישען דיא בערזע־ספעקולאנטען אונטער'ן נאמען פרוי מעשען און איז געווען איינע פון יענע אונגליקליכע הארטנעקיגע שפיעלערינס, וועלכע שטעלען זיך ניט אפ פאר קיין זאך, אבי צו שפיעלען.

איהר פּנים איז געווען רונד, וויא א פולע לבנה, אויפ־געבלאָזען און רויט, מיט קליינע בלויע אויגעלאך, מיט א קינ־דערשען נעזעל און מויל, פון וועלכען עס האָט זיך געהערט א דין קול'כעלע. אויפ'ן קאָפּ האָט זיא געטראָגען אן אלטע הוט, וועלכע איז געווען פערבונדען אויף א זייט מיט העל־רויטע בענדער. איהר זעהר הויכע ברוסט און גרויסער בויך איז שטייף איינגעפּרעסט געווען אין א שמוציגען, געל־גרי־נעם קלייד, וועלכעס איז שיער ניט צופלאצט געוואָרען אויף איהר. אונטער'ן ארעם האָט זיא געהאלטען א גרויסע אלטמאָ־דישע שווארצע לעדער־טאַש, וועלכע זיא האָט קיין מאָל ניט ארויסגעלאָזען פון איהרע הענד. היינט איז דיא לעדער־טאַש געווען אָנגעפּאַקט פולער וויא ווען עס איז, און עס האָט זיך געדאכט, אז איהר געוויכט שלעפּט דיא פרוי מעשען ארונטער אויף דער רעכטער זייט, אָט וויא א בוים, וואָס איז איבערלאָ־דען מיט פרוכט.

— איהר זייט דאָ ? — האָט ביש זיך געווענדעט צו איהר. עס איז קענטיג געווען, אז ער האָט זיא ערוואַרטעט.

— יא — האָט זיא געענטפערט — איך האָב נור וואָס ערהאלטען דיא פּאַפּיערען פון ווענדאם. איך האָב זיי דאָ מיט זיך.

— גוט. מיר וועלען גלייך געהן אהיים. סיי וויא סיי איז דאָ היינט ניטאָ וואָס צו טהאָן.

סאקאר האָט געוואָרפען א שנעלען בליק אויף דער פרוי'ס לעדער־טאַש. ער האָט געוואוסט, אז דאָרט ליעגען פּאַפּיערען, וואָס האָבען זייער ווערטה פערלאָרען — אַקציען פון באַנ־קראָטירטע געזעלשאַפטען, פאר וועלכע מען האָט אמאָל גע־צאָהלט צו פינף הונדערט פראנק א שטיק און מיט וועלכע איצט האָבען דיא „פייכטע פיס" געספּעקולירט, צאָהלענדיג פאר זיי צו פראנק אָדער נאָך ווייניגער פאר א שטיק. דיא „פייכטע פיס" האָבען, ספּעקולירענדיג מיט זיי, געהאַפּט, טאָ־

מער וועלען דיא דאָזיגע אקציען ווידער אמאָל אויפשטעהן תחית המתים. גאנץ אָפט פלעגען זיך בענוצען מיט דיא דאָ־זיגע ווערטהלאָזע אקציען פערשיעדענע באנקראָטירענדע גע־שעפטען, ווען זיי האבען געוואָלט, אז זייער קראך זאָל אנשטענ־דיגער אויסזעהן.

אין דיא מערדערישע שלאַכטען פון'ם געלד־בייטעל איז פרוי מעשען געווען דער ווילדער רויב־פויגעל, וואָס איז נאכגעגאנגען דיא מארשירענדע באטאליאָנען. קיין גענזעל־שאפט, קיין גרויסע באנק־הויז איז ניט געבראָכען געוואָרען, וואו זיא זאָל ניט זיין מיט איהר שווארצער לעדער־טאש. זיא האָט געזוכט דעם קראך אפילו דאָרט און דעמאָלט, וואו און ווען דיא געשעפטען זיינען געווען אם גלענצענדסטען. וואו־רים זיא האָט גוט געוואוסט, וויא אָפט און וויא שנעל עס קומט דער קראך־דונער אין דער וועלט פון פינאנץ אפילו אויף יענע ווינקלעך, וואָס זיינען, דאכט זיך, פעלזען־פעסט... אויף יענעם קראך־דונער האט זיא תמיד ארויסגעקוקט, נאך וועל־כען זיא וועט האָבען גענוג בלוט פאר איהר רויבערשען אפעטיט.

און סאקאר, וואָס האָט גראד אין דיעזער מינוט געטראכט וועגען זיין גרויסען פראָיעקט גרינדען א באנק־הויז, האָט א שוידער געטהאָן, בעת ער האט דערזעהן איהר שווארצע לעדער־טאש, וועלכע איז אָנגעפאקט געווען מיט אקציען פון באנקראָ־טירטע באנק־געשעפטען, אזוי וויא ער וואָלט אין דעם א שלעכטען סימן געזעהן פאר זיך.

ווען בוש האט געוואָלט אוועקגעהן מיט דער אלטער פרוי, האָט איהם סאקאר אָפּגעהאלטען.

— דענקט איהר, אז איך קען איצט ארויפגעהן צו אייך? וועל איך אייער ברודער זיכער טרעפען אין דער היים? — האָט ער געפרעגט.

דעם אידען'ס אויגען האָבען גענומען קוקען ווייכער און האָבען אויסגעדריקט ליעבע, כמעט צערטליכקייט.

— מיין ברודער? — האט ער אַרויסגערעדט מיט וואַ־רימקייט אין קול — געווים איז ער אין דער היים. וואו דען וועט ער זיין ?

— גוט. נעה איך גלייך צו איהם.

סאקאר האט זיי איבערגעלאָזט און איז לאנגזאם אוועק צווישען דיא בוימער מיט'ן וועג צו רוע נאטר־דאם־דע־וויקטאָריע.

דיעזע זייט פון בערזען־סקווער איז דיא קאָבערינגסטע, פערנומען מיט געשעפטס־הייזער און פאריזער הויז־אינדו־סמריען. אויף יעדען פענסטער הייגגען דאָ גאָלדענע שילדען, וואָס גלאנצען אויף דער זון.

אויף א באַלקאָן פון אַ דריטע קלאַס האָטעל איז געזעסען אַ גאַנצע פאַמיליע, קענטיג פון דער פראָווינץ געקומען, און האָט ארונטערגעקוקט אויפ'ן סקוועד.

סאקאר האָט ניט ווילענדיג אַ קוק געטהאָן ארויף צום באַלקאָן און האָט א שמייכעל געטהאָן איבער דעם אויסזערן פון יענע מענשען. אין דער זעלבער צייט איז איהם איינגע־פאַלען, אַז צווישען דיא דאָזיגע מענשען אין דער פראָווינץ וועלען זיך געפינען גענוג בעלנים אויף קויפען אקציען פון זיין באַנק.

הינטער זיין רוקען האָט געבושעוועט דיא שלאכט אויף דער בערזע; וויא דאָס ווייטע רוישען און פילדערען פון ים־כוואַליעס האָט דער טומעל פון יענעם שלאכט געקלונגען אין זיינע אויערען.

פלוצלונג האט ער זיך ווידער אבגעשטעלט.

— אָה, זשארדאן ! איהר געהט אויך צו דער בערזע?

— האָט ער אויסעשריען, דריקענדיג דיא האנד א הויכען יונגען מאַן, מיט דונקעלע האָאר און קליינע וואָצעס, וועל־כער האָט מיט זיין אויסזעהן אויסגעדריקט א פעסטען, ענער־גישען כאראַקטער.

דיעזער זשארדאן האָט מיט צעהן יאָהר צוריק אָנגעוואָ־

רען זיין פאטער, א באנקיר פון מארסיעל, וועלכער האט זיך דערשאָסען נאָך אַן אונגליקליכער ספעקולאציאָן.

פון יענער צייט אָן איז דעם זוהן אויסגעקומען זעהר שוועער צו קעמפפען פאר זיין שטיקעל ברויט, בעשעפטיגענדיג זיך מיט ליטעראַרישער אַרבייט. מיט א פאַר יאָהר צוריק, ווען סאקאר פלעגט אויפנעהמען געסט אין זיין פאלאץ אין פארק מאנסא, איז זשארדאן צו איהם איינמאל געקומען, רעקאָמענדירט פון זיינעם אָן אָנקעל, וועלכער האָט זיך גוט געקענט מיט סאקאר'ס פאמיליע אין דער פראָווינץ.

— צו דער בערזע ? קיינמאל ! — האָט געענטפערט דער יונגערמאן מיט א העפטיגער בעוועגונג, אקוראט וויא ער וואָלט דיא טראגישע עראינערונג אָן זיין פאָטער געוואָלט פון זיך פערטרייבען. דאַן האָט ער א שמייכעל געטהאָן.

— ווייסט איהר שוין, הערר סאקאר, אז איך האָב געהייראטה... יא, יא, גאנץ ערנסט... מיט מיינער א יוגענדפריינדין... אייגענטליך האָט דער שידוך צווישען אונז געדארפט לאנג פאַרקומען, נור אין מיטען דערינגען, וויא איהר ווייסט, בין איך ארים געוואָרען נאָך מיין פאטער'ס טוידט און איהר פאטער האט זיך ערקלעהרט געגען דעם שידוך. זיא אָבער האָט אונטער אלע אומשטענדען געוואָלט חתונה האָבען נור מיט'ן אָרימען טייפעל...

— גאנץ ריכטיג — האָט זיך סאקאר אָפּגערופען — איך דערמאָן זיך. איך האָב פון אייך אַן איינלאדונג ערהאלטען. ווייסט איהר ? איך האָב דאָך אייער שוועער געקענט, ווען ער האָט נאָך זיין טוך־פאבריק געהאט אויף לא ווילע. ער האט געמוזט מאכען א סך געלד.

דער דאָזיגער געשפרעך איז פאָרגעקומען נעבען א באנק, אויף וועלכען, אונבעמערקט פון סאקאר'ן איז געזעסען א דיקען מאן מיט א מיליטערישען אויסזעהן.

זשארדאן האָט פאָרגעשטעלט סאקאר'ן פאר יענעם.

— קאפּיטאן שאוו — האָט ער פאָרגעשטעלט — מיין

וויב'ס און אָנקעל... פרוי אדזשען, מיין שוויגער־מוטער, איז א געבאָרענע שאוו פון מארסעיל.

דער קאפיטאן האָט זיך אויפגעשטעלט און געדריקט דיא האנד סאקאר'ן.

סאקאר האָט פון ערשטען בליק דערקענט אין דעם קאפי־טאן א געוויסען טיפ פון א ספעקוליאַטאָר אין א קליינעם מאס־שטאב, וואָס צאָהלט אימער מיט באַרעס געלד און בענוגענט זיך מיט א פערדיענסטעל פון א צוואָנציג פראַנק. אויף אזוינע פערדיענסטלעך קוקט אַרוים אזא סאָרט ספעקוליאטאָר יעדען טאָג, זיצענדיג און וואַרטענדיג אויף זיי ניט ווייט פון בערזע צווישען איינס און דריי ביי־טאָג.

זשארדאן האָט אין קורצען ערקלעהרט סאקאר'ן, וואָס ער טהוט דאָ.

— מיין אָנקעל — האט ער געזאָגט מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל — איז א ליידענשאַפטליכער ספעקוליאַנט, זיצט ער דאָ און האַפט אויף געשעפט. איך בין פערבייגעגאַנגען און האָב זיך אפגעשטעלט, איהם דיא האַנד צו דריקען.

— איך מוז ספעקולירען — האָט זיך אפגערופען דער קאפיטאן — פון דער פענסיע, וואָס איך בעקום פון דער רע־גיערונג, קען איך קיין לעבען ניט מאַכען.

דאַן האט סאקאר גענומען אויספרעגען זשארדאן'ען, וויא עס בעצאָהלט זיך איהם זיינע ליטעראַרישע ארבייט. זשארדאַן האָט איהם גוטמוטהיג גענומען דערצעהלען, וויא ער האָט זיך איינגעריכטעט אין ארעמע הויז־ווירטהשאַפט אויף א פינפ־טען שטאָק אין עוועניו דעקלישי. זיינע רייכע שוויגער־על־טער'ען, וואס האבען ניט געהאַט קיין בעזונדערען צוטרויען צו א דיכטער, האָבען געהאלטען, אז זיי האָבען איבערהויפּט גע־נוג געטהאַן פאר איהם, וואָס זיי האָבען איינגעוויליגט צו נעה־מען איהם פאר א'ן איידים. קיין געלד האָבען זיי ניט געגעבען קיין גראָשען. דערפאר א פערשפּרעכען, אז ווען עס איז וועלען זיי בעקומען דיא ירושה. ווייטער: דיא ליטעראַרישע אר־

בייט בעצאָהלט זיך זעהר קארג. ער טראָגט זיך ארום מיט אן אידעע פאר א גרויסען ראָמאַן. ער האט אבער קיין צייט ניט איהם צו שרייבען, ווייל ער מוז זיין גאנצע צייט אָפּגעבען פאר רוטינע ארבייט אין דיא צייטונגען צוליעב ברויט...

— ווען איך וועל אָנהויבען מיין גרויסען געשעפט — האָט סאקאר געזאָגט — קען זיין, אז איך וועל אייך דאן דארפען. קומט אמאָל אריין צו מיר.

ער האט זיך פערנייגט און איז אוועק הינטער דער בערזע.

דאָ האט דער געשריי פון דער ספּעקולאַנטען־באנדע זיך שוין מעהר ניט געהערט; ער איז פערטרונקען געוואָרען אין דעם הו־הא פון דיא ארומיגע גאסען.

דיא טרעפּ פון דער בערזע אויף דער זייט זיינען אויך גע־דיכט באזעצט געווען מיט מענשען; אבער דאָס ליארם פון דיא ספּעקולאַנטען, וואס האבען אזוי געפּילדערט אויף דער אנ־דער זייט, אין דעם גרויסען זאאַל, וואו עס איז פאָרגעקומען דיא שלאַכט, האט זיך דאָ ניט געהערט, מחמת ער איז פערלאָ־רען געגאַנגען הינטער דיא פּריוואַט־צימערען פון דיא בערזע־מעקלערס, וואס האבען זיך געפונען אויף דער זייט פון דער בערזע, ארויסקוקענדיג מיט זייערע רויטע טאַפּעטען דורך דיא הויכע פענסטער.

דאָ זיינען אויך געזעסען ספּעקולאַנטען, דיא פיינערע, דיא רייכערע, מאַנכע אליין, אנדערע קליינע גרופּעס־ווייז, און זיי אַלע האבען געמאַכט דעם איינדרוק, וויא זיי וואָלטען אין א קלוב געזעסען.

דיא הינטערשטע זייט פון דער בערזע האט אויסגעזעהן וויא דער הינטער־אַריינגאַנג פון א טהעאַטער, דורך וועלכען עס געהען דיא אקטיאָרען.

דיא גאס נאָטר־דאם־דע־וויקטאָרי, א שמאָלע און פערדעכטיגע גאס, איז פול געווען מיט שענקען, קאפע־הייזער און וויין־קעלערס, אין וועלכע עס האָט זיך ארומגעדרעהט א געמישטער עולם. דיא שילדען אויף דיא דאָרטיגע פירמעס

האבען אויף דערצעהלט וועגען פערדעכטיגע געשעפטען: וועגען געבלאפטע פערזיכערונגס־קאמפאניעס, געלע פינאנ־ציעלע צייטונגען, בלאף־באנקען, שווינדעל־אנענטורען וכדומה. אויף דיא טראטוארס און אין מיטען גאס האבען זיך ארומגעשלעפט מענשען מיט אויגען, וויא ביי הונגעריגע וועלף.

סאקאר האט זיך אפגעשטעלט נעבען בוש'עס הויז און האט גענומען קוקען אויף דער טהיר, וואס האט געפיהרט צום מעקלער אין צימער.

מיט א שארפען בליק האט ער ארומגעקוקט דיא הויז פון אלע זייטען, אקוראט וויא ער וואלט אין זינען געהאט זיא צו אטאקירען.

און וועהרענד ער האט זיך געקליעבען אריינגעהן אין הויז, האט ער פלוצים דערהערט הינטער זיך שנעלע טריט.

א לאנגער מאן, וואס איז ארוים פון א דערבייאיגען שענק, איז צו איהם שנעל צוגעגאנגען און האט זיך ניעדריג פערנויגט פאר איהם.

— הערר סאקאר, האט איהר ניט עפעס פאר מיר? איך האב דיא לאנד־קרעדיט באנק פערלאזען און זוך א שטעלע.

דער מאן האט געהייסען זשאנטרא. מיט יאהרען צוריק איז ער געווען א לעהרער אין בארדא אין א גימנאזיום. צוליעב א געוויסער מיאוס'ער געשיכטע האט ער זיין פלאץ פערלא־רען. דאן איז ער אוועק פון בארדא נאך פאריז. ער איז דאן אלט געווען א יאהר אכט און צוואנציג. געווען גאנץ שעהן, מיט א שעהנער שווארצער בארד, געבילדעט און ליעבענסוויר־דיג. ער האט געקראגען א שטעלע אויף דער בערזע. צעהן יאהר לאנג האט ער דארט אלס קאמיססיאנער געארבייט, אבער זיין פערדיענסט האט איהם קוים אויף זיין הולטאיסקען לעבען געקלעקט. איצט איז ער פליכעוואטע געווארען. און וויא א

שטראסענ־פרוי, וואס בעמערקט, וויא איהר יוגענד פער־שווינדעט, שרעקט זיך פאר איהר ברויט, אזוי האט ער זיך איצט אויך געשראקען פאר זיין צוקונפט...

און זעהענדיג, מיט וואס פאר א נעבעך־שמייכעלע ער שטעהט פאר איהם, האט זיך סאקאר מיט ביטערניש דער־מאנט אן סאבאטאני'ס גרוס פריהער ביי שאמפא אין רעסטא־ראנט. יא, יא, נור דיא געפאלענע, דיא קליינינקע זיינען איהם טריי געבליעבען! אבער ער האט געשעצט דיא פעהיג־קייטען פון דעם דאזיגען מענשען און האט גאנץ גוט געוואוסט, אז אזוינע מענשען קענען איהם אמאל צוניץ קומען. דערפאר האט ער געמאכט א פריינדליכע מינע צו יענעם.

— איהר ווילט א שטעלע? — האט ער געזאגט — גאנץ מעגליך, אז איך וועל פאר אייך האבען. קומט אמאל ארויף צו מיר.

— איהר וואוינט דאך איצט אין רו סענט־לאזאר, ניט אמת?

— יא. קומט נור אין דער פריה.

דאן האבען זיי געענדיגט זייער רייד. זשאנטרא איז געווען זעהר פערביטערט געגען דער בערזע, האט זיך אויס־גערעדט, אז נור נארגעל־שניידער האבען דארט גליק. ער איז געווען אזוי פערביטערט געגען דער בערזע, ווייל ער אליין האט אין דער זעלבער גארגעל־שניידעריי קיין גליק ניט גע־האט... איצט אבער — האט ער גערעדט ווייטער — האט ער בעשלאסען, צו זוכען אן אנדערע, אן אנשטענדיגע בע־שעפטיגונג. מיט זיין בילדונג און וועלט־קענטניס קען ער פארנעהמען א גוטע, אנשטענדיגע שטעלע אויך.

סאקאר האט איהם צוגעבאמקעט: — געוויס! גע־וויס!

ער איז אוועק מיט איהם ווייטער איבער'ן טראטואר. מיט אמאל האט זיך זיי אין דיא אויגען געווארפען א דונקעלער

עקיפּאזש מיט זעהר א שעהנעם געשפּאן, וועלכער איז גע־שטאנען מיטן פראָנט צו דער ריע מאנמארטר.

ווערענד דער קוטשער איז געזעכען אויפ׳ן קעלניע וויא פערשטיינערט און געווארט, האָט א ברויען־קאָפּ צוויי מאָל זיך בעוויזען דורכ׳ן פענסטער פון עקיפּאזש און איז צו־ריק פערשוואונדען. אין א ווייל׳ע ארום האָט זיך דער זעלבער ברויען־קאָפּ ווידער בעוויזען דורך׳ן פענסטער, און דאָס מאָל איז גאנצען זיך ארויסגערוקט, און האָט זיך איינגעגעסען מיט דיא אויגען אין דער בערזע פון דער ווייטען.

— אהא, דיא באַראָנעסע סאנדארף — האָט סאקאר ארויסגעמורמעלט.

דאָס איז געווען א זעהר אויפפאלענדיג־ברוינער קאָפּ, מיט ברענענדיגע, שווארצע אויגען אונטער רונדע אויגען־ליע־דער, א ליידענשאפטליכער פּנים מיט בלוט־רויטע ליפּען און א נאָז, וועלכע איז ליידער אביסעלע צו לאַנג געוועזען. זיא איז געווען אביסעלע צו דיק פאר איהרע פינף און צוואנציג יאָהר, אָבער זעהר שעהן. זיא איז עהנליך געוועזען צו א גריכישער וואקכאַנקע, אנגעטהאָן אין מאָדערנע קליידער.

— יא, דיא באַראָנעסע — האָט אונטערגעכאפּט זשאנ־טרא — איך האָב זיא געקענט ווען זיא איז נאָך א יונגע מיי־דעל געווען, בעת זיא האָט געוואוינט ביי איהר פאטער, דעם גראף לאדריקא. אָה, דער גראף איז געווען א ליידענשאפט־ליכער שפּיעלער, א ווילדע נאטור! יעדען אין דער פריה פלעג איך פון איהם קריעגען אָרדערס פאר דער בערזע און איין מאָל האָט ער מיך שיער ניט געשלאָגען. איך האָב ניט געקלאָגט נאָך איהם, ניט ווען ער איז שפּעטער רואינירט גע־וואָרען און ניט ווען ער איז געשטאָרבען פון אן אפּאָפּלעקסיע. דאן האָט דיא באַראָנעסע געהייראטהעט דעם באַראָן סאנדארף, א בעאמטען פון עסטרייכישען קאָנסול, וועלכער איז על־טער פון איהר אויף גאנצע פינף און דרייסיג יאָהר.

— איך ווייס, איך ווייס — האט סאקאר איהר אונ־טערבראכען.

ווידער איז דער בארענעסע׳ס קאפּ א רגע פערשוואונדען און האט זיך גלייך ווידער בעוויזען נאך אויפגערעגטער, מיט אן אויסגעצויגענער האלז. מיט די ברענענדיגע אויגען האט זי זיך איינגעגעסען אין דער ריכטונג וואו די בערזע האט זיך גע־פונען.

— זיא שפּיעלט, ניט אמת ?

— יא, וויא א משוגענע, — האט זשאנטרא געענטפערט — אין די קריטישע טעג קען מען אימער זעהן איהר וואַ־גען דא אויף דעם פּלאץ. פיעבערהאפט קוקט זיא דאן אויף די קורסען, פערצייכענט אין איהר ביכעלע און גיט איהרע אָרדערס. מאססיא ארבייט ארום איהר. זעהט, אט לויפט ער אליין ! . . .

און ווירקליך איז מאססיא געלאפען מיט א ליסט אין די הענד אזוי שנעל, וויא ער האט געקענט אויף זיינע קורצע פיס, אין דער ריכטונג פון דער בארענעסע׳ס עקיפּאזש. ער איז צוגעלאפען צום עקיפּאזש, האט אריינגעשפּארט דעם קאפּ אין פענסטער און גענומען ריידען מיט דער בארענעסע.

סאקאר מיט זיין בעגלייטער זיינען אוועק אן א זייט, אום ניט בעמערקט צו ווערען פון יענע. נור ווען מאססיא האט גענומען לויפען צוריק, האט סאקאר איהם א רוף געטהאן.

מאססיא האט זיך אפּגעשטעלט און, דערזעהענדיג סאַ־קאר׳ן, האט ער אויף איהם אויסגעשטעלט זיינע גרויסע, אויס־געקאטשעטע בלויע אויגען און, סאפּענדיג שווער פון לויפען, האט ער א שמייכעל געטהאן מיט זיין גאנצען געזונדען זעהר רויטען פּנים, און ארויסגעסאפּעט :

— העלר סאקאר !

— וואס הערט זיך עפּעס, מאססיא ?

— איך ווייס ניט, וויא דאס צו ערקלעהרען — האט

מאססיא ארויסגעסאָפּעט — דיא סועץ'ער אָקציען פאַלען. מען שמועסט וועגען א קריעג מיט ענגלאנד. פון וואנען דיא דאָזיגע ידיעה האָט זיך גענומען, ווייסט גאָט אליין. ווער האָט עס געקענט אויסטראכטען ? דערוויילע איז שלעכט!

— דיא באַראָנעסע שפּיעלט נאָך אלץ, הא ?

— אָהאָ, וויא א משוגענע. איך געה איבערגעבען איהרע אָרדערס צו נאטאנסאָן'ען.

— איז דאָס אמת — האָט סאקאר איהם אנטערבראָכען — איך האב געהערט, אז נאטאנסאָן האָט א פּלאַץ געקראגען אין דער קוליססע.

— איך קען איהם — האָט זיך ארייגעמישט זשאנטרא — ער איז א גאנץ היבשער מאַן. מיר האָבען צוזאמען געארבייט אין דעם לאנד־קרעדיט באנק. אָבער ער וועט האָבען ערפאָלג, דען ער איז אַ איד. זיין פאָטער, אַן עסטרייכישער איד, איז א זייגערמאכער אין בעזאָנקאָ. אָה, ער וועט ווייט אוועק, דיעזער נאטאנסאָן, ער האָט א קלוגען קאָפּ! ווען ער האָט נאָך געארבייט מיט מיר אין יענעם באנק, האָט ער שוין דעמאָלט געטרוימט וועגען א פּלאַץ אויף דער בערזע. נו, און איהר, הערר מאססיא, וואָס מאכט איהר ? וויא געהט עס אייך ? זייט איהר עפּעס צופריעדען ?

— נאָך צופריעדען! — האָט מאססיא אויסגעשריען — וויא קען מען זיין צופריעדען ? קיין גליקען מאכט מען ניט, ביידען, וויא איהר זאָגט, ווען מען איז אַ איד!

ער האָט זיך צולאכט הויך אויפ'ן קול און איז אוועקגעלאָפען.

סאקאר און זשאנטרא זיינען אוועק צוריק צו דער ריע בראָנזשנאר צו; זיי זיינען ווידער פערבייגעגאנגען דער באראָנעסע'ס עקיפּאַזש, וועלכער איז נאָך געשטאַנען אויף דעם זעלבען אָרט, אָבער מיט א צוגעמאכטען פענסטער. דער קוטשער איז געזעסען אויף דער קעלניע אזוי שטייף און אָהן א בעוועגונג וויא פריהער.

— איך מוז צוגעבען — האָט סאקאר זיך אָפּגערופען— אַז דיא באראָנעסע איז נשקשהידיג עקסצענטריש. איך בין גאָר ניט מקנא איהר מאן, דעם אלטען באראָן!

זשאנטרא האָט ביטרע א שמייכעל געטהאָן.

— אה, דער אלטער באראָן האָט איבערגענוג פון איהר

— האָט ער געזאָגט — דערצו איז ער נאָך א קארגער מענש אויך, דערצעהלט מען. ווייסט איהר, ווער עס צאָהלט איהרע חובות בעת זיא פערליערט?

— איך ווייס ניט. זיא האָט דען איינעם?

— געוויס. דעלקאמבר.

— דעלקאמבר, דער אָבער-פּראָקוראָר? דער לאנגער, דאַרער מאַן, דער קאנדידאט אויף מיניסטער? אינטערע־סאנט. איך וואָלט א בעלן געווען זיי צו טרעפען אמאָל צו־זאמען!

און צולאָבענדיג זיך הויך און פרעהלאך, האָט סאקאר קרעפטיג א דריק געטהאָן זשאנטרא'ן דיא האנד און האט זיך מיט איהם פריינדליך צושיידט.

— איך וועל אריינקומען צו אייך — האָט זשאנטרא איהם נאָכגעשריען.

—יא, יא, קומט אריין, פּיעלייכט וועל איך עפּעס האָ־בען פאר אייך.

וויא נור סאקאר איז געבליעבען אליין, אזוי האָט ער וויעדער דערהערט דיא ווילדע קולות פון דער בערזע, וואָס האָבען זיך געטראָגען נענען איהם, וויא דאָס רוישען פון ים־כוואַליעס.

ער איז אריבער אויף דיא צווייטע זייט אין דער ריכטונג פון ריע וויוויאָן, וואו דיא געגענד האָט אויסגעזעהן ריינער און אנשטענדיגער. ער איז פערבייגעגאנגען דיא האנדעלס־קאמער, דיא פּאָסט-געביידע, דיא גרויסע אַנאָנסען-אגענ־טורען, און דיא קולות געגען איהם האבען זיך געטראָגען אלץ

ווילדער, אלץ בעטויבענדיגער, וואס נעהענטער ער איז צוגע־קומען צו דעם הויפט־ארייננאנג פון דער בערזע.

ער האט זיך אומגעקוקט. דא האט געקאכט און געליא־רעמט, געשטראמט מיט מענשען. די קאפע־הייזער, די בעקרייען זיינען איבערפילט געווען; ארום די פענסטער פון די מאגאזינען זיינען מענשען געשטאנען אין געדיכטע קופעס. איבערהויפט ארום איין דזשועלערי־מאגאזין, וואו פון די פענסטער האבען ארויסגעשטראהלט זילבערנע געשיער. ארום די פיער זייטען פון דער בערזע־געביידע, איבער אלע פיער דורכגעקרייצטע גאסען, האבען זיך געטראגען גאנצע שטראמען מענשען אין דראזשקעס און צופוס אהן אן אפ־האלט און אהן א סוף, ארויף און אראפ, אהער און אהין, שטערענדיג איינער דעם אנדערען, פלאנטערענדיג זיך און פערטשעפענדיג זיך איינער אן אנדערן, אפשטעלענדיג זיך און טראגענדיג זיך ווייטער... דער אמניבוס און די לאנגע שורה עקיפאזשען פון די ספעקוליאנטען, וואס זיינען געשטאנען נעגען בערזע, האבען נאך מעהר געשטערט דעם פארקעהר.

סאקאר האט א קוק געטהאן אויף די טרעפ פון דער בערזע. בעגאכען פון די זונען־שטראהלען, זיינען דארט גע־שטאנען גרופעס מענשען אין שווארצע פראקען. דאן האט ער א קוק געטהאן ארויף העכער צו די גאלעריען, און דארט איז געשטאנען א שווארצע וואנד מענשען מיט בלייכע אויפ־גערעגטע פנים׳ער. די דאזיגע מענשען זיינען אלע געשטא־נען, קיין שטוהלען האט מען ניט ארויסגעזעהן. פון הינטער דער קוליסע האט זיך געטראגען א ווילדער בעטויבענדער טומעל, אקוראט וויא מען וואלט זיך דארט „נעז געריסען".

אויף דער לינקער האנד, צווישען די באנקירען, וואס האבען זיך בעשעפטיגט מיט אויסלענדישע ווערטה־פאפיערען, איז ניט געווען אזוי רעש׳דיג. פערהאוועטע טעלעגראפיסטען זיינען ארומגעלאפען פון דער בערזע און צוריק. די גאנצע גע־

ביידע האט זיך, דאכט זיך, געטרייסעלט פון דעם ליארם און געפּילדער פון דער מענגע, וואס האט דאַרט זיך צופלאַקערט אינוועניג...

פּלוצלונג האט סאקאַר בעמערקט מאססיא'ן, וועלכער איז אַרונטערגעלאָפען פון דיא טרעפּ, אריינגעשפּרונגען אין זיין עקיפּאַזש און איז שנעל אוועקגעפאָהרען.

ער האט צונויפגעדריקט זיינע הענד אין פויסטען. דאַן האט ער זיך האסטיג א כאַפּ געטהאָן און איז אַוועק צוריק צו ר'י פיידא צו, וואו בוש האט געוואָהנט. ער האט זיך ווידער דערמאָנט אָן זיין רוסישען בריעף.

ער האט שוין געוואָלט אריינגעהן צו בוש'ן, ערשט אימי־צער גריסט איהם.

ער האט זיך א כאַפּ געטהאָן: נעבען א פּאַפּיער־קראַם אויפ'ן ערשטען שטאָק אין דעם זעלבען הויז איז געשטאַנען א יונגערמאַן און האט זיך גענייגט פאר איהם.

דעם דאָזיגען יונגענמאַן האט ער גוט געקענט. זיין נאָ־מען איז געוועזן גוסטאוו סעדיל. זיין פאטער, א פּראָמינענטער זיידען־פאבירקאַנט, האט איהם אפּגעגעבען לערנען געשעפט צו מאזא דעם בערזען־ספּעקולאַנט.

סאקאַר האט אנגעקוקט דעם עלעגאַנטען שמאַרקען יונ־גענמאַן מיט א פאטערליכען שמייכעל. ער האט גוט געוואוסט, ווארום און צוליעב וועמען דער יונגערמאַן שטעהט דאָ. דיא דאָזינע קראָם האט בעלאַנגט דעם דיקען טאָני'ן, וועלכער האט פערזאָרגט דיא גאַנצע בערזע מיט נאָטיץ־ביכער. אייגענט־ליך האבען דיא בערזען־ספּעקולאַנטען געקויפט זייערע נאָטיץ־ביכער אין דער דאָזיגער קראָם ניט אזוי צוליעב דעם דיקען אַל־טען טאָני'ן, וויא צוליעב דער יונגער מאדאם טאָני. דער די־קער טאני אליין איז תמיד פערנומען געוועזן אין א הינטערש־טען חדר מיט פאבריצירען זיינע נאָטיץ־ביכער און זיין פרוי איז געוועזן דיא פערקויפערין אין קראָם. רונד, בלאנד, מיט באַ־קען, וויא א פּאָר בליהענדיגע ראָזען, אן אמת'ע ליאַלקע, מיט

העללע ויידענע האאר, האט זיא בעצויבערט איהרע אלע קונדען מיט איהר איינשמייכלען זיך, פרעהליכקייט און חן'דעלאך.

מען האט געזאגט, אז זיא ליעבט איהר מאן, דאך האט עס איהר ניט געשטערט צו זיין אביסעלע צערטליך צו א רייכען בערזען־ספעקולאנט אויך, אויב יענער האט איהר אמאל „ארויס־גענומען" אויף פערגניגען. אזוי על כל פנים האט מען גערעדט. אלענפאלס דיא גליקליכע האבען עס געהאלטען בסוד, זיינען איהר דאנקבאר געווען, האבען אפט בעזוכט איהר קראם און זיא האט געמאכט גוטע געשעפטען.

ווען סאקאר איז פערבייגעגאנגען, האט ער בעמערקט, וויא זיא שטעהט ביים פענסטער און שמייכעלט צו גוסטאוו'ן. וואס פאר א רייצענדיג פנים'ל! וואס פאר א זיס שמייכעלע! — האט ער א טראכט געטהאן.

צום סוף איז ער ארויף צו בוש'ן.

בוש האט פערוואהנט צוויי צימערן מיט א קיך אויפ'ן פינפטען שטאק, דיא זעלבע קווארטיר, וואו ער האט געוואהנט נאך מיט פופצעהן יאהר צוריק. געבארען אין נאנסי, ביי דייטשע אידען, האט ער גלייך, וויא ער איז געקומען אין פאריז, געדונגען א קווארטיר אין דעם דאזיגען הויז. כאטש פאר דער צייט איז דאס געשעפט ביי איהם היבש אויסגעוואקסען, דאך האט ער ניט געטראכט וועגען א גרעסערע וואהנונג.

זיין ברודער זיגיסמונד'ען האט ער אפגעגעבען דעם בעס־טען צימער פון דיא צוויי — דעם, וואס האט געהאט פענס־טער צום גאס צו, ער אליין האט זיך צופריעדענגעשטעלט מיט'ן הינטערשטען קליינעם חדר, וואס איז פערוואָרפען געווען מיט פיעל פאפיערען, אקציען־בינטלאך און פערשיעדענע אנ־דערע פאקעטען, אז עס איז קוים דארט פערבליעבען א לעדיג פלאץ פאר איין שטוהל נעבען שרייב־טיש.

כאטש זיין הויפט געשעפט איז געווען אויפצוקויפען ווערטהלאזע אקציען פון באנקראטירטע געזעלשאפטען, איז ער, אויסער דעם, געווען אויך דער הויפט־פערמיטלער צווישען דיא „פייכטע פיס" פון דער קליינער בערזע און דיא געשעפטס־

ליט, וואס האבען זיך געגרייט צו באנקראטירען. דיא לעצטע פלעגען קויפען ביי דיא „פייכטע פיס“ דיא וואָרטהלאָזע אקציען, אום צו קענען שפּעטער וויזען, וואס האט זיי כלומרשט געבראכט צו באנקראטירען...

ער האָט אויך אויפגעקויפט און פערקויפט צירונג—גאָלד און עדעלשטיינער, געגעבען געלד אויף פּראָצענט, אויפגעקויפט פּראָטעסטירטע וועקסלען, ארומגעלאָפען אהער און אהין. שמעקענדיג, טאמער קלייבט זיך ווער צו באנקראָטירען. וואו נור ער האט געשמעקט מיט לינקען מסחר, דאָרט איז ער געוועזן. און אזוי האבען געשטראָמט צו איהם פון אלע זייטען פּאפּיערען, פּאפּיערען און פּאפּיערען, פּעק גאנצע, קערב גאנצע, אז זיין גאנצער צימער איז פערלייגט געווען מיט חובות פון דער גאנצער וועלט: ניט בעצאָהלטע וועקסלען, געבראכענע קאָנטראקטען און נאָך אזוינע „ריכטיגע פּאפּיערען“...

פון׳ם דאָזיגען ים דאָקומענטען פון פערשוואונדענע אדער ניט-פערמעגליכע בעלי-חובות האט ער געמוזט אויסקלייבען אזויגע פּאפּירען, וואס האבען נאָך געהאט עפּעס א שטיקעל ווערטה, דאס הייסט שולדען פון אזוינע מענשען, ביי וועלכע מען וועט אמאָל אפשר קענען אויפמאָהנען דעם חוב, און פּאפּיערען פון אזוינע מענשען, וואס האבען גאר קיין האָפנונג ניט געגעבען.

דיא נעמען פון דיא דאָזיגע בעלי חובות האט ער אלע געהאט אויפ׳ן בוך און ניט נור אויפ׳ן בוך, נור אויפ׳ן קאָפּ אויך. ער האט געוואוסט דיא לעבענס-געשיכטע פון יעדען פון זיי, זיין יחוס, זיינע אומשטענדען, זיינע קרובים, צי אימיצער פון זיי ערוואַרטעט א רייכע ירושה, צי ניין; ווען און ווער עס קריעגט זיין געהאלט און וויפיעל... האָט זיך איינער פון יענע בעלי חובות אביסעלע ארויפגעארבייט. האָט ער עס געוואוסט דער ערשטער און פלעגט גלייך יענעם אָנצוהמען ביים גאָרגעל... קיין שילד פון א געשעפט האָט ער ניט דורכלאָזט; קיין נאָמען אין א צייטונג.... האָט ער אויסגעפונען אן אדרעס פון איינעם פון זיינע קרבנות, האָט ער טעג און וואָכען גאנצע געקענט ארומלויפען. און האָט ער יענעם

אויסגעפונען, האָט ער שוין יענעם מעהר ניט ארויסגעלאָזט פון זיינע לאַפּעס. דאָס לעצטע פון יענעם צוגענומען, פאר דאָס, וואָס עס האָט איהם אפשר צעהן סענט געקאָסט, האָט ער אָפּט געריסען הונדערט פראַנק.

אין דעם דאָזיגען נאָכיאָגען זיך נאָך זיינע קרבנות, האָט איהם פיעל אויסגעהאָלפען פרוי מעשען. אמת טאַקי, ער האָט נאָך בעשעפטיגט אַנדערע מענשען, וואָס זייער זאַך איז געווען צו שפּיערען און נאָכפאָרשען זיינעם א קרבן. אויף זיי אָבער האָט ער מורא געהאט צו פערלאָזען זיך, ווייל זיי אלע, די דאָזיגע, וואָס האָבען געאַרבייט פאר איהם, זיינען געווען גרויסע אָרימע לייט. מען האָט זיי געקענט אונטערקויפען; אָבער פרוי מעשען איז געווען א פערמעגליכע פרוי, האָט איהרע אייגענע הייזער געהאַט אויבען אויף מאָנמאַרטר, האַלב איינגעפאַלענע הייזער, וואו עס האָבען געוואוינט די עלענדסטע און שמוציגסטע שכנים, וויא אין חזיר־שטאַהלען. די דאָזיגע שכנים איהרע, אין שמאַטעס און פערברודיגטע, פלעגט זיא אָפּט פון די דירות ארויסוואַרפען, ווען זיי האָבען אויף איין טאָג פערשפּעטיגט זייער דירה־געלד איינצוצאָהלען. אָבער די גאַנצע געלד, וואָס איהרע הייזער האָבען איהר אריינגעטראָגען, איהר גאַנצער איינקונפט איז אין איין לאָך פערשוואונדען — אין ספעקולייציאָנען, אין שפּיעלען.

ווען בוש האָט איהר פערטרויט, אויפצוזוכען איינעם פון זיינע קרבנות, איז זיא געלאָפען מיט דעם גרעסטען חשק. זיא האט ווילד הנאה געהאַט פון דעם דאָזיגען הינטישען שפּיערען...

זיא האָט זיך ארויסגעגעבען פאר אן אלמנה, אָבער קיינער האָט קיינמאָל ניט געקענט איהר מאַן. קיינער האָט ניט גע־וואוסט, פון וואנען זיא האָט זיך גענומען, זיא, די דיקע, פעטע פרוי, מיט'ן קינדערשען קול'כעלע...

בשעת פרוי מעשען איז געזעסען אויפן איינציגען שטוהל ביי בוש'ן, האט זיא דעם גאַנצען צימער פערנומען, אזוי דיק איז זיא געווען און אזוי ענג איז דאָרט געווען.

אין יענעם טאָג, ווען זיא איז געזעסען אויפן איינציגען

שטוהל, האָט בוש הינטער זיין שרייב־טיש אויסגעקוקט אַזוי וויא זיא וואָלט איהם פערדרוקט צווישען זיינע בינטלאך פאַ־פיערען.

— דאָ האָט איהר, וואָס פעיא האָט צוגעשיקט פון ווענדאָם — האָט זיא זיך אָפּגערופען, ארויסשלעפּענדיג פון איהר אַלטער לעדער־טאַש א פּאַק פּאַפּיערען: — הונדערט און צעהן פראַנק האָט ער פאַר דעם בעצאָהלט אויפן באַנקראָט־אויספערקויף פון שארפּיע. איך האָב איהם געשריעבען, ער זאָל געהן און קויפען, וויא איהר האָט מיר געהייסען.

און זיא האָט איהם דערלאַנגט דיא פּאַפּיערען.

פעיא, וועלכען זיא האָט ארויסגעגעבען פאר איהרען אַן אָנקעל, האָט מיט א קורצער צייט צוריק דאָרט געעפענט א קליין באַנק און מעקלער־געשעפט. ער פלעגט אויפקויפען פאַר דיא קאַפּיטאַליסטען פון יענער געגענד רעגיערונגס־אַקציען. מיט דעם געלד אָבער וואָס פלעגט דורך זיינע הענד דורכגעהן, האָט ער געשפּעקולירט אויף דער בערזע פאַר זיין אייגענעם בייטעל.

— קיין גרויסע מציאות קען מען ניט כאַפּען אין דיא פּראָווינציעלע שטעדט — האָט בוש ארויסגעמורמעלט — גאָר נישט. אַמאָל אין א נאָווינע קען זיך עפּעס מאַכען...

ער האָט אריינגערוקט דיא נאָז צווישען דעם פּאַק פּאַ־פּיערען, אַקוראַט וויא ער וואָלט נאָך'ן גערוך נאָך געוואָלט דערשמעקען, וואָס צווישען זיי טהוט זיך דאָרט, און דאַן האָט ער זיי גענומען פונאַנדערסאָרטירען. דער גערוך איז דפנים ניט געווען בעזונדער קיין גוטער, ווייל ער האָט זיך אין גאַנצען פערקרימט.

— הם! הם! קיין אוצרות זעהט מען עפּעס ניט — האָט ער געמורמעלט צו זיך אַליין — א גליק נאָך, וואָס דיא דאָזיגע פּאַפּיערלאך קאָסטען ניט א סך... וועקסלען, וועקסלען און וועקסלען, ווערטה אוים'ן פּייער... ווען זיי זאָלען נאָך כאָטש רעלאַנגען צו יונגע לייטלאך, וואָס וועלען אַמאָל קומען קיין פּאַריז, קען מען נאָך אַמאָל האָפען, אז עס זאָל ווען עס איז זיין א סחורה....

פלוצים האט זיך ביי איהם א־רויסגעריסען א פערוואונ־דערטער געשריי:

— וואס איז דאס ?

ער האט בעמערקט אונטער א געשטעמפעלטען בויגען פאפיער דעם אונטערשריפט פון גראף באוויליער. ער האט זיך א כאפ געטהאן צו לעזען און איז נאך מעהר ערשטוינט געווארען, ווען איהם איז קלאהר געווארען, וואס אויפ'ן פאפיער איז אנגעשריעבען געווען.

„איך פערשפרעך צו בעצאהלען מאמזעל קראן דיא סומע פון צעהן טויזענד פראנק אין דעם טאג, ווען זיא וועט מינדיג ווערען“ — האט ער איבערגעלעזען.

— גראף באוויליער — האט בוש זיך אפגערופען פערטראכט: — יא, ער דאט אמאל געהאט גיטער נעבען ווענדאם. ער איז נאכדעם על פי סיבה דער'הרג'עט געווארען בעת ער איז געווען אויפ'ן געיעג. ער האט איבערגעלאזט א פרוי און צוויי קינדער כמעט אהן מיטלען. אמאל האב איך פון איהם וועקסלען געהאט, קוים מיט צרות האב איך מיין געלד ארויסגעקראגען. אה, ער איז געווען א מיאוס'ער הולטאי, דער גראף!...

און זאגענדיג עס, דאט ער א־ין מיטען דערינען זיך צולאכט אויפן קול, אקוראט וויא עס וואלט אידם עפעס קלאהר געווארען.

— אה, איך פערשטעהע שוין! — האט ער וויעדער אויסגע־שריען — דא שטעקט א שטיקעל סקאנדאל... דער אלטער היהנער־פרעסער האט מסתמא דאס מיידעל אפגענארט... זיא האט איהם ניט געוואלט, האט ער איהר א וועקסעל ארויס־געגעבען, אז ווען און זא ווייטער. איהר פערשטעהט דאך?... דערווייל איז ער געשטארבען. ווארט, ווען איז דער וועקסעל ארויסגעגעבען געווארען ? אין יאהר 1854. אלזא מיט צעהן יאהר צוריק. הייסט עס, אז דאס מיידעל איז שוין לאנג מינ־דיג! וויא אזוי אבער איז דער וועקסעל אריינגעפאלען צו שארפיע'ן ? ער איז א געטרייער הענדלער און האט געגעבען געלד אויף פראצענט... מסתמא האט דאס מיידעל ביי איהם עס פארזעצט, אדער עס איהם איבערגעגעבען אויפצומאנען דאס געלד.

— אויב אזוי — האט זיך פרוי מעשען אפגערופען — האט איהר דאך ארייגעקראגען גאר א היבשע מציאה!
בוש האט מיט פעראכטונג א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ.
— אך, ניין, לויט'ן געזעץ איז דער וועקסעל גאר נישט ווערטה... איך זאל קומען מאהנען צו דיא יורשים, קענען זיי מיר ווייזען דיא טהיר. ווארים עס מוז פריהער בעוויזען ווע־רען, אז דער גראף איז באמת'ן שולדיג געווען דאס געלד. דאך, ווען מיר וואלטען געקענט געפינען דאס מיידעל, וואלטען מיר ביי דיא יורשים עפעס יא ארויסגעריסען, וויל זיי וואלטען מורא געהאט פאר א סקאנדאל... איהר פערשטעהט, הא? לאמיר מאקי אויפזוכען יענע מיידעל. לעאניע קראן הייסט זיא. שרייבט היינט צו פעיא'ן און בעט איהם, זאל ער זיא א זוך טהאן דארט, אפשר וועט אונז אפגליקען. דעמאלט ווען מיר האבען אביסעל שפאס...
ער האט דיא פאפיערען אויף צוויי פעקלאך צוטהיילט, וועלכע ער האט אין זינען געהאט גוט איבערצוקוקען ווען זיא וועט אוועקגעהן, און איז שטעהן געבליעבען פערטראכט, דיא הענד פלאך אויף דיא פעקלאך ארויפגעלייגט.

פרוי מעשען האט אונטערבראכען זיינע געדאנקען:
— וואס וועט זיין מיט זשארדאן'ס וועקסלען? עס איז זעהר שווער אויסצוגעפינען זיין אדרעס. איך האב זיך נור דער־וואוסט, אז ער ארבייט אין א צייטונג. אבער אין דיא צייטונגען ווערט מען אזוי שלעכט אויפגענומען, קיין אדרעסען פון זייערע שרייבער גיעבען זיי ניט ארויס. און ווידער: אפשר שרייבט ער גאר אונטער זיינע ארטיקלען מיט ניט זיין ריכטיגען נאמען?
ניט ריידענדיג קיין ווארט, האט בוש אויסגעשטרעקט זיין האנד און האט ארויסגעשלעפט פון צווישען אנדערע פאפיער־ען א פעקעלע, וועלכע איז בעצייכענט געוועזען מיט'ן אויפשריפט „זשארדאן". עס האט ענטהאלטען זעקס וועקסלען צו פופציג פראנק יעדער, ארויסגעגעבען מיט א פינף יאהר צוריק צום איינצאהלען אין פערלויף פון זעקס חדשים, מאנאט נאך מאנאט.

דער אָרימער זשארדאַן האָט אין א שווערע צייט פון זיין לעבען
די דאָזיגע וועקסלען ארויסגעגעבען צו זיין שניידער. מען האָט
זיי אָבער זייט יענער צייט עטליכע מאָל אויסגעשטעלט און, נים
ווערענדיג בעצאָהלט, האָט מען זיי פּראָטעסטעט ווידער און
ווידער און יעדעס מאָל איז אויף זיי ארויפגעוואקסען געריכט־
הוצאות און נאָך אנדערע אזוי, אז ביז היינטיגען טאָג איז דער
דאָזיגער חוב פון דריי הונדערט פראנק אויסגעוואקסען אויף
זיעבען הונדערט און דרייסיג.

— ווען דער דאָזיגער מענש וועט אמאָל עפּעס ווערטה זיין,
וועלען מיר שוין ארויסקריעגען אונזע׳רס — האָט בוש געזאָגט—
יא — האָט ער זיך אונטערבראָכען, אזוי וויא ער וואָלט זיך א
עפּעס פּלוצים דערמאָנט : — וואָס טהוען מיר מיט סיקארדא ?
וועלען מיר איהם אויפגעבען ?

— סיקארדא אויפגעבען ? — האָט זיא ארויסגעקוויטשעט
מיט שרעק — וואָס רעדט איהר ? איך וועל דאָן ניט אויב־
האַלטען ! ...

דיא געשיכטע מיט סיקארדא׳ן איז געווען אזא : מיט
יאָהרען צוריק האָט אויף א פינפטען שטאָק אין א הויז אויף
ריע דע־לא־ארפּ געוואוינט פרוי מעשען׳ס א טאנטע, איהר
פאָטער׳ס א שוועסטער. האָט דיא טאנטע געהאט א זעכצעהן־
יאָהריגע מיידעל מיט׳ן נאָמען אקטאוויע שאוויל. איינמאָל א
ביי־נאכט, ווען אקטאוויע איז פון דער ארבייט אהיים געגאנגען,
האָט א מאן, וואָס האָט געוואוינט אין דער זעלבער הויז אויפ׳ן
צווייטען שטאָק מיט זיין יונגער פרוי, איהר אויף דיא טרעפּ בע־
פאלען און זיא פערגוואלדיגט. דערביי האָט ער זיא אזא שלי־
דער געטהאָן אָן א טרעפּעל, אז זיא האָט זיך אויסגעלונקען א
ארעם. אָקטאוויע׳ס מוטער האָט דאָן געוואָלט ארעסטירען דעם
מאן, אָבער דאָס מיידעל אליין האָט זיא מיט טרעהרען איינגע־
בעטען, זיא זאָל עס ניט טהאָן. ניט ווייל זיא האָט זיך געשעהמט
פאר דער עפענטליכקייט, נור ווייל דער מאן איז איהר געפעה־
לען געוואָרען, כאָטש זיא האָט זיך דערוואוסט, אז ער איז פער־
הייראטהעט... דאן איז דיא מוטער דורכגעקומען מיט׳ן מאן

פּאר געלד. זעקס הונדערט פראנק האָט ער מיט איהר אָפּגע־מאַכט, צו פופציג פראנק א חודש אויסצוצאָהלען. ער האָט איהר ארויסגעגעבען צוועלף וועקסלען, אויסצוצאָהלען אין צוועלף חדשים. דאָס איז געווען אזא מסחור, ביי וועלכען דיא מוטער פון דעם געשענדעטען קינד האָט ארויסגעוויזען א סך יושר. ווארים דאָס מיידעל איז א לאַנגע צייט קראנק צו בעט געלעגען און איז פערבליעבען א קאַליקע מיט א צובראָכענעם ארעם אויף לעבען־לאנג. איז אָבער דער מאַן פלוצים פערשוואונדען נאָך איידער דער ערשטער חודש האָט זיך געענדיגט, איבער־לאָזענדיג זיינע וועקסלען ניט בעצאָהלטע. וויא אין וואסער איז ער אריין...

שפּעטער האָט אקטאַוויע א אינגעל געבאָרען. איהר מוטער איז אויך געשטאָרבען און דיא אונגליקליכע אקטאַוויע, וואָס האָט ניט געקענט ארבייטען, האָט זיך אין א טיעפען זומפּ אריינ־געוואָרפען, מיט איהר קערפּער אויף דיא גאַסען גענומען האנד־לען ביז זיא איז, צום גליק איהרען, אוועקגעשטאָרבען... איהר אינגעלע האָט זיך איצט געהאָדעוועט ביי פרוי מעשען. דיא וועקסלען, צוועלף שטיק, מיט'ן אונטערשריפט „סיקארדא“, זיינען פערבליעבען ביי פרוי מעשען, אבער וואו סיקארדא איז, האָט זיא ניט געקענט אויסגעפינען...

— וואָלט כאָטש וויקטאָר געווען א לייטיש קינד — האָט זיא גענומען זיך קלאָגען — אָבער ער איז דאָך א געפעהרליך קינד. ער וואקסט דאָך אן אויסוואורף. ער וועט נאָך אמאָל ענ־דיגען אויפן עשאפאָט!... נו, נו, האָט מיר גאָט צוגעשיקט! אזוינע וועקסלען און אזא קינד!...

בוש האָט ארויסגעשלעפּט פון צווישען זיינע פּאַפּיערען סיקארדאס וועקסלען, א דין פּעקעלע, איינגעוויקעלט אין א גרויען פּאַפּיער. ער האָט עס פונאנדערגעוויקעלט און זיך שטארק איינ־געקוקט אויף יעדען וועקסעל בעזונדער מיט זיינע וואַסערדיגע בלויע אויגען.

ער פלעגט תמיד טענהן, אז דיא האַנדשריפט אויף דיא דאָזיגע וועקסלען וויזט זיך איהם עפּעס אויס זעהר בעקאַנט.

— מאָדנע — האָט ער איצט ווידער ארויסגערעדט —

איך וואלט שווערען, ׳אז איך האב ערגעץ געזעהן אט דיא דאזיגע האנדשריפט, דיא דאזינע בוכשטאבען !

אין דעם זעלבען אויגענבליק האט זיך דער־הערט א קלאפ אין טהיר.

פרוי מעשען האט אויסגעשטרעקט איהר פעטען ארעם און דיא טהיר געעפענט.

סאקאר איז אריין.

ער האט געשמייכעלט אין זיך וועגען דעם מעשענעם שילד אויף בוש׳ם טהיר, אויף וועלכען מיט שווארצע בוכשטאבען זיי־נען געצייכענט געווען דיא ווערטער : „גוזעצליכע געשעפטען“.

— אה, הערר סאקאר, קומט אריין, קומט אריין ! איהר זייט געקומען אוודאי וועגען דער איבער־זעצונג ? מיין ברודער איז דארט אין צווייטען צימער, געהט אריין.

אבער פרוי מעשען איז געשטאנען איהם אין וועג מיט אידר דיקען גוף און געקוקט אויף איהם מיט אויסגעגלאצטע אויגען.

צום סוף איז זיא אפגעטראטען אין טהיר, בכדי צו לאזען איהם דורכגעהן צו בוש׳ם ברודער אין צימער ,און ווען יענער איז פערשוואונדען, איז זיא נאך אלץ געשטאנען מיט אויסגע־שצירעטע אויגען.

— מאדנע — האט זיא ארויסגעמורמעלט — איך האב זיך קיין מאל אזוי גוט ניט איינגעקוקט אין סאקאר׳ן וויא איצט. איהר ווייסט, הערר בוש, וויקטאר איז אזוי עהנליך צו איהם ?..

בוש האט אפריהער זיא ניט פערשטאנען. פלוצים האט איהם א בליץ געטהאן אין מח.

— ביי גאט, איך האב אבער געזאגט, אז דיא האנדשריפט איז מיר עפעס בעקאנט ! . . .

ער איז אויפגעשפרונגען, האט ארויסגעשלעפט א פאק פאפיערען און גענומען צווישען זיי זוכען. צום סוף האט ער ארויסגעכאפט פון פאק סאקאר׳ס א בריעף, וועלכען ער האט מיט עטליכע חדשים צוריק פון איהם ערהאלטען, און אין וועל־כען סאקאר האט איהם געבעטען, ניט צו דריקען א געוויסע פרוי, זיינע א בעקאנטע.

בוש האָט גענומען פערגלייכען דיא האנדשריפט אויף'ן בריעף צו דער אויף דיא וועקסלען — דיא זעלבע! יאָ, יאָ, דיא זעלבע בוכשטאבען, פון איין האנד געשריעבען!

— איך האָב איהם! איך האָב איהם! — האָט ער אויס־געשריען — אָבער ווארום עפּעס „סיקארדא“ און ניט סאקאר?“

און דאָ האָט ער זיך דערמאָנט א געשיכטע וועגען סאַ־קאר'ן. איהם האָט אמאָל דערצעהלט איינער אַן אגענט מיט'ן נאָמען לארסאנא, וועלכער איז היינט א מיליאָנער. ער האָט איהם דערצעהלט וויא סאקאר איז מיט יאָהרען צוריק געקומען קיין פּאריז אויף מאָרגען נאָך „שטאאטס־שטרייך“, אין יענער צייט, ווען זיין ברודער רוגאָן האָט אָנגעהויבען גרויס צו ווערען. סאקאר איז קיין פּאריז געקומען מיט דער אבזיכט אויסצונוצען פאר זיך דיא מאכט און דעם איינפלוס פון זיין ברודער. וויא סאקאר האט זיך אפריהער א געווויסע צייט אַרומגעפּלאָגט, דאַן וויא ער איז גיך רייך געוואָרען, נאכדעם וויא ער האָט פערדעכ־טיג געהייראטעט צום צווייטען מאָל, ווייל זיין ערשטע פרוי האָט ער בעגראָבען אין גיכען, באלד וויא זיי זיינען אָנגעקומען קיין פּאריז. וויא דעמאָלט האָט ער זיך אָנגעהויבען צו רופען סאַ־קאר אנשטאָט רוגאָן, אָננעהמענדיג פארענדערט אביסעל דעם נאָמען פון זיין ערשטער פרוי, וועלכע האָט געהייסען סיקארדא.

— יאָ, יאָ, סיקארדא! — איך דערמאָן זיך גאנץ גוט — האָט בוש געמורמעלט — און ער האָט דיא חוצפּה געהאט אונ־טערצושרייבען דיא דאָזיגע וועקסלען מיט זיין פרוי'ס נאָמען! אלענכאלס אונטער דעם דאָזיגען נאָמען האָבען מאַן און פרוי דאַן געוואָהנט אין דער הויז אויף ריע דע לא ארפּ. און דאַן איז דער שארלאטאַן פערשוואונדען... אָה, דעמאָלט האָט ער ניט נור אויסגעקוקט אויף געלד, נור איז יונגע מיידלאך אויך אַי־רערפאלען!... דיא דאָזיגע נארישקייט וועט איהם איצט טהייער קאָסטען!...

— פּסט! פּסט! — שאַ־אַ! — האָט איהם פרוי מע־שען אונטערבראָכען — מיר האָבען איהם אין האנד און מיר קע־נען איצט זאָגען, אז עס איז טאקי דאָ א גוטער גאָט אויף דער

וועלט ! איך וועל שוין איצט פאר מיין שווערען צער בעלוינט ווערען און פאר וויקטאָר'ן אויך... אגב האָב איך דאָס אינגעל גאנץ ליעב אויך, כאָטש עס וואקסט אזא אויסוואורף !

זיא האָט אין גאנצען געשיינט און איהרע אויגען האָבען געבלישצעט פאר פרייד.

ביי בוש'ן אָבער האָט זיך דיא בעגייסטערונג באלד אָפּגעקיהלט. ער האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. טאַקי אמת, ביי סאקאר'ן, כאָטש ער איז איצט געפאלען. קען מען וואָס נעהמען. ער האָט זיך אויף קיין פאל ניט גערעכט, אז דאָס אינגעל וויקטאָר זאָל האָבען אזא יחסן א טאטען. וויא אָבער וועט זיין, ווען סאקאר, אזא ביטערער בעל דבר וויא ער איז, וועט זיך אוועקשטעלען און ווייזען, אז ער האָט נאָך זיינע פריהערדיגע שארפע ציינער, — וואָס וועט דעמאָלט זיין ?... פערפיהרען מיט סאקאר'ן א שטרייט קען זיך אמאָל איהם ניט לוינען. זיכער איז, אז סאקאר ווייסט ניט מכוח זיין קינד, ווייסט גאָר ניט, אז ער האָט ערגעץ אזא זוהן... אגב קען ער גאָר אין גאנצען אָפּלייקענען, אז דאָס אינגעל איז זיינס, מעג עס אפילו עהנליך זיין צו איהם.

אין דער אמת'ן, ער האָט דאָך ניט איצט פאר וועמען יוצא צו זיין. קיין פאמיליען-לעבען האָט ער איצט ניט געפיהרט. דאָס צווייטע ווייב האָט ער שוין אויך געהאט בעגראָבען. פאר וועמען דאָך דארף ער יוצא זיין ? פון דער אנדער זייט אָבער זיינען דיא וועקסלען — וועקסלען, און סאקאר וועט אפשר ניט וועלען, אז צוליעב זעקס הונדערט פראנק זאָלען זיך ארומוואלגערען ביי איהם, בוש'ן, זיינע וועקסלען; ער וועט אוודאי בעצאָהלען דיא עטליכע הונדערט.... עטליכע הונדערט ? דאָס אלעס ? ניין, ביי אזא היבשען סקאנדאל האָט מען געדארפט אָפּלעקען א פעטע ביינדעל ! ... יאָ, יאָ, דיא בעסטע זאך איז ניט צו איילען זיך, גאנץ רוהיג איבערלעגען דיא גאנצע געשיכטע, איידער מען האנדעלט.

— מאדאם מעשען — האָט ער געזאגט — דיא זאך מוז גוט ארומגעטראכט ווערען, איידער מיר טהוען וואָס. אלענפאלס

האבען מיר איהם אין אונזערע הענד און מיר דארפען זיין שוין מיט דעם אויך צופריעדען.

דאן זיינען אריינגעקומען א פאאר פרויען וועגען געשעפט. א יונגע פרוי האט געבראכט איהר ציערונג פארזעצען צוליעב איהר'ן א געליעבטען. א שווינגער איז געקומען גוט זאגען פאר א וועקסעל פון איהר'ן אן איידים, מיט וועמען זיא האט געלעבט. פרוי מעשען האט געהאלפען בוש'ן ביי דיא דאזיגע זויבערע געשעפטען.

ווען סאקאר איז אריבערגעטראטען דעם שוועל פון בוש ברודער'ס צימער, איז ער אויף א ווײלע שטעהן געבליעבען, פערבלענדעט פון א שטארקען העלען ליכט, וואס האט גע־שטראמט דורך דיא פענסטער אהן פארהאנגען.

דאס צימער מיט בלויע געבלומטע פאפיער אויף דיא וואנד איז כמעט אין גאנצען געווען אהן מעבעל. אויסער א שמאלער אייזערנער בעטעל אין א ווינקעל, א טיש פון טענענהאלץ און א פאאר שטרויענע שטוהלען איז מעהר קיין מעבעל אין צימער ניט געשטאנען. עטליכע פשוט'ע פאליצעס, וואס זיינען צוגעשלאגען געווען צו דער וואנד, זיינען פערוואָרפען געווען מיט ביכער, פאמפלעטען, צייטונגען און מאנוסקריפטען. אבער דאס ליכט, וואס האט געשטראמט פון אויבען דורך דיא הויכע פענ־סטער, האבען צוגעגעבען דעם גאנצען צימער א יוגענדליכע פרעהליכקייט, אן אונשולדיגען ריין אויסזעהן.

בוש'ס ברודער, א הויכער יונגערמאן, אהן א בארד, א יאהר 35 אלט, איז געזעסען ביים טיש, דעם קאפ מיט זיין הוי־כען שער־נעם שטערען אויף זיין האנד אנגעשפארט.

ער איז אזוי פערטיעפט געווען אין לעזען, אז ער האט ניט געהערט וויא סאקאר איז אריין.

דער דאזיגער זיגמונד איז געווען א מאן מיט א מערקוויר־דיגען קאפ און אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען. ער האט יאהרען לאנג געשטודירט אין דייטשע אוניווערסיטעטען און האט גע־שפראכען אויסער פראנצויזיש, וואס איז געווען זיין מוטער־שפראך, דייטש, ענגליש, און רוסיש. אין יאהר 1849 האט ער

זיך בעקענט אין קעלן מיט קארל מארקס׳, וועלכער האט דער־מאלט רעדאקטירט „דיא נייע רהיינישע ציימונג“, און איז גע־ווארען איינער פון זיינע מיטארבייטער אין יענער ציימונג. זייט דעם איז ער געוועזן א הייסער, איבערגעבענער סאציאליסט און געטרוימט וועגען א געזעלשאפט, אין וועלכער קיין נויטה און קיין ארימקייט וועט ניט געמאהלט זיין.

און וועהרענד זיין גרויסער לעהרער מארקס, אויסגעוויזען פון דייטשלאנד און שפעטער פון פאריי אויך, פאר זיין אנטהייל גענומען אין דער יוני רעוואלוציאן פון יאהר 1849, האט זיך איצט אויפגעהאלטען אין לאנדאן, זוכענדיג דורך זיינע שריפטען דיא פארטיי צו ארגאניזירען, — האט ער, זיגמונד אויך, געלעבט נור מיט זיינע סאציאליסטישע אידעאלען, גאר ניט טראכטענדיג וועגען זיין אייגענעם לעבען, און ער וואלט זיכער פאר הונגער געשטארבען, ווען זיין עלטערער ברודער וואלט איהם ניט געווען צו זיך אריינגענומען און איהם אויסגעהאלטען.

דער דאזיגער עלטערער בוש, אזא מיאוס׳ער געלד־גייציגער מענש, האט זיין איינגערען ברודער דעם אידעאליסט גע־ליעבט וויא א צערטליכע מוטער. דער דאזיגער ניעדריגער אכזר, וואס וואלט פאר א מטבעה א גאנצע וועלט אויסגעקוילעט, האט זיך געקענט צו־וויינען וויא א שוואכע פרוי, ווען עס זאל זיין פער׳חלום׳טען ברודער, דעם גרויסען איינגעל מיט דער קינדער־שער נשמה, חלילה, עפעס וועה טהאן...

איהם האט ער דעם גרויסען צימער צום גאס אפגעגעבען, האט איהם געניאנטשעט וויא אן אם, בעדיענט וויא א דיענסט; זיין צימער געקעהרט און געראמט, דיא בעט איהם פערבעט און אכטונג געגעבען, מען זאל איהם צוויי מאל אין טאג פינקטליך צו דער מינוט ברייגנען עסען פון א דערבייאיגען רעסטאראן, ער, וואס האט זיך ניט פערגונען קיין מינוט רוה; ער, וואס אין זיין קאפ האבען שטענדיג געארבייט הונדערטע פלענער, וויא צו מאכען נאך געלד, נאך און נאך; ער האט זיך ניט געקימערט, וואס זיין ברודער האט ניט אזוי פלייסיג געארבייט איבער זיינע איבערזעצונגען, מיט וועלכע ער האט זיך בעשעפ־

טיגט. נאָך מעהר: דיא לעצטע צייט, בעמערקענדיג, אז זיין ברודער האָט גענומען הוסטען, האָט ער מיט'ן גאַנצען הארצען געוואונשען, אז ער זאָל אין גאנצען ניט ארבייטען. אויף זיין פילאָזאָפיע און זיינע סאָציאַליסטישע פלענער האָט בוש גע־קוקט מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל. זיין דאגה, זאָל זיך דאָס קינד שפּיעלען מיט דיא צאצקעס, ווען עס האָט פון דעם הנאה!...

פון דער אנדער זייט האָט זיגמונד קיין אהנונג אפילו ניט געהאט וועגען דעם, וואָס קומט פאָר אין דעם צווייטען צימער, וועגען דיא שעהנע געשעפטען פון זיין ברודער. ער האָט ניט גע־וואוסט וועגען דעם העסליכען האנדעל מיט ווערטהלאָזע פּאַ־פּיערען. ער האָט געלעבט אין א העכערער וועלט, אין א וועלט פון גערעכטיגקייט. ער האָט ניט געגלויבט אין קיין בעלי־צדקות, ווייל זיי זיינען א פּראָדוקט פון עקאָנאָמישער אונגלייכהייט צווישען מענשען. אין דער סאָציאַליסטישער וועלט וועלען קיין בעלי־צדקות ניט קענען געמאָהלט זיין, ווייל דאָרט וועלען קיין אביונים ניט מעגליך זיין. דעריבער האָט ער, דער געטרייער תלמיד פון קארל מארקס, מיט וועמען ער האָט געפיהרט א שטענ־דיגע קאָרעספּאָנדענץ, זיין גאנצע צייט אָפּגעגעבען צו פאָרשען און צו גריבלען זיך וועגען דער נייער סאָציאַליסטישער אָרדנונג. ער האָט געלעבט פאַר'ן סאָציאַליזמוס און פאַר דער צוקונפטיגער סאָציאַליסטישער וועלט, זוכענדיג זיא צו בעגרינדען אויף א וויס־סענשאַפטליכען באָדען. ער האָט געטראכט וועגען דעם גענוס פון אלע מענשען אויף דער גאנצער וועלט, ניט געניסענדיג אליין כאָטש עטוואָס פון'ם לעבען. ער האָט גאָר קיין פערלאנג ניט געהאט צו געניסען. ער האָט זיך אזוי וויט ניט געקימערט וועגען זיך אליין, אז אָפט פלעגט דער ברודער איהם מוזען צווינגען, ער זאָל עסען א שטיקעל פלייש אדער טרינקען א גלאָז וויין. דיעזער טרוימער האָט געטרוימט וועגען א גן עדן פיר אלע אויף דער וועלט און ער אליין איז אָבגעקומען אין א צימער ערגעץ אויף א פינפטען שטאָק, אין גאנצען פערטיעפט אין זיינע ביכער און אין זיינע שעהנע, הערליכע טרוימען.

זייט הערבסט האָט ער גענומען הוסטען שטארקער און טרוי־

פענער. דיא שווינדזוכט האט זיינע כוחות גענומען לעשען. ער האט עס אבער ניט בעמערקט, ניט געקימערט זיך וועגען דעם....

ער האט אפגעריסען זיינע פער׳חלום׳טע אויגען פון׳ם בוך ערשט דאן, ווען סאקאר איז צוגעגאנגען צו איהם נעהענטער.

— איך האב אייך געבראכט א בריעף צום איבערזעצען — האט סאקאר זיך אפגערופען.

דער יונגערמאן האט איהם אנגעקוקט צוטראגען און איהם דערקענט. ער האט זיך פערוואונדערט, וואס סאקאר האט צו איהם געבראכט דעם בריעף. ווארום דיא לעצטע צייט האבען דיא באנקירען און דיא ספעקוליאטארס, וואס פלעגען פריהער צושיקען צו איהם זייערע אויסלענדישע געשעפטס - בריעף צום איבערזעצען, אויפגעהערט צו שיקען צו איהם זייערע אויס־לענדישע קארעספאנדענציעס, מחמת ער איז געווען זעהר ניט פינקטליך. אפט פלעגט ער גאר אין גאנצען פערגעסען אן יענע געשעפטס - בריעף, וואס מען פלעגט צו איהם צושיקען.

— נור עטליכע צייל[ען], א רוסישער בריעף — האט סאקאר ווידער געזאגט.

זיגמונד, וועלכער איז געווען א ספעציאליסט אין איבערזע־צען פון רוסיש, האט דעם בריעף גענומען פון סאקאר׳ס הענד און האט איהם הויך איבערזעצט אין פראנצויזיש.

דער בריעף האט ענטהאלטען א גינסטיגען ענטפער פון א באנקיר אין קאנסטאנטינאפאל אויף סאקאר׳ס א פארשלאג.

— אה, איך דאנק אייך! — האט סאקאר אויסגעשריען מיט פרייד.

און ער האט געבעטען זיגמונד׳ן, ער זאל איהם דיא איבער־זעצונג אויפשרייבען אויף דער צווייטער זייט פון׳ם בריעף.

זיגמונד האט שוין גענומען די פעדער אין האנד, נאר אין דער זעלבער רגע האט איהם גענומען שטיקען א שרעקליכער הוסט. ער האט צוגעלייגט זיין טאשענ - טיכעל צום מויל, בכדי זיין ברודער זאל ניט דערהערען, ווארים יעדעס מאל, אז זיין ברודער האט דערהערט איהם הוסטען, פלעגט ער באלד אריינלוי־פען צו איהם צושראקען.

ווען דער הוסט איז פאַראיבער, איז ער אויפגעשטאַנען, האָט ווייט געעפענט א פענסטער און גענומען אריינאָטהעמען אין זיך פרישע לופט.

סאקאר, וועלכער איז אויך צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט א קוק געטהאָן ארונטער אויפ'ן סקווער און אויסגעשריען:

— אָה, מען זעהט פון דאַנען דיא בערזע? זעהט נור, וויא זאָנדערבאר זיא קוקט אויס פון דאַנען!

און אין דער אמת'ן, נאָך קיין מאָל האָט ער דיא בערזע ניט בעטראַכט פון אזא הויך און קיין מאָל האָט זיא אזוי זאָנדערבאר ניט אויסגעזעהן מיט איהרע פיער פלאַכע, זעהר גרויסע צינק־דעכער, אויף וועלכע עס האָט זיך געצויגען א גאנצער וואלד פון קוימענס. דיא שפיצען פון דיא דונער־שירמען האָבען זיך געגען הימעל געצויגען, וויא מורא'דיג לאַנגע שפיזען. דיא גאַנצע געביידע האָט אויסגעזעהן וויא א זעהר שמוציג־גרויסער, פיער־עקיגער נאַקעטער שטיין, מיט זיילען פון אַלע זייטען. פון אויבען האָט געפלאַטערט א צוריסענע פאָהן. דיא טרעפען און דער הויפט אריינגאַנג האָבען אויסגעזעהן, וויא פון שווארצע מור־ראשקעס בעלאַגערט, אזוי וויא א גאַנצער מוראַווייניק וואָלט זיך דאָרט בעוועגט אין גרויסער אויפרעגונג. קוקענדיג אויף איהר פון אזא הויך, האָט דיא בערזע מיט אלעמען און אַלעם ארום איהר אויסגעזעהן אזוי אונבעדייטענד, אזוי קליין און רחמנות'־דיג.

— וויא קליין, וויא מיזעראבעל קליין דאָס אַלעס זעהט אויס פון דער הויך! — האָט סאקאר ווידער אָנגעהויבען — דאַכט זיך, מען קען עס אַלעס אין איין הויפען פארנעהמען!

דאַן, דערמאָנענדיג זיך אָן זיגמונד'ס סאָציאַליסטישער וועלט־אנשויאונג, האָט ער צוגעלייגט מיט א שמייכעל:

— איהר זעהט, מיט איין פוס־בריק וואָלט איהר עס אַלעס געקענט איבערקעהרען!...

זיגמונד האָט א דריק געטהאָן מיט די אקסלען.

— איך דארף אייך ניט בריקען. איהר בריקעט זיך שוין אליין אָהן מיר אויך און איהר וועט זיך שוין ארוסבריקען, זייט רוהיג!

און באַלד האט ער זיך הינגעריסען, געוואָרען רעדעוודיגער און גענומען איהם ערקלעהרען זיין סאָציאַליסטישען בליק אויפ'ן לעבען.

— יאָ, קיינעם פון אייך פאלט גאָר ניט איין, אז איהר אלע ארבייט פאר אונז, פאר אונזער צוקונפט. איהר זייט נור א פּאָר אוזורפּאַטאָרס, וועלכע רויבען אוועקביים פאָלק זיין אייגענטהום. ווען איהר וועט האָבען זיך אָנגעזויגט פון דעם פאָלק'ס בלוט, דאַן וועט דאָס פאָלק קומען צו אייך און צוריק נעהמען דאָס, וואָס געהערט צו איהם. יעדער שריט אייערער צו מאָנאָפּאָליזירען, צו צענטראַליזירען, פיהרט צום קאָלעקטיוויזמוס, צום סאָציאַליזמוס. איהר אלע גיט אונז פּראַקטישע לעקציאָנען, אזוי וויא דיא גרויסע גרונד־בעזיצער, וועלכע פערשלינגען דיא קליינע שטיקלאַך פעלדער, אזוי אויך דיא גרויסע קרעדיט און ווער־הייזער, וואָס פערשלינגען דיא קליינע באַנקען און דיא קליינע קראָמען... אלע דיא דאָזיגע קאַפּיטאַליסטישע מעטהאָדען פון אונטערדריקענדיגער קאָנקורענץ ברייגען אונז אלץ נעהענטער און נעהענטער צו דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפטס־אָרדנונג... מיר ווארטען ביז איהר אלע, דורך אייערע געשעפטס־פיהרונגען, זאָלט ברייגען דאָס פאָלק צו אזא לאגע, וואָס עס זאָל שוין מעהר און לענגער ניט קענען דולדען. דאַן וועלען דיא בירגער און דיא פויערים וועלען אליין קומען צו אונז אין דיא סאָציאַליסטישע רייהען...

סאָקאר האָט זיך צוגעהערט צו איהם אויפמערקזאם און טהייל־וייז אונרוהיג, כאָטש ער האָט איהם געהאַלטען פאר א נאַר.

— אָבער ערקלעהרט מיר — האָט ער זיך אָפּגערופען — וואָס איז אייגענטליך אזוינס אייער קאָלעקטיוויזמוס?

— קאָלעקטיוויזמוס — האָט זיגמונד געענטפערט — שיינט, אז אלע פּריוואט קאַפּיטאלען, וועלכע אנדערע מענשען נוצען היינט אוים אויף א בלוטיגע קאָנקורענץ־מלחמה, זאָלען איבערגעהן צו איין פעראייניגטען צענטראַליזירטען קאַפּיטאַל, וואָס זאָל געהערען צו דער גאַנצער געזעלשאַפט און וואָס זאָל

אויסגענוצט ווערען צום בעסטען פון אלע איהרע מיטגליעדער און ניט פון איינצעלנע פערזאָנען וויא היינט... שטעלט זיך נור פאר א געזעלשאפט, אין וועלכער אלע אינסטרומענטען פון ארבייט זיינען דאָס אייגענטהום פון אלע; אין וועלכער יעדער ארבייט לויט נאָך זיינע גייסטיגע און פיזישע קרעפטען און בעקומט זיין פולען לוין נאָך זיין פערדיענסט נאָך?.... די פאבריקען, די וועררהייזער, דאָס לאנד, די פּראָדוקטען — אלעס איז דאָס אייגענטהום פון דער גאנצער געזעלשאפט; יעדער בירגער ארבייט און קריעגט, וואָס ער ברויכט. בלייבען איבער פּראָדוקטען, בעהאלט מען זיי אין געזעלשאפטליכע שפייכלערס אויף א צייט פון נויטה. קיין קאָנקורענץ מעהר, קיינע פּריוואט געשעפטען, קיין האנדעל און קיין בערזע. אין אזא געזעלשאפט ווערען אונמעגליך זיין ספּעקוליאציאָנען אָדער פּראָקצענטניקעס, וואָס לעבען זיך אָן היינט פערמעגענס ניט ארביי־טענדיג....

— אהא! — האָט סאקאר אויסגעשריען — דאָס וואָלט א היבשע ביסעל איבערגעאנדערשט די געוואוינהייטען פון מאנכע מענשען! וואָס וואָלט איהר אָבער געטהאָן מיט די רייכע פון דער היינטיגער געזעלשאפט? וויא וואָלט איהר געהאנדעלט געגען גונדערמאן'ען און זיין מיליארד פראנק? וואָלט איהר עס ביי איהם אוועקגענומען?

— אה, ניין; מיר זיינען ניט קיין רויבער. מיר וואָל־טען איינפאך ביי איהם זיין מיליארד אָפּגעקויפט. ער וואָלט פון אונז געקראָגען צעטלאך אויף זיין גאנצען פערמעגען. מיט די דאָזיגע צעטלאך וואָלט ער געקענט קויפען אלעס, וואָס ער ברויכט פאר זיך, אין די געזעלשאפטליכע קלייטען, פונקט וויא יעדער אנדערער בירגער מיט דעם צעטעל, וואָס ער האָט פאר זיין ארבייט געקראָגען... וויא איהר זעהט, וואָלטען סוף כל סוף זיך זיינע צעטלען אויסגענומען, אויב ניט ביי איהם און זיינע קינדער, איז אין הונדערט יאָהר ארום ביי זיינע אייניק־לאך צי אור־אייניקלאך, אפילו אין דעם פאל, ווען מיר זאָלען ניט אפּשאפען ירושה־רעכט... דאן, אום צו קענען לעבען,

ניט האָבענדיג מעהר קיין ירושה צעטלאך ,וואָלטען יענע אור־אייניקלאך פון א גונדערמאן געמוזט ענדליך געהן ארבייטען גלייך מיט דיא איבעריגע בירגער. איהר זעהט, אויף אזא אופן וואָלטען מיר מיט איין קלאפּ א סוף געמאכט ניט נור צו פּרי־וואט־געשעפטען, נור אויך צו אלע קאָרפּאָראַציאָנען און סינ־דיקאטען, קרעדיט־סיסטעמען, וואָבער און אזוי ווייטער... דער ארבייטער־לוין וועט נאטירליך אָפּגעשאפט ווערען. אין דער היינטיגער קאפּיטאַליסטישער סיסטעם קריעגט ניט דער ארבייטער וואָס ער פערדיענט, נור פונקט אזוי פיעל, צו קענען אויפהאַלטען זיינע קרעפטען. געוויס, מיר זיינען גרויט צו צוגע־בען, אז ביי אזא אַלגעמיינער קאָנקורענץ מוז דער ארבייטס־גע־בער, מעג ער אפילו זיין וויא עהרליך, צאָהלען קליינע געהאל־טען, בכדי צו קענען אליין עקזיסטירען. קורץ, וויא איהר זעהט: דיא גאנצע היינטיגע געזעלשאַפטס־אָרדנונג מוז פאלען, מוז אונטערגעהן... אָה, ווען איך שטעל זיך מיר פאָר גונדער־מאַן'ען מיט דעם גרויסען, גרויסען פּאַק צעטעלאך, וואָס ער וועט פון אונז קריעגען!... דאַן זיינע יורשים, וואָס וועלען דוך כל סוף מוזען נעהמען א האַק צי א האַמער אין האנד און געהן ארבייטען, וויא אַלע ארענטליכע מענשען!..

און זיגמונד האָט זיך צולאַכט מיט א האַרציגען געלעכטער, וויא א פרעהליך אינגעל.

ער איז געבליעבען שטעהן נעבען פענסטער און געקוקט ארונטער אויף דער בערזע, וואו דער שווארצער מוראווייניק פון ספּעקוליאַנטען האָט נאָך געווימעלט. ער האָט געקוקט אהין און איראָניש געשמייכעלט, טראַכטענדיג וועגען דעם טאָג פון גע־רעכטיגקייט, ווען פון דער דאָזיגער בערזע וועט קיין שפּור ניט פערבלייבען...

וואָס לענגער סאקאר האָט זיך צו איהם צוגעהערט, אַלץ אונרוהיגער איז ער געוואָרען. וויא וועט זיין, ווען דער דאָזיגער וואָכעדיגער טרוימער, וואָס רעדט אזוי לאָגיש, פּראָפעציייהעט טאַקע דיא צוקונפט? דאָס וואָס ער רעדט, איז, דאכט זיך, אזוי קלאָהר און פערנינפטיג...

— אך, נארישקייטען — האָט ער ארויסגעמורמעלט,
בכדי צו בערוהיגען זיך: — מאָרגען קומט עס נאָך ניט!

— געוויס ניט — האָט זיגמונד געענטפערט, און זיין פּנים
איז ווידער געוואָרען ערענסט: — מיר לעבען היינט אין אַן
איבערגאנגס־צייט און אין א צייט פון אגיטאַציאָן. אפשר ווע־
לען פּאַסירען מאַנכע רעוואָלוציאָנערע טהאטען, זיי זיינען אונ־
פערמיידליך אין אזא צייט, זיי געדויערען אָבער ניט לאנג.
אָה, איך לייקען ניט, אז מיר האָבען גרויסע שוויריגקייטען; די
מאַססען זיינען נאָך ניט רייף גענוג אונז צו פערשטעהן, צו בע־
גרייפען אזא לעבען, וויא מיר שילדערען פאר זיי. איך מוז אויך
צוגעבען, אז מיר אליין זיינען נאָך אויך ניט אין גאנצען פאר־
טיג מיט אונזערע פּלענער פון דער צוקונפט. איך ארבייט
איבער זיי טאָג און נאכט. מען קען אונז, צום ביישפּיעל, זאָגען:
„ווען דיא היינטיגע צושטענדען זיינען אזוי וויא זיי זיינען,
האָט זיי דיא לאָגיק פון דיא פערגאנגענע מענשליכע טהאטען צו
דעם געבראכט. דערפאר אויב מיר ווילען נייע צושטענדע שאַ־
פען, מוזען מיר געהן צוריק צו יענער ערשטער קוועלע, וואָס
האט געשאַפען דיא היינטיגע צושטענדען; דאס הייסט קודם כל
דארפען מיר צוריק טרייבען דעם שטראָם צו זיין ערשטער קווע־
לע און פון דאָרט ערשט איהם לאָזען איבער א נייעם וועג"....
געוויס, קיינער וועט זיך ניט דערוועגען צו לייקענען דעם פאקט,
אז פאר דיא איצטיגע ציוויליזירטע צושטענדען האָבען מיר צו
פערדאנקען דעם אונטערנעהמונגס־גייסט פון איינצעלנע פער־
זאָנען, וואָס האָבען געארבייט אונטער דער בייטש פון קאָנקור־
רענץ, וועט דער קאָלעקטיוויזמוס אויך אזוי פרוכטבאר ארביי־
טען, ווען דער איינצעלנער וועט מעהר ניט דארפען טראכטען,
וויא אזוי ארויפצוארבייטען זיך איבער אנדערע? דאָ, מוז איך
צוגעבען, ליעגט אונזער שוואכער פונקט, אונזער צווייפעל און
אנגסט, פון וועלכע מיר מוזען זיך בעפרייען, אויב מיר ווילען
דער סאָציאַליזמוס זאָל האָבען א נצחון... אָבער א נצחון
מוזען מיר האָבען, ווייל אויף אונזער זייט איז דיא גערעכטיג־
קייט!... טהוט נור א קוק אהין — איהר זעהט דיא בערזע?...

— יא, געווים זעה איך דיא בערזע—האט סאקאר געענט־פערט.

— עס וואלט דאך געוועזן א גרויסע נארישקייט, ווען מען זאל זיא אויפרייסען אין לופטען — האט זיגמונד געזאגט — ווייל מען וואלט באלד אויפגעבויט אנאנדערע. זיא וועט אבער אויפגעריסען ווערען פון זיך אליין, איך פערזיכער אייך. אויף איהר פלאץ וועט נאך אמאל שטעהן א געביידע, וואו עס וועלען ליגען גרויסע אוצרות, וועלכע וועלען בעלאנגען צום גאנצען פאלק; אפשר א שפייכלער מיט קארן און אנדערע גוטס, פון וועלכע אונזערע אייניקלאך וועלען נעהמען פאר זייערע יום־טובים....

דער געשפרעך האט איהם אזוי אויפגערעגט, אז דער טרו־קענער הוסט האט איהם וויעדער גענומען שטיקען. ער האט זיך וויעדער אוועקגעזעצט ביים טיש, דיא עלענבויגען פעסט אויף זיינע פאפיערען אנגעשפארט, דעם קאפ צווישען ביידע הענד, און האט זיך געסטארעט איינצוהאלטען דעם הוסט, וואס האט איהם שיער דיא האלז ניט צוריסען. דיעזען מאל אבער האט דער הוסט איהם ניט אפגעלאזט.

פלוצים האט זיך דיא טהיר מיט א ליארם אן עפען גע־טהאן, און בוש איז ארייגעלאפען אין צימער מיט א פערקרימ־טען פנים, אקוראט וויא דער הוסט וואלט איהם אליין אויך גע־מארטערט.

ער איז צוגעלאפען צו זיין ברודער, צוגעבויגט זיך צו איהם און האט איהם ארומגעכאפט מיט זיינע לאנגע ארעמס, אקוראט וויא א קינד, וואס זיינע שמערצען וויל מען בערוהיגען דורך וויגען און שאקלען און דורך לאצען.

— נו, ליעבער אינגעל, וואס איז דיר? דו האסט זיך שוין וויעדער אויפגערעגט, הא? דו הערסט, איך פערלאנג דו זאלסט לאזען שיקען נאך א דאקטאר! דו האסט שוין מסתמא וויעדער צופיעל גערעדט! וואס קוילעסטו זיך אוועק?

און ער האט פון דער זייט געווארפען א בייזען בליק אויף סאקאר'ן, וואס איז געשטאנען אין מיטען צימער און איז צו־

מישט געוועזן פון זיגמונדס ליידענשאפטליכע ווערטער. ווער ווייסט, אפשר וועט זיך טאקע אזוי אויסלאָזען, וויא דער דאָזי־גער קראנקער פאנאטיק זאָגט, אי מיט דער בערזע, אי מיט דער גאַנצער היינטיגער אָרדנונג ?!...

— איך דאנק אייך, — האָט ער זיך פלוצלונג א כאפּ געד־טהאָן. איך מוז שוין געהן. אלזאָ, דעם בריעף מיט דער איבער־זעצונג שיקט צו צו מיר אהיים. איך וועל אייך בעצאהלען אַן אנדערס מאָל. איך וועל באלד האָבען פאר אייך נאָך אנדערע אַרבייט.

אָבער זיגמונד האָט צו דיעזער צייט אויפגעהערט צו הוסטען, און בוש האָט זיך פלוצלונג געווענדעט צו סאקאר'ן:

— וואס איך האָב אייך געוואלט זאגען, הערר סאקאר... דיא פרוי, וואס איז דאָ ערשט ביי מיר געוועזן, זאָגט, אז זיא האָט אייך אמאָל געקענט, שוין גאנץ לאנג צוריק...

— אזוי ? ווען ?

— אין יאָהר 1852, אין דער ריי־דע־לא־ארפּ.

סאקאר האָט זיך א טרייסעל געטהאָן, איז בלייך געווארען און זיינע ליפּען האָבען נערוועז א ציטער געטהאָן. ניט ווייל ער האָט חלילה זיך אין דיעזער מינוט דערמאָנט אָן דער מיידעל, וואס ער האָט דאן אויף דיא טרעפּ פערגוואלדיגט איז ער נער־וועז געווארען; ניין, דיא גאנצע געשיכטע איז שוין לאנג פון זיין זינען ארוים און אז יענע זאַל האָבען געשוועגגערט איז איהם אויך ניט געוועזן בעקאנט. ער איז דערפאר נערוועז געווארען, ווייל איהם איז בכלל ניט געוועזן אנגענעהם, ווען אימיצער האָט איהם דערמאָנט אָן זיינע אמאָליגע יאָהרען פון עלענד און נויט...

— ריי־דע־לא־ארפּ ? — האָט ער איבערגעפרעגט, ווען ער איז געקומען צו זיך : — יא, איך האָב דאָרט א קורצע צייט געוואהנט, אונגעפעהר אַן אכט טאג, באלד וויא איך בין קיין פאריז געקומען... אויף וויעדערזעהען !

— אויף וויעדערזעהן ! — האָט בוש געענטפערט שארף, טראכטענדיג : „אָה, מיר וועלען זיך שוין איצט זעהן !"...

ווען סאקאר איז וויעדער געוועזן אויפ'ן גאס, איז ער אויי־

טאָמאַטיש אוועק אין דער זייט פון דער בערזע. ער איז נאָך אלץ געווען נערוועז און האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף דער שעהנער מאדאם קאנין, וואס האָט ארויסגעשטעקט צו איהם דאס שעהן, בלאָנד קעפּעלע דורך'ן פענסטער פון איהר פּאַפּיער־געשעפט און געשמייכעלט...

אויפ'ן בערזען־סקווער איז די אויפרעגונג איצט נאָך געווען גרעסער, וויא פריהער. דער געשריי פון דיא ספּעקולאנטען האָט זיך איצט געטראָגען נאָך ווילדער, אפילו אויף דיא טראָטואַרען ארום דער בערזע, אויף וועלכע עס האָט געקישעט מיט מענשען.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע געשריי איידער דיא בערזע האָט זיך פאר היינט געשלאָסען, דער לעצטער שטרייט איבער דיא לעצטע קורסען, דער פערצווייפעלטער קאמפף פון צרווילדעטע מענשען, וואס האָבען געזוכט ארויסצורייסען איינער ביים אנדערען וואס מעהר געלד, וואס מעהר געלד, איידער דיא בערזע פערמאכט זיך...

און שטעהענדיג אזוי נעגען דער בערזע, האָט זיך סאקאר'ן פּלוצלונג אויסגעוויזען, אז אונטער דיא זיילען אין מיטען דעם דאָרטיגען צרווילדעטען עולם, זעהט ער דעם ספּעקולאנט מאַזער'ן, ראנגלענדיג זיך מיט דעם לאנגען פּילערא'ן, וועהרענד אוים דעם הינטערגרונד פון גרויסען זאאל טראָגט זיך דיא שניידענדיגע שטים פון דעם בערזען־מעקלער מאזא, וועלכער ווערט צייטענווייז איבערשריען פון נאטהאנסאָן'ען, וואס שטייט נעבען דער קוליסע אונטער'ן זייגער.

און עקיפּאזש איז מיט אימפּעט צוגעפלויגען צו דער בערזע. מאססיא איז פון דארט ארויסגעשפּרונגען, נאָך איידער דער קוטשער האָט דיא פערד אפּגעשטעלט, און האָט פערסאָפּעט גענומען לויפען אויף דיא טרעפּ מיט דיא לעצטע אָרדערס...

סאקאר איז נאָך אלץ געשטאנען אויף איין אָרט און געקוקט מיט צוטראָגענע אויגען אויפ'ן טומעלדיגען עולם אויבען. אין זיין נשמה האָט ער ווידער דורכגעלעבט דיא אמאָליגע יאָהרען פון עלענד. דער איינדרוק פון בוש'ס פראגע איז נאָך

ניט פערשוואונדען, און ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן יענער צייט, בעת ער האָט געוואהנט אויף דער רי דע־לא־ארפּ, ווען ער איז ארומגעלאָפען אין צוקרימטע שיך מיט א קאָפּ פול געדאנקען און פּלענער, וויא אזוי רייך צו ווערען... און ווידער האָט איהם גענומען שטיקען א מעכטיגער כעס ביי דעם געדאנק, אז ער איז היינט פונקט אין אזא לאגע, וויא דאמאלס... דער דאָזיגער משוגענער זיגמונד זאָגט גאנץ ריכטיג: פון דער ארבייט קען מען ניט לעבען. נאָר דיא עלענדע און דיא דומקעפּ ארבייטען, בכדי דיא אנדערע זאָלען האָבען דיא מעגליכקייט גוט צו לעבען. דאס שפּיעלען איז דאָס איינציגע ריכטיגע, דאס שפּיעלען, ביי וועלכען מיט איין קלאפּ קען מען פאר זיך געווינען אזא פּארמעגען, וואָס זאָל סטאַיען אויף א גאנצען לעבען וואויל־טאג! ווען אפילו דיא אַלטע געזעלשאפט וועט אמאָל אונטער־געהן מיט א גרויסען קראך, קען ער דאָך ביז יענער צייט א היבשע ביסעל פערגניגען האָבען פון איהר!...

אימיצער האָט איהם א שטויס געטהאָן מיט'ן עלענבויגען און איז ווייטער אוועק, ניט ענטשולדיגענדיג זיך אפילו פאר איהם. סאקאר האָט אין יענעם דערקענט גונדערמאַן'ען, וועלכער האָט איצט גענומען זיין טעגליכען שפּאציער צוליעב דעם געזונד.

ער האָט דערזעהען, וויא גונדערמאַן איז אריין אין א קאנדיטעריי, וואו דער פינאנץ־קעניג פּלעגט אמאָל קויפען פאר א פראנק א קעסטעלע קאנפעקטען פאר זיינע אייניקלאך.

דיעזער שטויס אין זייט אין דעם דאזיגען אויגענבליק, ביי זיין אויפגערעגטען געמיטה, האָט אויף איהם געווירקט וויא א שמייץ מיט א בייטש. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און אין זיינע אויגען האָט א בלישצע געטהאָן אַן אויסדרוק פון א פעסטען בעשלוס.

יאָ, איצטער וועט ער קעמפּפען! ער וועט ניט פערלאָזען פראנקרייך, אויף להכעיס זיין ברודער!... דעם לעצטען טרומף וועט ער איצט אין קאָן איינשטעלען; ער וועט אויף עטוואס אזוינס וואגען, וואָס וועט איהם אָדער הויך איבער פאַ־

ריז אויפהויבען, אָדער וואס וועט זיין קאָפּ אָן דיא שטיינער פון ברוק צושמעטערען...

ביז מען האָט צוגעשלאָסען דיא בערזע איז סאקאר אויף איין אָרט געשטאַנען, בעאבאכטענדיג דיא בערזע־ספּעקולאנטען און סטראשענדיג זיי אין זיין הארצען. ער האָט געזעהען, וויא אינזוועניג אין דער בערזען־געביידע ווערט אלץ לעבעדיגער און לעבעדיגער, וויא פון ארונטער דיא טרעפּען שלעפּען זיך אויס־געמאַטערטע מענשען. די טראָטואַרען זיינען נאָך איצט אויך געווען געפּאקט מיט צושויערס, וועלכע האָבען זיך בעוועגט הין און צוריק, אומקוקענדיג זיך אויף דער בערזע און אויף דיא ספּעקולאנטען מיט גיעריגע אויגען, אקוראט וויא זיי וואָלטען אין דיא בעהאלטענע סודות פון דער פינאנץ־וועלט און איהרע אָפּעראציאָנען געוואָלט ארייגדרינגען...

2.

בעת זיין לעצטען קראך, ווען סאקאר האָט געמוזט איבער־געבען זיין רייכען פּאלאץ אין פּארק מאנסא צו זיינע קרעדיטאָ־רען, בכדי צו פערמיידען נאָך א גרעסערען סקאנדאל, איז איהם דאמאלס איינגעפאלען, ער זאָל זיך איבערקלייבען וואהנען צו זיין זוהן מאקסים.

דער יונגער מאן, וועלכער האָט מיט א קורצע צייט צוריק בעגראָבען זיין יונגע פרוי, האָט בעוואהנט אליין א פּראכטפאָלע הויז אויף עוועניו דע לא אימפּעראטריק און האָט זעלבסטזיכטיג פערצעהרט דעם גרויסען פארמעגען, וואָס זיין פערשטארבענע פרוי האָט איהם איבערגעלאָזט. ער איז געווען א שוואכער מענשעל, וואס האָט זיין געזונד פערלאָרען, פיהרענדיג פון דער פריהער יוגענד אָן אן אויסגעלאסענעם לעבען.

דער זוהן האָט זיך אָפּגעזאגט צו געבען א ווינקעל ביי זיך זיין פאטער, ווייל — וויא ער האָט געזאגט סאקאר׳ן מיט א שמייכעל — ווייל ער וויל מיט איהם לעבען בשלום...

סאקאר האָט דאמאלס געמוזט א טראכט טהאָן וועגען אָן אנדער וואהנונג פאר זיך.

ער האָט שוין געוואָלט נעהמען א וואהנונג אין פּאססי, נים קיין טהייערע הויז, ערשט אין מיטען דערינען דערמאָנט ער זיך, אז אין רי סען־לאזאר, ביי דער פּרינצעסין ארווייעדא אין פּאלאץ שטעהען ליידיג דיא אונטערשטע צוויי שטאָק.

נאָך איהר מאַן'ס טויט האָט דיא פּרינצעסין פערוואהנט בלויז דריי צימערען אויפ'ן צווייטען שטאָק, דיא אונטערשטע צוויי, דער פּארטער און דער צווייטער שטאָק, דיא אונטערשטע שטעהן ניט בעוואהנט. א צעטעל צו פערדינגען האָט דיא פּרינצעסין אויך ניט ארויסגעהאנגען אויף דער טהיר.

ווען סאקאר פלעגט קומען צו איהר מכוח געשעפט, פלעגט ער אָפט זיך וואונדערען, ווארום זיא פערדינגט ניט דיא דאָזיגע צוויי שטאָק. סטייטש, זיי וואָלטען דאָך איהר אריינגעבראכט א היבשע מטבעה. זיא אָבער האָט אויף דעם געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ; אין געלד־זאכען האָט זיא זיך איהרע אייגענע מיינונגען. פון דעסטוועגען, ווען ער אליין האָט זיך אנגעבאָטען צו זיין איהר שכן, איז זיא מרוצה געוואָרען אפּצוגעבען איהם דיא דאָזיגע פירסטליכע וואהנונג פאר צעהן טויזענד פראנק יעהרליך, כאָטש זיא איז ווערטה געווען צוויי מאָל אזוי פיעל.

סאקאר, וואס האָט דאמאלס, באלד נאָך זיין קראך — ניט פערמאָגט קיין פינף הונדערט פראנק זיין אייגענס, האָט זיך געפיהרט אזוי וויא ער וואָלט געהאט דריי מאָל הונדערט טויזענד איינקונפט א יאָהר, לכל הפּחות. פון דיא אלטע בעדיענטע האָט ער מיט זיך מיטגענומען א קאמערדיענער, א קאָך מיט זיין פרוי, א צווייטע פרוי, וואס קיינער האָט ניט געוואוסט, צו וואס ער דארף זיא, א קוטשער און צוויי שטאָל־קנעכט. אין דיא שטאלען האָט ער אריינגעשטעלט צוויי פערד און דריי עקיפּאזשען. אין פּארטער האָט ער איינגעריכטעט אן עסס־צימער פאר זיין דיענערשאפט. ער אליין האָט פערנומען דעם גאנצען ערשטען שטאָק: דריי זאאלען, פינף שלאָף־צימערן און דעם גרויסען עסס־צימער, אין וועלכען מען האָט געקענט גרייטען א טיש פאר א פופציג געסט. פון דאנען האָט א טהיר געפיהרט צו א צווייטען קלענערן עסס־צימער אויפ'ן צווייטען שטאָק. ניט לאנג אָבער האָט דיא

פּרינצעסין פּערדונגען יענעם עסס־צימער צו א ציוויל אינזשיניר מיט'ן נאָמען האמעלין און זיינע א שוועסטער און זייט דאמאלס איז יענע טהיר פערשפּארט.

סאקאר בענוצט זיך מיט דער פאראדנער טהיר און דיא פּרינצעסין און האמעלין און זיין שוועסטער — מיט דער הינ־טער־ טהיר.

עטליכע צימערען האָט ער אויסגעמעבלירט מיט דעם מעבעל וואס איז איהם איבערגעבליבען פון דיא גוטע צייטען, דיא איבריגע זיינען געשטאנען ליידיג.

דאך איז איהם געלונגען צו בעלעבען דיא טרויעריגע, נאַקעטע ווענד פון אלע זיינע צימערען, פון וועלכע א געהיימע האנד האָט ארונטערגעריסען דיא לעצטע טאפּעטען שוין אויף מאָרגען נאָך פּרינץ ארווייעדא'ס טויט.

אָט אין דיא דאָזיגע צימערען האָט סאקאר וויעדער גענומען חלום'ען וועגען א גרויסען פאַרמעגען.

צו יענער צייט איז דיא פּרינצעסין ארווייעדא געווען איינע ון דיא מערקווירדיגסטע פּערזענליכקייטען אין פּאריז.

מיט פּופּצעהן יאָהר צוריק האָט איהר מוטער, דיא הערצאָגין פון קאמבעוויל, איהר געצוואונגען חתונה צו האָבען מיט דעם פּרינץ ארווייעדא, וועלכען זיא האָט ניט געליעבט.

זיא איז דאמאלס אלט געווען א יאָהר צוואנציג און איז בעריהמט געווען מיט איהר שעהנהייט און גוטסקייט. כאָטש זיא האָט ליעב געהאט וועלטליכע פּערגניגענס, איז זיא בעקאנט געווען דורך איהר רעליגיעזע פרומקייט אויך.

דער פּרינץ, וועלכער איז געקומען פון שפּאניען קיין פּאריז, האָט געהאט אן אונגעהויערען פארמעגען, וואס ער האָט פאר זיך אויסגעשווינדעלט דורך פערשיעדענע סקאנדאליעזע ספּעקולאציעס. פון זיין רייכטהום האָט גערעדט גאנץ פּאריז. אין דריי הונדערט מיליאָן פראנק האָט מען איהם געשאצט.

מען האָט אפילו גערעדט, דערצעהלט, וויא אזוי און פון וואנען ער האָט אזא פארמעגען געקראָגען, דיא פּרינצעסין אָבער האָט וועגען דעם ניט געוואוסט.

דיא דאָזיגע אוצרות האָט דער פּרינץ געמאַכט דורך גזלה און רציחה. ניט אין דיא וועלדער, מיט געווער אין האַנד, אויף דעם אופן פון דיא עדעלע ריטטער אין דיא אַלטע צייטען, האָט דער דאָזיגער שפּאַנישער אַריסטאָקראַט זיין גרויסען פאַרמעגען אַנגעריבּעט, נאָר אויף דעם אופן פון דיא אַנשטענדיגע באַנדיטען פון אונזער צייט, וועלכע בעפאַלען אין מיטען העלען טאָג אויף דער בערזע מענשען און נעהמען ביי זיי אַוועק זייער געלד און א סך מאָל זייער לעבען אויך.

דאָרט אין שפּאַניען, אַזוי דאָ אין פּאַריז, האָט דער פּרינץ ביי אַלע גרויסע געלד־שווינדלען דעם גרעסטען טהייל פער־דיענסט בעקומען.

כאָטש דער פּרינצעסין איז גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז זיין פאַרמעגען איז פול שמוץ און בלוט, האָט זיא איהם פון דער ערשטער מינוט אַן ניט געקענט ליידען און שפּעטער האָט זיא איהם גאָר געגומען האַסען, ווייל זיא האָט קיין קינד ניט געהאַט.

זיא האָט ליעב געהאַט קינדער. וואָלט זיא כאָטש א קינד מיט איהם געהאַט, וואָלט דיא מוטער צוליעב דאַס קינד פערגע־בען דעם מאַן, וואָרום ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט גע־צוואונגענערהייט...

דאַמאַלס, ווייל זיא האָט קיין אַנדער פערגניגען ניט גע־האַט, האָט זיא זיך אַריינגעוואָרפען אין דעם ווירוואַר פון׳ם לעבען מיט אַזא ברען, אַז זיא האָט ערשטוינט גאַנץ פּאַריז.

זיא האָט אַלעמען פערבלענדעט מיט איהר לוקסוס, מיט איהרע גלענצענדיגע בעללער און האָט פערשווענדעט אַזוי פיעל געלד, אַז דיא קעניגין האָט איהר מקנא געווען.

פּלוצלונג, ווען איהר מאַן איז געשטאָרבען פון אַן אַפּאָפּ־לעקסיע און זיא איז אַן אַלמנה געבליבען, איז אין איהר פּאַלאַץ אויף רו סען־לאַזאַר שטיל געוואָרען, אַזוי וויא אַן אייביגע נאַכט וואָלט זיך אַהין אַריינגעקליבען. קיין ליכט, קיין גערויש מעהר; טהירען און פענסטער זיינען פערמאַכט געווען און עס איז אַרויס א קלאַנג, אַז דיא פּרינצעסין האָט זיך פּלוצלינג אַרויסגעקליבען פון דיא אונטערשטע צוויי שטאָק און האָט איצט פערוואַהנט

דריי קליינע צימערען, מיט איהר מוטער'ס קאמער־פרוי, דיא אלטע זאפיע, וואס האט זיא אויפגעהאדעוועט.

און ווען זיא האט זיך שפעטער אין גאס בעוויעזען, איז זיא געווען אנגעטהאן אין אן איינפאכע שווארצע קלייד. זיא איז נאך איצט אויך געווען שעהן און רונד מיט איהר שמאלען שטערען און פולען פנים, מיט דיא פערל־צייהן צווישען דיא פעסט געשלאסענע ליפען; אבער דער אויסדרוק אויף איהר גע־זיכט איז געווען שטום און פערשלאסען, וויא פערגליווערט.

זיא האט זיך דאמאלס אנגעהויבען פארנעהמען מיט צדקה־זאכען, און גאנץ פאריז האט זיך זעהר געוואונדערט, וואס זיא, א דרייסיג יעהריגע אלמנה, האט דיא וועלטליכע פערגניגענס פערלאזען.

פערשיעדענע קלאנגען האבען זיך וועגען איהר גענומען טראגען. מען האט דערצעהלט, אז עפעס אן אונבעקאנטער שווארץ־געקליידעטער מענש איז אמאל ביינאכט פלוצלונג אריין אין איהר שלאף־צימער, בעת זיא האט זיך שוין געוואלט לייגען שלאפען. פון וואנען ער האט זיך גענומען, וויא אזוי ער איז דארט אריין און וואס ער האט איהר געזאגט — ווייס קיינער נישט, נור מען רעכענט, אז ער האט איהר געמוזט דערצעהלען, פון וואנען און וויא אזוי איהר מאן האט דיא דריי הונדערט מיליאן אנגעלעבט און אפשר ביי איהר א שבועה געפאדערט, אז זיא זאל פעררי‌כטען, וואס איהר מאן האט פערדארבען. דער־נאך איז דער אונבעקאנטער פערשוואונדען.

און אין דער אמת'ען, שוין פינף יאהר זייט זיא איז א'ן אלמנה, צי איז עס איבער א בעפעהל פון יענער וועלט, צי וויל זיא האט זיך דערוואוסט פון איהר מאן'ס פאפיערען, פון וואנען דאס גרויסע פארמעגען שטאמט, — זיא האט אבער געלעבט נאר פאר אנדערע און כמעט גאר ניט פאר זיך אליין.

ביי דיעזער פרוי, וועלכע האט קיינמאל ניט געליעבט און איז קיין מוטער ניט געווען, האט זיך יעצט ערוועקט א גרויסע ליעבע צו אלע אונגליקליכע און הילפלאזע, איבערהויפט צו עלענדע קינדער.

עס איז איהר איינגעפאלען א מאָדנע אידעע: אז זיא איז א באנקיר, ביי וועלכע עלענדע און אונגליקליכע האָבען איינגעלייגט דריי הונדערט מיליאָן, וואס׳ערע זיא דארף פאר זייער נוצען און ווייז אם בעסטען פערוועגדען. זיא איז אלזאָ געוועזען א קאסירשע, א געשעפטס-פיהרערין, וואס האָט געלעבט אין רעכנונגען און חשבונות, צווישען א מענגע נאטאריוסען, בוימייסטערס און ארבייטער.

זיא האָט אויפגעהאלטען א קאנצעלאריע, אין וועלכע עס האָבען געארבייט צוואנציג אנגעשטעלטע. ביי איהר אין הויז, אין איהרע דריי ענגע צימערען, האָבען מיט איהר געארבייט פיער אָדער פינף געהילפען, איהרע אדיוטאנטען.

דאָרט האָט זיא גאנצע טעג פערבראכט ביי איהר שרייבטיש צווישען גאנצע פּעק פּאפּיערען, וויא א פיהרער פון גרויסע אונטערנעהמונגען. און זיא האָט געטראכט נור וועגען איין זאך: צו העלפען ארימע און עלענדע, פון קינד, וואס ליידעט פון דעם, וואס עס איז געבאָרען געווארען, ביז דעם גרייז, וואס קען ניט שטארבען אָהן וועהטאָגען און יסורים...

דורך דיא לעצטע פינף יאָהר האָט זיא געווארפען געלד פוללע הויפענס. אין לא-וויללע האָט זיא אן אנשטאלט פאר קינדער געגרינדעט, מיט ווייסע וויגעלאך פאר דיא קלענערע, מיט בלויע בעטעלאך פאר דיא גרעסערע, א גרויסארטיגע, לופטיגע אנשטאלט, אין וועלכער עס האָבען זיך שוין אויפגעהאלטען דריי הונדערט קינדער. ווייטער אין סען-מאנדע האָט זיא א׳ן אנשטאלט פאר יתומים געגרינדעט, אין וועלכער עס זיינען אויפגעצויגען געוואָרען הונדערט אינגלאך און הונדערט מיידלאך; אין שאטילאן — אן אנשטאלט פאר פופציג אלטע מענער און פופציג אלטע פרויען, אויסער א שפּיטאָל מיט צוויי הונדערט בעטען אין דער פאָרשטאָדט פען-מארסו.

אבער איהר ליעבלינגס-ווערק איז געוועזען דאס „ארבייטס-הויז", וואס זיא האָט געגרינדעט. איהר גאנץ הארץ, איהרע אלע געדאנקען זיינען נאָר אין דעם דאָזיגען אנשטאלט געלעגען.

אין דעם דאָזיגען „ארבייטס-הויז" זיינען געווארען ארענט-

ליבע מענשען דריי הונדערט קינדער, הונדערט און פופציג אינג־לאַך און אזוי פיעל מיידלאַך, וואס מען האָט אהער געבראכט פון דיא פאריזער גאסען, וואס ווען נישט דיא אנשטאַלט, אין וועלכער מען האָט זיי מיט ליעבע ערצויגען און מלאכות געלע־רענט, וואָלטען פון זיי גאָט ווייסט וואָס אויסגעוואקסען..

דיא דאָזיגע פערשיעדענע אנשטאַלטען האָבען אין פער־לויף פון פינף יאָהר איהר אפגעקאָסט אן ערך הונדערט מיליאָן.

ווען זיא וואָלט ווייטער אזוי מיט איהר געלד אָנגעגאנגען, וואָלט אין א צייט פון עטליכע יאָהר ביי איהר ניט געבליבען אפילו אויף ברויט מיט מילך, וואס נור דערמיט האָט זיא זיך איצט ערנעהרט.

ווען דיא אַלטע קאמער־פרוי זאָפיע פלעגט אמאָל מיט איהר נעהמען טענה'ן: סטייטש, וויא אזוי ווארפט מען מיט געלד גאָר משוגענערהווייז, זיא וועט נאָך, חלילה, שטאַרבען אין פרעמדע תכריכים, — דעמאָלט פלעגט דיא פרינצעסין איהר ענטפערען מיט א הארציגען שמייכעל. דאס איז געוועזען דער איינציגער שמייכעל, וואס מען האָט איצט געזעהן אויף איהרע בלייכע ליפען.

דורך דיא „ארבייטס־הויז" האָט סאקאר זיך בעקענט מיט איהר. זיא האָט ביי איהם געקויפט א הערדליכען שטיק לאַנד, א גארטען מיט אַלע בוימער פאר דעם אנשטאַלט.

סאקאר איז איהר געפעלען געווארען דורך דעם אופן, וויא אזוי ער האָט מיט איהר געשלאָסען דעם געשעפט. זיא האָט געהאט געוויסע סכסוכים מיט דיא קאנטראקטאָרס, וועלכע האָ־בען זיך אונטערגענומען צו בויען דיא „ארבייטס־הויז", האָט זיא געבעטען סאקאר'ן, ער זאָל מאכען א פשרה צווישען איהר און זיי.

ער אליין האָט זיך פעראינטערעסירט מיט דער ארבייט. ווארים איהם איז זעהר שטארק געפעלען געווארען דער גרויסאר־טיגער פלאן, וואס דיא פרינצעסין האָט פאָרגעשטעלט דעם אר־כיטעקט פאר דיעזער געביידע.

נאָך דעם פלאַן האָט דער אנשטאַלט געזאָלט בעשטעהן פון

צוויי גרויסע אבטהיילונגען, איינע פאר אינגלאך און דיא אנ־דערע פאר מיידלאך, וועלכע זאָלען פערבונדען זיין דורך א הויפט־געביידע, וואו עס זאָלען זיך אויך געפינען א קאפעלע, א וואוינונג פאר דיא בארמהערציגע שוועסטער און פאר דער דיענערשאפט. יעדע אבטהיילונג האָט געזאָלט האָבען א בעזונ־דער גרויסען הויף פאר דיא קינדער צו שפּיעלען, בעזונדערע ווערקשטאָטען און אנדערע זאכען, וואָס זיינען נויטיג.

סאקאר, וועלכער האָט געהאַט א געשמאַק פאַר גרויסעס און הערליכעס אין אלעס, איז בעגייסטערט געוואָרען פון דעם לוקסוס, וואָס דיעזער אנשטאלט האָט געזאָלט ארויסווייזען לויט דער פּרינצעסין'ס פּלאַן. דיא קיכען האָבען געזאָלט מיט פאַיאַנס געפלאַסטערט ווערען און זיי האָבען געזאָלט אזוי גרויס זיין, אז עס זאָל מעגליך זיין דאָרט א גאנצען אָקס מיט איין מאָל אָפּבראָטען. גרויסע שפּייז־זאאלען מיט טישען פון איי־כען־האָלץ, וואַש־צימערען, א באָדע־צימער, א קראנקען־צימער, און דאָס אלעס האָט געזאָלט זיין זעהר גרויס, זעהר בע־פּוצט, דיא טרעפּען און קאָררידאָרען — זעהר ברייט, זומער גע־לופטערט און ווינטער געהייצט.

דער אַרכיטעקט האָט געוועזט געזאָגט, אז דער גאַנצער לוקסוס איז איבריג, אז דיא פּרינצעסין ווארפט פּשוט ארויס אומזיסט געלד, זיא אָבער האָט איהם דעמאָלט ניט געלאָזט ר־י־דען ווייטער:

— פריהער האָב איך לוקסוס געהאַט, איצט וויל איך עס געבען אָרימע — האָט זיא געזאָגט.

איהר אידעע איז געווען, דיא עלענדע גליקליך צו מאַכען, זיי זאָלען עסען ביי אַזוינע טישען, שלאָפען אין אַזוינע בעטען, וויא דיא גליקליכסטע פון דיא גליקליכסטע...

און דער אנשטאַלט האָט זיך אָנגעפאַנגען צו בויען. אָבער דיא אונטערנעהמער און דיא אויפזעהער האָבען ביי דעם בויען געוויסענלאָז גע־גנב'עט. דעמאָלט האָט סאָקאר איהר דיא אויגען געעפענט און זיא געבעטען, זיא זאָל איהם איבערגעבען צו פיה־רען דיא רעכענונגען. ער האָט עס געטהאָן אָהן דעם מינדסטען

„הינטערגעדאַנק“, ער האָט פשוט געהאַט הנאה, וואָס ער רעגיר־ליערט מיליאָנען. נאָך קיין מאָל אין לעבען איז ער ניט געווען אַזוי עהרליך וויא ביי דיא דאָזיגע רעכענונגען. ער איז געוואָרען דער טיכטיגסטער מיטארבייטער, האָט אָפּגעגעבען אַ סך צייט און טהיילמאָל אויך זיין אייגען געלד און זיין איינציגע בעלוי־נונג איז געווען נור דאָס פערגעניגען, וואָס דורך זיינע הענד זיינען מיליאָנען געפלאָסען...

זייט סאַקאַר האָט אריינגעצויגען אין איהר פּאַלאַץ, איז איהם איינגעפאַלען, וואָרום זאָל ער אין גאַנצען ניט ווערען דער פערוואַלטער פון דער פּרינצעסין'ס אַנשטאַלטען ? ער, דער געפאַלענער ספּעקולאַנט, האָט אין זיינע איצטיגע טרויעריגע שטונדען, אין דעם געזעהן אַ מיטעל, וויא צו פערגעטערט ווערען.

מיט דיא צוויי הונדערט מיליאָן, וואָס זיינען ביי דער פּרינצעסין איבערגעבליעבען, וואָלט ער וואונדער געקענט בעווייזען ! ער וואָלט זיי פערדאָפּעלט, פערדרייפאַכט, ער וואָלט זיי אַזוי פערווענדעט, אַז אַ גאַנצע וועלט וואָלט ער מיט זיי געוואונען !...

און מיט דיעזע געדאַנקען האָט ער זיך איצט בערוישט : ער האָט שוין געזעהן גאַנץ פראַנקרייך פערפלייצט מיט צדקה־אַנשטאַלטען. ער ועט בלייבען עהרליך, קיין איין פּרוטה פון דיא דאָזיגע מיליאָנען וואָלט ער פאַר זיך ניט נעהמען. און זיין רייכע פאַנטאַזיע האָט איהם געמאָהלען אַ בילד, וויא ער בע־זיעגט גאַנץ פּאַריז מיט זיינע גוטע מעשים, וויא אַלע ריידען וועגען איהם, וויא אַלע לויבען איהם און וויא מיליאָנען אָרימע לייט פערגעטערען איהם וויא אַ גאָט !...

דאָס וואָלט זיין עהרגייץ בעפריעדיגט.

נאָכדעם איז איהם איינגעפאַלען אַנאַנדער געדאַנק : פאַרוואָס זאָל ער גאָר ניט חתונה האָבען מיט דער פּרינצעסין אָרווייעדאָ ?

אַ גאַנצען חודש האָט ער זיך געשיקט פאָרגעברייטעט צו זיין ערקלעהרונג, פאָרשלאָגענדיג דער פּרינצעסין פערשיעדענע

גרויסארטיגע פלענער. דערנאך אין איין שעהנעם טאג האט ער מיט א רוהיגער שטימע איהר זיין לעצטען פלאן פארגעשלאגען. ער האט איהר אנגעבאטען צו הייראטהען מיט איהם, דערפאר פערפליכטעט ער זיך, צוריקצוקעהרען צו ארימע לייט צעהן מאל אזוי פיעל, פיעל איהר ערשטער מאן האט פון מענשען אוועקגענומען דורך גזלה און רציחה.

דיא פרינצעסין, אנגעטהאן אין איהר שווארצען קלייד, האט איהם רוהיג אויסגעהערט. דיא נייע פלענער וועגען צדקה, וואס ער האט איהר פארגעשטעלט, האבען זיא שטארק אינטערעסירט, און זיא האט איהם געבעטען, ער זאל איהר א טאג צייט געבען אויף איבערלייגען זיך. אויף מארגען האט זיא איהם אפגעזאגט. זיא האט זיך אוודאי מישב געווען, ווען זיא האט מיט איהם חתונה, וועט זיא שוין מעהר ניט זיין דיא איינציגע בעל הבית'טע איבער איהר צדקה און דאס האט זיא ניט געוואלט. פונדעסטוועגען האט זיא איהם געזאגט, אז זיא וועט זיך גליקליך שעצען, אויב ער וועט איהר ווייטער עצות געבען און וועט זיך ווייטער אינטערעסירען מיט דער „ארבייטס־הויז", וויא געווען.

א גאנצע וואך נאכדעם איז סאקאר ארומגעגאנגען מיט א שווערען הארצען, אקוראט וויא ער וואלט א טהייערען אידעאל אנגעווארען. ער האט זיך געפיהלט אזוי וויא מען האלט איהם פון א טהראן ארונטערגעווארפען. ער איז געווען עהרגייציג, געוואלט שטעהן היינך, העכער, ווייט הויך איבער אלע און קיין מאל איז עס איהם נאך אין גאנצען ניט געלונגען, אפילו ניט דעמאלט, אין זיינע יונגע צייטען, בעת ער האט וויא א בייזסטע געהעבט.

ער האט זיך אבער ניט פארלארען. זיין פערביסענע הארטנעגיגקייט האט זיך געשטארקט מיט יעדען שטורעם זיינעם, מיט יעדער האפנונג, וואס האט געפלאצט.

דעריבער, ווען דיא פרינצעסין האט איהם אפגעזאגט, איז ער אין א קורצער צייט ארום ווידער צו זיך געקומען, גרויס צום קעמפפען פאר א רייכען עקזיסטענץ.

דער דראנג צו קעמפפען און בעקעמפפען, דיא אנדערע אויפצופרעסען, אום אליין ניט אויפגעפרעסען צו ווערען, האָט זיך אין איהם אלץ מעהר געשטארקט, וואָס ניעדריגער ער איז געפאלען.

און וואָס דאָפפנונגסלאָזער זיין לאגע איז געווען, אלץ צו העבערעס האָט ער געשטרעבט, פון מיליאָנען האָט ער דעמאָלט געטראַכט, פון מיליאָנען, בכדי צו קעמפפען מיט פיינדליכע מילליאָנען, פון בעזיעגען דעם מעכטיגען גונדערמאן'ען האָט ער דעמאָלט גע'חלומ'ט, ער, סאַקאַר, וועלכער איז איצט געווען אזוי געפאלען!

און דיא דאָזיגע געדאנקען האָבען איהם צוריק צו דער בערזע געשטופט. זיין מוח איז פול געווען מיט נייע פלענער וועגען נייע ספעקוליאציעס, מילליאָנען צו מאַכען און מיט זיי פאריז צו בעהערשען. ביז פון דיא דאָזיגע אלע פלענער האָט זיך אויסגעארבייט איין גרויסער פלאן, וואָס האָט איהם איצט אין גאנצען בעשעפטיגט.

זייט סאַקאַר וואוינט אין דעם פאלאץ ארווייעדא איז איהם אָפט אויסגעקומען צו טרעפען דאָרט דיא שוועסטער פון דעם אינדזשעניער האמעלען, וואָס האָט מיט איהר געוואוינט אין דעם זעלבען פאלאץ אויפ'ן צווייטען שטאָק.

זיא האָט געהייסען קאראָלינע און האָט געהאט זעהר א שעהנעם וואוקס.

ווען ער האָט זיא דאָס ערשטע מאָל געטראָפען, האָבען זיך קודם כל איהם אין דיא אויגען געוואָרפען איהרע ווייסע, הערליכע האָר, וואָס האָבען איהר קאָפּ בעציערט, וויא א זיל־בערנע קרוין.

איהר פנים איז געווען פריש און יונג — זיא איז דעמאָלט אלט געווען זעקס און דרייסיג יאָהר.

ווען זיא איז נאָך אלט געווען פינף און צוואנציג יאָהר, איז זיא שוין גאנץ וויים געווען. איהרע אויגען־ברעמען זיי־נען נור שווארץ געבליבען און זיי האָבען צוגעגעבען איהר

פנים א יוגענדליכע פרישקייט און אן אויפפאלענדיגע לעב־האפטיגקייט.

שעהן איז זיא ניט געווען. זיא האט א צו לאנגע נאז גע־האט, א צו ברייטען מויל, דערפאר האבען איהרע דיקע ליפען אויסגעדריקט א זעלטענע גוטסקייט.

און הגם דער שנעע־ווייסער שימערען פון איהרע דינע, וויא זיידענע האאר האט איהר אלט געמאכט, האט איהר קער־פער איינגעהאלטען דיא גאנצע פרישקייט פון יוגענד.

זיא איז געווען א הויכע, שטארק־געבוי׳טע פרוי און האט זיך געהאלטען פריי און חן׳עוודיג.

דער קליין־געוויקקסיגער סאקאר האט איהר אלע מאל מקנא געווען איהר וואוקס און איהר געזונד און האט ניט גע־קענט אפרייסען זיינע אויגען פון איהר מעכטיגען קערפער.

פון דיא ארומיגע האט סאקאר זיך דערוואוסט, ווער קארא־לינא איז און ווער איהר ברודער געארג איז און פון וואנען זיי קומען.

זייער פאטער איז געווען א דאקטאר אין מאנפעליע, א בעדייטענדער געלערענטער און א פרומער קאטאליק. ווען ער איז געשטארבען, האט ער זיינע קינדער כמעט גאר נישט ניט איבערגעלאזען. קאראלינא איז דעמאלט אלט געווען אכצעהן און געארג האמעלען נײנצעהן יאהר.

שפעטער איז געארג אוועקגעפאהרען נאך פאריז, בכדי ארייצוטרעטען אין א פאליטעכנישע שוהלע. קאראלינע איז מיט איהם מיטגעפאהרען און האט אין פאריז געקראגען א שטע־לע אלס ערציהערין.

מיט איהר געהאלט האט זיא דעם ברודער געשטיצט דיא גאנצע צוויי יאהר, וואס ער האט געלערענט אין דער פאליטעכ־נישער שוהל, און אויך שפעטער, ווען איהם איז שווער געווען צו קריעגען א שטעלע.

ברודער און שוועסטער האבען זיך זעהר ליעב געהאט און זייער בייד־ענס וואונש איז געווען, זיך קיינמאל ניט צו שיידען.

דערווייל האט זיך אונטערגעדרעהט א שידוך פאר קא־ראלינע׳ן.

א רייכער ביער־ברויער, א מילליאָנער, האָט זיך בעקאנט מיט איהר אין דעם הויז, וואו זיא איז געווען אן ערציהערין, און זיא האָט אויף איהם א.א איינדרוק געמאכט מיט איהר בילדונג און אויפפיהרונג, אז ער האָט איהר פאָרגעשלאָגען חתונה צו האָבען מיט איהר.

דער ברודער איז געווען פאר דעם שידוך און האָט זיא צוגערעדט, זיא זאָל דעם מילליאָנער'ס פאָרשלאג אָננעהמען. שפּעטער אָבער האָט ער עס זעהר בעדויערט. ווארים דער דאָזיגער מילליאָנער, מיט וועמען זיא האָט חתונה געהאט, האָט זיך ארויסגעוויזען אלס גרויסער אכזר, א שיכור, וועלכער האָט זיך פיעל מאָל געוואָרפען אויף איהר מיט א מעסער... קאראָלינע האָט זיך אין עטליכע יאָהר ארום געמוזט מיט איהם גט'ן.

בעת זיא האָט זיך גע'גט מים איהר מאן, איז זיא זעקס און צוואנציג יאָהר אלט געווען. זיא איז ווידער ארעם געוואָרען, ווארים פון דעם גע'גט'ן מאן איהרען האָט זיא פאר קיין מאָל קיין געלד ניט געוואָלט נעהמען.

צום גליק, האָט דער ברודער איהרער דעמאָלט א היבשע שטעלע נעקראָגען: מען האָט איהם געשיקט מיט א קאָמיסיאָן קיין עגיפּטען אויסצופאָרשען דעם זועץ'ער קאנאל, און ער האָט מיט זיך קאראָלינע'ן אויך גענומען.

קאראָלינע האָט זיך באזעצט אין אלעקסאנדריא און האָט דאָרט ווידער אָנגענומען א שטעלע אלס לעהרערין, בשעת דער ברודער איהרער האָט ארומגערייזט מיט דער קאָמיססיאָן.

זיי האָבען געוואוינט אין עגיפּטען ביז דעם יאָהר 1859, ביז מען האָט זיך געשטעלט גראָבען דעם קאנאל. אן ערך א הונדערט און פופציג ערד־ארבייטער אונטער דער פיהרונג פון עטליכע אינזשינירען האָבען זיך דאָרט געשטעלט גראָבען. אין יענער וויסטער, זאמדיגער געגענד. דערנאָך האָט מען געאָרג'ן אוועקגעשיקט נאָך סיריען, דורכצוברעכען א וועג, איבער וועלכען מען זאָל קענען צופיהרען פּראָוויאנט פאר דיא ארבייטער, וואס האָבען געארבייט ביים סועץ'ער קאנאל. דאָרט האָט ער זיך צוקריגט מיט זיין שעף און האָט מעהר ביי יענער אונטער־

נעהמונג נישט געארבייט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ביי־רוט און האָט געשיקט נאָך קאַראָלינע'ן. זיא איז אהין געקומען און האָט דאָרט אויך געקראָגען שילער. אין א קורצער צייט שפּעטער האָט געאָרג א שטעלע בעקומען ביי אן אונטערנעה־מונג פון א פראנצויזישער געזעלשאַפט, וואָס האָט געלאָזט האַ־קען א וועג פון ביירוט ביז דמשק, דעם ערשטען און איינציגען וועג דורך דיא בערג פון לבנון. דאָרט האָבען זיי ווידער גע־וואוינט דריי יאָהר, ביז דער וועג איז פארטיג געוואָרען.

ער איז ארומגעפאָהרען דיא בערג, אונטער דער צייט אוועק אויף צוויי חדשים נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זיא האָט איהם בע־גלייט אומעדום, האָט זיך אינטערעסירט מיט זיינע פּלענער, וואָס ער האָט אין זיין קאָפּ געבויט, דורכפאָהרענדיג יענע אלטע, וויסטע געגענדען.

א גאנצען ים מיט פּלענער וועגען נייע אונטערנעהמונגען האָט ער איצט געהאט. דערפאר האָט איהם געצויגען צוריק צו פאָהרען קיין פראנקרייך, וואו ער האָט געהאָפט צו גרינדען א געזעלשאפט מיט א גרויסען קאפּיטאל, אום אויסצופיהרען זיינע פּלענער.

און אזוי אפּוואוינענדיג אין דיא מזרח־לענדער נייז יאָהר, האָבען זיי זיך אוועקגעלאָזט צוריק קיין פראנקרייך.

זיי זיינען געפאָהרען אויף עגיפּטען, שטארק נייגעריג צו זעהן, וויא האלט עס דאָרט מיט דער ארבייט ביי סועץ'ער קאַ־נאַל.

אָנקומענדיג אהין, זיינען זיי נתפּעל געוואָרען. אין פיער יאָהר צייט האָט אין יענער זאמדיגער וויסטעניש א גאנצע שטאָדט אויסגעוואקסען, א גאנצע פאָלק האָט דאָרט בעשעפ־טיגונג געהאט.

אין פאריז אָבער האָט געאָרג קיין אונטערנעהמער פאר זיינע גרויסע פּלענער ניט געפונען. ער האָט ווידער זיך גענומען פּלאַ־גען. פופצעהן חדשים האָט ער אין גאנצען קיין בעשעפטיגונג ניט געהאט. דאָס ביסעל געלד, וואָס ער מיט קאַראָלינע'ן האָ־בען געהאַט, איז דערוויילע אוועק. ער איז געזעסען אויפ'ן

צוויטען שטאָק אין פּאלאַץ ארוויערא, פאר וועלכען ער האָט געהאט צו צאָהלען צוועלף הונדערט פראנק א יאָהר דירה־געלד, און זיין לאגע איז איצט אזוי שלעכט געוועזן פּונקט וויא מיט ניין יאָהר צוריק איידער ער איז אוועק קיין עגיפּטען.

אויף קאראָלינע'ן האָט דיא לאגע געווירקט מעהר, וויא אויף איהם און סאקאר האָט זיך אָפט געוואונדערט, בשעת ער האָט זיא בעגעגענט, ווארום זיא זעהט אוים אזוי טרויעריג.

ד א דאגות פאר חיונה זיינען אין גאנצען אויף איהר קאָפּ געלעגען. זיא איז געוועזן דער מאַן אין הויז. איהר ברודער גע־ אָרג, שטארק ערגליך צו איהר, נור אביסעלע צארטער, האָט אפילו ליעב געהאט צו ארבייטען, אָבער ווען ער האָט געארבייט, האָט ער קיינמאָל ניט געטראכט וועגען א תכלית. ער האָט ניט געוואָלט חתונה האָבען, האָט ניט געהאט קיין בעדירפניש פאר דעם, דיא הייסע ליעבע פון זיין שוועסטער האָט איהם פערבי־ טען דיא ליעבע פון א פרוי. א חוץ דעם, זיינען געוועזן געגוג פרויען, וועלכע מען קען ליעבען אויף א ווייל...

אויפגעצויגען אין א פרומער קאטוילישער הויז, האָט ער נאָך איצט אויך געהאט איינגעהאלטען זיין קינדערשען גלויבען און איז אָפט אין קירכע געגאנגען. זיין שוועסטער, פארקעהרט, איז אויף אנאנדער וועג אוועק. זיא איז געוועזן פיעל בעלעזען און האָט א פיעל־זייטיגע בילדונג געקראָגען דורך איהר אייגע־ נער מיה. זיא האָט גערעדט פיער שפראכען, האָט נאציאָנאל־ עקאָנאָמען און פילאָזאָפען שטודירט און איז א צייט לאנג א בעגייסטערטע סאָציאַליסטקע געוועזן.

דאן איז זיא רוהיגער געווארען. דיא רייזע אין די פרעמדע לענדער האָט אויך פיעל בייגעבראכט איהר אינטעליגענץ. דעם ברודערים גלויבען האָט זיא געאכטעט, כאטש זיא אליין האָט איהר גלויבען פערלאָרען. זיא האָט געהאט אן אייזערנעם ווילען, האָט געקענט מיט א שמייכעל אריבערטראָגען אלע צרות און פלאָגען. נאָר פאר איין זאך — פלעגט זיא זאָגען — טהוט איהר וועה דאָס הארץ, וואס זיא האָט קיין קינד קיינמאָל ניט געהאט. איינמאָל האט סאקאר צוגעשאַרט איהר ברודער ארבייט

ביי א געזעלשאפט, וואס האט געדארפט האבען א טעכניקער פאר אונטערזוכען א נייע מאשינע, און זייט דאן איז ער גע־ווארען מיט זיי נעהענטער בעקאנט. ער האט אפט גענומען געהן צו זיי, האט פערבראכט ביי זיי אין זאאל, זייער איינצי־גער גרויסער צימער, וואס איז אויך געווען געארג'ס ארבייטס קאבינעט. דיעזער זאאל איז געווען זעהר ארעם מעבלירט. דיא גאנצע מעבעל דארט איז בעשטאנען פון א לאנגען טיש פאר צייכנען און א האלבען דוצענד שטוהלען. אויפ'ן קאמין־זימס זיינען געלעגען אויפגעוואָרפען ביכער. דיא ווענד זיינען בעהאנגען געווען מיט פערשיעדענע פלענער און פראיעקטען, צייכנונגען און נאטיצען, וואס געארג האט פון סיריען גע־בראכט, יענע פלענער זיינע, וואס ער האט געהאפט אויסצו־פיהרען אמאל מיט דער הילף פון א געזעלשאפט מיט א גרוי־סען קאפיטאל... אויסער דיא דאזיגע פלענער זיינען נאך דארט געהאנגען פערשיעדענע בילדער פון יענע מזרח־געגענ־דען, טיפען און זייערע קליידער, וועלכע קאראלינע האט דארט געמאהלען, בעת זיא פלעגט איהר ברודער בעגלייטען.

צוויי ברייטע פענסטער, וואס האבען ארויסגעקוקט אויפ'ן גארטען פון פאלאץ, האבען בעלייכטעט מיט העלען ליכט דיא פערשיעדענפארביגע אונארדנונג פון דיא דאזיגע צייכ־נונגען, פון וועלכע עס האט גע'כישוף'ט א פרעמדעס, אונ־בעקאנטעס לעבען פון אור־אלטע אין שטויב פערזונקענע מענ־שען, און עס האט זיך געדאכט, אז דורך דיעזע צייכנונגען, דורך דיעזע פעסטע מאטהעמאטישע ליניען וועלען יענע מענ־שען ווידער אויף דיא פיס אוועקגעשטעלט ווערען.

סאקאר מיט זיין לעבעדיגער פאנטאזיע איז פערבלענ־דעט געווען פון דיא דאזיגע פלענער און צייכנונגען, האט זיך היינגעריסען מיט זיי און האט תמיד געבעטען, אז מען זאל זיי איהם ווידער און ווידער ערקלערען. און אין זיין מוח האט זיך שוין גענומען ריהרען א פלאן וועגען א געוואלדיגער אונטער־נעהמונג אין דיא מזרח־געגענדען.

איינמאָל האט סאקאר געטראָפען קאראלינע׳ן ביי איהר קליינעם שרייב־טיש זעהר טרויעריג.

— וואס זאָל איך טהאָן? האט זיא זיך גענומען קלאגען פאר איהם — עס געהט אונז אַלץ ערגער און ערגער. איך האב נאָך אפילו מיין מוטה דערוייל ניט פערלאָרען, אבער ווען עס וועט ווייטער אזוי געהן... וואס מיך שרעקט מעהר פון אַלעס, איז דאס וואס מיין ארעמער ברודער האט דיא גאנצע האָפנונג פערלאָרען. ווארום ער קען שעפּען מוטה און האָפנונג נור אין זיין ארבייט. איך האב שוין געזוכט א שטעלע אַלס לעהרערין, איך זאָל איהם כאָטש מיט עפּעס קענען העל־פען, אזא שטעלע מאכט זיך אבער ניט...

נאָך קיינמאָל האט סאקאר זיא נישט געזעהן אזוי טרויע־ריג און געבראָכען, וויא דאמאלס.

— צום טייפעל! — האט ער אויסגערופען — דער הימעל לייגט זיך דאָך נאָך ניט אויף דר׳ערד...

זיא האט א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ. זיא האט זיך איצט געפיהלט אזוי פערביטערט געגען לעבען. און ווען איהר ברודער איז דאמאלס אריינגעקומען און האט דערצעהלט, אז ער האט וויעדער ניט געפונען קיין בעשעפטיגונג, וועלכע ער האט היינט אין אויג געהאט, האט זיא זיך צואָוויינט. זיא האט גאר ניט גערעדט, האט נור צונויפגעדריקט דיא הענד אין פויסטען און האט געקוקט מיט איהרע טרעהרענדיגע אויגען פערלאָרען.

— און ווען מען בעדענקט נאָך — האט קאראלינעים ברו־דער פלוצלונג ארויסגעפּלאצט — אז מיר וואָלטען מיליאָנען געקענט איצט פערמאָגען, ווען עס זאָל זיך אימיצער געפינען, וואס זאָל העלפען אויספיהרען מיינע פּלענער!...

סאקאר איז דאמאלס געשטאַנען און זיך איינגעקוקט אין א צייכנונג אויף דער וואנד, וואס האט פאָרגעשטעלט א גע־ביידע צווישען גרויסע שפּייכלער.

— וואס בעדייטעט דאס? — האט ער געפרעגט.

— אָה, א קלייניגקייט! — האט דער אינזשיניער גע־

ענטפערט — דאס איז דער פּלאַן פון א וואָהנונג דאָרט, אין ביירוט, פאר דעם דירעקטאָר פון דער געזעלשאפט, וואס איך האב געהאט אין זינען צו גרינדען, איהר ווייסט דאָך... איך מיין „דיא גענעראַל געזעלשאפט פון דיא פעראייניגטע דאמפּף־שיפען".

געאָרג העמעלען איז געוואָרען רעדעוודיגער און האט דערצעהלט סאקאר'ן, אז בעת ער איז געווען אין דיא מזרח־לענדער האט ער זעהר שטארק געפיהלט, וויא נויטיג עס איז דאָרט א בעסערער טראַנספּאָרטס־פערקעהר. דיא עטליכע דאָר־טיגע טראַנספּאָרטס־געזעלשאפטען עסען אויף איינע דיא אַנ־דערע דורך קאָנקורירען איינער מיט דער צווייטער. דעריבער איז איהם איינגעפאלען א פּלאַן, צו פעראייניגען דיא אלע דאָרטיגע טראַנספּאָרטס־געזעלשאפטען אין איין גרויסען סינ־דיקאט, (טראַסט) מיט א גרויסען קאפּיטאַל. דער דאָזיגער סינ־דיקאט, מיט מיליאָנען בעוואפענט, וואָלט געקענט דאס גאנצע מיטעל־מעער פאר זיך אויסנוצען און לאָזען געהן דאמפּף־שי־פען נאָך אלע אפריקאַנישע האפענס, נאָך שפּאַניען, איטאַ־ליען, גריעכענלאַנד, עגיפּטען, אזיען, ביז צום שווארצען ים. דאן וואָלט פאר פראנקרייך לייכט געווען צו פערכאפּען גאַנץ מזרח און איהם אליין וואָלט דאן אויך לייכטער געווען אויסצו־פיהרען זיינע אַנדערע פּלענער אין סיריען...

— דיא סינדיקאטען — האט סאקאר ארויסגעמורמעלט — וויא עס ווייזט אויס, געהערט זיי דיא צוקונפט. וויא מעכ־טיג אזא פעראייניגונג איז! דריי־פיער געזעלשאפטען, וואס קענען קוים זשאַווען, אז זיי פערשמעלצען זיך אין איין סינ־דיקאט, קענען זיי דיא גאַנצע וועלט איינגעהמען! יא, דיא נאָהענטע צוקונפט געהערט דעם פעראייניגטען גרוים־קאפּי־טאַל. דיא גאַנצע פאבריקאַציאָן, אינדוסטריע, האַנדעל וועט אמאָל בעלאַנגען צו סינדיקאטען, צו טראַסטס...

סאקאר האט זיך ווידער אפּגעשטעלט פאר א בילד, וואס האט פאָרגעשטעלט א ווילדע געגענד צווישען גרויסע פעלזיגע בערג.

— אָהאָ! — האט ער אויסגעשריען — דאָ איז הפּנים שוין עק וועלט. אהין מסתמא קריכען שוין ניט קיין מענשען.

— דאס איז דער טהאָל כרמל — האט האמעלען זיך אפּגערופען — מיין שוועסטער האט עס געמאָהלען, ווען איך האב יענע געגענד שטודירט. קוקט זיך איין גוט, איהר זעהט אָט דעם קאַלך־שטיין? דיא קאַלך־בערג? דאָרט איז פער־באָרגען אן אָדער פון שוועבעל־זילבער, יא, א גאַנצע זילבער־מינע, און, וויא איך האב אויסגערעכענט, וואָלט מען אָן דעם זילבער געקענט א גרויס פערמעגען אנלעבען.

— א זילבער־מינע? — האט סאקאר אונטערגעכאפּט מיט היץ.

קאראלינע, וועלכע האט דיא גאַנצע צייט מיט א שווערען הארצען צוגעהערט זיך צו זייער געשפּרעך, האט זיך בעת דעם פּלוצלונג א כאפּ געטהאָן, אקוראט וויא זיא וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט.

— כרמל — האט זיא אויסגעשריען — אך, וואס פאר א וויסטעניש דאס איז! וואס פאר אן איינזאמע טעג איך האב דאָרט פערבראכט! דיא געגענד דאָרט איז פול מיט מירטען, אלעס שמעקט דאָרט און דופטעט, דיא לופט איז גוט, געווירציג. און אין דער הויך שוועבען דאָרט אדלערס און אד־לערס שטענדיג, אָהן אויפהער... און דיא גרויסע אוצרות, וואס ליעגען דאָרט בעגראָבען!... וויפיעל מענשען וואָל־טען דאָרט געקענט גליקליך זיין! שטעדט גאַנצע וואָלט מען דאָרט געקענט אויפבויען, א נייע פאָלק וואָלט דאָרט געקענט געבאָרען ווערען און ארבייטען און צופריעדען זיין!

— עס וואָלט זעהר לייכט געווען צו מאכען א וועג פון כרמל נאָך עכו — האט העמעלין וויעדער געזאָגט—און מיר שיינט, אז מען וואָלט דאָרט געקענט געפינען נאָך אייזען אויך. ווארום אין אלע בערג פון יענער געגענד געפינט מען אייזען. איך האב אויך אויסגעטראכט א נייעם מיטעל, צו ציהען מעטאל פון דר׳ערד. מיט איין וואָרט, אלעס איז פאראן, נור איין זאך פעהלט: געלד...

— א געזעלשאפט פון זילבער־מינען אין כרמל! — האט ארויסגעמורמעלט סאקאר.

דער אינזשיניער האט זיך דאן היגנעריסען מיט דיא פּלע־נער, וואס זיינען פאר איהם אויף דיא ווענד געהאנגען — מיט דיא פּלענער, וואס האבען איהם אמאל פערשפּראָכען אזוי פיעל גליקען. ער האט געקוקט פון איינעם אויפ'ן אנדערען מיט פיעבערישע אויגען און גערעדט:

— דאס זיינען אלץ פּלענער פאר קליינע אונטערנעהמונ־גען, פאר אן אנפאנג וועלען זיי אויך גוט זיין... אבער יענע... איהר זעהט? אָט יענע פּלענער.. אָט דאָ זיינען דיא ריכטי־גע!... באהנען איבער גאנץ קליין־אזיען, אויף אלע זייטען, אין אלע עקען! ריכטיגע פערקעהרס־מיטלען פעהלען דאָרט, דערפאר איז דאס רייכע לאנד אזוי טוידט. עס געפינט זיך דאָרט ניט קיין איין וועג, איבער וועלכען מען זאָל קענען פאָהרען מיט א פוהר. רייזענדע און סחורה פיהרט מען דאָרט אויף מויל־אייזלען און קעמלען. שטעלט אייך פאָר, וויא דאס לאנד וואָלט אפגעלעבט, ווען מען וואָלט דאָרט באהנען גע־צויגען ביז'ן סאמען מדבר. אינדוסטריע און האנדעל וואָלטען זיך דאן פארצעהנפאכט, דאס וואָלט געווען דער נצחון פון איירּאָפּא'ס קולטור, מזרח וואָלט בעזיעגט געוואָרען, איירּאָפּא וואָלט געהאט אָפענע טויערען אין אזיען.. אויב דאס אינטע־רעסירט אייך, כאָטש וויפיעל עס איז, וועלען מיר וועגען דעם נאָך ריידען.. איהר וועט זעהן... איהר וועט זעהן...

ער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען ניט צו דער־צעהלען וועגען אנדערע פּלענער זיינע. בשעת זיין רייזע נאָך קאָנסטאנטינאָפּאָל האט ער שטודירט דיא ריכטונגס־ליניע פון זיין געפּלאנעוועטען אייזענבאהן. דיא איינציגע שוויריג־קייט, וואָס איז איהם אין וועג דערוויילע געשטאנען, איז גע־ווען דאָס, וויא אזוי שרייטעט מען אריבער דעם טוירוס־בארג. סוף כל סוף האט ער פאר דעם אויך אויסגעפונען א מיטעל. געוויס, ער האט גאָר ניט געטראכט אפילו אויסצובויען אלע

אייזענבאהנען מיט אמאל. ווען מען וועט האבען ארויסגעקראגען דיא קאנצעססיאן פון דעם סולטאן פאר אלע אייזענבאהנען, דאן וועט מען דערווייל דארפען בויען דיא הויפט־ליניען פון ברוססא נאךביירוט איבער אנגארא און אללעפא. שפעטער וועט מען קענען א טראכט טהאן וועגען דיא זייטיגע ליניען אויך, פון סמירנא נאך אנגארא, פון דארט נאך טראפעזונט אי־בער ערזערום און סיוואס.

— און ערשט שפעטער, ערשט שפעטער... — האט ער ווייטער אנגעהויבען און ניט געענדיגט, נור געשמייכעלט, ניט געוואגט גאר אויסצורײדען, וויא ווייט זיינע פלענער געהען— דערווײלע איז דאך דאס געווען ניט מעהר וויא א חלום!...

— אה, דיא בליהענדע טהאלען ביי דעם בארג טוירוס! — האט קאראלינע ארויסגערעדט שטיל און לאנגזאם וויא פער־שלאפען — וואס פאר א הערליכער גן עדן! מען דארף נור דארט אביסעלע דיא ערד א שאב טהאן, שפראצט גלייך ארויס בליהונג... דיא אייבסען־בוימער, דיא קארשען־פיי־גען־און מאנדעל־בוימער ברעכען זיך אונטער דער משא פון דיא פרוכט. און וואס פאר א וועלדער מיט איילבערט ביי־מער און מוילבערער בוימער מען זעהט דארט! און וויא לייכט עס אטהעמט זיך דארט אונטער יענעם אייביג־בלויען הימעל!

סאקאר האט זיך צולאכט מיט זיין גרילען געלעכטער, וואס עס פלעגט זיך ביי איהם ארויסרייסען אימער, ווען ער האט געטראכט וועגען גרויסע רייכטהימער. און ווען געארג האט ווידער געטומען ריידען וועגען א באנק גרינדען אין קאנסטאנ־טינאפאל און געגעבען אנצוהערעניש וועגען דיא נאהענטע בעציהונגען, וואס ער האט דארט, אין קאנסטאנטינאפאל, אפילו צום גרויס וויזיר, האט איהם סאקאר פרעהליך אונטערברא־כען:

— דארט איז דאך א וואהרער גן עדן!

דאן האט ער פאמיליאר ארויפגעלייגט זיינע ביידע הענד קאראלינע'ן אויפ'ן אקסעל און האט אין א זעהר פריינד־ליכען טאן געזאגט:

— זאָרגט נור נישט, מאַדאַם! איך האָב אייך זעהר ליעב און איהר וועט זעהן, אז איך מיט אייער ברודער וועלען עפּעס מאַכען, וואָס וועט זעהר גוט זיין פאַר אונז אַלע! האָט נור אַביסעלע געדולד, איהר וועט שוין זעהן!...

אין א מאָנאַט שפּעטער האָט סאַקאַר פערשאַפט א שטעלע געאָרג'ן. פון דיא גרויסע געשעפטען האָט ער מעהר ניט געהערט, ער האָט אָבער שטענדיג געטראַכט וועגען זיי און אָפט האָט ער אויפגעשווידערט פון דיא גרויסע פּלענער, וואָס האָבען זיך פונאַנדערגעוויקעלט פאַר איהם.

סאַקאַר און קאַראָלינע האָבען זיך דאַן נעהענטער בע־פריינדעט.

קאַראָלינע האָט זיך פעראינטערעסירט מיט זיין הויז־ווירטהשאַפט. איבריגע אויסגאַבען האָבען איהם פּשוט בדלות געשטעלט. וואָס מעהר בעדיענטע ער האָט געהאַט, אַלץ ערגער איז ער בעדיענט געוואָרען.

דיעזער מאַן, וואָס איז אַזא בריה געווען צו פיהרען דיא גרויסע געשעפטען אויסער'ן הויז, האָט ביי זיך אין דער היים ניט פערשטאַנען, וויא צו פיהרען זיין אייגענע הויז־ווירטה־שאַפט. ביי יעדער קלייניגקייט האָט זיך געפיהלט, אז א פרוי פעהלט דאָרט, א בעל הבית'טע.

קאַראָלינע האָט באַמערקט דיא אונאָרדנונג, וואָס ביי איהם איז אין הויז. אפריהער האָט זיא איהם עצות געגע־בען וויא צו פיהרען דיא הויז־ווירטהשאַפט, נאַכדעם האָט זיא זיך אַליין גענומען מישען און האָט איהם באַלד געוויזען, וויא אַזוי זיא האָט איהם איינגעשפּאָרט געלד.

דערפאַר האָט ער איהר איינמאָל אין שפּאַס פאָרגעשלאָגען, זיא זאָל ביי איהם דיא הויז־ווירטהין ווערען...

קאַראָלינע האָט עס אָבער ניט אָנגענומען פאַר א שפּאַס. א הויז־ווירטהין ווערען? וואָרום ניט? זיא האָט דאָך געוואָלט אָננעהמען א שטעלע פון א הויז־לעהרערין? פאַר־וואָס זאָל זיא ניט אָננעהמען אַזא אָרענטליכע שטעלע ביז וואַ־נען עס וועט זיך מאַכען עפּעס בעסערס? מיט דיא דריי

הונדערט פראנק א מאָנאט, וואָס זיא וועט פון סאקאר'ן קריע־נען ,וועט זיא קענען איהר ברודער העלפען...

און זיא האָט אָנגענומען.

אין איין וואָך האָט זיא דאן גרויסע ענדערונגען אין זיין הויז־ווירטשאפט געמאכט. דעם קאָך און זיין פרוי האט זיא אבגעשאפט. פון אלע בעדיענטע האט זיא נור איבערגעלאָזט דעם לאקיי מיט'ן קוטשער און א קעכין האָט זיא אריינגענומען. אין דיא שטאהלען האָט זיא נור איבערגעלאָזט איין פערד און איין וואָגען, האָט געפיהרט אלע זיינע רעכנונגען און אין פערלויף פון צוויי וואָכען האָט זיא פערקלענערט סאקאר'ס הוצאות אויף א העלפט.

סאקאר איז געווען זעהר צופריעדען פון איהר.

אויף אזא'ן אופן זיינען קאראָלינע און סאקאר אלץ נע־הענטער בעפריינדעט געוואָרען. דיא פערשלאָסענע טהיר, וואָס האָט פריהער געהאט פערשפארט דעם דורכגאנג פון סאקאר'ס צימערען צו דיא טרעפען, וואָס האָבען געפיהרט צו קאראָלי־נע'ס און איהר ברודער'ס וואוינונג אויף'ן צווייטען שטאָק, האָט מען געעפענט ; און איצט איז מען געגאנגען פריי איי־נער צום אַנדערן.

בשעת געאָרג האמעלען איז דאָרט געזעסען אויבען פער־שפארט ביי זיך אין ארבייטס־קאבינעט פון אין דער־פריה ביז שפעט ביינאכט, ארבייטענדיג איבער זיינע פלענער, האָט קאראָלינע זיך עטליכע מאָל אין טאָג אראָפגעכאפט אונטען צו סאקאר'ן און האָט דאָרט דיא ווירטהשאפט געפיהרט.

סאקאר'ן איז שטארק אנגענעהם געווען צו זעהן דיעזע שעהן געוויקסיגע פרוי מיט דעם זילבער־ווייסען קאָפ און מיט דעם יונגען פרישען פנים, וויא זיא טרעט דאָרט מיט פעסטע, שטאָלצע טריט איבער זיינע גרויסע צימערען און וויא זיא בעל־הבית'עוועט דאָרט.

קאראָלינע איז ווידער מונטער און לעבעדיג געוואָרען זינט זיא האָט דיא דאָזיגע בעשעפטיגונג געקראָגען. זיא האָט —וויא פריהער — געטראָגען אן איינפאך שווארץ קלייד און

אין דער טאש האט פרעהליך געקלונגען א בינטעל שליסלען. עס האט איהר געמוזט שפאס מאכען, וואס זיא, דיא געביל־דעטע, דיא פילאזאפקע, איז א געוועהנליכע הויז־ווירטהין ביי א פערשוועגדער, וועלכען זיא האט בּיסלעכווייז ליעב גע־קראגען, וויא א צובאלעוועט קינד.

איינמאל איז סאקאר'ן איינגעפאלען: וואס וואלט גע־ווען, ווען ער זאל זיא אמאל אין זיינע ארעמס דריקען... נאך אלעמען דער אונטערשיעד אין יאהרען איז צווישען זיי גאר ניט אזא גרויסער, סך הכל איז ער עלטער פון איהר נור מיט פערצעהן יאהר... קען דאס געמאהלט זיין, אז דיא גאנצע צעהן יאהר, זינט זיא איז פון איהר מאן אוועק, האט זיא מיט קיינעם נישט געהאט מעהר צו טהאן ?... אמת טאקי, ער ווייסט, אז איהר ברודער'ס א גוטער פריינד, א קויפמאן, מיט'ן נאמען באדוען, האט זיא היים ליעב געהאט, בשעת זיא האט געוואוינט אין ביירוט. ער ווייס אויך, אז יענער דארף באלד קומען קיין פאריז, וויל מיט איהר התונה האבען, ווארט נור ביז איהר מאן, וואס איז אין א דול־הויז — פון שכרות איז ער משוגע געווארען — וועט שטארבען. יענער האט הפנים מיט איהר יא פערקעהר געהאט. ווארום זאל ער, סאקאר, ניט זיין איהר צווייטער ?...

אבער ניט אלע מאל האט ער וועגען איהר אזוי געטראכט. זיא איז געווען אזא גוטע קאמראדין, אז סאקאר האט גאנץ אפט פערגעסען, אז זיא איז א פרוי.

און אפילו דעמאלט, ווען איהר געזונדער קערפער פלעגט איהם יא אויפרייצען, האט ער זיך אויך תמיד געזוכט צו באַ־הערשען, האט נור איהר האנד געדריקט שטארק, שטארק...

און מיט אמאל איז קארלינע ווידער אונמוטהיג גע־ווארען. און איינמאל אין דער פריה איז זיא ארונטערגעקומען געבראכען, זעהר בלאס און מיט רויט־פערוויינטע אויגען. סאקאר האט ביי איהר געפרעגט, וואס דאס איז, זיא האט אבער פאר קיין פאל נישט געוואלט זאגען. ערשט אויף מאר־גען איז ער געוואהר געווארען ווארום זיא איז אזוי געבראכען.

ארויפקומענדיג צו איהר אויבען, האָט ער ביי איהר אויפ'ן טיש דערזעהן א בריעף מיט א חתונה איינלאדונג פון באדוען'ען. ער האָט חתונה געהאט מיט א יונג, זעהר רייך מיידעל, א טאָכ־טער פון ענגלישען קאָנסול.

דאָס איז געווען פאר איהר א שרעקליכער קלאָפּ. דער דאָזיגער באנאלער בריעף איז אָנגעקומען אזוי אונערוואַרטעט און פּונקט אין א צייט, ווען איהר האָפנונג, חתונה צו האָבען מיט באדוען'ען, האָט זיך כמעט ווי פערווירקליכט. וואָרים מיט צוויי טעג פריהער איז איהר מאן געשטאָרבען אין דול־הויז.

דעם זעלבען אבענד האָט זיא ערוואַרטעט א צווייטע אי־בערראשונג. איידער זיא איז געגאַנגען שלאָפען, איז זיא, וויא תמיד, צו סאקאר'ן אַרונטער, אום דורכצוריידען זיך מיט איהם וועגען דעם, וואָס זיא וועט מאָרגען דאַרפען אין הויז.

סאקאר האָט אָנגעהויבען מיט איהר צו ריידען וועגען איהר אונגליק, האָט גערעדט צו איהר אזוי זאנפט און ליעב, אז זיא האָט זיך צו־וויינט אויפ'ן קול.

אין דיעזער לאגע, צומישט און אָהן ווילען, האָט זיא אין זיינע ארעמס געזונקען און האָט זיך איהם אָפּגעגעבען...

ווען זיא איז שפּעטער צו זיך געקומען, איז זיא נאָך טרויעריגער געוואָרען. ווארום האָט זיא דאָס געטהאָן ? זיא ליעבט דאָך איהם ניט, ער האָט דאָך אודאי זיא אויך ניט ליעב !...

ניט מחמת סאקאר'ס עלטער און זיין אויסזעהן איז איהר ניט געפעלען געווען ; ניין, כאָטש ער איז געווען אן עלטע־רער מענש און ניט שעהן, איז ער מיט זיין ריהרעוודיגער שווארצער פיגור און בעוועגליכען פּנים איהר אנגענעהם געווען, הגם זיא אליין האט עס ניט געוואוסט. זיא האט אבער זיך ניט געקענט מוחל זיין, וואָס זיא — אזא פּראקטישע, קלוגע פרוי, וואס האט שוין זיך אזוי פיעל אנגעליטען אויף דער וועלט, האט זיך אפּגעגעבען, ניט וויסענדיג אליין, וויא אדער ווארום, וויא א געפאלענע פרוי ! אויסער דעם, האט זיא געפיהלט, אז

ער אליין איז אויך ניט צופריעדען פון דער געשיכטע, אז ער בעדויערט, דאכט זיך...

ווען ער האט זיא נאכדעם גענומען טרייסטען און איהר אגב אנצוהערעניש געגעבען, אז באדוען איז געווען איהר גע־ליעבטער, האט זיא זיך זיך העפטיג א כאפ געטהאן און זיך גע־שווארען, אז זיא איז קיינמאל יענעמס געליעבטע ניט געווען.

סאקאר האט אפריהער געמיינט, אז זיא שווערט זיך דאס נור, מחמת ווייבערשען שטאלץ. אבער זיא האט זיך ווידער געשווארען מיט אזא קראפט און איהרע שעהנע אויגען האבען בעת דעם איהם אנגעקוקט מיט אזא קלאהרער אויפריכטיג־קייט, אז ער האט דערפיהלט, אז זיא זאגט אמת...

הייסט עס, אז מיט קיין געליעבטען האט זיא קיינמאל ניט געהאט צו טהאן. סאקאר האט זיך דערפיהלט אין א פער־לעגענהייט און האט זיך א ווארט געגעבען, זיא לאזען צורוה.

צוויי וואכען איז קאראלינע געווען זעהר אונמוטהיג, דאס לעבען איז איהר מיאוס געווארען. זיא האט געארבייט, וויא פריהער, אבער אפגעלאזען, אהן חשק, וויא אן אויטאמאט.

דאמאלס האט זיא נור איין צושטרייאונג געהאט. ווען זיא איז נור פריי געווען, פלעגט זיא זיך אוועקשטעלען ביים פענס־טער אין איהר ברודער'ס ארבייטס־קאבינעט, אנשפארען איהר שטערן אויף דיא שויבען און קוקען און קוקען אין גארטען פון דעם שכן באוויליע'ס פאלאץ, אין וועלכען זיא האט שוין לאנג דערקענט פערבעהאלטענע צרות, וואס מען זוכט דארט פערצווייפעלט צו דערשטיקען, לייט זאלען זיי ניט ארויסזעהן.

הייסט עס, אז דארט זיינען אויך געווען אונגליקליכע מענשען! הייסט עס, אז דארט זיינען אויך פאראן שמערצען און ליידען!

דאן האט זיך איהר אויסגעוויעזען, אז איהרע אייגענע צרות פיהלט זיא גאר ניט, נור יענעמס ליידען, יענעמס יסורים, דיא ליידען און יסורים פון דער פאמיליע באוויליע.

דיא פאמיליע באוויליע האט אמאל געהאט, אויסער

גרויסע גיטער אין טוריין און אין אנזשאו, א גרויסען פּאלאַץ אויף רי דע־גרענעלל. פון דעם אַלעם איז ביי איהר איצט פערבליעבען אין פּאַריז דער קליינער פּאלאַץ, וואס איז פאר הונדערט יאהרען געשטאַנען אונטער דער שטאָדט און היינט מחמת פּאריז האט זיך אזוי פערגרעסערט — שטעהט ער אויף רי סען לאזאר.

דיא עטליכע שעהנע בוימער פון גארטען ביים פּאלאַץ זיינען געשטאַנען וויא אין א ברונים פערזונקען, און מאָך האט דאָרט צופרעסען דיא צוברעקעלטע ריעזען־גרויסע טרעפּען פון דעם הויפּט־אריינגאנג.

דאס שטיקעל נאטור דאָרט איז וויא אין א געפענגניס פערשפּארט געווען און אין גאנצען האָט עס אויסגעזעהן, וויא א זאַנפטער און טויטער ווינקעל, פון שטומער פערצווייפ־לונג.

דיא ערשטע פערזאָן, וואס קאראלינע האט אין יענעם גארטען דערזעהן, איז געווען דיא אַלטע גרעפין באַווילע. זיא איז דאָרט געשטאַנען אויף דיא צובראָכענע טרעפּען. א הויכע, דארע, זעכציג יעהריגע פרוי מיט א שנעע־ווייסען קאָפּ, דינע ליפּען, לאַנגער נאָז און מיט א לאַנגער, לאַנגער האלז, וויא ביי א שוואַן. באלד נאָך איהר איז ארויסגעקומען איהר טאָכטער אליציא, וואס איז אַלט געווען א יאהר פינף און צוואנציג, אבער זיא איז געווען אזוי אונענטוויקעלט און בלוט־ארעם, אז ווען איהר פּנים וואָלט ניט געווען אזוי פערוועלקט און צוקנייטשט, וואָלט מען געקענט מיינען, אז זיא איז נאָך א שוהל־מיידעל. עהנליך צו איהר מוטער, האט איהר אבער געפעהלט דיא פּאַרנעהמקייט פון דער לעצטער. איהר האלז איז געווען נאָך לייננער וויא ביי איהר מוטער. איהר גאנצעס אויסזעהן האט פערקערפּערט דעם שרעקליכען אונטערגאנג פון דעם אמאָליגען אריסטאָקראַטישען שטאַם.

ביידע פרויען האָבען געלעבט איינזאַם, זייער פערדינאַנד, דער אַלטער׳ס זוהן, איז אוועק צום פּאבסט אין מיליטער.

אַלע טאָג, ווען עס האט ניט גערעגענט, זיינען מוטער און

טאָכטער צוזאַמען אין גאַרטען געגאַנגען און האָבען דאָרט געשפּאַציערט לאַנגזאַם, ניט רעדענדיג קיין וואָרט.

און דיעזער לאַנגזאַמער שפּאַציער־גאַנג, כאָטש זיי האָבען געשפּאַציערט צוליעב געזונד — צווישען די הונדערט־יעהריגע אַלטע בוימער, וואָס האָבען אַזוי פיעל הערליכע פעסטען אין אמאָליגע צייטען געזעהן, האָט געמאַכט אַזאַ עלענדען איינדרוק, אַזוי וויא די צוויי בלייבע פרויען וואָלטען מיט זיך דעם טרויער אַליין אין גאַרטען שפּאַציערען געפיהרט.

פון יענער צייט אָן האָט זיך קאַראַלינע פעראינטערעסירט מיט זיי. ניט אויס נייגעריגקייט, נור אויס אמת'ן רחמנות האָט זיא נאָכגעקוקט איהרע שכנות און האָט ביסלאַכווייז זיך דערוואוסט אַלע זייערע סודות, וואָס זיי האָבען געזוכט צו פערבעהאַלטען פאַר לייטען. אין שטאַל איז ביי זיי געשטאַנען א פערד און א וואָגען. אן אַלטער דיענער האָט אויף דעם אַכטונג געגעבען, דער זעלבער איז אויך געוועזען קאַמער־דיענער, קוטשער און הויז־פיהרער. די קעכין איז אויך געוועזען קאַמער־פרוי.

נור ווען זיי האָבען זיך געדאַרפט ווייזען פאַר לייטען, דאַן האָבען זיך די דאַמען אַלע מאָל געוויעזען אין גלאַנץ און פּוץ. זיינען זיי ארויסגעפאָהרען שפּאַציערען, איז דער וואָגען אַלע מאָל געוועזען שעהן געשפּאַנט. איינמאָל אין צוויי וואָכען האָבען זיי געהאַט געסט אויף מיטאָג, דאַן איז דער טיש אַלע מאָל סערווירט געוועזען מיט די טהייערסטע שפּייזען.

בכדי עס צו קענען אויספיהרען, האָבען מוטער און טאָכטער פריהער איינגעשפּאָרט דאָס געלד אויף דעם פון זייער טאָג־טעגליכען עסען, האָבען אָפט פּשוט געהונגערט. ניט זעלטען זיינען זיי אָפּגעקומען מיט א שטיקעל טרוקען ברויט, וואָס זיי האָבען פריהער אויף א ברעט געטריקעט, בכדי עס זאָל זיין שפּאָרעוודיגער און זעטיגער. מאַנכע פון זייערע וועש האָבען זיי אַליין בסוד געוואַשען, בכדי זיי זאָלען ניט דאַרפען צאָהלען פיעל דער וועשערין. דער אַלטער דיענער האָט געלאַטעט דער פרייליינס אַלטע שיך, און די קעכין האָט מיט

טינט שווארץ געמאכט דיא אפגעריבענע האנדשוה פון דער גרעפין, דער מוטער׳ס אלטע קליידער האט מען איבערגע־מאכט פאר דער מאכטער און דיא היטען האבען זיי געטראַ־גען יאהרען־לאנג.

ווען מען האט זיך ניט געריכט אויף געסט זיינען דיא זאאלען אויפ׳ן פארטער און דיא גרויסע צימערען אויפ׳ן ערש־טען שטאָק פערמאכט געווען. אין דעם גאנצען פאלאץ האבען זיי בעוואָהנט נור איין ענגען צימער. איז דאס פענסטער געווען אָפען, האט מען געקענט זעהן, וויא דיא אלטע גרעפין זיצט, וויא אן ארימע בירגער־פרוי, און פעררינכט איהר אלטע וועש און דיא מאכטער — שטריקט זאָקען פאר איהר מוטער. אין א טאָג, ווען עס האט געגאָסען א גוס־רעגען, האט מען זיי ביידען געקענט זעהן ארונטערגעהן אין גאָרטען און צונויפקליי־בען דעם זאמד, וואס דער רעגען האט געהאט ארונטערגע־וואשען.

קאראלינע האט איצט שוין גוט געקענט זייער גאנצע לע־בענס־געשיכטע. דיא גרעפין באוויללע האט פריהער פיעל אויסגעשטאנען פון איהר מאן, וואס איז געווען א גרויסער הולטאי. איינמאל א ביינאכט האט מען איהם געפונען אין וועגדאָם מיט א קויל אין לייב און מען האט איהם אהיים געבראכט. איהר האט מען דערצעהלט, אז אויפ׳ן געיעג האט מען איהם אונגערן דערשאָסען. עס איז אבער ניט געווען אזוי: דערשאָסען האט איהם אימיצער פאר פערפיהרען א ווייב אדער א מאכטער...

נאָך זיין מוידט איז זיא געבליעבען ארים. אלע גיטער האָבען דיא בעלי חובות צוגענומען. עס איז איהר נור פער־בליעבען איין קליין הויפעל אָבלע, וואָס איז געלעגען א פאָר שטונדען רייזע פון וועגדאָם און וועלכער האט אריינגעבראכט פופצעהן טויזענד פראנק א יאהר. דאָרט איז געווען דיא איינ־ציגע הילפס־קוועלע פאר דער אלמנה און איהרע ביידע קינדער. זיא האט אבער געמוזט צאָהלען דיא היפאטעקען־חובות, וואס זיינען געלעגען אויף איהר פאלאץ, וואו זיא האט איצט גע־

וואָהנט, א ניט וואָלט מען איהם אויך ביי איהר צוגענומען, האט זיא געצאָהלט פון דיא איינקינפטען, וואס זיא האט גע־האט פון דעם הויפעל אבלע. אזוי איז איהר אין גאַנצען איבער־געבליעבען פאר לעבענסמיטעל זעקס־זיבען טויזענד פראנק א יאהר. און אויף דעם געלד האבען געדאַרפט לעבען זיא און איהר זוהן און איהר טאָכטער, אויסער דיענערס און דיענסטען און לעבען אזוי, אז לייט זאָלען ניט קענען זאָגען, אז דיא גרעפין איז געפאַלען.

אזוי לעבט דיא אַלטע גרעפין שוין אכט יאהר, ליידעט נויט און מאַנגעל, פאר לייטען אבער איז זיא ניט געפאַלען.

דיא גאַנצע אכט יאהר האט זיא אַלץ געהאָפט, איהר טאָכטער צו פערהייראטען מיט אן אדעליגען און איהר זוהן פאר א סאָלדאט צו מאכען.

אפריהער האָט איהר פערדינאַנד געוועזט א סך זאָרגען פערשאַפט מיט זיינע אויפפיהרונגען. זיא האָט געדאַרפט פאַר איהם שולדען בעצאָהלען; אבער אז זיא האט איהם אויפגע־קלעהרט זייער לאַגע, איז ער גלייך אנאַנדער מענש געוואָרען.

אין גרונד גענומען איז ער געווען א ווייכער, ליעבענ־דער יונגערמאַן, אבער זעהר שטאָלץ ביי זיך און מיט זעהר בעשרענקטע פעהיגקייטען, אזוי, אז צו קיין אַמט האט ער ניט געטויגט.

איצט, אז ער איז א סאָלדאט געוועזען אין דער ארמיי פון פאַפסט, איז דיא מוטער נאָך אַלץ ניט געווען אין גאַנצען רוהיג וועגען איהם, ווארום ער איז געווען קרענקליך און בלוט־ארעם און דער קלימאַט אין רוים האט פאר איהם גאר ניט געטויגט.

פאר אליציאַין האט איהם אויך זעהר וועה געטהאָן דאס הארץ. קיין שידוך מאַכט זיך ניט און דאס מיידעל ווערט מיט יעדען טאָג אַליץ בלאַסער, אַליץ שוואכער און אַליץ חושך׳דיי־גער. שטילערהייט האט דיא אַלטע מאַמע איהרע אויגען אויס־געוויינט.

אליציא אַליין האט אויך שטארק געליטען. זיא איז גע־

ווען א גאַנץ פּעהיגע מיידעל. מיט'ן גאַנצען פייער פון איהר הארצען האט זיא געבענקט נאָך לעבענס-פרייד, נאָך ליעבע, נאָך גליק מיט א מאַן. אָבער אַזוי וויא זיא האָט רחמנות געהאַט איבער איהר מוטער, האָט זיא איהר געפּרואווט איינריידען, אַז זיא טראַכט אפילו ניט וועגען חתונה האבען, האט געלאַכט פון פאַמיליען-לעבען און גע'טענה'ט, אַז זיא פיהלט אין זיך, אַז זיא וואָלט קיינמאָל ניט חתונה געהאַט. אין דיא נעכט אבער האט זיא הייסע טרעהרען אין דיא קיסען בעגראָבען און זיא האט געפיהלט, אַז זיא ווערט צוריסען פון בענקעניש און טרויער.

דורך ניט דערעסען און ניט דערטרינקען איז דער אַלטער גרעפין דאָך געלונגען אפצושפּאָרען צוואַנציג טויזענד פראַנק פאר אליציא'ן אויף נדן. אויך האט זיך איהר איינגעגעבען צו ראַטעווען פון אמאָליגען ציערונג א בראַסלעט, א פּאָאר רינגען און אויערינגלאך, וואס צוזאַמען איז דאס אויך ווערטה געווען א צעהן טויזענד פראַנק.

אוודאַי איז דאָס ניט קיין וואַזשנער נדן פאר דער גרע-פין באווילליע'ס טאָכטער, אבער וואס קען מען זיך העלפען ? . .

דאָך האט דיא גרעפין איהר האָפנונג און מוטה ניט אויפ-געגעבען און האט זיך שטייף געהאַלטען אָן איהר יחוס. זיא איז קיינמאָל צופוס ניט ארויסגעגאַנגען און ווען זיא האט געסט געהאַט, האט קיין זאך ניט געטאָרט פעהלען אויפ'ן טיש.

זיא אליין איז טאקי וואָכען און מאָנאַטען אפּגעקומען מיט טרוקענעם ברויט, צי מיט קארטאָפעל אָהן פוטער אפילו אבער פאר לייטען, פאר דער וועלט האט זיא געמוזט זיין און פערבלייבען דיא גרעפין באווילליע.

אַזוי האט זיא זיך געפיהרט טאָג איין טאָג אויס, געליטען און געפּלאָגט זיך מיט א שמערצליכער און קינדערשער העל-דענמוטה, און אין דער זעלבער צייט האט דער פּאַלאַץ געזונקען אַלץ מעהר און מעהר איבער מוטער'ס און טאָכטער'ס קעפּ . . .

ביז אהער האט קאראלינע קיין געלעגענהייט ניט געהאַט מיט דער גרעפין און איהר טאָכטער צו ריידען. זיא האט נור

געוואוסט דיא אַלע סודות פון זייער לעבען, וועלכע יענע האָ־בען אַזוי בעהאַלטען פון דער וועלט. אָפט פלעגען זיי זיך אַלע דריי דורכוואַרפען מיט בליקען, וואס האבען פון מיטגעפיהל גערעדט.

עס האט אבער געטראָפען, אַז זיי האבען זיך באַלד בע־קאַנט געמאַכט דורך דער פּרינצעסין ארווייעדא.

דער פּרינצעסין איז איינגעפאַלען, פאר איהר קינדערהיים אַן אויפזיכטס־קאָמיסיאָן פון צעהן פרויען צו גרינדען, וועלכע האט זיך געדארפט צוויי מאָל אין מאָנאט פערזאַמלען, דאס הויז בעטראַכטען און אונטערזוכען אַלעס, וואס דאָרט קומט פאָר. דיא ערשטע האט דיא פּרינצעסין אין קאָמיסיאָן איינגע־לאַדען דיא גרעפין באַווילליע, וואס איז געווען איהרע א פריינ־דין פון אמאָל. מאכט זיך, אַז דיא אויפזיכטס־קאָמיסיאָן האט אונערוואַרטעט איהר סעקרעטער פערלאָרען. סאַקאר, וואס האט זיך נאָך אַלץ בעשעפטיגט מיט דער אַדמיניסטראַציאָן פון „ארבייטס־הויז“, האט רעקאָמענדירט קאַראַלינע׳ן פאר סעקרע־טער. ארבייט איז דאָרט געווען פאר א סעקרעטער א היבשע ביסעל. מען האט געדארפט פיעל שרייבען. אויסער דעם איז דאָרט געווען א סך הויז־ווירטהשאפטליכע ארבייט, וואָס דיא איבריגע דאַמען האט ניט געפּאַסט צו טהאָן.

שוין באַלד, וויא קאראלינע איז אין דער קאָמיסיאָן אריינ־געטראָטען, האט זיא גלייך ארויסגעוויזען דיא פרוי, וואס האט געבענקט נאָך א קינד, נאָך מוטער־פריידען. זיא האט זיך פערטראָגען מיט א מערקווירדיגער צערטליכקייט צו יענע ארימע קינדערלאַך, וועלכע מען האט געזוכט צו ראַטעווען פון פאַריזער שמוץ.

אויף א זיצונג פון דער קאָמיסיאָן האט קאראַלינע זיך געטראָפען מיט דער גרעפין באַווילליע. נור זיא האט קאַרא־לינע׳ן אזוי קאַלט געענטפערט אויף׳ן גרוס, אַז זיא האט גלייך פערשטאַנען, אַז דער גרעפין איז ניט אנגענעהם זיך צו טרע־פען דאָ מיט א פרוזאָן, וואס וויים וועגען איהר ארעמקייט...

פון דאמאלס אָן האבען זיי זיך ביידע געגריסט, ווען נור

זייערע אויגען האבען זיך געטראָפען. ניט צו גריסען איינער דעם אנדערען וואָלט שוין איצט געווען גראָב.

איינמאָל, ווען קאראלינע'ס ברודער האט גערעדט מיט סאקאר'ן וועגען זיינע פּלענער, איז זיא געשטאַנען, וויא געווענליך, ביים פענסטער פון איהר ברודער'ס קאבינעט און האט זיך איינגעקוקט, וויא דיא גרעפין מיט איהר טאָכטער שפּאַציערען איבער'ן גאָרטען. זיא האָט אַ קוק געטהאָן אויף זייערע פּיס און איז פערציטערט געוואָרען:ביידע האָבען געטראָגען אזוינע שיך, וואס קיין שום שמאַטעס-קלייבער וואָלט אזוינע צווישען זיינע שמאַטעס אפילו ניט געוואָלט האלטען...

— אך, וואס פאר אן אונגליקליכע פרויען! — האט זיא ארויסגעמורמעלט — וויא זיי מוטשען זיך דאס, בכדי צו קענען שפּיעלען זייער אַלטע ראָלע פאר דער וועלט!

דאַן האט זיא זיך בעהאַלטען הינטער'ן פאַרהאַנג פון פענסטער, אום דיא אַלטע זאָל ניט בעמערקען, אַז זיא האט זיי געזעהן אין אזוינע שיך און זאָל דערפון נאָך מעהר ניט ליידען.

קאראלינע אליין האט זיך אין דיא לעצטע דריי וואָכען בערוהיגט אביסעל. דער גרויסער שמערץ, וואס האט ביי איהר ארויסגערופען דאס, וואס איהר געליעבטער האט חתונה געהאט, האט איצט איינגעשלומערט אין איהר נשמה. זינט זיא האט דערזעהן, וויא יענע ליידען דאָרט, האט זיא אָן איהרע אייגענע שמערצען פערגעסען. דאָך פלעגט זיא זיך אמאָל וואונדערען, וואס זיא קען ווידער לאַכען.

זיא האט נאָך אַ ווײלע געקוקט פערטראַכט אויף דיא פרויען אין גארטען, דאַן האט זיא זיך אַ קעהר געטהאָן צו סאקאר'ען און ארויסגערעדט:

— זאָגט מיר נור, ווארום קען איך ניט זיין טרויעריג? ניין, לאַנג קען איך ניט זיין טרויעריג, איך קען ניט, מעג אין מיר אפילו דיא נשמה צוריסען ווערען!... איז דאס עגאָאיזמוס? איך גלויב עס ניט. דאס וואָלט געווען צו מיאוס. ניין, ניין, דאס איז עס ניט! ווען איך וואָלט אַ עגאָאיסטקע געווען,

וואָלטען מיר ניט געקימערט פרעמדע לײדען! איך אבער קען ניט צוזעהן קײן פרעמדע לײדען; מעג איך זײן וויא לוסטיג, בעמערק איך אבער, אז אימיצער איז אונגליקליך, ווילט זיך מיר וויינען... וויא פּאסט זיך דאס מיט עגאָאיזמוס!

זיא האט זיך צולאכט מיט איהר הערצליכען געלעכטער און גערעדט ווייטער:

— און איין גאָט ווייס, אז איך האב גענוג אורזאכען געהאט צו האסען דאס לעבען. ביז איצט האט מיך דאס גליק ניט געבאַלעוועט. נאָך מײן חתונה האב איך געהאט ביי מיין מאן א גיהנם. דאמאלס האב איך א לאַנגע צייט געמיינט, אז קיין אנדער עצה האָב איך ניט, ווי נור אין וואסער זיך אריינצוואַרפען! שפּעטער, ווען איך בין מיט מיין ברודער אוועקגעפאָהרען נאָך עגיפּטען, האָב איך באַלד פערגעסען אָן אַלע מיינע פריהערדיגע צרות, און מיין הארץ איז פולל געוואָרען מיט האָפנונגען.

ווען מיר האבען זיך צוריקגעקעהרט קיין פּאריז, האבען מיר שרעקליכע נויט געליטען, דאָך וויא עס איז אונז אביסעל לייכטער געוואָרען, אזוי גלייך האב איך אנגעהויבען צו חלום'ען פון זעהר גרויסע גליקען, פון מיין ברודער'ס פּלענער, מיט איין וואָרט, פון אזוינע זאכען, איבער וועלכע איך מוז מאַנכעס מאָל לאכען... אין דיא לעצטע צייט, ווען איך האב געקראָגען יענעם שרעקליכען קלאַפּ, וועגען וועלכען איך קען נאָך היינט ניט רוהיג ריידען, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, וויא מען וואָלט מיר מיין הארץ ארויסגעריסען... יא, יא, איך האָב ווירקליך געפיהלט, אז עס איז שטעהן געבליעבען, עס שלאָגט שוין ניט מעהר, און איך האָבשוין געהאט גערענקט, אז עס איז שוין א סוף, אן עק, אז אוים צרות, אוים לײדען, אוים לעבען... אבער עס איז אוועק! דאס הארץ שלאָגט ווייטער, איך לעב און לאָך ווידער, און האָף ווייטער... איז דאס ניט מערקווירדיג, וואס לאַנג קען מען ניט זיין טרויעריג?

סאקאר האט א דריק געטהאָן מיט דיא אקסלען און געשמייכעלט.

— איהר זייט וויא אלע מענשען — האט ער זיך אבגע־רופען — אזוי איז שוין דער מענש און אזוי איז דאס לעבען!

— אזוי מיינט איהר? — האט זיא זיך אפגערופען פער־וואונדערט — און מיר קומט פאר, אז עס זיינען פאראן מענ־שען, וואס זיינען קיינמאל ניט לוסטיג, וועלכע קוקען אימער אויפ'ן לעבען מיט שווארצע, פינסטערע אויגען. איך בין אפילו ניט גענארט אין'ם לעבען, קיין שעהנע גליקען האט עס מיר קיינמאל ניט געגעבען און צרות איבער גענוג, און דאך האב איך עס ליעב, איך וויים אליין ניט ווארום. מעג היינט דאס לעבען אלעס ארום מיר חרוב מאכען, אויף מארגען אבער שטעה איך שוין אויף דיא חורבות און קוק מיט האפנונגספולע אויגען ווייטער... אפטמאל האב איך געטראכט, אז מיט מיר קומט פאר דאס זעלבע וואס מיט דער גרויסער מענשהייט אין גאנצען... זיא לעבט אויך אין עלענד און נויטה, אין א ים פון צרות, און א סך מאל דאכט זיך, אז אט־אט געהט זיא אונטער... נור באלד בעווייזט זיך דיא שעהנע יוגענד, און וויעדער האפט דיא מענשהייט איהרע שעהנע האפנונגען, און וויעדער פיהלט זיא אין זיך פרישע כוחות... נאך יעדען קלאפ, וואס איך קריעג פון'ם לעבען, קומט גלייך א נייע האפנונג, א גליקליך־מאכענדיגער פריהלינג, וואס דערוואַרעמט און ער־מונטערט מיך. דאס אלטע ווירקט אויף מיר גאר ניט. איך בין נאאיוו געגוג, ניט צו בעמערקען, וויא איך ווער אלט. ווזסט איהר, איך האב פיעל געלעזען, אפשר צופיעל פאר א פרוי, און איך וויים אלץ, וואס מיט מיר קען מארגען געשעהן, פונקט וויא דיא גאנצע וועלט וויים עס ניט. דאך דאכט זיך מיר אמאל, אז מיך, אונז אלעמען, ערווארטעט עפעס גרויסעס, שעהנעס, פרעהליכעס און גליקליכעס...

דיא לעצטע ווערטער האט זיא ארויסגערעדט אין א שפא־סיגען טאן, בכדי ניט ארויסצואווייזען איהר אויפרעגונג און האפנונג. דער ברודער האט זיא אנגעקוקט מיט אויגען, פול פערעהרונג און דאנקבארקייט.

— אָה, דוא! — האט ער זיך אפּגערופען — דוא ביזט שטארק, דוא קענסט ליידען און דוא ביזט דיא פערקערפּערטע ליעבע צום לעבען!

אין דיעזע פריהמאָרגענדיגע געשפּרעכען האט קאראלינע וויעדער אפּגעלעבט, און וויעדער האט זיא גענומען האָפען, אז פון איהר ברודער׳ס פּלענער ועט זיך עפּעס אויסלאָזען. איבערהויפּט האט זיא געגלויבט אין סאקארין, וועלכער האט דיא לעצטע צייט גענומען ריידען אָפטער און אין א זיכערערען טאָן וועגען אויספיהרען יענע פּלענער.

סאקאר האט שוין געגרינדעט דיא „גענעראל געזעלשאפט פון דיא פעראייניגטע דאמפף־שיפען", האט שוין פערכאפּט דעם מיטעללענדישען ים, האט שוין געהאַט זיינע שיפען אין אלע האפענס. איבערהויפּט האט ער פון אויג ניט ארויסגעלאָזט יענעם ים, וועלכען דיא אלטע וועלט האט גוט געקענט, יענעם בלויען ים, וואס אויף זיינע ברעגעס האט דיא קולטור אויפגעבליהט, וואס זיינע כוואליעס האבען דיא שטעדט פון גרויען אלטערטהום בעשפּריצט — אטהען, טוירוס, אלעקסאנדריא, קארטהאגא, מארסעיל, — דיא אלע שטעדט, פון וועלכע אייראָפּא האט ארויסגעשפּראָצט. נאכדעם, וויא מען האט שיפען געלאָזט איבער דיא אלע דאָזיגע וועגען, האט מען זיך, סאקאר און זיין קאָמפּאניע הייסט עס, א נעהם געטהאָן צו בעארבייטען דיא זילבער־מינען אין סיריען. דיעזע אונטערנעהמונג איז גלאָט אזוי זיך, ניט גאָט וויים וואס פאר א גליקען עס שטעקען אין איהר, נור א פּאָר מיליאָנעלאך פון דער זייט מאכען קען ניט שאדען. און אמאָל קען מען ניט וויסען, אפשר קען מען אוצרות גאנצע דאָרט אויסגראָבען. דערצו דער נאמען כרמל איז אויך א גוטע רעקלאמע פאר׳ן פּובליקום. מען וועט פערקויפען אקציען. דאס פּובליקום וועט זיי צוכאַפּען, ווען עס וועט אויף זיי שטעהן דאס וואָרט „כרמל". און קוילען־גריבער זיינען דאָרט אויך פאראַן און זיי וועלען אויך אמאָל ווערטה זיין שטיקער גאָלד, ווען דאס לאנד וועט מיט פאבריקען פערבויט ווערען. גאר דיא קליינע אונטערנעהמונגען,

וויא צום ביישפיעל, דיא גרינדונג פון באנקען און קאנטארטען פאר דיא אויפבליהענדיגע אינדוסטריע־צווייגען, דאס אויס־האקען פון דיא מעכטיגע וועלדער אויפ׳ן לבנון, וואס זייערע ריעזיגע בוימער ווערען אויפ׳ן ארט פערלארען, מחמת עס איז דארט קיין וועג ניטא, — דיעזע „קליינע“ אונטערנעהמונגען האט סאקאר אפילו ניט אריינגערעכענט צווישען זיינע צוקונפטס־פלענער און גליקען. צום סוף איז סאקאר צוגעקומען צו זיין הויפט אויפטהועכץ, צו דער „געזעלשאפט פון אייזענבאהנען אין אריענט“ און דא האט זיך זיין פאנטאזיע צולאזען, אז מיט קיין ווינד וואלט מען זיא ניט געקענט אניאגען... איבער גאנץ אזיען האט ער צושפרייט דיא אייזערנע רעלסען פון אייזענבאהן, גאנץ מזרח איז אין זיינע הענד און אוצרות, אוצרות, אוצרות שעפט ער פון דארט...

און קאראלינע, וויא פראקטיש זיא איז ניט געווען, האט זיך דאך געלאזט הינרייסען פון זיינע פלענער און איז בע־גייסטערט געווען פון זיי.

שולדיג אין דעם איז געווען איהר ליעבע צו דיא מזרח־לענדער, צום אריענט, איהר בענקשאפט נאך יענעם לאנד, וואו זיא האט זיך געפיהלט אמאל גליקליך.

יא, סאקאר אליין וואלט אזוי ניט בעגייסטערט געווארען פאר איהר ברודער׳ס פלענער, ווען זיא וואלט אזוי פיעל שעה־נעם איהם ניט אנדערצעהלט וועגען דיא מזרח־לענדער.

זיא האט איהם דערצעהלט וועגען ביירוט, וואס ליעגט צו פוס פון לבנון אין א געגענד צווישען רויטען זאמד און פעלזען, ביירוט מיט זיינע הייזער, פון גערטנער ארומגערינגעלט, אן אמת׳ער גן־עדן, מיט אראנדזשען, ציטראנען און פאלמען־בוימער פערפלאנצט. דאן וועגען דיא אנדערע שטעדט ביים ים: וועגען אנטיאכיא, וואס איהר אלטער גלאנץ איז פערגאנגען, וועגען סאאידא, דאס אלטע סידאן, דאן טען־זשאן־דע ארד, יפו און טירוס, וואס איהרע סוחרים זיינען אמאל קעניגע געווען, וואס איהרע ים־רייזענדע האבען אפריקא ארום־

געריייזט און וועלכע עס איז היינט מיט איהר פערשאָטענעם האפען און צופאלענע פאלאצען א פעלד פון חורבות...

זיא האט איהם דערצעהלט דיא אלע וואונדער, וואס זיא האט געזעהן אין יענע לענדער, בעת זיא האט בעגלייט איהר ברודער אויף דיא רייזען.

זיא איז בעקאנט געווען מיט אלעפפא, אנגארא, ברוססא, סמירנא, זאגאר מיט טראפעזונט. זיא האט א גאנצען חודש פערבראכט אין ירושלים אויך, נאכדעם צוויי חדשים אין דא־מאסק, וואס דיעזע שטאָדט איז דיא קעניגין פון אָריענט.

זיא האט אויך געקענט דיא דאָרטיגע טהאָלען און בערג, דיא דערפער פון דיא מאראָניטען און דרוזען, וואס זייגען צואוואָרפען דאָ איבער הויכע בערג און דאָרט איבער טיעפע טהאָלען.

אין דיא פערבאָרגענסטע ווינקלאך, אין דיא שטומע מדבריות, אזוי וויאאין דיא גרויסע שטעדט, האט קאראָלינע דאָרט געפונען וואס צו בעוואונדערען. אזא רייכע נאטור! אזוי פיעל נאטירליכע אוצרות ליעגען דאָרט בעגראָבען און פערוואָרפען!

זיא האט דערצעהלט וועגען דיא לאסטען, וואס דריקען דאָרט דעם מסחור און דיא פאבריקאציאָן, וועגען יענעם משונה׳דיגען געזעץ, וואס פערבאָט קאפיטאלען איבער א גע־וויסע ציפער אויף אקערבוי אויסצוגעבען; וועגען דער שרעק־ליכער אונוויסענהייט, אין וועלכער עס זיינען דאָרט פערזונ־קען דיא מיליאָנען מענשען. קיינע שוהלען, קיינע וועגען, א שלעכטע רעגיערונג, ריכטער, וואס פאָדערען לאפקע־געלד, שווערע שטייערען, א שרעקליכער רעליגיעזער פאנאטיזמוס. דערצו נאָך דער אייביגער קעמפפען פון פערשיעדענע דאָרטיגע פעלקער איינס נעגען אנדערען, פון וועלכען גאנצע דערפער ווערען חרוב.

און דאָ פלעגט זיך קאראלינע צוהיצען. וויא קען מען עס אזוי איבערלאָזען — פלעגט זיא אויסשרייען — אזא רייכע נאטור, אזא געבענשט לאנד! א גן־עדן וואָלט דאָך דאָרט

געקענט זיין, ווען עס זאָלען זיך געפינען ריכטיגע אונטער־נעהמער!

— קוקט נור אָן — האט סאקאר אויסגעשריען — דיעזען טהאָל פון כרמל, וואס איהר האט געמאָלען! נור שטיינער און בוימער וואקסען דאָרט; אבער אזוי נור וויא מיר הויבען אָן צו ארבייטען דיא זילבער־מינען, וואקסט דאָרט גלייך אויס אפריהער א דאָרף און נאכדעם א גאנצע שטאָדט. אלע דיא פערשאָטענע האפענס וועלען מיר אויסרייניגען און בעפעס־טיגען. אונזערע שיפען וועלען דאָרט אנקערען. און דיא אלע דאָזיגע וויסטע געגענדען, איבער וועלכע אונזערע אייזענבאה־נען וועלען לויפען, וועלען אפלעבען... יא, דיא פערוויסטע פעלדער וועלען וויעדער נעהמען בליהען, גאסען און קאנאלען וועלען אויפגעבויט ווערען, נייע שטעדט, קורץ, דאס קראנקע לאנד וועט בלוט קריגען, יונגעס, פרישעס בלוט, און עס וועט בליהען און לעבען. יא, דאס געלד וועט דאס אלעס בעשאפען!

דער קלאַנג פון זיין דורכדרינגענדער שטימע האט ביי קאראלינע׳ן ארויסגערופען דאס בילד פון אן אויפגעלעבטער קולטור, וואס האט זיך פאר איהרע אויגען געטראָגען אין לע־בעדיגע פארבען. דיא טוידטע פלענער, דיא געאָמעטרישע צייכ־נונגען האבען לעבען געקראגען, האבען זיך בעפעלקערט... זיא האט אזוי אָפט גע׳חלום׳ט ווענען אן אויפגעלעבטען אריענט, וועלכער איז פון זיין שמוץ גערייניגט, פון זיין אונ־וויסענהייט בעפרייט און וועלכער האט אויך הנאה פון דער גרויסער קולטור, וואס דיא וויסענשאפט האט געשאפען. שוין איינמאָל האט זיא אזא וואונדער געזעהן ביים סועץ׳ער קאנאל, וויא אין פערלויף פון א גאנץ קורצער צייט האט זיך א וויסטע־ניש אין א בליהענדיגע שטאָדט פערוואנדעלט.

יא, יא, דער מענשליכער גייסט, וואס רייסט זיך אימער און אימער פאראויס קען א סך אויפטהאָן און וועט נאָך א סך אויפטהאָן.

העמעלין, וועלכער האט דיא גאנצע צייט זיך צוגעהערט מיט א שמייכעל, האט דאָ אריינגעוואָרפען א קלוג וואָרט:

— אבער דאס איז דאָך אַלץ פּאָעזיע און מיר האַלטען נאָך ניט דערוויילע אפילו ביי דער פּראָזא פון אנהויבען אר־בייטען...

ביז איצט האט סאקאר זיך פאָרגעשטעלט דעם אָריענט פון קאראלינע׳ס ערצעהלונגען און דיא פאנטאזיע האט איהם געמאָהלען, וויא לייכט ער בעזיעגט איהם, דעם אריענט הייסט עס. שפּעטער אבער האט ער גענומען לעזען ביכער וועגען דיא מזרח־לענדער און ער האט דערזעהן גרויסע שווי־ריגקייטען אין וועג.

זייט דאן פלעגט ער יעדען אין דער־פריה ארומריידען מיט העמעלין יענע שוועריגקייטען. אמת מאקי, האָפנונגען זיינען דאָרט גרויסע, מיליארדען און מיליאַרדען האט מען דאָרט גע־קענט אנלעבען, אבער שוועריגקייטען זיינען דאָרט אויך אונ־בעהויער גרויסע.

מען דארף נאָך ניט פערגעסען, אז יענע געגענדען זיינען בעוואָהנט פון א ווילדער, אונוויסענדער בעפעלקערונג, וואס איז זעהר פאנאטיש.

העמעלין, וועלכער האט אין יאהר 1826 צופעליג בייגע־וואָהנט א פּאָגראָם פון דיא דרוזען אויף דיא קריסטליכע אראַ־בער, וואס האט ארויסגערופען פראנקרייך׳ס אריינמישונג, האט ניט געלייקענט דיא גרויסע הינדערנישען, וואס זיי וואָל־טען געהאט פון דער מאהאמעדאנישער בעפעלקערונג און דיא טערקישע בעאמטע. דאָך האט ער פערזיכערט, אז אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל האט ער א גרויסע בעקאנטשאפט מיט הויכע בעאמטע און אז דער גרויס־וויזיר פואד פּאשא אליין האט איהם פערשפּראָכען בעהילפיג צו זיין. פון איהם האָפט ער אַלע נויטיגע קאנצעסיאָנען צו קריגען. אויסער דעם, זעהט ער קלאָהר, אז דיא טערקישע רעגיערונג, וואס נויטיגט זיך אזוי אין געלד, וואָלט גערן אונטערהאנדעלט מיט פּריוואַט־אונטערנעהמער, ווען זיא וואָלט דערביי געקענט עפּעס מאכען.

— אך — האט העמעלין אויסגעשריען — מיר וואָלטען דאן געקענט מאכען א סוף צו דער גאנצער פערפלוכטער

אריענטאלישער פראגע מיט דעם, וואס מיר וואלטען געעפענט זיינע טויערען פאר אייראפא! און פראנקרייך וואלט דאמאלס געהאט מיט וואס צו שטאלצירען פאר דער גאנצער וועלט!

איינמאל אין דער פריה האט העמעלין אין א גאנץ רוהי־גען טאן פערנאנדערגעוויקעלט פאר סאקאר׳ן אזא פלאן:

— ווען מיר וועלען זיין דיא בעלי בתים פון׳ם אריענט, דאן וועלען מיר אין פאלעסטינע ווידער גרינדען א קעניגרייך אונטער דעם פאפסט׳ס ממשלה. צוערשט וועלען מיר זיך בע־גנוגענען מיט ירושלים און יפו. שפעטער וועלען מיר פער־כאפען סיריען אויך. איהר ווייסט דאך מסתמא, אז דיא צייט איז נאהענט, ווען דער פאפסט וועט לענגער ניט קענען פער־בלייבען אין רוים, מחמת דיא שענדליכע בעליידיגונגען, וואס ער מוז אריבערטראגען פון דער איטאליענישער רעגיערונג. אויף דיעזען טאג מוזען מיר זיך צוגרייטען, ווען דער פאפסט וועט געצוואונגען זיין צו פערלאזען רוים.

סאקאר האט אויסגעשטעלט אויף איהם גרויסע אויגען: אזא משוגענער איינפאל האט אפילו סאקאר׳ן אויך צומישט.

— וואס רעדט איהר! — האט ער אויסגעשריען — וועט אייך דיא טערקישע רעגיערונג אפגעבען ירושלים?

— ווארום ניט? — האט העמעלין געענטפערט רוהיג — זיא נויטיגט זיך אזוי אין געלד. ירושלים איז פאר איהר א לאסט, זיא וועט עס געווים אפגעבען. גאנץ אפט ווייס זיא אליין ניט וואס צו טהאן, וויא צו קאנטראלירען דיא פערשיע־דענע פעלקער, וואס קעמפפען צווישען זיך אין דער היילי־גער שטאדט... אויסער דעם האט דער פאפסט אין סיריען אונטער דיא קריסטען א גרויסע שטיצע. קורץ, איך האב אלעס גוט איבערלייגט און אויסגערעכענט. דאמיט וואלט זיך אנגע־פאנגען א נייע ערא פארן קאטאליציזמוס. שטעלט זיך נור פאר, דער פאפסט זיצט אויף זיין טראהן אין ירושלים, אין יענעם לאנד, וואו קריסטוס האט אמאל געשפראכען! איהר קענט רוהיג זיין, אונזער קעניגרייך וואלט געקענט האבען א פעסטען מעכטיגען באדען. מיר וואלטען זיא אויפגעהאלטען

אויף דיא איינקינפטע פון א גרויסען באנק, וואס זיינע אקציען וואלטען געקויפט אלע קאטאליקען פון דער גאנצער וועלט.

סאקאר, וועלכער האט לכתחילה געשמייכעלט איבער העמעלין׳ס פלאן, האט זיך סוף כל סוף אליין הינגעריסען מיט דעם דאזיגען גרויסארטיגען פראיעקט און אין מוח איז שוין ביי איהם באלד געבארען געווארען א נאמען פאר דער באנק:

— דיא באנק פון דעם הייליגען קבר, ניט אמת? פראכטפול! מען קען מאכען גרויסע געשעפטען פון אזא באנק!...

אבער ווען זיינע אויגען האבען זיך אנגעטראפען מיט קאראלינע׳ס, וועלכע האט איראניש געשמייכעלט, האט ער זיך פערשעהמט איבער זיין התפעלות.

— אלענפאלס, ליעבער העמעלין — האט ער זיך אפגערופען מיט א פערשעהמטען שמייכעל — לאזט צורוה דיא קעניגרייך פאר׳ן פאפסט, מיר האבען גענוג אנדערע פלענער, וואס מיר מוזען זעהן אפריהער אויסצופיהרען...

און איידער סאקאר האט אין יענעם אין דער־פריה פערלאזען העמעלין און קאראלינע׳ן, האבען זיי אלע בעשלאסען, אז קודם כל דארף מען גרינדען א קליינע באנק, וואס זאל אנהויבען צו טהאן געשעפטען. נאכדעם ביסלאכווייז, ביסלאכווייז זעהן צו בעהערשען דיא גאנצע וועלט...

אויף מארגען, ווען סאקאר איז געקומען צו דער פרינצעסין ארווייעדא מכוח דיא „ארבייטס־הויז", האט ער זיך דערמאנט אן זיין פארשלאג, וואס ער האט איהר אמאל געמאכט וועגען הייראטען און נאכהער אפגעבען זייער צייט פאר צדקה... ער האט זיך אן דעם דערמאנט און געלאכט פון זיך אין הארצען.

ניין, ער איז ניט געשאפען צו היילען וואונדען ביי ארימע, נור צו קעמפפען איז ער געשאפען, צו קעמפפען פאר גליק און רייכטהום...

אין דעזמעלבען טאג איז סאקאר אריינגעקומען אין אינזשיניר׳ס קאבינעט און האט דארט געטראפען קאראלינע׳ן אליין, שטעהענדיג ביים פענסטער. זיא האט זיך צוגעקוקט, וויא דיא

גרעפין באווילליע און איהר טאָכטער זיצען אין גארטען און לייענען א בריעף מיט טרויעריגע מינעס. דער בריעף איז אודאי געווען פון'ם זוהן פערדינאנד, װעמען עס איז ניט בעזאָנדערס גוט געגאנגען אין רוים.

— זעהט נור! — האט קאראלינע זיך אפגערופען, װען סאקאר איז אריין: — זיי האט שוין דאָרט א נייער אונגליק געטראָפען, דיא אונגליקליכע פרויען! אויף בעטלערס אין גאַנץ האב איך ניט אזוי פיעל רחמנות, וויפיעל אויף זיי!

— אך, וואס איז דאָרט! — האט סאקאר פרעהליך גע־ענטפערט—זאָגט זיי, זיי זאָלען זיך מיט מיר זעהן, איך װעל זיי רייך מאכען, איך װעל דיא גאנצע װעלט רייך מאכען!

און פאר גרויס שמחה און גליק האט ער זיא געוואָלט א קוש טהאָן אויף דיא ליפען. זיא האט שנעל א כאַפּ געטהאָן דעם קאָפּ פון איהם, איז ערנסט און בלייך געוואָרען, אקוראט וויא זיא וואָלט זיך פלוצלונג דערפיהלט שלעכט.

— איך בעט אייך, טהוט עס ניט! — האט זיא ארויס־געשטאַמעלט.

דאס איז געווען דאס ערשטע מאָל, וואס ער האט זיא ווידער געזוכט, זינט יענעם מאָל, בעת זיא האט זיך אין א פערצווייפעלטער, צומישטער מינוט איהם אפגעגעבען. היינט, װען ער איז געוואָרען ביי זיך זיכערער װעגען זיינע געשעפטען, האט ער א טראַכט געטהאָן װעגען ליעבע אויך. ער איז אבי־סעלע צומישט געוואָרען פון איהרע ווערטער.

— איז דאס אייך אונאנגענעהם? — האט ער געפרעגט.

— יא, זעהר אונאנגענעהם.

זיא האט זיך בעהערשט, א שמייכעל געטהאָן און צוגע־לייגט:

— אויסער דעם, גלויב איך ניט, אויב אייך אליין איז דאס זעהר אנגענעהם. איהר ליעבט דאָך מיך גיט...

— איך פערגעטער אייך!

— ניין, ניין, רעדט ניט אזוי, איך בעט אייך! האט בע־סער אין זינען, אז איהר געהט איצט עפּעס אויפטהאָן. און אוי־

סער דעם, געדענקט, אז איך וואָלט זעהר געוואָלט פערבלייבען אייער פריינד, אייער אמת'ער פריינד, ווארום איך גלויב אין אייך און אין אייערע גרויסע פעהיגקייטע, אויפצוטהאָן גרויסע זאכען. איהר זעהט? איינפאכע פריינדשאפט צווישען אונז וואָלט געווען א סך בעסער און אנגענעהמער.

ער האט זיא אויסגעהערט מיט א שמייכעל, פערלעגען און אונענטשלאָסען. הייסט עס זיא וויל איהם ניט? אביסעלע האט עס א טשעפּע געטהאָן זיין אייטעלקייט. באלד אבער האט ער זיך בעהערשט.

— נור פריינדשאפט? ניט מעהר?

— יא, איך וויל נור זיין אייער פריינד, איך וויל אייך העלפען... מיר וועלען זיין פריינד, גוטע פריינד!...

זיא האט צו איהם אויסגעשטעלט איהרע באקען און ער האט צוויי שטארקע שמאָקצע געטהאָן.

— זיא האט טאקי רעכט — האט ער א טראכט געטהאָן.

3.

דער בריעף פון רוסישען באנקיר אין קאָנסטאנטינאָפּאָל, וואס זיגמונד האט איבערזעצט, איז געווען א גינסטיגער ענטפער, אויף וועלכען סאקאר האָט א לאנגע צייט געווארט, איידער ער האָט געקענט אָנפאנגען צו ארבייטען אין זיין אונטערנעהמונג.

צוויי טעג שפּעטער אין דער פריה, איידער ער איז נאָך פון בעט אראָפּ, איז איהם פּלוצים איינגעפאלען, ער מוז שוין היינט זיך א נעהם טהאָן צו דער ארבייט, אז נאָך איידער עס וועט נאכט ווערען, וועט ער האָבען געגרינדעט א געזעלשאפט מיט פופציג טויזענד אקציען צו פינף הונדערט פראנק אן אקציע און מיט א קאפיטאל פון פינף און צוואנציג מיליאָן.

ווען ער איז פון בעט אראָפּגעשפּרונגען, האָט ער שוין דעם נאָמען פון דער געזעלשאפט געהאט. „וועלט-באנק" — האָט איהם א ברען געטהאָן אין מוח. דיא אותיות פון דעם דאָזיגען נאָמען האָבען פאר איהם געשוועבט אין דעם דונקעלען צימער,

וויא ליכטיגע פלאמען. „וועלט־באנק“! „באנק־אוני־ווערסעל!“ — האט ער גע'חזר'ט נאכאנאנד ביים אנקליידען זיך — „וועלט־באנק!“ וויא איינפאך עס איז צוגעפאסט דער נאמען! דאס נעהמט ארום אלעס! טאקי פאר דער גאנצער וועלט! יא, יא, גרויסארטיג! „וועלט־באנק!“

ביז האלב צעהן אין דער פריה איז ער ארומגעגאנגען איבער'ן צימער הין און צוריק און האט אלץ געטראכט, וואו און פון וואנען זאל ער אנהויבען אין פאריז זיין געיעג אויף דיא מיליאנען. פינף און צוואנציג מיליאן איז אפילו אין פאריז ניט שווער צו קריעגען, אבער ער קען דאך ניט אריינגעהמען יעדען אין זיין געזעלשאפט, ער מוז וועהלען מענשען. עס מוז געארבייט ווערען מיט א פלאן.

ער האט אויסגעטרונקען א גלאז מילך און איז אפילו ניט בייז געווארען, ווען דער קוטשער איז אריין און איהם געלאזט וויסען, אז דער פערד האט זיך פערקיהלט און איז קראנק געווארען, און מען דארף רופען א וועטערינאר.

— וואס קען מען העלפען? — האט ער געזאגט — וועל איך שוין מוזען נעהמען א דראזשקע.

אין דרויסען איז געוועזן קאלט. ווען סאקאר איז ארויס פון הויז, האט א שארפער ווינד געבלאזען. דער הימעל איז געוועזן פערכמארעט מיט געלע וואלקענס און גערעגענט האט ניט. ער האט זיך געוואלט דערווארעמען, האט ער דעריבער קיין דראזשקע ניט גענומען און איז אוועק צו־פוס צו מאזא, דעם בערזען־ספעקולאנט אין דער רי דע־לא באנק. ביי יענעם האט ער געוואלט זיך נאכפרעגען אויף דעם ספעקולאנט דע־גרעמאן, וואס האט בעלאנגט צו אלע געזעלשאפטען און איז געוועזן א גרויסער בעל־הצלחה. נור אויפ'ן וועג, ווען ער איז געקומען צו דער רי וויוואן, האט א גאס געטהאן א קאלטער רעגען מיט א האגעל און סאקאר האט געמוזט אריינלויפען איך א טויער איבער'ן וועג אוןווארטען ביז דער רעגען וועט אריבער.

שטעהענדיג אין טויער און קוקענדיג אויפ'ן רעגען, האט

סאקאר פלוצים דערהערט א העל קלינגען פון גאָלד, וואָס האָט אזוי איבערהילכט דאָס רוישען פון׳ם רעגען, אז סאקאר האָט אָנגעשטעלט זיינע אויערען, וויא א געיעג־הונד, בעת ער דערשפיערט דיא חיה. דאָס קלינגען האָט זיך וויא פון אונטער דער ערד געטראָגען, וויא אן איינגעהאלטענע מוזיק אין דיא מעשה׳לאך פון טויזענד און איין נאכט.

ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן, אז ער שטעהט אין דעם באַנקיער קאלב׳ס הויז. דער באנקיער קאלב האט זיך בעשעפטיגט מיט אויפקויפען גאָלדענע מטבעות אין דיא לענדער, וואו דער קורס אויף גאָלד איז געווען ניעדעריג. דיא מטבעות האט ער געלאָזט צושמעלצען און האט דאס גאָלד נאכדעם פערקויפט אין דיא לענדער, וואו דער ק.רס איז געשטאנען העכער.

פון אין דער פריה ביז ביינאַכט האט מען געהערט דעם קריסטאל־העלען קלינג־קלאַנג פון דיא גאָלדענע מטבעות, וואס מען האט געשמאָלצען אין דיא קעלערען פון קאלב׳ס הויז.

דעם דאָזיגען קלאַנג איז סאקאר׳ן איצט זעהר אנגענעהם געווען צו הערען. ער האט איהם אנגענומען פאר א צייכען, אז ער וועט היינט ערפאָלג האבען, אז זיין פלאַן וועט איהם געלינגען.

דער רעגען האט דערווייל אויפגעהערט. סאקאר איז אַוועק איבער׳ן בערזען־סקווער און איז באלד געווען ביי מאזא׳ן.

מאזא האט געוואָהנט אין דער זעלבער הויז, וואו זיין קאנטאר האט זיך געפונען, אויפ׳ן צווייטען שטאָק.

עס האט געשלאָגען צעהן אוהר, ווען סאקאר איז אריין אין קאנטאר. פאר דער טהיר האט ער אנגעטראָפען גוסטאוו סעדילל.

— איז הערר מאזא דאָרט? — האט ער געפרעגט.

— איך ווייס ניט, איך קום ערשט — האט סעדילל געענטפערט.

ער האט געשמייכעלט. ער פלעגט אימער קומען שפעט.

דעם פלאץ אין גאנצען האט ער ביי מאזא אנגעהאלטען צוליעב זיין פאטער, דעם זיידען־פאבריקאנט.

סאקאר איז אריין אין קאססען־צימער און, פערבייגעהענ־דיג, האט ער זיך פרעהליך בעגריסט מיט דיא צוויי קאססירערס וואס האבען זיך דארט געפונען. פון דארט איז ער אריין אין פריוואט־קאנטאר פון דיא צוויי הויפט־געשעפטס־פיהרער און האט געטראפען בערטהיע'ן אליין.

בערטהיע'ס עובדה איז געווען אויפצונעהמען קונדען און צו בעגלייטען זיין פרינציפעל מאזא צו דער בערזע.

— איז הערר מאזא דא?

— איך גלויב אזוי. איך האב איהם נור וואס געזעהן ביי איהם אין פריוואט־קאבינעט. אה, ניין, איך האב א טעות, ער איז דארט ניטא. ער מוז זיין אין יענע אבטהיילונג.

ער האט געעפענט א טהיר, וואס האט געפיהרט צו א צווייטער אבטהיילונג, וואו מען פלעגט אויפנעהמען דאס געלד, וואס מענשען האבען געוואלט אריינלייגען אין געשעפ־טען און וועלכע האט זיך דערפאר גערופען „דיא אבטהיילונג פאר געלד־אריינלייגען". דארט האבען געארבייט ארום זעקס געהילפען אונטער דער אויפזיכט פון א הויפט־פיהרער.

בערטהיע האט אריינגעקוקט אהין.

— ניין — האט ער זיך אפגערופען — ער איז דא אויך ניטא. זייט אזוי גוט, זעהט אויב ער איז ניטא אין דער ליקווי־דאציאנס ביורא אויף דער צווייטער זייט.

סאקאר איז אוועק אין דיא ליקווידאציאנס ביורא. דארט האבען דער הויפט־פיהרער פון יענער אבטהיילונג, דער ליק־ווידאטאר, און זיעבען געהילפען נאכגעקוקט דיא פערשיעדענע ארדערס, וואס זייער פרינציפאל מאזא האט געהאט פאר דעם טאג אויף דער בערזע.

זיי האבען געהאט פאר זיך דעם נאטיץ־ בוך פון זייער פרינציפאל, אין וועלכען עס איז נאטירט געווען: דאס און דאס איז געקויפט געווארען דורך דעם און דעם בערזען־מעקלער,

אזוי פיעל און אזוי פיעל, און אויף אזא פרייז, צי דאס און דאס איז פערקויפט געווארען דורך דעם און דעם בערזען־מעקלער, אזוי פיעל און אזוי פיעל און אויף אזא פרייז. דער נאמען פון דעם קויפער אדער פערקויפער איז אבער אין יענעם באטיץ־בוך ניט דערמאנט געווארען. דערפאר איז זייער עובדה געווען, נאכצוקוקען בעזונדערע ליסטען, אויף וועלכע עס איז פערצייכענט געווען דער נאמען פון יעדען קונד בעזונדער, און לויט דעם ארטיקעל און דעם פרייז, וואס איז אנגעגעבען גע־ווען אין נאטיץ־בוך, אויסגעפינען דעם נאמען פון דעם קונד, וואס האט געקויפט אדער פערקויפט.

— איז הערר מאזא דא געווען? — האט סאקאר גע־פרעגט.

קיינער האט איהם ניט געענטפערט. דער ליקווידאטאר איז נור וואס ארויס און זיינע געהילפען האבען זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף איהם. דריי פון זיי זיינען געזעסען און גע־לעזען צייטונגען און דיא איבריגע האבען סתם געקוקט אין דער לופטען.

ערשט ווען אהין איז אריינגעקומען גוסטאוו סעדילל, האט איינער פון זיי, א בוכהאלטער־געהילף, וועלכער איז דארט בעקאנט געווען אונטערן נאמען „דער קליינער פלארי“, זיך א כאפ געטהאן א לעבעדיגער.

פלארי, א זוהן פון א בעאמטען אין סענטים, איז מיט עט־ליכע מאנאטען צוריק געקומען קיין פאריז. פריהער האט ער געארבייט אין דער שטאדט באררא אין א באנק.

קומענדיג קיין פאריז, האט ער אנגענומען א שטעלע ביי מאזא'ן מיט א גאנץ קליינעם געהאלט. קיין גרויסע גליקען האט ער ניט ערווארטעט פון דער דאזיגער שטעלע, אפשר ווען ער וועט דארט אפארבייטען א צעהן יאהר, וועט ער קריגען צוויי מאל אזוי פיעל געהאלט, וויפיעל ער קריעגט היינט.

אפריהער האט ער זיך אויפגעפיהרט זעהר קארעקט, איז געווען פינקטליך צו דער מינוט אויף זיין פלאץ און האט גע־ארבייט מיט חשק. ערשט, ווען גוסטאוו סעדילל איז אהין

אנגעקומען, האט ער זיך געענדערט. דער עלעגאנטער, רייד־בער יונגערמאן, וועלכער איז אנגעקומען צו מאזא'ן, בכדי צו לערנען געשעפט, האט זיך מעהר געקימערט וועגען ספארט און פרויען, וויא וועגען עטוואס אנדערש. ער האט זיך גענומען חבר'ן מיט דעם קליינעם פלארי'ן און האט פון איהם אין גיכען געמאכט א „לייט".

ער האט איהם בעקאנט געמאכט מיט עטליכע געפעהרליכע שעהנהייטען פון דיא פאריזער בולווארען און האט איהם בכלל געוויעזען, וויא מען לעבט א גוטען טאג.

אבער ביז היינט האט דער קליינער פלארי מיט דער פולער שווארצער בערדעל, אויסגעלאסענע נאז, פערליעבטע אויגען און גליקליכען שמייכעל, ערפאלג געהאט נור ביי מאמזעל טשישו, א כאריסטקע אין א מוזיק־זאאל, מיט א בלייכען, קרענקליכען פנים, וואס איז בעשיינט געוועזן פון א פאר זעהר שעהנע ברוינע אויגען.

נאך איידער גוסטאוו האט זיין הוט ארונטערגענומען, האט ער שוין גענומען דערצעהלען פלארי'ן וועגען נעכטיגען אבענד. — וואס וועט איהר צו דעם זאגען? איך האב שוין געמיינט, אז זשערמיין וועט מיר ווייזען דיא טהיר, ווייל יאקאבי איז דא; ערשט, פערקעהרט, זיא האט אזוי אויסגעכיטרעוועט, אז אוועק איז יאקאבי און איך בין ביי איהר פערבליעבען.

ביידע יונגע לייט האבען זיך שטארק צולאכט.

זשערמיין גיר, וועגען וועלכער גוסטאוו האט גערעדט, איז געוועזן זעהר א שעהן מיידעל, א יאהר פינף און צוואנציג אלט. דער איד יאקאבי, מאזאים א קאלעגע, האט איהר גע־צאהלט מאנאטליכען געהאלט. זיא האט אימער צוטהאן גע־האט מיט בערזע - ספעקולאנטען, וועלכע האבען איהר גע־צאהלט אויף'ן מאנאט. דיא איינציגע זארגען, וואס זשערמיין האט וועןדעס־איז געהאט, זיינען געוועזן, ווי אזוי צו פערמיידען, אז איהרע געליעבטע, וועלכע האבען געקענט איינער דעם אנדערן, זאלען זיך ניט צונויפטרעפען ביי איהר.

— הערט נור — האָט פלאָרי פלוצים אונטערבראָכען זיין געלעכטער — און איך האָב געמיינט, אז איהר האָט נעכטען פערבראַכט מיט דער שעהנער מאדאם קאַנין...

גוסטאוו איז געוואָרען ערנסט. פלאָרי'ס בעמערקונג איז איהם שטארק ניט געפעהלען געוואָרען. וועגען דער שעהנער מאדאם קאַנין פון דעם פאפיר־מאגאזין האָט מען אין אזא טאָן ניט געטאָרט ריידען. זיא האָט געמעגט זיין אמאָל צו גוט צו איינעם פון איהרע רייכע קונדען, קיינער פון יענע גליקליכע האָט אָבער וועגען דעם קיינמאָל ניט געפלוידערט. דערפאר האָט גוסטאוו אויסגעמיידט צו ענטפערן יענעם אויף דער בעמערקונג און האָט פון זיין זייט געפרעגט:

—און שושו? זייט איהר געגאנגען מיט איהר צו מייביל?

— ניין, עהרענוואָרט! דאָס איז ניט פאר מיין קעשענע. איך האָב נור געטרונקען טהעע ביי איהר אין דער היים.

סאקאר, וועלכער איז געשטאנען הינטער זיי, האָט דער־הערט וויא זיי ריידען וועגען זייער געליעבטע, און ער האָט א שמייכעל געטהאָן.

— האט איהר אפשר ניט געזעהן הערן מאזא? — האָט ער זיך געווענדעט צו פלאָרי'ן.

— יא, מיין הערר, איך האָב איהם געזעהן — האָט פלארי געענטפערט — ער איז ביי זיך אין דער וואוינונג. איך דענק, א קינד איז ביי איהם קראנק. מען האָט א דאָקטאָר גערופען. איהר וואָלט צו איהם געגאנגען גלייך. אניט קען ער נאָך ערגעץ פון דערהיים אוועקגעהן.

סאקאר האָט איהם בעדאנקט און איז ארונטער אויף'ן ערשטען שטאָק, וואו מאזא האָט געוואוינט.

מאזא איז געוועזן איינער פון דיא איינגסטע בערזען־מעק־לער. ער האָט געהאָט דעם מזל צו ירשה'ענען פון זיין פעטער איינעם פון דיא זעכציג אָפיציעלע פלעצער אויף דער בערזע און זיין מעקלער־פירמא האָט זיך איצט גערעכענט פון דיא גרעסטע אין פאריז.

ער איז געווען א קליין-געוויקסיגער מאן מיט אַ'ן אנגע־נעהמען פנים, דינע ברוינע וואָנצעס און דורכנעהמענדיגע שווארצע אויגען. דערצו איז ער געווען זעהר רירעווודיג און האָט א שארפען פערשטאנד געהאט. אויף דער בערזע האָט מען אויף איהם געקוקט, וויא אויף איינעם, וואָס וועט פארנעהמען גאר אין א קורצער צייט אן אנגעזעהענעם פּלאץ אין דיא פּאָדערש־טע רייהען. ער האָט געהאט דירעקטע פערבינדונגען מיט אַלע גרויסע באנקהייזער, ידיעות פון דיא אויסלענדישע בערזען אויס דער ערשטער האנד און א קאָזין ביי דער פראנצויזישער פער־איינינטער נייעס-אגענטור, וואָס שטעלט צו נייעס פון דער גאנצער וועלט דיא פראנצויזישע צייטונגען.

זיין פרוי, א מערקווירדיגע שעהנהייט, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאט אויס ליעבע, האָט איהם אריינגעבראכט א מיליאָן און צוויי הונדערט טויזענד פראנק נדן.

ער האט מיט איהר געהאט צוויי קינדער, א טאָכטער פון דריי יאָהר און א אינגעל פון אנדערטהאלבען יאָהר.

ווען סאקאר איז אריין צו מאזא'ן, האָט ער גראד יענעם געטראָפען, בשעת יענער האָט דעם דאָקטאָר בעגלייט צו דער טהיר.

— קומט אריין, קומט אריין—האָט מאזא זיך אָפּגערופען, דערזעהענדיג סאקאר'ן: — מען איז אין אייביגער ציטערניש פאר דיא קינדער. זאָל עפּעס זיי וועה טהאָן, פערליערט מען באלד דעם קאָפּ.

סאקאר איז מיט איהם אריין אין סאלאן. דאָרט איז גע־זעסען מאדאם מאזא א פרעהליכע און האָט געהאַלטען איהר אנדערהאלבען יאָהריגען אינגעלע אויף'ן שויס, וועהרענד דאָס טאָכטערל נעבען איהר, גליקליך, וואָס דיא מאמע איז פרעה־לאך, האָט זיך אויף דיא שפּיץ-פינגער אוועקגעשטעלט און זיך געצויגען צו קושען דיא „ליעבע מאמא".

אַלע דריי זיינען געווען בלאָנד און פריש, בלוט און מילך. דיא יונגע מוטער האָט אויסגעזעהן אזוי צארט און אונשולדיג, וויא דיא קינדער.

מאזא האָט איהר אַ קוש געטהאָן אויף דיא האָאר.
— זעהסט, מיר זיינען משוגע געוועזן!
— אָה—האָט זיא געענטפערט—איך בין אַזוי גליקליך, וואָס דער דאָקטאָר האָט מיך בערוהיגט.

דאָס דאָזיגע בילד פון עכטען, גרויסען גליק האָט סאקאר דערזעהן, בשעת ער איז אַריינגעקומען צו מאזא'ן.

אין דעם רייך־אויסגעפוצטען זאאַל האָט געשוועבט אַ דופט פון אַ גליקליכען פאמיליען־לעבען.

פאר דיא גאַנצע פיער יאָהר, זינט מאזא איז פערהייראטעט, האָט ער בלויז איינמאָל זיך געהאַט היינגעריסען אויף אַ געוויסער צייט מיט אַ זינגערין, וואָס האָט געזונגען אין דער קאָמישער אָפּערא. אויסער דעם דאָזיגען איינציגען מאָל איז ער דיא איבעריגע צייט געווען אַ געטרייער מאַן.

זיין פרוי איז מיט איהם געווען גליקליך און דיעזען גליק האָט מען געשפּירט אין יעדען שטריך פון איהר פּנים, אין יעדען בליק איהרען און אין יעדער מינע.

מאדאם מאזא, וועלכע האָט סאקאר'ן געקענט, האָט זיך צו איהם געווענדעט פרעהלאַך:

— ניט אמת, מיין הערר, מען דאַרף נור וועלען, קען מען אימטער גליקליך זיין?

— געוויס, דאָס איז מיין איבערציייגונג, ווערטהע מאַדאַם—האָט ער געענטפערט—אויסער דעם זיינען אויך פאראַן מענשען, וואָס זיינען אַזוי גוט און שעהן, אַז קיין אונגליק האָט גאָר ניט דיא העזה זיי צו בעריהרען...

זיא האָט זיך אויפגעהייבען מיט אַ פּנים, וואָס האָט וויא דיא זונן געלייכטעט. זיא האָט אַ קוש געטהאָן איהר מאַן און איז אַרויסגעגאַנגען מיט'ן אינגעלע אויף דיא הענד. דאָס טאָכטערל האָט אַדומגעכאַפּט איהר פּאַפּאַ'ס האַלז און, אַ קוש געטהאָן איהם, איז זיא אַרויסגעלאָפען נאָך דער מוטער.

מאזא איז געווען גערירט און האָט זיך געווענדעט צו סאקאר'ן:

— וויא איהר זעהט, ביי מיר איז דא גאר ניט לאנג־וויילינ...

— איהר האט מיר עטוואס צו זאגען? — האט ער איהם נאכהער געפרעגט—אויב יא, וועלען מיר בעסער ארויפגעהן אין קאנטאר, דארט וועט אונז קיינער ניט שטערען.

אין קאנטאר האט סאקאר געטראפען סאבאטיאנע׳ן, וועל־כער האט דארט אפגענומען זיין פערדיענסט, וואס ער האט געמאכט דעם לעצטען טאג אויף דער בערזע, און סאקאר האט זיך געוואונדערט אויף דעם ברייטען „ברוך הבא“, וואס מאזא האט יענעם געגעבען.

ווען זיי זיינען שוין געזעסען אין מאזא׳ס פריוואט־קאַ־בינעט, האט סאקאר געזאגט, אז ער איז געקומען אויסגעפי־נען וועגען געוויסע געזעצען פון ווערטה־פאפיערען און דערביי האט ער, כלומרשט פערביינעהענדיג, איהם דערצעהלט, אז עס גרינדעט זיך א וועלט־באנק מיט פינף און צוואנציג מיליאן קאפיטאל. דיא וועלט־באנק ווערט געגרינדעט מיט דעם צוועק צו אונטערשטיצען גרויסע אונטערנעהמונגען.

מאזא האט איהם רוהיג אויסגעהערט. דאן האט ער איהם ערקלעהרט דיא געוויסע געזעצען פון ווערטה־פאפיערען. ער האט זיך ניט געלאזט נארען, ער האט גוט פערשטאנען, אז סאקאר איז ניט געקומען נאכפרעגען זיך אויף דיא געזעצען, נור ער האט זיך געמאכט, וויא ער פערשטעהט ניט. נור ווען סאקאר האט אין א ווײלע ארום דערמאנט דעם נאמען דעגרע־מאן, האט מאזא א שמייכעל געטהאן. יא, דעגרעמאן איז מאקי זעהר רייך; מען זאגט אפילו, אז ער איז ניט שטארק עהרליך, אבער ווער איז היינטיגע צייטען יא עהרליך אין גע־שעפט און ליעבע? פון זיין זייט האט ער ניט געוואלט ארויס־זאגען זיין מיינונג וועגען דעגרעמאן, וועלכער איז מיט איהם צוקריענט געווען און האט געגעבען דערפאר זיינע ארדערס ניט איהם, מאזא׳ן, נאר דעם אידען יאקאבי, א לאנגען מאן פון א יאהר זעכציג, מיט א ברייטען, פרעהליכען פנים און מיט א שטימע, וויא ביי א׳ן אקס. צווישען דיא דאזיגע צוויי

בערזען־מעקלער איז אנגעגאנגען א געוויסע קאנקורענץ. אייגער פון זיי, מאזא, האט זיך ארויפגעארבייט אויף זיין היינטיגער פאזיציאן מיט אמאל דורך מזל, אזוי צו זאגען; דער צווייטער, יאקאבי—דורך א סך יאהרען שווערער ארבייט, זייענדיג א פריהער יאהרען לאנג דער הויפט־פיהרער אין א קאנטאר פון א בערזען־שפעקולאנט. מיט דער צייט איז איהם געלונגען אפצוקויפען ביי זיין פרינציפאל דעם פלאטץ אויף דער בערזע.

דער דאזיגער יאקאבי איז געווען א מאן מיט גרויסע געשעפטס־פעהיגקייטען און ערפאהרונג, נור מחמת זיין לייַדענשאפטליכע שפעקולאציאנען איז ער אייממער געשטאנען אויף'ן שוועל פון באנקראט. זשערמיין גיר האט איהם ניט פיעל אפגעקאסט, בלויז א פאאר טויזענד פראנק א מאנאט. זיין פרוי האט קיינער ניט געקענט. מאזא האט צום סוף זיך דאך ניט געקענט איינהאלטען און בעמערקט וועגען דעגרעמאן:

— עס איז קיין פראגע ניט, אז דעגרעמאן איז א בעטריגער, א געפעהרליכער מענש. ער בעטריגט אלע זיינע פארטנערס און נעהמט זיך צו דיא פערדיענסטען פון אלע געשעפטען. פארוואס זאלט איהר זיך בעסער ניט ווענדען צו גונדערמאן'ען?

— דאס וועל איך קיין מאל ניט טהאן!—האט סאקאר אויסגעשריען אויפגערעגט.

אין דיזער צייט איז אין קאבינעט אריינגעקומען בערטהיע און האט איינגערוימט עפעס מאזא'ן אויף'ן אויער.

ער האט איהם דערצעהלט, אז דיא באראנעסע סאנדארף איז געקומען אין קאנטאר, צו בעצאהלען, וואס זיא האט פערשפיעלט אויף דער בערזע. דערביי האט זיא פערשיעדענע שווינדלען געוואלט מאכען, בכדי זיא זאל ווייניגער דארפען בעצאהלען. געוועהנליך פלעגט מאזא אליין אויפנעהמען דיא באראנעססע; ווען זיא האט אבער פערשפיעלט, האט ער זיא אויסגעמיידעט וויא א פעסט. ווארום קיין ערגערע קונדען,

וויא דיא פרויען, בעת זיי דאַרפען בעצאָהלען, זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

— ניין, ניין — האָט ער אויסגעשריען—זאָגט איהר, אז איך בין ניטאָ. און לאָזט איהר ניט אַרונטער קיין איין גראָשען, איהר הערט?

— אה, אונזערע קונדען, וויא זיי וואָלטען אונז ליעב געהאַט, ווען זיי וואָלטען אַלע מאָל געוואונען!.. דאַס אונגליק איז, וואָס רייכער און וואָס יחסן'ישער דיא קונדען זיינען, אַלץ וויינינגער צוטרויען האָב איך צו זיי, אַלץ מעהר האָב איך מורא, אַז זיי וועלען ניט צאָהלען... דיא בעסטע קונדען זיינען פון פּראָווינץ.

א בוכהאַלטער איז אריינגעקומען, איהם דערלאַנגט א בינטעל פּאַפּיערען און איז גלייך ווידער ארויס.

— אָט זעהט אליין — האָט מאַזא זיך ווידער אפּגערופען — דאָס איז פון א קליינעם באַנקיר אין ווענדאַם, א געוויסען פאַיא. איהר האָט גאָר קיין בעגריף ניט, וויפיעל ארדערס איך קריג דורך איהם. נאַטירליך, דיא ארדערס זיינען ניט קיין גרויסע; זיי קומען פון קליינע בעלי בתים, קליינע סוחרים און פאַבריקאַנטען. זיי קומען אָבער אָן אזוי פיעל, אז עס בעצאָהלט זיך מיר זעהר גוט. ווירקליך, דיא בעסטע געשעפטען מאַך איך פון אָט דיא קליינע שפּעקולאַנטען, פון דער גרויסער, אונבעקאַנטער מאַסע, וואָס שפּיעלט אויף דער בערזע.

דאָס וואָרט „שפּעקולאַנטען" האָט סאַקאַר'ן פּלוצלונג דערמאָנט אָן סאַבאַטיאַנען, וועלכען ער האָט ניט לאַנג געזעהן אפּנעהמענדיג געלד ביי מאַזא'ן אין קאַנטאָר.

— איז סאַבאַטיאַני אויך אייער קונד? — האָט סאַקאַר געפרעגט.

— זייט א יאָהר, דיינק איך, — האָט מאַזא געענטפערט — א היבשער יונגערמאַן, ניט אמת? ער האָט אנגעפאַנגען קליין, ער איז אָבער זעהר פאָרזיכטיג און וועט קומען צו עפּעס. וואָס מאַזא האָט אָבער ניט געזאָגט און וואָס ער האָט

אפשר אליין ניט געוואוסט, איז וועגן דעם, אז סאבאטיאניע האט אין גאנצען איינגעלייגט בעווארענטשאפט־געלד ניט מעהר וויא צוויי טויזענד פראנק. דערפאר האט ער אזוי פארזיכטיג געשפיעלט פון אנפאנג. עס איז קיין ספק ניט, אז דער ביטרער סאבאטיאניע האט געווארט אויף דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט, ווען, האבענדיג געוואונען דעם צוטרויען פון אזוינע וויא מאזא, וועט ער ווען־עס־איז בעגעהן א שווינדעל אויף'ן גרויסען אופן און וועט נאכדעם פערשווינדען.

און ער האט בּיסלאכווייז טאקע געוואונען זייער אלע־מענס צוטרויען. וואלט דען אימיצען געקענט איינפאלען, אז אזא ליעבער, עלעגאנטער יונגערמאן זאל זיין א פשוט'ער שווינדלער?

— יא, ער איז א גאנץ היבשער יונגער מאן, א גאנץ קלו־גער — האט סאקאר זיך אפגערופען, טראכטענדיג ביי זיך, אז ווען ער וועט אמאל דארפען האבען א מענשען אהן געוויסען, וועט ער זיך דאן ווענדען צו סאבאטיאניע'ן.

נאכדעם האט ער זיך אויפגעהויבען פון ארט און דער־לאנגט מאזאין א האנד.

— נו, אדיע דערווייל! ווען אונזערע אקציען וועלען פארטיג ווערען, וועלען מיר זיך וויעדער זעהן.

מאזא האט איהם בעגלייט צו דער טהיר.

— איהר זייט אונגערעכט — האט מאזא איהם געזאגט, דריקענדיג איהם דיא האנד — איהר האט זיך געדארפט בעפאר זעהן מיט גונדערמאן'ען.

— קיינמאל ניט! — האט סאקאר אויסגעשריען וויעדער מיט כעס.

אין דרויסען האט סאקאר א קוק געטהאן אויף זיין אוהר: ישוין עלף! וויפיעל צייט ער האט פערלארען! צו שפעט צו געהן היינט צו דעגרעמאן'ען. און פלוצלונג איז איהם איינגע־פאלען: ער וועט טאקע געהן צו גונדערמאן'ען. האט ער איהם אנומעלט ניט געזאגט, אז ער געהט גרינדען א גרויסע באנק־הויז? דאמאלס האט ער עס איהם געזאגט, ווייל ער האט איהם

געוואלט פערשטאפען זיין גרויסען מויל, היינט קען ער איהם עס זאגען מיט מעהר זיכערהייט. ער וויל זיך מיט איהם ריי־צען. ער וועט זעהן וואס פאר א מינע דער ליעב וועט מאכען, בשעת ער וועט עס איהם זאגען.

א רעגען האט ווידער אנגעהויבען גיסען, סאקאר האט גענומען א דראזשקע און האט געהייסען דעם קוטשער פאהרען אין רי דע־פראווענץ.

דארט האט גונדערמאן בעוואהנט אן אונגעהויער גרויסע הויז. ער האט געהאט א גרויסע פאמיליע, פינף טעכטער און פיער זיהן. דריי טעכטער און דריי זיהן זיינען פערהייראטה געוועז און גונדערמאן האט פון זיי שוין געהאט פיערצעהן איניקלאך.

ביים מיטאג־עסען זיינען געזעסען ביים טיש איין־און־דרייסיג נפשות, אריינגערעכענט גונדערמאן'ען און זיין פרוי.

אויסער צוויי איידעמס, האבען דיא איבריגע פון זיין פא־מיליע געוואהנט אין דיא פליגלען פון דער הויז, צום גארטען צו. דיא גאנצע מיטעלסטע געביידע איז פערנומען געוועזן מיט פערשיעדענע אבטהיילונגען פון זיין ריעזיגער באנק. אין ווע־ניגער פון א יאהרהונדערט האט דיעזע פאמיליע ערווארבען א פערמעגען פון א מיליארד, וועלכעס איז אלץ געוואקסען און געוואקסען, א דאנק דעם ענערגישען פערשטאנד פון דיא גונ־דערמאנס, זייער הארטנעקיגער און פלאנמעסיגער ארבייט און דיא גליקליכע צופאלען וואס זיי האבען פערשטאנען וויא אויסצונוצען.

היינט זיינען געפלאסען אלע גאלדענע שטראמען אין דיזען גאלדענעם ים אריין, נייע מיליאנען זיינען פערשלונגען גע־ווארען פון דיזע מיליאנען; דאס רייכטהום פון פעלקער איז פערשלונגען געווארן פון דעם ריזיגען פערמעגען פון איין מענ־שען, און גונדערמאן איז געוועזן דער פאקטישער הערר, דער אלמעכטיגער קעניג, פאר וועלכען פאריז און דיא וועלט האבען געציטערט.

בשעת סאקאר איז ארויף דיא ברייטע שטיינערנע טרעפ

פון גונדערמאַן'ס הויז, וואס זיינען מעהר אפגעטראמען געוואָ־רען פון מענשען, וויא דיא שוועלען פון דיא אלטע קירכען, האָט אין זיין נשמה ערוואכט דער אלטער ראסען־האס געגען גונדער־מאַן דעם אידען...

אה, דיא אידען! געגען דיא אידען האָט ער אין הארצען געטראָגען דעם אלטען ראסען־האס, וויא דיא מייסטע פראנצוי־זען, וואס זיינען געבאָרען אין זיד־פראנקרייך.

דיא מינדעסטע בעריהרונג מיט א אידען, האָט אין איהם ארויסגערופען א פיזישען עקעל, מיט לייב און זעעלע האָט ער זיך געצאפּעלט פון דעם איין געדאנק, אז ער וועט זיך מיט א אידען דארפען טרעפען...

און דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז געוועזען, וואס ער, סאקאר, אליין א שווינדלערישער שפּעקולאנט, א געשעפטען־מאכער מיט שמוציגע הענד, — וואָס אָט דער זעלביגער סאקאר, וויא נאָר ער פלעגט אנהויבען צו ריידען וועגען א אידען, אזוי גלייך פלעגט ער נעהמען ריידען אין אזא טאָן, אקוראט וויא ער אליין וואלט געווען דיא עהרליכקייט אליין, וויא ער וואָלט קיינמאָל ניט געוואוסט פון בעטרוג און שווינדעל, אקוראט וויא דאס ברויט, וואס ער האט געגעסען, וואָלט ער פערדיענט מיט דער ארבייט פון זיינע הענד און מיט דעם שוויים פון זיין געזיכט.

ער האָט דאן געשאָלטען דיא אידען, בעשולדיגט זיי אין וואס פאר חטאים ניט! זיי האָבען קיין פאטערלאנד, קיין הער־שער, לעבען נור אויף דעם חשבון פון פרעמדע פעלקער, זויגען אויס דאס בלוט פון דיא פעלקער, צווישען וועלכע זיי וואהנען, וויא שפּינען. האָט מען שוין אמאָל געזעהען, א איד זאָל אר־בייטען? האָט שוין ווער געזעהען אידישע ארבייטער?...
ניין, דיא אידישע רעליגיאָן פערביט דיא אידען צו ארבייטען...
אָה, דיא דאָזיגע שורקען!....

ער האָט נאָך מעהר געהאסט דיא אידען, ווייל ער האָט זיי בעוואונדערט און מקנא געווען.

— וויא פעהיג זיי זיינען! — פלעגט ער אָפט טראכטען

— וויא זיי פיהרען דאָס זייערע געשעפטען! דער קריסט קען ניט געגען זיי איינשטעהן. נעהמט זיך א איד צו א געשעפט, מוז ער ערפאָלג האָבען. אין איינער און דערזעלבער אונטערנעה־מונג וועט דער קריסט דורכפאַלען און דער איד וועט האָבען דעם גרעסטען ערפאָלג.

און ביי דיעזע געדאַנקען פלעגט זיך סאַקאַר אָנצינדען:

— דיא אידען וועלען נאָך אמאָל דיא גאַנצע וועלט בע־הערשען! האָבען זיי שוין ניט היינט אין זייערע הענד דאָס רייכטהום און דעם קרעדיט פון דיא בעסטע ווינקלען פון דעם ערד־קוגעל? זיצט ניט גונדערמאַן, דער איד, פעסטער אויף זיין טהראָן, וויא נאפּאָלעאָן, דער קעניג פון פראַנקרייך, אויף זיינעם?...

אריינקומענדיג אין דאָס גרויסע וואַרט־צימער, איז סאַ־קאַר געבליבען שטעהן צומישט.

דאָס גאַנצע צימער איז געווען געפּאַקט מיט קאָמיסיאָנערן, שטעלעם־זוכער, מיט פרויען און מענער.

דיא קאָמאַסיאָנערען האָבען געליאַרעמט, זיך געשטופּט און געריסען אין פאַראויס צו דער טהיר פון גונדערמאַן׳ס פּריוואַט קאַבינעט. יעדער פון זיי האָט געוואָלט פריהער אויפגענו־מען ווערען פון גונדערמאַן׳ען, האָפענדיג צו קריגען פון איהם אַן אָרדער. אויסער דעם, איז גלאַט געווען אַן עהרע גונדערמאַן זאָל אויפנעהמען, און דיעזע עהרע האָט יעדער פון זיי געוואָלט האָבען. צוויי דיענער האָבען אויף שנעל אריינגעלאָזען מענשען אין גונדערמאַן׳ס פּריוואַט קאַבינעט, איינעם נאָך׳ן אַנדערען, קלאַפּענדיג מיט דיא טהירען.

אין א ווייַלע ארום איז סאַקאַר׳ן אויך געלונגען אריינצור־רייסען זיך צו גונדערמאַן׳ען אין קאַבינעט מיט דעם שטראָם.

דער קאַבינעט איז געווען זעהר א גרויסער צימער. אין הינטערגרונד, נעבען א פענסטער, איז געזעסען גונדערמאַן. ער איז געזעסען פאַר א שרייב־טיש פון מאַהאַגאַני האָלץ מיט׳ן רו־קען צום ליכט און מיט׳ן פּנים אין שאָטען.

פינף אין דער פריה, ווען גאַנץ פאַריז איז נאָך געשלאָפען,

איז ער שוין אויף געווען און געארבייט. און ארום ניין, ווען דער געלד-גיעריגער עולם האט גענומען צו איהם געהן, איז ער שוין מיט זיין טאג ארבייט פארטיג געווען. אין מיטען קאבינעט זיינען געשטאנען דריי אנדערע גרעסערע שרייב-טישען, וואו עס האבען געארבייט צוויי זיהן און איין איידעם. דיא זיהן און דער איידעם זיינען זעלטען ווען געזעסען אויף איין ארט, זיינען ארומגעלאפען אהער און אהין, גערעדט דא מיט דעם אנגע־שטעלטען און דא מיט יענעם און געגעבען בעפעהלע.

אין דעם דאזיגען קאבינעט זיינען זיך צונויפגעלאפען די אלע פעדים פון דער דאזיגער ריעזיגער הויז-פערוואלטונג.

דורך דעם דאזיגען קאבינעט איז דורכגעגאנגען דיא גאנצע וועלט, דאכט זיך, און אלע האבען געקוקט און בעוועגט זיך אין איינע און אין דיא זעלבע ריכטונג, וואו ער אליין, גונדערמאן, הייסט עס, איז געזעסען מיט זיין פערוואלקענטעם פנים. שטונ־דען-לאנג האט ער אויסגעהערט דיא פערשידענע מענשען, ענט־פערענדיג וועמען מיט א וואונק און ווצמען מיט אווארט, אויב ער האט געוואלט ארויסווייזען ווצמען א בעזונדערע פריינד־שאפט.

וויא נור גונדערמאן האט בעמערקט סאקאר'ן, האט אויף זיין פנים גענומען שפיעלען אן אפלאבענדער שמייכעל.

— אזוי, איהר זייט עס, ליעבער פריינד?... זעצט זיך צו אויף א ווייל, אויב איהר האט מיר וואס צו זאגען. איך וועל באלד מיט אייך קענען ריידען.

און ארויסריידענדיג עס, האט גונדערמאן זיך אפגעקעהרט פון איהם, אקוראט וויא ער וואלט זיך אן איהם פארגעסען.

סאקאר האט אבער ניט פערלארען זיין געדולד. איהם האט אינטערעסירט דער לאנגער מארש פון דיא קאמיסיאנערען וואס זיינען אריינגעגאנגען אין קאבינעט איינער נאך'ן אנדערען, יע־דער מיט דעם זעלבען קאווירענדיגען שמייכעל אויפ'ן פנים, מיט דעם זעלבען פערנייגען זיך פאר גונדערמאן'ען, ארויסנעה־מענדיג דעם זעלבען צעטעל פון דעם שעהנעם אויבער-ראק,

וועלכען זיי האָבען דעם באנקיר דערלאַנגט מיט דיא זעלבע בע־טענדע מינעס.

אזוי האָבען זיך פערבייגעצויגען צעהן, צוואנציג, און פון יעדען האָט גונדערמאַן גענומען דאָס צעטעל, געוואָרפען אויף דעם א בליק און צוריקגעקעהרט, און דערביי איז ער דיא גאַנצע צייט געבליבען רוהיג, געלאסען אונטער דעם דאָזיגען האָגעל פון אַנבאָטען.

באלד האָט זיך אויך בעוויזען מאססיא מיט זיין האלב לוסטיגער און האלב פערזאָרגטער מינע פון א געשלאָגע־נעם הונד.

גונדערמאַן האָט איהם אזוי שלעכט אויפגענומען, אז ער האָט זיך שיער ניט צו־וויינט. דאָך האָט ער זיך היינט עטוואס אזוינס ערלויבט, וואָס ער האָט ביז אהער קיינמאָל ניט געוואגט.

— איהר זעהט, גנעדיגער הערר, — האָט ער זיך געווענ־דעט צו גונדעראַן'ען —קרעדיט מאבילי שטעהט זעהר נידריג... וויפיעל אקציען זאָל איך פאר אייך קויפען ?...

גונדערמאַן האָט איהם אַנגעקוקט מיט זיינע גרינליכע אויגען און אפגעשטופט פון זיך דאָס צעטעל, וואס יענער האָט צו איהם אויסגעשטרעקט.

— הערט נור, יונגער מאַן — האָט ער זיך אפגערופען גראָב — מיינט איהר, אז איך האָב פערגניגען פון אייערע וויזיטען ?

— אָבער, געעהרטער הערר — האָט מאססיא אויסגע־שריען, ווערענדיג בייז, — איך האָב נאָך וועניגער פערגניגען זייט דריי חדשים צו געהן צו אייך יעדען טאָג אומזיסט.

— דארפט איהר ניט געהן מעהר אהער ! — האָט גונדער־מאַן איהם אונטערבראָכען אין א שארפען טאָן.

דער קאָמיסיאָנער האָט זיך פערנייגט פאר איהם און זיך צוריקגעצויגען מיט א צומישטער מינע.

און צוקוקענדיג זיך צו דעם, האָט סאקאר ביי זיך געפרעגט וואָרום נעהמט אויף גונדערמאַן דיעזע אלע מענשען, וואס פאַר אַן אינטערעס האָט ער אין דעם ?

אָבער גונדערמאַן, וואָס האָט אַזוי גוט געקענט פערבאָרגען זיינע געדאַנקען, האָט יא אַן אינטערעס געהאַט אין דעם. דורך זיי האָט ער געקענט יעדען אין דער פריה זיך דערוויסען, וואָס עס טהוט זיך אויף דער בערזע און וואָס פאַר אקציען מען קען קויפען מיט זיכערען געווינס.

א בערזען־מעקלער, וואָס האָט פאַר איהם עפּעס געקויפט, האָט פון איהם א גוטע „גאָב" געקראָגען, ווייל ער האָט איהם בע'גנב'עט אויף אכציג פראַנק.

א הענדלער מיט אַנטיקען האָט ער געהייסען גלייך פערלאָזען זיין קאַבינעט, ווייל ער האָט איהם געוואָלט פערקויפען א נאָכגעמאַכטע שמעק־טאַבאַק פּושקע פאַר א ריכטיגען אַנטיקעל.

דאַן זיינען געקומען צוויי דאַמען, איינע אַן אַלטע און דיא צווייטע זעהר א שעהנע יונגע ברונעטקע, און האָבען איהם איינגעלאַדען ער זאָל געהן אַנקוקען ביי זיי אין הויז א קאַמאָד אין דעם סטיל פון לודוויג דעם פופצעהנטען. ער האָט זיי גלייך אָפּגעזאָגט.

נאָכדעם איז געקומען א יובעליער־הענדלער מיט רובינען, נאָכדעם צוויי ערפינדער, ענגלענדער, דייטשען, איטאַליענער, אַלע שפּראַכען, אַלע געשלעכטער.

דערווייל האָבען דיא קאָמיסיאָנערען נאָך אויך ניט אויפגעהערט צו געהן. צווישען דעם און יענעם בעזוכער האָט זיך בעוויעזען א קאָמיסיאָנער און ווידער א נייגען זיך, א פאַרלייגען דאָס צעטעל, ווידער א וואונק, א וואָרט פון איהם אַלס ענטפער און מען בעוועגט זיך ווייטער און פון הינטען קומען אַן נייע פערזאָנען, נייע בעזוכער.

אין דער זעלבער צייט הויבען זיך אָן צו בעווייזען דיא אָנגעשטעלטע פון באַנק, וואָס נעהענטער דיא צייט רוקט זיך צו דער מינוט, ווען דיא בערזע ווערט געעפענט. דיא אָנגעשטעלטע קומען אריין מיט טעלעגראַמען.

אין מיטען דערינען קומט אריין אין קאַבינעט א פינף־זעקס יאָהריגער אינגעל, רייטענדיג אויף א שטעקען און בלאָזענדיג אין א טראָמפּעט. נאָך איהם קומען אריין, צוקלאַפּענדיג

מיט דיא פיסלאך צום טאקט, צוויי קינדער, א מיידעלע פון דריי יאהר און א צווייטע פון אכט. זיי רינגלען ארום דעם זייד דענס שטוהל, צופען איהם פאר דיא ארעמס און הענגען זיך איהם אויפ׳ן האלז. ער לאזט זיי טהאן מיט זיך וואס זיי ווילען און קוקט זיי מיט יענער אידישער ליעבע צו זיין פאמיליע, אין וועלכער דער איד שעפט זיינע כחות צו ארבייטען און צו קעמפפען....

פלוצלונג האט ער זיך וויא וויעדער דערמאנט אן סאקאר׳ן.

— אה, בעכטער פריינד! — האט ער זיך אפגערופען — איהר מוזט מיר ענטשולדיגען! איהר זעהט אליין, וויא איך בין פערנומען. זאגט, וואס קען איך טהאן פאר אייך?

ער האט שוין געוואלט אויסהערען סאקאר׳ן, ערשט אן אנגעשטעלטער האט אריינגעפיהרט א בלאנדען הערר און האט אנגערופען גונדערמאן׳ען זיין נאמען.

גונדערמאן האט זיך גלייך אויפגעהויבען פון ארט, אפילו גאנץ געלאסען, און איז אפגעטראטען מיט׳ן בלאנדען הערר צום פענסטער. איינער פון זיינע זיהן האט זיך געזעצט אויף זיין ארט נעבען שרייב־טיש און אויפגענומען ווייטער דיא קאמיסי־אנערען.

און וויא סאקאר האט אין זיך ניט געשטיקט דעם האס צו גונדערמאן׳ען, האט ער דאך סוף כל סוף ניט ווילענדיג געמוזט צו איהם דערפיהלען א טיעפע אכטונג. ער האט דערקענט אין דעם בלאנדען הערר א פארטרעטער פון א גרויסער מלוכה, וועל־כער האט זיך אנדערש־וואו געהאלטען זעהר שטאלץ און דא איז ער געשטאנען מיט אן אנגעבויגענעם קאפ, מיט א זיסען שמייכעל אויף דיא ליפען און מיט בעטענדיגע אויגען.

אין דעם דאזיגען קאבינעט זיינען אפט אזוי געשטאנען מיניסטארען פון דיא מעכטיגסטע רעגיערונגען. דא האט זיך גע־שפירט דיא וועלט־מאכט פון דיעזען מאן, וועלכער האט אין אלע קייזערליכע הויפען פון דער וועלט זיינע געזאנדטע געהאט, זיינע קאנסולען אין אלע פראווינצען, זיינע פערטרעטער אין אלע הויפט־שטעדט, זיינע שיפען אויף אלע ים׳ען.

ער איז ניט געווען קיין שפעקולאנט, קיין קאפיטאן פון שווינדעל, וועלכער האט געמאכט מאנעווערעס מיט פרעמדע מיליאנען, וויא סאקאר, וואס האט גע'חלום'ט וועגען א העלדי־שען קאמפף מיט פרעמדע מיליאנען, כדי צו געווינען א פארמע־גען פאר זיך; ער איז געווען — ווי ער פלעגט אליין זאגען— נור א געלד־הענדלער, וואס האט גוט פערשטאנען זיין געשעפט.

אבער בכדי צו פערשטארקען זיין מאכט, האט ער געמוזט דיא בערזע אויך בעהערשען און זיא האט ער טאקע בעהערשט אויך.

און קוקענדיג איצט אויף דיעזען מאן, האט סאקאר פלוצ־לונג דערפיהלט, אז ער איז זעהר שוואך געגען איהם, וואס בע־הערשט דיא וועלט מיט זיין אייגענעם מיליארד...

— דא וועלען מיר קיין רוהיגע מינוט ניט האבען — האט גונדערמאן זיך געווענדעט צו סאקאר'ן, ווען ער איז פערטיג געווארען מיט דעם בלאנדען הערר, — הערט נור, איך וויל איצט עסען פריהשטיק, קומט מיט מיר אריין אין דעם זאאל דערביי... אפשר וועט מען אונז דארט צורוה לאזען.

זיי זיינען אריין אין א שפייז־זאאל, וואו דיא פאמיליע גונדערמאן פלעגט מיטאג עסען. היינט זיינען נור נייגצעהן פערזאן ביים טיש געזעסען, צווישען זיי אכט קינדער. דער באנקיר האט פערנומען זיין פלאץ אין מיטען צווישען דיא איבריגע. פאר איהם איז געשטאנען א גלאז מילך.

א רגע איז ער געזעסען מיט צוגעמאכטע אויגען מיעד און אהן כחות. דער פנים איז ביי איהם געווען זעהר בלייך און אויסגעמוטשעט, ווארים ער האט געליטען אויפ'ן לעבער און אויף דיא ניערען.

ווען ער האט אין א ווייל ארום צוגעטראגען מיט ציטע־רענדע הענד דיא גלאז מילך צו דיא ליפען און א זופ געטהאן, האט ער ארויסגעזיפצט:

— אה, וויא מיעד איך בין!

— ווארום רוהט איהר זיך ניט אוים? — האט סאקאר געפרעגט.

גונדערמאַן האָט איהם אָנגעקוקט מיט פערוואונדערטע אויגען.

— וויא אַזוי קען איך! — האָט ער ארויסגערעדט נאאיוו.

און אין דער אמת'ן, מען האָט איהם אפילו רוהיג ניט גע־לאָזט אויסטרינקען זיין גלאָז מילך. ווארים באלד האָבען וויע־דער גענומען נעהן קאָמיסיאָנערען אפילו אין שפּייז־זאאל אויך.

צו דעם זיינען געוואהנט געווען אלע אין דער פאמיליע גונדערמאַן, וויא דיא מענער, אזוי דיא פרויען, און זיי האָבען זיך גאָר ניט געקימערט וועגען דיא קאָמיסיאָנערען, האָבען פרעהליך געלאַכט און געשמאק געגעסען דאָס קאַלטע פלייש און דאָס צוקער־געבעקס און דיא קינדער האָבען אויך בעת מעשה געליארעמט.

סאקאר האָט געקוקט אויף גונדערמאַן'ען און זיך געוואונ־דערט, וויא אזוי ער מאַטערט זיך מיט'ן טרינקען דיא מילך. קוים וואס ער טרינקט. קיין פלייש האָט ער ניט געטאָרט עסען, קיין צוקער־געבעקס. צו וואס טויג איהם, אויב אזוי, זיין מיל־ליארד? ! מיט קיין פרעמדע פרויען האָט ער אויך ניט געהאַט צו טהאָן. פיערציג יאָהר לאַנג איז ער טריי געווען זיין אייגע־נער פרוי און היינט האָט ער אודאי ניט געהאַט צו טהאָן מיט קיין פרעמדע פרויען צוליעב זיין געזונד. היינט, אויב אזוי — צו וואָס שטעהט ער אויף פינף אין דער פריה? צו וואָס אר־בייט ער און פראַצעוועט אזוי? זיין מח איז מיט ציפערען אָנ־געשטאָפּט, דער קאָפּ איז פערדרעהט, פערהאַוועט — צו וואָס? וואס טויגען איהם דיא אלע אוצרות, ווען ער קען זיך ניט פער־גינען צו קויפען א פונט קאַרשען און עסען; ווען ער קען ניט הנאה האָבען פון אלעס, וואס מען קען קויפען פאַר געלד?

און דאָך האָט סאקאר ניט געקענט אונטערדריקען אין זיך א מין רעליגיעזען רעספּעקט צו דעם דאָזיגען מערקווירדיגען מענשען, וועלכער האָט געארבייט אזוי קראַנקערהייט, ניט ווייל ער איז געווען אזא געלד־גייץ, נור צוליעב דיא קינדער זיינע, זיי זאָלען נאָך אמאָל קענען דיא וועלט בעהערשען מיט זייערע אוצרות...

צום סוף האָט גונדערמאַן געהאַט אַ פרייע מינוט פאַר סאַקאַרן אויך.

סאַקאַר האָט איהם אין קורצע ווערטער ערקלערט וועגען דער וועלט־באַנק, וואָס ער נעהט גרינדען און צוליעב וואָס פאַר אַ צוועק. דערביי האָט ער איהם נאָר געגעבען אַן אנצוהערענס וועגען העמעלין'ס פּלענער, ווייל ער האָט גלייך דערפיהלט, אַז דער באַנקיר וועט זיך אָפּזאָגען אנטהייל צו נעהמען.

— שוין ווידער אַ באַנק, ליעבער פריינד, שוין ווידער אַ באַנק? — האָט גונדערמאַן איבערגע'חזר'ט מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל — בעסערע געשעפטען וואָלט מען געקענט מאַכען מיט אַ מאַשינע, מיט אַ גילאָטינע, וואָס זאָל ארונטערהאַקען דיא קעפּ ביי דיא אַלע ניי־געגרינדעטע באַנקען. אפשר וואָלט אייער אינזשיניר געקענט אויסטראַכטען אַזאַ מין מאַשין, האַ?

דאַן האָט ער גענומען ריידען רוהיגער און ערנסטער.

— טראַכט נור ארום דיא זאַך מיט קלאָרען פערשטאַנד... איהר געדיינקט, וואָס איך האָב אייך אנומעלט געראַטהען — לאָזט דיא געשעפטען צורוה, איהר טויגט ניט פאַר דעם. ווען איהר וועט פאָלגען מיין עצה, וועט פאַר אייך זיין צעהן מאָל בעסער, וויא ווען איך זאָל אונטערשטיצען אייער באַנק. איהר מוזט דורכפאַלען, מיין פריינד, דאָס איז אַזוי קלאָר, וויא צוויי מאָל צוויי איז פיער ווארום איהר זייט אַזוי היציג, אויפגערעגט, איהר האָט אַ צו רייכע פאַנטאַזיע. אויסער דעם, ווען מען האַנדעלט מיט פרעמד געלד קען סיי־וויא־סיי ניט זיין קיין מזל און ברכה. איהר וואָלט בעסער געבעטען אייער ברודער, ער זאָל אייך געבען אַ פּאַסענדע רעגיערונגס שטעלע. צום ביישפּיעל. אַ שטעלע פון אַ פּרעפעקט אָדער אַנאַנדערע אַזאַ.... מיין עצה, מיין פריינד, איז איהר זאָלט וועגען דעם אַ טראַכט טהאָן....

סאַקאַר האָט זיך אויפגעהויבען, ציטערענדיג פאַר כעס.

— אַלזאָ, איהר זאָגט זיך אָפּ? — האָט ער ארויסגערעדט, —איהר ווילט ניט נעהמען קיין אַקציען? איהר ווילט ניט זיין איינער פון דיא גרינדערס?

— זאָל מיך גאָט אויסהיטען! מיט אייך גרינדרען א גע־שעפט? קיינמאָל אין לעבען ניט! — האָט גונדערמאַן גע־ענטפערט — געדיינקט, וואס איך זאָג אייך. עס וועלען ניט אוועק קיין דריי יאָהר און איהר וועט פערשלונגען ווערען...

א קורצער שווערער שוויינען.ביידע האָבען זיך אָנגעקוקט מיט ארויספאָדערענדיגע בליקען.

—אלזאָ, אויב אזוי... אדיע! איך האָב נאָך היינט ניט געגעסען און בין זעהר הונגעריג. מיר וועלען שוין זעהן, ווער עס וועט פערשלונגען ווערען....

און זאָגענדיג דאָס, האָט סאקאר פערלאָזען דעם באנקיר און איז אויף דער גאַס ארויס.

ער האָט זיך ארייננעזעצט אין א דראזשקע און געהייסען דעם קוטשער פאָהרען אין רי מאָנ־לאזאר.

דער זייגער האָט געשלאָגען איינס. הייסט עס, אז היינ־טיגער טאָג איז פערלאָרען.

אה, דיעזער שמוציגער איד! מיט וואס פאר א פערגניגען וואָלט ער איהם צווישען דיא צייהן צומאָהלען, וויא א הונד א ביין! אפילו אמת, א צו שטארקער ביין, אז מען זאָל עס קע־נען צומאהלען צווישען דיא צייהן, אָבער ווער קען וויסען? דיא גרעסטע מלוכות זיינען אונטערגעגאנגען, ווען זייער שעה האָט געשלאָגען, דיא מעכטיגסטע קיסרים!

ניין, ניט צומאָהלען וועט ער איהם מיט איין מאָל, נור ביסלאכווייז וועט ער צוברעקלען דיעזע מיליארדען־ביין. יא, אין דער פערזאָן פון דיעזען מעכטיגען אידען וועט ער זיך אָפּ־רעכענען מיט אלע אידען, וואס ווילען פערכאפּען דיא גאנצע וועלט!

דיעזע געדאנקען, דיעזער צאָרן אויף גונדערמאן'ען און אויף אלע אידען, האָט אין איהם נאָך מעהר צוברענט דעם חשק צו געשעפטען ....

ער וועט שוין זיי ווייזען. ער וועט זיין באנק־הויז גרינדען, דאן וועט ער אלע קאָנקורענץ־באנקען צומאָהלען.

און פלוצלונג איז איהם ווידער איינגעפאלען דענגרעמאן, און ניט טראכטענדיג קיין איין רגע, האט ער געהייסען דעם קוטשער פאהרען צו איהם.

ער וועט שפעטער עסען פריהשטיק. אויב ער וויל נאך היינט זעהן דענגרעמאן, מוז ער גלייך צו איהם פאהרען. ווארים נאך איינס טרעפט מען שוין איהם ניט אין דער היים.

דיעזער איין קריסט איז ווערטה געוועזען מעהר וויא צוויי אידען. ער האט געהאט א שם פון א מענשען־פרעסער, וואס פערשלינגט אלעס און אלעמען, וואס עס קומט איהם נור אונ־טער דער האנד. אבער אין דיעזער מינוט וואלט סאקאר זיך אפילו מיט א גאסען־רויבער פעראייניגט צוליעב זיין אונטער נעהמונג. שפעטער וועט מען שוין זעהן. ער, סאקאר, וועט דאך געוויס זיין דער שטארקערער.

דערווייל האט זיך די דראזשקע אפגעשטעלט פאר א הויכע מאנומענטאלע טויער פון א הערליכען פאלאץ, וואו דענגרעמאן האט געוואהנט.

דיעזער פאלאץ האט זיך געפונען אויף דער רייכסטער און שעהנסטער גאס פון שטאדט.

דער פאלאץ הינטער א גרויסען געפלאסטערטען הויף האט אויסגעזעהען גראנדיעז. פון אהינטער איהם האבען ארויסגע־קוקט דיא שפיצען פון דיא הונדערט־יאהריגע בוימער פון דעם פריוואט־פארק, וואס האט בעלאנגט צו דענגרעמאן'ס קעניגליכע וואהנונג.

גאנץ פאריז האט געקענט דעם דאזיגען פאלאץ מחמת דיא הערליכע בעלער, וואס פלעגען דארט געגעבען ווערען, און נאך מעהר, מחמת דער וואונדערבארער בילדער־גאלעריע, וואס עס האט זיך דארט געפונען און וועלכע קיינער פון דיא בעריהמטע געסט אין פאריז האט ניט פערפעהלט אנצוקוקען.

דענגרעמאן'ס פרוי, א בעקאנטע זינגערין, איז אזוי בע־ריהמט געוועזען אין פאריז מיט איהר שעהנהייט וויא זיין בילדער גאלעריע.

ער איז געווען א בעריהמטער ספּאָרטסמאַן, האָט געהאט דיא שנעלסטע פערד, בעלאַנגט צו דיא רייכסטע קלובען, האָט אָפען פערקעהרט מיט דיא שעהנסטע פרויען פון דעם בעוואוס־טען סאָרט, האָט געהאט דיא בעסטע לאָזשע אין דער אָפּערא און עס איז ניט געווען קיין איין פערגניגונגס־פּלאַץ אין גאַנץ פּאַריז, וואו דעגרעמאַן זאָל דאָרט ניט האָבען זיין אויבען־אָן.

און דיעזעס גאַנצעס לעבען, פול פּראַכט און לוקסוס, איז בעצאָהלט געוואָרען נור פון שפּעקולאַציעס. דיעזעס פערמעגען האָט געהאַלטען אין איין שטענדיגען שטראָמען, און עס האָט זיך געדאַכט, אז עס איז אַזוי טיעף און אַזוי אונערשעפּליך וויא דער ים.

ווען סאַקאַר איז ארויף דיא מאַיעסטעטישע טרעפּ פון הויפּט אריינגאַנג, האָט ער דורך א דיענער געלאָזט מעלדען זיין נאָמען. באַלד האָט דער דיענער זיך צוריקגעקעהרט און איהם דורכגעפיהרט דריי פּרעכטיגע זאַאלען, וואס זיינען בעפּוצט גע־ווען מיט פערשיעדענע קונסט־ווערק, און האָט איהם אריינגע־פיהרט אין א קליינעם רויך־צימער, וואו דעגרעמאַן האָט א סיגאַר גערויכערט.

דעגרעמאַן איז געווען פינף און פערציג יאָהר אַלט. ער איז געווען הויך און שלאַנק, זעהר עלעגאַנט געקליידעט און האָט, אַלס פּאַנאַטישער אנהענגער פון קעניג, ראַזירט זיין באָרד א לאַ נאַפּאָלעאָן דער דריטער.

מיט מענשען האָט ער זיך געהאַלטען זעהר ליעבענס־ווירדיג.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט, ווען סאַקאַר איז אריינגעקומען.

— אָה, מיין פריינד, וואס מאַכט איהר? ווארום עפּעס זעהט מען אייך ניט? איך האָב אנומעלט געטראַכט וועגען אייך... איהר זייט דאָך מיין שכן?...

ער איז אָבער באַלד אָפּגעקיהלט געוואָרען, ווען סאַקאַר האָט איהם ערקלערט, צוליעב וואָס ער איז געקומען.

ער וויל גרינדען — האָט ער איהם ערקלערט — א סינ־דיקייט פון גוט בעקאנטע פערזאָנען, וואָס זאָלען זיך פער־פליכטען צו נעהמען ביי איהם דיא גרעסטע טהייל פון דיא אק־ציעס פון זיין וועלט־באנק. עס וועלען זיין 50 טויזענד אקציען צו 500 פראנק, וויל ער אז 40 טויזענד פון דעם זאָלען זיך פערפפליכטען צו נעהמען באנקירען, פאבריקאנטען, געשעפטס־לייט, שפעקולאַנטען, וואָס זאָלען ארבייטען פריינדליך און הארמאָניש פאר דיעזער גרויסער אונטערנעהמונג.

דענגרעמאן האָט איהם אָנגעקוקט פערטראכט, אקוראט וויא ער וואָלט געוואָלט אריינדרינגען אין סאקאר׳ס מוח און לעזען דאָרט זיינע אלע געדאנקען, אום צו זעהן, וואס פאר א נוצען פאר זיך ער קען ארויסציהען פון דיעזען מענשען. פון סאקאר׳ס פעהיגקייטען האָט ער גראד געהאלטען, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, וויא אונבעשטענדיג ער איז אין זיינע האנדלונגען און פלענער.

צוערשט האָט ער זיך געוואָלט אפזאָגען.

— ניין, ניין — האָט ער זיך אָפגערופען — איך האָב צופיעל אויפ׳ן קאָפ. איך קען זיך ניט פערבינדען מיט נייע אונטערנעהמונגען.

באלד אָבער האָט ער אומגעביטען זיין מיינונג און האָט אנגעהויבען אויספרעגען סאקאר׳ן, וויא און וואס און וויא אזוי. און ווען סאקאר האָט איהם דערנאָך ערקלערט וועגען זיין פלאן צו גרינדען א סינדיקאט פון טראנספּאָרט־געזעלשאפטען אין מיטעל־ים, אונטער דעם נאָמען „גענעראל קאָמפּאניע פון פעראייניגטע דאמפּף שיפען“, דאמאלס האָט ער גלייך געזאגט:

— הערט אויס, איך וועל צושטעהן צו אייער אונטערנעה־מונג אונטער איין בעדינגונג... וויא פערהאלט איהר זיך מיט אייער ברודער, דעם מיניסטער?

צומישט פון דער דאָזיגער פראגע, האָט סאקאר ניט גלייך גענטפערט, באלד אָבער האָט ער זיך אפגערופען מיט ביטער־ניש אין קול:

— מיט מיין ברודער ? ער קימערט זיך וועגען זיינע געשעפטען און איך וועגען מיינע. מיר זיינען ניט זעהר ברידערליך געשטימט איינער געגען אנדערען...

— אויב אזוי, קען איך ניט צושטעהן צו אייער אונטערנעהמונג—האט דעגרעמאן קורץ ערקלעהרט—איך וועל נור דעמאלט אנטהייל נעהמען, ווען אייער ברודער וועט אויך אין דעם זיין פעראינטערעסירט. איהר פערשטעהט מיך ? איך וויל ניט, איהר זאלט זיין צוקריעגט מיט אייער ברודער.

אפריהער האט סאקאר וועגען דעם ניט געוואלט הערען און ער האט זיך געסטארעט צו איבערצייגען דעגרעמאן, אז זיין ברודער רוגאן איז דא איבעריג ; נאך מעהר, ווען רוגאן איז פעראינטערעסירט אין דעם, דעמאלט זיינען זיי געבונדען הענד און פיס. אין דער זעלבער צייט אבער האט איהם דער פערשטאנד אונטערגעזאגט, אז מען מוז זיך לכל הפחות פערזיכערען מיט דער נייטראליטעט פון דעם מעכטיגען מאן, אום צו האבען ערפאלג. דאך האט ער אזוי גיך ניט געוואלט נאכגעבען.

— ניין, ניין, ער האט זיך צו שמוציג בענומען געגען מיר, איך וועל קיינמאל ניט מאכען דעם ערשטען שריט וועגען שלום צווישען מיר און איהם.

— הערט אויס — האט דעגרעמאן ווידער אנגעהויבען— היינט אום פינף פארנאכט דארף זיין ביי מיר אורע וועגען א געוויסען געשעפט, וואס ער דארף פאר מיר דורכפיהרען. פאהרט גלייך אריבער אין פארלאמענט, רופט אפ אורע'ן אן א זייט און דערצעהלט איהם וועגען אייער פלאן. ער וועט באלד איבעררייּדען מיט רוגאן'ען, וועט זיך דערוויסען, וואס ער דענקט וועגען דעם און פינף אוהר וויסען מיר אלעס. ניט אזוי ? זייט דא אום פינף ווידער.

סאקאר האט ארונטערגעלאזט דעם קאפ און נאכגעדענקט א ווײלע.

— מיין גאט — האט ער געזאגט — און איהר דענקט, אז דאס איז אזוי וויכטיג...

— אָה, זעהר וויכטיג! אָהן רוגאָן'ען קענט איהר גאָר ניט אויפטהאָן, מיט איהם אַלעם . . .

— גוט, איך געה אהין.

סאקאר האָט שוין געוואָלט ארויסגעהן, ערשט דעגרעמאָן האָט איהם ווידער אָפּגעשטעלט:

— הערט אוים! ווען איהר וועט זעהן, אז עס זיינען פאראן שוועריגקייטען אין וועג, דאן זאָלט איהר פערבייפאָהרענדיג זיך זעהן מיט מארקיז באָהאיין און מיט סעדילל'ן. דערציילט זיי, אז איך שטעה צו צו דער אונטערנעהמונג און פרעגט זיי, אויב זיי ווילען צושטעהן... איך וויל, אז זיי זאָלען אויך זיין מיט אונז.

ארויסגעהענדיג אויף'ן גאַס, האָט סאקאר אוועקגעשיקט דיא דראָזשקע, ווייל ער האָט געהאַט נור עטליכע טריט ביז זיין וואָהנונג. ער האָט גערעכענט, אז וויא נור ער וועט אָפּעסען פריהשטיק, וועט ער הייסען איינשפּאַנען זיין אייגענעם פערד. אפשר איז ער שוין דאָרטען געזונד געוואָרען.

ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אהיים. דאָרט האָט מען שוין זיך ניט גערינכט ער זאָל היינט קומען עסען פריהשטיק. דיא קעכין אַליין האָט איהם צום טיש דערלאַנגט קאַלטעס פלייש, וואָס ער האָט געגעסען מיט גרויסען אַפּעטיט.

דער קוטשער האָט איהם אָפּגעגעבען דעם רעפּאָרט, וואָס דער וועטערינאַר האָט געזאָגט מכוח דעם פערד. און סאקאר האָט איהם גענומען זידלען, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז דער פערד מוז א דריי־פיער טעג רוהען. ער האָט איהם גענומען סטראשען מיט קאַראָלינע'ן, אז זיא וועט שוין מאַכען אָרדנונג אין שטאַהל אויך. נאָכדעם האָט ער איהם אוועקגעשיקט נאָך א דראָזשקע.

אין דרויסען האָט ווידער גערעגענט. איבער א פערטעל־שטונדע האָט סאקאר געוואָרט אויף א דראָזשקע.

צום סוף, ווען דיא דראָזשקע איז געקומען, האָט ער זיך ארויפגעזעצט און געהייסען פאָהרען צום פּאַרלאַמענט.

זיין פלאן איז געווען צו קומען אהין נאך פאר דיא זיצונג אזוי, אז ער זאל קענען מיט אורע'ן רוהיג ריידען.

ליידער האט מען יענעם טאג זיך געריכט אויף א סקאנדאל אין פארלאמעט, ווייל איינער פון דיא לינקע מיטגליעדער האט זיך געקליבען אויפהייבען דארט דיא פערשאלטענע מעקסיקאנער פראגע. דאן וועט רוגאן אהן שום ספק מוזען ענטפערען.

סאקאר'ן האט אפגעגליקט צו טרעפען אורע'ן, גלייך וויא ער איז אריין אהין.

ער איז מיט איהם אריין אין א זייטיגען צימער, וואו קיינער איז ניט געווען.

אין דיא ברייטע קארידארען האט געהילכט א טומעל פון דיא דעבאטען, וואס זיינען אנגעגאנגען צווישען דיא פערשיעדענע מיטגליעדער. דיא צייט איז געווען א קאכעדיגע, אין איהר האבען זיך שוין געשפירט דראהענדיגע צייכענס פון א נאהענטער קאטאסטראפע.

אורע, טיעף צוטראגען מיט זיינע אייגענע געדאנקען, האט אפריהער ניט פערשטאנען, וואס סאקאר האט געוואלט. ווען דאס איז איהם אבער קלאהר געווארען, האט ער אויסגעשריען צושראקען:

— וואס איהר ווילט, איך זאל ריידען מיט רוגאן'ן וועגען אזוינע זאכען אין אזא צייט? ער וועט דאך מיך שיקען צו אלל די רוחות, מיין פריינד!... גאנץ זיכער!..

ער האט מורא געהאט פאר רוגאן'ען. איהם אליין האט ער געהאט צו פערדאנקען, וואס ער איז א מיטגליעד פון פארלאמענט. פאר דיא צוויי יאהר האט ער א היבשע אפותיקע אריינגעקראגען לאפפע-געלד, האט היבש פארגרעסערט זיין פערמעגען אין מזומנים און אין גיטער. אין פאל פון א קריזיס, איז ער גוט פארזארגט. און פאר דאס אלעס איז ער פערפפליכטעט איין רוגאן'ען. ניין, ניין, ער האט מורא, יענער זאל אויף איהם ניט אין כעס ווערען, ווען ער וועט מיט

איהם וויעדער ריידען מכוח דעם ברודער. איהם לוינט זיך ניט, רוגאן זאָל אויף איהם בייז ווערען, ער וויל עס ניט!

— איהר פערשטעהט דאָך מיין לאגע — האָט ער וויעדער גענומען ריידען — איך האָב אייך שוין איינמאָל גע־בראכט אייער ברודער׳ס מיינונג, איך וויל איהם ניט פלאגען מעהר איבער אייך. צום טייפעל, טהוט א טראכט וועגען מיר אויך! עס איז ניט אזוי אנגענעהם צו דערעסען דעם צוויי־טען און איך האָב גאָר ניט קיין לוסט צו ליידען פאר אייך, צו־ליעב אייך מיין איינפלוס צו פערליערען.

סאקאר האָט איהם גוט פערשטאנען און איצט האָט ער זיך געסטאַרעט צו ווירקען אויף איהם מיט אויסמאָהלען פאר איהם דיא גרויסע גליקען, וואָס האָט געוואָרט אויף דיא אנ־טהייל־נעהמער אין דיזער אונטערנעהמונג.

ער האָט גערעדט מיט פייער, געשילדערט יענע גליקען מיט אזוינע גליהענדע פארבען, אז אורע האָט, דאכט זיך, שוין אנגעטאפט דיא מיליאָנען....

דעגרעמאן האָט זיך אן דער שפּיצע געשטעלט, דער מאר־קיז באהיין און סעדילל בעטען זיך, מען זאָל זיי ארייננעהמען אין דער געזעלשאפט. ווארום זאָל ער, אורע, אויך ניט צו שטערן? דיא אנדערע הערי׳ען ווילען אידם האָבען מחמת זיין היכע פאָליטישע שטעלונג. מען האָפט אפילו, צו פועל׳ן ביי איהם, ער זאָל ארייננטרעטען אין דער אונטערנעה־מונג אלס איינער פון דיא דירעקטאָרען, ווייל זיין נאָמען אליין איז שוין א גאראנטיע פאר עהרליכקייט און אָרדנונג...

ביי דיזען פערשפּרעכען, ערוועהלט צו ווערען אלס די־רעקטאָר, האָט אורע איהם א קוק געטהאָן שארף אין דיא אויגען.

— קורץ, וואָס פערלאנגט איהר פון מיר? וואָס ווילט איהר, זאָל איך פועל׳ן ביי רוגאן׳ען?

— גלויבט מיר—האָט סאקאר געענטפערט—איך אליין וואָלט וועגען מיין ברודער זיך גאָר ניט געקימערט, אָבער דע־גרעמאן פערלאנגט דורכאוים, איך זאָל זיך מיט איהם איבער־

בעטען. אפשר האָט ער רעכט... דערפאַר, דענק איך, אַז דער בעסטער מאַן פאַר אַזאַ שליחות זייט איהר. איך פערלאַנג פון איהם, אויב ער וועט ניט וועלען אונז העלפען, זאָל ער כאָטש ניט זיין געגען אונז.

אורע איז געזעסען מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגען און האָט זיך אַלץ געקווייקעלט.

— קורץ: איהר דאַרפט נור אונז ברייגגען פון איהם איין פריינדליך וואָרט, איהר הערט? נור איין איינציג פריינדליך וואָרט!... דעגרעמאַן וועט דעמאָלט זיין צופריעדען און נאָך היינט אבענד וועלען מיר זאָלבע דריט האָבען עפּעס אויפגעטהאָן.

— גוט, איך וועל פּרואווען! — האָט אורע צום סוף זיך אָפּגערופען, שמייכלענדיג ביטרע מיט זיין פּויערשען פּנים: — איך טהו עס נור צוליעב אייך. וואָרים אַזאַ זאַך פאַרצוברייגגען פאַר רוגאָן׳ען איז ניט אַזוי לייכט, איבערהויפּט נאָך היינטיגע צייט, ווען דיא לינקע צורייצען איהם אַזוי... אַדיע! פּינף אוהר זעהען מיר זיך!..

סאַקאַר איז אָבער גלייך ניט אוועק. ער האָט פערבראַכט כמעט נאָך אַ שטונדע אין פאַרלאַמענט, שטאַרק אונרוהיג, מאַמער רעגען אויף דיא לינקע היינט זיין ברודער. ער האָט דערהערט, וויא איינער פון דיא גרויסע רעדנער פון דער אָפּאָזיציאָן האָט פערלאַנגט דאָס וואָרט. דעמאָלט האָט סאַקאַר געוואָלט צוגעהן צו אורע׳ן און איהם בעטען, ער זאָל היינט מיט דעם ברודער וועגען זיין זאַך ניט ריידען, מורא האָבענדיג, טאָמער וועט רוגאָן היינט זיין ניט גוט אויפגעלייגט; ער האָט זיך אָבער מיישב געווען, איבערצולאָזען דאָס דעם צופאַל.

און אין אַ ווייל ערום האָט ער פערלאָזען דעם פּאַרלאַמענט. ער האָט זיך געזעצט אויף דער דראָזשקע.

— קוטשער, צו דער רי־דע־באַבילאָן! — האָט ער געזאָגט.

אין רי דע־באַבילאָן האָט געוואָהנט דער מאַרקיז באַהאיין. ער האָט דאָרט געוואָהנט אין אַ׳ן אַלטען פּאַלאַץ, וואָס ער האָט איבערגעבויט אויף׳ן מאָדערנעם שטייגער.

דיא מארקיזע, א קראנקע פרוי, האט מען קיינמאל ניט געזעהען. דיא הויז און דיא מעבעל זיינען געווען אפגעשריעבען אויף איהר נאמען. דעם מארקיז'ן אליין האבען נור געהערט דיא קליידער, וואס ער האט אויף זיך געטראגען און נאך א קופערט מיט וועש. זינט ער האט געשפעקולירט אויף דער בערזע, האט ער שוין צוויי מאל זיך אפגעזאגט צו בעצאהלען, וואס ער האט פערלארען ביים שפעקולירען. זיין בערזען־אגענט האט איהם אבער ניט פערקלאגט, ער האט זיך נור געזאגט: „פערגעס", און האט ביי איהם מעהר ניט געמאהנט. ווארים ער האט גוט געוואוסט, אז דער מארקיז איז נור א בעלן אויף נעהמען, אבער ניט אויף געבען.

און מיט גוואלד האט מען איהם ניט געקענט צווינגען צו געבען, ווארים זיין נאמען האט איהם געשיצט נעגען אלעמען און אלעס.

זיין נאמען איז אויך געווען א גאלדענע שילד פאר ניי־געגרינדעטע געזעלשאפטען. דערפאר האבען זיך אזוינע גע־זעלשאפטען אלע מאל געיאגט נאך זיין נאמען.

אויף דער בערזע האט ער געהאט זיין אייגענעם שטוהל צווישען דיא רייכע באנקירען. מען האט איהם טיעף געאכטעט און א סך מאהל עצות ביי איהם געפרעגט. גאנץ אפט האט זיינס א ווארט א ווירקונג געהאט אויף'ן קורס פון דיא אדער יענע אקציעס. קורץ, ער איז געווען, וואס מען רופט, א פער־זענליכקייט.

סאקאר וועלכער האט איהם גוט געקענט, איז דאך בע־איינפלוסט געווארען פון דער שטאלצער העפליכקייט, מיט וועל־כער דיעזער הויכער זעכציג־יאהריגער גרייז מיט דעם אויפ־פאלענד קליינעם קאפ און בלייכען געזיכט האט איהם אויפגע־נומען.

— מארקיז — האט ער געזאגט — איך בין געקומען צו אייך בעטען א טובה...

און סאקאר האט איהם ערקלעהרט צוליעב וואס ער איז

געקומען, ניט דערצעהלענדיג איהם קיינע איינצעלהייטען, אָבער דער מארקיז האָט איהם גלייך אונטערבראָכען:

— ניין, ניין! איך קען ניט! מיין גאַנצע צייט איז פער־נומען. איך האָב שוין געהאָט אַ דוצענד אַזוינע פאָרשלעגע.

אָבער ווען סאקאר האָט מיט אַ שמייכעל איהם דערצעהלט, אַז דעגרעמאָן איז אויך איינער פון דיא פעראינטערעסירטע, דאַן האָט דער מארקיז גלייך אומגעביטען זיין טאָן:

— אזוי? דעגרעמאָן איז אויך פעראינטערעסירט אין דעם? דאַן איז שוין אַנאַנדער געשיכטע. גוט, איך שטעה אויך צו צו אייך.

דאַן האָט סאקאר געוואָלט איהם ערקלעהרען מאַנכע איינ־צעלהייטען וועגען דער אונטערנעהמונג, דער מאַרקיז אָבער האָט איהם ליעבענסווירדיג פארשטעלט דאָס מויל, בלומרשט ער וויל ניט אריינגעהן אין קליינינקייטען, ער פערלאָזט זיך אין גאַנצען אויף דער עהרליכקייט פון דיא אַנדערע.

— איך בעט אייך, קיין וואָרט מעהר. איך וויל פון קיין זאַך נישט וויסען... איהרווילט אָבען מיין נאָמען, גיעב איך אייך איהם מיט פערגניגען, און געענדיגט!... איהר קענט נור זאָגען דעגרעמאָן'ען, אַז איך פערלאָז זיך אין גאַנצען אויף איהם...

ווען סאקאר האָט זיך ווידער געזעצט אויף דער דראָזשקע, איז ער שטארק געווען צופריעדען.

— ער וועט אונז פיעל געלד קאָסטען — האָט ער גע־טראַכט — אָבער ער איז זעהר אַ ליעבענסווירדיגער מענש!.

דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום קוטשער:

— רי דע־זשעניר!..

דאָרט האָט דיא פירמע סעדיל, זיידען־פאבריקאַנטען, איהר גרויסע וואַרען־הויז געהאַט.

נאָך פינף און צוואַנציג יאָהריגער ארבייט האָט סעדיל, דער הויפט בעל הבית פון דער פירמע, אריינגעצויגען אין פאַ־

ריז און האט דארט געגרינדעט זיין גרויסע ווארען־הויז און ער האט שנעל זיין געשעפט אזוי ארויפגעארבייט, אז עס האט זיך גערעכענט איינער פון די גרעסטע אין פאריז. דארף זיך מאכען, אז ער הייבט אן צופעליג צו שפיעלען אויף דער בערזע און געווינט צוויי מאל נאכאנאנד. דאס האט איהם אין גאנצען אנגעצונדען און פער׳שיכור׳ט.

צו־וואס האט ער זיך פינף און צוואנציג יאהר גערארפט אזוי פלאגען פאר א׳ן ארימען מיליאן, ווען אויף דער בערזע קען מען אזוי פיעל מאכען אין איין שטונדע?...

פון דעמאלט אן האט ער אין גאנצען אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירען מיט זיין געשעפט און האט נור געטראכט וועגען דיא גליקען אויף דער בערזע.

דער פועל יוצא פון דעם איז געווען: דיא בערזע האט גענומען פערשלינגען זיין פערמעגען, דיא גאנצע איינקינפטען, וואס ער האט געהאט פון זיינע פאבריקען. דיא פאבריקען האבען איהם אריינגעטראגען צוויי הונדערט טויזענד פראנק יעהר־ליך און פערשפיעלט אויף דער בערזע האט ער ניט וויינינגער ווי דריי הונדערט טויזענד פראנק א יאהר.

סאקאר האט איהם געטראפען אויפגערעגט און פערזארגט, ווארום סעדילל איז ווייט ניט געווען קיין קאלטבלוטיגער, פילאזאפישער שפיעלער.

דער געוויסען האט איהם שטענדיג געמוטשעט און קיינמאל איז ער ניט געווען אין גאנצען רוהיג. אט איז ער געווען פול מיט האפנונגען און אט איז ער געזעסען ניעדערגעשלאגען, קראנק פון אונזיכערקייט, און דאס אלעס, ווייל אין גרונד גענומען, איז ער געבליעבען אן עהרליכער מאן.

ביי דיא ערשטע ווערטער פון סאקאר׳ן האט איבער זיין דיקען, רונדען פנים מיט דיא שווערע בלאנדע באקענבארדען זיך צוגאסען א רויטקייט.

— אה, מיין ליעבער — האט ער זיך אפגערופען —

אויב איהר האט מיר געבראכט גליק, דאַן זייט איהר ביי מיר זעהר און אנגעלייגטער גאַסט.

דאַן האט ער זיך פּלוצלונג א כאַפּ געטהאָן צושראָקען.

— ניין, ניין, אבער בעסער לאָזט מיך צורוה. רעדט מיך ניט צו. עס איז פיעל גלייכער פאר מיר, ווען איך זאָל זיך נור אפּגעבען מיט מיינע פאבריקען און גאר ניט טראכטען פון אנדערע זאכען.

בכדי איהם צו בערוהיגען, האט סאקאר מיט איהם פערפיהרט א געשפּרעך וועגען זיין זוהן גוסטאוו'ן; האט איהם דערצעהלט, אז ער האט גוסטאוו'ען היינט אין דער פריה געטראָפען ביי מאזא'ן אין קאנטאר.

אבער דיא עראינערונג אָן זיין זוהן האט איהם נאָך מעהר אויפגערעגט. ער האט דיא גאנצע צייט געהאָפט, אז גוסטאוו וועט פון איהם ווען עס איז אוועקגעהמען דיא לאַסטען פון געשעפט, ערשט ער וויל פון דעם גאר ניט הערען, וויס נור וויא צו לעבען א גוטען טאָג און ווייטער וויל ער מעהר פון קיין זאך ניט וויסען. ער האט איהם אפּגעגעבען צו מאזא'ן, אפשר וועט דאָרט פון איהם עפּעס ארויסקומען, אפשר, ווער ווייס? ...

— צייט זיין מוטער איז געשטאָרבען — האט סעדיל געמורמעלט — האב איך פון איהם גאר קיין נחת ניט. אפשר וועט ער ביי מאזא'ן ווערען א שטיקעל מענש, וועט בעקאַנט ווערען מיט אזוינע סודות פון דער בערזע, וואס וועלען מיר אמאָל קענען צוניץ קומען...

— אלזאָ — האט איהם סאקאר אונטערבראָכען — ווילט איהר צושטעהן צו אונז? דעגרעמאַן האט מיר געבעטען, אז איך זאָל אייך זאָגען, אז ער איז אויך פעראינטערעסירט אין דעם..

סעדילל האט אויפגעהויבען זיינע ציטערנדיגע ארעמס צום הימעל:

— נו, יא, איך בין מיט אייך! — האט ער ארויסגערעדט מיט א פערשטיקטער שטימע — איהר ווייסט דאָך,

אז איך קען זיך ניט אפזאגען. ווען איך זאל זיך איצט אפזאגען און אייער געשעפט זאל אוועקגעהן גוט, וועל איך זיך דאן א לעבעדיגער אויפעסען... קורץ, זאגט דעגרעמאן׳ען, אז איך נעהם אויך אנטהייל...

ווען סאקאר איז ארויס אויפ׳ן גאס און האט א קוק געטהאן אויף זיין זייגער, האט ער דערזעהן, אז עס איז נאך פאר פיער. ביז פינף האט ער געהאט מעהר וויא א שטונדע, האט ער בעשלאסען געהן צופוס צו דעגרעמאן׳ען און האט אוועקגעשיקט דיא דראזשקע.

ער האט אבער חרטה געקראגען אויף דעם, ווייל אויפ׳ן וועג האט איהם ווידער דאס רעגען געכאפט און ווען ער איז געקומען צו דעגרעמאן׳ען אין פאלאץ, איז ער געווען נאס, וויא א האהן.

דעגרעמאן איז נאך ניט געווען אין דער היים, דער דינער האט אריינגעפיהרט סאקאר׳ן אין רויך־צימער און האט איהם דארט איבערגעלאזט אליין.

בכדי דיא צייט צו פערטרייבען, האט סאקאר, טרעטענדיג אויף דיא שפיץ פינגער, געוואלט דורכקוקען דיא בילדער־גאלערעע. פלוצלונג האט ער דערהערט א פראכטפאלע פרויען־שטימע, וואס האט זיך געטראגען דורך דער שטילקייט אין דעם גרויסען פאלאץ אזוי טיעף־מעלאנכאליש און אזוי זימהארציג, אז סאקאר איז געבליעבען שטעהן וויא פער׳כישוף׳ט.

דעגרעמאן׳ס פרוי האט פראקטיצירט אויף דער פיאנא א שטיקעלע מוזיק, וואס זיא האט מסתמא געדארפט פארטראגען ערגעץ פאר דער רייכער געזעלשאפט.

פון דער זיסער מוזיק פערוויעגט האט סאקאר גענומען חלום׳ען און דערמאנען זיך אן פערשיעדענע אינטערעסאנטע געשיכטען... און אזוי האט ער זיך אויך דערמאנט אן א געשיכטע, וואס מען האט דערצעהלט וועגען דעגרעמאן׳ען, וועגען זיין ערשטען גרויסען אויפטהו, מיט דיא אקציען אויף פופציג מיליאן פון א געוויסער קאמפאניע. דיא דאזיגע אקציען האט דעגרעמאן געלאזט פערקויפען און ווידער פערקויי־

פען אזוי פינף מאָל נאכאנאנד, ביז ער האט פאר זיי גע־שאפען א גרויסע פאָדערונג און א הויכען פרייז. דיא אקציען אבער האט ער דיא גאנצע צייט געהאלטען פערשלאָסען ביי זיך אין דער אייזערנער קאססע. שפּעטער, ווען ער האט אויף זיי געשאפען א גרויסע פאָדערונג און מען האט זיי גענומען אויף אן אמת פערקויפען, האט דער פרייז זייערער פּלוצלונג א פאַל געטהאָן פון דריי הונדערט פראנק אויף פופצעהן, א געוואלדיגער אויפטהו, דורך וועלכע טויזענדער און טויזענ־דער מענשען זיינען אונגליקליך געוואָרען.

דענגרעמאן האט אבער דערביי „פּערדיענט“ א שעהנע אפּותיקע. אָה, ער פערשטעהט שוין א געשעפט, א געוואלדיגער קאָפּ! — האט כאקאר געטראכט.

און דיא זיס־טרויעריגע שטימע האט זיך דערוויילע גע־טראָגען דורך דעם פאלאץ, אנפילענדיג דיא לופט מיט צויבער־טענער.

אין דיעזער צייט איז אריינגעקומען אורע.

— וויא? — האט סאקאר אויסגערופען פערוואונדערט — איהר זייט שוין דאָ? עס איז דאָך נאָך ניט קיין פינף אוהר... איז שוין נאָך דער זיצונג?

— וואו נאָך דער זיצונג? זיי רייסען זיך נאָך דאָרט דיא נעזער!

און ער האט איהם ערקלערט, אז דער אפּגעאָרדענטער פון דיא לינקע האט נאָך זיין רעדע ניט געענדיגט און מען דענקט, אז רוגאן וועט ערשט מאָרגען קענען ענטפערען מיט א רעדע. ער אבער אליין האט ניט געווארט אויף קיין גליקען און בשעת דיא זיצונג איז אויף א ווייל‏ע אונטערבראָכען געוואָרען, איז ער צוגעגאנגען צו רוגאן׳ען און א שמועס געטהאָן מיט איהם.

— שוין? נו, וואס האט ער געענטפערט, מיין בעריהמ־טער ברודער? — האט ער זיך א כאפּ געטהאָן נערוועז.

אורע האט באלד ניט געענטפערט.

— אָה, ער איז געוועזען שרעקליך אויפגערעגט — האט

אורע דאן געזאָגט — איך בין זיך מודה פאר אייך, איך האב שוין געמיינט, אז ער שיקט מיך צום טייפעל... אבער דאך האב איך איהם דערצעהלט וועגען אייער אונטערנעהמונג און האב איהם געזאָגט, אז איהר וועט גאר גישט ניט טהאָן אָהן זיין צושטימונג.

— נו, וואס האט ער אייך אויף דעם געענטפערט?

— וואס ער האט אויף דעם געענטפערט? ער האט מיך פארביידע ארימס אנגעכאפט, האט מיך גענומען שטארק טרייסלען און א געשריי געטהאָן: „זאָל ער זיך פון מיינעט־וועגען הענגען, זאָגט איהם"! און מיט דעם האט ער מיך פער־לאָזען.

סאקאר איז געוואָרען בלייך און האט געצוואונגען געלאכט.

— טאקי זעהר א שעהנער ענטפער, זעהר עדעל, ניטאָ וואס צו ריידען! — האט ער אויסגעשריען.

— עדעל? געווים איז אזא ענטפער עדעל — האט אורע אויסגעשריען מיט התפעלות — איך האב אזא ענטפער פון איהם בשום אופן ניט ערוואַרטעט. מיר קענען איצט גלייך אנ־פאנגען צו ארבייטען, ווען מיר האבען פון איהם אזא ענטפער געקראגען.

אין דיעזער מינוט האבען זיך דערהערט דעגרעמאן'ס טריט, אורע האט זיך א כאפ געטהאָן:

— איהר רעדט ניט, לאָזט מיך!

וויא עס איז קענטיג געוועזן, האט אורע שטארק חשק גע־האט צו זיין איינער פון דיא דירעקטאָרען אין דער וועלט־באנק און האט געוואָלט, מען זאָל זיא גרינדען.

וויא נור דעגרעמאן איז אין צימער אריין, אזוי האט ער זיך א וואָרף געטהאָן געגען איהם מיט א שטראַהלענדען פנים און, פאָכענדיג מיט דיא הענד אין לופטען, האט ער גענומען שרייען:

— זיעג! זיעג!...

— אזוי? ווירקליך? דערצעהלט מיר, וויא אזוי, וואס ער האט געזאָגט!

— מיין גאָט! דער גרויסער מאַן האט זיך געהאַלטען וויא ער האט זיך געדארפט האלטען. ער האט מיר געענטפערט: „איך ווינש מיין ברודער זאָל האבען ערפאָלג".

ביי דיעזע ווערטער איז דעגרעמאַן בעגייסטערט געוואָרען און געזאָגט, אז רוגאָן'ס ענטפער איז זעהר א קלוגער. ער ווינשט, ער זאָל ערפאָלג האבען. דאס הייסט: וועט דער ברודער האבען ערפאָלג, דאַן איז מיין וואונש ערפילט און איך וועל איהם שטיצען. וועט ער אבער זיין א נאר און וועט קיין ערפאָלג ניט האבען, דאַן וויל איך איהם ניט קענען... ווירקליך, זעהר קלוג געענטפערט!

— נו, מיין ליעבער סאקאר, מיר וועלען האבען ערפאָלג — האט ער זיך דאַן א קעהר געטהאָן צו סאקאר'ן — איהר קענט רוהיג זיין... מיר וועלען זיך שוין א סטארעווע טהאָן...

דאַן האבען זיך דיא דריי מענער אָניעדערגעזעצט און גענומען בעשפרעכען דיא הויפט פונקטען.

דעגרעמאַן האט ווידער זיך געמוזט אויפהויבען פון אָרט, אום צו צומאַכען דיא פענסטער, ווייל דיא שטימע פון זיין פרוי, וואס האט איצט געקלונגען מיט פערצווייפלונג, האט זיי געשטערט צו פערשטעהן איינער דעם אנדערען.

און אפילו ווען דיא פענסטער זיינען צוגעמאַכט געווען, האט יענע שטימע זיך אַלץ געטראָגען אזוי פערצווייפעלט, מיט האלב־פערשטיקטע קלאָגענדיגע טענער. און אזוי, אונטער דער בעגלייטונג פון דיא דאָזיגע הארץ־ציהענדיגע טענער, איז בעשלאָסען געוואָרען צו גרינדען דיא וועלט־באנק מיט א קאפיטאַל פון פינף און צוואנציג מיליאָן, וועלכער זאָל איינגעטהיילט ווערען אין פופציג טויזענד אקציען צו פינף הונדערט פראַנק אן אקציע.

אויסער דעם האבען זיי אפגעמאַכט, אז דעגרעמאַן, אורע, סעדילל, דער מארקיז באהאיין און נאָך אייניגע פון זייערע פריינד זאָלען א געזעלשאפט בילדען, וואס זאָל צונעהמען פיער פינפטעל פון דיעזע אקציען, דאס הייסט גאנצע פערציג טויזענד פון פופציג, און מען זאָל זיי האלטען ביז א געלעגענהייט.

ווען מען וועט מיט זיי קענען בעאיינפלוסען דעם מארק. אויף אזא אופן וועלען זיי אימער קענען קאנטראלירען דעם גאנג פון דיא אקציען.

דאן האט דענגרעמאן פארגעשלאגען, אז צו יעדער אקציע זאל צוגעגעבען ווערען א פרעמיום פון צעהן פראנק, ווען מען וועט מיט זיי ארויסטרעטען עפענטליך אין מארק. סאקאר איז געוועזען געגען דעם, ווייל — וויא ער האט געזאגט — עס איז ניט קלוג צו מאכען דיא בהמה מעקען, איידער מען האט זיא נאך געמאלקען. דער אנפאנג אהן דעם וועט אויך זיין גענוג שווער, צו וואס נאך שווערער מאכען? ער האט אבער סוף כל סוף געמוזט נאכגעבען דענגרעמאן'ען, ווייל אורע האט אויך יענעם אונטערשטיצט.

זיי האבען זיך שוין געהאט אויפגעהייבען פון דיא ערטער און געהאלטען ביים פאנאנדערגעהן, אפריידענדיג צו טרעפען זיך מארגען וויעדער מיט העמעלין'ען, ערשט דענגרעמאן האט זיך א פאטש געטהאן אויף'ן שטערן.

— און אן קאלב'ען האבען מיר גאר פארגעסען! אה, ער וועט עס מיר קיינמאל ניט מוחל זיין. ער מוז אויך אריין! ליעבער סאקאר, ווען איהר ווילט זיין אזוי פריינדליך, געהט אריבער גלייך צו איהם, עס איז נאך פאר זעקס, איהר וועט איהם נאך טרעפען אין קאנטאר... יא, געהט צו איהם אריין אליין און נאך היינט... דאס וועט ביי איהם זיין אנגעלייגט און ער קען אונז זעהר צוניטץ קומען...

סאקאר האט איהם געפאלגט און איז אוועק צו קאלב'ן, וויסענדיג, אז ניט אלע טעג זיינען גליקליכע...

ער איז געגאנגען צו פוס. דער רעגען האט אויפגעהערט און, טרעטענדיג איבער'ן טראטואר, האט סאקאר זיך צוגע־הערט צו דיא הילכיגע טריט זיינע און האט זיך געפרעהט, וואס וויעדער טרעט ער מיט פעסטע שריט אויף'ן פאריזער באדען...

אין רי מאנטמארטער האט דער רעגען וויעדער גענומען

קאָפּען, סאַקאַר איז דאַן אַוועק איבער דיא זייטיגע געסלעך, אום צו פּערקירצען דעם וועג צו קאָלב'ן.

ווען ער איז פּערבייגעגאַנגען איין זייטיג געסעל, האָט ער פּלוצלונג, צו זיין איבעראַשונג, בעמערקט, ווי גוסטאַוו סעדילל איז אַרויסגעלאָפען פון אַ הויז און איז פערשוואונדען, ניט אומקוקענדיג זיך אַהינטער.

סאַקאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט, אום אָנצוקוקען דאָס הויז. דאָס איז געווען אַ האָטעל.

גלייך איז פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען אַ קליינע פערשלייערטע בלאָנדינקע. סאַקאַר האָט באַלד אין איהר דערקענט מאַדאַם קאָנין, דיא שעהנע פּאַפּיער־הענדלערין.

אַלזאָ אהער האָט זיא געפיהרט איהרע ליעבהאָבער, ווען זיא איז צערטליך אויפגעלייגט געווען. דער גוטמוטהיגער מאַן איהרער פלעגט בעת דעם דענקען, אז זיא איז אַוועק איינמאַהנען חובות.

דער דאָזיגער געהיימניספולער ווינקעל אין מיטען שטאָדט איז זעהר פּאַסענד געווען פאַר אַזוינע ליעבשאַפטען און נור דורך אַ צופאַל האָט מען געקענט וועגען דעם פּלאַטץ זיך דערוויסען.

סאַקאַר האָט אַ שמייכעל געטהאָן און האָט מקנא געווען גוסטאַוו'ען: אין דער פריה זשערמיין גיר, נאָכמיטאַג מאַדאַם קאָנין—אַ גליקליכער יונגערמאַן, צום טייפעל!.

און ער האָט זיך ווידער אומגעקוקט אויף'ן האָטעל, בכדי צו דערקענען איהם; וואָרים אמאָל קען אזאַ פּלאַטץ צוניטץ קומען.

צוקומענדיג צו קאָלב'ס באַנק, האָט ער אַ ציטער געטהאָן און איז שטעהן געבליעבען. אַ קריסטאַל־העלע מוזיק, וואָס האָט זיך פון אונטער ד'רערד געטראָגען, האָט איהם בעצויבערט, וויא דאָס געזאַנג פון פעען אין דיא מערכען, און ער האָט דערקענט דיא מוזיק פון גאָלד, וואָס ער האָט שוין היינט פאַרמיטאַג געהערט...

סאקארים פּנים האָט געגומען שטראַהלען פון דעם שמייכ־לענדיגען קלאַנג פון דער דאָזיגער גאָלד־מוזיק. שוין דעם צווייטען מאָל, וויא ער הערט דיא זעלבע קלאַנגען, פּאַרמיטאַג און איצט — זעהר אַ גוטער סימן!..

קאַלב איז דעמאָלט גראד געווען ביי זיך אין שמעלץ־קעלער און סאקאר אַלס פריינד זיינער איז אַהין ארונטער, אום איהם דאָרט צו טרעפען.

אין דעם נאַקעטען צימער, אָהן שום מעבעל, וועלכעס איז זעהר העל בעלייכטעט געווען פון גאַז־ברענערס, האָבען צוויי שמעלצער אויסגעלייגט גרויסע קאַסטענס מיט גאָלדענע שפּאַ־נישע מטבעות, וואָס זיינען אונטערגעשלאָגען געווען מיט צין. דיא גאָלדענע מטבעות האָבען די צ שמעלצער מיט שאָפּעלס געשאָטען אין אַ גרויסען קעסעל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ ביער עקיגען ברענענדיגען אויווען. דיא היץ איז דאָרט געווען אַ שרעקליכע. דער קלינג־קלאַנג פון דיא מטבעות האָט אַזוי דאָרט פערטויבט, אַז מען האָט ניט ארויסגעהערט, וואָס אי־מיצער רעדט. אויף אַ טיש זיינען דאָרט געלעגען גאַנצע שטי־קער געשמאָלצענע גאָלד.

אין פערלויף פון דעם טאָג האָט מען דאָרט אויסגעשמאָל־צען אַ'ן ערך ארום זעקס מיליאָן פראַנק. דער פערדיענסט ביי דעם איז גראד ניט געווען קיין גרויסער—אַ פּאָאר הונ־דערט פראַנק, וואָס האָט נור אויסגעמאַכט דעם אונטערשייד פון דעם קורס אויף גאָלד אין פערשיעדענע לענדער.

דיא גאָלדענע מטבעות האָט מען דאָ געשמאָלצען אין שטיקער גאָלד, וועלכע מען האָט ווייטער פערקויפט אויף צו שמעלצען גאָלדענע מטבעות נור דערפאַר, בכדי אויף דיא הענד פון דעם הענדלער זאָלען זיך צוקלעפּען אַ פּאָאר גאָלדענע שטויבעלעך...

קאַלב, אַ איד, קליין־געוויקסיג, מיט אַ זעהר דונקעלען פּנים, אַ לאַנגער נאָז און לאַנגער באָרד, האָט זיך גלייך אָנגע־כאַפּט אָן סאקאר'ס פּאָרשלאָג, אנטהייל צו נעהמען אין זיין אונטערנעהמונג.

— זעהר גוט!—האט ער אויסגעשריען—איך בין זעהר צופריעדען אנטהייל צו נעהמען אין א'ן אונטערנעהמונג מיט אייך און דענגרעמאן'ען. איך דאנק אייך, וואס איהר האט זיך מטריח געווען צו מיר.

זיי האבען קוים געהערט איינער דעם אנדערען אין דעם ארומיגען קלינג־קלאנג פון דיא גאלדענע מטבעות, וואס האט זיך אפגערופען אויף זייערע נערווען, וויא לאנגע הויכע טענער פון א פיעדעל.

אין דרויסען, כאטש דאס וועטער איז געווען זעהר שעהן, האט סאקאר גענומען א דראזשקע און איז אוועקגעפאה־רען אהיים. ער איז געווען טויט־מיעד. א שווערען טאג האט ער געהאט, אבער ער האט דאך א סך אויפגעטהאן.

4.

עס האט זיך אבער ניט אזוי לייכט געטהאן, וויא עס האט זיך גערעדט. אויף שריט און טריט האט סאקאר בעגעגענט נייע און וויעדער נייע שטערונגען. גאנצע פינף חדשים זיינען אוועק און פון דער וועלט־באנק איז נאך קיין סימן ניט געווען. חודש סעפטעמבער איז שוין אנגעקומען און עס איז נאך אלץ ניט געווען קיין אנפאנג פון באנק. סאקאר האט אזוי פערלא־רען דיא געדולד, אז ער האט שוין בדעה געהאט אויפצוגעבען דעם סינדיקאט אין גאנצען און פרופען גרינדען דיא וועלט־באנק אליין מיט דער הילף פון דער פרינצעסין ארוויעדא. זיא האט געהאט גענוג קאפיטאל פאר גרינדען אזא באנק. שפע־טער, ווען דיא באנק וועט אנהייבען צו ארבייטען און מען וועט דארפען האבען קאפיטאל, וועט ער שוין קריעגען גענוג בעלנים אויף דיא אקציען...

סאקאר האט טאקי געגלויבט אין דעם ערפאלג פון זיין אונטערנעהמונג אויף א'ן אמת'ען. אין זיינע אויגען איז דיא דאזיגע אונטערנעהמונג געווען א זיכערער ערפאלג. ער איז איבערצייגט געווען, אז גאר אין א קורצער צייט וועט ער אימ־שטאנד זיין צו פערגעסערען דאס פערמעגען פון דיא ארימע

לייט, וויא ער האט גערופען דער פרינצעסין'ס פערמעגען, אויף צעהן מאל אזוי פיעל.

איינמאל א אין־דער־פריה איז סאקאר ארויפגעקומען צו דער פרינצעסין און האט איהר דאס געשעפט פארגעלייגט. ער האט מיט היץ געשילדערט פאר איהר דיא גרויסע גליקען, וואס אזא באנק וועט ברייגגען, האט איהר דערצעהלט וועגען העמע־לין'ס פלענער און זיא פערזיכערט, אז פון איהרע מיליאנען וועט ווערען מיליארדען און דאס פערמעגען פון דיא ארימע לייט וועט צעהן מאל פערגרעסערט ווערען. ער האט איהר זאגאר פערזיכערט, אז אויב ער וועט דאס געשעפט אויספיהרען, וועט מעגליך זיין צו גרינדען א קעניגרייך אין ירושלים פאר דעם פאבסט, וועלכער וועט פון דער הייליגער שטאדט בעהער־שען דיא גאנצע וועלט.

דיא פרינצעסין ארוויעדא איז געוועזן זעהר א פרומע קאטהאלין און פון דיא אלע פלענער, וואס ער האט איהר פאר־געשלאגען, איז איהר געפעלען געווארען נור דער לעצטער וועגען פאבסט.

גראד דעמאלט האט דיא איטאליענישע רעגיערונג געהאט שטארק פערפאלגט דעם פאבסט און אלע קאטהאליקען האבען מורא געהאט, אז מען וועט איהם פון רוים ארויסטרייבען, דער־פאר איז דער פרינצעסין אזוי געפעהלען געווארען דער פלאן, צו גרינדען א קעניגרייך אין ירושלים פאר דעם פאבסט. יואס פאר א געוואלדיגער אויפטהו דאס וואלט געוועזן! דער פאבסט קעניגט אין ירושלים און זיין קעניגרייך ווערט אונטערשטיצט פון א באנק, אין וועלכער עס בעטהייליגען זיך דיא קאטהא־ליקען פון דער גאנצער וועלט! דאס איז געוועזן אזוי הערליך, אזוי גרויסארטיג, אז דיא פרינצעסין האט ערקלעהרט דעם דא־זיגען געדאנק אלס דעם גרעסטען פון יאהרהונדערט.

דאס האט אין איהרע אויגען נאך מעהר אויפגעהייבען העמעלין'ען, וועלכען זיא האט געאכטעט נאך פון פריהער, זינט זיא האט זיך דערוואוסט, אז ער איז א פרומער קאטהאליק.

דאָך אַנטהייל נעהמען אין געשעפט — דאָס האָט זיא בשום אופן ניט געוואָלט. זיא האָט נישט געוואלט ברעכען דיא שבועה, וואָס זיא האָט אַמאָהל געשוואָרען, אַז דיא מיליאָנען, וואָס קומען אַרויס פון אָרימע מענשען, זאָלען צוריקגעהן צו דיא אָרימע לייט אָהן אַ גראָשען פּראָצענט... זיינע ווערטער, אַז דיא אָרימע לייט וועלען פון דעם געניסען, אַז זייער קאַפּיטאַל וועט פּיעלפאַך פערגרעסערט ווערען דורך דיעזען געשעפט, האָבען זיא אויפגערעגט און בייז געמאַכט. ניין, ניין! זיא וויל אַפילו ניט הערען וועגען דעם! דיעזע פערשאָלטענע שפּעקולאַציאָנען פעראונגליקען מענשען, זיינען סם המות פאַר מענשען!

נור איין זאַך האָט סאקאר ביי איהר איצט געפּועלט, וואָס ער האט פריהער ביי איהר בשום אופן ניט געקענט פּועל'ן און דאָס איז: זיא זאָל ערלויבען צו עפענען דיא וועלט־באַנק ביי איהר אין פּאַלאַץ.

פריהער האָט זיא וועגען דעם ניט געוואלט הערען. אונטער איהר דאַך טאָהר זיך ניט געפינען קיין געשעפטען. און סאקאר האָט זעהר געוואלט עפענען זיין וועלט־באַנק אין דעם פּאַלאַץ ארווייעדאָ—עס וואָלט אויסגעזעהען שעהנער, גרויסארטיגער. דאס איז געווען קאראלינע'ס אידעע. ער האט בדעה געהאַט שפּעטער צו בויען אַ גלעזערנעם דאַך איבער'ן הויף, וואס זאָל דיענען אַלס צענטראַל־זאַאל, פון דעם פּארטער און שטאַהלען מאַכען געשעפטס־קאַנטאָרען. פון זיין סאלאן אויפ'ן ערשטען שטאָק מאַכען אַ זאַאל פאַר זיטצונגען, פון זיין שפּייזזאַאל און אנדערע זעקס צימערן — מאַכען נאָך אַנדערע געשעפטס־קאַנטאָרען; פאַר זיך וועט ער נור איבערלאָזען איין שלאָף־צימער מיט'ן באַדע־צימער. וואוינען וועט ער אויבען, ביי העמעלין'ען, וועט דאָרט עסען און דיא אָבענדען פערברייננגען.

ביז היינט האָט דיא פּרינצעסין דאָס ניט ערלויבט, נור היינט, אונטער דעם איינדרוק פון דעם הערליכען געדאַנק ווענען דיא מעגליכקייט פון גרינדען אַ קעניגרייך פאַר'ן פּאַבסט

אין ירושלים—האט זיא איהר ערלויבניש געגעבען צו עפענען דיא באנק אין איהר פּלאַץ, אויב אזא וועט געגרינדעט ווערען. פּאַרט האט דאס דאזיגע געשעפט געהאט אזא פרומע כונה!...

אין א וואָך ארום איז דעגרעמאן געקומען צו סאקאר׳ן מיט דער פּרעהליכער בשורה, אז ענדליך איז אַלעס אין אָרדנונג, דיא שטערונגען זיינען בעזייטיגט, דיא נויטיגע אונטערשריפטען זיינען פאַרהאַן און מען קען „געהן צו דער ארבייט“.

סאקאר האט זיך זעהר דערפרעהט מיט דעם, העמעלין אויך, ווייל גראד איצט איז ער וויעדער געווען אויף גרויסענע צרות. איין קאראלינע האט זיך מיט דעם ניט געפרעהט. וויא בעגייסטערט זיא איז פריהער ניט געווען פאר דעם דאַזיגען פּלאַן, האט זי איצט פּלוצלינג געגומען צווייפלען אין זיין ערפאָלג. איהר קלאָהרער, געזונדער פערשטאַנד און איהר גלייכער שכל, האבען אין איהר ערוועקט אַלערליי ספקות. ניט ווייל זיא האט געצווייפעלט אין סאקאר׳ס עהרליכקייט—אָה, ניין! —אין סאקאר׳ס עהרליכקייט און איבערגעבענהייט בנוגע צו איהר און איהר ברודער האט זיא געגלויבט. זיא האט אָבער מורא געהאט, מאַמער פאַלען זיי דורך ביי דעם ערשטען פאַלשען שריט.

אין יענעם אין־דער־פריה, וויא נור דעגרעמאן האט איהם פערלאָזען, איז סאקאר אריינגעלאפען צו העמעלין אין קאַבינעט.

— נו, — האט ער אויסגעשריען מיט שמחה — ענדליך פארטיג!

העמעלין איז אויפגעשפּרונגען פון ארט מיט טרעהרען אין דיא אויגען, האט איהם אזוי געדריקטביידע הענד, אז זיי האבען געגומען קנאקען. נור איין קאראלינע איז געשטאנען א בלייכע און א ווארט נישט געזאגט.

— נו, און איהר? — האט זיך סאקאר א קעהר געטאָהן צו איהר—איהר פרעהט זיך גאַרניט?

קאראַלינא האט געצוואונגען א שמייכעל געטאָהן.

— איך בין זעהר צופריעדען, זעהר, איך פערזיכער אייך —האָט זיא געענטפערט.

נור דערנאָך, ווען סאקאר האָט דערצעהלט העמעלין'ען וועגען דיא אופנים, אויף וועלכע דער סינדיקאט איז געגרינ־דעט געוואָרען, האָט זיא זיך אָפּגערופען מיט אַ רוהיגער מינע:

— מעג מען אזוי טאָהן? אייניגע מענשען זאָלען נעהמען פאַר זיך כמעט אַללע אַקציען, אפילו נאָך איידער דיא רעגיערונג האָט זיי בעשטעטיגט?

— געוויס מעג מען! — האָט סאקאר געענטפערט מיט אַ שארפען טאָן — וואָס מיינט איהר, מיר זיינען אזוינע דומקעפּ? מיר ווייסען נישט וואָס מיר טהוען? — גלייך אים אָנפאַנג מוזען מיר שוין האָבען מענשען מיט קאַפּיטאַל... איצט האָבען מיר פיער פינפטעל פון דיא אַקציען אין זיכערע הענד... אויף אזאַ'ן אופן וועלען מיר דרייסט קענען אונטערשרייבען דעם גע־זעלשאַפטס־אַקט.

קאראָלינע איז אָבער מיט זיין ערקלעהרונג ניט צופריעדען געוועזען.

— איך גלויב אָבער — האָט זיא ווידער געזאָגט, — אַז דאָס געזעץ פערלאַנגט, דער גאַנצער געזעלשאַפטס־קאַפּיטאַל זאָל פערשריעבען ווערען?

סאקאר האָט זיא אָנגעקוקט צומישט.

— קענט איהר דעם קאָדעקס?

זיא איז רויט געוואָרען. יאָ, זיא האָט געוואוסט דעם קאָ־דעקס, מיט אַן אַבענד פריהער האָט זיא דורכגעקוקט דיא גע־זעצען וועגען אַקציען־געזעלשאַפטען.

— יאָ, איך ווייס דאָס געזעץ — האָט זיא געענטפערט — איך האָב געוואָלט דערגעהן, אויב מיר פיהרען זיך אויף ריכטיג, האָב איך אריינגעקוקט אין דעם קאָדעקס.

סאקאר האָט זיך בעליידיגט. ער האָט אין דעם געזעהען אַ סימן, אַז זיא צווייפעלט אין זיין עהרליכקייט, אַז זיא וועט אויף איהם אַכטונג געבען.

— אָה, — האָט ער זיך אָבגערופען, אַ מאַך־טהאָענדיג

שטארק מיט א האנד: — אויב מיר זאלען זיך פיהרען, וויא דאס געזעץ הייסט אונז, דאן וועלען מיר ניט קענען קיין צוויי טריט טאהן, מיר וועלען זיך פיהלען וויא געפענטעט אויף שריט און טריט... ניין, ניין, עס פאלט מיר גאר ניט איין, איך זאלווארטען ביז דער גאנצער קאפיטאל וועט פערשריעבען זיין. אזוי איז פיעל בעסער, דיא אקציען קענען מיר האלטען ביי זיך, און א „שטרוי מאן", דאס הייסט איינער אזא, וואס וועט אינז זיין נאמען בארגען, אפצושרייבען אויף איהם דעם קאפיטאל, וועלען מיר שוין אויך קריגען...

— דאס טאהר מען דאך אבער ניט! — האט זיא אויס־געשריען מיט איהר הילכענדיגער שטימע.

— געוויס טאהר מען דאס נישט, אבער אלע געזעלשאפ־טען טהוען אזוי!

— דאן טהוען אללע שלעכט! — האט זיא אויסגעשריען.

סאקאר האט זיך בעהערשט און א שמייכעל געטאהן. דאן האט ער זיך געווענדעט צו העמעלין'ען, וואס איז געזעסען דיא גאנצע צייט שטיל:

— איך האף, ליעבער פריינד, אז איהר צווייפעלט ניט אין מיר... גלויבט מיר, אז איך וויים וואס איך טהו. אין פי־נאנסען בין איך אן אלטער היהנער־פרעסער, מען קען זיך שוין אויף מיר פערלאזען. איהר נור ברענגט מיר גוטע אידעען און איך וועל זיי שוין פערווירקליכען אהן קריוודעס און געפאהר פאר קיינעם. איך גלויב, איהר פערשטעהט מיך בעסער וויא אייער שוועסטער...

דער שוואכער, אונענטשלאסענער העמעלין, האט פון דער גאנצער געשיכטע געוואלט מאכען א שפאס, האט ער זיך אפ־גערופען:

— אה, קאראלינע איז א געבארענע לעהרערין, זיא וויל אייך אויך לעהרנען.

— איך וועל זעהר גערן איהר תלמיד זיין — האט זיך סאקאר צולאכט.

קאראלינע האט זיך אויך צולאכט, און דאס ווייטערדיגער געשפרעך איז אוועק אין א פריינדליכען טאן.

— איך האב מיין ברודער זעהר ליעב—האט קאראלינע געזאגט—און אייך אליין האב איך אויך א סך ליעבער, ווי איהר מיינט, און דערפאר טהוט מיר זעהר וועה, ווען איך זעה, אז איהר לאזט זיך אריין אין פערדעכטיגע געשעפטען, וועלכע מוזען זיך ענדיגען מיט א מיאוס'ען קראך... און איצט הערט אוים, ווען מיר זיינען שוין ווידער געקומען אויף דער טהעמא: פאר שפעקוליאציאנען, פאר שפיעלען אויף דער בערזע האב איך שטארק מורא. ווען איך האב איבערגעקוקט דיא סטאטוען פון אייער געזעלשאפט און האב דערזעהען דעם פאראגראף אכט, וואס פערבאט דיא באנק צו שפעקולירען, האב איך דעם אטהעם אפגעצויגען. דאן אבער האט איהר מיר געזאגט, אז דער פאראגראף אכט מיינט גאר נישט, אז ער איז אזוי אריינגעשטעלט פון פארמע וועגען... אה, איך בעט אייך—האט קאראלינע אויסגעשריען מיט אן איבערטריבענעם קאמישען טאן, וועלענדיג בעהאלטען איהר מורא: — זאגט מיר: מוז דען דיא באנק שפעקולירען?

און סאקאר האט איהר געענטפערט אין דעם זעלבען קאמישען טאן:

— אבער וואָרום זאלט איהר ניט וועלען פערשטעהן, אז שפעקולאציאן איז דיא הויפט־ראד, וואס וועט טרייבען אונזער גרויסע אונטערנעהמונג, איהר הארץ און נשמה? אהן שפעקולאציאן זיינען דיא גרויסע קאפיטאלען, וויא אהן בלוט, און דיא גרויסע קולטור־ארבייט וואלט קיינמאהל ניט אויפגעטאהן געווארען אהן דיא שפעקולאציאנען פון דיא אקציען־געזעלשאפטען. ווער האט אויפגעבויט דיא אייזענבאהנען? וויא אזוי זיינען געמאכט געווארען דיא אללע גרויסארטיגע אונטערנעהמונגען פון אונזער צייט, וואס האבען דער וועלט געגעבען א נייעם פנים? אקציאן־געזעלשאפטען, סינדיקאטען, דורך שפעקולאציאנען!... קיין קאפיטאל פון אן איינצעלנעם מענשען וואלט עס ניט געקענט אויפטהאן, אפילו קיין פעראייניגטער

קאפיטאל פון א גרופפע מענשען וואלט עס ניט געקענט אויפ־טאהן, ווען מען זאל מיט איהם ניט ריזיקירען, ווען מען זאל מיט איהם ניט שפעקולירען! דאס ריזיקירען, אין דעם ליעגט אלעס, אין דעם ליעגט פערבארגען דער גרויסער סוד פון ער־פאלג. מען דארף נור האבען א גרויסארטיגען פראיעקט, וואס זאל צוברענען דיא פאנטאזיע, וואס זאל האפנונג ערוועקען אויף א גרויסען געווינס, אויף א גליקליכען לאטעריי־צוג,— דאן פלאמען דיא ליידענשאפטען אויף, דער פולס פון'ם לעבען הויבט אן שטארקער צו שלאגען און געלד הויבט אן צו שטרא מען פון אללע זייטען, געלד!... נו, וואס פאר אונרעכט זעהט איהר אין דעם? יעדער ריזיקירט פרייוויליג מיט וויפיעל ער קען. מען פערליערט, אבער מען געווינט אויך, מען האפפט אויף א גוטען נומער, אבער מען מוז ערווארטען א שלעכטען אויך... גלויבט מיר, דיא מענשהייט בכלל האט ניט קיין גלי־הענדיגערען פערלאנג, וויא איהר מזל צו פרובען!...

ביסלעכווייז האט סאקאר אויפגעהערט צו שמייכלען, און אויסציהענדיג זיך אויף זיינע קורצע פיס, האט ער גערעדט ווייטער אלץ הייסער, אלץ מעהר הינגעריסען:

— אט נעהמט אונזער וועלט־באנק! וואס געהען מיר אויפטאהן? מיר געהען עפענען נייע האריזאנטען פאר דער אלטער אזיאטישער וועלט, מיר געהען פערווירקליכען דיא חלומות פון דיא וויססנשאפטס ־ מענער און פון דיא גאלד־זוכערס!... נאך קיין מאהל איז א אונטערנעהמונג ניט געוועזען גרעסער און עדעלער, וויא דיא דאזיגע אונזערע, און ביי קיינער האט מען ניט געדארפט אזוי פיעל ריזיקירען, וויא ביי דער זעלביגער... מיר ווייסען ניט, אויב זיא וועט אונז געלינגען, מיר טאפען אין דער פינסטער, אבער דער פראיעקט איז א גרויסארטיגער, און מיר וועלען מיט איהם, אין דעם בין איך איבערצייגט, שמארק אויסנעהמען ביים פובליקום, וויא נור מיר וועלען מיט איהם ארויסטרעטען עפענטליך...

אונזער וועלט ־ באנק וועט נעווים א פריהער זיין א גע־זועהנליכע באנק־הויז, וואס וועט פיהרען געשעפטען וויא אלע

אַנדערע באַנקען, אָבער איהר הויפּט שטרעבונג וועט זיין, אויסצופיהרען דיא גרויסע פּלענער פון אייער ברודער; דאָס וועט זיין איהר אמת'ע אויפגאבע, אין דעם וועט איהר הויפּט־קראַפט ליעגען און מיט דעם וועט זיא געווינען איהר פּאָפּוּ־ליאַריטעט ביי דיא מאַססען. דאָס וועט אונז העלפען צו גרינ־דען נאָך אַנדערע פינאַנציעלע און אינדוסטריעלע געזעלשאַפ־טען דאָ און אין אַנדערע לענדער, וואָס זייערע אַקציען וועלען פון אונזער וועלט־באַנק קאָנטראָלירט ווערען און וואָס דורך זיי וועלען מיר דיא וועלט קענען בעהערשען. און ווען מיר האָבען פאַר אונזערע אויגען אַזאַ גלענצענדע צוקונפט, קענט איהר זיך אונטערשטעהן צו ריידען וועגען אַזוינע קליינינקיי־טען: צי אונזער סינדיקאַט האַנדעלט לויט דעם בוכשטאַב פון געזעץ? צי עס איז רעכט צו געבען אַ פּרעמיאום צו אונזערע ערשטע קונדען? אויב עס איז רעכט, אַז אונזער געזעלשאַפט זאָל בעהאַלטען פּיער פּינפטעל פון אונזערע אַקציען, מיט וועל־כע זיא וועט נאָכדעם קענען קאָנטראָלירען דעם מאַרק?... יאָ, איך פערשטעה, איהר האָט פיינד שפּעקולאַציאָנען, איהר רופט עס שולערייז! אָבער דיא דאָזיגע שולעריי, מיין פריינד, איז דיא נשמה, דיא הויפּט־קראַפט פון דער גוואַלדיגער אונטער־נעהמונג, וועגען וועלכער איך חלום. איך וויל, איהר זאָלט אויך וויסען, אַז דאָס אַלעס איז נאָך גאָר נישט, אַז דאָס דאָזיגע פּאַרמעגענדעל פון פינף־און־צוואַנציג מיליאָן איז ניט מעהר וויא אַ קליין בינטעל האָלץ, וואָס ווערט אונטער'ן קעסעל געוואָרפען, בכדי דאָס ערשטע פּייער צו מאַכען, ניט מעהר!... מיר וועלען דיעזען קאַפּיטאַל אין גיכען פערגרעסרען אויף צוויי מאָהל, אויף דריי, אויף פּיער און פינף מאָהל. אַ מבול פון גאָלד, פון מיליאָנען, מוזען מיר האָבען, אויב מיר ווילען אונ־זערע חלומות פערווירקליכען, אונזערע וואונדערס בעווייזען אויף יענער זייט ים!... אה, איך וויים, קרבנות וועלען מיר האָבען גענוג, איבער־גענוג — נו, וואָס איז דאָרט? וועלכע גרויסע זאַך איז אויפגעטאָהן געוואָרען אָהן קרבנות?...

קאראלינע, וואָס האָט ליעב געהאט דאָס לעבען, קראַפט און טיכטיגקייט, האָט איהם אָנגעקוקט מיט פערוואונדערטע אויגען. אין דיעזער מינוט האָט ער זיך איהר אויסגעוויזען שעהן און פערפיהרעריש מיט זיין פלאַמענדיגער שפּראַך און זיין בעגייסטערונג. אין הארצען האָט זיא מיט איהם ניט איינ־געשטימט, דאָך האָט זיא זיך געפיהלט בעזיעגט פון איהם.

— נו, גוט! — האָט זיא זיך אָפּגערופען — זאָל זיין, אז איך בין אַ פרוי און קען ניט צוזעהן קיין קרבנות מחמת מיין פרויען־שוואַכקייט. איך בעט אייך אָבער, זעהט, אז עס זאָל וואָס וועניגער קרבנות פאַלען, און איבערהויפּט, אז קיינער פון מיינע נאָהענטע, פון מיינע ליעבע, זאָל אלס קרבן ניט פאַלען...

פערשיכורט פון זיין שעהן־ריידעריי און פון דעם גרויס־ארטיגען פּלאַן, וואָס ער האָט צו־וויקעלט פאַר זיי, איז ער איצט זעהר גוט אויפגעלייגט געווען און ער האָט געענטפערט גוטמוטהיג:

— האָט נור קיין מורא נישט! איך בין ניט אזא מענשען־פרעסער, וויא איהר מיינט. אללע וועלען ביי דעם געשעפט גליקלאַך ווערען!...

נאָכדעם האָבען זיי גענומען רוהיגער ריידען און האָבען אָפּגערעדט, אז העמעלין זאָל שוין מאָרגען פאָהרען קיין מאַר־סעל, און פון דאָרט — אין דיא מזרח־לענדער, כדי אָנצוהויבען דאָרט דיא ארבייט ביי דיא גרויסע אונטערנעהמונגען.

אין פּאַריז האָט מען ווידער אָנגעהויבען צו ריידען וועגען סאַקאַר'ן' אַ פריהער שטיל, ניט זיכער, באַלד אָבער הויך און זיכער, וועגען זיינע נייע געשעפטען, וועגען דיא גרויסע אוצרות וואָס ער וועט ביי זיי מאַכען, און זיין נאָמען, וואָס איז אַ צייט לאַנג געהאט געוועזן פערגעסען, האָט ווידער גענומען קלינגען.

מענשען האָבען איהם אָנגעהויבען בעזוכען, און זיין פּאַר־צימער, וויא אַמאָהל, אין פּאַלאַץ מאָנסאָ, איז ווידער יעדען

פארמיטאג פולל געוועזן מיט מענשען, וואס זיינען געקומען בעטען שטעלעס.

מאזא איז אויך געקומען, אזוי גלאט זיך, כלומרשט וויא צו א גוטען פריינד, צו דריקען איהם דיא האנד, צו שמועסען אביסעל, צו זעהען, וואס ער מאכט. עס זיינען אויך געקומען אנדערע בערזען־שפעקוליאנטען, דער איד יאקאבי און זיין שוואגער דעלאראקי, מיט דיא רויטע האאר, דער זעלבער, ביי וועמען זיי וויב האט געהאט אויסגעריסענע יאהרען, נאטהאנסאן, וועלכער איז געגאנגען אלץ בארג ארויף, און דער שלים־מזל׳דיגער מאססיא איז אויך געקומען יעדען אין דער פריה, כאטש קיין אָרדערס האט ער ביי איהם ניט געקענט קריגען. קורץ: מענשען האבען גענומען געהן צו איהם פון אלע זייטען.

איינמאהל אין דער פריה, האט סאקאר געפונען זיין פארצימער פולל שוין ארום ניין. אזוי וויא מעהר דיענער האט ער נאך ניט געהאט אנגעשטעלט, פלעגט ער אליין ארויסהעלפען זיין איינציגען דיענער, אריינצולאזען דיא בעזוכער נאך דעריהע נאך צו זיך אין קאבינעט.

ער האט געעפענט דיא טהיר פון זיין קאבינעט, ערשט זשאנטרו וויל אריינגעהן, סאקאר האט אבער אין דיזער צייט באמערקט סאבאטיאני׳ן אין פארצימער, אויף וועלכען ער האט שוין א טאג צוויי געווארט.

ער האט געלאזט שטעהן זשאנטרו׳ן און אריינגערופען צו זיך אין קאבינעט סאבאטיאני׳ן.

מיט זיין פערדעכטיגען קאווירענדיגען שמייכעל האט סאבאטיאני זיך דורכגעגליטשט, וויא א שלאנג, אין טהיר פון קאבינעט און געווארט, סאקאר זאל דער ערשטער ריידען.

— מיין ליעבער פריינד — האט סאקאר אנגעהויבען — איך דארף אייך... מיר ברויכען א שטרוימאן... איך וועל אייך עפענען א קאנטאר און וועל פערשרייבען אויף אייך א סומע פון אונזערע אקציען... איהר זעהט, איך האלט אייך פאר א גוטען פריינד און זאג אייך אפען, וואס איך וויל.

דער יונגערמאַן האט איהם אנגעקוקט מיט זיינע שעהנע סאמעט־אויגען.

— דאס געזעץ פערלאַנגט אויסדריקליך — האט ער זיך אפּגערופען — אַז דער קאַפּיטאל פאר אַקציען זאָל איינגע־צאָהלט ווערען אין פאראויס... איך זאָג עס ניט, ווייל איך מיין חלילה צו ענטזאגען זיך; פערקעהרט איך בין שטאָלץ אויף דעם, וואס איהר פערטרויט מיר וויא א פריינד... איך וועל טהאָן אלעס, וואס איהר פערלאַנגט פון מיר.

דאַן האט סאַקאר, אום איהם נאָך מעהר צו געווינען פאר זיך, אנגעהויבען איהם צו לויבען, זאָגענדיג, אַז מאַזא האלט פון איהם זעהר פיעל און דערביי האט ער אויך מיט א שמייכעל בעמערקט, אַז ער האט איהם נעכטען געטראָפען מיט זשער־מיין גיר. סאַבאַטיאַני האט א שמייכעל געטהאָן מיט זיין בע־זונדערען שמייכעל און געענטפערט, אַז ער פערשטעהט ניט, וואָרום זיינען דיא אלע שעהנהייטען אַזוי גוט צו איהם...

— יא, נאָך וואס! — האט סאַקאר זיך וויא דערמאָנט — מיר וועלען אייך דאַרפען, איהר זאָלט אונטערשרייבען מאַנכע דאָקומענטען... זאָל איך זיי אייך צושיקען אהיים?

— געוויס, גנעדיגער העדר, אלעס וועט זיין, וויא איהר ווילט נור אליין.

כאָטש וועגען פרייז האט מען ניט גערעדט, דאָך האט סאַקאר פארבייגעהענדיג איהם געזאָגט, אַז פאר יעדע אונ־טערשריפט זיינע וועט ער בעקומען א פראַנק, דערביי האט ער איהם אויך אָנצוהערעניש געגעבען, אַז מכות דיא אַנדערע וויכטיגערע זאַכען וועלען זיי שוין דורכקומען.

— אָה — האט סאַבאַטיאַני אויסגעשריען — איך בין זיכער, אַז איהר וועט מיר אמאָל בעהילפיג זיין מיט אַן עצה... איהר' וועט קענען געבען דיא ריכטיגע עצה — האט ער צו־געלייגט מיט זיין שמייכעל.

— אויף רעכט! — האט סאַקאר געענטפערט פריינדליך — אדיע דערווייל און גיט אכטונג, אַז דיא פרויען זאָלען אייך ניט פערמאַטערען...

ער האט זיך צולאכט הויך אויפ'ן קול און האט איהם ארויסגעלאָזען דורך א צווייטע טהיר, כדי ער זאָל זיך ניט טרעפען מיט דיא אנדערע וויזיטאָרס.

נאכדעם האט ער אריינגערופען זשאנטרו'ן.

ביי דעם ערשטען בליק אויף דעם אמאָליגען לעהרער האט סאקאר גלייך בעמערקט, אז יענער איז אויף גרויסענע צרות. ראק, הוט און שיך אויף יענעם האבען ממש געקלאגט אויף זייער בראָך... דאָך האט זשאנטרו נאָך געהאלטען זיין קאָפּ שטאָלץ און זיין שווארצע באָרד האט נאָך איצט אויך אויסגע־קוקט שטארק בכבוד'יג, און זיין שפּראָך איז נאָך איצט אויך געווען א געבילדעט־אויסגעוועהלטע.

איך האב דיא טעג געוואָלט צו אייך שרייבען — האט סאקאר אנגעהויבען — איך האב אייך פערשריעבען אויף דער ליסטע פון דיא קאנדידאטען אין אונזער ביורא. איך דענק, אז איהר וועט קריגען דעם ערשטען פּלאַץ אין דער אקציען־ביורא.

זשאנטרו האָט איהם איבערגעשלאָגען מיט א האנד־בע־וועגונג.

— איך האָב פאר אייך זעהר א גוטען פּלאַן — האָט ער זיך אָפּגערופען.

ער האָט אָבער ניט געזאָגט, וואָס זיין פּלאַן איז, האָט נור באַלד געפרעגט, אויב דיא צייטונגען וועלען עפּעס האָבען פון זיינע אונטערנעהמונגען.

סאקאר האָט געענטפערט מיט היטץ, אז ער דענקט, די צייטונגען זאָלען קריגען פון איהם היבשע געלדער, ווען זיי זאָלען שרייבען וועגען זיין וועלט־באנק. ער וואָלט וועלען, אז אלע צייטונגען אָהן אויסנאהם זאָלען שרייבען צו גונסטען דער באַנק, אָבער ער האָט מורא, עס וועט צופיעל קאָסטען.

— ווען איהר, הערר זשאנטרו, וואָלט עס געקענט אָרגאַני־זירען פאר מיר? איז דאָס אייער פּלאַן, האַ? אויב יאָ, גע־פעהלט ער מיר אליין, לוינט זיך וועגען דעם שפּעטער צו ריידען.

— גוט, אויב איהר ווילט, וועלען מיר וועגען דעם שפּעטער ריידען — האָט זשאנטרו געזאָגט—אָבער וואָס איך וואָלט אייך

נערֿאטהען, גלייך צו טהאָן און וואָס עס קען געטהאָן ווערען, איז ארויסצוגעבען אָ'ן אייגענע צייטונג. איך וואָלט איהר רעדאַקטירט. אין יעדער נומער וואָלט מען איין גאַנצע זייט אָפּגעגעבען פאַר אייך און אייערע אינטערעסען. מען וואָלט אַלע טאָג געשריעבען ארטיקלען וועגען אייער באַנק, אייך גערֿיהמט, דערציילט וועגען אייערע געשעפטען, גליקען, ארונטערגעריסען אייערע שונאים און דאָס אלעס אויף אזא קלוגען אופן אז קיינעם וואָלט גאָר ניט איינגעפאַלען, אז דאָס איז אַ פּשוט'ע רעקלאַמע פאַר אייך... וואָס מיינט איהר?..

— צו דעם אָבער דאַרף מען זעהר פיעל געלד — האָט סאקאר געזאָגט.

— איהר האָט אַ טעות—האָט זשאַנטרו זיך אָפּגערופען— מיר קענען עס האָבען פאַר ווייניג געלד.

דערביי האָט ער אָנגערופען אַ טעגליכע צייטונג „ל'עספעראַנצע", אַ קאַטהאָלישע בלעטעל, וואָס פרומע קאַטהאָליקען האָבען געגרינדעט מיט צוויי יאָהר צוריק. דיא צייטונג איז געוועזן אַ געגנערין פון דער רעגיערונג, האָט אָבער קיין ערפאָלג ניט געהאַט און געהאַלטען ביים אונטערגעהן.

— די צייטונג האָט אין גאַנצען אַ צירקולייציאָן פון צוויי טויזענד עקזעמפּליארען! — האָט סאקאר אויסגעשריען.

— מיר וועלען שוין פערגרעסערען איהר צירקולאַציאָן גאָר אין אַ קורצער צייט! — האָט זשאַנטרו געזאָגט.

— דיא צייטונג געפעלט אָפט רוגאָן'ען און איך קאָן מיך מיט איהם ניט רייסען—נאָך דערצו באַלד ביים אָנפאַנג.

זשאַנטרו האָט אַ דריק געטהאָן מיט דיא אַקסלען.

— מיר וועלען זיך מיט קיינעם ניט רייסען — האָט ער געזאָגט — און ווידער ווייסט איהר אזוי גוט, וויא איך, אז ווען אַ באַנק האָט אַ צייטונג, איז גאָר קיין אינטערשייד ניט, צי דיא רעדאַקציאָן שטיצט דיא רעגיערונג אָדער צי זיא בעפאַלט איהר: האַלט דיא צייטונג מיט דער רעגיערונג, קען דיא באַנק זיכער זיין, אז זיא וועט האָבען פון דער רעגיערונג אַלע טובות. פאַרקעהרט, איז די צייטונג געגען דער רעגיערונג,

סטארען זיך אוודאי דיא מיניסטארען, צו בעהאנדלען גוט איהרע ארויסגעבער, כדי צו קריעגען דיא ציימונג אויף זייער זייט... קורץ, זאל אייך נישט אנגעהן, וואס פאר א ריכטונג דיא ציימונג האט בנוגע דער רעגיערונג, זעהט נור, זיא זאל זיין אייערע.

סאקאר האט זיך פארטראכט. צי איז דאס טאקי ניט א פלאן? ער וועט אפקויפען דיא ציימונג און, וועהרענד זיא וועט פערבלייבען איבערגעבען צום פאבסט ווי פריהער, וועט זיא געגען דער רעגיערונג אויך ניט ארויסטרעטען צו שטרענג. אויף דעם אופן וועט איהם אפשר זיך איינגעבען צו מאכען שלום צווישען דעם פאבסט און דער פראנצויזישער רעגיערונג. וועלען אבער רוגאן און דיא רעגיערונג וועלען שלעכטס טהאן זיין וועלט-באנק, וועט דיא ציימונג שטעהן גרייט צום קאמפף אין נאמען פון דער רעליגיאן, אין נאמען פון פאבסט אין רוים און אפשר—ווער ווייסט? אין נאמען פון ירושלים אליין? דאן וועט ער האבען אלע קאטהאליקען אויף זיין זייט... איז דאס ניט א'ן אויסגעצייכענטער פלאן?..

— וועלען מיר קענען שרייבען אין דער ציימונג, וואס מיר וועלען נור וועלען? — האט ער געפרעגט.

—אלעס. פאר צעהן טויזענד פראנק וועט דיא ציימונג זיין אין גאנצען אונזערע—האט זשאנטרו געענטפערט.

סאקאר האט א ווייל וויעדער נאכגעדענקט. דאן האט ער געזאגט:

— גוט. קומט צו מיר מיט'ן רעדאקטאר פון דער ציימונג און איך וועל מיט איהם דאס געשעפט ענדיגען. איהר וועט זיין דער שעף רעדאקטאר און, אויסער דעם, וועט איהר מוזען פערזארגען אלע רעקלאמען אין דיא אנדערע ציימונגען. איהר וועט מוזען שרייבען אזוינע רעקלאמען, וועלכע זאלען דיא וועלט אויפריהרען.... מיר מוזען זעהן, אז אונזער מאשינע זאל טיכטיג געהייצט ווערען...

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך אויפגעהייבען פון ארט, זשאנטרו גלייך נאך איהם.

דער אמאָליגער לעהרער איז געווען גליקליך, וואָס ער וועט איצט ווידער ברויט האָבען.

— איצט וועל איך ווידער פאַר מיין געליעבטע ליטעראַ־טור ארבייטען — האָט ער געזאָגט.

— נעהמט נישט אָן דערווייליע קיין מיטארבייטער — האָט סאקאר ווידער זיך אָפּגערופען, בעגלייטענדיג איהם צו דער טיהר: — יאָ, וואַרט א ווייליע. איך האָב זיך דערמאָנט. פער־שרייבט א מיטארבייטער אין דער ליטעראַרישער... פּויל זשארדאַן.... דער יונגערמאַן האָט טאַלאַנט. ער וועט קענען זיין אַ'ן אויסגעצייכענטער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר. איך וועל צו איהם שרייבען, ער זאָל זיך זעהן מיט אייך.

זשאנטרו האָט זיך געלאָזט געהן צו דער זייטיגער טיהר. פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט מיט א צינישען שמייכעל.

— אזוי גאָר? — האָט ער אויסגעשריען — איצט פער־שטעה איך! איהר שיקט וואָס שנעלער אוועק דיא מענער, אום צו קענען אויפנעהמען דיא דאַמען. צום ביישפּיעל, דיא באַראָנעססע סאנדאָרף, וועלכע איך האָב פריהער ביי אייך אין פּאָרצימער בעגריסט...

סאקאר האָט ניט געוואוסט, אז דיא באַראָנעססע וואַרט דאָרט אין פּאָרצימער; ער האָט גלייכגילטיג א דריק געטהאָן מיט דיא אַקסלען. זשאנטרו האָט אָבער זיך ציניש צולאכט און האָט ניט געגלויבט אין סאקאר'ס גלייכגילטיגקייט. דאַן האָבען זיי זיך געדריקט דיא הענד און זשאנטרו איז אוועק.

ווען סאקאר איז געבליעבען אליין אין קאבינעט, איז ער ניט ווילענדיג צוגעגאנגען צום שפּיעגעל און האָט זיך א פיהר געטהאָן מיט א האנד איבער דיא האָאר, וועלכע האָבען נאָך ניט געהאט אויף זיך קיין סימן פון גרויקייט. און ניט קוקענדיג אויף דעם האָבען איהם דיא פרויען איצט ניט געקי־מערט, זינט ער האָט זיך אָפּגעגעבען צו זיין געשעפט. ער האָט זיך נור א פּוץ געטהאָן פאַר'ן שפּיעגעל, ווייל אין פראנק־רייך האַלט מען יענעם מאַן פאַר א נאַר, וואָס זוכט ניט צו

געפעלען א שעהנער פרוי, איבערהויפּט נאָך, ווען ער טרעפט זיך מיט איהר אויג אויף אויג.

וויא נור דיא באראָנעססע איז אריינגעקומען, האָט ער זיא געבעטען זיך זעצען.

נאָך קיינמאָל האָט זיא איהם ניט אויסגעוויעזען אזוי פערפיהרעריש־שעהן, מיט איהרע רויטע ליפּען און מיט איהרע גליהענדע אויגען אונטער דיא שווארצע אויגען־לעדלאך, וויא היינט. וואָס האָט זיא געוואָלט פון איהם?

ער איז געבליעבען שטעהן צומישט און פערוואונדערט, בעת זיא האָט איהם געזאָגט, וועגען וואָס זיא איז געקומען.

— ענטשולדיגט מיר — האָט זיא אָנגעהייבען — וואָס איך בעלעסטיג אייך מיט א זאַך, וואָס קען אייך ניט אינטע־רעסירען... אָבער מענשען פון דעם זעלבען קרייז ווענדען זיך אמאָל איינער צום אנדערען וועגען קלייניגקייטען. מיין מאַן האָט נור וואָס אָנגענומען א קאָך, וואָס האָט פריהער ביי אייך געארבייט, וויל איך אייך בעטען, איהר זאָלט מיר זאָגען אייער מיינונג וועגען איהם.

סאקאר האָט איהר געענטפערט, שמייכלענדיג אין זיך. וואָרים ער האָט גוט פערשטאַנען, אז זיא איז געקומען צו איהם מיט אַ׳ן אנדער כונה. באַלד טאקי איז ער געוואָהר געוואָרען וועגען וואָס זיא איז געקומען. זיא האָט איהם דערצעהלט, אז זיא האָט זיך דערוואוסט פון איהר פריינד מארקיז באהיין וועגען דיא גרינדונג פון זיין „וועלט־באנק“.

— איך האָב מיין אייגען פערמעגען, שפּעקוליר איך א ביסעל — האָט זיא געזאָגט — מיין מאַן ארט עס ניט. איך האָב אפילו פון דעם מאנכעם מאָל אונאנגענעהמליכקייטען, נור פערגניגען אויך, דאָס מוז איך צוגעבען!.. ניט אמת, ווען מען זעהט, אז א פרוי גיט זיך אָפּ מיט געשעפטען, דערצו נאָך א יונגע פרוי, וואונדערט מען זיך און מען פערדעכטיגט זיא אין עפּעס.. איך בין גאַנץ אַליין, אָהן גוטע פריינד, וואָס זאָלען מיר עצות געבען. דערפאר פערליער איך גאנץ אָפּט.... אצינד,

ווען איהר וועט זיין אין אזא גינסטיגער לאגע, צו וויסען אלעס, וואלט איך אייך געבעטען צו טהאן עפעס פאר מיר...

דיא שפיעלערין האט ארויסגעקוקט פון אונטער דער מאסקע פון דער וועלט־דאמע, דיא גיריגע, ליידענשאפטליכע שפיעלערין. דיא הויכע אריסטאקראטקע, דיא פרוי פון א דיפ־לאמאט, פאר וועמען דיא גאנצע פאריזער קאלאניע פון אויס־לענדער האט טיעף דיא הוט געצויגען, זיא איז ארומגעלאפען איבער דיא הייזער פון דיא פינאנסיסטען און ליידענשאפטליך געבעטעלט, מען זאל זיא שטיצען אין איהרע שפעקולאציאנען. איהרע ליפען האבען געגליהט בלוט־רויט, איהרע אויגען האבען געפלאמט און אין גאנצען האט זיא געברענט, וויא פון א הייסען פערלאנג...

סאקאר איז געוועזען נאריש גענוג צו ז'ענקען, אז זיא איז צו איהם געקומען אפגעבען זיך, בכדי צו געווינען זיין פריינד־שאפט, וואס וועט איהר שפעטער אזוי צוניץ קומען, בעת זיא וועט שפעקולירען.

— עס וועט מיר זעהר אנגענעהם זיין—האט ער געזאגט— צו דיענען אייך מיט אלעס, אלעס...

ער האט זיך צוגערוקט צו איהר מיט זיין שטוהל און זיא אנגענומען ביי א האנד. גלייך איז זיא געקומען צו זיך, האט זיך אויסגעניכטערט.

אה, ניין, דאס ניט! זיא וועט אימער צייט האבען צו בעצאהלען אזא פרייז ווען זיא וועט וועלען ארויסקריגען א שטיקעל געהיימע נייעס פון דער בערזע... איהרע פערהעלטניסע מיט דעלקאמבר'ן, מיט יענעם אלטען, אויסגעדארטען אבער־פראקוראר, האבען איהר שוין אויך דערעסען. צוליעב יענעם האט זיא אויסצושטעהן גרויסע צרות פון איהר מאן... און איהר גלייכגילטיגקייט צו דיא מענער, איהר פערבארגענער עקעל צו זיי, האט זיך איצט אפגעשפיעגעלט אויף איהר פנים מיט א מאטער בלאסקייט.

זיא האט זיך אויפגעהייבען פון ארט מיט א שטאלצער בעוועגונג.

— אלזא מיין הערר, איהר זאגט, אז איהר זייט צופריעדען געוועזן פון אייער קאך? — האט זיא געזאגט.

סאקאר האט זיך אויך אויפגעהייבען שטארק פערוואונדערט.

וואס דען האט זיא געמיינט? אז זיא וועט אריינגענומען ווערען אין געשעפט אומזיסט!.. קיין געלד קען מען איהר ניט פערטרויען און אהן געלד...

דאך איז ער מעהר צו איהר ניט צוגעשטאנען, כאטש ער האט זיא זעהר באגעהרט, האט זיך פערנייגט פאר איהר מיט א שמייכעל און געזאגט:

— איך בין זעהר צופריעדען געוועזן פון איהם!

און, אנקוקענדיג זיא מיט פרעכע אויגען, האט ער זיך הויך אויפ'ן קול צולאכט.

דיא באראנעססע האט זיך געפיהלט שטארק בעליידיגט, וואס זיא איז צו איהם געגאנגען, און, ניט ריידענדיג מעהר קיין ווארט, איז זיא ארויס פון זיין קאבינעט.

אין טיהר האט זיא זיך אנגעטראפען מיט סאקאר'ס זוהן, מאקסים. וועלכער האט זיא זעהר גוט געקענט. ער האט זיך פערנייגט פאר איהר און איז אריינגעלאפען צו זיין פאטער אין קאבינעט מיט א געלעכטער:

— אזוי? דיין געשעפט, וויא איך זעה, איז שוין אין גאנג!. איז דאס דיא פרעמיאום, וואס דו קריעגסט? — האט ער אויסגעשריען. לאכענדיג.

מאקסים כאטש ער איז נאך געוועזן יונג, האט זיך געלעבט גאנץ איינגעהאלטען, ווארים ער האט גוט געוואוסט, אז זיין געזונד ערלויבט איהם ניט צו לעבען ניט איינגעהאלטען.

סאקאר האט פערשטאנען, וואס ער מיינט, און געענטפערט:

— נייז, מיין איינגעל, דו האסט א טעות, איך האב נאך דערווייליע ניט געקראגען אזא פרעמיאום, וואס דו מיינסט; אבער ניט, חלילה, דערפאר, ווייל איך וואלט זיך אפגעזאגט, דאס גראד נייז! ווארים איך פיהל זיך אזוי יונג, [illegible]!

מאקסים האט זיך נאך העכער צולאכט מיט א'ן אויס־בעלאמענעם געלעכטער.

— איך מיין, אז דו ביזט גערעכט — האט ער געזאגט— דו קענסט עס בעהויפטען, איך קען ניט; מיין רומאטיזם שטערט מיר.

ער האט זיך געזעצט אויף א פאטעל און צוגעלייגט:

— קימער זיך נישט וועגען מיר. דו קענסט ווייטער אויפ־נעהמען דיינע וויזיטארס, אויב איך שטער דיר ניט. איך בין צו פריה געקומען, ווייל איך האב מיין דאקטאר אין דער־היים ניט געטראפען.

אין דיעזער צייט איז דער דיענער אריינגעקומען און גע־מעלדעט, אז דיא גרעפין באוויליע וויל איהם זעהן.

סאקאר האט זיך פערוואונדערט איבער איהר וויזיט, כאטש ער האט זיא שויז געהאט איינינע מאל געטראפען אין דער „אר־בייטס־הויז".

ער האט געהייסען דעם דינער זיא גלייך אריינשיקען און דיא איבעריגע וויזיטארס זאגען, אז ער וועט שוין היינט מעהר קיינעם נישט אויפנעהמען, ווייל ער איז מיעד און הונגעריג.

ווען דיא גרעפין איז אריין, האט זיא ניט געזעהן מאק־סים'ען, ווייל דיא אנלעהז פון'ם פאטעל האט איהם פאר־שטעלט.

סאקאר האט זיך נאך מעהר געוואונדערט, ווען ער האט דערזעהן, אז דיא גרעפין איז געקומען מיט איהר טאכטער אליציא. וויא טרויעריג און בלייך זיי ביידע זיינען געווען, דיא מוטער, מאגער און וויים, דיא טאכטער, פערוועלקט און מיאוס, מיט א לאנגען האלז!

ער האט זיי אויפגענומען מיט איבערטריעבענער העפ־ליכקייט און האט זיי אונטערגערוקט שטוהלען.

— גנעדיגע פרוי — האט ער אנגעהויבען— איך פיהל מיך זעהר געעהרט... איך וועל זעהר גליקליך זיין, אויב איך וועל מיט וואס קענען אייך דיענען...

— מיין הערר, דיא פרינצעסין ארווייעדא האט מיט מיר

גערעדט וועגען אייך... זיא האט מיר דערצעהלט וועגען אייערע געשעפטען, און מיר איז איינגעפאלען, צו זעהן זיך מיט אייך. איך מוז צוגעבען, אז א צייט לאנג האב איך מיר געשלאגען מיט דער דעה, צי זאל איך געהן צו אייך. ווארים א פרוי אין מיינע יאהרען ענדערט נישט אזוי לייכט איהרע מיינונגען. און איך האב אלע מאל מורא געהאט פאר דיא היינטיגע געשעפטען, וועלכע איך פערשטעה ניט. נור איך האב איבערגערעדט מיט מיין טאכטער, און איך האלט עס איצט פאר מיין פפליכט, אלעס צו טהאן, אום דאס גליק פון מיינע קינדער צו פערזיכערען.

און זיא האט ווייטער דערצעהלט, אז דיא פרינצעסין ארווייעדא האט איהר דערצעהלט וועגען וועלט־באנק, וואס אין דיא אויגען פון דער וועלט וועט זיין פשוט א באנק, וויא אלע אנדערע באנקען, אבער אין דיא אויגען פון דיא נאהענטע, פון יענע וואס ווייסען, וועט זיא, דיא באנק, הייסט עס, האבען א׳ן ערהאבענעם צוועק, אזא צוועק, פאר וועלכען דאס געוויסען מוז שווייגען.

זיא האט אפילו נישט דערמאנט ניט דעם נאמען פון פאבסט און ניט פון ירושלים,—וועגען דעם האט מען נאך הויך נישט גערעדט, נור צווישען די פרומע האט מען זיך וועגען דעם גע׳סוד׳עט מיט בעגייסטערונג—אבער אין יעדען ווארט איהרען, אין יעדער מינע איהרער האט זיך געפיהלט אזא גלויבען און האפנונג, אז סאקאר׳ן איז קלאר געווארען, אז נור דיא אמונה האט אין איהר דאס חשק ערוועקט צו נעהמען אנטהייל אין דער „וועלט־באנק“.

אויף סאקאר׳ען האבען דיא דאזיגע ווערטער און די דאזיגע שטימע א שטארקען איינדרוק געמאכט.

אין א מינוט פון בעגייסטערונג האט זיך ביי איהם א ווארט ארויסגעריסען פאר דער פרינצעסין ארוויעדא, א ווארט וועגען א קעניגרייך אין ירושלים פאר׳ן פאבסט, וואס ער אליין האט שוין געוועזט גענומען האלטען פאר משוגע, און דאס האט שוין אזוי בעגייסטערט דיא פרומע, אזוי צוהיצט זיי, היינט וואס וועט נאך זיין, ווען ער וועט ארויסטרעטען מיט דעם עפענט־

ליך?... וויא וועלען דעמאָלט זיינע אקציען געזוכט ווערען!..
און ווארום טאקי ניט? אפשר וועט מען מיט דער הילף פון
זיין וועלט־באנק טאקי אויף א׳ן אמת קענען גרינדען א קעניג־
רייך אין ירושלים פאר׳ן פאבסט?

סאקאר האָט געהאט דיא פעהיגקייט צו מאכען זיך גלוי־
בען, ווען דאָס האָט איהם נור געלוינט צו זיינע געשעפטען...

— קורץ, מיין העדר—האָט דיא גרעפין גערעדט וויטער—
איך האָב בעשלאָסען צו טהאָן א זאך, וואָס איך וואָלט קיינ־
מאָל פריהער נישט געטהאָן... עס איז מיר קיינמאָל אפילו ניט
איינגעפאלען, איך זאָל מיט געלד שפעקולירען... דאָס דארפען
ניט טהאָן מענשען פון מיין קרייז... מיר דארפען לעבען פון די
איינקינפטע, וואָס אונזערע גיטער ברענגען אונז. אזוי האָב
איך פון קינדווייז אויף געטראכט... אבער וואָס קען איך היינט
טהאָן? קיין גיטער האָב איך ניט...

דיא גרעפין איז רויט געוואָרען, ווארום איהר איז זעהר
שווער געווען צו קלאגען זיך פאר איהם אויף איהר לאגע.
זיא האָט דאך אבער געמוזט:

— קורץ קיין גיטער האב איך שוין ניט מעהר... איך
בין זעהר געשטראָפט געוואָרען... איין פאלוואראק איז מיר
נור פערבליבען.

אום דיא גרעפין ניט צו שטעלען אין א פערלעגענהייט,
איז סאקאר איהר אריינגעפאלען אין דיא רייד מיט ווארימ־
קייט אין קול:

— אה, געעהרטע מאדאם, קיינער האלט ניט היינטיגען
טאָג זיין געלד אין גרונד־אייגענטהום. דיא וועלט האט זיך
אין גאנצען געענדערט. מען לייגט איצט אריין געלד אין
פאבריקאציע, האנדעל, באנקען, אקציען — דאָס קען עפּעס
איינטראָגען, דאָס טראָגט אריין... אָהן מזומן׳ע געלד קען
מען היינט גאר נישט מאכען. קיין נייע ערפינדונגען וואָלטען
ניט געקענט געמאכט ווערען אָהן געלד. א מיליאָן אריינגעלייגט
אין גרונד־אייגענטהום טראָגט איין גארנישט מיט גארנישט,

דער זעלבער מיליאן אבער אריינגעלייגט אין אקציען קען איינטראגען אויף א פירסטליכען לעבען...

— איך האב מורא, אז איך פערשטעה אייך ניט גאנץ קלאהר — האט איהם דיא גרעפין אונטערבראכען, שאקלענדיג טרויעריג מיט'ן קאפ — אט דיא אלע נייע געשעפטען שרעקען מיך. איך בין הפנים צו פריה געבארען געווארען. דאך — איך האב אבגעשפארט אביסעל געלד, צוואנציג טויזענד פראנק נדן פאר מיין טאכטער. און ווייל אייער באנק האט אזא ציעל, וואס פערדיענט דאס מיטגעפיהל פון יעדען ארענטליכען און ־רומען מענשען, האב איך בעשלאסען זיך צו ווענדען צו אייך וועגען אקציען פון אייער באנק... איך האב געוואלט, אז מיין טאכטער זאל אויך זיין דערביי, ווייל דאס געלד איז דאך איהר'ס.

אליצע האט איהר העפליך אונטערבראכען:

— אה, מאמא! — האט זיא זיך אפגערופען מיט א ווייכען קול — איך האב עפעס מיין אייגענס, וואס געהערט ניט צו דיר אויך?

— דוא דארפסט דאך חתונה האבען, מיין קינד?

— חתונה האבען? — האט דאס מיידעל געענטפערט — איך וועל קיינמאל ניט חתונה האבען.

זי האט ארויסגערעדט דיא ווערטער שנעל, ווייל איהר גאנצער וועזען האט פראטעסטירט געגען דיא דאזיגע ווערטער, וועלכע זיא האט ניט געמיינט. דיא אלטע מוטער האט מיט א בליק זיא גענויט צו שווייגען. אה, וואס פאר א טרויעריגער בליק דאס איז געוועזען!

סאקאר איז געריהרט געווארען.

— מאדאם — האט ער זיך אפגערופען — איך וואלט אפילו מיינע אייגענע אקציען אייך אפגעגעבען, איידער אפ־ציזאגען אייך... איך האלט עס פאר א גרויסען כבוד, וואס איהר האט זיך געווענדעט צו מיר. גלויבט מיר, איך וואלט עס פאר א גרויסען כבוד.

אויף דער רגע האט ער טאקי אויף אן אמת'ן ־געמיינט

זיי גליקליך צו מאַכען, האט געוואָלט, אז דער גאָלדענער רעגען זאָל זיך איבער זיי אויך גיסען.

דיא דאַמען האבען זיך אויפגעהויבען און האבען זיך גע־לאָזט געהן. סאקאר האט זיי בעגלייט צו דער טהיר.

פּלוצלונג האט דיא גרעפין זיך ווידער אפּגעשטעלט און ארויסגעשעפּצעט מיט א געהיימער מינע:

— איך האב ערהאַלטען זעהר א טרויעריגען בריעף פון מיין זוהן פערדינאַנד'ען וועגען דער לאַגע פון פּאַבסט...

— געדולד, מאַדאַם, — האט סאקאר זיך אפּגערופען — מיר וועלען אַלעם ראַטעווען אין דער ריכטיגער צייט!

ער האט זיי בעגלייט ביז דער הויז־טהיר, האט זיי דורכ־געפיהרט דאס פּארצימער, מיינענדיג, אז קיינער איז שוין דאָרט ניטאָ.

ווען ער האט זיך אבער צוריקגעקעהרט, האט ער דאָרט, אין פּאָרצימער, געטראָפען זיצען אויף א באַנק א הויכען מאַ־גערען מאַן פון א יאהר פופציג, אנגעטהאָן אין יום טוב'דיגע קליידער. נעבען איהם איז געזעסען א שעהנע, שלאַנקע, בליי־בע מיידעל פון א יאהר אכצעהן.

— וואס איז? וואס דאַרפט איהר?

דאס מיידעל איז גלייך אויפגעשטאַנען און דער מאַנס־פּארשוין, א צומישטער פון דער גראָבער אויפנאַהמע, האט גענומען שטאַמלען ווערטער, וואס סאקאר האט ניט געקענט פערשטעהן.

— איך האב קיינעם ניט געהייסען אריינלאָזען — האט סאקאר זיך געבייזערט — וואָס טהוט איהר דאָ? זאָגט מיר באַטש, וויא איז אייער נאַמען!

— מיין נאַמען איז דעזשוא, מיין הערר, און דאס מיידעל איז מיין טאָכטער... נאַטאַליע איז איהר נאַמען...

דיא צונג האָט זיך איהם ווידער צוגעקלעבט צום גומען און האָט מעהר נישט געקענט ריידען. סאקאר איז אונגעדול־דיג געוואָרען און האָט איהם שוין געוואָלט ארויסוואַרפען, נור

פלוצים האָט דער מאָן ארויסגעשטאַמעלט, אַז קאַראַלינע קען איהם און האָט איהם געהייסען דאָ ווארטען.

— אַזוי? פרוי קאַראַלינע האָט אייך געשיקט? וואָ־רום האָט איהר עס מיר גלייך ניט געזאָגט. נו, קומט אריין און זאָגט גיך, וואָס איהר ווילט, וואָרים איך בין זעהר הונ־געריג.

אין קאַבינעט האָט ער זיי ניט געבעטען זיך זעצען און אַליין האָט ער זיך אויך ניט געזעצט, וואָרום ער האָט געוואָלט אויף גיך מיט זיי פאַרטיג ווערען. מאַקסים איז אויפגעשטאַ־נען פון'ם פאָטעל און מיט נייגעריגקייט געקוקט אין פנים דעם פאָטער און טאָכטער.

— אַזאַ געשיכטע — האָט דעזשוא אנגעהויבען — ווען איך בין ארוים פון מיליטער־דיענסט, בין איך אנגעקומען אַלס שווייצער צו פרוי קאַראַלינע'ס מאַן, וועלכער איז געווען א ביער־ברויער. נאכדעם בין איך אנגעקומען צו לאַמבערטהיע'ן, וואס איז געווען א קאָמיסיאָנער. נאכדעם בין איך געווען ביי בלעזע'ן, ביי דעם באַנקיר — איהר קענט דאָך איהם מסתמא? אָט דער זעלבער, וואס האט זיך פאר צוויי חדשים דער־שאָסען... און איצט בין איך אָהן א שטעלע... איך מוז אייך אויך דערצעהלען, אַז איך האב פריהער אמאָל חתונה גע־האָט. יא, איך האב חתונה געהאט מיט יאָזעפא'ן, בשעת איך בין געווען ביי דער פרוי קאַראַלינע'ס מאַן און זיא איז גע־ווען א קעכין ביי מיין בעל הבית'ס שווענערין, ביי דער פרוי לעוועקי, הייסט עס, וועלכע פרוי קאַראַלינע האט גוט געקענט. נאכדעם, ווען איך בין געווען ביי לאַמבערטהיע'ן, איז זיא גע־וואָרען קעכין ביי א דאקטאר, וואס האט געהייסען רענודין. נאכדעם איז זיא אנגעקומען אין א מאַגאַזין, וואו איך האב קיין שטעלע, וויא אויף צו להכעיס, ניט געקענט קריגען...

— מיט איין וואָרט — האט סאקאר איהם אונטער־בראָכען — איהר זייט געקומען צו מיר בעטען א שטעלע?

דעזשוא האט אבער דורכאוים געוואָלט פאר איהם אוים־רעדען זיין ביטער הארץ: אין א שלימזלדיגער שעה האט ער

חתונה געהאט מיט א קעבין און האט קיינמאל ניט געקענט בעקומען א שטעלע אין דער זעלבער הויז, וואו זיין ווייב האט געדיענט, און דאס איז כמעט זויא ער וואלט אין גאנ־צען ניט חתונה געהאט. זיי זיינען קיינמאל ניטא צוזאמען, זיי מוזען זיך טרעפען אין דיא שענקען און קושען זיך פערבע־האלטענערהייט הינטער דער טהיר פון קיך. איז דאס א לעבען? ווען זיין ווייב האט געבארען א טאכטער, האט זיא ביז אכט יאהר זיך געמוזט האדעווען ביי פרעמדע מענשען, ביז ער האט זיא געקענט נעהמען צו זיך אין זיין ענגען קעמעריל. און אזוי איז ער געווארען זיין קינד'ס מוטער, האט עס גע־האדעוועט, אין שוהלע עס געשיקט און אויף דעם אכטונג גע־געבען, ביז עס האט, דאנקען גאט, אויסגעוואקסען און א גרויסע טאכטער געווארען. זיא איז ביי איהם דער שווארץ־אפעל פון דיא אויגען.

— איך קען אייך נור זאגען, מיין העדר — האט דעזשוא ערעדט מיט צערטליכקייט אין קול — אז מיין מיה איז ניט עווען ארויסגעווארפען... איך בין העכסט צופריעדען פון איהר, ווארום זיא איז געבילדעט, עהרליך.. אט וויא איהר קוקט זיא אן, איז ניטא אויף דער גאנצער וועלט א גלייכען צו איהר.

און אין דער אמת'ען האט דאס מיידעל אויסגעזעהן זעהר ליעב. א בלאנדע פאריזער בלום, מיט אן אונשולדיג בלייך פנים'על, מיט א פאאר בלישצענדיגע אויגען אונטער דיא העלע לאקען, איז זיא שטארק געפעלען געווארען סאקאר'ן.

זיא איז נאך געווען טוגענדהאפט, ווייל ביז אהער האט זיך נאך איהר ניט געלוינט דאס ניט צו זיין. א הארטנעקיגע זעלבסטזוכט האט ארויסגעקוקט פון איהרע בלישצעדיגע העלע אויגען.

— זיא וואלט שוין געקענט חתונה האבען — האט דעזשוא ווייטער דערצעהלט — און עס מאכט זיך איהר טאקי א גוטער שידוך אויך, מיט'ן בוכבינדער'ס זוהן, וואס איז אונזער שכן. ער וויל אבער ווערען א בעל הבית פאר זיך,

האבען זיין איינענעם ווערקשטאט, פערלאנגט ער זעקס טויזענד פראנק. ער איז ווערטה דעם נדן, אזא חתן, וויא ער, וואלט געקענט מעהר בעקומען... איך מוז אייך נאך דערצעהלען, אז מיין פרוי איז געשטארבען פאר פיער יאהר און האט אונז איבערגעלאזט פיער טויזענד פראנק, וואס זיא האט אפ־געשפארט אלס קעכין... פיער זיינען אבער ניט זעקס, און דער יונגערמאן איילט זיך און נאטאליע אויך...

דאס יונגע מיידעל, וואס האט זיך צוגעהערט מיט א קאלטען און אונענטשלאסענעם בליק אין איהרע העלע אויגען, האט א מאך געטהאן מיט'ן קאפ: יא!

— אוודאי! פאר מיר איז דאס ניט קיין שפאס, איך וויל עס זאל זיין א סוף: אהער אדער אהין...

סאקאר האט בעטראכט דעם מאן און ער האט אויף איהם געמאכט דעם איינדרוק פון א נארישען, אבער זעהר עהרליכען מענשען.

— נו, גוט, מיין פריינד — האט ער געזאגט — איך קויף א צייטונג, וועל איך אייך דארט אנשטעלען אלס שווייצער. לאזט מיר איבער אייער אדרעס און — אויף ווידערזעהען!

דעזשוא איז אבער נאך ניט אוועקגעגאנגען און האט פערלעגען ווידער זיך אבגערופען:

— דער הערר איז זעהר גוט, איך נעהם אן דיא שטעלע און דאנק אייך פאר איהר, ווארום אז איך וועל מיין נאטאליע'ן חתונה מאכען, וועל איך דאך מוזען ארבייטען. איך בין אבער געקומען צו אייך וועגען עפעס אנדערש... יא, איך האב געוואהר געווארען פון דער פרוי קאראלינע און פון אנדערע, אז איהר געהט באלד מאכען גרויסע געשעפטען, אז וועלכע איהר און אייערע גוטע פריינד וועלען פערדיענען אזוי פיעל געלד, וויפיעל איהר נור אליין וועט וועלען... אה, מיין הערר, אויב איהר ווילט זיין גוט צו ארימע מענשען, לאזט אונז אפ עטליכע פון אייערע אקציען...

צום צווייטען מאהל האט סאקאר זיך היינט געפיהלט גע־

ריהרט, נאָך טיעפער וויא פריהער, בעת דיא גרעפין האָט איהם אנפערטרויט דעם נדן פון איהר טאָכטער.

דיעזער פשוט'ער מאַן, דיעזער קליינער קאפיטאַליסט, וואס האט אפגעשפּאָרט זיין געלד סו צו סו, איז ער ניט איינער פון יענער גרויסער מאססע, וועלכע ער, סאקאר, האָט איצט אין אויג, בעת ער געהט גרינדען זיין וועלט־באנק?... זיא, דיא גרויסע מעננע, איז דיא הויפט־שטיצע פון אזא אונ־טערנעהמונג. ווען דער דאָזיגער מאַן איז געקומען צולויפען נאָך אקציען נאָך איידער וואס־ווען, היינט וויא וועלען זיי שוין לויפען שפּעטער, ווען דיא באנק וועט געעפענט ווערען...

— גוט, מיין פריינד—האָט סאָקאר געזאגט פרעהלאָך— איהר וועט בעקומען אקציען...

דעזשוא'ס פנים האָט זיך אָנגעצונ'גן פון שמחה.

— אך, וויא גוט איהר זייט צו מיר, גנעדיגער הערר!— האָט ער אויסגעשריען—ניט אמת, אין א האַלב יאָהר ארום וועל איך אָן מיינע פיער טויזענד פראנק פערדיענען נאָך צוויי טוי־זענד און וועל האָבען דיא זעקס טויזענד, וואס איך דארף אויף נאטאַליע'ס נדן,—ניט אמת? נו, אז איהר זייט שוין אזוי גוט, וועלען מיר טאקי גלייך ענדיגען דאס געשעפט. איך האָב ביי זיך דאס געלד...

ער האָט ארויסגעשלעפּט פון קעשענע א גרויסען קאנווערט און האָט איהם דערלאנגט סאקאר'ן.

סאקאר האָט איהם א ווײלע אנגעקוקט פערוואונדערט. דאַן האָט ער זיך צולאכט פון טיעפען הארצען און האָט ביי זיך אָפּגעמאכט, אז דיעזען מענשען פאר זיין צוטרויען מוז ער אויך רייך מאכען.

— אָבער, מיין פריינד — האָט ער אויסגעשריען, לאַכענ־דיג:— אזוי טהוט מען ניט... האַלט אייך דערווייל אייער געלד. איך וועל אייך פערשרייבען, און ווען איהר וועט דארפען, וועט איהר בעצאָהלען...

דעזשוא איז זעהר צופריעדען געווען און האָט געהייסען זיין טאָכטער, זיא זאָל בעדאנקען סאקאר'ן.

אַ צופּריעדענער שמייכעל האָט אַ בלישצע געטאָהן אין איהרע שעהנע, שלעכטע און אונשולדיגע אויגען און זיא האָט איהם בעדאַנקט.

אין אַ ווײַלע אַרום, בעת מאַקסים איז ווידער פערבליבען אַליין מיט סאַקאר'ן, האָט ער זיך אָפּגערופען מיט זיין ציניזמען, שפּאָטישען טאָן:

— הייסט עס, דוא ביזט געוואָרען אַ בעל־צדקה אויך! פערזאָרגסט כלות מיט נדן!...

— פאר־וואָס דען נישט? — האָט סאַקאר פרעהליך גע־ענטפערט — עס איז זעהר אנגענעהם צו מאַכען מענשען גליק־ליך.

ער האָט אין אָרדנונג געבראַכט זיינע פּאַפּיערען, נאָכדעם האָט ער מאַקסים'ן אַ פרעג געטאָהן:

— נו, און דוא ווילסט ניט קיין אַקציען?

מאַקסים, וועלכער האָט געשפּאַצירט איבער'ן צימער הין און צוריק, האָט ביי דער דאָזיגער פראַגע זיך אָפּגעשטעלט פאר זיין פאָטער.

— איך — אַקציען? — האָט ער אויסגעשריען פערוואונ־דערט — קיינמאָל נישט! האַלסט מיך דען פאר אַזאַ נאַר?...

סאַקאר איז בייז געוואָרען; ער האָט שוין געוואָלט זיין זוהן אָפּזידלען פאר אַזאַ חוצפה'דיגען ענטפער, נור ווען ער האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן, האָט ער אויף איהם רחמנות בעקראָגען. אַזוי יונג נאָך, ערשט פינף און צוואַנציג יאָהר אַלט, און איז שוין אַזוי אָפּגעלעבט, פערגינט זיך ניט קיין פערגעניגען צוליעב דעם געזונד, וואָס ער האָט געפּטר'ט און פערשוועגדעט פריהער.... ער האָט אויף אָן־אמת אויף איהם רחמנות געהאַט.

— ווייסטו וואָס, מיין אינגעל? — האָט ער זיך אָפּגע־רופען — קום מיט מיר עסען פריהשטיק און גיעב אַכטונג אויף דיין רעוומאַטיזם...

אויף מאָרגען, דעם פינפטען אָקטאָבער, זיינען סאַקאר, העמעלין, דעגרעמאָן געגאַנגען צום נאָטאַריוס לעלאריין אויף

דער רי סענט־ענן און האָבען אונטערגעשריעבען דעם אקט פון דער „וועלט־באנק“, וואָס האָט געזאָלט האָבען אַ קאפּי־טאַל פון פינף און צוואנציג מיליאָן פראנק איינגעטהיילט אויף פופציג טויזענד אקציען, צו פינף הונדערט פראנק יע־דע. אויף דעם האָבען זיי נור איינגעצאָהלט איין פערטעל אין מזומנים..... דיא באַנק האָט זיך געפונען אין דער סען־לאזאר אין האָטעל ארווייעדאָ. זיי האָבען אויך געבראַכט צום נאָטאַ־ריוס אַן עקזעמפּליאר פון דיא געזעלשאפטס־סטאטוטען. אין יענעם טאָג האָט די הערבסט־זון שעהן געשיינט. ווען זיי זיי־נען ארויס פון׳ם נאָטאריוס, האָבען זיי פערדרויכערט צו סי־גאַר און זיינען אַוועק איבער׳ן בולוואַר פרעהליך און לוס־טיג, וויא שוהל־אינגלאך.

דיא ערשטע פערזאמלונג פון די אקציאָנערען איז אָפּ־געהאַלטען געוואָרען אויף דער צווייטער וואָך אין אַ קליינעם לאָקאַל אויף דער רי בלאַנש.

הונדערט און צוויי און צוואנציג אקציאָנערען האָבען זיך פערזאַמעלט, אום צו וועהלען מענשען, וואָס זאָלען דיא באַנק פיהרען.

דיא גרינדער פון׳ם סינדיקייט האָבען שוין געהאַט צו־טהיילט דיא אַקציען, וואָס זיי האָבען פערשריעבען אויף זיך, וועלכע זיי האָבען ניט געוואָלט פאַר זיך האַלטען, און דיזע הונדערט און צוואנציג אקציאָנערען זיינען עס געווען יענע, ביי וועמען דיא גרינדער פון׳ם סינדיקאַט האָבען אוים־געבראַכט זייערע אַקציען... גאַנצע פערציג טויזענד אקציען האָבען זיי פערטראַטען. נור אזוי וויא נאָך דיא סטאַטוטען נאָך פון דער געזעלשאַפט האָט אַן אקציאָנער קיין רעכט ניט געהאַט מעהר וויא אויף צעהן שטימען, ווען ער האָט אפילו געהאַט דיא גרעסטע צאָהל אַקציען, זיינען שטימען אין גאַנ־צען דאָ געווען זעכצעהן הונדערט און דריי און פערציג.

סאַקאַר וועלכער האָט געהאַט פערשריעבען אויף זיך און העמעלין׳ען צו 500 אקציען, האָט געזעהען, מען זאָל העמע־לין׳ען אויסוועהלען פאַר פּרעזידענט און ער אליין האָט זיך

אוועקגעזעצט צווישען דעם איבעריגען עולם אויף א פלאץ אין די היגטערשטע רייהען.

אלע גרינדער פון דעם סינדיקאט זיינען דא געוועזן: דענגרעמאן, אורע, סעדילל, קאלב, דער מארקיז באהאיין, יע־דער מיט זיין גרופפע אקציאנערען, וואס האט געפאלגט אלע זיינע בעפעהלען.

צווישען די פערזאמעלטע האט מען אויך געזעהען סא־באטיאני, וועלכער האט געהאט אויף זיין נאמען פערשריי־בען א גרויסע צאהל אקציען, זשאנטרו איז אויך דארט גע־ווען און נאך אנדערע העכערע אנגעשטעלטע פון דער באנק, וועלכע האבען מיט צוויי טעג צוריק געהאט פערנומען זייערע שטעלען.

יעדער פונקט פון טאגעס־ארדנונג איז שוין געוועזן פון פריהער דורכגעפיהרט, נאך פאר דער פערזאמלונג, דערפאר זיינען די פערהאנדלונגען אויף דער פערזאמלונג פאראיבער זעהר גלאט און גיך.

איינשטימיג איז אנגענומען געווארען די ערקלעהרונג, אז איין פערטעל, אדער הונדערט און פינף און צוואנציג פראנק איז איינגעצאהלט געווארען אין מזומנים פאר יעדע פון די פופציג טויזענד פינף־הונדערט־פראנקענדיגע אק־ציען.

דאן איז ערקלעהרט געווארען, אז די געזעלשאפט איז אפיציעל געגריגדעט און מען איז איבערגעגאנגען צו דער ער־וועהלונג פון מיטגליעדער פאר'ן פערוואלטונג'ס־ראטה.

די דאזיגע פערוואלטונגס־ראטה מיטגליעדער האבען געזאלט קריגען פופציג טויזענד פראנק יעהרליכע געהאלט, דערצו נאך צעהן פראצענט פון יעם ריינעם פערדיענסט; דערפאר האט יעדער פון די גרינדער פון'ם סינדיקאט דורכ־אויס בערלאנגט צו זיין אין פערוואלטונגס־ראטה.

אלע גרינדער פון סינדיקאט: דענגרעמאן, אורע, סע־דילל, קאלב, דער מארקיז באהאיין, זיינען ערוועהלט געווארען צום פערוואלטונגס־ראטה און צו זיי נאך אנדערע פערצעהן

אזעלכע, וואס מען האט געוואוסט, אז זיי זיינען אייגע־נע מענשען, אז זיי וועלען געהארכזאם זיין...

נאכדעם האט העמעלין געמאכט א פארשלאג, מען זאל ערוועהלען סאקאר'ן פאר דירעקטאר, פאר דעם הויפט־פיה־רער פון דער וועלט־באנק און זיין פארשלאג איז אנגענומען געווארען איינשטימיג און מיט אפלאדיסמענטען. סאקאר איז ערוועהלט געווארען פאר דירעקטאר.

דאן האט מען אויסגעוועהלט צוויי אדיטארס, אדער רעכנונגס־אונטערזוכער, וואס זייער זאך האט געזאלט זיין, אונטערזוכען גרינדליך דיא ביכער פון דער געזעלשאפט און נאכדעם רעפארטען, אויב אלעס איז דארט ריכטיג, פאר דיא אקציאנערען אויף דער יעהרליכער פערזאמלונג.

סאקאר האט געזעהען, אז דיא דאזיגע צוויי מענשען זאלען זיין „אייגענע", און אויף זיין פארשלאג זיינען ער־וועהלט געווארען בוססא און לאווינע, דער לעצטער א הויי־כער בלאנדין, ווייט־ווייט ניט קיין זויבערער נפש.

מיט דעם האט זיך דיא ערשטע פערזאמלונג געשלאסען.

אויף מארגען האבען זיך דיא מיטגליעדער פון פערוואל־טונגס־ראטה שוין פערזאמעלט אין זייער אייגענער ביורא אין סאקאר'ס סאלאן.

דאס גרעסטע צימער אין ארווייעדא־פאלאץ איז אויס־געקליעבען געווארען פאר דאס ביורא. א לאנגער טיש, בע־שלאגען מיט דונקעל־גרינעם סאמעט איז געשטאנען אין מי־טען, ארום איהם צוואנציג בעגילדעטע שטוהלען. דיא פאר־האנגען אויף דיא פענסטער זיינען געווען רויטע און ביי א וואנד זיינען געשטאנען צוויי גרויסע ביכער שראנקען מיט גרינע זיידענע פארהאנגען אויף דיא שויבען.

דיא דונקעל־רויטע טאפעטען האבען געווארפען א דונ־קעלהייט איבער'ן צימער און ארום איז געווען שטיל. דיא פענסטער האבען ארויסגעקוקט אויף'ן גארטען פון באוויליע. דער צוועק פון דער פערזאמלונג איז געווען צו ע־ויעה־

לען בעאמטע. יעדער מיטגליעד פון פערוואלטונגס־ראטה איז אנוועזענד געווען.

מארקיז באהאיין איז געווען פארזיצענדער און ער איז געזעסען אויף א שטוהל, וואס איז געווען העכער אין מעהר בעגילדעט. נעגען איהם איז געזעסען סאקאר. ווייטער ארום מיש זיינען געזעסען דעגרעמאן, דיא פערזאניפיצירונג פון דעם ערפאלגרייכען פראנצויזישען קאפיטאליסט אין דער צייט פון נאפאליעאן דעם דריטענס הערשאפט; אורע, כיטרע און פערדעכטיג; סעדילל, צוטראגען און פערזארגט, ווי געוועהנליך; קאלב, צומישט וועגען דיא ידיעות, וואס ער האט בעקומען פון וויענער בערזע, אז דער פרייז אויף גאלד איז געפאלען; דיא איבעריגע, גלייכגילטיגע פארשוינען, וואס זיינען גרייט געווען צו פאלגען אלעמען און צו שטימען פאר אלעס, אבי אנצושטאפען דאס בייטעל....

ווען דער מארקיז האט ערקלעהרט דיא זיצונג פאר געעפענט, האט זיך העמעלין אויפגעהויבען און געזאגט, אז ער קען בשום אופן ניט זיין קיין פרעזידענט, ווייל ער ועט מוזען פאהרען אין דיא מזרח־לענדער און ער וועט נישט זיין אין פאריז. חוץ דעם פערשטעהט ער בכלל נישט אויף קיין באנק־אינטערעסען און בערזען־געשעפטען און וויל אויף זיך נישט נעהמען אזא שווערע פעראנטווארטליכקייט.

סאקאר האט זיך שטארק פערוואונדערט, וואס העמעלין ויל זיך אפזאגען פון צו זיין פרעזידענט, ערשט נעכטען איז ור, דאכט זיך, געווען צופריעדען מיט דעם דאזיגען אמט. ער האט פערשטאנען, אז קאראלינע האט געמוזט אזוי ווירקען אויף איהר ברודער, ווארים ער האט געוואוסט, אז נעכטען פארנאכט האט קאראלינע מיט איהם טאקי וועגען דעם געשמועסט.

אזוי אבער וויא ער האט קיין אנדער פרעזידענט ניט געוואלט האבען, ווייל ער האט מורא געהאט, טאמער וועהלט מען אויס איינעם אזא, וואס וועט איהם אין וועג שטעהן, האט סאקאר איהם גענומען איינריידען, אז אין דער—אמת'ן

פערלאנגט מען גאר ניט פון'ם פרעזידענט קיין שום ארבייט, אז עס איז ניט מעהר וויא אן עהרען־אמט. מען האט איהם גענוואלט עהרען פאר זיינע גרויסע פעהיגקייטען, פאר דיא דינסטע, וואס ער קען ווייזען דער געזעלשאפט; אז עס וועט זיין גענוג, ווען ערוועט קומען איינמאל אין יאהר צו דער אלגעמיינער פערזאמלונג; אז דעם גאנצען יאהר וועט א וויצע פרעזידענט איהם פארטרעטען, טהאן די אלע קליינינ־קייטען, ווי אונטערשרייבען פאפירען און א. ז. וו. אויף די טעכנישע זאכען, וויא באנק, בערזע און דאס גלייכען איז ער דא, סאקאר, דער דירעקטאר. ער וועט דאס שוין אלעס בעזארגען אליין...

העמעלין האט זיך לאנג געלאזט בעטען, נור נאכדעם, ווען דעגרעמאן און אורע זיינען אויך צוגעשטאנען צו איהם, אז ער מוז אנהאלטען דאס אמט פון פרעזידענט, האט ער זיי נאכגעגעבען.

פאר וויצע־פרעזידענט האט מען אויסגעוועהלט א'ן אונ־בעקאנטען גוטס־בעזיצער, א'ן אמאליגען מיטגליעד פון שטאאט־ראטה, דעם וויקאנט דע־ראבען־שאגא. ער איז געווען א גוטמוטהיגער און געלד־גייציגער מאן, א'ן אויסגעצייכענטע אונטערשרייב־מאשינע.

נאך דער זיצונג איז סאקאר ארויפגעגאנגען אויף'ן צווייטען שטאק מיט העמעלין'ען. קאראלינע, וועלכע האט זיי ער־ווארטעט, האט גלייך דערקענט אן איהר ברודער'ס פנים, אז ער האט זיא ניט געפאלגט און איז געבליעבען אויף ווייטער פרע־זידענט. זיא האט זיך אנגעהייבען צו בייזערען אויף איהם.

— וואס בייזערט איהר זיך אויף איהם? הערט אויף, דאס איז נאריש! — האט סאקאר אויסגעשריען—בעדענקט נור: א פרעזידענט בעקומט דרייסיג טויזענד פראנק יאהר־ליכען געהאלט, וואס וועט פערדאפעלט ווערען, אויב דיא געשעפטען וועלען בסדר געהן. איהר זייט דאך נישט אזוי רייך, אז איהר זאלט זיך מיט אזא געהאלט ווארפען!.. זאגט, וואס האט איהר אזוי מורא?...

— איך האָב מורא — האָט קאראלינע געענטפערט—איך האָב פאר דיא גאַנצע געשיכטע מורא. ערשטענס, פאָהרט מיין ברודער אוועק און איך פערשטעה נישט אויף געלד־געשעפטען. און, צווייטענס, איהר האָט פערשריעבען אויף מיין ברודער'ס נאָמען פינף הונדערט אקציען, כאָטש ער האָט פאר זיי נים בע־צאָהלט, דארף עס אזוי זיין? איז דאָס ריכטיג אזוי? ווען דאָס געשעפט געהט, חלילה, שלעכט אוועק, וועט מען איהם האַלטען פאר א שווינדלער און מען וועט איהם געוויס בע־שטראָפען...

סאקאר האָט זיך צולאכט:

— פינף הונדערט אקציען, א גוואלדיגע זאך!.. אז אייער ברודער זאָל אין ערשטען האלבען יאָהר נישט האָבען צו בע־צאָהלען פאר זיי צוויי און זעכציג טויזענד פינף הונדערט פראנק, מעגען מיר זיך געהן טרינקען, איידער מיר הייבען נאָך אָן דאָס געשעפט מאכען... זייט רוהיג, דיא שפּוקולאַציאָנען זיינען נור אומגעזונד פאר שלימזלניקעס!

זיא איז נאָך געזעסען אָנגעכמורעט אין דעם דונקעלען צימער. דאַן האָט מען אריינגעטראָגען צוויי לאָמפּען, און ארום איז ליכטיג געוואָרען.

דיא פּלענער, דיא בילדער פון דיא מזרח־לענדער אויף דיא וועגד האָבען זיך ווידער געוואָרפען איהר אין דיא אויגען, און ווידער האָט זיא געזעהן דיא אויפלעבונג פון יענע וויסטע און דאָך שעהנע געגענדען, בעריהרט פון פּאָרטשריט'ס כישוף־האַנד.

— שפעקולאַציאָנען! שפעקולאַציאָנען! — האָט זיא גע־מורמעלט, ניט ווילענדיג און מיט ספקות אין טאָן.

סאקאר, וועלכער האָט זיא גוט געקענט, האָט פערשטאַ־נען, אז זיא טראַכט איצט וועגען איהרע חלומות, און ער האָט פון איהר ווייטער געלאכט:

— יאָ, דיא שפעקולאַציאָנען! וואָס האָט איהר אזוי מורא פאר דעם וואָרט?... אָהן שפעקולאַציאָנען וואָלט דאָס לעבען קיין ווערדע ניט געהאַט; אז מען שפּעקולירט, לעבט

מען, האָט מען, פערלאַנגט מען און מען קעמפּפט פאַר עפּעס! צום טייפעל, וואָלט דען אימיצער ריזיקירט מיט זיין געלד און פערמעגען, ווען ער וואָלט ניט געהאָפט אויף אַ גרוים גליק? ווען מיר זאָלען נור דאָס טהאָן, וואָס איז פון געזעץ ערלויבט און וואָס איז ניט ריזיקאַליש, וואו וואָלטען מיר איצט גע־שטעקט? אונזערע קרעפטען און ענערגיע וואָלטען דאַן אַנ־שלאָפען געוואָרען און מיר וואָלטען גאָר נישט אויפגעטהאָן ניט פאַר זיך און ניט פאַר דעם פאָרטשריט בכלל. גאַנץ אַנ־דערש איז אָבער, ווען דער מענש זעהט פאַר זיך אַ שעהנעם חלום, צו געוויינען מיט איין פראַנק אַ מיליאָן, רייך צו ווערען אין צוויי שטונדען, דאַן שרעקט זיך נישט דער מענש פאַר די טיעפסטע אָבגרונדען, דאַן וואַגט ער, איז ענערגיש, בערג הויכע ווערען ארונטערגעריסען, טהאָלען טיעפע ווערען פערשאָטען, באַהנען אויסגעלייגט, ערפינדונגען נייע ווערען געמאַכט און דיא וועלט אין גאַנצען ווערט פון דאָס ניי געבאָרען!...

קאַראָלינא האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— יאָ, הפּנים, אום עפּעס זאָל אויסוואַקסען, מוז מען אַפריהער בעמיסטיגען... דאָס לעבען איז גאָר ניט ריין!

זיא האָט ווידער אַ בליק געטהאָן אויף דיא פּלענער, וואָס זיינען געהאַנגען אויף דיא ווענד... באַהנען, וועגען, פאַבריקען, קאַנאַלען און האַפענס וועלען דאָרט ווערען... נייע, געזונדע שטעדט, אויף הויכע בערג אויפגעבויט, וואו דיא מענשען וועלען אויסלעבען זייערע יאָהרען און וועלען געבילדעט זיין.

— איך מוז זיך אונטערגעבען, וויא איממער—האָט זיא געזאָגט—איך קען מיר ניט העלפען. זאָלען מיר כאָטש זעהן, אַז פון דעם שמוץ זאָל עפּעס גוטעס אַרויסקומען, מען זאָל כאָטש האָבען פאַרוואָס אונז מוחל צו זיין אונזערע ניט זויבערע מעשים.

איהר ברודער, וואָס האָט ביז איצט געשוויגען, איז צו־געגאַנגען צו איהר און האָט זיא אַרומגענומען. זיא האָט איהם אַ סטראַשע געטהאָן מיט אַ פינגער:

— אָה, דו ביזט אַ כיטרער קערל, איך קען דיך גוט! —

האָט זיא צו איהם געזאָגט — מאָרגען ביזטו שוין אין וועג וויעדער און אָן אונז וועסטו אין גאנצען פארגעסען. דו וועסט דאָרט זיין פערטיעפט אין דיין ארבייט, חלום'ען פון דיינע אייזענבאהנען, דאמפף־שיפען, זילבער־מינען און דאָ וועט אפשר דערווייל דאָס גאנצע געשעפט פלאצען.

סאקאר האָט זיך הויך צולאכט.

— דאָס געשעפט וועט פלאצען? — האָט ער אויסגעשריען — און וואו זייט איהר, מיין זשאנדארם? איהר וועט דאָך מיך מסתמא היטען, וויא א זשאנדארם, און וויבאלד נור דאָס געשעפט וועט אָנהייבען צו געהן קידער־ווידער, וועט איהר דאָך מסתמא מיר ניט שווייגען?

אלע דריי האָבען זיך צולאכט אויף'ן קול.

— איהר קענט זיכער זיין, אז איך וועל אייך ניט שווייגען — האָט קאראלינע געענטפערט — איהר מוזט האָבען אין זינען, וואָס איהר האָט פערשפּראָכען מיר און איהם און נאָך פיעל אנדערע, למשל, מיין דעזשוא'ן, וועלכען איך האָב צו אייך געשיקט... און די שכנות אונזערע, די גרעפינס באוויליע... איך האָב היינט געזעהן, וויא זייער קעכין האָט געוואשען עטליכע שטיקלעך פון זייער וואש, בכדי צו צאָהלען ווייניגער דער וואש־פרוי.

זיי האָבען נאָך א ווײלע צוזאמען גערעדט און האָבען בעשלאָסען, ווען העמעלין זאָל פאָהרען.

ווען סאקאר איז נאכדעם ארונטערגעקומען אין זיין קאבינעט, האָט איהם דער דיענער געמעלדעט, אז א פרוי וואַרט אויף איהם. מען האָט איהר געזאָגט, אז זיא קען איהם היינט ניט זעהן, אז ער איז פערנומען אויף א זיצונג, זיא האָט אָבער ניט געוואָלט אוועקגעהן.

צוערשט האָט זיך סאקאר געבייזערט, ער איז מיעד, קען קיינעם איצט ניט אויפנעהמען, מען זאָל איהר זאָגען, אז זיא זאָל אהיים געהן. באלד אָבער האָט ער זיך איבערלייגט, אז מען טאָר קיינעם ניט אָפּשטויסען פון זיך, אז זיין גאנצע פרייד איז דאָס, וואָס מען שלאָגט איהם אָפּ דיא טיהרען פון אלע זיי־

טען וועגען אקציען, און ער האט געהייסען ארייגשיקען דיא פרוי.

א'ן איינציגער לאמפ האט בעלייכטעט דאס גאנצע צימער, אזוי, אז ער האט גלייך ניט דערקענט זיין בעזוכערין.

— הערר בוש האט מיך צו אייך געשיקט...

סאקאר האט זיא גלייך דערקענט אן איהר דיקען, מגוש'דיגען גוף און אן קינדערשען קול'כעלע...

— אהא,—האט ער א טראכט געטהאן אויפגעבראכט— אויף א קונדין, פרוי מעשען, וואס קויפט אקציען אויף'ן וואג!...

ער האט זיא אפילו ניט געבעטען זיך זעצען.

זיא האט רוהיג געזאגט, אז בוש האט זיא אהער געשיקט אויסצוגעפינען, אויב מען קען בעקומען אקציען צו קויפען מיט'ן פרעמיום, פערשטעהט זיך.

דאס איז אבער געוועזען נור א'ן אויסרייד. אין דער אמת'ן איז זיא געקומען אהער, אום אויסצוקוקען דיא הויז פון דעם אינגעל'ס פאטער... איהרע שטעכעדיגע אויגעלעך האבען ארומ־געשפרונגען אויף אלע זייטען, האבען זיך דאן איינגעגעסען אין סאקאר'ן, אקוראט וויא זיי וואלטען אין דיא טיעפסטע טיע־פעניש פון זיין נשמה געוואלט ארייגדרינגען.

בוש האט ביי זיך איצט אפגעמאכט אנצופאנגען צו האנד־לען אין דער זאך וועגען אינגעל, און האט דערפאר געשיקט צו סאקאר'ן פרוי מעשען.

— עס זיינען שוין מעהר ניטא קיין אקציען צו פערקויי־פען—האט סאקאר גראב געענטפערט.

פרוי מעשען האט געזעהן, אז מעהר וועט זיא היינט נישט קענען געוואהר ווערען, האט זיא זיך געלאזט געהן צו דער טיהר.

— פארוואס פערלאנגט איהר ניט קיין אקציען פאר זיך?—האט זיא סאקאר פלוצים אפגעשטעלט.

— איך בעשעפטיג זיך ניט מיט דעם — האט זיא געענט־פערט מיט איהר קוויטש—איך ווארט...

און טאקי אין דער זעלבער רגע האט סאקאר פלוצלונג דערזעהן איהר גרויסען, פערשטויבטען לעדיזער־טאש, וועלכען

זיא האט קיינמאל פון האנד ניט ארויסגעלאזט, און ער האט א שוידער געטהאן.

— זיא ווארט! — האט ער אונרוהיג געטראכט—ווארט צו האבען אויך מיינע אקציען אין יענעם שווארצען קבר איה־רען... און ווען ווייזט זיא זיך? הייגט, אין אזא גליקליכען טאג! א שלעכטער סימן!.. איהרע ווערטער האבען געקלונגען וויא דאס ווילדע קראקען פון א קרא, וואס אין דער דונקעל־הייט פון דער נאכט בעווייזט זיא זיך אויף א מלחמה־פלאץ, בכדי טויטע צו פרעסען...

— אויף וויעדערזעהן! — האט זיא העפליך ארויסגע־רעדט, און איז ארויס.

5.

שפעטער אין א מאנאט, אין דיא ערשטע טעג פון מאנאט נאוועמבער, זיינען נאך ניט אלע קאנטארען פון דער וועלט־באנק געוועזען פארטיג. ארום דער געביידע האבען נאך גע־ארבייט פארבערס און אנדערע ארבייטער האבען געקיטעוועט דעם גוואלדיג גרויסען גלעזערנעם דאך, וואס האט זיך געצוי־גען איבערן גאנצען הויף.

סאקאר האט זיך געערגערט, וואס עס שלעפט זיך אזוי לאנגזאם דיא ארבייט ביי דיא ארבייטער, און ער האט זיך געווענדעט צו קאראלינע'ן, זיא זאל אויף זיך נעהמען דיא אויפזיכט איבער דער ווייטערער ארבייט.

צום סוף איז דיא וועלט־באנק אין גאנצען פארטיג גע־ווארען. דער געפלאסטערטער הויף איז פערוואנדעלט געווארען אין א צענטראל־זאאל, ארום וועלכען עס האבען זיך געצויגען א גרויסע צאהל פון פערשיעדענע קאנטארען מיט שעהנע מע־שענע שילדען אויף דיא פענסטער.

אין גאנצען גענומען, האט דיא וועלט־באנק געמאכט מיט איהרע איינריכטונגען א גינסטיגען איינדרוק. אונטען זיינען געווען אבטהיילונגען פאר דיא אנגעשטעלטע, וועלכע האבען געזאלט שטעהן אין שטענדיגע פערבינדונג מיט'ן פובליקום,

און אויבען — פאַר דיא דירעקציאָן, פאַר דיא קאָרעספּאָנדענץ, פאַר דיא בוך־האַלטעריי און אזוי ווייטער.

ארום און ארום האָבען אין דער דאָזיגער באנק געארבייט איבער צוויי הונדערט אָנגעשטעלטע.

דער גאַנצער פּלאַץ האָט געמאַכט דעם איינדרוק וויא פון עפּעס א הייליגען אָרט; איז מען אהין אריינגעקומען, האָט זיך געדאַכט, וויא מען וואָלט עפּעס אין א קירכע צי אין א מאָנאַסטיר אריינגעקומען, אזא טיעפע ערנסטקייט האָט זיך דאָרט געטראָגען פון אַלע זייטען.

דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל אויף דער באַנק האָבען זיך אָפּגעטונקט דיא שטומע דונקעלע שאָטענס פון דיא אַלטע בוימער פון דעם שכנישען גאָרטען.

— נאָך אַלעמען זעהט דאָ אוים גאַנץ אַנשטענדיג — האָט איינמאָל בעמערקט סאַקאר קאַראָלינע׳ן, קומענדיג פון דער בערזע: — מען פיהלט זיך דאָ עפּעס, וויא אין א קירכע... שפּעטער וועט דאָ נאָך אויסזעהען אַנשטענדיגער. דערווייַלע דאַנק איך אייך פאַר אייער שווערער מיה, זינט אייער ברודער איז אוועקגעפאָהרען...

פון זיינע אָנגעשטעלטע האָט סאַקאר געפאָדערט, זיי זאָלען זיך אויך אויפפיהרען וויא אין א הייליגען אָרט. זיי האָבען געמוזט טראָגען כמעט פּריסטליכע קליידער, ריידען אויף דיא אונטערשטע טענער און צונעהמען און ארויסגעבען געלד מיט כמעט א רעליגיעזער מינע.

נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען האָט סאַקאר אזוי טיכטיג ניט געארבייט, וויא איצט.

זיעבען אין דער פריה איז ער שוין געזעסען אין זיין ביוראָ פריהער פאַר זיינע אַלע אָנגעשטעלטע, נאָך איידער דער דיענער האָט פייער געמאַכט אין אויווען. ער האָט דיא אָנגעקומענע בריעף געעפענט, איבערגעלייענט און אויף דיא נויטיגסטע פון זיי געענטפערט.

דאַן האָט ער אויפגענומען די בעזוכער, וואָס האָבען אָנגעהויבען צו געהן מענגעס־ווייז — דיא פריינד און דיא בע־

דייטענדסטע קונדען פון דער באַנק, דיא בערזען־שפּעקולאַנ־טען, דיא קאָמיסיאָנערען און נאָך אַזעלכע פון דער פינאַנץ־וועלט. אין דער זעלבער צייט זיינען פערשיעדענע אָנגע־שטעלטע פון באַנק אויך צו איהם געלאָפען מיט אַזאַ און אַזאַנ־דער פראַגע, אויף וועלכע ער פלעגט ענטפערן צווישען דיא געשפּרעכען מיט זיינע בעזוכער.

און האָט ער אַ פרייע רגע געהאַט, אַזוי גלייך האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אַרומגעגאַנגען דיא פערשיעדענע ביוראָס, צו זעהן, וויא דיא אָנגעשטעלטע אַרבייטען. דער־פאַר זיינען דיא לעצטע אימער אויף זייערע פּלעצער געווען, ווייל זיי האָבען יעדע מינוט געקענט ערוואַרטען, אַז סאַקאַר זאָל אַריינקומען.

אַרום עלף פלעגט ער אַרויסגעהן צו קאַראָלינע'ן און עסען מיט איהר פריהשטיק.

ער האָט געקענט גוט אַריינעסען און אַריינטרינקען.

מיט קאַראָלינע'ן האָט ער דאַן פערבראַכט אַ גאַנצע שטונ־דע, האָט זיך מיט איהר מיישב געווען וועגען פערשיעדענע געשעפטס־פּלענער און געפרעגט ביי איהר עצות.

זיין שעהנע פריינדין מיט איהר געזונדען פערשטאַנד האָט איהם גאַנץ אָפט געגעבען ריכטיגע עצות. ער האָט זיי אָבער ניט אַלע געפאָלגט.

פּונקט צוועלף איז ער אַוועק צו דער בערזע. אַהין איז ער געקומען איידער זיא עפענט זיך, און ביז איינס, דאָס הייסט ביז דער צייט, ווען דיא בערזע האָט זיך אָפיציעל גע־עפענט, האָט ער זיך פון דער זייט דערוואוסט אַלעס, וואָס ער האָט געדאַרפט, בנוגע דעם קורס און אַזוי ווייטער.

ער האָט נאָך ניט שפּעקולירט אויף דער בערזע, לכל הפּחות אָפען, איז נור געגאַנגען אַהער, צו זעהן זיך דאָרט מיט דיא קונדען פון זיין באַנק און ראַטהען זיי וויא און אויף וואָס צו שפּעקולירען.

זיין איינפלוס האָט זיך שוין איצט געפיהלט אויף דער בערזע. דיא מיליאָנען, וואָס ער האָט איצט אויף אַ'ן אמת

טאקי קאָנטראָלירט, האָבען איהם אויפגעהויבען אין דיא אוי־
גען פון דיא בערזען־שפעקולאַנטען, און דיא פערשטענדיגערע
פון זיי האָבען זיך גע'סוד'עט, בשעת ער איז פערבייגעגאַנגען,
אז דאָס געהט א צוקונפטיגע גרויסע מאַכט...

האלב פיער איז ער שוין ווידער געווען אין זיין ביורא
ביי זיין שרייב־טיש, האָט איבערגעקוקט ווידער אַלע בריעף,
וואָס יעדער פון זיי האָט געמוזט אונטערגעשריעבען ווערען
פון איהם אליין.

נאכדעם ביז זעקס זיינען ווידער געזומען בעזוכער, און
דער פּלאַן פון דער ארבייט פאר מאָרגען איז שוין ביי איהם
אויך ביז דער צייט אויסגעארבייט געווען.

נאכדעם איז ער ארויף עסען דינער, האָט געגעסען מיט
אפּעטיט און פערטרונקען מיט וויין, וואָס קאראָלינע האט פאר
איהם געמאַכט.

— בין איך ניט קיין סאָלידער מאַן? — האָט ער דע־
מאָלט גאַנץ אָפט גערעדט צו קאראָלינע'ן, פערברייענגענדיג מיט
איהר דיא אבענדען: — אנשטאט צו פערברייענגען מיט פרוי־
ענצימער, אין דיא קלאָבס און אין דיא טהעאטערס, פער־
ברייננג איך דיא אבענדען, וויא א'ן אנשטענדיגער בעל־הבית,
נעבען אייך... איהר מוזט וועגען דעם שרייבען צו אייער ברו־
דער, ער וועט זיך פרעהען מיט דעם.

און ווירקליך, ער האט זיך אויפגעפיהרט איצט גאַנץ
לייטיש. זעלטען אמאָל נור — ער איז דאָך ניט מעהר געווען
וויא א לעבעדיגער מענש! — האט ער א'ן אבענד פערבראכט
מיט א'ן אָפּערעטע־זינגערין, צי מיט דער שהנער זשערמיין
גיר, די מעהרסטע אבענדען אָבער האט ער פערבראכט אין
דער היים מיט קאראָלינע'ן.

ער האט אין גאַנצען איצט געלעבט מיט זיין געשעפט,
דאָס גאַנצע בלוט פון זיינע אָדערען, דיא גאַנצע קראפט פון
זיין מאַרך האָט ער איצט געהאט קאָנצענטרירט אויף איין
פונקט: צו געווינען וואָס מעהר און מעהר מיליאָנען.

איינמאָל, אין א קאַלטען נאכמיטאג פון מאָנאט נאָוועמ־

בער, האט דער דינער דערלאנגט קאראלינע'ן א וויזיט־קארטע, אויף וועלכער זיא האט איבער געלעזען א'ן אונבעקאנטען נאמען „בוש".

זיא האט געהייסען איהם אריינפיהרען אין איהר ברו־דער'ס קאבינעט.

בוש האט דערפאר ביז איצט געלאזט צופריעדען סא־קאר'ן מכח זיין גיט־געזעצליכען זוהן און מכח דעם וועקסעל, וואס ער האט ארויסגעגעבען דער געשענדעטער מיידעל, ווייל דער וועקסעל איז אויסגעמאכט געווען נור אויף זעקס הונדערט פראנק, און אזא קליינע סומע צו פאדערען פון סאקאר'ן וואלט געווען מעהר וויא נאריש.

פון דער אנדערער זייט אבער, מיט וואס האט ער געקענט סטראשען סאקאר'ן, כדי ארויסצוציהען פון איהם טויזענדער? קיין פאמיליען מאן איז ער ניט. א'ן אלמן, פאר קיין וייב דארף ער ניט יוצא זיין, פאר קיין סקאנדאל דארף ער ניט מורא האבען, וויא קען מען איהם צווינגען, צו צאהלען שווערעס געלד פאר א העסליך קינד, וואס איז אויסגעוואקסען אין שמוץ אלס צוקונפטיגער באנדיט און מערדער?...

טאקי, אמת, פרוי מעשען האט אויסגעשטעלט א היבשען צעטעל פון הוצאות, וואס איהר האט אפגעקאסט דיא דאזיגע געשיכטע, קנאפע זעקס טויזענד פראנק. דהיינו, וואס איהר האט געקאסט אויסצוהאלטען אקטאוויע'ן, דיא מוטער פון דעם אינגעל, בשעת זיא איז געבליבען א יתומה, נאכדעם ווי סאקאר האט זיא געשענדעט; דאן פאר דאקטוירים, בשעת זיא איז קראנק געווען, דאן פאר קבורה־געלד, בשעת זיא איז געשטארבען; דאן פאר האדעווען וויקטאר'ן, פאר קליידען און שוכען איהם, פאר עסען איהם געבען, פאר אין שוהל איהם שיקען — קורץ, זיא האט א ריכטיגען צעטעל צונויפגעשטעלט. אבער וואס וועט זיין, אז סאקאר וועט לייקענען שטיין און ביין און וועט זיי צום טייפעל שיקען? וואס פאר א בעווייזע האבען זיי, אז סאקאר איז וויקטאר'ס פאטער? דאס אינגעל

איז טאקי אביסעל עהנליך צו איהם, אָבער דאָס אַליין איז נאָך ניט גענוג בעוויז, אַז ער איז זיין פאָטער.

נאָך אַ'ן אורזאכע איז געווען, וואָרום בוש איז ביז היינט ניט געקומען צו סאקאר'ן, ווייל עטליכע וואָכען נאָכאנאַנד איז ער פערנומען געווען נעבען דער קראַנקען־בעט פון זיין ברודער זיגמונד.

דער לעצטער האָט זיך צו בעט געלייגט, און בוש איז שיעור ניט משוגע געוואָרען פאַר צער.

ער איז פון זיין בעט ניט אָפּגעטראָטען, האָט דיא גרעס־טע דאָקטוירים פון פאַריז צו איהם גערופען און געשאָטען מיט געלד, צו ראַטעווען איהם.

דיא דאָקטוירים האָבען פערבאָטען דעם קראַנקען וואָסערע ניט איז ארבייט. זיגמונד אָבער האָט ניט געקענט אויס־קומען אָהן ביכער אפילו קראַנקערהייט, דאַן האָט בוש פון איהם אוועקגענומען מיט געוואַלד דיא ביכער און פאַפּיערען און זיך געבעטען ביי איהם, ער זאָל רחמנות האָבען אויף זיין געזונד, אויף זיין לעבען.

ווען דער מיעדער בוש אָבער פלעגט אנשלאָפען ווערען, פלעגט דער קראַנקער, אַ'ן אויסגעמוטשעטער פון פיעבער און אַ'ן אָפּגענאָסענער מיט שווייס, מיט אַ בלייפעדער מאַכען זיינע רעכנונגען אויף אַ שטיקעל ציימונגס־ראַנד: דאָס פלעגט ער פערטהיילען דעם רייכטהום פון דער וועלט צווישען דיא אָרי־מע ארביימער פון אַלע לענדער און אַלע פעלקער...

ווען בוש פלעגט זיך אויפכאַפּען און דערזעהן, מיט וואָס פאַר אַ מאַטערניש זיין קראַנקער ברודער ארבייט מיט'ן בליי־פעדער, פלעגט ער זיך שיער ניט צואווייגען פאַר כעס און וועהטאָג, און רחמנות אויף זיין זיגמונד'ן. ער פלעגט נעהמען שרייען אויף איהם, אַז ער האָט איהם געלאָזט זיך שפּיע־לען מיט אזוינע קינדערשע נאַרישקייטען, בעת ער איז געזונד געווען; אבער זיין לעבען צו פטר'ן מיט אזוינע נאַרישקייטען וועט ער איהם בשום אופן ניט לאָזען. ביז זיגמונד האָט איהם

צוגעזאָגט, אז ער וועט איהם צוליעב טהאָן און וועט מעהר פון קיין זאַך ניט טראַכטען.

דאַן, אין א געוויסע צייט ארום, האט זיגמונד זיך גע־גומען פיהלען בעסער, און ער איז אימשטאַנד געווען צו פערלאָזען דיא בעט.

אזוי באלד, וויא בוש האט זיך נאכדעם ווידער גע־קענט נעהמען פאר זיינע געשעפטען, אזוי גלייך האט ער בעשלאָסען צו פארטיג ווערען מיט סאקאר'ן. איצט איז פאר דעם געווען דיא ריכטיגע צייט, איצט, ווען סאקאר איז וויע־דער אין דיא פעדערן.

דאַך האט ער ניט געקענט ביי זיך פועל'ן, אנצוגריי־פען סאקאר'ן אויף'ן גלייכען וועג און האָט אלץ געטראכט, וויא גרייפט מען איהם אָן פון א זייט. ביז איינמאָל, ווען פרוי מעשען האט זיך צוריקגעקעהרט פון איהר וויזיט צו סאקאר'ן, האט זיא צווישען אנדערש איהם דערצעהלט וועגען פרוי קאראלינע, סאקאר'ס הויז־האלטערין, וועלכע, מען זאָגט, איז ביי איהם דיא גאנצע דעה־זאָגערין. דאן איז סאקאר'ן איינגע־פאלען צו ווענדען זיך צו איהר מכוח דער גאנצער געשיכטע. ער וועט פרובען.

ווען מען האט איהם אריינגעפיהרט אין העמעלין'ס קא־בינעט האט ער זעהר א שלעכטען איינדרוק געמאכט אויף קא־ראלינע'ן מיט זיין פלאכען, שמוציגען, ניט־ראזירטען פנים, איינגעשמירטען ראק און ווייסען קראוואט. זיא, פערקעהרט, האט אויף איהם גראד געמאכט א גוטען איינדרוק מיט איהר שלאנקען, געזונדען קערפער, דיא ווייסע האָאר אויפ'ן קאָפּ און מיט איהר יונגען, מילדען און פרעהליכען פנים. גאנץ בע־זונדער האט זיך איהם אין דיא אויגען געוואָרפען דער אויס־דרוק פון איהר שטארק ענטוויקעלטען מויל, וועלכער האט אויסגעדריקט גוטהערציגקייט.

— מאדאם — האט ער אנגעהויבען — איך האב גע־האָפט צו טרעפען הערר סאקאר'ן, מען האט מיר אבער גע־זאָגט, אז ער איז אין דער היים ניטאָ.

דאס איז געווען א ליגען, ער האט אפילו ניט געפרעגט אויף סאקאר'ן, ווארום ער האט גוט געוואוסט, אז סאקאר איז אין דיעזער צייט אויף דער בערזע.

— און דערפאר האב איך מיר ערלויבט—האט ער גער־עדט ווייטער — צו ווענדען זיך צו אייך, אזוי וויא איך וויים, אז מיט אייך קען איך אויך ריידען אפען. .. עס האנדעלט זיך וועגען זעהר אן ערנסטען און דעליקאטען ענין...

קאראלינע האט איהם געהייסען זיך זעצען, אנווייזענדיג מיט א האנד אויף א שטוהל.

ער האט פערקאשערט דיא פאלעס פון זיין ראק, אקוראט וויא ער וואלט מורא געהאט איהם איינצושמוצען, און זיך אניעדערגעזעצט.

אין דיעזער רגע איז ביי איהם שוין מעהר קיין ספק ניט געווען, אז קאראלינע לעבט מיט סאקאר'ן אלס מאן און ווייב.

— מאדאם, דיא זאך איז ניט אזוי גרינג ארויסצוריידען און איך מוז זיך מודה זיין פאר אייך, אז גראד אין דיעזען מאמענט פאלט מיר איין דיא פראגע, אויב איך האב א רעכט מיט אייך וועגען אזא זאך צו ריידען. איך האף אבער, אז איהר וועט אין דער דאזיגער האנדלונג מיינער זעהן ניט מעהר וויא א וואונש מען זאל פערריכטען א'ן אמאליגע עולה...

זיא האט איהם געהייסען ארויסריידען פריי און אפען וועגען וואס ער איז געקומען.

זיא האט גלייך דערשמעקט, מיט וואס פאר א מין מענשען זיא האט דא צו טהאן און ניט געוואלט הערען זיינע פאררעדעס.

ער האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטען און איהר דער־צעהלט דיא גאנצע געשיכטע, וויא אזוי סאקאר האט מיט יאה־רען צוריק געשענדעט אקטאוויע'ן, וועגען קינד, וואס זיא האט פון איהם געבארען, וויא זיא איז שפעטער געשטארבען און וויא דער אינגעל וויקטאר האט זיך נאכדעם געהאדעוועט ביי זיינער אן ארימער קרובה, וואס האט פאר איהם זיך פשוט מקריב געווען, און וויא ער איז אין עלענד אויסגעוואקסען.

זיא האט איהם אויסגעהערט, אפריהער פערוואונדערט פון דעם אונערווארטעטען ראמאן, באלד אבער האט איהר דאס הארץ פערקוועטשט פאר דעם טרויעריגען שיקזאל פון דער מוטער און דיא עלענדקייט פון׳ם קינד.

דיא מוטערליכע געפיהלען אין איהר זיינען פערציטערט געוואָרען.

— אבער — האט זיא ארויסגערעדט — זייט איהר זי־כער, אז דאס איז טאקי אזוי, וויא איהר דערצעהלט? אפשר איז הערר סאקאר ניט דער פאטער? וואס פאר א בעווייזע האט איהר פאר דעם? פערגעסט ניט אז אזא זאך פאָדערט שטארקע בעווייזע.

בוש האט א שמייכעל געטהאָן.

— אָה, מאדאם, איין בעווייז ווארפט זיך פשוט אין דיא אויגען, דאס איז דיא עהנליכקייט פון׳ם אינגעל. ער און הערר סאקאר זיינען וויא צוויי טראָפענס וואסער עהנליך איי־נער צום אנדערען. און ווידער זיינען פאראן דיא צוועלף וועקסלען וואס זיינען אונטערשריעבען מיט דעם נאמען „סי־קארדא“, וואס אונטער דעם דאָזיגען נאמען האט ער גע־וואָהנט דיא ערשטע צייט נאָך זיין קומען אין פאריז אין יע־נער הויז... איך בעט אייך, איהר זאָלט נור ניט מיינען, אז איך בין דאָ געקומען איהם בעשולדיגען, איך בין ניט אזא מענש... איך וויל, אז איהר און הערר סאקאר זאָלען זעהן אין מיין ווענ־דען זיך צו אייך נור איין זאך: אן עהרליכען און אויפריכטיגען וואונש צו פערריכטען אן עולה, וואס איין מענש האט געטהאָן דעם אנדערען. און דערפאר טאקי האב איך אפריהער זיך גע־ווענדעט צו אייך. אויב איהר מיינט, איך זאָל זיך ווענדען צו הערר סאקאר׳ן אליין, וועל איך דאס נאָך היינט...

קארא‌לינע איז געוואָרען אלץ מעהר און מעהר אויפגע־רעגט.

— ניין, ניין! — האט זיא אויסגעשריען — ניט היינט, ניט היינט!

זיא האט אליין ניט געוואוסט, וואס מען טהוט און וויא

צו האנדלען, אזוי צומישט איז זיא געווען פון דער געשיכטע, וואס בוש האט איהר דערצעהלט.

בוש האט בעמערקט, וואס פאר אן איינדרוק דיא געשיכטע האט אויף איהר געמאכט, און האט געשמייכעלט אין זיין געדאנקען. ער איז געוואָרען ביי זיך זיכער, אז דורך איהר וועט ער ארויסרייסען א סך מעהר, וויפיעל סאקאר וואָלט זוען עס איז געגעבען אליין. — אבער — האט ער ארויסגעמורמעלט — מען האט געדארפט מאכען א סוף... דיא פרוי מעשען איז אן ארימע פרוי און דאס אינגעל...

— גוט, איך וועל אליין אריבערגעהן צו פרוי מעשען... איך וויל זיא זעהן און דאס קינד — האט קאראלינע זיך אבגערופען — יא, אזוי איז בעסער! איידער וואס־ווען וועל איך זיי אליין זעהן

זיא האָט געפיהלט, אז עס איז איהר פליכט אפצוהיטען סאקאר'ס רוה.

— מען טאָר עס ניט אפלייגען אויף צו לאנג — האט ער ווידער געזאָגט — דער אָרימער אינגעל ליידעט נויטה, ער איז אין א שרעקליכער אומגעבונג.

זיא האָט זיא אויפגעהויבען פון'ם אָרט.

— איך געה טאקע אהין גלייך — האט זיא געזאָגט.

ער האט זיך אויך אויפגעהויבען.

— דיא פרוי מעשען זאָגט, אז זיא האט עפּעס א רעכנונג, וואס דאס קינד האט איהר געקאָסט — האט בוש ארויסגערעדט אזוי זיך, אקוראט וויא ער וואָלט דערביי גאר ניט געמיינט — נאטירליך, דאָס איז ניט מיין זאך... פרוי מעשען האט עס אלעם פערשריעבען אויף א צעטעל. זיא וועט אייך איהם ווייזען.

— גוט, איך וועל איהם איבערקוקען.

צופריעדען פון איהר וויכהערציגקייט, איז איהם איינגעפאלען צו שפּיעלען אליין דעם וויכהערציגען, און ער האָט זיך אָפּגערופען:

— אָה, מאדאם, דאָס לעבען איז אזוי טרויעריג, זעהר

טרויעריג! וויפיעל גוטע און עהרליכע מענשען ליידען צוליעב אימיצענס עולות... למשל, אט דיא אלטע דאמען, אייערע שכנה׳טעס, דיא גרעפין באווילליע און איהר טאכטער.

ער איז צוגעגאנגען צו א פענסטער און האט זיך איינגע־געסען מיט דיא אויגען אין דער גרעפין. דיא גאנצע צייט, וואס ער איז אין צימער געזעסען, האט זיך איהם געוואלט א קוק טהאן, וואס טהוט זיך עפעס דארט ביי דער אלטער גרעפין און איהר טאכטער. ווארום ער האט געהאלטען פון דעם כלל, אז איידער מען געהט ארוים ווען אנגרייפען, מוז מען א פריהער גוט אויספארשען דעם שלאכט־פעלד. דער וועקסעל אויף צעהן טויזענד פראנק, וואס דער פערשטארבענער גראף באווילליע האט ארויסגעגעבען דער מיידעל לעאניע קראנין, האט זיך ארויסגעוויזען צו בוש׳ס גרויסער פרייד, אלס אמת׳ער, אונטערגעשריעבענער טאקי מיט דעם גראף׳ס אייגענער האנד. דאס מיידעל אבער אליין, וואס אהן איהר האט דער וועקסעל ניט געטויגט, האט מען נאך ניט אויסגעפונען. פון ווענדאם האט בוש אן ענטפער געקראגען, אז זיא איז מיט יאהרען צוריק אוועק קיין פאריז, האט ערגעץ געארבייט אלס דיענסט, און וואו זיא איז איצט, ווייס מען ניט.

— האט איהר פאר דיעזע פרויען אויף עפעס אונאנגע־נעהמעס? — האט קאראלינע א פרעג געטאהן מיט שרעק.

— ניין — האט ער געענטפערט מיט אן אונשולדיגער מינע — איך האב נור געהערט עפעס א מיאוסע געשיכטע וועגען גראף... איך האב פריינד אין ווענדאם, האבען זיי מיר וועגען דעם געשריעבען.

נאכדעם האט ער פלוצים זיך אונטערבראכען מיט טרעה־רען אין קול, יא, מיט אמת׳ע טרעהרען, ווארום ער האט זיך דערמאנט אן זיין קראנקען ברודער:

— אה, ווען מען האט געלד־צרות איז נאך צו דערליידען, ווען אבער דער טויט רייסט זיך צו אימיצען אין הויז...

דיא טרעהרען האבען איהם גענומען שטיקען, און פער־

נייגענדיג זיך פאר קאראלינע'ן, איז ער אהיים אוועקגעלאפען, צו זעהען, וואס זיין ברודער מאכט.

שפעטער אין א שטונדע האט קאראלינע, זיטצענדיג אויף א דראזשקע, געבלאנדזשעט איבער דיא פערוואארפענע געסלאך הינטער מאנמארטר און געזוכט דיא גאס, וואו פרוי מעשען האט געוואהנט.

צום סוף האט זיא אנגעטראפען אן אלטע פרוי, וועלכע האט איהר אנגעוויזען אויף יענע גאס.

אויפ'ן ערשטען אנבליק האט יענע גאס אויסגעזעהען וויא א ווינסטער פעלד, טיעף פערווארפען מיט קויט און בלאטע, שמוץ און אבפאלען אללערליי, ערשט ווען מען האט זיך גוט איינגעקוקט, האט מען דארט דערזעהען די עלענדע שטיבעלאך, וואס זיינען פון לוים און אלטע ברעטער אויפגעקלאפט גע־ווארען.

אויפ'ן עק גאס איז געשטאנען אן איין־שטאקיגער מויער, וועלכער האט אויסגעזעהען זעהר ניט ריין און אומגעלומפערט, און וועלכער האט געמאכט אן איינדרוק פון אן אלטער גע־פענגעניס.

דארט האט געוואהנט פרוי מעשען.

קאראלינע האט נאך ניט אוספייעט ארונטערצוקריכען פון דראזשקע, וויא עס האט זיך שוין בעוויזען פרוי מעשען אין טהיר, א דיקע און א שווערע, מיט א הויכען בוזים און בויך, אין אן אלטען בלוי־זיידענעם קלייד, וועלכעס איז דא און דארט צופלאצט געוועזען, מחמת עס איז צו ענג געוועזען פאר איהר משונה'דיג־דיקען גוף. איהרע באקען זיינען אזוי אויפגעבלאזט און רויט געווען, אז דאס קליין נעזעל איהרער האט אויסגע־זעהען, וויא עס וואלט זיך געבראטען צווישען צוויי גרויסע גליהענדיגע קוילען.

קאראלינע איז געבליבען שטעהן צומישט פון פרוי מע־שענ'ס אויסזעהען. דאן אבער האט זיא דערהערט א זיס־זויערע שטימע, וויא פון א הייזעריג קינד:

— אה, מאדאם, הערר בוש האט דאס אייך געשיקט?

איהר זייט דאָך געקומען וועגען דעם קליינעם וויקטאָר?... קומט אריין, זייט מוחל, קומט אריין!... מיר האָבען א סך צו־ריידען, אַך, מיין גאָט, עס איז אזא טרויעריגע געשיכטע, אזא טרויעריגע!...

קאראלינע האָט זיך צוגעזעצט אויף א דורכגעלעכערטען, שטרויענעם שטוהל אין א פעררויכערטען, שמוציגען עסס־צימ־מער, וואו א גרויסער ברענענדיגער אויווען האָט געפּאַליעט צום דערשטיקט ווערען.

דאָן האָט פרוי מעשען גענומען גאָט לויבען, וואָס זיא איז היינט פאר־פריה געקומען א היים, ווייל, געוועהנליך, קומט זיא ניט א היים פאר זעקס.

קאראלינע האָט איהר אונטערבראָכען:

— ענטשולדיגט, מאדאם, איך בין געקומען זעהען דעם אונגליקליכען אינגעל.

— יאָ, יאָ, איך וויים, איך וויים, אָט באלד, באלד! איהר ווייסט דאָך מסתמא, אז זיין מאמע איז געוועזען מיינע א קוזינע? עס האָט מיך אָפּגעקאָסט א פערמעגען, דיא מיאוסע געשיכטע. אָט באלד וועל איך אייך ווייזען; ביי מיר איז אלץ ריכטיג פער׳שריעבען!...

זיא איז צוגעלאָפען צו א שפּייז־אלמער און האָט פון דאָרט ארויסגעשלעפּט א גרויסען פּאַק פּאַפּירען, ריידענדיג אין דער זעלבער צייט וועגען דער אונגליקליכער אקטאָוויע׳ן און דעם עלענדען לעבען, וואָס זיא האָט געלעבט, וועגען איהר טויט און וועגען דאָס געלד, וואָס זיא האָט איהר אָפּגעקאָסט.

—איהר זעהט, מאדאם, אלעס איז פערשריעבען אין דעם ביכעל; יעדער פראנק וואָס זיא האָט מיך געקאָסט, איז דאָ פערדעכענט און דיא דאַטען אפילו זיינען דאָ אויך אָנגעגעבען... איהר לעצטע קראנקהייט איז געוועזען א שרעקליכע, און דער דאָקטאָר, און דער אפּטייקער, און דער בעגרעבער—אלע האָבען געריסען ביי מיר געלד... נאכהער וויקטאָר—איך האָב איהם געמוזט קליידען און שוכען. איהר זעהט? איך האָב נור פער־שריעבען פופציג פראנק א חודש. ער האָט מיך געקאָסט מעה־

רער, נור גאָר נישט, זאָל מיינס אַריבערגעהן. פופציג פראַנק— ביי אַזא רייכען פּאַטער וויא זיינעם, זיינען פופציג פראַנק אַ שפּיי, זאָלט איהר מיר מוחל זיין. און כאָטש איך האָב אויס־געלייגט פון מיין קעשענע פינף טויזענד דריי הונדערט פראַנק און מיט דיא זעקס הונדערט פראַנק, וואָס עס קומט פון הערר סאקאר'ן אויף דיא צוועלף וועקסלען, מאַכט עס אויס קנאַפּע זעקס טויזענד פראַנק,—דאָך פערלאַנג איך ניט קיין פּראָצענט פאַר דאָס געלד, איך וויל נור האָבען מיין געלד, וואָס איך האָב פון מיין אייגענער קעשענע אויסגעגעבען און ניט מעהר! דיא זעקס הונדערט פראַנק, וואָס עס קומען פון הערר סאקאר'ן אויף דיא וועקסלען, האָב איך אויסגעלייגט אקטאַוויע'ן ביז אַ סו.

קאראלינע האָט אונגעדולדיג אַ מאַך געטהאָן צו איהר מיט אַ האַנד, אַקוראַט וויא זיא וואָלט איהר וועלען זאָגען: גו, גענוג שוין, עס וועט שוין זיין רעכט.

— און איצט וועל איך שיקען נאָך וויקטאָר'ן! — האָט פרוי מעשען אַרויסגעקוויטשט, וויא אַ הייזעריגע פליימע.

זיא האָט אַוועקגעשיקט דריי אינגלאַך, וואָס האָבען זיך אַרומגעדרעהט אַרום איהר הויז, נאָך וויקטאָר'ן. יענע האָבען איהם גערופען מיט פייפען און געשרייען, ער איז אָבער ניט געקומען. איינער פון דיא אינגלאַך האָט געבראַכט פון וויקטאָר'ען אַ'ן ענטפער, וואָס איז געוועזן זעהר העסליך און שמוציג.

— איך געה אליין צו איהם — האָט פרוי מעשען גע־זאָגט—איך וועל איהם ברייננען צו שלעפען פאַר דיא אויערען.

זיא איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך אָבער באַלד צוריק־געקעהרט. זיא האָט געוואָלט איהר ווייזען וויקטאָר'ן אין זיין גאַנצען עלענד.

— ווילט איהר זיך אויך מטריח זיין מיט מיר?

קאראלינע איז אַוועק מיט איהר.

אין גאַנג האָט פרוי מעשען זיך גענומען קלאָגען פאַר איהם וועגען דיא הייזער, וואָס האָבען זיך איהר אָפּגעשטעלט

נאָך איהר מאַן'ס טויט. זיא האָט פון זיי נור זאָרגען און זאָרגען. דיא לעצטע צייט האָבען זיך דיא בוי־אינספּעקטאָרען אויף איהר קאָפּ אָנגעזעצט, זיא זאָל פעררירכטען דאָס און יענעם אין איהרע הייזער. זיי טענה'ען, אז דיא שכנים שטאַרבען ביי איהר אויס, וויא פליגען. איז זיא אין דעם שולדיג? וואָס האָבען זיי געוואָלט, זיא זאָל איינריכטען איהרע הייזער מיט מאַרמאָרנע סטאַטועז און שפּיעגלען? אין סוף הכל בעקומט זיא דירה־געלד פון אַ שכן צוויי פראַנק אַ וואָך! זיא האָט אָבער פערגעסען צו דערצעהלען, אז ווען דיא שכנים איהרע האָבען איהר דיא וועכענטליכע צוויי פראַנק ניט בעצאָהלט אין פאָראויס, האָט זיא זיי געלאָזט אויף'ן גאַס אַרויסוואַרפען. זיא האָט שוין געהאַט איהרע אייגענע פאַ־ליציי־לייט, וואָס האָבען דאָס געטהאָן פאַר איהר אַזוי ריכטיג. דערפאַר האָבען דיא שכנים געציטערט פאַר איהר דוך און קיין בעטלער אַפּילו וואָלט ניט געוואַגט איבערצושלאָפען איין נאַכט אין איהרע הייזער, ניט האָבענדיג בעצאָהלט אין פאָראויס.

קאראלינע איז געגאַנגען נעבען איהר, האָט געקוקט אַרום זיך און דאָס האַרץ האָט איהר וועה געטהאָן פון דעם בילד, וואָס זיא האָט פאַר זיך געזעהן.

אַזאַ עלענד און אָרעמקייט, אַזאַ חורבן און אַזאַ שמוץ, וואָס זיא האָט אויף דער גאַס געזעהן, האָט זיא זיך נאָך קיינ־מאָל ניט פאָרגעשטעלט.

גאַנצע בערג מיסט זיינען דאָ געלעגען. צום גליק איז אין דרויסען געוועזן קאַלט, וואָרים ווען דיא זונן האָט געברענט, פלעגען זיך די קופּעס מיסט צו־וואַרעמען און אַרויסגעבען אַ גע־שטאַנק ביז צום הימעל.

איהר שרעקענדיגער פוס האָט געזוכט אויסצומיידען דיא אָבפאַלען פון גרינס און דיא איינגעשמירטע ביינער, וואָס האָבען זיך דאָ געוואַלגערט אויף טריט און שריט. איהרע בליקען האָבען געבלאָנדזשעט אויףביידע זייטען גאַס, וואו פרוי מעשען'ס שטיבעלעך זיינען געשטאַנען, איינגעטאָקינע הורבות, מיט האלב־איינגעפאַלענע דעכער. מאַנכ[illegible] כ[illegible]ן זיי האָ־

בען ניט געהאט קיין טירען. דא און דארט האבען זיך איהר געווארפען אין דיא אויגען אפענע, פינסטערע קעלערס, פון וועלכע עס האט זיך געטראגען א'ן עקעלדיגער גערוך.

הויז־געזינדען פון צעהן און מעהר נפשות האבען זיך גע־ישטיקט אין דיא דאזיגע ענגע, פינסטערע לעכער און האבען אפט אפילו קיין בעט ניט געהאט אויף וואס צו שלאפען.

מענער, פרויען און קינדער זיינען געלעגען דארט אין איין קופע און האבען אנגעשטעקט איינער דעם אנדערען מיט דיא שרעקליכסטע קראנקהייטען...

דערפאר טאקי האט מען דארט געזעהן אויף דיא הויפען אזוינע מאגערינקע, בלייכינקע קינדערלעך, וואס האבען פון זייערע עלטערען בירושה געקראגען סיפילים און נאך אזוינע שרעקליכע קראנקהייטען... עלענדע נפשות'לעך זיינען דאס געווען, וואס זיינען, וויא דיא ווערים פון מיסט ארויסגע־וואקסען געווארען, ניט וויסענדיג, ווער זייער טאטע איז...

האט דארט אמאל, צווישען יענע איינוואהנער, א טיפוס אויסגעבראכען, צי א'ן אנדער עפידעמישע קראנקהייט, האט זיא זיי געשניטען, וויא א שארפער שנייד־מעסער אין גראז.

א העלפט פון זיי האבען דעמאלט אייביגע דירות אויף'ן בית עולם געקראגען...

— איך וויל אייך זאגען, מאדאם—האט פרוי מעשען וויעדער אנגעהויבען—אז וויקטאר האט זיך ביז איצט גע־האדעוועט צווישען שלעכטע קינדער און עס איז צייט, א טראכט צו טהאן וועגען זיין ערציהונג. איהם איז שוין צוועלף יאהר געווארען. ווען זיין מוטער האט געלעבט, האט ער אויך קיין שעהנע זאכען פאר זיך ניט געזעהן. יענע, זאל זיא מיר מוחל זיין, האט זיך קיינמאל ניט זשענירט פאר איהר קינד... ווען זיא איז געווען שיכור, האט זיא דיא אונאנשטענדיגסטע זאכען געטהאן פאר זיינע אויגען. שפעטער, ווען איך האב איהם צוגענומען צו זיך, האב איך זיך אויך ניט געקענט אפ־געבען אין גאנצען מיט איהם, ווייל איך בין א פערנומענע פרוי, דעם גאנצען טאג מוז איך פערברייגגען אין פאריז וועגען

מינע געשעפטען. נו, איז ער אויסגעוואקסען ניט וויא איך וואלט וועלען. וואס דען קען ארויסקומען פון א קינד, ווען ער לויפט ארום גאנצענע טעג מיט צולאזענע קינדער?... א פאאר מאל האט מען איהם ארעסטירט פאר גנב'ענען, אה, ניט קיין גרויסע זאכען. און נאכדעם, אז ער איז עלטער גע־ווארען, האט ער זיך גענומען ארומשלעפען מיט קליינע מיי־דעלאך, זיין מאמען האט ער גענומען נאכטהאן... אגב, איהר וועט איהם באלד אליין זעהן, צוועלף יאהר אלט און קוקט שוין אויס א'ן ערקוואקסענער מאן... איך האב איהם אפגעגעבען צו מוטער גולאליא ארבייטען. זיא פערקויפט גרינס אין מאנ־מארטר. ער געהט מיט איהר אויף'ן מארק און העלפט איהר שלעפען דיא קערב.. צום שלים־מזל, האט זיא איצט געשווירען אויף דיא פיס... אבער אט זיינען מיר שוין דא אליין. ווילט איהר, מאדאם, אזוי גוט זיין און ארייגגעהן?..

ניט ווילענדיג איז קאראלינא מיט א שוידער אפגע־שפרונגען צוריק. דאס, וואס זיא האט פאר זיך דערזעהן, איז געווען צו שרעקליך.

אין א ניעדריג שטיבעל אהן פענסטער, וואס איז וויא צוגעוואקסען געווען צו א קופע מיסט און בלאטע, האט זיא דערזעהן דורך דער אפענער טהיר, וואס איז בעשלאגען גע־ווען מיט בלעך, א שטרויענעם מאטראץ אויף דער ליימענער פארלאגע. קיין מעבעל איז דארט ניט געווען, נור פעסלאך און האלב־פערפוילטע קערב. דיא וועגד זיינען געווען פייכט און שמוציג. דער דאך צובראכען און דורך א גרויסער לאך אין סופיט האט דער רעגען ארייגעקאפעט אין דער דאזיגער חורבה. פון אלע זייטען האט דא געבלאזען א דורכגעהמענדיגע קעלט. און דער גערוך, איבערהויפט דער גערוך, איז געווען אזש דערשטיקט צו ווערען.

— מוטער גולאליא! — האט פרוי מעשען אויסגע־שריען — א דאמע איז געקומען, זיא וויל העלפען וויקטאר'ן. וואס איז דאס מיט דעם שטיפער, וואס ער וויל ניט קומען, ווען מען רופט איהם?

אויף דעם שטרויענעם מאטראץ האט זיך עפּעס א הויב געטהאָן אונטער א צוריסענער קאָלדרע, און קאראלינע האט באלד דערזעהן א פרוי פון א יאהר פערציג אלט, וועלכע איז געלעגען אָהן א העמד, מוטער־נאַקעט. דער פּנים איז ניט גע־וועזן מיאוס, נאָך גאַנץ פריש, און ארום איהם האבען זיך געקרויזט און געשלענגעלט בלאָנדע לאָקען.

— אך! — האט דיא פרוי אויסגעשריען מיט א וויי־נענדיגען קול — דיא דאמע מעג אריינקומען, אויב זיא וויל אונז העלפען. איך קען עס שוין לענגער ניט אויסהאלטען! זיית פערצעהן טעג, מאדאם, ליעג איך אזוי און קען זיך פון אָרט ניט אויפהויבען. דיא געשווירען פרעסען מיר אוים לעבער אויף דיא פיס!... קיין סו איז מעהר אין הויז ניטאָ... איך קען ניט ארויסגעהן אויפ'ן מארק, הונגערן מיר... איך האב געהאט צוויי העמדער, האב איך זיי געגעבען וויקטאָר'ן ער זאָל זיי פערקויפען, אניט וואָלטען מיר אין גאַנצען אויס־געגאַנגען פאר הונגער...

דאן האט דיא פרוי אומגעביטען איהר טאָן און גענומען שרייען:

— וואו ביזטו דאָרט, וויקטאָר? קום אהער, דיא דאמע וועט דיר ניט אפּבייסען!

און קאראלינע איז פערציטערט געוואָרען, ווען זיא האָט דערזעהן, וויא פון א קארב האט זיך א בינטעל א הויב גע־טהאָן, וואס זיא האט געהאט פריהער אנגענומען פאר א קופּע שמאַטעס.

דאס איז געווען וויקטאָר אליין, אנגעטהאָן אין לע־בערדיגע שמאַטעס, דורך וועלכע עס האט זיך ארויסגעזעהן זיין נאַקעטע לייב.

ווען ער האט זיך ביי דער טהיר אַוועקגעשטעלט, אין פולען ליכט, איז קאראלינע איבערראשט געוואָרען פון זיין אויפ־פאלענדער עהנליכקייט מיט סאקאר'ן.

קיין ספק, סאקאר איז זיין פאטער.

— איך וויל ניט געהן אין שוהלע — האט דאס אינגעל אויסגעשריען — און איך וועל ניט געהן!

קאראלינע האט נאָך אַלץ ניט געקענט אפרייסען דיא אויגען פון איהם. ער איז געוועזען אַזוי עהנליך, אַזוי עהנליך צו יענעם, דיעזער גאסטן־יונג, מיט דער געבויגטער נאָז אויף רעכטס. ער איז געוועזען אונגעווהנליך שטארק ענטוויקעלט פאר זיינע יאהרען; ניט זעהר הויך, אבער שטעמיג, ברייט און האָאריג, וויא א יונגע ווילדע חיה. מיט דיא פרעכע, בלישצענ־דיגע אויגען און ליידענשאַפטליך־גיריגען מויל. ביי זיין עלטער האט ער געמאַכט דעם איינדרוק, וויא א מיסגעבורט...

— וואס האסטו אַזוי מורא פאר דער שוהלע, מיין ליעבער אינגעל? — האט קאראלינע צום סוף ארויסגערעדט — דאָרט וואָלט דיר בעסער געווען, וויא דאַ... וואו שלאָפסטו?

— דאָרט נעבען איהר — האט דאס אינגעל געענטפערט, ווייזענדיג מיט א האַנד אויף דיא נאַקעטע בלאָנדע פרוי.

מוטער גולאליע האט זיך געערגערט, ווארום וויקטאָר רעדט אַזוי אָפען און זיא האט זיך געפּרובט פערענטפערען:

— ער האט פריהער ביי מיר געשלאָפען אויף א קליי־נעם מאטראַץ, מיר האבען איהם אבער געמוזט פערקויפען... מען שלאָפט, וויא מען קען, ניט אמת?

קאראלינע האט א שוידער געטהאָן. עס איז איהר ניט גוט געוואָרען, חלשות איז איהר אונטערגעגאַנגען.

וואס פאר א שרעקליכע בילד! דיעזער צוועלף־יאהריגער אינגעל, דיא דאָזיגע יונגע חיה'לע, נעבען דיעזער קראַנקער פערציג־יאָהריגער פרוי אַט דאָ אויף דעם דאָזיגען שמוציגען מאטראַץ, צווישען צופוילטע קערב און פייכטע ווענד!... אה, וואָס פאר א'ן עלענד, וואָס פאר א שרעקליך־פערדערבענדע עלענד!.

קאראַלינע האָט לייננער ניט געקענט אויסהאלטען, האָט איבערגעלאָזט דער קראַנקער פרוי צוואַנציג פראַנק און איז שנעל אוועק מיט פרוי מעשען צוריק צו איהר אהיים.

עס איז איהר איינגעפאַלען, אריינצוגעבען וויקטאָר'ן אין

־עם „ארבייטס־הויז“, וואס דיא פרינצעסין ארוויידא האט גענעריגדעט.

דער דאזיגער אנשטאלט איז געשאפען געווארען פאר אזוינע קינדער, וויא וויקטאר. יא, זיא וועט אזוי טהאן. דער־ווייל וועט זיא גאר נישט ניט דערצעהלען סאקאר׳ן. דער געדאנק אליין, צו פערמישען זיין נאמען מיט דעם דאזיגען שמוץ און עלענד האט זיא געשראקען. יא, זיא וועט דורכ־קומען מיט דער פרוי מעשען אהן זיין וויסען... שפעטער, ווען וויקטאר וועט זיך האבען א ביסעל אויסגעמענשעלט, אזוי, אין א צוויי־דריי חדשים, וועט זיא דעמאלט מיט סאקאר׳ן ערשט ריידען און זיא וועט דאן האבען אויפגעטהאן א גוטע זאך.

פרוי מעשען האט עס ניט אזוי גרינג פערשטאנען.

— מאדאם, וואס ארט מיך, וואס איהר וועט טהאן? — האט זיא געזאגט—איך וויל נור האבען מיינע בלוטיגע זעקס טויזענד פראנק, און ביז דעמאלט וועט וויקטאר זיך פון׳ם פלעק ניט ריהרען...

קאראלינע איז פערצווייפעלט געווארען. אזוי פיעל געלד האט זיא ניט פערמאגט און לייהען ביי סאקאר׳ן האט זיא אויך ניט געוואלט.

איהר בעטען און דינגען זיך האט איהר ניט געהאלפען.

— ניין, ניין, איך וויל האבען מיין געלד — האט פרוי מעשען גע׳טענה׳עט איהרם—אניט בלייבט וויקטאר דא.

צום סוף, אז זיא האט בעמערקט, אז אזוי פיעל געלד קען זיא ניט ארויסרייסען ביי קאראלינע׳ן אויף איינמאל, האט זיא עטוואס נאכגעגעבען.

— גוט, איך וויל ניט, איהר זאלט מיינען, אז איך בין אזוי שלעכט. איהר וועט מיר איצט געבען דערווייל צוויי טויזענד פראנק און דאס איבריגע וועט איהר מיר בעצאהלען שפעטער.

אבער אזוי פיעל געלד האט קאראלינע אויך ניט געהאט און זיא האט גענומען קלערען, וואו קריעגט מען אזא סוממע.

פלוצלונג איז איהר איינגעפאלען, זיא וועט זיך ווענדען וועגען דער סוממע צו מאקסים'ען, סאקאר'ס זוהן.

ביי איהם וועט זיא זיכער קריגען. ער וועט ניט וואגען אפצוזאגען זיך, ווען זיא וועט איהם דערצעהלען דיא שרעק־ליכע געשיכטע אין גאנצען. נישקשה, סאקאר וועט איהם שפעטער אפגעבען דיא צוויי טויזענד פראנק.

זיא האט געזאגט פרוי מעשען, אז מארגען וועט זיא קו־מען נאך וויקטאר'ן און פון דארט איז זיא גלייך אוועקגע־פאהרען צו מאקסים'ן.

באלד איז זיא געוועזן אין יענעמ'ס הויז און האט זיך דורך'ן לאקיי געלאזט מעלדען.

— דער הערר טהוט זיך אן—האט דער לאקיי באמערקט.

— איך מוז איהם אונבעדינגט זעהן—האט זיא געזאגט. דער לאקיי איז אוועק זיא אנמעלדען.

זיא האט זיך אנידערגעזעצט און געווארט.

זיא איז געזעסען אין סאלאן, פערבלענדעט פון דעם לוק־סוס און קאמפארט ארום איהר.

דיא טאפעטען און דיא טעפּיכער, וואס זיא האט דא געזעהן, האבען גאנצע פערמעגענס אפגעקאסט. א'ן אנגענעהמע ווארימע שטילקייט האט זיך געטראגען דא דורך דיא צימערען. דא האט ער זיך געוואויהנט שעהן, אנגענעהם און רוהיג, כאטש קיין פרוי איז דא ניט געוועזן. דער יונגער אלמן, קריגענדיג דיא רייכע ירושה פון זיין פערשטארבענער פרוי, האט איצט געלעבט נור פאר זיך, פאר זיין אייגענעם פערגניגען, וועלכעס איז בעשטאנען אין לעבען צוריקגעצויגען און רוהיג, און אין אפהיטען זיין מאגען, זיין שלאף, מיט איין ווארט, זיין געזונד...

באלד האט זיך דער לאקיי צוריקגעקעהרט און געזאגט:

— דער הערר וועט גלייך אויפנעהמען דיא גנעדיגע פרוי.

ער האט געבעטען, איהר זאלט אויף איהם ווארטען אין זיין קאבינעט.

מאקסים איז געשטאנען אויף א פריינדליכער פוס מיט קאראלינע'ן, זינט ער האט בעמערקט, וויא טיכטיג זיא פיהרט

זיין פאַטער׳ס ווירטהשאפט. גאַנץ אָפט האָט ער געגעסען מיט זיין פאַטער ביי קאראלינע׳ן און אויף אזא׳ן אופן האָט ער זיא נעהענטער דערקענט.

אין קאבינעט זיינען דיא פאַרהאַנגען געווען ארונטערגע־לאָזען. זעקס ליכט האָבען געברענט אויף׳ן קאַמין געזימס און אויף׳ן טיש און האָבען מיט זייער רוהיגער פלאַם בעלייכטעט דאָס צימער, וואָס איז איבערטריעבען־רייך אויסגעפוצט געווען.

דאָס דאָזיגע צימער איז געווען מאקסים׳ס ליעבלינגס־פלאַץ און דיא זעלטענעסטע שטיקער מעבעל און קונסטזאכען פון פאַריגען יאהרהונדערט האָבען זיך דאָ פערלאָרען צווישען דיא טהייערסטע זיידענע און סאַמעטענע שטאָפען.

אין דער ווייט־געעפענטער טיהר פון באדע־צימער האָט זיך בעוויעזען מאקסים.

— וואָס איז געשעהן? דער פאפאַ איז דאָך ניט גע־שטאָרבען?—האָט ער ארויסגערעדט מיט א שפּאָטישען טאָן.

ער האט נור וואס געהאַט זיך געבאָדען אין באדע־צימער און איז אָנגעטהאָן געווען אין א׳ן עלעגאנטען אנצוג פון ווייסען פלאַנעל זיין הויט איז געווען ווייס און פריש; זיין קאָפּ, באַטש מיט א היילען גלאנציגען שיידעל, איז געווען שעהן און זיינע בלויע אויגען האָבען ליכטיג געקוקט אין דער וועלט אריין. פון באדע צימער האָט זיך נאָך געהערט דאָס קאפּען פון וואסער אין וואַנע און א בלומען־דופט האָט זיך פון דאָרט געטראָגען.

— ניין, ניין, אזא ערנסטע זאך האָט ניט פּאסירט—האָט זיא געענטפערט, פערוואונדערט וועגען דעם שפּאָטישען טאָן, מיט וועלכען ער האָט ביי איהר געפרעגט אזא פראגע:—איך בין געקומען וועגען עטוואָס, וואָס שטעלט מיך אין א פערלעגענהייט... איהר וועט דאָך מיר ענטשולדיגען, וואָס איך בין צו אייך אזוי אונערוואַרטעט אריינגעפאלען...

— איך בין אפילו שוין איינגעלאַדען צום טיש, אָבער איך האָב נאָך א ביסעלע צייט... אלזאָ, וואָס איז געשעהן?...

ער האָט זיא אָנגעקוקט, זיא האָט אָבער זיך פּלוצים פערלאָרען און גענומען שטאַמלען.

דער גוואַלדיגער לוקסוס, וואָס זיא האָט געזעהן פאַר זיך איצט, באַלד נאָך יענעם בילד פון טיעפסטען עלענד, וואָס זיא האָט געזעהן דאָרט, וואו וויקטאָר האָט זיך געוואַלגערט, האָט ארויסגערופען פערשיעדענע געדאַנקען און געפיהלען אין איהר.

אַזאַ שרעקליכער שמוץ, אַזאַ הונגער און עלענד אויף איין זייט און אַזאַ איבערפלוס פון לוקסוס און קאָמפאָרט אויף דער אנדער זייט!..

ביידע זיינען דאָך סאַקאַר'ס קינדער, נור איינער איז דורך א צופאַל געבאָרען אין איין זייט און דער צווייטער דורך אַן אנדער צופאַל איז געבאָרען אין דער אַנדער זייט, און וואָס פאַר אַ'ן אונטערשייד אין זייער לעבען!..

— עס איז אַ גאַנצע געשיכטע—האָט זיא דאַן זיך אָפּ־גערופען—איך גלויב, אַז עס איז מיין פפליכט אייך צו בעקע־נען מיט איהר... אויסער דעם בין איך געצוואונגען אייך צו דערצעהלען, ווייל איך מוז צו אייך אָנקומען...

מאַקסים האָט זיא אפריהער אויסגעהערט שטעהענדי־גערהייט, באַלד אָבער, ווען ער האָט דערהערט דיא געשיכטע, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט, ווייל דיא איבערראַשונג האָט איהם פשוט פון דיא פיס אומגעוואָרפען.

— וויא? וויא? בין איך, הייסט עס, ניט מיין פּאַפּאַ'ס בן יחיד? איז מיר, הייסט עס, אַ שמוציגער ברודער'ל פון'ם הימעל ארונטערגעפאַלען גאָר אונגעריכטערהייט!

זיא האָט געמיינט, אַז ער רעדט עס מחמת איינגעננוץ, ווייל ער וויל זיין דער איינציגער יורש פון זיין פּאַטער און זיא האָט איהם וועגען דעם אַ'ן אָנצוהערעניש געגעבען.

— מיין פּאַפּאַ'ס ירושה, באַ־אַ! — האָט ער אויסגעשריען מיט שפּאָט.

זיא האָט זיך פערוואונדערט. וואָס? וואָס מיינט ער

מיט דעם? גלויבט ער ניט אין דיא גרויסע פעהיגקייטען פון זיין פאטער און אין זיין זיכערען ערפאלג?

—ניין, ניין, איך ברויך ניט קיינעמ'ס ירושה—מיר איז גענוג וויפיעל איך האב—האט ער געזאגט—אבער דיא גע־שיכטע איז אזוי קאמיש, אז איך מוז לאכען.

און ער האט זיך טאקע צולאכט. אין הארצען אבער האט ער זיך שרעקליך געערגערט: דער זעלבסזיכטיגער מענש האט נאך ניט צייט געהאט צו בעטראכטען, וויא ווערט זיך אויף איהם דיא דאזיגע געשיכטע אפרופען.

— און וויעדער—האט ער אין א ווילע ארום זיך אפגע־רופען—וואס געהט עס מיך אן!

ער האט זיך אויפגעהייבען, איז אריין אין באדע־צימער און איז באלד צוריק ארויס מיט א פיילער און גענומען פיילען זיינע נעגעל.

— וואס ווילט איהר איצט טהאן מיט דעם איינגעל? — האט ער געפרעגט.

איצט ערשט האט זיא זיך דערמאנט וועגען דער הויפט־זאך, צוליעב וועלכער זיא איז צו איהם געקומען. זיא האט איהם דערצעהלט וועגען דער „ארבייטס־הויז", וועגען פרוי מעשען'ס פערלאנג און געבעטען ביי איהם לייהען דיא צוויי טויזענד פראנק.

ער האט אבער גלייך אפגעזאגט.

לייהען פאפא'ן געלד? — האט ער אויסגעשריען —קיינ־מאל ניט! איך בין ניט אזא נאר, ער קען קיינמאל פון מיר ניט קריעגען אפילו קיין איינציגען סו!

וויעדער האט זיא אנגעקוקט דיעזען מענשען צומישט און פערוואונדערט, נור זיא האט זיך ניט געוואלט מיט איהם אריינ־לאזען אין דיספוטען וועגען זיין פאטער.

— ווערט איהר מיר לייהען דאס געלד? — האט זיא דאן געפרעגט.

— איך? איך?

ער האט פארזיכטיג ווייטער געשלייפט זיינע נעגעל און געקוקט אויף קאראלינע'ן מיט זיינע העלע אויגען, אקוראט וויא ער וואלט מיט זיי געוואלט אריינדרינגען צו איהר אין הארצען און זעהן, וואס דארט טהוט זיך.

— אייך וועל איך לייהען... איהר זייט קלוג גענוג, ארויסצוקריעגען זיי צוריק ביי מיין פאפא'ן.

ער האט ארויסגענומען צוויי באנקנאטען פון א קעסטעלע און אז ער האט זיי איהר דערלאנגט, האט ער זיא אנגעכאפט פארביידע הענד און האט זיי א צייט לאנג פריינדליך געהאל־טען אין זיינע, וויא א שטיעפזוהן, וועלכער האט ניט פיינט זיין שטיעף־מוטער.

— וויא איך זעה, טראכט איהר פיעל פון מיין פאטער. פערשטעהט מיך, איך וויל ניט וויסען אייערע סודות... דיא פרויען זיינען א מערקווירדיגע פאלק. זיי געפינען פערגניגען אין אויפאפפערען זיך... נאטירליך, זיי זיינען גערעכט, ווען זיי נעהמען דאס פערגניגען, וואו נור זיי קריעגען עס... אלענ־פאלס, טאמער וועט איהר אמאל זיין אין אזא לאגע, ווען איהר וועט זיך נויטיגען אין א פריינד, צום ביישפיעל, ווען דער פאפא וועט אייך אמאל בעצאהלען מיט אונדאנקבארקייט, קומט דאן צו מיר.

ווען קאראלינע איז ווידער געזעסען אויף איהר דראזש־קע, איז זיא נאך א צייט לאנג געוועזן בעטויבט פון דעם וואריְ־מען דופט פון מאקסים'ס צימער און פון א שווערען געפיהל וועגען סאקאר'ן, וואס זיין זוהן האט צו איהם ארויסגעוויעזען אזא אפענע פעראכטונג. זיא האט געפיהלט, אז עפעס איז דא אין סאקאר'ס פערגאנגענהייט, וואס איז זעהר שרעקליך און פאר וואס זיין זוהן האט איהם אזוי פעראכטעט.

זיא האט אבער ניט געוואלט ווייטער קלעהרען וועגען דעם: זיא האט איצט שוין געהאט דאס געלד און האט גענו־מען טראכטען וועגען וויקטאר'ן און וועגען דעם, אז ביז מארגען אבענד מוז ער ארויסגעשלעפט ווערען פון דעם טיעפען זומפף.

אויף מארגען, שוין באלד אין דער פריה, האט זיא גענו־

מען כלאפאטשען, מען זאָל איהם אריינגעהמען אין „ארבייטס־הויז“, איז ארומגעלאָפען אהער און אהין, ווייל דאָס אריינגעהמען אהין איז פערבונדען געווען מיט פערשיעדענע פאָרמאַליטעטען, נור אזוי וויא זיא איז געווען דיא סעקרעטערין פון דעם אויפזיכטס־ראטה, איז זיא לייכט פערטיג געוואָרען מיט דיא אַלע פאָרמאַליטעטען און ארום האַלבען טאָג איז זיא שוין אוועקגעפאָהרען אָפּנעהמען וויקטאָר׳ן.

זיא האָט פאַר איהם געבראכט אנשטענדיגע קליידער. וואָס זיא האָט נור געמוטשעט איז געווען דער געדאַנק: וואָס וועט זיין, ווען מען וועט איהם ניט קענען ארויסרייסען פון דאָרט? ווען ער וועט ניט וועלען געהן? ער האָט דאָך אליין געזאָגט, אַז אין שוהלע וועט ער ניט געהן!...

אָבער אריינקומענדיג צו פרוי מעשען, האָט דיא לעצטע איהר אָנגעזאָגט אַזאַ בשורה, פון וועלכער זיא איז פערציטערט געוואָרען:—דיא נאַכט איז מוטער גולאליע פלוצים געשטאָרבען. דער דאָקטאָר אַליין ווייסט ניט דורך וואָס פאַר אַ סיבה. אפשר האָט זיא זיך איבערגעגעסען נאכדעם וויא זיא האָט דיא צוואַנציג פראנק געקראָגען. אפשר אַ בלוט־פערגיפטונג. דאָס שרעקליכסטע דערביי איז געווען, וואָס דאָס אינגעל, וועלכער איז אַ גאַנצע נאַכט אין דער פינסטערניש געלעגען נעבען איהר, האָט זיך ערשט דעמאָלט געכאַפּט, אַז זיא איז טויט, ווען ער האָט גענומען פיהלען, וויא איהר קערפּער ווערט קאַלטער און קאַלטער...

פאַרטאָג איז ער געקומען צולויפען צו איהר, צו פרוי מעשען, הייסט עס, דערשראָקען אויף טויט. און איצט פרעהט ער זיך, דאַכט זיך, וואָס ער וועט וואָהנען אין אַ שעהנער הויז מיט אַ גארטען. איצט וועט ער זיכער וועלען פאָהרען, וואוהין נור מען וועט איהם פיהרען.

דערביי האָט פרוי מעשען נאָך אמאָל איבערגע׳חזר׳ט דיא קאָנדיציאָנען, אויף וועלכע זיא איז מרוצה איהם אָפּצולאָזען.

זיא האט ארויסגעגעבען קאראלינע'ן א קוויטאנציע אויף דיא צוויי טויזענד פראנק.

— אלזא, גערענקט־זשע אונזער אבמאך: אין זעקס חדשים צייט מוזט איהר מיר בעצאהלען דיא זעקס טויזענד פראנק אין גאנצען, אניט וועל איך זיך צו הערר סאקאר'ן אליין.

וויקטאר'ס זעגענען זיך מיט זיין אלטער קוזינע איז ניט געווען אזוי צערטליך. אז זיא האט איהם א קוש געטהאן אויף דיא האאר, האט ער, ניט זאגענדיג איהר אפילו קיין „גוטען טאג", ארויפגעשפרונגען אויף דער דראזשקע און זיך אפילו ניט אומגעקוקט מעהר אויף איהר, וועהרענד זיא, דיא פרוי מעשען, וואס מיט א פאאר שטונדען צוריק האט זיא בוש ויסגעזידעלט, ווארום זיא האט איינגעוויליגט אויף דיא אויס־צאהלונגס־קאנדיציאנען, האט איצט זיך דאס הארץ אויפגע־געסען, ווארום זיא לאזט ארוים דעם משכון פון איהרע הענד.

— איהר הערט, מאדאם? — האט זיא נאך אמאל אויס־געשריען — איהר זאלט מיט מיר זיין פינקטליך, אניט, איך שווער אייך, וועט איהר חרטה האבען!

אויף'ן וועג צו דער „ארבייטס־הויז" האט קאראלינע ביי איהם קיין ווארט ניט געקענט ארויסרייסען. זיינע בלישצענדע אויגען האבען פערוואונדערט ארומגעבלאנדזשעט אויף אלע זייטען, אויף דיא לאנגע רייהען בוימער, אויף דיא פערבייגעהער און אויף דיא רייכע געביידעס.

ער האט קוים געקענט לעזען און גאר ניט שרייבען, וויל בעזוכען דיא שוהלע האט ער ניט געוואלט, איז בעסער ארומ־געלאפען מיט קינדער זיין גלייכען איבער דיא שמוציגע, פער־ווארפענע געסלאך אין יענער געגענד, פון וואנען קאראלינע האט איהם איצט ארויסגעריסען.

דערפאר האט דער פנים פון דעם אינגעל שטארק גע־רעדט פון מיט דער מוטער'ס־מילך גע'ירשה'נטע ליידענשאפ־טען פון א האסטיגען און גוואלדיגען חשק נאך גענוס, וועלכער איז נאך מעהר פערשטארקט געווארען אין יענער סביבה פון

עלענד און שמוץ, אין וועלכער ער האט זיך אויפגעהאדעוועט.

אויף'ן בולוואר בינא, וואו דיא „ארבייטס־הויז" איז גע־שטאנען, האבען זיך דיא אויגלעך פון דיעזער יונגער ווילדער חיה נאך מעהר צוברענט, בשעת קאראלינע האט איהם אריינ־געפיהרט אין דעם גרויסען הויף, אויף וועלכען רעכטס און לינקס האבען זיך געצויגען דיא צוויי אבטהיילונגען—פאר מיידלאך און אינגלאך.

מיט איין בליק האט ער שוין בעמערקט דיא שפיעל־פלע־צער צווישען הויכע בוימער, דיא קיכען, וואס זיינען געפלא־סטערט געוועזען מיט פאיאנץ, און פון וועלכע עס האט זיך גע־טראגען דיא ריחות פון געבראטענס, דיא מארמארנע שפייז־זאאלען און דעם גאנצען גלאנץ, מיט וועלכע דיא פרינצעסין ארווייעדא האט בעגליקט דיא ארימע קינדער.

דערנאך האט קאראלינע איהם גענומען פיהרען פון איין ביורא אין דאס אנדערע, וואו מען האט איהם געדארפט איינ־שרייבען. און, געהענדיג מיט איהר, האט ער זיך צוגעהערט צום ווידער־קול פון זיינע נייע שיך, וועלכע האבען געקלאפט איבער דיא לאנגע, לאנגע קארידארען, איבער דיא ברייטע טרעפ, איבער דיא ליכטיגע און ווארימע ארויסגאנגען, וואס האבען דערמאנט אן דיא רייכע פאלאצען.

ווען קאראלינע איז מיט איהם פערבייגעגאנגען דעם ווערק־שטאאט, האט זיא איהם דורך א גלעזערנע טיהר געוויעזען, וויא קינדער אין זיין עלטער שטעהען דארט נעבען טישען און לערנען זיך שניצעריי.

— זעהסטו, מיין יונגער פריינד—האט זיא געזאגט—דא ארבייט מען, ווייל מען מוז ארבייטען, אויב מען וויל זיין גע־זונד און גליקלאך... אין דיא אבענדען איז דא א שוהלע און איך האף, אז דו וועסט זיך לערנען מיט חשק. דאן וועסטו האבען אזא צוקונפט, וואס האט זיך דיר קיינמאל אפילו ניט גע'חלום'ט...

און אז וויקטאר האט דערהערט, אז ער וועט מוזען ארביי־טען אויך, האט ער א קוועטש געטהאן מיט'ן שטערן. דאס

האָט איהם גראד ניט זעהר שטארק געשמעקט. ער האָט אָבער נאָר נישט געזאָגט, נור געוואָרפען מיט דיא אויגען אויף אלע זייטען, וויא א קליינער באנדיט, וואָס זוכט וואָס צו נעהמען. א סך שעהנע זאכען האָט ער ארום זיך געזעהן, האָט ער אלעס געוואָלט האָבען, אָבער ניט ארבייטען פאר דעם, נור מיט דיא צייהן און נעגעל דאָס ארויסרייסען...

פון איצט אָן האָט ער זיך דאָ געפיהלט וויא א געפאנגענער און גע'חלום'ט, וויא עפּעס ארויסצו'גנב'ענען זיך און אנטלויפען פון דאָרט.

— איצט, מיין פריינד—האָט קאראָלינע וויעדער אָנגע־הייבען—רעכענסטו זיך אלס איינער פון דאנען, דו מוזט זיין א גוטער איינגעל. מיר וועלען ארויף אין באדע־זאאל און דו וועסט א וואננע נעהמען.

עס איז געוועזן דאָרט איינגעפיהרט, אז יעדעס קינד ביים אריינטרעטען אהין, האָט געמוזט א וואננע נעהמען.

דיא וואננעס האָבען זיך געפונען אויבען אין בעזונדערע צימערען נעבען דער אבטהיילונג פאר קראנק.

דיא אבטהיילונג פאר קראנקע איז בעשטאנען פון צוויי זאאלען, פאר איינגלאך און מיידלאך בעזונדער.

דאָרט האָבען גע'בעל־הבית'עוועט זעקס אָרדען־שוועסטער.

אלעס האָט דאָרט געפינקעלט און געבלאנקט, וויא דיא געזונדקייט אליין.

אָפּט זיינען אהין געקומען דיא דאמען פון אויפזיכטס־ראטה און האָבען פערבראכט דאָרט א שטונדע ניט אזוי וויא צוליעב דעם אויפזיכטס וועגען, וויא צו בעווייזען, אז זיי זאָר־גען זיך פאר דיא אָרימע און עלענדע.

ווען קאראלינע האָט ארויפגעפיהרט וויקטאָר'ן אויבען, איז דאָרט גראדע געזעסען דיא אלטע גרעפין באוויליע מיט איהר טאָכטער אליציא. מוטער און טאָכטער זיינען געזעסען אין צימער צווישען דיא צוויי זאאלען פאר דיא קראנקע.

אליציא האָט היינט געהאָלפען דיא שוועסטער און זיא

האָט בעשמירט ברויט מיט איינגעמאַכטס פאַר צוויי קראַנקע קינדער.

— אהא ! — האָט זיך אָפּגערופען דיא אַלטע גרעפין, ווען זיא האָט דערזעהן וויקטאָר'ן, וועלכען מען האָט געהייסען זיך זעצען, ביז זיין וואַגנע וועט פאַרטיג ווערען: — א נייער ?

געוויינליך האָט זיך דיא אַלטע גרעפין געהאַלטען פון קאַראַלינע'ן גאַנץ פון ווייטען, ווייל זיא האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט יענע מיט איהר צופיעל מחותנת'טע און דער־פאַר האָט זיא איהר אימער בעגריסט נור מיט א מאַך מיט'ן קאָפּ. היינט אָבער, בעמערקענדיג, וויא קאַראָלינע זאָרגט זיך פאַר דעם נייעם אינגעל, איז זיא אויף אַן אמת גערירט גע־וואָרען, און זיא האָט פערפיהרט מיט איהר א פריינדליכען געשפּרעך.

זיי האָבען גערעדט גאַנץ שטיל.

— ווען איהר וואָלט געוואוסט, גנעדיגע פרוי, פון וואָס פאַר א זומפּ איך האָב איהם ארויסגעשלעפּט ! איך וואָלט אייך אויך געבעטען צו אינטערעסירען זיך מיט איהם.

— האָט ער עלטערען ? קענט איהר זיי ?

— ניין, זיין מוטער איז טויט, ער האָט קיינעם ניט.

— אָרעמער אינגעל, וואָס פאַר א רחמנות !

דערווייל האָט וויקטאָר דיא אויגען ניט געקענט אָפּרייסען פון דיא שטיקלאַך ברויט, וואָס אליציא האָט בעשמירט מיט איינגעמאַכטס.

זיינע גליהענדיגע בליקען האָבען ווילד געבלאָנדזשעט דאָ איבער דעם מעסער, וואָס האָט געשמירט דאָס איינגעמאַכטס, איבער דיא ווייסע שלאַנקע הענד, וואָס האָבען דעם מעסער גע־האַלטען, און באַלד איבער אליציא'ס לאַנגער, דינער האַלז און איבער איהר גאַנצען מיידעלשען קערפּער, וועלכער איז מיט יע־דען טאָג אַלץ מאָגערער און מאָגערער געוואָרען פאַר אומזיס־טיגען וואַרטען אויף א מאַן.

וואָלט ער דאָ אַליין געווען מיט איהר, וואָלט ער מיט'ן

קאפ איהר אזא שטוים געגעבען אין בויך, אז זיא וואָלט זיך ביי איהם איבערגעקוליעט, און דעמאָלט וואָלט ער ביי איהר ארויסגעריסען דיא געשמאַקע, זיסע נאַשערייען און וואָלט אויפגעגעסען.

אליציא האָט בעמערקט זיינע הונגעריגע אויגען און האָט זיך שנעל א קעהר געטהאָן צו איהם.

— ביזטו הונגעריג, מיין קליינער פריינד ?

— יאָ.

— און דו האָסט ליעב איינגעמאַכטס ?

— יאָ.

— ווילסטו, איך זאָל דיר באַשמירען צוויי שטיקלאך ברויט, וואָס דו וועסט עסען נאָך דער וואַנע ?

— יאָ.

— פיעל איינגעמאַכטס און ווענינ ברויט, ניט אמת ?

— יאָ.

זיא האָט געלאַכט און געשפּאַסט מיט איהם; ער אָבער איז געזעסען ערנסט, מיט אָן אָפענעם מויל און הונגעריגע אויגען און געשלונגען זיא אליין און איהרע נאַשערייען.

אין דיעזער מינוט האָט זיך דערהערט א פרעהליכער ליאַרמען פון אינגלאך, וואָס האָבען זיך איצט געשפּיעלט אויפ'ן הויף אויפ'ן שפּיעל־פּלאַץ.

יעדען טאָג אין דיעזער צייט פלעגט מען דיא אינגלאך ארויסלאָזען פון דיא ווערקשטאַטען אויף א האלבע שטונדע זיך שפּיעלען.

— דו זעהסט ? — האָט זיך אָפּגערופען קאַראָלינע, צו־פיהרענדיג וויקטאָר'ן צום פענסטער: — ווען מען וויל אַר־בייטען, לאָזט מען זיך שפּיעלען אויך. ווילסטו ארבייטען ?

— ניין.

— אָבער זיך שפּיעלען וואָלסטו ווען ?

— יאָ.

— נו, אויב דו ווילסט זיך שפּיעלען, וועסטו אויך מוזען

וועלען ארבייטען; אָבער דו וועסט עס וועלען, איך ווייס, דו ביזט אַ קלוגער איינגעלע.

ער האָט ניט געענטפערט. אַ פרעהליכע ווארימקייט האָט זיך איבער זיין פּנים צוגאָסען, בעת ער האָט דערזעהן, וויא דיא איינגלעך דאָרט אויפ'ן הויף לויפען ארום, שפּרינגען און שרייען. דאַן האָט ער וויעדער גענומען קוקען אויף דיא שטיק־לעך בעשמירטע ברויט, וואָס אליציא האָט אויף אַ טעלער אַוועקגעלייגט.

דיא וואַננע איז פאַרטיג געוואָרען און מען האָט איהם ארויסגעפיהרט.

— מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איינגעל וועט ניט פאַל־גען — האָט בעמערקט איינע פון דיא שוועסטער — עפּעס געפעלט מיר ניט זיין ניט־קינדערשער פּנים.

— ער איז אָבער גאָר ניט מיאוס — האָט זיך אריינ־געמישט אליציא — ווען ער קוקט אויף דיר, דאַכט זיך דיר אויס, אַז אַן אכצעהניאָהריגער בחור'ל קוקט אויף דיר.

— יאָ; — האָט זיך קאראלינע אָפּגערופען מיט אַ שווי־דער — ער איז ווייט ניט אַזוי אונשולדיג פאַר זיינע יאָהרען.

פאַר'ן אוועקגעהן האָבען דיא דאַמען געוואָלט האָבען דאָס פערגעניגען צו זעהן, וויא מען גיט עסען צוויי קראַנקע קינדער.

איינס פון דיא קינדער איז געווען זעהר אינטערעסאַנט, אַ צעהן־יאָהריגע בלאָנדע מיידעלע, מיט קלוגע אויגען, וויא ביי אַן ערוואַקסענע פרוי, אַ פערוועלקטער בלום, וויא דיא מעהרסטע קינדער פון דיא פאַריזער הינטער־געסלעך.

מיט איהר האָט פּאַסירט דיא אַלטע געשיכטע. איהר פאָטער, אַ שיכור, פלעגט ברייננגען אהיים אויסגעלאַסענע פרויען, און איינמאָל איז ער אין גאַנצען פערשוואונדען מיט אַזאַ פרוי.

דאַן האָט איהר מוטער גענומען אַן אַנדער מאַן און שפּע־טער אַן אַנדערען און נאָך שפּעטער וויעדער אַן אַנדערען. זיא האָט אויך גענומען שיכור'ן און שלעפּען מענער אהיים.

אָט אין דער דאָזיגער סביבה האָט געלעבט דאָס מיי־דעלע. דיא מענער האָבען זיא געשלאָגען און א סך מאָל גע־וואָלט זיא שענדען.

און איינמאָל אין דער פריה האָט דיא מוטער זיא קוים ארויסגעראַטעוועט פון דיא ארעמס פון א מורשציק, וועלכען זיא האָט דיא פאָריגע נאַכט געבראַכט אהיים.

דיעזער געפאַלענער מוטער האָט מען ערלויבט צו בע־זוכען איהר קינד. וואָרים זיא אַליין האָט אָפט זיך געבעטען, מען זאָל פון איהר דאָס קינד צונעהמען, מהמת דיא אויסגע־לאַסענקייט האָט נאָך אין גאַנצען ניט דערשטיקט אין איהר הארצען דיא מוטער־ליעבע.

איצט גראָד איז זיא דאָ געזעסען א מאָגערע, א בלייכע מיט פערוויינטע אויגען נעבען דער ווייסער בעטעלע, וואו איהר טאָכטער׳ל איז געלעגען, דעם בלאָנדען קאָפּ אָנגע־שפּארט אויף א קלאָהר־ווייסע קישעלע, און עסענדיג גאַנץ מאָניעריש דיא בעשמירטע ברויט.

דיא פרוי האָט דערקענט קאראַלינע׳ן, וויל זיא איז עס טאָקע געווען, וואָס האָט דאַן געבעטען סאקאר׳ן פאר דער פרוי, מען זאָל איהר קינד אריינגעהמען אין „ארבייטס־הויז“.

— אה, גנעדיגע פרוי — האָט יענע אויסגעשריען — איצט איז מיין מאַגדאַלעניטשקע געראַטעוועט! ביי מיר אין שטוב וואָלט זיא געשטאָרבען, דער דאָקטאָר האָט עס מיר אַליין געזאָגט... דאָ אָבער האָט זיא פלייש און וויין, דאָ קען זיא פריי אָפּציהען דעם אָטהעם און אויסרוהען איהרע קינדערשע ביינדלעך... איך בעט אייך, זאָגט פון מיינעט־וועגען דעם גוטען הערר׳ן, אז יעדע מינוט דערמאָן איך זיך אָן איהם און בענש איהם...

א פערשטיקטער געוויין האָט אונטערבראָכען איהרע ווער־טער; איהר הארץ איז אזוי פול געווען מיט דאנקבארקייט צו סאקאר׳ן אז זיא האָט קיין ווערטער ניט געפונען גענוג. אום עס אויסצו־ריקען, וויא געהעריג.

זיא, וויא דיא מעהרסטע פון דיא עלטערן, וואָס זייערע

קינדער האָבען זיך געפונען אין דער „ארבייטס־הויז“, האָט געקענט נור סאַקאר׳ן, ווייל דיא פּרינצעסין ארווייעדא אליין האָט זיך דאָרט קיינמאָל ניט געוויזען, וועהרענד ער האָט זיך אומעדום געוויזען, אליין איינגעריכטעט און גאַנץ אָפּט, היינגעריסען פון זיין טעמפּעראַמענט, וועלכער האָט זיך געלאָזט פּיהלען אין אלעס. אזוי וויא אין גוטעס אזוי אויך אין שלעכ־טעס, האָט ער געטהיילט געלד פון זיין אייגענע קעשענע.

דערפאר איז ער געוועזען דער איינציגער און דער אמת׳ער גאָט צווישען דיא דאָזיגע עלענדע.

— ניט אמת, מאַדאַם, איהר וועט דאָך ניט פערגעסען איהם צו זאָגען, אז אַן ארימע מאַמע בעט ערגעץ גאָט פאר איהם.... טאַקי אמת, אפילו איך האָב ניט קיין רעליגיאָן, איך וויל דאָס ניט לייקענען, איך בין קיינמאָל ניט געוועזען קיין צבועצקע... ניין, דיא קירכע און אונזערער א מענש זיינען גאָר ניט קיין פּאָאר... מיר טראַכטען אפילו ניט פון דעם... עס העלפט דאָך נישט, ווען מען האָט אלע יאָהרען פערלאָרען דאָרט... אָבער עפּעס איז דאָך דאָ איבער אונז אין הימעל, איז טאַקי א טרייסט, ווען אימיצער איז אזוי גוט געוועזען צו דיר אז דיר ווילט זיך ביים הימעל בעטען, ער זאָל אויף איהם אראָפּשיקען אלע זיינע ברכות!..

דיא פרוי האָט זיך ווידער צו־וויינט, און דיא טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט איבער איהרע פערוועלקענטע באַקען.

—הער, מאַגדעלענטשקע, הער טאָכטער׳ל — האָט זיא זיך געווענדעט מיט א פערשטיקטען כליפּען צו דעם קראַנקען קינד.

דאָס קליינע מיידעלע איז געלעגען אין א וויים העמדעלע און האָט מיט רעם שפּיץ־צונג געלעקט דאָס איינגעמאַכטס פון איהר ברויט.

ווען דיא מוטער האָט זיך צו איהר געווענדעט, האָט זיא אויפגעהויבען איהרע קלוגע אויגען אויף איהר.

— הער, טאָכטער׳ל — האָט דיא מוטער ווייטער גערעדט מיט טרעהרען אין קול—יעדען ביינאַכט, איידער דו ווערסט

אנשלאָפּען אין דיין בעטעלע, לייג צונויף דיינעביידע הענטע־לאַך אָט אזוי — זיא האָט געוויזען מיט איהרע מאָגערע הענד וויא — און זאָג: „ליעבער גאָט, בעצאָהל הערר סאקאר'ן פאר זיין גוטסקייט און שענק איהם לאנגע און גליקליכע יאָה־רען"... דוא הערסט, מיין קינד, וואָס איך זאָג? וועסטו עס טהאָן?...

— יאָ, מאמע! — האָט דאָס קינד געענטפערט.

נאָך דער דאָזיגער געשיכטע האָט קאראָלינע אַ צייט לאנג ניט געקענט זיך בערוהיגען וועגען סאָקאר'ן. זיא האָט איהם ניט געקענט פערשטעהן.

דיא געשיכטע מיט אקטאוויע'ן וואָס ער האָט פערגוואַל־טיגט, דיא ארויסגעגעבענע, ניט בעצאָהלטע וועקסלען, וויק־טאָר — אָט דאָס אַלעס האָט זיא צומישט און ארויסגערופען אַ טיעפען עקעל אין איהר הארצען. דערצו נאָך דיא ארט און וועיזע, וויא אזוי זיין זוהן מאקסים האָט זיך צו איהם פער־האַלטען, זיין פעראַכטען איהם — דאָס האָט אויך געוואָרפען אַ שאָטען אויף סאקאר'ס פערגאַנגענהייט.

הפּנים, זיא קען ניט סאקאר'ן, הפּנים, ער איז גאָר אַ גאַנץ אַנדערער מענש, וויא זיא האָט זיך ביז אהער פאָרגעשטעלט.

פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט זיא געזעהען, וויא עלענ־דע מאַמעס בעטען גאָט פאר איהם, פאר דיא גוטעס, וואָס ער האָט פאר זיי געטהאָן, און ער האָט טאַקי געטהאָן גוטעס אויך, וואָרים וויא פאַרנומען ער איז ניט געווען ביי זיי געשעפטען, האָט ער אימער געפונען צייט פאר דיא אַנשטאַלטען אויך, מיט וועלכע ער האָט זיך איצט אויך אינטערעסירט.

היינט וואָס פאר אַ מענש איז ער פאָרט?!..

צום סוף איז ביי איהר געבליבען, אַז סאקאר איז פּונקט אזא מענש, וויא אַלע מענשען; ער האָט זיך זיינע גרויסע פעהלערען, אָבער אויך זיינע זעהר גרויסע מעלות...

איין זאַך האָט זיא זיך ביז איצט ניט געקענט מוחל זיין: וואָס זיא האָט זיך איהם אמאָל אָפּגעגעבען.... זיא האָט זיך אָבער געטרייסט מיט דעם, אַז דאָס האָט פּאסירט נור איינ־

מאָל און ווייטער וועט עס קיינמאָל מעהר ניט פּאַסירען, קען קיינמאָל מעהר ניט פּאַסירען...

אזוי זיינען אוועק דריי מאָנאַטען. דורך דער צייט האָט זיא צוויי מאָל וואכענטליך בעזוכט וויקטאָר'ן.

נאכדעם אין איין נאכט האָט ווידער פּאַסירט אז זיא האָט זיך פערגעסען אין סאַקאר'ס ארעמס... פון דעמאָלט אָן האָט זיא געהערט צו איהם אין גאַנצען, האָט מיט איהם כסדר געלעבט....

וויא אזוי דאָס האָט געקענט פּאַסירען, האָט זיא אליין ניט געוואוסט. אפשר איז דאָס געווען דאָס געפיהל צו וויקטאָר'ן, וועגען וועלכען זיא האָט זיך געזאָרגט וויא א מוטער, וואָס האָט זיא צונויפגעבראכט מיט זיין פאָטער.

זיא האָט זיך אָבער ניט געגריבעלט וועגען דעם אין איהר הארצען, האָט ניט געפרעגט: „וויא אזוי, ווארום און פאַר־וואָס ?" דיא אמת־קלוגע און אינטעליגענטנע קאראלינע האָט ניט געהאַלטען פון צורייסען זיך דאָס הארץ און דעם מוח מיט'ן גריבלען זיך, פאַרוואָס און ווארום זיא ליעבט און לעבט? זיא האָט פעראכטעט יענע אריסטאָקראַטישע דאַמען, פון דער הויכער געזעלשאַפט, וועלכע קימערען זיך ניט ניט וועגען זייע־רע מענער און קינדער, ניט וועגען דאָס הויז־ווירטשאַפט און פערברייינגען נור זייער צייט אין גריבלען זיך אין די איינצעלנע פּרטים פון זייערע ליעבעס, זוכענדיג זיך צו פּאַרענטפערען פאַר דעם אייגענעם געוויסען פאַר דיא זינד...

אין איהרע אויגען איז אזא מין גריבלען זיך, אזא מין בלומרשטדיגער מוטשען זיך געווען ניט מעהר, וויא א מאַנטעל, מיט וועלכען יענע דאַמען ווילען זייער שאַנדע צודעקען...

אזא מין גריבלען זיך האָט זיא אויף שפּאַס גערופען „פּסי־כאָלאָגישע שפּיעלערייען", מיט וועלכע יענע דאַמען פאַרנעה־מען זיך אנשטאַט צו שפּיעלען אויף'ן קלאַוויר.....

איהר פערהעלטענים מיט סאַקאר'ן האָט זיי ביידען פער־שאַפט פרייד און רוה. ער האָט פרייד געהאַט, צו זעהן זיא נע־

בען זיך און זיא האָט פערגעניגען געהאט, וואָס זיא פערשאפט איהם דיא פרייד.

זיא האָט איהם גיכער געליעבט וויא א מוטער, וויא א שוועסטער, וויא זעהר און זעהר א נאָהענטער פריינד; ער האָט איהר געליעבט וויא א שעהנע, געזונדע פרוי און וויא א קלוגען, זעהר אינטעליגענטען און פראקטישען קאָפּ.

עס זיינען אוועק מאָנאטען, און קאראלינע האָט זיך אלץ מעהר און מעהר איבערציינגט אין סאקאר׳ס פאָרזיכטיגקייט און טיכטיגקייט. קיין מענש וואָלט בעסער און ראיעלער ניט געפיהרט דיא „יוניאָן-באנק“, וויא ער האָט געפיהרט.

איהר אמאָליגעם פערדעכטיגען איהם אין צוויידייטיגע געשעפטען איז אין גאַנצען אוועק, ווען זיא האָט זיא געזעהען. מיט וואָס פאר אַן ענערגיע ער קעמפפט יעדען טאָג פון אין דער־פריה ביז ביינאכט געגען דיא פערשיעדענע שטערונגען, וואָס שטעהן זיין באנק אין וועג.

זיא האט געפיהלט צו איהם א דאנקבארקייט, נאך מעהר: זיא האט איהם בעוואונדערט.

דיא וועלט־באנק האט טאקי פיעל שטערעניש דורכצוקעמפפען. אויף שריט און טריט האָבען איהר גרויסע באנקען געשטיקט. דערפאר האט סאקאר געמוזט זיין פאָרזיכטיג און ביי יעדער בעוועגונג, וואס דיא באנק האט געמאכט, האט ער, סאקאר, פריהער געטאפּט דעם באָדען, אויב ער איז פעסט גענוג.

אמת, ער האט געסקריעט מיט דיא צייהן פון אונגעדולד, געקלאפּט מיט דיא פיס, וויא א פייערדיגער יאכט־פערד, האט אבער אין דער זעלבער צייט זיך געהיט צו מאכען א פעהלער, אזוי, אז דיא וועלט־באנק האט אלץ א בעסערן שם געקראגען פאר איהר ראיעלקייט און אויף דער בערזע האט מען וועגען איהר גערעדט מיט בעוואונדערונג.

און אזוי איז אנגעקומען דער טערמין פון דער ערשטער גענעראל־פערזאמלונג. זיא איז בעשטימט געווען אויף דעם 25טען אפריל.

דעם צוואנציגסטען איז העמעלין אנגעקומען קיין פאריז פון דיא מזרח־לענדער. ער איז געקומען אויף סאקאר׳ס פער־לאנג, צו פיהרען דיא דאזיגע גענעראל־פערזאמלונג. אגב האט העמעלין געבראכט פון דיא מזרח־לענדער א גאנצען פאק גוטע נייעס; ער האט שוין אפגעמאכט מיט דיא דאמפף־שיף געזעלשאפטען וועגען פעראייניגונג; פון דער טערקישער רע־גיערונג האט ער געקראגען דיא נויטיגע קאנצעסיאנען, צו בעארבייטען דיא זילבער־מינעס ביים בארג כרמל; און ער האט אבגעמאכט מיט דער „טערקישער נאציאנאל באנק", צו ארבייטען אלס אונאבהענגיגע אבטהיילונג פון דער „וועלט־באנק". וועגען דער אייזענבאהן אין קליין אזיען וועט ער נאך מוזען אן ארבייט טהאן און וועגען דעם וועט ער באלד מוזען צוריקפאהרען נאך׳ן אריענט.

סאקאר איז געווארען מלא שמחה, ווען ער האט עס דער־הערט און האט מיט איהם געהאט א לאנגע אונטעררעדונג, ביי וועלכער קאראלינע איז אויך אנוועזענד געוועזן.

דאן האט ער זייביידען, העמעלין׳ען און קאראלינע׳ן, איבערצייגט, אז מען מוז איצט גלייך פערדאפלען דעם אקציען־קאפיטאל, אויב מען וויל האבען מיטלען פאר דיא אונטער־נעהמונגען אין דיא מזרח־לענדער.

דיא גרעסטע אקציאנערען — דעגרעמאן, אורע, סעדילל, קאלב, האבען זייער הסכמה געגעבען אויף דעם, אויף מארגען, בעת סאקאר האט מיט זיי וועגען דעם גערעדט. און אזוי איז דיעזער פלאן, צו פערדאפלען דעם אקציען־קאפיטאל, אויס־געארבייט געווארען און ער האט געדארפט פארגעלייגט ווערען אויף דער גענעראל־פערזאמלונג פאר אלע אקציאנערען און פאר דעם אויפזיכטס־ראטה.

דיא פערזאמלונג האט געטראגען א פייערליכען כאראק־טער. אלע מיטגליעדער פון׳ם אויפזיכטס־ראטה זיינען פערזא־מעלט געוועזן אין דעם גרויסען זאאל, אין וועלכען דיא הויכע בוימער פון׳ם האטעל באוויליע האבען געווארפען א גרינליכען ליכט.

העמעלין האט געעפענט דיא פערזאמלונג. דאן האט ער גענומען פארלעזען דעם יעהרליכען בעריכט פאר דער פערזאמלונג.

דער בעריכט איז געווען א לאנגער און איז צונויפגעשטעלט געווען פון סאקאר'ן, וועלכער האט איבער איהם געארבייט גאנצע צוויי טעג.

איצט האט סאקאר זיך צו איהם צוגעהערט מיט אזא מינע און אינטערעס, וויא ער וואלט פון פריהער ניט געוואוסט קיין איין ווארט פון דאס פארגעלעזענע...

דער דאזיגער בעריכט האט דערצעהלט, אז דיא וועלט־באנק מאכט גוטע געשעפטען, אבער ניט גאנץ גרויסע, ניט ערגער פון דיא אנדערע באנקען. פאר דעם ערשטען פערטעל יאהר איז דא ריינער פערדיענסט פיער הונדערט און עטליכע טויזענד פראנק. פון דיעזען פערדיענסט האט מען אויסגעצאהלט דיא אקציאנערען זייערע פינף פראצענט, צעהן פראצענט האט מען צוגעלייגט צום רעזערוו־פאנד און מען האט בעצאהלט דיא דירעקטארען. דאס מיינט, אז דאס געשעפט געהט גאנץ גוט, ווען ניט זעהר גלענצענד. דאס זעלבע איז מיט דעם קורס פון דיא אקציען פון דער וועלט־באנק. ער האט ניט־ געשטיגען מיט אמאל, ניט געשפרונגען צו הויך, דערפאר אבער ער איז געגאנגען מיט א נאטירליכען גאנג, האט זיך געהויבען פון פינף אויף זעקס הונדערט פראנק, וויא דיא אקציען פון יעדער אנשטענדיגער באנק. זייט צוויי וואכען האלטען דיא אקציען אן איין קורס, ווייל אונטער דיא היינטיגע אומשטענדען קען מען ניט דעם קורס העכער טרייבען...

דאן האט דער פארזיצענדער העמעלין פארגעלעזען וועגען דיא נייעסען, וואס דיא „וועלט־באנק" געהט אויפטהאן אין דער נאהענטער צוקונפט.

ערשטענס, פעראייניגט זיא אונטער איהר קאנטראל דיא דאמפף־שיף געזעלשאפטען אין איין קאמפאניע מיט א קאפיטאל פון פופציג מיליאן, וועלכע זאל מאנאפאליזירען דעם גאנצען טראנספארט־פערקעהר אויפ'ן מיטעל־לענדישען ים.

מען וועט אויפבויען שנעלערע דאמפף־שיפען, מען וועט העכערען דעם פרייז פאר פאסאזשירען, מען וועט איינריכטען גייע האפענס און דעם אריענט וועט מען מאכען פאר א פאר־שטאָדט פון מארסעיל. ווער שמועסט נאָך ווען דער סועץ'ער קאנאל וועט פארטיג ווערען און דיא דאמפף־שיפען פון דער פעראייניגטער געזעלשאפט וועלען דאמאלס קענען געהן נאָך אינדיען, טאנג־קינג, כינא, יאפאן — וואס פאר א געוואלדיגע ארבייט זיי וועלען דאן האבען אויפגעטהאָן!

צווייטענס וועט דיא „טערקישע נאציאָנאל־באנק" ארביי־טען אלס א בעזונדערע אבטהיילונג פון דער „וועלט־באנק". און דריטענס, האט ער בעקומען פון דער טערקישער רעגיערונג קאנצעסיאָנען אויף צו בעארבייטען דיא זילבער־מינעס ביים בארג כרמל, וואו עס זיינען בעגראבען גרויסע אוצרות, און פאר דעם צוועק גרינדעט דיא „וועלט־באנק" א געזעלשאפט מיט א קאפיטאל פון צוואנציג מיליאָן פראנק.

צום שלוס, אז דער בעריכט האט אויסגערעכענט דיא אלע גרויסע גליקען, וואס ערווארטען דיא „וועלט־באנק", האט העמעלין פארגעלייגט, אז דאס אקציען־קאפיטאל זאל פערדאָ־פעלט ווערען, פון פינף און צוואנציג מיליאָן זאל מען עס הע־כערען אויף פופציג מיליאָן פראנק. וויא אזוי זאל דאס געמאכט ווערען? יעדער אקציאָנער זאל נעהמען נאָך אמאל אזוי פיעל אקציען, וויפיעל ער האט שוין; חוץ דעם, זאל ער נאָך איינ־טראָגען צוואנציג פראנק צו יעדער נייער פינף־הונדערט־פראנקענדיגער אקציע, וואס דאס וועט אויסמאכען א סומע פון א מיליאָן. דעם דאָזיגען מיליאָן זאל מען אריינלייגען אין דעם רעזערוו־פאָנד פון דער געזעלשאפט.

אז העמעלין האט געענדיגט, האט דיא פערזאמלונג איהם שטארק אפלאָדירט.

דעגרעמאָן איז געזעסען מיט א רוהיגען שמייכעל, אורע האט געדרעמעלט, אזוי וויא ער וואלט זיך געפונען אין פאר־לאמענט; קאלב האט עפעס נערעכענט אויף א בויגען פאפיער. איין סעדילל, אונרוהיג, וויא אימער, האט געשטעלט דעם פאר־

זיצענדען דיא פראגע: וואס וועט מען טהאָן מיט יענע נייע אַקציען, וואס וועלען פערבלייבען, דאס הייסט, ווען ניט אַלע אַלטע אַקציאָנערען וועלען מרוצה ווערען צו נעהמען נאָך נייע אַקציען, וואס וועט מען טהאָן מיט דיא פערבליעבענע נייע אַקציען? נאכ'ן געזעץ נאָך טאָר דיא באַנק ניט האַלטען ביי זיך אַזוינע אַקציען?

אויף דעם האט איהם געענטפערט מארקיז באָהאיין מיט א בעמערקונג, אז קלייניגקייטען זאָל ער אין גאַנצען איבערלאָזען פאר דעם געעהרטען פרעזידענט און דעם אויסגעצייכענטען דירעקטאר צו בעזאָרגען.

דיא דאָזיגע בעמערקונג האט א סוף געמאַכט צו וייטערע פראַגען, און דיא גענעראַל־פערזאמלונג האט זיך געענדיגט מיט נייע אַפּלאָדיסמענטען.

אויף מאָרגען איז ווידער געווען א גענעראַל־פערזאמלונג אין דער רי בלאַנש. אויף דער דאָזיגער פערזאמלונג האט גע־הערשט אַן אמת'ע בעגייסטערונג.

א קלאַנג האט זיך געטראָגען, אז זיין עקסעלענץ, סאקאר'ס ברודער, דער מיניסטער רוגאָן, האט געגעבען אנצוהערעניש, אז ווען דיא קאטוילישע צייטונג „לא־עספעראַנץ", וועלכע סאַ־קאר האט איצט ארויסגעגעבען, וועט אויפהערען צו אַטאַקי־רען דיא רעגיערונג, וועט ער, רוגאָן, אונטערשטיצען דיא „וועלט־באַנק".

זייט א געוויסער צייט האט מען דיא רעגיערונג פון נאַ־פּאָלעאָן דעם דריטען גענומען אַטאַקירען פון אַלע זייטען און איינער פון דיא לינקע אַפּגעאָרדענטע האט אין געזעץ־קאַמער ניט לאַנג אַזוינע ווערטער געוואָרפען דער רעגיערונג אין פנים: „דער צווייטער דעצעמבער — דער טאָג, ווען נאַפּאָלעאָן דער דריטער האט דורך געוואַלד זיך ערקלערט קיסר פון פראַנקרייך — איז א פערברעכען".

און דיעזע ווערטער האבען אַפּגעקלונגען איבער גאַנץ פראַנקרייך און אנגעמאַכט א שטאַרקען רושם.

דערפאר האט דיא רעגיערונג געזוכט צו קריגען דיא פּרע־

סע אויף איהר זייט, אום מיט איהר הילף אבצושוואכען דיא אטאקעס און דעם איינדרוק וואס האבען געמאכט אויף דער דער פראנצויזישער בעפעלקערונג דעם לינקען דעפוטאט'ס ווערטער.

קורץ: אויף דער דאזיגער גענעראל-פערזאמלונג האבען דיא פערזאמעלטע אקציאנערען מיט שמחה זיך גע'סוד'עט וועגען דעם, וואס עס טראגט זיך ארום א קלאנג, אז דער מיניסטער רוגאן האט אנצוהערעניש געגעבען, דאס ער איז בערייט צו שטיצען דיא „וועלט-באנק", ווען דיא צייטונג „לא-עספעראנץ" וועט אנאנדער טאקטיק אננעהמען בנוגע דער רעגיערונג...

דאן זיינען אין זאאל אריינגעקומען דער פרעזידענט, בעגלייטעט פון דיא דירעקטארען, און דיא פערזאמעלטע האבען זיך אויפגעהערט צו סוד'ען.

ווען העמעלין האט זיין פלאץ פערנומען און דיא פערזאמלונג געעפענט, איז סאקאר ווידער געזעסען צווישען עולם אין דיא הינטערשטע רייהען און האט גלייך מיט אלעמען אפלאדירט דעם רעפארט, וואס דיא אדיטארס האבען אפגעגעבען.

דיא פערזאמלונג האט איינשטימיג אהן דעבאטען אנגענומען דעם פארשלאג, צו פערדאפלען דעם אקציען קאפיטאל פון דער „וועלט-באנק".

זיי אלע האבען געגלויבט אין דיא גרויסע גליקען, וואס זיי ערווארטעט אין דיא מזרח-לענדער פון דער פעראייניגטער דאמפף-שיף געזעלשאפט און פון דער „טערקישער נאציאנאל-באנק".

ווען דער פארזיצענדער האט פאר דיא פערזאמעלטע היינט נאך אמאל ערקלערט וועגען דיא גרויסע אוצרות, וואס ליעגען בעגראבען אין דיא זילבער-מינעס ביים בארג כרמל, האבען זיי אלע אנגעהויבען אזוי שטארק צו אפלאדירען און ליארמען, אז א זייטיגער מענש האט געקענט מיינען, אז ער זעהט פאר זיך א המון פון רעליגיעזע משוגעים. און זיי אלע האבען טאקי געפיהלט, אזוי וויא א הייליגער רעגען פון מיליאנען וואלט

אויף זיי זיך פלוצלונג א גאַס געטהאָן פון דעם היילינגען לאַנד אליין.

צוויי טעג שפּעטער זיינען העמעלין און דער וויצע־פּרעזי־דענט, גראַף ראבין־שאנא, געגאנגען צום נאָטאריוס הערר לעלא־וויין און האבען אָפּיציעל אונטערגעשריעבען אַן אקט, אַז דאס אַקציען־קאַפּיטאַל פון דער „וועלט־באַנק" ווערט פערגרעסערט נאָך אויף אמאָל אזוי פיעל, וויפיעל עס האט זיך פריהער גערע־בענט, דאס הייסט, אויף פינף און צוואנציג מיליאָן פראַנק מעהר.

עס זיינען פערבליעבען דריי טויזענד אקציען, האט סא־קאר זיי פערשריעבען אויף זיין „שטרוימאַן", אויף סאבאטיאני, הייסט עס.

כאָטש דאס איז געווען געגען געזעץ און כאָטש העמעלין איז געווען געגען אזא ניט ריכטיגער פיהרונג, האט סאקאר דאָך געטהאָן אזוי, וויא ער האט געוואָלט. דיא דאָזיגע אקציען, וואס ער האט געהאט פערשריעבען אויף סאבאטיאני'ס נאמען, וואס אין דער אמת'ן האבען זיי בעלאַנגט צו דער באַנק, האט סאקאר געהאלטען אין רעזערוו, אום מיט זיי צו בעאיינפלוסען דעם פּרייז אויף דער בערזע, ווען מען וועט דאַרפען.

אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען אַן אונטעררדונג צווישען סאקר'ן, קאראלינע'ן און העמעלין'ען. ברודער און שוועסטער, וואס האבען ניט לאַנג געקראגען אַן אונערוואַרטעטע ירושה קנאַפּע דריי מאָל הונדערט טויזענד פראַנק פון זייערער א מוהמע, האבען געוואָלט בעצאָהלען פאר דיא טויזענד אקציען, וואס זיי האבען איצט געהאט: פאר דיא אַלטע פינף הונדערט און פאר דיא זעלבע צאָהל נייע. זיי האבען געדאַרפט בעצאָהלען הונדערט און פינף און דרייסיג טויזענד פראַנק.

סאקאר האט גאַנץ רוהיג זיי געלאָזט בעצאָהלען דאס געלד, אליין אבער האט ער ניט געזאָגט, ווען און וויא און אויף וואס פאר אַן אופן וועט ער בעצאָהלען פאר זיינע אייגענע אקציען...

— דיא דאָזיגע ירושה — האט זיך אבגערופען קאראלי־

גע — איז דער ערשטער שטראהל פון גליק, וואס האט צו אונז א שמייכעל געטהאָן... איך הויב אָן צו גלויבען, אז דאס גליק וועט אונז שוין מעהר ניט פערלאָזען. מיין ברודער קריעגט זעכציג טויזענד פראנק יעהרליך געהאלט, אויסער רייזע־קאָס־טען, און איצט דיא אונערווארטעטע ירושה — מיר זיינען דאָך רייך!

זיא האט געקוקט אויף סאקאר'ן מיט הערצליכע דאנקבאר־קייט; מיט יעדען טאָג האט זיא זיך אלץ מעהר און מעהר צוגעבונדען צו איהם און אין איינעם מיט דעם האט זיא אלץ וויינינער געקענט בעמערקען זיינע חסרונות. דאן האט זיא ווייטער גערעדט, הינגעריסען פון איהר פרעהליכען מוטה:

— סיי וויא סיי, וואלט איך אויף דעם געלד שווער געאר־בייט, קענט איהר זיין זיכער, אז איך וואלט עס אין אייער געשעפט ניט אריינגעשפארט. ווען אבער מיר האבען עס געקראָ־גען פון א מוהמע, וועלכע מיר האבען כמעט וויא ניט געקענט, און ווען געקראָגען האבען מיר עס אויך גאר אונערווארטעט, מאכט ניט אויס, ווען מיר וועלען עס פערליערען...

— און דוקא דערפאר — האט זיך סאקאר צולאכט — וועט דאס געלד אייך מיליאָנען אריינברייננען. קיין געלד איז אזוי ניט מזל'דיג, וויא גע'גנב'עטעס... איהר קוקט נור, וועט איהר זעהן, אז עס וועט קיין וואָך ניט נעהמען, וויא אונזערע אקציען וועלען זיך אזוי א הויב טהאָן...

און אזוי איז טאקע געווען אויך. העמעלין האט נאָך ניט צייט געהאט אבצופאָהרען צוריק אין דיא מזרח־לענדער, וויא דער קורס פון דיא „וועלט־באנק“ אקציען האט זיך א הויב גע־טהאָן איבער זיעבען הונדערט פראנק.

דאס איז געווען דערפאר, ווייל, ערשטענס, האט מען פערדאָפעלט דעם אקציען־קאפיטאל פון דער באנק און, צווייטענס, ווייל גאנץ פאריז האט גענומען קלינגען וועגען דיא זיל־בער־מינעס, וואס דיא „וועלט־באנק“ הויבט אָן צו גראָבען ביים בארג כרמל. איבער אלע ווענט זיינען אויסגעקלעפט געווען גרויסע געלע פלאקאטען, וואס האבען צוטראָגען דיא דאזיגע נייעס.

דאס האט צובראכט ביים עולם די פאנטאזיע און אויפגעוועקט אין איהם דעם חשק צו ספעקולירען.

דער באָדען פאר דעם איז רייף געוועזן. אין יענער צייט האט מען זיך פארברייטעט פאר א וועלט־אויסשטעלונג אין פאריז און דער עולם צוזאמען מיט דער פערברעכערישער רעגיע־רונג האט נור גע'חלום'ט פון גליקען, נור גערעדט פון פראכט און גלאנץ און די גאנצע בעפעלקערונג איז פערכאפט געווען פון א מין שפעקולאציאָנס־פיעבער.

אָט די דאָזיגע סיטואציאָן האט סאקאר פערשטאנען ווי אויסצונוצען, און די „וועלט־באנק" איז אוועק, ווי א געוואלדיגע מאשינע, וועלכע איז גרייט צו דערשטיקען און צו־מאָהלען אלעמען און אלעס, ווער און וואס עס שטעהט איהר אין וועג.

ווען העמעלין איז ווידער אוועקגעפאָהרען אין די מזרח־לענדער, האט קאראלינע ווידער אנגעהויבען צו לעבען מיט סאקאר'ן.

זי האט איהם אויך נאָך געפיהרט זיין הויז־ווירטהשאפט און פונקט אזוי עקאָנאָמיש ווי פריהער, כאָטש די אומ־שטענדען זיינע, ווי איהרע, האבען זיך פאר דער צייט א סך געענדערט.

זי וואָלט גאר צופריעדען און רוהיג געלעבט, ווען זי זאָל אויפ'ן קאָפּ ניט האבען געהאט די וויקטאָר־געשיכטע, ווען זי זאָל שטענדיג ניט האבען געטראכט: צי זי זאָל דערצעהלען סאקאר'ן וועגען איהם, צו ניט.

מיט וויקטאָר'ן איז מען שטארק ניט צופריעדען געווען אין דער „ארבייטס־הויז". מען האט דאָרט אויף איהם געקוקט ווי אויף א מורא'דיגע אנשיקעניש. פאר דעם האלב יאהר, וואס ער איז דאָרט געווען, האט ער זיך גאר ניט געענדערט.

וואס זאָל זי טהאָן? זאָל זי צונויפברייגגען דעם פא־טער מיט אזא קינד, צי ניין?

דיעזע פראגע האט זי גאנץ אָפּט אויף אן אמת גע־מוטשעט.

און איינמאָל אין א שעהנעם פארנאכט האט זיא שוין מיט איהם געוואָלט וועגען דעם ריידען.

ער האט זיא געטראָפען אויף דיא טרעפ בעת זיא האט זיך צוריקגעקעהרט פון „ארבייטס־הויז“ זעהר אן אויפגערעגטע וועגען וויקטאָר'ס מעשים תעתועים, וויקטאָר האט דאָרט שיער ניט אפגעביסען אן אויער זיינעם א חבר, און זיא האט דאן בעשלאָסען צו ריידען מכות דעם מיט סאקאר'ן.

און טרעפענדיג זיא דאמאלס אויף דיא טרעפ, האט סאַקאר זיך אפגעשטעלט און גענומען מיט איהר ריידען וועגען זיין פּלאַן צו פערגרעסערען דיא געביידע פון דער באנק; וועגען צובויען א נייעם זאאל פאר דיא קונדען; וועגען ארונטעררייסען דאָ, אויפשטעלען דאָרט; וועגען מאַכען גלעזערנע דעכער און אזוי ווייטער.

זיא האט איהם אויסגעהערט און דאן האט זיא זיך אפּגערופען:

— מיין פריינד, איך וויל מיט אייך וועגען עפּעס ריידען...

אָבער ווען ער איז ארויף מיט איהר אויבען, פולל מיט זיינע פּלענער, א פרעהליכער און א גליקליכער, האָט זיא קיין מוטה ניט געהאט צו דערצעהלען איהם וועגען וויקטאָר'ן; וועגען דעם, אז ער האָט אין „ארבייטס־הויז“ זיינעם א אינגעל, וועלכער איז א געבאָרענער פארברעכער,—זיא האָט קיין הארץ, קיין מוטה פאַר דעם ניט געהאט... דעריבער האָט זיא פריינדליך איהם ארויפגעלייגט דיא הענד אויף דיא אַקסלען און געזאָגט:

— יאָ, איך וויל, מיר זאָלען זיך גוט דורכריידען וועגען אייערע פּלענער, וויא צו פערגרעסערען דיא באנק־געביידע— און אזוי ווייטער...

.6

דיא רעדאקציאָן, פון דער צייטונג „לא עספּעראנצא“, וואָס סאקאר האט אָפּגעקויפט, האָט זיך געפונען אויף דעם ערשטען שטאָק אין א'ן אַלטער פינסטערער און פייכטער געביידע אויף דער רי סען־זשאָזעף.

אין קאָרידאָר איז דאָרט אזוי פינסטער געווען, אז דעם גאַנצען טאָג האָט דאָרט געברענט גאַז.

לינקס האָבען זיך געפונען צוויי צימערען: פאַר דעם הויפּט־רעדאַקטאָר זשאַנטרו און פאַר סאַקאַר'ן; רעכטס— די צימערען פאַר די שרייבערס און די אַנדערע אָנגע־שטעלטע.

אין יענעם טאָג האָט זשאַרדאַן, זיצענדיג אין דעם רע־דאַקציאָנס־צימער, געשריעבען איינעם פון זיינע לייט־אַרטיק־לען. ער איז געקומען פאַר פריה, אום צו קענען רוהיגער שרייבען.

ווען דער זייגער האָט געשלאָגען פיער, האָט ער זיך אויפ־געהייבען פון אָרט און איז אריין אין קאָרידאָר, וואו דער דינ־נער פון דער רעדאַקציאָן, דזשוא, איז געשטאַנען און האָט מיט חשק געלעזען די בעריכטען פון דער בערזע.

— איז הערר זשאַנטרו אין זיין צימער?—האָט זשאַר־דאַן זיך געווענדעט צו איהם.

— יאָ, מיין הערר—האָט דזשוא געענטפערט.

זשאַרדאַן האָט מיט אַ מינע פון אונטערטעניגקייט אַ טראָט געטהאָן נעהענטער צו דער טיהר פון זיין רעדאַקטאָר. ער האָט געוואָלט בעטען ביי איהם, ער זאָל איהם געבען אַ ביסעל געלד אין פאָראויס, און דאָס איז איהם געווען שטאַרק אונאַנגענעהם. ער איז נאָך אַלץ געווען אויף צרות; מיט זיין געהאַלט, וואָס ער האָט בעקומען פון דער צייטונג, האָט ער אויסגעצאָהלט אַלטע חובות און היינט האָט ער געמוזט איינצאָהלען אַ וועקסעל, אניט האָט דער קרעדיטאָר געסטראַ־שעט אוועקצונעהמען ביי איהם די מעבעל פון הויז.

איהם איז זעהר און זעהר אונאַנגענעהם געווען צו בעטען ביי זשאַנטרו געלד אין פאָראויס און, געהענדיג צו יענעם'ס טיר, האָט ער געפּיהלט, אקוראַט, ווי ער וואָלט געגאַנגען צו יענעם אַ נדבה בעטען.

פלוצלונג האָט דזשוא איהם אָפּגעשטעלט:

— אָבער הערר זשאַנטרו איז איצט פערנומען.

— אזוי? ווער איז דאָרט ביי איהם?

— הער סאקאר. און איך האָב אַ בעפעהל, קיינעם ניט אריינצולאָזען, אויסער הערר אורע'ן.

זשארדאן האָט פרייער אָפּגעצויגען דעם אָטהעם, וואָרים עס איז איהם כמעט לייכטער געווען זיין מעבעל צו פערליערען, וויא צו געהן צו יענעם בעטען טובות.

— גוט — האָט ער זיך אָפּגערופען — איך וועל געהן ענדיגען מיין ארטיקעל און איהר לאָזט מיר וויסען, ווען הערר זשאנטרו וועט האָבען צייט.

ווען ער האָט גענומען געהן צוריק, האָט דעזשוא איהם ווידער אָפּגעשטעלט דאָס מאָל מיט אַ שטראַהלענדען פנים:

— ווייסט איהר, אז דיא אַקציען פון דער „וועלט-באנק" זאָגען זיך אַ הויב געטהאָן איבער זיעבען הונדערט און פופציג?...

דער יונגער שרייבער האָט גלייכגילטיג אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ און איז אוועק צוריק צו זיך אין צימער.

סאקאר פלעגט כמעט יעדען טאָג, געהענדיג פון דער בערזע, אריינקומען אין דער רעדאַקציאָן, אום צו זעהן זיך מיט זשאַנטרו'ן.

כאָטש זשאַנטרו איז אָפּיציעל געווען ניט מעהר וויא דער הויפּט-רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, איז ער שטילערהייט געווען דער גאַנצער בעל יועץ סאקאר'ס, וועלכער האָט זיך מיט איהם מיישב געווען וועגען פערשיעדענע געהיימע פּלענער זיינע.

אַלעס, וואָס האָט אַ שייכות געהאַט מיט רעקלאַמען בנוגע דער „וועלט-באַנק", איז אויפגעטהאָן געוואָרען דורך זשאַנטרו'ן. אויסער וואָס ער אליין האָט געשריעבען אין אַן עלעגאַנטען סטיל וועגען דער „וועלט-באַנק" לויב-ארטיקלען, האָט ער אין דעם ענין פון רעקלאַמען אויפגעטהאָן נאָך אַ וויכטיגע זאַך: אין יענער צייט זיינען אין פּאַריז ערשיענען אַ סך וועכענטליכע קליינע בלעטלעך, וועלכע פערשיעדענע באנקען און בערזע-ספּעקולאַנטען האָבען ארויסגע-

געבען מיט דעם איין צוועק, צו רעקלאַמירען זייערע געשעפ־טען און צו בעאיינפלוסען דעם לייכט־גלויביגען עולם.

דיא דאָזיגע בלעטלאַך האָבען פון אויבען אויף כלומרשט געטראָגען אן אנשטענדיגען און אונאבהענגיגען כאַראקטער, אָבער פון הינטען ארום האָבען זיי רעקלאַמירט דאָס, וואָס זיי האָבען געוואָלט, און געסטאַרעט זיך צו מאַכען אויפ'ן עולם דעם איינדרוק, וועלכען זיי האָט זיך געלוינט צו מאַכען...

אָט פון דיא זעלבע בלעטלאַך האָט זשאַנטרו אָפּגעקויפט פאר סאקאר'ן א צעהן שטיק, און זיי אלע האָבען איצט גע־שריעבען ליוב־אַרטיקלען וועגען „וועלט־באַנק".

אויסער דעם, האָט זשאַנטרו „אונטערגעשמירט" דיא „אנשטענדיגע" טעגליכע און וועכענטליכע צייטונגען, און זיי האָבען אויך געשריעבען נור גוטעס פון דער „וועלט־באַנק" און דיא פערשיעדענע געזעלשאפטען, וואָס זיא האָט שוין געהאט געגרינדעט און וואָס זיא האָט זיך געקליעבען צו גרינדען.

פערשטעהט זיך, אז דעם טאָן צו דיא אַלע דאָזיגע ליוב־ארטיקלען האט נעגעבען דיא צייטונג „לא־עספּעראנצע" אליין.

זשאַנטרו האט נאָך אין זינען געהאט אפּצוקויפען דיא אַלטע טעגליכע צייטונג „פינאַנסיער". ער האָט נור געווארט ביז דיא „וועלט־באַנק" וועט אימשטאַנד זיין אויסצולויזען אזוי פיעל געלד פאר יענער צייטונג.

אין יענעם נאַכמיטאג איז סאקאר געקומען צולויפען אין רעדאַקציאָן מיט א גוואלד וועגען אן ארטיקעל, וואָס איז נור וואָס ערשיענען אין „לא עספּעראנצע", וועלכער האָט געלויבט ביז'ן הימעל זיין ברודער דעם מיניסטער רוגאָן.

אורע האָט יענעם ארטיקעל געשריעבען. סאקאר איז גע־ווען שטאַרק אויפגעבראַכט. שטייטש, וויא אַזוי האָט אורע עס געוואגט צו טהאָן? וואָס מיינט ער, אז ער, סאקאר, וועט דערלאָזען, אז זיין צייטונג זאָל מען אויך האַלטען פאר איינע פון דיא מיניסטערס שקלאַפינען? וואָס וועלען דענ־קען דיא לעזער פון דער „לא־עספּעראנצע", ווען זיי וועלען

איבערלעזען אזא משונה'דיגען לויב-געזאנג צום מיניסטער?
זשאנטרו, וויבאלד איהם אליין האט מען פאר יענעם אר־טיקעל ניט פעראנטוואָרטליך געמאכט, האט שוויינענדיג גע־קוקט אויף זיינע נעגעל און געשמייכעלט.

ער האט איצט אויסגעזעהן גאר א פראנט, געטראָגען דיא עלעגאנטסטע קליידער מיט בלומען אין קנאפּ-לאָך און דיא טהייערסטע זיידענע צילינדערהיטען, דאָך האט זיך עפּעס וויא געפיהלט אן אונרייניקייט ארום איהם, אקוראט וויא דיא שמוץ פון זיינע פערגאנגענע יאהרען וואָלט נאָך געקלעפּט אויף איהם.

ער האָט פערדיענט הונדערט טויזענד פראנק יעהרליך און פערלעבט האָט ער צוויי מאָל אזוי פיעל; וויא אזוי און אויף וואָס — האָט קיינער ניט געוואוסט, ווייל מיט פרויען האָט ער זיך קיין מאָל ניט בעוויזען אין דער עפענטליכקייט.
איהם האָט אפּנים געמוטשעט איינע פון יענע לאַסטערס, איבער וועלכע ער האָט מיט יאָהרען צוריק פערלאָרען זיין לעהרער-שטעלע אין א באָרדאָ'ער גימנאזיום.

דיא לעצטע האָאר זיינען ביי איהם אויסגעקראָכען פון'ם קאָפּ און אויף זיין שיידעל האָט זיך אוועקגעלייגט א בלייכער גלאַנץ, נור דיא באָרד זיינע איז פערבליעבען אזוי שעהן, וויא פריהער.

ווען סאקאר האָט זיך אביסעל בערוהיגט וועגען אורע'ם ארטיקעל בנוגע דעם מיניסטער רוגאן, האָט זשאנטרו מיט איהם גענומען ריידען וועגען נייע רעקלאַמען פאר דער „וועלט־באנק“.

ערשטענס, האָט ער איהם פאָרגעשלאָגען, צו לאָזען דרוקען א קורצע אילוסטרירטע ערצעהלונג, אין וועלכער עס זאָלען געשילדערט ווערען דיא גרויסע אונטערנעהמונגען פון דער „וועלט-באנק“ אין דיא מזרח-לענדער, און וועלכע עס זאָל פריי פערטהיילט ווערען אין דיא פּראָווינציעלע שטעדט, זאָגאר אין דיא וויטסטע דערפער. צווייטענס, צו שאפען א טעגליכען בולעטין פון בערזע-נייעס, וואס מען זאָל יעדען

טאָג פונאנדערשיקען צו דיא בעסטע צייטונגען פאר א קליינעם פרייז צו גאר אין גאנצען אָהן בעצאָהלט. דורך דעם וועלען זיי אריינקריעגען א נייע מעכטיגע וואפע אין זייערע הענד, מיט וועלכער אלע זייערע גענגערשע באנקען וועלען זיך מוזען רעכענען.

זשאנטרו, וועלכער האט גוט געקענט סאקאר'ן, האט אזוי לאנג אין איהם אריינגערעדט, ביז סאקאר אליין האט זיך בעגייסטערט פאר דיא דאָזיגע פלענער און בעשלאָסען זיי אויסצופיהרען. דאַן האבען זיי גענומען ריידען וועגען דעם, וויא אזוי און וויפיעל געלד אויסצוגעבען פאר רעקלאמען פאר דעם קומענדיגען פערטעל יאהר. וויפיעל געלד צו צאָהלען דער צייטונג און וויפיעל — דער אנדערער. און וויא אזוי פער־שטאָפּט מען דאס מויל יענע צייטונגען, וואס זיינען אונטער־געקויפט פון דיא גענגערשע באנקען, און וועגען פערגרעסערען זייער אנאָנסע אין א זעהר אַלטער און הויכגעאכטעטער צייטונג...

און אין דעם דאָזיגען געשפרעך זייערען האט זיך גע־שפירט אזא טיעפע, ציניזשע פעראכטונג פאר דעם פובליקום, פאר יענעם תמ'עוואטען, אונוויסענדען המון, וואס איהם איז אזוי לייכט צו פערדולען דעם מוח מיט שרייענדיגע רעקלא־מען...

דערווייל איז זשאָרדאן געזעסען און געשריעבען זיין אר־טיקעל אין רעדאקציאָן־צימער.

— הער זשארדאן! — האט דעזשוא איהם פלוצלונג א רוף געטהאָן.

— אהא! — האט ער זיך א כאַפּ געטהאָן — הערר זשאנטרו איז איצט אליין אין זיין צימער?

— ניין, נאָך ניט... נאר אייער פרוי רופט אייך, זיא וויל אייך זעהן.

זשארדאן האט זיך דערשראָקען און איז גלייך ארויסגע־לאָפען.

זייט פרוי מעשען האט אויסגעפונען, אז ער ארבייט אין

ד'ער צייטונג „לא־עספעראנצע", האט איהם בוש פערפּאַלגט איבער דיא זעקס וועקסלען צו פופציג פראנק, וואס ער האט אַמאָל א שניידער ארויסגעגעבען. דיא דריי הונדערט פראנק וואָלט ער לייכט געקענט בעצאָהלען, אבער בוש האט צו דעם דאַזיגען חוב צוגעשטעלט זעהר פיעל אונקאָסטען, ביז דיא וועקסלען האבען בעטראָפען זיבען הונדערט דרייסיג פראנק מיט פופצעהן סענטימס. ער האט זיך דאָך פערגלייכט מיט בוש'ען, נעהמענדיג אויף זיך אויסצוצאָהלען איהם דיא דאָזיגע סומע צו הונדערט פראנק יעדען חודש. און ווייל צו צאָהלען אַזוי פיעל איז געווען איבער זיינע כוחות, צוליעב זיין הויז־הוצאה זיינען נייע אונקאָסטען צוגעוואקסען צו דעם דאָזיגען חוב, און מחמת דעם איז ער שטענדיג ארומגעגאנגען, וויא א צודולטער.

— וואס איז געשעהן? — האט ער געפרעגט זיין פרוי, וועלכע איז געזעסען אין ווארט־צימער.

איידער זיא האט נאָך צייט געהאט איהם צו ענטפערען האט זיך דיא טהיר פון זשאנטרו'ס צימער מיט א געפילדער געעפענט, און סאקאר איז ארויסגעלאָפען.

— דעזשווא — האט סאקאר אויסגעשריען — וואו איז אורע? וואו איז ער, צום טייפעל?

דער לאקיי איז צומישט געוואָרען פון זיין געשריי און ער האט ארויסגעשטאַמעלט:

— אבער, גנעדיגער הערר, ער איז נאָך ניטא. וואס קען איך העלפען איך קען דאָך איהם ניט ברייגגען צושלעפען בייי דער האנד!...

סאקאר האט זיך צוריקגעקעהרט צו זשאנטרו'ן אין צימער און א האק געטהאָן דיא טהיר הינטער זיך. דאן האט זשארדאן אריינגעפיהרט זיין פרוי אין א זייטיגען צימער, וואו ער האט מיט איהר געקענט אונגעשטערט ריידען.

— וואס איז געשעהן? — האט ער ווידער געפרעגט. זיין פרוי, א רונדע ברונעטקע, מיט פרישע רויטע ליפען,

וועלכע איז, געווהנליך, געוועז זעהר א לעבעדיגע און פרעה־ליכע ווייבעלע, איז איצט געווען צושראָקען און אויפגערעגט.

— אָה, פּאָול, ווען דוא זאָלסט וויסען! עס איז געקומען עפּעס א מאַן, א מיאוס'ער, שרעקליכער מענש, א שמוציגער, א שיכור'ער... ער האט מיר געזאָגט, אז אַלעס איז שוין פערפאַלען, מאָרגען וועט אונזער מעבעל מוזען פערקויפט ווערען... ער האט גענומען מיט זיך א פּלאַקאַט, וועלכע ער האט דוקא געוואָלט צוקלעפּען אויף דער הויז־טהיר.

— דאס קען ניט זיין! — האט זשארדאַן אויסגעשריען— מיר האט מען גאר נישט געלאָזט וויסען... עס מוזען דאָך זיין דערביי וועלכע פאָרמאַליטעטען...

— אָך, וואס פערשטעהסטו אין אַזעלכע זאַכען! דוא פער־שטעהסט נאָך ווייניגער פון מיר... אז עס קומען אָן פּאַפּירען לייענסטו זיי דאָך אפילו נישט... איך האב איהם געגעבען צוויי פראַנק, אז ער זאָל דעם פּלאַקאַט ניט צוקלעפּען און בין אַוועקגעלאָפען אהער...

מאַן און פרוי זיינען געשטאַנען פערצווייפעלטע. וויא שווער זיי איז דאס אַנגעקומען, ביז זיי האבען אויסגעצאָהלט פאַר זייערע עטליכע שטיקלעך מעבעל פון מאַהאַגאָני מיט בלויען ריפּס בעשלאָגען! זיי זיינען צוגעבונדען געווען צו דיא דאָזיגע שטיקלאָך מעבעל, ווייל זיי זיינען געווען א טהייל פון זייער גליק זייט זייער האָכצייטס־נאַכט אין דיא צוויי ענגע, ליכטיגע צימערלאָך; און ער האט אַזוי פיעל צוועקלאָך אין דיא וואַנד געשלאָגען, און זיא האט אַזוי נעפּוצט דיא צוויי צימערלאָך, אז זיי זאָלען אויסזעהן שעהן און אַנגענעהם! און מיט אמאָל וועלען זיי דאָס אַלעס פערלירען און בלייבען מיט ליידיגע הענד. וויא איז עס מעגליך?

— הער — האט זשארדאַן זיך אבגערופען — איך האב טאַקי איצט געוואָלט געהן בעטען, מען זאָל מיר געבען עט־וואס געלד אין פאָראויס. איך וועל טהאָן, וואס נור מעגליך, נור איך האב ווייניג האָפנונג...

— און הער, וואס מיר איז איינגעפאַלען צו טהאָן —

האט זיא געזאגט — איך האב עס אבער ניט געוואלט טהאן אהן דיר... איך וויל זיך ווענדען צו מיינע עלטערען.

אה, ניין, קיין מאל ניט! — האט זשארדאן אויסגעשריען — פון דיינע עלטערען וויל איך גאר ניט נעהמען!

— זיי קיין נאר ניט — האט זיא געזאגט — איך פערזי־כער דיך, אז עס איז זעהר קינדיש פון אונז, וואס מיר פיהרען פאליטיק מיט זיי. נו, האבען זיי פריהער ניט געוואלט דעם שידוך מיט דיר! דערוויילע אבער בין איך זייער בת יחיד'קע. און דאס שטאלצירען געגען זיי וועט אונז קיין גוטס ניט טהאן. מיין פאטער דערצעהלט יעדען, אז דער טוך־פאבריק האט איהם רייך געמאכט, ער האט איצט א פארמעגען, וואס טראגט איהם אריין א פופצעהן טויזענד פראנק א יאהר. חוץ דעם האט ער אן אייגען הויז מיט א גארטען. דאס איז פון אונזער זייט א גרויסע נארישקייט, וואס מיר פלאגען זיך, בשעת זיי פעהלט גאר נישט. איך זאג דיר, אז איך וועל זיך ווענדען צו זיי.

זיא איז געווען א ווייבעלע, וואס וואלט פאר איהר מאן אלעס געטהאן, אבי ער זאל זיין גליקליך. זיא האט געגלויבט אין זיין טאלאנט, און איז געווען זיכער, אז ווען עס איז וועט ער זיין א בעריהמטער שריפטשטעלער.

— הער אויס — האט זיא ווידער אנגעהויבען, איז צו־געגאנגען צו איהם נעהענטער און האט איהם א קוש געטהאן: —איך מוז דאך דיר עפעס העלפען, איך קען דאך ניט ארויפ־ווארפען אויף דיר אלע זארגען!

צום סוף האט ער נאכגעגעבען, קיין אנדערע ברירה האט ער ניט געהאט. זיי האבען אפגערעדט, זיא זאל גלייך פאהרען צו איהרע עלטערען און באלד צוריק קומען מיט'ן געלד, אום זיי זאלען נאך היינט קענען בעצאהלען דעם חוב.

ווען ער האט זיא אן אויפגערעגטער פון דיא טרעפען בע־גלייט, האבען זיי געמוזטביידע אפטרעטען אן א זייט, אום דורכצולאזען אורע'ן, וועלכער איז געגאנגען אין דער רעדאק־ציאן.

ווען זשארדאן איז צוריק אריין אין רעדאקציאן־צימער

און האָט זיך געזעצט ענדיגען זיין ארטיקעל, האָט ער דערהערט סאקאר׳ס אויפגערעגטען געשריי פון זשאַנטרו׳ס צימער.

סאקאר, וועלכער איז געווען דער גאנצער בעל הבית ווי אין דער „וועלט-באַנק“ אזוי אין דער רעדאקציאָן, האט פער־לאנגט, אז אלע און אלעס זאָלען איהם זיין אונטערוואָרפען. ער האָט געוואוסט, אז ער האָט זיינע לייט דורך די האָפנונג אויף געווינען און די מורא פאר פערליערען אין זיינע הענד.

— נו, איהר זייט שוין דאָ! — האָט סאקאר דאָרט גע־שריען אויף אורע׳ן — איהר האָט זיך אוודאי פערשפּעטיגט דערפאר, ווייל איהר זייט פערנומען געווען מסתמא מיט׳ן פאָר־לעזען אייער ארטיקעל פאר דעם גרויסען מאַן, דעם מיני־סטער?... איך האָב דאָ אומיסטנע געווארט אויף אייך, אום אייך צו זאָגען, אז איהר האָט שוין גענוג ווייררוך צו איהם גע־רויכערט, פון היינט אָן מוז צו דעם נעהמען אן ענד, איהר וועט אַנדערע ארטיקלען מוזען געבען!

אורע האָט צומישט א קוק געטהאָן אויף זשאַנטרו, ער־ווארטענדיג, ער זאָל זיך פאר איהם אָננעהמען; דער לעצטער אָבער האָט געפיהרט מיט די פינגער דורך זיין שעהנער באָרד און האָט געשוויגען.

דאָן האָט אורע זיך אָפּגערופען:

— וואָס פאר אַנדערע ארטיקלען זאָל איך אייך געבען? איך גיעב אייך דאָס, וואָס איהר האָט פון מיר פערלאנגט! ווען איהר האָט איבערגענומען די „לא-עספּעראנצע“, וואָס האָט תמיד בעקעמפט רוגאָן׳ען, האָט איהר אליין מיך געבע־טען, אז איך זאָל אייך געבען אזוינע ארטיקלען, אין וועלכע דער מיניסטער זאָל געלויבט ווערען, אום איהם צו ווייזען, אז איהר זייט איהם קיין שונא ניט.

— איך בעשולדיג אייך — האָט זיך סאקאר נאָך מעהר צוהיצט — איך בעשולדיג אייך, אז מיט אייערע ארטיקלען פיהרט איהר איבער די ריכטונג פון דער צייטונג. וואָס מיינט איהר? איך וועל זיין מיין ברודער׳ס לאַקיי, וואָס? געוויס, איך האָב קיין מאָל ניט פערלייקענט און וויל ניט פער־

לייקענען מיין בעוואונדערונג און דאנקבארקייט בנוגע דעם קייזער ; איך פערגעס ניט און וועל קיין מאָל ניט פערגעסען, וואָס מיר אלע, און ספּעציעל איך, זיינען איהם שולדיג. דאָך, ווען מיר קריטיקירען דיא רעגיערונג, טהוען מיר אונזער היי־ליגע פפליכט בנוגע דעם קייזער אויך. ער וויל אויך, מען זאָל נישט שיינקען קיין פעהלערען, מעג זיי בעגעהן אפילו דער גרויסער מאַן, דער מיניסטער רוגאן אליין... הערר אורע, איהר מוזט געדענקען, אז דיא ריכטונג פון אונזער ציימונג, אין קורצען, איז אזא : טרייע איבערגעבענהייט צום קייזער, אָבער פולע אונאבהענגיגקייט בנוגע דיא מיניסטאָרען און דיא אנדערע עהרגייציגע מענשען, וואָס רייסען זיך דאָרט ארום אין קייזערליכען הויף פּאָר א הויכע רעגיערונגס־שטעלע.

און דאַן האָט ער נאָך מיט מעהר היץ גענומען ריידען וועגען דיא פעהלערען, וואָס דיא לעצטע צייט האָבען געמאכט דיא מיניסטאָרען. מעהר פון אלעמען האָט ער בעשולדיגט רוגאן'ען, וועלכער האט אין גאנצען צו פערדאנקען זיין גדולה דעם קייזער נאפּאָלעאָן'ען, וואָס ער האָט מיט גע־וואלד פערנומען פראנקרייך'ס טהראָן. אָט דער זעלבער רו־גאן האָט זיך דיא לעצטע צייט כמעט אָפען פעראייניגט מיט דיא ליבעראלען, פערגעסענדיג, אז א רעגיערונג, וואָס איז גע־שאפען געוואָרען דורך געוואלד, קען זיך נור האלטען און גע־דייהען אויף געוואלד. אויב עס זאָל אזוי ווייטער אָנגעהן, וועט ער, סאקאר, צונויפקלייבען דיא איבערגעבליעבענע אנהיינ־גער פון דער אולטרא־קאָנסערוואטיווער פּארטיי און וועט זיי פיהרען צו בעפרייען דיא מאָנארכיע פון דיא הענד פון איהרע פעררעטהער. זאָל רוגאן זיך היטען, ווען דיא „לא־עספּעראנ־צע" זאָל אויפהויבען א בעוועגונג...

קיין מאָל נאָך האָבען אורע און זשאנטרו ניט געהערט ריידען מיט אזא פייער סאקאר'ן וועגען פּאָליטישע אנגעלע־גענהייטען, און זיי האָבען זיך פערוואונדערט.

— אָבער איהר ווייסט דאָך, האָט אורע געזאָגט — אז רו־

נאן האט זיך פעראייניגט מיט דער ליבעראלער בעוועגונג, ווייל אזוי האט געוואלט דער קייזער אליין.

— איך וויל וויסען — האט סאקאר פלוצים גענומען שרייען — אויב רונאן וועט עפעס טהאן פאר אונז פאר דיא אלע טובות, וואס מיר האבען איהם געטהאן. איך האב אבגע־קויפט דיא צייטונג, וואס האט איהם אזוי ביטער אטאקירט; איך האב אייך ערלויבט צו ריהמען און צו לויבען איהם אין דער צייטונג, און וואו איז זיין דאנק דערפאר? וואס האט ער געטהאן פאר אונז?

אורע האט איהם אויף דעם בעמערקט, אז אין אזיען האט רוגאן זעהר פיעל געהאלפען העמעלין'ען דורך דיא דארטיגע פראנצויזישע רעפרעזענטאנטען.

— דאס האט ער געמוזט טהאן! — האט סאקאר גע־שריען — איך מיין אבער, אז פאר דער גאנצער צייט האט ער מיר קיין מאל ניט צוגעשיקט קיין סמן פון א שטיקעל נייעס, וואס זאל אונז צוניץ קומען אויף דער בערזע. ער ווייסט דאך אלעס... איהר זעהט דאך איהם יעדען טאג און איהר ווייסט דאך, וויא גוט ער איז בעקאנט מיט דיא פאליטישע און פינאנ־ציעלע אנגעלעגענהייטען פון'ם לאנד, און גאר נישט... וואלט ער כאטש איין מאל מיר געלאזט וויסען, אז דיעזע און דיעזע אקציען וועלען שטייגען און יענע וועלען פאלען!

— דאס וועט ער קיינמאל ניט טהאן — האט אורע זיך אפגערופען — אזוינע סודות, זאגט ער, ארויסגעבען איז ניט עהרליך.

— פארוואס גיט ער ארויס אזוינע סודות גונדערמאן'ען?

— האט סאקאר זיך געקאכט — פאר מיר וויל ער זיין דער עהרליכער מאן און גונדערמאן'ען גיט ער צו וויסען אלעס, וואס יענעם קען צוניץ קומען.

— גונדערמאן'ען מוז ער! — האט אורע געענטפערט — צו גונדערמאן'ען מוזען זיי אלע אנקומען, ווארים אהן איהם וואלט דיא רעגיערונג קיין אנלייהע ניט געקענט מאכען...

— אהא! — האט זיך סאקאר א כאפ געטהאן, טריאומ־

פירענדיג, און א פּאטש געטהאָן אין דיא הענד — אָט האט איהר דאס! צום סוף מודה געווען זיך! דיא רעגיערונג איז ביי דיא אידען פערקויפט, ביי דיא שמוציגע אידען! אונזער גאַנץ געלד מוז אריינפאַלען צו זיי אין דיא נעגעל אריין... דיא „וועלט־באַנק" וועט אויך איבער זיי מוזען פאַלען...

און ער האט גענומען פייערען אויף דיא אידען, זיין אַל־טען אידען־האַס ארויסוויוזענדיג. דיא אידען זיינען א פאָלק פון וואָכערניקעס, פּראָצענטניקעס, וואָס זויגען זייט הונדער־טע יאָהרען אוים דאָס בלוט ביי דיא פעלקער, צווישען וועלכע זיי לעבען. מען טרייבט זיי, מען שלאָגט און מען פערשפּייט זיי און דאָך קימערען זיי זיך ניט וועגען דעם און בעהערשען אַלץ מעהר און מעהר דיא לענדער, וואו זיי וואָהנען, פערכאַ־פּען דאס געלד אין זייערע גיריגע הענד, ביז ווען עס איז וועט דיא גאַנצע וועלט פון זיי בעהערשט ווערען.

איבערהויפּט האט ער ניט געשאָנעוועט גונדערמאַן'ען, דיעזען מעכטיגען אידישען באַנקיר, וועלכען ער האט אזוי גע־וואָלט צוברעכען און וועגען וועלכען דאס הארץ האט איהם געזאָגט, אז ער וועט פון איהם ניט גוט אפּשניידען, אויב ער וועט אמאָל ארויסטרעטען געגען איהם אין אָן אָפענעם קאמפּף. אָה, דער דאָזיגער גונדערמאַן! מיט'ן הארצען א דייטש, כאָטש ער איז געבאָרען אין פראַנקרייך! וויא עס ווייזט אוים, וואָלט ער גערן מיט זיין געלד געשטיצט דייטשלאַנד, און אפשר שטיצט ער טאָקי אויך שטילערהייט! האט ער איינמאָל זיך ניט אויסגעדריקט אָפען, אז ווען צווישען פריוסען און פראַנקרייך זאָל א מלחמה אויסברעכען, וועט פראַנקרייך גע־גען זיך האבען א מעכטיגען שונא?!

— קורץ, אורע, איך וויל, איהר זאָלט וויסען איינמאָל פאר אַלע מאָל, אז אויב ·מיין ברודער, דער מיניסטער ברענגט מיר ניט קיין נוצען, וויל איך איהם אויך קיין נוצען ניט ברייגגען. איך וועל אייך ערשט דאמאלס ערלויבען איהם צו ריהמען אין אונזער צייטונג, ווען איהר וועט אונז פון איהם בריינגען אזוינע ידיעות, וועלכע מיר וועלען קענען אויסנו־

צען פאר זיך. ביז דאמאלסט טארט איהר קיין איין גוט ווארט שרייבען וועגען איהם אין אונזער צייטונג. איהר פער־שטעהט?

אורע האט עס צו גוט פערשטאנען. א היבשע ווײלע האט ער ניט געוואוסט, וואס צו ענטפערען סאקאר'ן, ווארום ער האט מורא געהאט איינצורייסען וויא מיט איין ברודער אזוי מיט'ן אנדערען. צום סוף האט ער זיך אפגערופען:

— איך פערשפרעך אייך, אז איך וועל טהאן, וואס נור מעגליך איז, אום ארויסצוקריגען נויטיגע ידיעות פון דעם גרויסען מאן. ביי דער ערשטער ידיעה, וואס איך וועל ארויס־קריגען פון איהם, וועל איך קומען צופליהען צו אייך אויף א דראזשקע.

סאקאר, וועלכער האט אפגעשפיעלט זיין ראלע, האט דאן געזאגט מיט א שפאסיגען טאן:

— איך טהו דאך דאס אלעס פון אייערטוועגען, מיינע פריינד. איך ארבייט דאך נור פאר אייך אלע. איך אליין האב מיין פערמעגען שוין לאנג פערלארען און האב דאך אלע מאל פערלעבט א מיליאן יאהרליך.

און, ווענדענדיג זיך צו זשאנטרו, האט ער צוגעלייגט:

— איהר זעהט נור, אז דיא צייטונג זאל ווערען אביסעל לעבעדיגער... שטעלט אריין עטליכע וויצען דא און דארט, דאס פובליקום האט ליעב צו לעזען וויצען...

זשאנטרו האט פאראיבעל געהאט, וואס סאקאר מאכט איהם אזעלכע בעמערקונגען, ווארום ער אליין האט זיך געהאל־טען פאר זעהר א פעהיגען רעדאקטאר; דאך האט ער פער־שפראכען סאקאר'ן, אז ער וועט זיך סטארען, דיא צייטונג זאל ווערען לעבעדיגער. נאכדעם האט ער דערצעהלט א מעשה. וויא גאנץ אנשטענדיגע פרויען האבען איהם פארגעלייגט צו טא־טואירען דיא רייצענדסטע טהיילען פון זייער קערפער מיט דיא אנאנסען פון דער „וועלט־באנק“, און דיא אלע דריי מע־נער האבען זיך צולאכט און זיינען ווידער געווארען דיא בעסטע גוטע פריינד...

זשארדאן האט דערוויילע געענדיגט זיין ארטיקעל און האט מיט אונגעדולד געווארט אויף זיין פרוי, וועלכע האט געדארפט קומען מיט געלד פון איהרע עלטערן. עטליכע שרייבער זיינען אריין, ער האט מיט זיי א ווײַלע גערעדט, נאכדעם איז ער ארויסגעגאנגען אין פאַרצימער, צו זעהן, אויב זיין פרוי ווארט ניט אויף איהם.

עס האט אויף איהם געמאכט א שלעכטען איינדרוק, אז ער האט דאָרט דערזעהן דעזשוא'ן שטעהענדיג ביי דער טהיר פון זשאנטרו'ס צימער מיט'ן אויער צוגעלייגט צום שליסעללאָך און איינהערענדיג זיך, וואס סאקאר רעדט דאָרט, וועהרענד זיין טאָכטער נאטאליע איז געשטאנען ביי דער אויסענווענינגסטער טהיר און געהיט, אויב אימיצער געהט ניט.

— געהט ניט אריין איצט — האט דעזשוא ארויסגעשטאמעלט — הערר סאקאר איז נאָך דאָרט. מיר האט זיך אויסגעוויעזען, אז מען רופט מיך.

אין דער אמת'ן איז דעזשוא דאָרט געשטאנען, ווייל ער האט געוואָלט הערען, וואס זיי ריידען דאָרט וועגען אקציען. זייט ער האט געוואָלט הערען, וואס זיי ריידען דאָרט וועגען „וועלט־באנק" מיט דיא פיער טויזענד פראנק, וואס זיין פערשטאָרבענע פרוי האט איבערגעלאָזט, האט ער נור גאָט געבעטען, אז דיא אַקציען זאָלען אין פּרייז שטייגען. און גליקליך איז ער געווען, אָהן א שיער גליקליך, ווען ער האט געזעהן, וויא דיא דאָזיגע אַקציען הויבען זיך. פאַר סאקאר'ן איז ער אויף דיא קניע געלעגען, האט איהם אין דיא אויגען אריינגעקוקט, וויא א הונד, און האָט זיך געסטארעט צו טרעפען זיין מינדסטען וואונש. און ווען יענער איז אין קאבינעט אריין, האט ער זיך ניט געקענט איינהאלטען פון ניט צו'גנב'ענען זיך צו דער טהיר און אונטערהערען זיך, אום דיא פערבאָרגענסטע געדאנקען פון זיין גאָט אויסצוגעפינען.

אגב האט איהם צו דעם געטריעבען ניט א געפיהל פון געלד־זוכט, נור דיא שטאַרקע ליעבע צו זיין טאָכטער נאטאַליע'ן. ער האט אַזוי געוואָלט זיא זעהן גליקליך, זיא זאָל חתונה

האבען מיט'ן בוכ־בינדערס זוהן! ווען יעדע אַקציע זאָל שטיי־גען נאָך אויף הונדערט פראנק, דאן וואָלט ער שוין געהאט דיא גאַנצע זעקס טויזענד פראנק, וואס יענער האט געוואָלט נדן.

ביי דעם דאָזיגען געדאנק האט דאס הארץ ביי איהם געטאנצט פאר פרייד.

ער איז נאָך אונרוהיג געווען פון דעם, וואָס זשארדאן האָט איהם געטראָפען ביי דער טיהר אונטערהערענדיג זיך, און ער האָט ווייטער געשטאמעלט, און געוואָלט פארגלעטען דעם איינדרוק, וואָס אויף זשארדאן'ען האָט געמאכט זיין שטעהן ביי דער טיהר:

—נאַטאַליע איז איצט געקומען מיר זאָגען „גוט מאָר־גען" און זיא זאָגט, אז זיא האָט ערשט געטראָפען אייער פרוי, הערר זשארדאן.

— יאָ, מיין הערר—האָט דאָס מיידעל אונטערגעכאפּט—איך האָב זיא בעגעגענט לויפענדיג איבער דער רי פעדא. אה, זיא איז אַזוי געלאָפען!

דעזשוא האָט זיין טאָכטער ניט געשטערט ארויסצוגעהן ווען און וואוהין זיא האָט געוואָלט. ער האָט געזאָגט, אז ער קען זיך אויף איהר פערלאָזען. און ער האָט רעכט געהאט אויך. נאַטאַליע, דאָס שלאַנקע בלאָנדע מיידעל מיט דיא גרויסע אוי־גען, איז געווען אַזוי אויסגערעכענט און האָט אַליין זיך אַזוי געליעבט, אז קיין נארישקייט וואָלט זיא מיר נישט־דיר ניט קיינמאָל ניט בעגאַנגען...

זשארדאן האָט זיך פערוואונדערט:

— וויא?—האָט ער ארויסגערעדט—אויף **דער רי פעדאָ?..**

ער האָט שוין מעהר נישט געקענט פרעגען, וואָרים זיין פרוי, דיא שעהנע מארצעלא אליין, איז אין דיעזער צייט אריינ־געלאָפען אָהן אָ'ן אָטהעם.

גלייך האָט ער זיא אריינגעפיהרט אין אַ זייטיגען צימער, דאָרט איז אָבער געזעסען אַ שרייבער, האָט ער זיך מיט איהר אַוועקגעזעצט אין פאָרצימער אויף אַ באַנק.

— נו וואָס הערט זיך? — האָט ער געפרעגט.

— זעהסטו, מיין טהייערער, געלד האָב איך געקראָגען, נור עס איז מיר אָנגעקומען זעהר שווער.

זייט א היבשער צייט האָט מארצעלאָ בעמערקט, אז איה־רע עלטערן פערהאַלטען זיך צו איהר ניט מיט אזא ליעבע, וויא אין דיא פריהערדיגע צייטען. א נייע ליידענשאפט האָט זיי אוועקגעריסען פון איהר, און דאָס איז געווען: דאָס שפּע־קולירען אויף דער בערזע...

איהר פאָטער איז דרייסיג יאָהר אָפּגעווען א טוך־פאַב־ריקאַנט, האָט ניט לאַנג פערקויפט די פאַבריק און האָט זיך אין גאַנצען צוריקגעצויגען פון געשעפט.

אין יענער צייט האָט קיינער ניט גערעדט מיט אזא פער־אַכטונג פון דער בערזע און איהרע שפּעקולאַנטען, וויא דער אַלטער מאזשען, מאַצעלאָ'ס פאָטער. ער האָט אַנדערש ניט גערופען דיא שפּעקולאַנטען, וויא „גנבים", „בייטעל־שניי־דער" און אזוי ווייטער.

ווען ער האָט פערקויפט דיא פאַבריק, האָט ער זיך מיישב געווען, ער וועט אריינלייגען א ביסעל געלד אין אַקציען און פון דעמאָלט אָן האָט ער גענומען נאכפאָלגען דיא נייעס אויף דער בערזע, וואָס האָט איהם אַלץ מעהר און מעהר פעראינטערעסירט און געוועקט אין איהם א חשק צו שפּעקולירען. דיא גרויסע געווינסען אויף דער בערזע, דיא שפּעקולאַציאָנען, ביי וועלכע מענשען האָבען אין איין שטונדע מיליאָנען געמאַכט, האָבען איהם אין גאַנצען צודולט. א קאַטאָוועס עפּעס, ער האָט גאַנצע דרייסיג יאָהר געמוזט שווער ארבייטען, ביז ער האָט זיך אָנ־געלעבט א פערמעגען פון דריי הונדערט טויזענד פראַנק, און דאָרט, אויף דער בערזע, מאַכט מען עס אין איין שטונדע!

איצט האָט ער יעדען אין דער־פריה ביים פריהשטאָק נור גערעדט מיט זיין פרוי וועגען דיא גרויסע גליקען אויף דער בערזע און וואָס פאַר א מיליאָנער ער וואָלט שוין איצט געקענט זיין, ווען ער וואָלט אויך געשפּעקולירט.

זיין ווייב פלעגט אויף איהם נעהמען זיך בייזערען, אז בע־פער וואָלט זיא איהם וועלען זעהן א טויטען, איידער א שפּעקו־

לאַנט אויף דער בערזע. ער פלעגט זיך דאַן פאַרענטפערען פאַר איהר, אז ער מיינט אפילו ניט צו שפעקולירען, ער רעדט עס גלאַט אזוי, אום דיא צייט צו פערטרייבען.

נור איינמאָל, בעת זיין ווייב האָט איהם דערמאָנט וועגען זייער א'ן אלטען פּלאַן צו פערשעהנערען זייער הויז און גאָרטען, דורך בויען א'ן אראַנזשערעע, וואָס האָט געדאַרפט קאָסטען א זעקס טויזענד פראַנק, האָט ער ארויסגענומען זעקס טויזענד פראַנק און האָט איהר דערלאַנגט, זאָגענדיג, אז דאָס געלד האָט ער געוואונען אויף דער בערזע.

זיא האָט זיך דערפרעהט און האָט דאָך איהם פאָרווירפע געמאַכט, מעהר פון יוצא וועגען, ווארום ער שפיעלט.

און אויף אזא'ן אופן האָט דער אלטער זיך ארייגגעצויגען אלץ מעהר און מעהר אין דיא שפעקולאַציאָנען און האָט אָנגעפאַנגען צו געבען שטענדיגע אָרדערס צו א בערזען־קאָמיסיאָנער, צו קויפען פאַר איהם און פערקויפען אקציען.

עס מוז דאָ אויך באַמערקט ווערען, אז קאַפּיטאַן שאַווע, מאדאם מאַזשען'ס ברודער, האָט זעהר שטאַרק קריטיקירט זיין שוואָגער פאַר זיין שפעקולירען אויף דער בערזע.

עס איז טאַקע אמת, אז ער אליין האָט שטענדיג בעזוכט דיא בערזע. אָבער ער האָט עס געטהאָן, האָט ער געזאָגט, מחמת זיין פענסיע, וואָס ער האָט פון דער רעגיערונג געקראָגען, איז ניט גענוג געווען פאַר איהם אויף א לעבען צו מאַכען. חוץ דעם, האָט ער שפעקולירט מיט א חשבון. צוואַנציג פראַנק פערדיענסט א טאָג מעהר האָט ער נור געזוכט. אָבער שפעקולירען אויפ'ן גרויסען שטייגער,—דאָס איז נאָך זיין מיינונג געווען אן אמת'ער פערברעכען. ער האָט אויסגערעכענט, אז דיא פּראָצענטען, וואָס דיא פערשיעדענע בערזען־אגענטען נעהמען ארונטער און דיא טאַקסע, וואָס דיא רעגיערונג קריעגט דורך דיעזע ספעקולאַציאָנען, מאַכען אויס אכציג מיליאָן א יאָהר.

— אכציג מיליאָן א יאָהר! — פלעגט דער קאַפּיטאַן אויסשרייען — היינט מאַהלט זיך אויס, וויפיעל מענשען פער־

לירען, ווערען אונגליקליך, אז דיא פראצענטען נור אליין בעטרעפען אזא ריעזיגע סומע!

מארצעלא האט זיך מיישב געווען, צו זיא זאל דערצעהלען אלעם איהר מאן, צו ניט. נור אזוי וויא זיא האט ניט געקענט בעהאלטען פון איהם קיין סודות, האט זיא איהם דערצעהלט אלעם:

— איך בין געקומען צו זיי ניט אין דער ריכטיגער צייט. דער פאפא האט זיך פריהער ערשט געהאט מודה געווען פאר דער מאמע'ן, אז ער האט פערלארען צוויי טויזענד פראנק אין דער לעצטער שפעקולאציאן. דיא מאמע האט געמאכט א גוואלד, אז זיי וועלען צו גרונד געהן, אז ער לעזט קיינמאל ניט דיא צייטונג „פינאנסיר"; וואלט ער דיא צייטונג געלעזען, וואלט ער געוואוסט, וואס צו קויפען און וואס ניט. דערביי האט זיא געהאלטען יענע צייטונג אין האנד. דער פאפא האט זיך פערענטפערט, אז ער האט געפאלגט דיא עצה פון דעם פינאנס־ארטיקעל־שרייבער פון דער צייטונג „לאעספעראנצע" און האט דער ביי גענומען לעזען, וואס יענער ארטיקעל־שרייבער זאגט. דיא גאנצע הויז איז איצט פול מיט פינאנס־צייטונגען און געשרייען וועגען בערזע און שפעקולאציאנען, און איך וועל זיך גאר ניט וואונדערען, ווען דיא מאמע שפעקולירט אויך שטילערהייט...

דיא יונגע פרוי האט זיך שיער ניט צולאכט, בעת זיא האט גערעדט וועגען דעם.

— דאס ערגסטע דערביי — האט זיא גערעדט ווייטער — איז דאס, וואס ווען איך האב געבעטען ביי זיי, זיי זאלען מיר בארגען צוויי הונדערט פראנק, אום מיר זאלען ראטעווען אונזער מעבעל, האבען זייביידע זיך צושריען, אז איך וויל זיי בדלות שטעלען... איך האב זיי פשוט ניט דערקענט. זיי זיינען אלע מאל אזוי גוט געווען צו מיר; זיי זיינען אלע מאל גרייט געווען צו מאכען מיר דיא שעהנסטע פרעזענטען, אבי נור איך זאל פערגעניגען האבען און מיט אמאל — ווילען זיי מיר נישט ארויסהעלפען אין אזא ביטערער לאגע!

ניט אנדערש וויא זיי זיינען משוגע געווארען פון דיא שפע־קולאציאנען ! . . .

— איך האף, אז דו ביזט ניט צוגעשטאנען צו זיי — האט זשארדאן זיך אפגערופען — אז דו ביזט גענוג שטאלץ געווען . . .

— איך האב געמוזט צושטעהן צו זיי — האט זיא גע־זאגט — מיט מיין שטאלץ וואלט איך אונזער מעבעל ניט געראטעוועט. דעמאלט האבען זיי גענומען ריידען אויף דיר, אויף דיין שרייבען, האבען מיר פארווירפע געמאכט, אז זיי האבען מיך פריהער געווארענט, אז פון דיין שרייבען אין דיא צייטונגען וועלען מיר קיין ברויט ניט האבען. דאן בין איך בייז געווארען און האב שוין געוואלט אוועקגעהן, נור אין מי־טען דערינען איז אריינגעקומען דער פעטער, קאפיטאן שאווע, וועלכער האט מיך ליעב, דו ווייסט דאך. ער האט זיי אבי־סעל בערוהיגט און שפעטער א ווייל, ווען איך בין שוין גע־ווען ביי דער טהיר, האט דיא מאמע מיר אריינגעשפארט אין האנד א פופציג פראנק שטיק.

— פופציג פראנק ! — האט זשארדאן אויסגעשריען — און דו האסט גענומען ? איך האף, אז ניט.

מארצעלא האט איהם ווייך אנגענומען ביי דער האנד.

— ניין, איך האב דאס געלד יא צוגענומען און בין מיט דעם גלייך אוועק צום שעריף. ער האט אבער ביי מיר ניט גע־וואלט נעהמען קיין פופציג פראנק, ערקלעהרענדיג, אז ער קען נעהמען דאס גאנצע געלד, וואס עס קומט הערר בוש'ן אדער גאר ניט. . בין איך אוועק צו דעם בוש'ן . . . אוי, דער בוש, וואס פאר א מיאוס'ער מענש דאס איז ! ער האט צו־גענומען דיא פופציג פראנק און האט אונז געגעבען צוויי וואָ־כען צייט.

זשארדאן איז גערירט געווארען, זיינע אויגען זיינען פערלאפען מיט טרעהרען און ער האט ארויסגערעדט:

— און דו האסט עס געטהאן, מיין ליעבע, דו האסט עס אלעס געטהאן ?

— געווים האב איך עס געטהאָן, איך וויל ניט זיי זאָ־לען דיך מוטשען. איך וועל בעסער אליין אריבערטראָגען אונ־אנגענעהמליכקייטען, אבי זיי זאָלען דיך לאָזען רוהיג אר־בייטען!

זיא האָט זיך פריי צולאַכט, דערצעהלט איהם, וויא זיא איז אריין אין בוש'ס שמוציגען צימער, וויא ניט העפליך ער האָט זיא אויפגענומען, וויא ער האָט איהר גענומען סטראשען, אז ער וועט קיין פאָדים נישט איבערלאָזען, אויב מען וועט איהם גלייך ניט בעצאָהלען דעם גאנצען חוב. זיא האָט איהם אָבער אויך פארגעבען, האָט איהם געזאָגט, אז ער איז א גנב; אז דיא וועקסלען אויף דיא דריי הונדערט פראנק האָט ער אודאי געקויפט צווישען אלטע פאפיערען. זיי קאָסטען איהם אודאי עטליכע סענטימס און ער האָט נאָך צוגעשריבען אונקאָסטען איבער זיעבען הונדערט און דריי־סיג פראנק. בוש איז אין כעס געוואָרען און האָט זיך גענומען שווערען, אז דיא וועקסלען קאָסטען איהם גראָד טהייער; אז ער האָט א סך צייט פערלאָרען, פיעל מיה דורך דיא גאנצע צוויי יאָהר, איידער ער האָט אויסגעפונען, וואו זשארדאן וואוינט און וואו ער ארבייט. צום סוף האָט ער דאָך צוגענומען דיא פופציג פראנק, ער טהוט עס מיר א טובה — האָט ער געזאָגט...

— אה, וואָס פאר א בראווע ווייבעל דו ביזט! — האָט זשארדאן אויסגעשריען — און וויא איך ליעב דיך! וויפיעל איז דיר פארבליבען? האָט ער שטילערהייט צוגעלייגט.

— זיעבען פראנק.

— זעהר גוט — האָט ער מיט פרייד ארויסגערעדט — דאָס וועט אונז זיין גענוג אויף צוויי טעג און איך וועל ניט דארפען היינט בעטען קיין געלד אין פאָראויס. זיי וואָלטען מיר סיי־וויא ניט געבען. מאָרגען וועל איך פרואווען אריבער־געהן אין דער רעדאקציאָן פון דער צייטונג „סיעקעל“, אפשר וועט מען דאָרט מיינע ארטיקלען וועלען דרוקען... אה, ווען איך וואָלט מיין גאָוועלע געענדיגט!...

— זאָרג זיך ניט, מיין טהייערער — האָט זיא זיך אָפּ־נערופען — מיט דער צייט וועט זיך אַלעס ביי אונז פערבע־סערען. דו וועסט שוין זעהן!... געהסט איצט מיט מיר אהיים, יאָ? איך האָב געזעהען אויף די קלישי זעהר גוטע הערינג, מיר וועלען קויפען א פּאָאָר פאר מאָרגען אויף פריה־שטיק. פאר היינט האָבען מיר געפּרעגעלטע קארטאָפעל.

זשאַרדאַן האָט א בעט געטהאָן זיינעם א קאָלעגע צו לעזען פאר איהם דיא קאָרעקטור און איז נאָכדעם אװעק מיט זיין פרוי. אויף דיא טרעפּ האָבען זיי אָנגעטראָפען סאקאר'ן און אורע'ן, װעלכע האָבען אויך פערלאָזען דיא רעדאַקציאָן.

אין דער זעלבער צייט װען סאקאר און אורע זיינען ארויס אין דרויסען, האָט זיך נעבען דער רעדאַקציאָן אָפּגעשטעלט א קארעטע און פון איהר איז אַרויסגעשפּרונגען דיא שעהנע באַראָנעסע סאנדארף, װעלכע האָט צו זיי ביידען א מאך גע־טהאָן מיט'ן קאָפּ און איז אַװעקגעלאָפען איבער דיא טרעפּ, װאָס האָבען געפיהרט צו דער רעדאַקציאָן.

סאקאר האָט זיך אומגעקוקט אויף איהר מיט בלישצענ־דיגע אויגען.

דיא באַראָנעסע פלעגט אמאָל קומען צו זשאַנטרו'ן אין דער רעדאַקציאָן, אום געװואָהר צו װערען פון איהם, װיא עס שטעהן בערשיעדענע אַקציען.

זיא פלעגט זיך קיינמאָל ניט װעלען צוזעצען, בעת זשאַנטרו האָט איהר איינגעלאַדען זיך זעצען. זיא פלעגט נור אריינקומען, געזאָגט איהם „גוט מאָרגען“ און געפרעגט, צו װייסט ער עפּעס ניט קיין נייעס.

זיא האָט זיך מיט איהם איצט אויך אויפגעפיהרט װיא אין דיא אַלטע צייטען, װען ער איז נאָך געװוען אַן אָרימער בער־זען־קאָמיסיאָנער און פלעגט יעדען טאָג קומען צו איהר פאָ־טער לאַנדיריקור נאָך אַן אָרדער. איהר פאָטער איז געװוען א װילדער מענש און זיא האָט קיינמאָל נישט געקענט פארגע־סען, װיא ער האָט איינמאָהל זשאַנטרוען ארויסגעשטויסען מיט'ן פוס פון זיין הויז, װען ער איז בייז געװוען, מחמת ער

האָט פערלאָרען אַ בעדייטענדע סומע אויף דער בערזע. איצט, ווען זשאַנטרו איז געשטאַנען אין דער שפּיצע פון אַ צייטונג, האָט זיא געדיינקט, אַז פון איהם וועט זיא ארויסקריעגען אַלע וויכטיגע נייעס בנוגע דיא שפּעקולאַציאָנען אויף דער בערזע.

— נו, וואָס הערט זיך ?... ניטאָ קיין נייעס ?...

—עהרענוואָרט, איך וויים גאָר נישט.

זיא האָט זיך אָבער צוגעשמייכעלט צו איהם, זייענדיג איבערצייגט, אַז ער וויים יאָ, נור וויל איהר ניט זאָגען. אום פון איהם עפּעס ארויסצוקריעגען, האָט זיא גענומען ריידען וועגען דער מלחמה, וואָס וועט זיין צווישען עסטרייך, פּרייסען און איטאַליען. דיא איטאַליענישע ווערטה־פּאַפּיערען פאַלען און מיט זיי אַנדערע ווערטה־פּאַפּיערען. זיא איז אין אַ גרויסער פערלעגענהייט: זיא וויים ניט, וואָס זיא מאָג איצט יאָ קויפען און וואָס ניט.

— און אייער מאַן קען אייך גאָר ניט ראַטהען ? — האָט זשאַנטרו זיך אָפּגערופען מיט אַ שפּאָטישען טאָן — ער דאַרף דאָך אודאי וויסען, ער איז דאָך אַ קאָנסול...

— אָה, מיין מאַן — האָט זיא ארויסגעמורמעלט במעט מיט פעראַכטונג — פון איהם קען איך גאָר נישט דערגעהן !

ער האָט ווייטער געשפּאַסט מיט איהר און איהר אַן אָנצוהערעניש געגעבען וועגען דעם אָבער־פּראָקוראָר, דעל־קאַמברי, וועלכער, ווי מען האָט דערצעהלט, האָט אַמאָל געדעקט איהר פערלוסט אויף דער בערזע מיט זיין געלד.

— און אייערע גוטע פריינד ? זיי וויסען אויך גאָר נישט ? אין'ם קעניגליכען הויף אָדער אין געריכטס־זאַאל קענען זיי גאָר נישט דערגעהן וועגען דער בערזע ?

זיא האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַקוראַט וויא זיא וואָלט ניט פערשטאַנען, וואָס ער מיינט און האָט ניט ארונטערגענומען איהרע וואונדער־שעהנע אויגען פון איהם.

זיא האָט איהם ווידער גענומען בעטען:

— נו, הערר זשאַנטרו, זאָגט... זייט ליעבענסווירדיג... איהר וויסט עפּעס...

זשאַנטרו האָט זיא אָנגעקוקט מיט פוטערדיגע אויגען. שוין איינמאָל האָט ער געוואָגט איהר צו געבען אַן אָנצוהערע־ניש, אַז ער וואָלט אויך וועלען, זיא זאָל זיין צו איהם אַביסעל ליעבענסווירדיג... זיא האָט זיך אָבער דאַן אַ שטעל געטהאָן נעגען איהם מיט אַזאַ צאָרן, אַז ער האָט זיך דעמאָלט אַ וואָרט בעגעבען, ניט צו פּרואווען מעהר...

אָבער איצט האָט ער ווידער געפּרואווט:

— ליעבענסווירדיג? פאַר וואָס זאָל איך עפּעס זיין גע־גען אייך ליעבענסווירדיג? זייט איהר אַמאָל ליעבענסווירדיג געגען מיר?

אין איין מינוט איז זיא גאָר אַן אַנדערע געוואָרען. אויף איהר פּנים האָט אַרויסגעטראָטען אַן ערנסטער אויסדרוק און איהרע אויגען האָבען איהם אָנגעקוקט מיט כעס. זיא האָט זיך אַ דרעה געטהאָן צו איהם מיט'ן רוקען און געוואָלט שוין אַוועקגעהן, ערשט ער האָט זיא ווידער אָפּגעשטעלט מיט דיא ווערטער:

— איהר האָט דאָך אויף דיא טרעפּ באַגעגענט סאַקאַר'ן, ניין?... ווארום האָט איהר ביי איהם ניט געפרעגט? ער וואָלט דאָך אייך ניט געקענט ענטזאָגען...

זיא האָט זיך שנעל אַ קעהר געטהאָן צו איהם.

— וואָס מיינט איהר מיט דיא ווערטער, אַז ער וואָלט מיר ניט געקענט ענטזאָגען?...

— וואָס איך מיין?... דאָס קענט איהר שוין אַליין פערשטעהען... וואָס מיינט איהר אַז ס'איז אַ סוד? איך האָב אייך אַמאָל געטראָפען ביי איהם אין הויז און איך ווייס, וואָס דאָס מיינט, ווען אַ פרוי קומט צו סאַקאַר'ן אַהיים!...

זיא האָט אַ ציטער געטהאָן. דער גאַנצער שטאָלץ פון איהר געשלעכט האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעכאַפּט אין איהר. דאָך האָט זיא זיך בעהערשט, האָט נור אַרויסגערעדט מיט אַ קלאָהרער, שאַרפער שטימע:

— הערט נור, מיין הערר, ווער מיינט איהר, בין איך? איהר זייט משוגע!... ניין, איך בין ניט אייער סאַקאַר'ס!

מיט איהם האב איך קיינמאל ניט געוואלט האבען צו טהאן !...
ער האט זיך העפליך פארנייגט פאר איהר:

— אויב אזוי — האט ער געזאגט — האט איהר ניט גוט געטהאן... דעם צווייטען מאל זאלט איהר אזא טהייערע געלעגענהייט ניט ארויסלאזען... ביי איהם קענט איהר ווי־סען דיא אלע נייעס, וואס איהר זוכט...

און הערענדיג דיעזע ווערטער, האט דיא באראנעסע קיין בעסערען אויסוועג ניט געפונען, וויא צו לאכען זיך און ארייג־פאלען אין זיין ציניזשען טאן.

זיא האט איהם קאלט א דריק געטהאן דיא האנד און האט פערלאזען דיא רעדאקציאן.

אם פופצעהנטען יוני האט אויסגעבראכען א מלחמה צווי־שען איטאליען און עסטרייך. אין דער זעלבער צייט האט פרייסען דעמאלט אויך אין פערלויף פון צוויי וואכען איינגע־נומען האנאווער און העססען; פראנקרייך אבער האט זיך פון ארט ניט געריהרט.

אויף דער בערזע האט מען זיך גע׳סוד׳עט, אז צווישען פראנקרייך און פרייסען איז פאראן א געהיימער אפמאך, לויט וועלכען דער פראנצויזישער רעגיערונג איז פערשפראכען גע־ווארען א בעלוינונג, אויב זיא וועט זיך האלטען נייטראל.

אלע ווערטה־פאפיערען זיינען נאך ניעדריגער געפאלען, ווען אם פערטען יולי איז אנגעקומען דיא ידיעה פון סאדאווא, וועגען דעם נייעם נצחון פון פרייסען. מען האט גערעכענט, אז דיא מלחמה וועט זיך פערציהען אויף א לאנגע, לאנגע צייט, ווארים באטש עסטרייך האט פערלארען אין דער מלחמה געגען פרייסען, האט זיא מנצח געווען אין דער מלחמה געגען איטא־ליען, און מען האט גערעדט, אז זיא נעהמט צונויף איהר גאנצע ארמיי פון בעהמען. אויף דער בערזע זיינען נור געווען אר־דערס צו פערקויפען, אבער קויפער זיינען גאר ניט געווען.

אין דעם זעלבען פערטען יולי איז סאקאר געקומען אין דער רעדאקציאן ערשט נאך זעקס פארנאכט. זשאנטרו איז אין זיין צימער ניט געווען, ווארים אין דער לעצטער צייט איז

ער גאַנץ אָפּט אַוועק אין מיטען דערינגען פון דער רעדאַקציאָן אויף עטליכע שעה. און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער אויסגעזעהן מורא'דיג מיעד און געבראָכען, מיט פארנעבעלטע אויגען. מען האָט נישט געוואוסט, וואָס רואינירט איהם מעהר: דער אַלקאָהאָל אָדער דיא פּרויענצימער...

אין דער רעדאַקציאָן איז דעמאָלט קיינער ניט געווען. נור דעזשווא איז געזעסען אין פּאָרצימער און געגעסען זיין מיטאג אויף א ברעג טיש.

סאַקאַר האָט אָנגעשריעבען צוויי בריעף און האָט שוין גע־וואָלט אַוועקגעהן, ערשט פּלוצים איז אורע אַריינגעפלויגען מיט אַ'ן אימפּעט און האָט אפילו דיא טיר ניט פערמאַכט הינטער זיך.

ליעבער פריינד, ליעבער פריינד!..

ער איז שיער ניט דערשטיקט געוואָרען פאַר אויפרעגונג און האָט מיט ביידע הענט געדריקט זיין ברוסט.

—איך קום פון רוגאן'ען... איך בין געלאָפען צופוס, ווייל איך האָב קיין דראָזשקע ניט געקראָגען... ענדליך האָב איך עפּעס אַרויסגעקראָגען... רוגאַן האָט ערהאַלטען פון דאָרט א דעפּעשע... איך אַליין האָב זיא געלעזען... א נייעס, א נייעס!..

מיט א העפטיגער בעוועגונג האָט סאַקאַר איהם געהייסען שווייגען און איז געלאָפען צומאַכען דיא טיהר, וואָרים ער האָט בעמערקט, אַז דעזשווא הערט זיך צו.

— איצט רעדט, וואָס איז געשעהן?

— דער עסטרייכישער קייזער גיט דעם פראַנצויזישען קייזער וועגעציא אָב, ווייל ער האָט אָנגענומען צו זיין דער פערמיטלער וועגען שלום. נאַפּאָלעאָן וועט זיך איצט ווענדען צום פּרייסישען קעניג און צו איטאַליען וועגען שלום...

זיי האָבען ביידע א ווייל געשוויעגען.

— וועט, הייסט עס, זיין שלום? — האָט סאַקאַר אונ־טערבראָכען דאָס שווייגען.

— זיכער!..

פאר גרויס בעגייסטערונג האט זיך סאקאר גענומען זיד־לען:

— צום טייפעל—האט ער געזידעלט—און אויף דער בער־זע שפעקולירט מען נור אויף פאלען!.. ווייס נאך אימיצער פון דער נייעס?..

— ניין, דיא דעפעשע האלט מען נאך בסוד. זיא וועט נאך מארגען ניט זיין געדרוקט אין דער רעגיערונגס־צייטונג. נאך א מעת־לעת א׳ן ערך וועט געדויערען, ביז מען וועט זיא פערעפענטליכען.

סאקאר׳ן האט א בליץ געטהאן אין מוח. ער איז וויעדער־צוגעגאנגען צו דער טיהר, האט זיא געעפענט, אום צו זעהן, אויב קיינער הערט ניט, וואס זיי ריידען. נאכדעם איז ער וויע דער צוגעגאנגען צו אורע׳ן און, טרויסלענדיג זיך אין גאנצען פאר אויפרעגונג, האט ער איהם אנגעכאפט ביי דיא לאצען פון׳ם ראק:

— שווייגט, איהר הערט?! רעדט נישט קיין ווארט! אויב גונדערמאן ווייס נאך ניט דערפון... איהר פערשטעהט?. קיין האלב ווארט פאר קיינעם אין דער וועלט ניט! ניט פאר אייערע פריינד, ניט אפילו פאר אייער אייגענער ווייב! עס איז גראד א גליק, וואס זשאנטרו איז ניטא דערביי; איצט וועלען מיר נור זאלבענאנד וויסען פון דעם און מיר וועלען קע־נען האנדלען... אהָ, איך מיין נישט פאר זיך אליין צו ציהען פון דעם נוצען, נור אויך פאר אייך און פאר אלע אונזערע קא־לעגען פון דער „וועלט־באנק", נור עס איז שווער איינצוהאל־טען א סוד, ווען עטליכע מענשען ווייסען... אלעס איז פער־לארען, אויב מארגען האט ווער כאטש א׳ן אהנונג פון דעם...

אורע איז שמארק אויפגערעגט געווארען, ווען ער האט פערשטאנען, וואס פאר א געוואלדיגע געשעפטען זיי קענען איצט מאכען, און ער האט פערשפראכען ניט ארויסצורײדען זיך פאר קיינעם. דאן האבען זיי צווישען זיך צוטהיילט דיא ארבייט און האבען בעשלאסען אנהייבען גלייך צו טהאן.

סאקאר האָט אָנגעטהאָן דיא הוט און פּלוצים האָט ער זיך װיעדער געװענדעט צו אורע'ן:

— האָט עס רוגאָן אײך געהײסען מיר איבערגעבען דיא דאָזיגע נײעס?

— געװיס.

אורע האָט עס נישט באַלד געענטפערט, װאָרים אין דער אמת'ען איז דאָס געװעזען אַ ליגען. רוגאָן האָט גאָר ניט געװאוסט, אַז ער האָט איבערגעלעזען דיא דעפּעשע. זיא איז געלעגען בײם מיניסטער אויף'ן טיש און װען אורע איז אויף אַ װײלע געבליעבען אַלײן בײם מיניסטער אין קאַבינעט, האָט ער אויף גיך איבערגעלעזען דיא דעפּעשע. דאָך איז אורע צופריעדען געװעזען פון דעם ליגען, װאָרים פאַר איהם האָט זיך געלוינט, אַז צװישען דיא ברידער זאָל זײן שלום.

— איך מוז צוגעבען—האָט סאקאר געזאָגט—אַז מײן ברודער האָט דיעזען מאָל זעהר פײן געהאַנדעלט געגען מיר. איצט זאָלען מיר געהן, אַ שאָד דיא צײט!

אין'ם פּאַרצימער איז נאָך אַלץ געװעזען דעזשוא אַלײן. ער האָט זיך געסטאַרעט אונטערצוהערען, האָט אָבער קײן װאָרט נישט געכאַפּט. דערשמעקט אָבער האָט ער יאָ, אַז אין דער לופט טראָגען זיך גרויסע פּעדריענסטען, און דאָס האָט איהם אַזױ צורודערט, אַז װען סאַקאַר מיט אורע'ן זײנען ארויסגע־גאַנגען, איז ער צוגעלאָפען צום פענסטער, אום צו זעהן זײ דורכגעהענדיג דעם הויף.

דיא הויפּט שװעריגקײט איז געלעגען אין דעם, װאָס זײ האָבען געמוזט האַנדלען שנעל און פּאַרזיכטיג. דעריבער האָ־בען זײ זיך אײך דער גאַס באַלד צושײדט. אורע האָט זיך אונטערגענומען צו געהן אויף דער קלײנער אַבענד־בערזע און סאקאר איז אַװעק זוכען מעקלערס און קאָמיססיאָנערען, אום זײ צוגעבען אָרדערס, צו קויפען אַקציען. דיא דאָזיגע אָרדערס האָט ער געװאָלט אײנטהײלען אַזױ, אַז קײנעם זאָל ניט אויפ־פּאַלענד װערען, װארום ער קויפט מיט אַמאָל אַזױ פיעל אַק־

ציען. ער האָט אויך געוואָלט טרעפען זיך מיט דיא מעקלערס און קאָמיססיאָנערען צופעליג און נישט געהן צו זיי אהיים.

צום גליק האָט ער באַלד געטראָפען אויף'ן בולוואר דעם בערזען־מעקלער יאַקאָבי, מיט וועלכען ער האָט אפריהער שפּאָס געמאַכט, נאכדעם האָט ער איהם געגעבען א גאַנץ גרויסען אָר־דער, כלומרשט נישט ווילענדיג. נאָכדעם האָט ער געטראָפען א הויכע בלאָנדע פּרויענצימער, דעם מעקלער דעלאַראַק'ס גע־ליעבטע, און ווען ער האָט זיך פון איהר דערוואוסט, אז זיא וועט זיך ביינאַכט מיט יענעם זעהן, האָט ער זיא געבעטען, אז זיא זאָל איהם איבערגעבען א קאַרטע, אויף וועלכער ער האָט אויפגעשריעבען עטליכע שורות מיט א בלייפעדער.

נאכדעם איז ער אוועק אין א רעסטאָראַנט, וואו מאַזא האָט פערבראכט מיט עטליכע זיינע חברים ביי א'ן אבענד־ברויט; ער האָט איהם אויך געגעבען א'ן אָרדער.

אָבער דאָס גרעסטע גליק האָט איהם געטראָפען, ווען ער איז שוין געגאַנגען אהיים ארום צוועלף ביינאַכט: פּלוצים האָט איהם אָפּגעשטעלט מאַססיא, וועלכער איז פון טהעאַטער־געגאַנגען. ער האָט איהם געבעטען בעגלייטען א ביסעל. אויף'ן וועג האָט ער יענעם דערצעהלט, אז ער גלויבט, דיא אַקציען וועלען נעהמען שטייגען, נאַטירליך, ניט אזוי גיך! דערווייל־ע האָט ער איהם געגעבען עטליכע אָרדערס פאַר נאַטהאַנסאָן'ען און אַנדערע בערזען־מעקלערס, בעמערקענדיג דערביי, אז ער קויפט עס אויף דעם פערלאַנג פון עטליכע זיינע בעקאַנטע.

ווען ער איז שפּעטער געגאַנגען שלאָפען, האָט ער שוין געהאַט געגעבען אָרדערס אויף פינף מילליאָן פראַנק.

אויף מאָרגען, אום זיעבען אין דער־פריה, איז שוין אורע געווען ביי סאַקאַר'ן אין דער היים און האָט איהם דער־צעהלט, אז ער האָט אויף דער קליינער אבענד־בערזע געמאַכט אָרדערס אויף א מילליאָן. דאָס איז אָבער זיי ניט גענוג געווען און זיי האָבען בעשלאָסען דעם גאַנצען טאָג ווייטער צו קויפען.

זיי האָבען זיך א כאָפּ געטהאָן צו דיא צייטונגען, צו זעהן, אויב קיינער וויים נאָך ניט פון דעם סוד. ניין, דיא צייטונגען

האבען נאך ניט געוואוסט. זיי האבען נאך אלץ געשריעבען וועגען דער מלחמה, דרוקענדיג לאנגע דעפעשען פון'ם שלאכט־פעלד. אויב ביז צוויי אוהר נאכמיטאג וועט קיינער דערפון ניט וויסען, וועלען זיי דאס גאנצע געלד פון דער בערזע פער־כאפען און דער גוואלדיגער צוג געגען דיא אידען, וויא סאקאר האט זיך אויסגעדריקט, וועט געלינגען.

דעם גאנצען פריהמארגען איז סאקאר ארומגעלאפען און געשמעקט דיא לופט, אויב אימיצער וויים ניט פון דעם סוד. ער איז געווען אזוי נערוועז, אז ער האט קיין געדולד ניט גע־האט צו פאהרען און איז ארומגעלאפען צופוס.

ער איז פערגאנגען צו קאלב'ן, וואו דאס קלינג־קלאנג פון דיא גאלדענע מטבעות האט איהם פרעהליך בעגריסט. ער האט זיך באהערשט און האט דעם באנקיר קיין ווארט ניט דער־צעהלט וועגען דעם, וואס ער וויים און וואס ער געהט טהאן.

נאכדעם איז ער ארויף צו מאזא'ן און האט זיך איבער־צייגט, אז ער וויים אויך נישט פון דעם סוד. נור דער קליינער פלארי האט אויפגעוועקט אין איהם א חשד מיט זיין אונטער־הנפ'ענען זיך צו איהם. דאס איז אבער געווען דערפאר, ווייל פלארי האט איהם זעהר בעוואונדערט פאר זיינע גרויסע פעהיג־קייטען, וואס ער האט ארויסגעוויעזען אלס פיהרער פון דער „וועלט־באנק", און אזוי וויא מאמזעל טשושו האט איהם גענו־מען אפקאסטען שטיקער געלד, האט ער געזוכט מיטלען, וויא אזוי צו מאכען גענוג געלד, אום איהם זאל סטאיען פאר זיין מאמזעל. דיא לעצטע צייט איז ער געפאלען אויף א פלאן צו מאכען קליינע שפעקולאציאנען. אבער אויף וואס שפעקולירט מען? האט ער בעשלאסען צו שפעקולירען אויף דיא אקציען, אויף וועלכע דער גרויסער פינאנץ־זשעני סאקאר וועט שפעקו־לירען.

אט דערפאר האט ער זיך אזוי אונטערגע'חנפ'עט צו סאקאר'ן און האט געזוכט ארויסצוקריעגען פון איהם, וואס פאר א'ן אקציען ער האט בעשטעלט צו קויפען.

ביים פריהשטיק אין רעסטאראנט שאמפא האט ער זיך

זעהר דערפרעהט, ווען ער האט דערהערט, וויא מאזא און פי־לערא אפילו בעקלאגען זיך, אז דער קורס וועט נאך פאלען און פאלען.

האלב־איינס איז סאקאר שוין געשטאנען אויף'ן בערזען־פלאטץ. ער האט געוואלט, וויא ער האט זיך אויסגעדריקט, זעהן, וויא דיא שפעקולאנטען קלייבען זיך צונויף אויף דער בערזע.

דיא היטץ האט געשטיקט, דיא זונן האט געברענט אזוי, אז אויף דיא ווייסע טרעפ פון דער בערזע און אויף דיא גא־לערעען האט געפארעט וויא א ברענענדיגער קאלך־אויווען. דיא ליידיגע שטוהלען האבען געקרעכצט אונטער דער דאזיגער שטיקענדיגער היטץ. דיא שפעקולאנטען זיינען געשטאנען בע־האלטען פון דער זונן אין דיא שאטענס הינטער דיא זיילען.

פלוצלונג האט סאקאר דערזעהן אין'ם גארטען אונטער א בוים בוש'ען מיט פרוי מעשען'ען, וועלכע האבען נעקוקט אויף איהם און געשושקעט זיך.

איהם האט זיך אויסגעוויעזען, אז זיי ווילען צוגעהן צו איהם. זאל דאס מעגליך זיין, אז דיא דאזיגע ברואים האבען דערשמעקט?... עס האט איהם א שוידער געטהאן.

אין דער זעלבער צייט האט איהם אימיצער אנגערופען, ער האט זיך א קעהר געטהאן און האט דערזעהן אויף א באנק מאזשענד'ען און דעם קאפיטאן שאווע. זיי האבען זיך גע־קריעגט, ווארום מאזשענד האט געלאכט פון דעם קאפיטאן, פאר וואס ער שפיעלט נור צו פערדיענען צוואנציג פראנק א טאג. היינט, האט ער געזאגט, קען יעדער איינשטעלען גרויסע סוממען „אויף פאלען“, ווארים עס איז קלאהר, וויא טאג, אז דער קורס מוז ווייטער פאלען. און מאזשענד האט צוגערופען סאקאר'ן, אום זיין מיינונג צו פרעגען, אויב ער איז ניט גע־רעכט.

— ניט אמת, הערר סאקאר—האט מאזשענד זיך צו איהם געווענדעט—אז דער קורס מוז נאך פאלען. איך געה היינט איינשטעלען מיין גאנצען פערמעגען.

סאקאר האָט איהם געענטפערט מיט א שמייכעל און מיט א'ן אונבעשטימטען שאָקעל מיט'ן קאָפּ. אין הארצען אָבער האָט איהם פערדראָסען, ווארום ער ווארענט ניט דעם דאָזיגען מענשען, וועלכער וועט היינט זיכער פערליערען זיין גאנצען פערמעגען, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פאר א גאנץ לעבען אר־בייט. ער האָט איהם געקאָנט פון דיא אַלטע יאָהרען, בעת ער איז נאָך געווען א קלוגער און פּראַקטישער טוך־פאבריקאנט, ווען ער האָט נאָך דיא שפּעקולאנטען געהאלטען פאר גנבים, פאר בייטעל־שניידער.

פערפאַלען אָבער: ער האָט איהם ניט געקענט זאָגען, ער זאָל היינט ניט שפּיעלען—אין שפּעקולאציאָנען איז קיין יושר און רחמנות ניטאָ!..

אין דיעזען אויגענבליק האָט ער דערזעהן, וויא דיא קאַ־רעטע פון דער באַראָנעססע זאנדארף, וואָס איז פערביינעפּאָה־רען, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער רי לע־באנקא. ער איז אונרוהיג געוואָרען: איהר מאַן, דער עסטרייכישער קאָנסול, וויים אודאי דעם סוד און האָט איהר געוויס געזאָגט. זיא קען נאָך פאר ועמען ארויסבאַלבען, און דאן איז אַלעם פאַרלאָרען. ער איז צוגעגאנגען צו איהר קאַרעטע, האָט העפליך דיא הוט אַרונטערגענומען און זיך פערנייגט.

— נו, וואָס הערט זיך, הערר סאקאר? — האָט זיא איהם געפרעגט, ארויסרוקענדיג דעם שעהנעם קאָפּ דורך'ן פענסטער פון דער קאָרעטע: — דער קורס פאַלט ווייטער?..

ער האָט געמיינט, אַז דאָס וויל זיא איהם נארען, און ער האָט געענטפערט:

— געוויס, גנעדיגע פרוי.

נור נאכדעם, ווען ער האָט דערזעהן, אַז זיא קוקט אויף איהם מיט אַנגסט, מיט יענער אונרוהיגקייט אין דיא אויגען, וועלכע איז איהם גוט בעקאַנט געווען, האָט ער פערשטאַנען, אַז זיא וויים אויך גאָר נישט, און דאָס הארץ אין זיין ברוסט איז אוועק טאַנצען פון פרייד.

— אלזאָ, הערר סאקאר, וועט איהר מיר גאָר נישט זאָ־גען?

— אז איך וויים אליין גאָר נישט—האָט ער אויסגעשריען —איך וויים ניט מעהר פון אייך, גלויבט מיר!

ער האָט זיך פערנייגט פאר איהר און איז אוועקגעגאַנגען, טראַכטענדיג:

— דו ביזט ניט געווען פריינדליך מיט מיר, וועל איך היינט האָבען דאָס פערגניגען צו זעהן, וויא דו פאַלסט אריין... אפשר וועסטו נאכדעם זיין פריינדליכער מיט מיר...

נאָך קיינמאָל האָט ער זיא אזוי ניט באַגעהרט, וויא אין דער לעצטער צייט; ער האָט אָבער געהאָפט, אז מיט דער צייט וועט זיא דאָך ערפילען זיין וואונש.

צוריקגעהענדיג אויף'ן בערזען־פּלאַץ, האָט איהם א קלאַפּ געטהאָן אין הארצען, ווען ער האָט דערזעהן פון דער וויטענס גונדערמאַן'ען.

וויא קליין ער האָט זיך איהם ניט אויסגעוויזען פון דער וויטענס, דאָך איז דאָס געווען ער אליין, מיט זיינע לאַנגזאַמע טריט, מיט'ן בלייכען פנים אין דער הויך; אויף קיינעם האָט ער זיך ניט אומגעקוקט; ער איז געגאַנגען אליין מיט זיין געוועהנליכער גאוה פון א קעניג דורך דער מענגע.

ער האָט געקוקט אויף איהם מיט שרעק. ער איז זיכער געווען, אז גונדערמאַן וויים שוין אלעס... און, ווען ער האָט אין א ווײַלע ארום נאָך דערזעהן, אז נאטהאנסאָן איז צו יענעם צוגעלאָפען, האָט סאקאר גערעכענט, אז זיין גאַנצער עסק איז פערלאָרען. באַלד אָבער האָט ער זיך ווידער בערוהיגט: ער האָט דערזעהן, אז נאטהאנסאָן האָט זיך צוריקגעקעהרט פון גונ־דערמאַן'ען מיט א'ן ענטוישטער מינע. און גלייך נאכדעם איז זיין הארץ ווידער אוועק טאנצען פון שמחה, ווען ער האָט באַ־מערקט, אז גונדערמאַן איז אריין אין א קאָנדיטאָריי קויפען צוקערליך פאר זיינע אייניקלעך... דאָס איז געווען א זיכערער סימן, אז ער וויים פון גאָר נישט, וואָרים וואָלט ער געוואוסט, וואָס פאר א גרויסע ענדערונג עס דאַרף פּאַרקומען אויף דער

בערזע, וואלטען איהם, גונדערמאן׳ען, קיין צוקערליך נישט געלעגען אין קאפ...

עס האט געשלאגען איינס. דיא גלאק האט געמעלדעט, אז דיא בערזע האט זיך געעפענט. דאס איז געווען איינער פון דיא מערקווירדיגסטע טעג אויף דער בערזע, איינער פון יענע גרויסע אונגליקס־טעג, וואס פערבלייבען לאנג־לאנג אין דעם זכרון פון מענשען אויף דורי־דורות.

אין דער דריקענדער היטץ האבען א פריהער דיא קורסען געזונקען אלץ ניעדריגער און ניעדריגער, נאכדעם האט מען עפעס פלוצים אנגעהייבען צו קויפען, אפריהער דא און דאר־טען און באלד האט מען געקויפט אין אלע זייטען, אויבען און אונטען, אין דיא קוליסען און אין פארקעט. עס האבען געגנו־מען הילכען נעטהאנסאן׳ס שטימע פון הינטער דער קאלאנאדע, מאזא׳ס, יאקאבי׳ס און דעלאראקי׳ס אין פארקעט, וועלכע הא־בען געשריען, אז זיי קויפען אלע מיני ווערטה־פאפיערען. און דעמאלט האט זיך דורכגעטראגען א טומעל און א ציטערען דורך דער מענגע, וואס האט ניט פערשטאנען, וואס דא טהוט זיך.

דער קורס האט זיך עטוואס א הייב געטהאן און ווידער האט קיינער ניט פערשטאנען פארוואס.

סאקאר האט נאך צייט געהאט צו געבען מאססיא׳ן נייע גרויסע אורדערס פאר נאטהאנסאן׳ען, ער האט אויך צוגעשיקט א צעטעל צו מאזא׳ן דורך דעם קליינעם פלארי׳ן, אין וועלכען ער האט איהם געשריעבען, אז ער זאל קויפען, וויפיעל ער קען נור.

דער קליינער פלארי, אז ער האט איבערגעלעזען דאס צע־טעל פון דעם גרויסען פינאנסיסט, האט בעשלאסען אויך א בי־סעל צו קויפען אויף זיין אייגענער רעכנונג.

און פלוצים, פונקט אם דריי פערטעל אויף צוויי, האט וויא א דונער זיך דורכגעטראגען אויף דער בערזע דיא נייעס, אז עסטרייך טרעט אב דעם פראנצויזישען קייזער ווענעציע, און אוים מלחמה!..

פון וואנען האט זיך דיא נייעס גענומען? ווער האט זיא געבראכט? קיינער האט עס ניט געוואוסט, נור יעדער האט פון איהר געהערט, יעדער. אלע און אלעס, אפילו דיא געפלא־סטערטע שטייגער האבען, דאכט זיך, פון דעם גערעדט. אימי־צער האט דיא נייעס געבראכט, און אלע האבען זיא איבערדער־צעהלט אין איין אטהעם, אונטער איין טומעל, וועלכער האט אפגעהילכט אויף דער בערזע, וויא דאס רוישען פון ים־כוואַ־ליעס...

און אונטער דעם דאזיגען שרעקליכען ליארמען האט דער קורס גענומען זיך הייבען אלץ העכער און העכער, און ווען דיא בערזע האט מען געדארפט צומאכען, האט דער קורס שוין גע־האט געשטיגען אויף גאנצע פופציג פראנק!.

א שרעקליכע שלאכט איז יענעם טאג פארגעקומען אויף דער בערזע, פיעל הרוגים זיינען געבליעבען ליעגען אויף'ן שלאכטפעלד, א סך פערוואונדעטע און צוקאליעטשעטע. מענ־שען זיינען געוועזען בעטויבט, צוטומעלט און צומישט, פער־בלענדעט און האבען ניט געוואוסט אויף וואס פאר א וועלט זיי זיינען. פון דיא שטערענס האט געטריפט א שוויים, און דיא זונן האט אהן רחמנות געברענט אויף דיא ווייסע טרעפ און געגאסען איבער דער בערזע איהרע פלאם־פייערדיגע שטראה־מען...

דער בערזען־שפעקולאנט מאזער האט געליטען מעהר פון אלעמען; פילערא האט אויך שטארק געליטען און דאס ער־שטע מאל האט מען איהם געזעהן א פערצווייפעלטען. מאנ־זשענד האט פארלארען העכער פופציג טויזענד פראנק, זיין ער־שטער גרויסער פערלוסט. דיא באראנעסע סאנדראף האט אזוי פיעל פערלארען, אז, דעלקאמברי, איהר געליעבטער, וויא מען האט גערעדט, האט ניט געוואלט דעקען אזא גרויסע סוממע. זיא האט זיך שטארק געקאכט אויף איהר מאן, דעם עסטרייכישען קאנסול, וועלכער האט דיא דעפעשע וועגען שלום אין זיינע הענד געהאט פריהער וויא רוגאן, ווארום ער האט איהר ניט געזאגט וועגען דער דעפעשע.

דיא גויסע באנקען. בעזאנדערס דיא אידישע באנקען, האבען שרעקליך געליטען. עס איז געוועז א'ן אמת'ער חורבן. מען האט גערעדט, אז גונדערמאן אליין האט פערלארען איבער אכט מיליאן.

דאס האט אלעמען צומישט. וויא קומט עס, וואס גונ־דערמאן האט ניט געוואוסט וועגען דער דעפעשע? ער, דער מעכטיגער הערשער פון דער בערזע, וואס דער מיניסטער רוגאן איז געוועזען זיין לאקיי?!

וועגען סאקאר'ן, דעם גרויסען מאן, האט באלד געגומען קלינגען איבער גאנץ פאריז. מיט איין צוג האט ער כמעט דאס גאנצע געלד ביי דיא שפעקולאנטען צוגענומען. צוויי מיליאן האט ער פאר זיך גענומען און מיט דיא איבעריגע האבען זיך געטהיילט דיא אדמיניסטראטארען פון דער „וועלט־באנק". קארולינע'ן האט ער קוים איינגערעדט, אז פון דעם וואס ער האט ביי דיא אידען אוועקגענומען, קומט האמעלין'ען א מיליאן פראנק.

אורע, וועלכער האט אזא אנטהייל גענומען אין דער שלאכט, האט, פערשטעהט זיך, געקראגען אויך א היבשע אפותיקא.

דענגרעמאן און מארקיז באהאיין האבען אויך אפגעלעקט א פעטע ביינדעל און האבען געלויבט סאקאר'ן אין הימעל אריין.

אבער מעהר פון אלעמען איז דאנקבאר געוועזן סאקאר'ן דער קליינער פלארי, וועלכער שפילענדיג יענעם טאג אויף סאקאר'ס גליק, האט געוואונען צעהן טויזענד פראנק.

צעהן טויזענד פראנק! מיט אזוי פיעל געלד וועט ער קענען אויפהאלטען זיין טשוטשו'ן און וועט זיך קענען ערלויבען צו געהן מיט סעדילל'ן און פריילין זשערמיין גיר אין דיא טהייערסטע רעסטאראנען.

זשאנטרו, וועלכער איז לכתחילה ברוגז געוועזן, ווארום מען האט איהם ניט געהאט דערצעהלט וועגען דער דעפעשע, האט מען איבערגעבעטען מיט א שעהנע מטבע.

ניט צופריעדען איז נור געבליעבען איין דעזשוא: סטייטש, דיא גאנצע צייט הערט ער זיך אונטער, וואס מען רעדט דארט אין קאבינעט, און אזא גליק האט ער ניט דערשמעקט.

דער דאזיגער ערשטער גרויסער טריאומפף סאקאר'ס איז געראד אויסגעפאלען אין א צייט, ווען נאפאלעאן דעם דריטענס רעגיערונג האט אויפגעבליהט, האט שטארק א גלאנץ געטהאן. דעם זעלבען אבענד, ווען סאקאר האט טויזענדער און טויזענדער מענשען רואינירט, בדלות געשטעלט, האט דיא שטאדט פאריז געפייערט דורך אילומינאציעס איהר קייזער נאפאלעאן דעם דריטען, וואס שטעהט אזוי הויך אין דיא אויגען פון אייראפא, אז קעניגע און קיסרים וועהלען איהם אויס צום שיעדסריכטער איבער זייערע שטרייטיגקייטען, גיעבען איהם איבער לענדער, מדינות, אז ער זאל זיי איינטהיילען צווישען זיי, וויא ע"ין יושר און פערשטאנד וועט איהם דיקטירען.

נור איינצעלנע שטימען האבען זיך דעמאלט געלאזט הערען אין דעם דעפוטירטען קאמער, וואס האבען נביאות געזאגט וועגען פראנקרייך'ס שרעקליכע צוקונפט. פרייסען וואקסט, ווערט שטארקער מיט יעדען טאג, מחמת פראנקרייך איז ניט טהעטיג. עסטרייך וועט געשלאגען ווערען, איטאליען וועט בלייבען אונדאנקבאר. דער סוף וועט זיין, אז פראנקרייך וועט אליין האבען אין פרייסען איהר געפעהרליכסטען שונא, וויא דאס איז טאקי מקוים געווארען אין פיער יאהר שפעטער: דאן, אין דער מלחמה צווישען פראנקרייך און פרייסען, האט פראנקרייך געהאט א מורא'דיגע מפלה און נאפאלעאן דער דריטער אליין נאך א גרעסערע...

אבער דעמאלט, ווען דיא איינצעלנע שטימען אין דעפוטירטען קאמער האבען נביאות געזאגט וועגען אזא שרעקליכע צוקונפט, האט מען זיי אויסגעלאכט, אויסגעפייפט און פערשריען מיט בעגייסטערטע הוראס פאר זייער קייזער נאפאלעאן דעם דריטען.

גאנץ פאריז האט דעמאלט זיך אין ליכט געבאדען, דיא

גאַנצע בעפעלקערונג פון פּאריז איז דעמאָלט פאר איהר קייזער בעגייסטערט געווען.

אין יענעם אבענד האָט סאַקאר שפּאצירט איבער דיא גאַסען און עס האָט זיך איהם געדאַכט, אז דעם גאַנצען פּאראַד מאַכט מען פון זיין כבוד וועגען. איז ער דאַמאָלסט ניט געווען א גרויסער זיעגער? האָט ער ניט געהאַט א גרויסען נצחון?

איין זאַך נור האָט איהם פערשאַפט גרויסען פערדרוס: וואָס זיין ברודער רוגאָן, דערוויסענדיג זיך, וויא אַזוי און דורך וועמען סאַקאר איז בעקאַנט געוואָרען מיט דער דעפּעשע, וואָס האָט איהם אריינגעבראַכט אַזוי פיעל מיליאָנען, איז אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרען, אז ער האָט ארויסגעיאָגט אורע'ן.

הייסט עס, אז דער ברודער איז צו איהם גאָר ניט גוט געוועזען און איז נאָך איצט אויך זיינער א געגנער? גוט, ער וועט שוין זיך בעגעהען אָהן זיין הילף, ער וועט זיך אָבער מיט איהם אמאָל אָפּרעכענען!...

און מיט דיעזע געדאַנקען האָט ער זיך יענעם אבענד צוריקגעקעהרט אהיים פון דער רוישענדיגער און ליאַרעמדיגער גאַס, וואו דיא בעפעלקערונג האָט זיך געפרעהט לכבוד איהר קייזער.

צוויי מאָנאַטען שפּעטער האָט סאַקאר, ערמונטערט פון זיין נצחון איבער גונדערמאַן'ען, בעשלאָסען נאָך מעהר צו פערגרעסערען דיא געשעפטען פון דער „וועלט־באַנק".

אין דיא לעצטע טעג פון'ם מאָנאַט אפּריל איז וויעדער גערופען געוואָרען א'ן אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דיא אַקציאָנערען פון דער „וועלט־באַנק". דער באַלאַנס פון דעם פערלאָפענעם יאָהר 1865 האָט געוויעזען א פּערדיענסט פון ניין מיליאָן. עס איז אויסגעצאָהלט געוואָרען דיא אַקציאָנערען זייערע פינף און דיא מיטגליעדער פון'ם אויפזיכטס־ראַטה צעהן פּראָצענט; צום רעזערוו־פאָנד האָט מען צוגעלייגט, אויסער דיא געזעצליכע צעהן פּראָצענט, נאָך פינף מיליאָן. דעם איבריגען מיליאָן, וואָס איז נאָך פערבליעבען, האָט מען פערטהיילט צווישען דיא אַקציאָנערען, וואָס האָבען בעקומען צעהן פראַנק אויף יעדער

אקציע. פאר א באנק, וואס האט עקזיסטירט נאך ניט קיין גאנצע צוויי יאהר, איז עס געווען זעהר פיעל.

סאקאר האט זיך אבער מיט דעם נאך ניט בעגנוגענט. אויף דעם 15טען סעפטעמבער האט ער ווידער געלאזט צוזא־מענרופען א'ן אלגעמיינע פערזאמלונג, אויף וועלכער ער האט פארגעלייגט א פלאן, וויא צו פערגרעסערען דעם קאפיטאל פון דער „וועלט־באנק", מען זאל ארויסגעבען נייע הונדערט טוי־זענד אקציען מיט דעם געוועהנליכען פרייז פון פינף הונדערט פראנק א'ן אקציע; יעדער אלטער אקציאנער האט א רעכט אויף נאך אזוי פיעל אקציען, פיעל ער האט אלטע; יעדער אקציאנער מוז גלייך אריינטראגען צו הונדערט און פינף און צוואנציג פראנק פאר יעדע אקציע, ד. ה. א פערט־חלק פון איהר אפיציעלען ווערטה. אויסער דעם, האט יעדער אקציא־נער געמוזט אריינטראגען נאך הונדערט און פינף און זיעבציג פראנק פאר יעדע אקציע אין רעזערוו־פאנד.

דיא אקציאנערען האבען געשטימט דערפאר, ווארים זיי האבען געגלויבט אין סאקאר'ן און זיינען זיכער געווען אין דיא גוטע געשעפטען פון דער „וועלט־באנק".

און באלד טאקי, וויא דאס קאפיטאל פון דער „וועלט־באנק" איז אויף אזוי פיעל פערגרעסערט געווארען, האבען איהרע אקציען אויף דער בערזע זיך ווידער א הייב געטהאן פון זיעבען הונדערט פופציג אויף ניין הונדערט פראנק.

העמעלין, וועלכער האט ניט געקענט קומען פון מזרח־לאנד אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג, האט אריינגעשריע־בען זיין שוועסטער א בריעף, אין וועלכען ער האט אויסגעדריקט זיין אונרוהיגקייט וועגען דעם, וואס סאקאר טרייבט אזוי משוגענערווייז דיא „וועלט־באנק". אויך האט ער מורא, אז ביים נאטאריוס האט מען ווידער געמאכט פעלשונגען.

וויא דאס הארץ וואלט איהם געזאגט: ניט אלע נייע אק־ציען האט מען פערשריעבען ביים נאטאריוס לויט וויא דאס געזעץ האט געפאדערט. ווידער האט מען א סך אקציען

פערשריעבען אויף סאבאטיאני און אויך נאך נייע „שטרוי־מענער"...

אויף אזא אופן האט דיא „וועלט באנק" געהאלטען אין איהרע הענד דרייסיג טויזענד פון איהרע אייגענע אקציען, וואס האבען אנגעטראפען זיעבעצעהן און א האלב מילליאן.

אויסער, וואס דאס איז ניט געזעצליך, האט זיך דיא „וועלט־באנק" מיט דעם גלאט אריינגעשטעלט אין א סכנה, ווארים דיא ערפאהרונג האט בעוויעזען, אז יעדע באנק, וואס שפעקולירט מיט איהרע אייגענע אקציען, מוז אונבעדינגט פערלארען געהן.

קאראלינע האט העמעלין'ען געענטפערט מיט א בריעף, אין וועלכען זיא האט פון איהם שפאס געמאכט, ווארום ער איז אזוי אונרוהיג. זיא אליין איז קיינמאל ניט געוועזן אזוי זיכער אין דער פעסטקייט פון דער „וועלט־באנק", וויא איצט, זעהענדיג, וויא קלאהר און לאגיש סאקאר פיהרט זיינע געשעפטען.

אין מאנאט דעצעמבער האבען די אקציען פון דער „וועלט־באנק" זיך א הייב געטהאן פון נייך הונדערט אויף טויזענד פראנק.

איצט זיינען דיא גרויסע באנקען אונרוהיג געווארען פון דער „וועלט־באנק'ס" הצלחה און איצט האט מען געקענט טרעפען גונדערמאן'ען, געהענדיג צוטראגען מיט זיינע לאנגזאמע טריט אין דער קאנדיטעריי אריין קויפען צוקערלאך פאר זיינע אייניקלאך. זיינע אכט מילליאן וואס ער האט יענעם טאג בערלארען אויף דער בערזע, האט ער רוהיג בעצאהלט און קיינער פון זיינע נאהענטסטע האט נישט געהערט, אז ער זאל זיך האבען בעקלאגט וועגען דעם מיט איין ווארט.

אין א'ן אנדער צייט, ווען ער האט פערלארען—וואס האט אגב זעלטען געטראפען—פלעגט ער זאגען, אז עס איז רעכט אזוי, וואס ער דארף בעצאהלען, דאס וועט איהם אויסלערנען, ניט צו זיין ווייטער אזוי לייכטזינניג; דיא, וואס פלעגען עס הערען, פלעגען, נאטירליך, שמייכלען, ווייל פארשטעלען

זיך גונדערמאן'ען לייכטזיננינג איז געווען, וויא פארצושטעלען זיך וויים פאר שווארץ. דיעזען מאל האט ער אבער געשוויגען, קיין ווארט ניט ארויסגערעדט, בעת ער האט בעצאהלט דיא אכט מילליאן. דער געדאנק, אז ער איז געשלאגען געווארען פון דעם לײדענשאפטליכען נאר, סאקאר'ן, איז געווען אזוי שמערצליך, אז ער האט ניט געוואלט פון דעם ריידען.

ביי זיך אבער אין הארצען האט ער בעשלאסען, פון איצט אן צו האלטען א'ן אויג אויף סאקאר'ן.

ער איז ביי זיך זיכער געווען, אז דיא צו שנעלע ערפאלגען און דיא אויפגעבלאפטע פראספעריטי מוזען סוף כל סוף מיאוס פלאצען.

זיין טהעאריע איז געווען, אז פאסירונגען אויף דער בערזע קען מען ניט ארויסרופען, העכסטענס קען מען זיי פאראויסזעהן און אויסנוצען זיי, ווען זיי קומען אן. דיא לאגיק אליין הערשט דארט, דיא וואהרהייט איז ביים שפעקולירען פונקט אזא מעכטיגע קראפט, וויא אנדערשוואו. וויבאלד דיא קורסען זיינען צו־ווייט געטריעבען, מוזען זיי פאלען צוריק.

און ער האט געווארט, אז דער קורס פון דער „וועלט־באנק'ס" אקציען זאל שטייגען זעהר הויך, דאן וועט ער זיך א מעסט טהאן מיט סאקאר'ן.

ווען דער קורס פון דער „וועלט־באנק'ס" אקציען האט גע־שטיגען ביז פופצעהן הונדערט פראנק, דעמאלט האט גונדער־מאן אנגעהויבען צו פערקויפען אקציען פון דער „וועלט־באנק", פריהער ווייניג, נאכדעם מעהר און מעהר.

ער האט גענומען ארבייטען געגען סאקאר'ן, וואס איז גע־ווען דער געפעהרליכסטער קאנקורענט זיינער, מיט א גוט אויס־גערעכענטען פלאן און האט געווארט אויף דער געלעגענהייט, צו דערלאנגען איהם א טויט־קלאפ.

שפעטער האט מען דערצעהלט, אז גונדערמאן אליין האט שטילערהייט לייכטער געמאכט פאר סאקאר'ן צו קויפען אן אל־טע געביידע אין דער רי דע־לאנדר, וואס אויף איהר ארט האט

ער בדעה געהאט צו בויען דעם הערליכען פאלאץ, פון וועלכען ער האט אזוי לאנג גע'חלום'ט, פאר דער „וועלט־באנק“.

עס האט זיך איהם איינגעגעבען, דעם אויפזיכטס־ראטה צו איבעררעדען, צו קויפען דיא דאזיגע געביידע, און שוין אין מיטען אקטאבער האבען זיך ארבייטער אוועקגעשטעלט אר־בייטען.

אין דעם זעלבען טאג ווען מען האט דעם פאלאץ גענו־מען בויען, איז כאקאר נאך מיטאג געקומען אין דער רעדאק־ציאן און האט געווארט אויף זשאנטרו, וואס איז אוועק־געגאנגען אין אנדערע פריינדליכע צייטונגען מודיע זיין פון דיא פעסטליכקייטען, וואס דיא „וועלט־באנק“ האט געמאכט, בעת זיא האט היינט אוועקגעלייגט דעם גרונדשטיין פאר איהר גרויסארטיגען פאלאץ.

פלוצים איז ארייגעקומען דיא באראנעססע סאנדארף. זיא האט זיך נאכגעפרעגט אויף זשאנטרו און, אז ער איז ניט געוועזן, איז זיא צוגעגאנגען צו סאקאר'ן.

סאקאר האט זיא זעהר העפליך אויפגענומען און זיא אריינגעפיהרט צו זיך אין קאבינעט.

דארט האט זיא זיך איהם אפגעגעבען, וויא א געמיינע שטראסען־פרוי.

זיא איז לכתחילה געקומען אין רעדאקציאן מיט דעם בעשלום.

פונקט דעמאלט איז אנגעקומען קאראלינע, וועלכע פלעגט אפט אריינקומען אהער אונערווארטעט אמאל מיט א'ן ענטפער פאר סאקאר'ן און אמאל גלאט אזוי, צו הערען עפעס נייעס, אדער צו ריידען מיט דעזשוא'ן, וועלכער איז איהר זעהר דאנק־באר געוועזן פאר דער שטעלע, וואס נור א דאנק איהר, האט ער געקראגען.

דעזשוא'ן האט זיא איצט ניט געטראפען אין פארצימער. ערשט ווען זיא איז צוגעגאנגען צו דער טיהר פון סאקאר'ס קאבינעט, האט זיא איהם דארט דערזעהן, שטעהענדיג מיט א'ן אויער צוגעלייגט צו דער טיהר.

דאָס איז ביי איהם איצט געוואָרען אַ קראַנקהייט; מיט פיעבערישער אויפרעגונג האָט ער איצט צוגעליינט זיין אויער צו יעדער שליסעל־לאָך, אום צו דערשמעקען דיא סודות פון דער בערזע. אָבער וואָס ער האָט דיעזען מאָל געהערט און פערשטאַנען האָט איהם אַ ביסעל געוואונדערט און אויף זיינע ליפען האָט זיך אויסגעצויגען אַ'ן אונזיכערער שמייכעל.

— הערר סאַקאַר איז אין קאַבינעט, ניט אמת? — האָט קאַראַלינע זיך געווענדעט צו איהם. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, שטאַרק דערשראָקען און צוטומעלט, און האָט אָנגעהייבען צו שטאַמלען.

— יאָ, יאָ, ער איז דאָ, אָבער איהר טאָרט ניט אַריינגעהן צו איהם.

—פאַרוואָס טאָר איך ניט?

— ניין, איהר טאָרט ניט, ווייל אַ דאַמע איז מיט איהם...

קאַראַלינע איז בלאַס געוואָרען און דעזשוא, וועלכער האָט ניט געוואוסט וועגען איהרע בעציהונגען מיט סאַקאַר'ן, האָט געפינטעלט מיט דיא אויגען, אויסגעצויגען דעם האַלז און אויף'ן וואונק איהר צו פערשטעהן געגעבען, וואָס דאָרט אין'ם קאַבינעט טהוט זיך.

— ווער איז דיא דאַמע? — האָט זיא קורץ געפרעגט.

— דיא באַראָנעססע סאַנדאָרף—האָט ער איהר געזאָגט אויף'ן אויער—זיא דרעהט זיך שוין לאַנג אַרום איהם.

אַ רגע איז זיא געשטאַנען וויא אַ פערגליווערטע. אין הארצען האָט זיא דערפיהלט אַזא וועהטאָג, וועלכען זיא האָט נאָך ביז אהער קיינמאָל ניט געפיהלט. דיא צוטומעלטקייט האָט זיא וויא צום אָרט צוגעשמידט. וואָס זאָל זיא טהאָן? אויפרייסען דיא טיהר און אַ וואָרף טהאָן זיך אויף יענער פרויענצימער און מאַכען זיי ביידען אַ סקאַנדאַל?..

און וויא זיא איז אַזוי געשטאַנען אַ צוטומעלטע און אָהן ווילען, איז אין דעם אָנגעקומען זשאָרדאַן'ס פרוי מאַרצעלא און האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהר מיט פרייד:

— אה, איהר זייט עס? שטעלט אייך פאָר: איך געה

היינט מיט מיין מאן אין טהעאטער. אך! דאס איז א גאנצע מעשה. ווייסט איהר, מיר קענען זיך איצט דאס פערגינען... מיין מאן האט אויסגעפונען א רעסטאראנט, וואו מיר צאהלען יור פינף און דרייסיג סו פאר מיטאג.

זשארדאן איז אנגעקומען און איז אריינגעפאלען זיין פרוי אין דיא רייד:

— צוויי געריכטען, א גלאז וויין און ברויט וויפיעל מען וויל.

— אויסער דעם—האט מארצעלא גערעדט ווייטער — געהען מיר אין טהעאטער צופוס. עס איז א פערגניגען צו געהן שפעט ביינאכט צופוס! היינט, ווייל מיר זיינען רייך, וועלען מיר קויפען מאנדעלקוכען פאר צוואנציג סו, וועו מיר וועלען געהן אהיים פון'ם טהעאטער. מיר וועלען האבען א גאנצע סעודה!...

און זיא האט פרעהליך א כאפ געטהאן איהר מאן אונ־טער'ן ארעם און איז אוועק מיט איהם. קאראלינע, וועלכע האט זיך צוריקגעקעהרט מיט זיי אין פארצימער, איז ווידער געקומען צו זיך און האט געצוואונגען א שמייכעל געטהאן:

— האט פיעל פערגניגען! — האט זיא ארויסגעשטא־מעלט.

נאכדעם איז זיא אויך אוועק. זיא האט געליעבט סאקאר'ן און דאס, וואס זיא האט זיך איצט דערוואוסט, האט טיעף איהר הארץ פערוואונדעט.

7.

דאס איז געווען אין צוויי מאנאטען שפעטער, אין א גרויען און מילדען נאכמיטאג אין מאנאט נאוועמבער. קאראלינע איז ארויף צו איהר ברודער אין קאבינעט, אום צונויפצולייגען זיינע פאפיערען.

איהר ברודער, וועלכער איז דעמאלט פערנומען געווען מיט זיין גרויסער אונטערנעהמונג פון דיא אריענט־באהנען, האט זיא אין א בריעף געבעטען, אלע זיינע אמאליגע צייכנונגען און

פלענער דורכצוזעהן און זיי איינאָרדנען, אז זיי זאָלען קריעגען דעם כאראקטער פון א היסטאָרישען איבערבליק.

זיים צוויי וואָכען, וויא זיא האָט זיך אין גאַנצען אָפּגע־געבען דער דאָזיגער ארבייט.

גראָבענדיג זיך אין דיא פעקלעך פּאַפּיערען, זיינען איהר פלוצים אריינגעפאלען אין דיא הענד עטליכע רעליגיעזע ביל־דער. דאָס האָט איהר גלייך דערמאָנט אָן דעם אונשולדיגען און פרומען גלויבען פון איהר געליעבטען ברודער. ווען זיא וואָלט אויך געקענט אזוי גלויבען, וויא ער, דאן, וואָלט זיא געקענט האָפען, וואָלט געהאט צו וועמען צו בעטען!. דיא געצטע צוויי מאָנאַטען, זינט זיא האָט זיך דערוואוסט, אז סאַ־קאָר שטעהט אין נאָהענטע בעציהונגען מיט דער באראָנעססע, האָט זיא אזוי פיעל געליטען, אז איהר האָט זיך גערעכט, ווען זיא זאָל זיין א גלויביגע וואָלט זיא ניט געקענט אזוי פיעל ליידען.

זיא האָט זיך געזוכט צו בעהערשען, האָט געקעמפּפט געגען איהר אייגענעם הארצען, האָט געוואָלט אין גאַנצען ניט האָבען מעהר קיין פערהעלטניסע מיט איהם און דאָך האָט זיא זיך איהם אָפּגעגעבען מיט נאָך מעהר פייער, וויא ווען־עס־איז.

זיא האָט געפּרופט צו ארגומענטירען געגען זיך אליין, אז עס איז נאריש און דום צו פערלאַנגען פון א מאַן, ער זאָל געהערען אין גאַנצען צו איין פרוי; אז אזוינע זאכען קען מען איבערהויפּט ניט צווינגען;—און דאָך, דיא דאָזיגע אלע פילאָזאָפיען פלעגען גלייך, וויא מיט א רויך אוועק, וויא נור זיא פלעגט זיך דערמאָנען, אז סאקאר געהערט א צווייטער פרוי..

אה, ווען זיא וואָלט איהם געקענט בעליידיגען און פער־לאָזען זיין הויז, זיא האָט אָבער ניט געקענט, קיין כוח ניט געהאַט אויף דעם, ניט געוואגט אפילו צו ריידען מיט איהם וועגען דעם.

און פאר איהר שוואכקייט האָט זיא זיך געמוטשעט, גע־

פיהלט זיך בעליידיגט און, איצט האלטענדיג דיא רעליגיעזע בילדער פאר דיא אויגען, האט זיא זיך פלוצים צואויינט.

אך, ווען זיא וואלט געקענט אויסריידען פאר גאט איהר הארץ, פאר איהם קניען און בעטען, עס וואלט איהר לייכטער געווארען!

שפעטער א ווייל, ווען זיא האט זיך געזעצט ווידער אר־בייטען, איז אריינגעקומען איהר לאקיי און האט איהר געזאגט, אז מיט איהר וויל ריידען דער קוטשער טשארלס, וועלכען סא־קאר האט מיט א טאג פריהער אפגעשאפט, ווייל ער האט איהם געכאפט גנב'ענען האבער.

קאראלינע האט איהם געהייסען אריינגעהן.

אין צימער איז דאן אריינגעקומען טשארלס, א הויכער שלאנקער יונגערמאן, מיט א ריין־ראזי פנים און פרעכער מינע.

איך בין געקומען—האט ער געזאגט—וועגען דיא צוויי העמדער, וואס דיא וועשערין האט מיר איבערגעפיהרט און וויל מיר ניט פאר זיי בעצאהלען. איהר ווערט זיכער ניט וועלען, אז איך זאל היזק האבען... איהר זייט דיא בעל הבית'טע דא, דערפאר דארפט איהר מיר פאר מיינע העמדער בעצאהלען... יא, איך פערלאנג פופצעהן פראנק.

זיא וואלט איהם אפשר בעצאהלט דיא פופצעהן פראנק, ווארום אין ווירטשאפטס־זאכען איז זיא געווען זעהר שטרענג, נור דיא פרעכהייט פון'ם קוטשער, וואס מען האט איהם ערשט נעכטען געכאפט ביי א גנבה, האט זיא שטארק אויפ־געבראכט.

—איך בין אייך גאר נישט שולדיג און איהר קריעגט פון מיר ניט קיין סו. חוץ דעם האט מיר הערר סאקאר אויס־דריקליך פערבאטען, צו טהאן וואס ניט איז פאר אייך.

טשארלס האט זיך צו איהר נעהענטער צוגערוקט און גע־זאגט אין א דראהענדען טאן:

— אזוי! דאס האט ער אייך געזאגט! איך פערשטעה... אבער איך זאג אייך, אז ער וועט חרטה האבען, ווארים איך

קען אויך עפּעס זאָגען. איך בין ניט אזא נאַר, ניט צו האָבען בעמערקט, אז דיא גנעדיגע פרוי איז זיין געליעבטע...

מיט א פלאַמענדיגען פּנים האָט זיך קאראלינע א כאַפּ געטהאָן און געוואָלט איהם ארויסיאָגען. ער האָט אָבער נאָך העכער געשריען:

— אפשר וועט איהר נאָך צופריעדען זיין, צו געוואָהר ווערען, וואו הערר סאקאר געהט דריי מאָל אין וואָך צווישען פיער און זעקס אוהר, ווען ער איז גור זיכער, אז ער וועט דיא פּערזאָן טרעפען אליין...

קאראלינע איז בלייך געוואָרען, דאָס גאַנצע בלוט האָט איהר א זעץ געטהאָן צום הארצען. דאָס איז געווען דיא פראגע, וואָס האָט זיא דיא לעצטע צוויי חדשים געמאַטערט: וואו פערברייננט סאקאר דיעזע צייט? איצט האָט זיא אויף זעהר געקענט האָבען אַ'ן ערקלעהרונג. זיא האָט זיך אָבער בע־הערשט, ניט געוואָלט הערען דיא דאָזיגע ערקלעהרונג פון דעם מענשען און זיא האָט גענומען שרייען:

— איך וויל אייך מעהר ניט הערען! איך פערביט אייך צו ריידען!

ער האָט אָבער זיא אריבערגעשריען:

— ער געהט צו דער באראָנעססע סאנדאָרף... הערר דעל־קאמבר האָלט זיא אויס און, אום ער זאָל זיך קענען מיט איהר טרעפען ווען ער וויל, האָט ער געדונגען א קליינע וואָהנונג אין דער רי קאמארטען, אויף'ן ראָג פון סען־ניקאָלאַי, אין דער זעל־בער הויז, וואו עס געפינט זיך א פּרוכט־קראָם... אָט אהין געהט עס הערר סאקאר...

זיא האָט אויסגעשטרעקט דיא האנד צום גלאָק, אום אריינ־צורופען דיא דיענער, זיי זאָלען איהם ארויסוואַרפען, זיא האָט זיך אָבער באַלד בעטראכט, אז פאר דיא דיענער וועט ער נאָך מעהר ריידען.

— איך האָב דאָרט א פריינדין—האָט טשארלס ווייטער געשריען—קלארא, דאָס הויז־מיידעל; זיא האָט זיי געזעהן דורך א שפּאַרינע און זיא דערצעהלט זיך אָן מיאוס'ע זאכען...

— שווייגט, אונגליקליכער!... נעהמט אייך אייערע פופ־צעהן פראנק!

מיט א טיפען עקעל האט זיא איהם דערלאנגט דיא פופ־צעהן פראנק, איינזעהענדיג, אז נאר אויף אזא'ן אופן וועט זיא איהם דאס מויל קענען פערשטאפען. און אין דער אמת'ען איז ער דעמאלט העפליכער געווארען און גענומען ריידען שטי־לער.

— איך מיין נור אייער טובה... אין דער זעלבער הויז, וואו עס געפינט זיך א פרוכט־קראם, הינטען אויף'ן הויף... היינט איז דאנערסטאג, עס איז שוין פיער אוהר... אויב איהר ווילט, קענט איהר זיי איצט דארט טרעפען...

זיא האט איהם געשטופט צו דער טיהר און איהר פנים איז געווען בלייך און זיא האט געביסען דיא ליפען.

— היינט וואלט איהר דארט געקענט זעהן דאס ריכטיגע... פאר קיין געלד וועט קלארא דארט לייגער ניט פערבלייבען, אין אזא שמוץ... אבער איידער זיא געהט אוועק, וועט זיא זיי איבערלאזען א'ן אנדענקונג... גוט נאכט, מאדאם!...

און ער איז אוועק.

אייניגע מינוט איז קארלינע געשטאנען פערטהאן אין זיך, דאן איז זיא צוגעפאלען צום טיש און האט זיך צו־וויינט.

קלארא, וועגען וועלכער טשארלס האט גערעדט, א בלאנדע, מאגערע מיידעל, האט טאקי אפגעטהאן דער באראנעססע א שפיצעל: זיא איז אוועק צו דעלקאמבר'ן און האט איהם גע־זאגט, אז אויב ער וועט איהר געבען פינף הונדערט פראנק, וועט זיא איהם ווייזען דיא באראנעססע מיט א'ן אנדערען מאנספערזאן אויף דער זעלבער קווארטיר, וואס ער האט פאר איהר געדונגען. דעלקאמבר, וואס איז געווען א קארגער מענש, האט זיך מיט איהר געדונגען און האט צום סוף מיט איהר אפגעמאכט צו געבען איהר צוויי הונדערט פראנק, אויב זיא וועט איהם עפענען דיא טיהר פון'ם צימער, בשעת דיא בארא־נעססע מיט יענעם מאנספערזאן וועלען דארט זיין...

קלארא האט געשלאפען אין א צימערל נעבען דאס צימער,

וואו דיא באַראָנעססע פלעגט אויפנעהמען סאקאר'ן. דיא באַראָנעססע האָט זיא גענומען, ווייל זיא האָט מורא געהאַט אָנצוטרויען איהר סוד דעם שווייצאַר'ס פרוי.

קלאַרא איז גאַנצע טעג פריי געווען, זיא האָט נור אכטונג געגעבען אויף דער וואָהנונג, ווען דיא באַראָנעססע האָט ניט אויפגענומען איהרע צוויי מענער און האָט געהיט, אַז קיינער זאָל ניט אַריינעגהן, בעת דיא באַראָנעססע האָט דאָרט פער־בראַכט מיט איינעם פון איהרע מענער.

דעלקאַמבר האָט זיך באַלד געוואָלט אַריינבּרעכען אין דער באַראָנעס'עס צימער אום איבערראַשען איהר מיט סאקאר'ן.

דאָ האָט זיא זיך בעקאַנט מיט טשאַרלס'ן, וועלכער האָט שפּעטער אַ סך מאָל מיט איהר גענעכטיגט אויף דער זעלבער גרויסער בעט און אין דעם זעלבען צימער, וואו דיא באַראָנעססע האָט איהרע מענער אויפגענומען.

זיא האָט אויך טשאַרלס'ן רעקאָמענדירט צו סאקאר'ן אַלס אַ'ן עהרליכען יונגענמאַן און ווען סאקאר האָט איהם אָפּגע־שאַפט, איז זיא אויך אויפגעבראַכט געוואָרען, וויא טשאַרלס אַליין, און זיי האָבען בעשלאָסען אָפּצורעכענען זיך מיט דער באַראָנעססע און סאקאר'ן. טשאַרלס האָט געוועזט געוואָלט שרייבען צום באַראָן סאַנדאָרף, נור קלאַרא האָט אָבער געזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ סך אַנגענעהמער און זיא וועט טאַקי דערביי אויך קענען כאַפּען אַ שעהנע מטבעה,אויב זיא וועט לאָזען וויסען בעסער דעלקאַמבר'ן וועגען דעם.

און יענעם דאָנערשטאַג האָט זיא עס אָנגעגרייט דעם סורפּרייז פאַר סאקאַר'ן און דער באַראָנעססע.

פּיער אוהר, ווען סאקאַר איז יענעם טאָג געקומען אַהינ־צו, איז דיא באַראָנעססע שוין געלעגען אויף דער בעט אויסגע־צויגען און געוואַרט אויף איהם.

זיא איז געווען זעהר פּינקטליך, וויא אַ ריכטיגע געשעפטס־פרוי, וואָס ווייס, אַז צייט איז טהייער.

דיא ערשטע צייט איז סאקאַר געווען גאָר אין גאַנצען ענטוישט אין איהר. ער האָט זיך געהאַט פאַרגעשטעלט, אַז

דיעזע דונקעלע ברונעטין מיט דיא העל־בלויע אויגען און דער אַרויספאָדערענדער האלטונג איז אַ פייערדיגע וואקכאַנטין, ערשט צום סוף איז זיא, מחמת זיא האָט איהר גאַנצען פייער אָפּגעגעבען דעם שפּיעלען אויף דער בערזע, געוועזען קאַלט צו איהם, וויא אַ מאַרמאָרנע סטאַטוע! שפּעטער אָבער, אַז ער האָט באמערקט, אַז זיא אַליין זוכט אין זיך אויפצורייצען דיא ליידענשאַפט, ניט אָפּשטעלענדיג זיך פאַר דיא שמוציגסטע מיטלען, האָט ער זיך אונטערהאַלטען מיט איהר אויף דיא העסליכסטע אופנים.

אין דער זעלבער צייט האָבען זיי אויך גערעדט וועגען דער בערזע און זיא האָט ביי איהם אַרויסגעצויגען פערשיעדענע סודות, וועלכע זיא האָט נאָכדעם אויסגענוצט פאַר איהרע שפּעקולאַציאָנען.

זינט זיא האָט מיט איהם גענומען לעבען, האָט זיא אָנגעהויבען צו געווינען אויף דער בערזע.

דרויסען האָט שוין אָנגעהייבען צו דונקלען. דיא לאָדען זיינען געווען צוגעמאַכט, דיא גאַרדינען אַרונטערגעצויגען און צוויי גרויסע לאָמפּען האָבען געברענט און געוואָרפען זייער העלעס ליכט אויף דאָס פּאָאַר.

באַלד וויא סאַקאַר איז אַריין אין צימער, איז דעלקאַמבר אויך אָנגעפאָהרען.

דער אָבער פּראָקוראָר דעלקאַמבר, וועלכער האָט פּער־זענליך פערקעהרט מיט'ן קייזער און באַלד געזאָלט ווערען מי־ניסטער, איז געווען אַ דאַרער, הויכער, געלבער פופציג־יעהר־ריגער מאַן. זיין גלאַט־ראַזירט פּנים איז געווען צוקנייטשט און שטרענג, דיא נאָז שפּיציג און דער אויסדרוק פון דיא אוי־גען שאַרף.

קלאַראַ האָט אָבער איהם ערקלעהרט, אַז דיא טיהר פון איהר צימער איז אודאי פערריגעלט פון יענער זייט; וועט ער מוזען דיא טיהר איינברעכען און ביז וואַנען וואָס, וועט דיא באַראָנעססע זיך קענען דאָרט אַרויסדרעהען... ניין, זיא וויל, אַז ער זאָל דיא באַראָנעססע זעהן אַזוי וויא זיא האָט זיא גע־

זעהן דורך'ן שליסעל־לאָך.. דערפאַר וועט זיא איהם בעסער שטילערהייט אריינפיהרען אין טואַלעט־צימער, וועלכעס איז אָפּגעטהיילט פון דער באַראָנעסס'עס נור מיט פּאָרטיערען; ער וועט פארנאַנדערדרוקען דיא פּאָרטיערען און דאַן וועט ער אַלעס זעהען. דעם שליסעל פון טואַלעט צימער האָט זיא ביי זיך.

— דער הערר מעג זיך אויף מיך פערלאָזען, וואָס אַרט זיי! — האָט זיא געענדיגט, און איז פערשוואונדען אין אַ האַלב געעפענטער טיהר.

דעלקאַמבר איז געבליעבען אַליין אין דעם ענגען צימער פון דער מיידעל, וואו עס איז געשטאַנען אַ צוואָוואָרפענע בעט און אַ שיסעל מיט זייף־וואַסער. איהר קופערט האָט זיא נאָך ביימאָג אָפּגעשיקט, ווייל זיא האָט זיך געקליעבען באַלד נאָך דעם שפּיצעל צו פערלאָזען דיא הויז.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיא זיך צוריקגעקעהרט און צו־געמאַכט הינטער זיך דיא טיהר.

— זיי מוזען נאָך האָבען אַ ביסעלע געדולד... איצט שמועסען זיי.

דעלקאַמבר איז געשטאַנען און האָט מיט אַלע קרעפטען זיך געסטאַרעט צו בעהערשען. דיא לינקע באַק אויף זיין פּנים האָט געציטערט און אין קאָפּ האָט איהם געראַוישט. דיא בעסטיע אין איהם איז צורייצט געוואָרען, ווארום מען האָט ביי איהם אוועקגערויבט דאָס פרויען־פלייש!

— נו, שנעלער, ווארום געדויערט עס אַזוי לאַנג?—האָט ער געמורמעלט, ניט וויסענדיג אַליין, וואָס ער רעדט.

קלאַראַ איז ווידער אַרויס, האָט זיך באַלד צוריקגעקעהרט מיט אַ פינגער אויף דיא ליפּען און געבעטען איהם, ער זאָל נאָך אַ ווײַלינקע געדולד האָבען.

דעלקאַמבר, ביי ווענען דיא קניע האָבען געציטערט פאַר אויפרעגונג, האָט זיך געמוזט צוזעצען אויף דער מיידעל'ס שמאָלער בעט.

דיא נאַכט איז צוגעפאַלען און ער איז געבליעבען זיצען

אין דער פינסטער, ווערענד קלאַרא האָט זיך דערווייל צוגע־הערט צום מינדסטען גערויש, וואָס האָט זיך דערטראָגען פון יענעם צימער.

צום סוף האָט ער דערפיהלט קלאַראַ'ס האַנד ביי איהם אויף'ן אַרעם. ער האָט פערשטאַנען, וואָס זיא מיינט און האָט איהר שטום אַריינגעשפּאַרט אין דער האַנד אַ קאָנווערט מיט דיא פערשפּראָכענע צוויי הונדערט פראַנק. דאַן איז זיא אַוועק אין פּאַראַויס, האָט פּאַנאַנדערגערוקט דיא פּאָרטיערען, האָט איהם אַריינגעשטופּט אין צימער און אויסגעשריען:

— אַזוי! אָט האָט איהר דאָס!

מיט אַ'ן אָפענעם מויל איז דעלקאַמבר שטעהן געבליעבען, צוטומעלט פון דעם בילד, וואָס ער האָט פאַר זיך דערזעהן.

סאַקאַר און דיא באַראָנעססע זיינען געזעסען פאַר דעם ברענענדיגען קאַמין, ביידע כמעט מוטער נאַקעט און אַרומגע־נומען. דאָס העלע ליכט פון דיא לאָמפּען און דאָס פייער פון'ם קאַמין זיינען געפאַלען אויף אַ בילד פון שרעקליכסטער אויס־געלאַססענהייט.

— אַ! חזרים! חזרים! — האָט דער אָבער־פּראָקוראָר צום סוף אַרויסגעשטאַמעלט—חזרים! חזרים!

קיין אַנדערען וואָרט איז ער ניט אימשטאַנד געווען אַרויס־צורעדען אין דיעזען מאָמענט און ער האָט איהם איבערגע־חזר'ט אַ סך מאָל נאָכאַנאַנד, וויא אַ משוגענער.

דיא באַראָנעססע האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן, איז אויפ־געשפּרונגען פון'ם אָרט און גענומען לויפען איבער'ן צימער, ציט'ערענדיג און טרייסלענדיג זיך אין גאַנצען און זוכענדיג מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס איהרע קליידער, וואָס זיא האָט פריהער דאָרט ערגעץ אַוועקגעלייגט.

זיא האָט געפונען נור איהר אונטעררעק, האָט זיא איהם אַ וואָרף געטהאָן איבער איהרע שולטערען, פערקרוקט זיך אין אַ ווינקעלע און זיך אַניעדערגעזעצט אויף אַ שטוהל.

סאַקאַר האָט זיך רוהיג אויפגעהייבען און איז צוגעגאַנגען צו זיינע קליידער.

דעלקאמבער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם.

— איהר טויגעניכטס, איהר שורקע! ווייסט איהר, צו וועמען געהערען דיעזע צימערען? איהר זייט דאָ אין מיין הויז; --האָט ער געשריען און אויפגעהייבען דיא פויסט אויף סאַקאר'ן—אין מיין הויז!.. איך צאָהל פאַר דעם! פאַר יעדע זאַך אין דער הויז האָב איך בעצאָהלט פון מיין קעשענע! דיא פרוי איז מיינע, חזיר! גנב!

סאַקאר האָט דיא גאַנצע צייט געשוויעגען, נור ביים וואָרט „גנב" איז ער אויפגעשפּרונגען.

— מיין הערר—האָט סאַקאר געזאָגט—אז מען וויל האָבען אַ פרוי אין גאַנצען פאַר זיך אליין, מוז מען איהר געבען אלעס, וואָס זיא דאַרף!

דיא דאָזיגע אַנצוהערעניש אויף זיין קאַרגשאַפט, האָט ד'עלקאמבר'ן אין גאַנצען ארויסגעבראַכט פון דיא כלים און ער האָט זיך צוקאָכט, ווילד געוואָרען, ביז ניט צו דערקענען. זיין פנים האָט גענומען פלאַמען, אויפגעבלאָזען זיך און ער האָט געעפענט אַ מויל פול מיט שוים, וויא אַ צורייצטע חיה, ביי וועמען פון אונטער דיא צייהן האָט מען ארויסגעריסען אַ געשמאַקען ביסען.

— וואָס זיא דאַרף! וואָס זיא דאַרף!—האָט ער גענומען שרייען—דעם רינשטאָק דאַרף זיא! אָה, אזא שטראַסען־פרוי!

און ער האָט זיך אַ לאָז געטהאָן מיט צונויפגעדריקטע פויסטען צו דער באַראָנעססע צו.

זיא האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן אויף איהר שטוהל, אונטערגעהויבען הויך איהרע נאַקעטע פיס אום צו בעהאַלטען זייער נאַקעטקייט, און איז אזוי געבליבען זיצען ניט אַ ריהר טאַנדיג זיך און שטום, מיט אַ'ן ארונטערגעלאָזענעם קאָפּ און מיט צומישטע אויגען.

סאַקאר האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן נאָך איהם.

— איהר וועט זיא ניט אָנריהרען! — האָט ער געזאָגט.

דיאביידע מענער זיינען איצט געשטאַנען איינער געגען אַנדערען אין מיטען צימער.

— קורץ, מיין הערר—האָט סאקאר ווידער געזאָגט — מיר מוזען ענדיגען! צו־וואָס זאָלען מיר זיך קריעגען וויא צוויי קוטשערס. יאָ, עס איז טאַקי אמת, איך בין איהר געליעבטער, אָבער אויב איהר האָט געקויפט דאָס מעבעל, האָב איך בעצאָהלט פאַר איהרע חובות.

— וואָס האָט איהר בעצאָהלט?..

— אָה, זעהר פיעל! מאַזאַ'ן צעהן טויזענד פראַנק, איהרען אַ'ן אַלטען חוב, וואָס איהר האָט ניט געוואָלט בעצאָהלען. קורץ: איך האָב אויף איהר דאָס זעלבע רעכט, וואָס איהר... אַ חזיר אפשר בין איך יאָ... אָבער אַ גנב—דאָס נישט! איהר מוזט גלייך דעם דאָזיגען וואָרט צוריקנעהמען!

— איהר זייט אַ גנב! — האָט דעלקאַמבר זיך נאָך מעהר צוקאָכט—איך וועל אייך דעם קאָפּ צושפּאַלטען, אויב איהר פערלאָזט ניט גלייך דאָס צימער!

סאקאר איז בייז געוואָרען און, אָנהטאָנדיג דיא קליידער, האָט ער געענטפערט:

— איך וועל געהן, ווען איך וועל וועלען, פערשטעהט איהר מיך? איך האָב קנאַפּ וואָס מורא פאַר אייך!

און אַז ער האָט אָנגעטהאָן דיא שיך, האָט ער אַ קלאַפּ געטהאָן מיט ביידע פיס אויף'ן טעפּיך און צוגעלייגט מיט ענטשלאָסענקייט אין'ם קול:

— אַזוי! אָט דאָ שטעה איך און דאָ בלייב איך!

פאַר כעס דערשטיקט, האָט דעלקאַמבר צוגערוקט צו איהם זיין ווילדען פנים און אויסגעשריען:

— וועסט זיך אָפּטראָגען, דו חזיר?

—אַ פריהער טראָג זיך דו אַליין אָב, דו געמיינער הונד!

— און ווען איך וועל דיך אויספּאַטשען?

— וועסטו ביי מיר קריגען מיט'ן פוס אין אַ געוויסען אָרט!..

און אַזוי זיינען זיי געשטאַנען ביידע און האָבען געשצירעט

דיא צייהן איינער אויף'ן אנדערן. זיי האבען זיך אין גאנצען פערלארען, זייער בילדונג איז דערטרונקען געווארען אין דעם ים שמוץ, וואס זיי אליין האבען אויפגעשטורמט צוליעב א פרוי. דער גרויסער יחסן'ישער אבער־פראקוראר און דער בעריהמטער פינאנסיסט האבען זיך איצטער גענומען קריעגען מיט אזוינע ווערטער, פון וועלכע דיא ווענד אפילו האבען געדארפט רויט ווערען פאר שאנד...

דערווייל איז דיא באראנעססע געזעסען אויף איהר שטול און געווארט, ביז איינער פון זייביידען זאל ארויסגעווארפען ווערען. זיא האט שוין איצט רוהיג ארומגעקלערט א פלאן פאר שפעטער.

דאס איינציגע, וואס עס איז איהר געווען א ביסעל ניט אנגענעהם, וואס זיא האט בעמערקט, אז קלארא, דיא דיענסט, שטעהט הינטער דיא פארטיערען און הערט זיך צו, וויא דיא מענער גיעסען איינער אויף'ן אנדערן פאמאיניצעס.

באלד טאקי האט דיא דיענסט ארויסגעשטעקט דעם קאפ פון אהינטער דיא פארטיערען. דיא אויגען פון דיאביידע פרויען האבען זיך בעגעגענט—דיא פריצטע, איז געזעסען צונויפגע־קארטשעט אויף איהר שטוהל כמעט א נאקעטע און דיא דיענסט איז געשטאנען אנגעטהאן אנשטענדיג, מיט איהר שטייף־גע־פרעסטען ווייסען פארטוך'ל—אוןביידע פרויען האבען זיך אנ־געקוקט מיט ברענענדיגע אויגען, פולל מיט האס.

סאקאר האט אויך בעמערקט קלארא'ן. ער האט דאן אנ־גיעטהאן זיין וועסט. פלוצים האט ער אויסגעשריען:

— קלארא, קומט נ:ר אריין! עפענט אויף דיא טיהרען, עפענט אויף דיא פענסטער, זאל דיא גאנצע הויז, דיא גאנצע גאס הערען און וויסען!.. דער הערר אבער־פראקוראר וויל, מען זאל וויסען, אז ער איז דא!..

דעלקאמבר איז בלאס געווארען, ווען ער האט דערזעהן, אז סאקאר געהט צום פענסטער און וויל עס עפענען. ער איז אפגעשפרונגען צוריק. א קשיה, וואס אזא חזיר קען טהאן!

— קאנאליע! קאנאליע! — האט דער אבער־פראקוראר

ארויסגעזייהט דורך דיא פערשצעמעטע צייהן — איהר זייט א וואוילע פּאָרל! איך שענק זיא אייך אוועק!

— אַט אזוי—האָט סאקאר געזאָגט—מען דארף אייך דאָ ניט, ארויס! אצינד וועט זיא שוין קיין נויטה נישט ליידען און איהרע חובות וועלען בעצאָהלט ווערען! אפשר ווילט איהר א פּאָאר סו אויף א'ן אמניבוס? איך וועל אייך שענקען!

דעלקאמבר האָט זיך א קעהר געטהאָן צו איהם שטארק בעליידיגט, מיט א פערקרימטען פּנים.

— איך שווער—האָט ער געזאָגט, אויפהייבענדיג די האַנד—אז דאָס וועט אייך טהייער קאָסטען! אָה, מיר וועלען זיך נאָך טרעפען. געדענקט!

און מיט דיא דאָזיגע ווערטער איז ער ארויס. באַלד נאָך איהם איז אַנטלאָפען קלארא, פרעהענדיג זיך אין הארצען איבער איהר געלונגענעם שפּיצעל.

געבליעבען אליין מיט דער באראָנעססע, איז סאקאר א לאַנגע צייט ארומגעגאנגען אויפגערעגט איבער'ן צימער, האָט צוגעמאכט דיא טיהרען, א שטויס געטהאָן מיט'ן פוס א ברע־נענדיגע שייטעל האָלץ אין'ם קאַמין און ערשט נאכדעם האָט ער זיך אומגעקוקט אויף דער באראָנעססע, וועלכע איז נאָך אַלץ געזעסען אויף איהר שטוהל, וויא צוגעשמידט. אין איהר נאַ־קעטקייט, מיט'ן אונטעררראָק אויף דיא שולטערען האָט זיא איהם איצט אויסגעקוקט זעהר מאָדנע.

— טהוט זיך אָן, מיין טהייערע — האָט ער זיך אָנגערו־פען — און זייט נור רוהיג. איבערמאָרגען וועלען מיר זיך דאָ ווידער זעהן... גוט? דערווייל מוז איך געהן זעהן אורע'ן. און ווען זיא האָט אָנגעטהאָן איהר העמד, האָט ער צוגע־געלייגט:

— געדענקט נור, אַז איהר וועט קויפען איטאליענישע אקציען, זאָלט איהר נור קויפען מיט פּרעמיאומס...

און מיט דיעזע ווערטער איז ער אוועק.

אין דער זעלבער צייט איז קאראָלינע געזעסען אין דעם אר־

בייטס־צימער פון איהר ברודער, דעם קאפ אנגעשפארט אן שרייב־טיש, און האט ביטער געוויינט.

דאס, וואס זיא האט זיך דערוואוסט פון'ם קוטשער, סא־קאר'ם פעררעטה, האט אין גאנצען איהרע אויגען געעפענט אויף סאקאר'ן, און דער אמאליגער חשד, אז דאס געשעפט פון דער „וועלט־באנק" ווערט נישט עהרליך געפיהרט, האט ווידער אויפגעוואכט אין איהר הארצען.

— ביז אהער האט איהר ליעבע צו סאקאר'ן א סך פון זיינע פעהלערען פערשלייערט פון איהרע אויגען. זיא האט פשוט ניט געוואלט גלויבען, אז ער איז ניט עהרליך און ווען זיא האט אמאל געהערט אנדערע פון דעם ריידען, האט זיא עס ניט געגלויבט, ניט געוואלט גלויבען. איצט אבער איז דער שלייער מיט אמאל ארונטערגעפאלען פון איהרע אויגען, און פיעלעס, פיעלעס האט זיא איצט קלאר דערזעהן...

זיא האט דערזעהן, אז דיא „וועלט־באנק" שפעקולירט אלץ שטארקער און שטארקער, אז סאבאטיאני'ס, דעם „שטרוי־מאן'ס" קאנטא ווערט אלץ גרעסער און גרעסער, שוין ניט ריידענדיג פון דיא בעטריגערישע רעקלאמען מיט וועלכע מען בעשווינדעלט דעם אונוויסענדען עולם.

איבערהויפט האט זיא געשראקען דער צו שנעלער שטיי־גען פון דער „וועלט־באנק", וועלכע האט זיך געטראגען, וויא א'ן איבערגעהייצטע מאשינע מיט א טייפעלשער שנעלקייט איבער שינען פון זאמד און קויט... זיא איז ניט געווען אזא נאר, זיא זאל ניט פערשטעהן, אז פון אזא משוגענעם פליהען ועט קיין גוטעס ניט ארויסקומען.

און איהר עהרליכער ברודער, וואס ארבייט דארט, אין זיא האלב־ווילדע לענדער טאג און נאכט, ער וויים פון דעם ניט; נאך מעהר: זיא אליין האט איהם אין איהרע בריעף פערזיכערט, אז דא איז אלעס וויא עס בעדארף צו זיין! וואר־רום האט זיא עס געטהאן? ווארום האט זיא נאך געהאלפען סאקאר'ן צו בעטריגען איהר ברודער אויך?!.

אין'ם צימער איז געווארען אלץ פינסטערער און פינסטע־

דער, און זיא איז נאָך אַלץ געזעסען און געוויינט, צומישט, שוואַך און געבראָכען.

זיא איז גאָר ניט געווען דיא פריהערדיגע קלוגע און שטאַרקע קאראַלינע! דיא ליעבע צו דעם מאַן האָט זיא אַזוי צובראָכען. און וויא זיא האָט זיך ניט געוואָלט איינריידען, אַז זיא איז אַזוי דערשלאָגען, מחמת עס איז איהר קלאָהר געוואָרען, אַז דיא „וועלט-באַנק“ שווינדעלט, האָט זיא אָבער אין איהר הארצען געפיהלט, אַז דאָס איז ניט דיא הויפּט־אורזאַך פון איהר פערצווייפלונג; אַז דיא הויפּט־אורזאַך פון דעם אין איהר ליעבע, וועלכע איז איצט אַזוי שווער פערוואונדעט געוואָרען פון דעם מאַן, וואָס זיא האָט געליעבט.

— מיין גאָט! — האָט זיא געשטאַמעלט פאַר זיך — שוין־זשע האָב איך אין גאַנצען פערלאָרען מיין שטאָלץ! וואָס איז עס מיט מיר? וואָס איז עס מיט מיר?!

אין דיעזער רגע האָט זיא דערהערט הינטער זיך אַ בעקאַנטע שטימע. מאַקסים איז אין צימער אריין.

— וואָס איז? איהר זיצט גאָר אין דער־פינסטער און וויינט?

זיא האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן און האָט זיך פערשעהמט, וואָס מאַקסים האָט זיא געטראָפען אַ וויינענדיגע.

— ענטשולדיגט — האָט ער גערעדט וויטער—איך האָב געמיינט, אַז מיין פאָטער איז שוין דאָ צוריק פון דער בערזע. אַ געוויסע דאַמע האָט מיך געבעטען, איך זאָל איהם היינט ברייננען צו איהר אויף מיטאָג.

דער דיענער האָט אריינגעטראָגען אַ לאָמפּ און איז גלייך ווידער ארויס. דאָס גאַנצע צימער איז פערגאָסען געוואָרען מיט אַ רוהיגען שיין, וואָס דער לאָמפּ האָט געוואָרפען פון אונטער אַ קאָלפּאַק.

— וואָס איז דאָס! — האָט מאַקסים ווידער געזאָגט—איהר האָט געוויינט?

— עס איז גאָר נישט — האָט קאראַלינע געענטפערט,

זוכענדיג זיך צו בעהערשען: — א ווייבערשע שוואכקייט, עס טרעפט מיט מיר דאָס ערשטע מאָל.

און זיא האָט זיך אויפגעהייבען שטאָלץ און דרייסט און האָט ווידער געשמייכעלט.

דער יונגערמאַן האָט זיא אָנגעקוקט, וויא זיא איז געשטאַנען פאַר איהם א שטאָלצע און א שלאַנקע, מיט איהרע גרויסע, קלאָרע אויגען, איהרע שטאַרקע ליפּען, און יענעם אויסדרוק פוֹלל מיט גוטסקייט אויף איהר פּנים, וועלכער האָט מיט אזא ווייכקייט און צערטליכקייט זיך אָפּגעטונקט אונטער איהרע שנעע־ווייסע האָאָר. זיא איז איהם פאָרגעקומען אזוי יונג און פריש, דיא דאָזיגע שנעע־ווייסע פרוי מיט'ן פריש בליהענדען פּנים, א'ן אמת'ע שעהנהייט; דאַן האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אָן זיין פאָטער און האָט מיט פעראכטונג א דריק געטהאָן זיינע אַקסלען:

— איבער איהם האָט איהר געוויינט, האַ?

זיא האָט געוואָלט לייקענען, נור דיא טרעהרען האָבען זיא אָנגעהייבען צו שטיקען.

—אָבער כ'האָב אייך געווארענט געגען איהם—האָט מאַקכים ווידער געזאָגט—איהר געדענקט, וואָס איך האָב אייך דעמאָלט געזאָגט ביי מיר אין הויז?

קאראָלינע האָט זיך דערמאָהנט דעם טאָג ווען זיא איז געקומען צו איהם בעטען, אז ער זאָל איהר באָרגען דיא צוויי טויזענד פראנק, אום וויקטאָר'ן אויסצולייזען. דעמאָלט האָט ער איהר פערשפּראָכען ביי א געלעגענהייט איהר צו דערצעהלען אַלעס וועגען זיין פאָטער. ווארום זאָל זיא איהם איצט ניט אויספרעגען? איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיא מוז וויסען אַלעס וועגען סאקאר'ן.

אָבער עס איז איהר אונאַנגענעהם געווען אויסצופרעגען איהם און דערפאַר האָט זיא געפּרואווט צו דערגעהן אַלעס פון איהם פון דער זייט.

— איך האָב אייך נאָך ניט בעצאָהלט דיא צוויי טויזענד

פראַנק — האָט זיא זיך אָנגערופען — זייט איהר ניט בייז אויף מיר?

ער האָט אַ מאַך געטאָהן מיט אַ האַנד, אום איהר צו ווייזען, אז דיא צוויי טויזענד פראַנק האָט ער אפילו ניט אין זינען. דאַן האָט ער פּלוצים אַ פרעג געטאָהן: — און וואָס מאַכט עפּעס מיין ברודערל?

— איך האָב פון איהם אַ סך יסורים — האָט זיא געענטפערט — אייער פאָטער האָב איך נאָך ביז היינט גאָר נישט געזאָגט... איך וואָלט איהם וועלען אפריהער אביסעלע אויסבעסערען, כדי מען זאָל איהם קענען ליעב האָבען.

מאַקסים האָט זיך הויך צולאַכט. ווען זיא האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט, האָט ער געזאָגט:

— איך מיין, אז איהר האָט ווידער אויף זיך גענומען אומזיסטע זאָרג. מיין פאָטער וועט אפּילו ריכטיג ניט אָפּשעצען אייער ארבייט... ער האָט שוין אזוי פיעל פאַמיליען־אונאַנגענעהמליכקייטען איבערגעלעבט!

זיא האָט דיא אויגען פון איהם ניט געקענט אָפּרייסען. ער האָט גערעדט מיט אזא טיעפער פעראַכטונג וועגען זיין פאָטער, און עס האָט זיך איהר אויסגעוויעזען, אז באַלד, באַלד וועט זיא זיך דערוויסען פון איהם אַלעס, וואָס זיא האָט איצט אזוי געוואָלט וויסען.

— אייער מוטער איז שוין לאַנג געשטאָרבען? — האָט קאַראָלינע געפרעגט.

— שוין לאַנג. קוים וואָס איך געדענק זיא. איך בין נאָך דעמאָלט אין גימנאַזיום געגאַנגען, בעת זיא איז דאָ געשטאָרבען אין פּאַריז. איך האָב נאָך אַ שוועסטער, קלאָטילדע, געפינט זיא זיך ביי אונזער אָנקעל פּאַסקאַל. זייט אונזער מוטער'ס טויט האָב איך זיא נור איינמאָל געזעהן.

— און אייער פאָטער האָט באַלד דערנאָך ווידער חתונה געהאַט?

ער האָט ניט גלייך געענטפערט, זיינע קלאָהרע, ליכטיגע

אויגען האָבען זיך אויף אַ רגע וויא מיט אַ נעבעל פערצויגען; דאַן האָט ער געענטפערט:

—יאָ, יאָ, ער האָט חתונה געהאַט... דיא נייע פרוי, אַ טאָכטער פון אַ הויכען בעאַמטען, רענגע מיט'ן נאָמען, איז ניט געוועזען פאַר מיר קיין מוטער, נור אַ ליעבע פריינדין...

ער האָט זיך צוגערוקט צו איהר נעהענטער און ווייטער דערצעהלט:

— זעהט איהר, מיין פאָטער מוז מען פערשטעהען. גאָט מיינער, ער איז נישט ערגער וויא אַנדערע מענשען. נור געלד האָט ער ליעבער, וויא זיין פרוי און קינדער. ער האָט נישט ליעב געלד, וויא אַ קאַרגער, צוליעב דאָס געלד אַליין, אום צו קוקען דאַרויף, בערגעניגען האָבען פון דעם, וואָס עס ליעגט אין דער אייזערנער קאַסע, ניין! ער וויל האָבען געלד נור אום צו קענען געניסען, צו קענען האָבען לוקסוס, וואוילטאָג, צו קענען הערשען איבער אַלעס. אַט אַזאַ מענש איז ער שוין. ער וועט אונז ביידען פערקויפען, אייך און מיר, און זיינע בעסטע פריינד, אויב דאָס וועט איהם נור געלד אריינברייננגען. און דאָס אַלעס מהוט ער גאַנץ אונבעוואוסט, ווארום ער איז דער אמת'ער דיכטער פון דעם געלד, וואָס האָט איהם פאַר דעם גרעסטען ישורקע געמאַכט.

קאַראָלינע האָט איהם ניט אונטערבראָכען און צושטי־מענד צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

אָה, דאָס געלד, וויפיעל מענשען דאָס האָט פער'סם'ט! וויא דאָס פערטיליגט דיא גוטסקייט און דיא צערטליכקייט, דיא ליעבע און דעם רחמנות אין דער נשמה פון'ם מענשען! נור דאָס געלד — האָט זיא געטראַכט ווייטער — איז דאָס שולדיג אין דיא מייסטע פערברעכענס פון מענשען!

אין דיעזער רגע האָט זיא געהאַסט און געפלוכט דאָס געלד פון דער טיעפסטער טיעפעניש פון'ם הארצען. וואָלט זיא אימשטאַנד געווען, וואָלט זיא דאָס געלד פון דער גאַנצער וועלט פערטיליגט, וויא מען פערטיליגט אַ מגפה, פון וועלכער אַ וועלט איז אין אַ סכנה.

— אלזא, איהר זאגט, אז אייער פאטער האט נאך אמאל חתונה געהאט? — האט זיא ווידער ארויסגערעדט אין א ווײלע ארום מיט א פערטראכטער שטימע.

— רענעע — האט מאקסים געענטפערט — האט דיא פרוי געהייסען, מיט וועמען ער האט חתונה געהאט צום צוויי־טען מאל... זיא איז געווען נור מיט א פאר יאהר עלטער פון מיר...

קאראלינע האט זיך דערמאנט, אז זיא האט שוין אמאל געהערט, דאס סאקאר האט צום צווייטען מאל געהייראטה מיט א יונגע פרוי פאר געלד און איז ניט געוועזן דאגעגען, אז זיין אייגענער זוהן מאקסים זאל לעבען מיט יענער פרוי...

און, זיצענדיג נעבען איהר, האט מאקסים אויך דער־צעהלט קאראלינע'ן דיא זעלבע שרעקליכע געשיכטע, וואס זיא האט שוין אמאל געהערט פון אימיצען אנדערש: וויא פאר געלד האט זיין פאטער דעם נאמען פערקויפט און חתונה געהאט מיט א מיידעל, וואס איז פריהער פערפיהרט געווארען... וויא פאר געלד, ווייל ער האט געוואלט פון זיין פרוי א'ן אונטער־שריפט ארויסקריגען, האט ער איהר ערלויבט צו האבען גע־שלעכטליכען פערקעהר מיט איהם, מאקסים'ן, מיט זיין אייגע־נעם זוהן... דאס געלד, דאס געלד איז געווען זיין קעניג, זיין גאט; עס איז געשטאנען העכער וויא אנשטענדיגקייט, טייערער וויא בלוט, וויא טרעהרען, וויא אלעס אויף דער וועלט.

און וואס מעהר מאקסים האט איהר דערצעהלט, אלץ קלאהרער איז סאקאר ארויסגעטראטען פאר איהר אין זיין גאנצען טייפעלשען געשטאלט, און זיא האט אין גאנצען גע גוטען שוידערען טראכטענדיג, וואס פאר א מענשען זיא האט געליעבט און צו וועמען זיא האט געהערט.

— יא, מאדאם — האט מאקסים געענדיגט — איך האב מיטלייד מיט אייך, אבער עס איז בעסער, ווען איהר זאלט ווייסען, מיט וועמען איהר האט צו טהאן... נור צוקריעגט זיך ניט איבער דעם מיט מיין פאטער, ווארום נור איהר וואלט דערפון געליטען, ניט ער... פערשטעהט איהר שוין איצט,

ווארום איך וואָלט איהם ניט געוואָלט קיין איינציגען סו ליִיהען?

און אזוי וויא קאראָלינע האָט איהם ניט געענטפערט — זיא האָט ניט געקענט ענטפערען, ווארים עס האָט זיא טרעהרען געשטיקט — האָט ער זיך פון׳ם אָרט אויפגעהויבען און א קוק געטהאָן אין שפּיעגעל מיט דער רוהיגקייט און ניט־געצוואונ־גענהייט פון א מענשען, וועלכער וויים, אז ער איז שעהן און זויבער. דאָן איז ער וויעדער צוגעגאַנגען צו איהר.

— ניט אמת, אזוינע זאכען מאַכען א מענשען גיך אַלט? — האָט ער וויעדער געזאָגט — איך האָב אָבער באַלד אויפגעגעבען אָט דיא דאָזיגע אַלע נאַרישקייטען. איך האָב התונה געהאט מיט א יונגע מיידעל, וועלכע איז קראַנק געוואָ־רען און איז געשטאָרבען, און איך קען שווערען, אז קיינער אין דער וועלט וועט מיך ניט אימשטאַנד זיין איינצורעדען מעהר צו אַזוינע זאכען... ניין! זעהט איהר, מיין פאָטער איז שוין גאָר אַנאַנדער מענש, איהם פעהלט דיא מאָראַל, דער בעגריעף.

ער האָט אריינגענומען איהר האַנד אין זיינער, האָט זיא געהאַלטען א וויילינקע. איהר האַנד איז אָבער קאַלט געוועזן, וויא אייז.

— איך געה איצט, ווארים מיין פאָטער קומט נאָך נישט אזוי גיך אהיים... אָבער נור נישט געזאָרגט! איך האָב גע־האַלטען אייך פאַר זעהר שטאַרק! און בעדאַנקט מיר פאַר דעם, וואָס איך האָב אייך אַלעס געזאָגט, ווארים דיא גרעסטע נאַרישקייט אויף דער וועלט איז ווען מען לאָזט זיך נאַרען.

ביים אַרויסגעהן האָט ער זיך אין דער טיהר אָפּגעשטעלט, אומגעקעהרט זיך און מיט געלעכטער געזאָגט:

— יאָ, איך האָב גאָר פאַרגעסען! זייט אזוי גוט און זאָגט איהם, אז פרוי זשימאַן וויל איהם ביי זיך האָבען אויף מיטאָג... איהר ווייסט ווער פרוי זשימאָן איז? דאָס איז דיא, וועלכער דער קייזער האָט בעצאָהלט הונדערט טויזענד פראַנק פאַר צולאָזען איהם צו זיך.. אָבער שרעקט זיך ניט,

מיין פאָטער באָטש ער איז משוגע, דאָך וועט ער אזוי פיעל געלד ניט וועלען געבען...

און ווען זיא איז אליין געבליעבען, האָט קאראָלינא זיך פון׳ם אָרט ניט גערי‌הרט. דערשלאָגען איז זיא אויף איהר שטול געזעסען אין דעם שטילען צימער און האָט מיט ווייט-אויסגע־גלאָצטע אויגען געקוקט אויפ׳ן לאָמפּ, וואָס איז פאר איהר אויפ׳ן טיש געשטאַנען.

דאָס, וואָס זיא האָט ביז אהער נישט געוואָלט זעהן, ווע־גען וואָס זיא האָט אפילו מורא געהאט א טראכט צו טהאָן, איז פּלוצים פאר איהר געשטאַנען אין דער גאנצער העסליכ־קייט. זיא האָט שוין איצט סאקאר׳ן גוט געקענט. זיין פער־דאָרבענהייט האָט קיין גרענעץ ניט, א מענש אָהן דעם מינד־סטען פונק פון שאַנדע... זיין ווייב האָט ער זיך געטהיילט מיט זיין אייגענעם זוהן, זיין זוהן פערקויפט, זיין ווייב פער־קויפט, אלעס און אלעמען פערקויפט, ווער און וואָס נור האָט זיך איהם אונטער דיא הענד אונטערגעדרעהט; זיך אליין וואָלט ער פערקויפט און איצט וועט ער זיא אויך פערקויפען, איהר ברודער פערקויפען, פון זייערע הערצער און געהירען וועט ער פאר זיך גאָלד שמיעדען. ער איז דאָך געוועזן ניט מעהר ווי א געלד-מאַכער, וועלכער האָט מענשען און זאכען אין שמאַלץ־קעסעל געוואָרפען, אום געלד פון זיי אויסצושמעלצען...

זיא האָט איצט געזעהן, וויא דיא „וועלט-באַנק", וואו־הין עס שטראָמען פון אלע זייטען געלד און געלד, גאנצע טייּ־כען געלד, א גאנצער ים געלד, מוז צוזאמענברעכען, ווייל זיא ווערט געפיהרט פון א מענשען, וואָס ווייס גאָר ניט, וואָס עהרליכקייט איז.

אָה, דאָס געלד, דאָס העסליכע געלד, וואָס בעשמוצט אלעס, וואָס פערשלינגט אלעס!

קאראָלינע האָט זיך א כאַפּ געטהאָן פון׳ם אָרט. ניין, ניין! דאָס איז צו שרעקליך! מיט אזא מענשען קען זיא שוין מעהר נישט בלייבען. זיא וואָלט איהם שוין מוחל געווען זיין פער־ראטה, אָבער זיין העסליכע פערגאַנגענהייט — דאָס האָט איהר

אזוי געקעלט, אז זיא האט געשווידערט. זיא מוז אוועק וואס שנעלער פון איהם, אויב זיא וויל אליין ניט אומקומען אין שמוץ... זיא האט געפיהלט, אז זיא מוז אוועק ווייט, ווייט פון דאנען, צו איהר ברודער אין מזרח-לאנד און טאקי באלד אויך. דער זייגער איז נאך ניט זעקס, אום זיעבען פינף און פופציג קען זיא דעם מארסעליער שנעל-צוג נעהמען...

זיא האט זיך גענומען פארברייטען צו דער רייזע. דער־ווייל איז דער לאקיי אריינגעקומען און האט איהר דערלאנגט א פאק בריעף און צייטונגען.

קאראלינע האט שנעל איבערגעקוקט דיא אדרעסען אויף דיא בריעף און אויף איינעם פון זיי האט זיא דערקענט דיא האנדשריפט פון איהר ברודער.

דער שטעמפעל אויפ'ן בריעף איז געווען פון דאמאסקוס. צוערשט האט זיא בדעה געהאט דעם בריעף נור דורכצוקוקען און לייענען איהם ערשט אין וואגאן אויפ'ן וועג. אבער יע־דער זאץ פון'ם בריעף האט זיא צוגעשמידט און בשום אופן האט זיא זיך נישט געקענט אפרייסען פון איהם און זיא האט זיך געמוזט ווידער אניעדערזעצען ביים טיש, און איבער־לייענען דעם גאנצען לאנגען בריעף, וואס איז געשריעבען אויף גרויסע צוועלף זייטען.

העמעלין האט איהר געשריעבען, אז ער פיהלט זיך זעהר גוט. ער האט איהר געדאנקט פאר דיא לעצטע גרויסע נאכ־ריכטען פון פאריז און האט איהר געשיקט נאך בעסערע ידיעות, דער ערשטער באלאנס פון דער „פראאייניגטער דאמפף-שיף געזעלשאפט" איז זעהר גוט. דיא נייע שיפען ברייגגען אריין א גרויסען איינקונפט. זיי זיינען זעהר גוט איינגעריכטעט און געהן זעהר שנעל. דיא שטעדט ארום ים האבען מחמת דעם אפגעלעבט און אויף שריט און טריט טרעפט ער איצט גאנץ אפט לאנדסלייט פון פאריזער בולוואר.

עס איז אזוי געשעהן, וויא ער האט פאראויסגעזאגט. דיא מזרח-לענדער זיינען אפען פאר פראנקרייך. אין גיכען וועלען אויפ'ן לבנון ווידער אויפוואקסען שטעדט. אין כרמל גראבט

מען דיא זילבער־מינען. דיא ארבייט נעהט זעהר גוט. דיא ווילדע געגענד איז לעבעדיג געוואָרען. אונטער דיא ריעזען־גרויסע פעלזען־בערג האָט מען קוואַלען געפונען. פעלדער האָבען דאָרט געגומען בליהען. נעבען דיא מינעס שטעהט שוין א גאנצע דאָרף מיט קליינע געמויערטע הייזער, אן אָנפאנג פון א שטאָדט, וועלכע וועט זיך אלץ מעהר און מעהר צו־וואקסען. פינף הונדערט איינוואוינער וואוינען שוין איצט דאָרט. פון פריה־מאָרגען ביז אבענד רוישען דאָרט דיא שלעפ־מאשינען, קרעכצען דיא שווערע באלאָדענע פוהרען אונטער דעם היל־כיגען קנאַלען פון בייטשען, פרויען זינגען, קינדער שפיעלען זיך און ליארמען אין דעם דאָזיגען מדבר, וואו מען האָט ערשט ניט לאנג נור געהערט דעם שווערען קלאַפּען פון אדלער־פליגלען. מירטען (הדסים) פארשמעקען דיא מילדע ריינע לופט.

צום סוף האָט העמעלין איהר נאָך געשריעבען, אז ער האָט אין פּאלעסטינא אויך געפונען קוילען־גרובען; אז ער זעהט דאָרט קלאָהר פאר זיך א נייע וועלט.

— איך קוש דיך הערצליך, מיין ליעבע שוועסטער — האָט קאראָלינע אין דעם בריעף געלעזען — און איך בין העכסט גליקליך, וואס דו האָסט מיט דיין מוטה און ענערגיע מיטגעהאָלפען מיר אויפצולעבען א פערזונקענע פאָלק.

איבערגעלעזען דעם בריעף, האָט קאראָלינע איהם אויפ׳ן טיש אוועקגעלייגט און אָנגעהויבען צו קוקען ארום זיך.

אויף דיא וואנד זיינען נאָך געהאנגען דיא פּלענער און די צייכנונגען, וואס זיא און איהר ברודער האָבען פון דיא מזרח־לענדער געבראכט. איצט האָבען זיך דיא דאָזיגע אלע פּלענער פערווירקליכט, דאס וואס איז פריהער געווען א חלום, איז איצט א ווירקליכקייט געוואָרען!

זיא האָט ווידער געזעהן פאר זיך דיא מזרח־לענדער שוין ניט קיין טויטע מדבריות, נור אויפגעלעבטע, בליהענדע לענדער, וואו עס לעבט א גליקליכע מענשהייט.

און פּלוצים איז איהר קלאָהר געוואָרען, אז דאס געלד האָט עס אויפגעטהאָן. אויב דאָרט, אין קליין־אזיען, איז איהר

ברודער געלונגען צו פערווירקליכען זיינע העכליכע פלענער, איז עס נור צו פערדאנקען דיא געלד־מענשען אין פאריז, וועלכע האבען מיט זייערע שפעקולאציאנען דיא מעגליכקייט איהם געגעבען צו פערווירקליכען זיי, זיינע פלענער, הייסט עס.

דאס אייגענע געלד, וואס זיא האט ערשט ניט לאנג געהאסט פון דער טיעפעניש פון איהר הארצען, איז געווען דיא הויפט קראפט, וואס האט אויפגעטהאן גרויסעס פאר דער וועלט; עס קען ארונטערדרייסען בערג, בויען בריקען איבער דיא ברייטעסטע טייכען, קען דיא גאנצע ערד פערוואנדלען אין א גן־עדן פאר דער מענשהייט. פון דעם זעלביגען קוואל, פון וועלכען עס שטראמט ארויס אלעס בייזעס און גיפטיגעס, שטראמט אויך ארויס אלעס גוטעס און אויפלעבענדעס.

און טראכטענדיג אזוי, האט זיא געפיהלט, אז זיא קען שוין מעהר ניט אנטלויפען, טאר ניט פערלאזען פאריז, צוליעב דיא מזרח־לענדער, וואס האבען דארט גענומען בליהען א דאנק סאקאר'ן. דאך האט זיא זיך נאך ניט אין גאנצען בערוהיגט. זיא האט נאך ניט געקענט פערגעסען, וואס מאקסים האט איהר דערציעהלט.

זיא האט זיך אייפגעהויבען און צוגעשפארט איהר שטערען אן דיא שויבען פון א פענסטער, וועלכעס איז ארויסגעגאנגען צום פאלאץ באוויליע.

דיא נאכט איז צוגעפאלען. א שווערער שימער פון ליכט האט ארויסגעבלישצעט פון א פענסטער פון א קליינעם צימער, וואו דיא גרעפין און איהר טאכטער האבען זיך אויפגעהאלטען.

הינטער דיא דינע לייוועטענע פארהאנגען האט קאראלינע באמערקט דאס פראפיל פון דער גרעפין באווילע, וועלכע האט געלאטעט אן אלטע שטיקעל וועש, וועהרענד אליציע האט געמאהלען אקווארעל־בילדער, וואס זיא פלעגט שטילערהייט פערקויפען אויף'ן דוצענד.

אין דער דאזיגער ארימקייט האט זיי דאך דיא לעצטע צייט געשיינט דיא האפנונג, אז זיי וועלען באלד בעסערע צייטען זעהן. דיא אקציען פון דער „וועלט־באנק“ האבען מיט

יעדען טאָג געשטיגען. ווען עס־איז וועלען זיי פערקויפען זייי־ערע אקציען פאר א גרויסען פרייז, דעמאָלט וועלען זיי זיך קענען פערגינען מאכען נייע קליידער, און זייערע אלטע פריינד וועלען זיי דעמאָלט איינלאדען צו זיך אויף מאהלצייטען פיער מאָל א מאָנאַט אנשטאַט איינמאָל. אליציא וועט דעמאָלט התונה האָבען און וועט זיין גליקלאך.

און אזוי טראַכטענדיג האָט קאַראָלינא געמומען פיהלען, וויא א טיעפע רוהיגקייט צושפרייט זיך איבער איהר נשמה. עס איז איהר מיט אמאָל קלאָהר געוואָרען, אז געלד, נור דיא האָפנונג אויף געלד איז גענוג, גליקלאך צו מאכען אָט דיא דאָזיגע צוויי אונגליקליכע פרויען. ווען סאקאר זאָל זיי רייך מאכען, וועלען זיי איהם דען ניט בענשען? וועט ער דעמאָלט דען ניט זיין פאַר זיי דער גוטער, דער ליעבער, דער טהייערער מענש? זייער רעטער? איז דען דיא גוטסקייט ניט פאַראַן אומעדום, אפילו ביי דיא ערגסטע מענשען? יעדער האָט זיך זיינע גוטע זייטען, יעדער האָט אמאָל אויף זיין לעבען עפּעס גוטעס געטאָהן, אפילו א סאקאר...

און דאָ איז איהר אויפ'ן זינען ארויף דיא „ארבייטס־הויז".

מיט א טאָג צוריק האָט זיא אין נאָמען פון סאקאר'ן שפּיעל־צייג און צוקערלאך פערטהיילט צווישען דיא קינדער פון דער „ארבייטס־הויז", און ניט ווילענדיג האָט זיא איצט א שמייכעל געטהאָן, דערמאָנענדיג זיך, מיט וואָס פאר א ליארם און פרייד דיא קינדער האָבען דיא פרעזענטען אויפ־גענומען.

זייט דעם לעצטען מאָנאַט איז זיא מיט וויקטאָר'ן אויך צופריעדען, ער האָט זיך א סך געבעסערט. דיא צייגניסע וועגען איהם, וואָס זיא האָט געזעהן ביי דער פּרינצעסין ווייעדא, מיט וועלכער זיא פלעגט צוויי מאָל וועכענטליך בעשפרעכען דיא לאַגע פון'ם אנשטאלט, האָבען זיא צופריעדענגעשטעלט. און דערמאָנענדיג זיך איצט אָן וויקטאָר'ן, האָט זיא זיך

געמוזט וואונדערען, וואָס אין אַז מאָמענט פון פערצווייפלונג האָט זיא זיך אָן איהם געקענט פערגעסען!

ניין, ניין, זיא טאָר זיך אָן איהם ניט פארגעסען זיא האָט קיין רעכט ניט איבערצולאָזען איהם איצט אין מיטען דערינען, ווען נאָך אזוי פיעל מיה און עגמת נפש האָט ער זיך ענדליך אָנגעהויבען צו בעסערען!

און אין א ווײלע ארום, ווען זיא איז ווידער צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זיא דערשפירט א לייכטען שווידער.

וואָס, זיא בריהרט גאָר? זיא האָט גענומען לאַכען פון זיך אליין: איהר זאָל קאַלט זיין, איהר, וואָס זיא האָט זיך בעריהמט, אז זיא קען אויסקומען ווינטער אָהן פייער.

אָבער דאָס איז געווען א בערוהיגענדע קעלט, א קעלט, וואָס מען פיהלט נאָך א קאַלטער, אָפפרישענדער באָד. זיא האָט זיך איצט ווידער געפיהלט רוהיג, ווידער איז זיא איבערגעקומען א גרויסען קריזיס אין איהר לעבען און דיא האָפנונג האָט זיך ווידער אין איהר אָנגעצונדען...

זיא האָט ווידער געהאָפט — אויף וואָס? זיא האָט עס קלאָהר ניט געוואוסט. דאָס לעבען אין איהר האָט דיא האָפנונג אין איהר נשמה אָנגעצונדען.

זיא האָט שוין ניט געקענט מעהר איהר ליעבהאָבער אכטען מחמת זיין העסליכע פערגאנגענהייט, און דאָך איז ביי איהר געבליעבען צו לעבען מיט איהם ווייטער, וויא ביז אהער, כאָטש זיא האָט געוואוסט, אז ער האָט צו טהאָן מיט אנדערע פרויען. זיא האָט בעשלאָסען ווייטער צו לעבען אין דער אטמאָספערא פון שווינדעל און בעטרוג, פון ווילדע שפעקולאציאָנען, אונטער דעם שטענדיגען געפאהר פון א מורא'דיגען קראַך, ביי וועלכען איהר ברודער קען אפשר בעצאָהלען מיט זיין עהרע און בלוט. וואריב? מחמת דעם איינציגען גרונד צו לעבען! ניט אומזיסט פלעגט איהר ברודער זאָגען, אז זיא איז דאָס לעבען אליין.

אז סאקאר איז אהיים געקומען, האָט ער זיא געטראָפען ארבייטענדיג. מיט איהר פעסטער האַנדשריפט האָט זיא דע־

מאלט געענדיגט א זייטעל פון אן אבהאנדלונג איבער דיא אריענט־באהנען.

ווען ער האט צוגעדריקט זיינע ליפען צו איהר ווייסען קאפ, האט זיא איהם געענטפערט מיט א רוהיגען שמייכעל.

— איהר זייט אוודאי מיעד, מיין פריינד ? — האט זיא געזאגט.

— אה, איך האב היינט געהאט פיעל צו טהאן — האט ער געענטפערט — איך בין געוועזען ביים מיניסטער פון עפענטליכע ארבייטען. דערנאך בין איך ארומגעלאפען זוכען אורע'ן און אז איך האב איהם געפונען, האב איך ווידער גע־מוזט געהן צום מיניסטער, נור איך האב איהם שוין נישט גע־טראפען, בלויז א סעקרעטער זיינעם. ענדליך האב איך אויסגע־פיהרט דאס, וואס איך האב געוואלט.

אין דער אמת'ן האט ער, זייט ער האט פערלאזען דיא באראנעססע סאנדארף, קיין מינוט ניט גערוהט, איז אלץ ארומ־געלאפען וועגען זיינע געשעפטען.

זיא האט איהם דערלאנגט האמעלען'ס בריעף. ער איז זעהר ענטציקט געווארען פון דיא גוטע נייעס.

זיא האט געקוקט אויף איהם, געזעהן, וויא ער ווערט בע־גייסטערט פון'ם בריעף און האט אין הארצען ביי זיך פארגע־נומען, אז פון איצט אן וועט זיא זיין שטרענג צו איהם און וועט איהם אפהאלטען פון נארישקייטען. זיא האט זיך אבער געפיהלט צו שוואך געגען איהם.

— אייער זוהן איז דא געווען — האט קאראלינע געזאגט.

— אייך בעטען אין'ם נאמען פון פרוי דע־זשימאן אויף מיטאג.

— ביי גאט ! — האט ער אויסגעשריען — איך האב שיער ניט פערגעסען, אז זיא האט געשיקט א געשריעבענע איינלאדונג צו מיר. איך וועל מוזען געהן צו איהר, כאטש איך בין טויט־מיעד.

ער האט ווידער א קוש געטהאן איהר ווייסען קאפ און איז אוועק.

זיא האט זיך ווידער גענומען צו איהר ארבייט מיט א פריינדליכען, פארגעבענדיגען שמייכעל.

איז זיא ניט געווען זיין פריינדין, וואס האט זיך איהם אפגעגעבען? זיא האט זיך איצט געשעהמט מיט איהר איי פערזוכט, אזוי וויא דאס וואלט נור בעשמוצט דיא פערהעלט־ניס צווישען זיי ביידען. זיא האט געוואלט שטעהן איבער דער דאזיגער שוואכקייט. זיא האט געוואלט פריי זיין פון ־ער דאזיגער קערפערליכער אייגענזוכט פון דער ליעבע. זיא האט קיין רעכט ניט איהם צו פערוועהרען צו בעלאנגען צו אנדערע פרויען אויך!

און דאך האט זיא איהם געליעבט מיט איהר גאנצען ליע־בענדען הארצען.

עס איז געווען דער נצחון פון דער ליעבע. דיא דא־זיגע עדעל־הארציגע פרוי האט אזוי געליעבט אזא שטרא־סען־רויבער פון דער בערזע, וויא סאקאר'ן, ווייל זיא האט אין איהם געזעהן א קראפט, וואס שאפט א נייע וועלט, נייעס לעבען.

8.

אם ערשטען אפריל 1867־טען יאהר איז אין פאריז גע־עפענט געווארען דיא וועלט־אויסשטעלונג מיט טריאומפי־רענדען גלאנץ.

דיא שטאדט פאריז האט זיך אין א גרויסען האטעל פערוואנדעלט פול מוזיק און געזאנג, — אין א האטעל, וואו אין אלע צימערען האט מען געטרונקען און געהולטעוועט, אין קיין שום שטאדט אויף דער גאנצער וועלט האט מען נאך נישט געזעהן אזוי פיעל מענשען פון אלע פעלקער און אלע עקען וועלט, וויא דעמאלט אין פאריז. קייזארים, קעניגע און פרינצען פון דער גאנצער וועלט זיינען זיך דאן צונויפגעקומען אויף יענער וועלט־אויסשטעלונג.

ארום יענער צייט, אן ערך א פערצעהן טעג שפעטער, איז אויך פארטיג געווארען דיא נייע געביידע פאר דער „וועלט־באנק". זעקס חדשים האט מען איבער איהר געארבייט טאג

און נאכט און עס איז ארויסגעקומען א וואונדער. די‎א געביידע איז געווען א הערליכע, עהנליך צו א טעמפעל. פערבייגעהער האָבען זיך געמוזט אָפּשטעלען בעוואונדערען זיא. אינעווייניג איז דאָרט אויך געווען גרויסארטיג איינגעאָרדענט. מילליאָנען קייסעס האָבען געגלאַנצט ביי דיא ווענד. ברייטע טרעפּ האָבען ארויפגעפיהרט אין זיצונגס־זאַאַל, וועלכער האָט געשימערט פון גאָלד און רויטען גלאַנץ. אומעדום טאַפּעטען, טעפּיכע, דאָס טהייערסטע מעבעל. דאָרט האָבען זיך געפונען בראנדזשעס פאַר ווערטה־פּאַפּיערען און דאָ איינגעמויערטע געלד־שראַנקען אין דיא ווענד, וואָס האָבען אויסגעזעהן, וויא דיא איינגעמויערטע פעסער אין דיא מעשיות פון „טויזענד און איין נאכט“, אין וועלכע עס זיינען פערבאָרגען דיא אוצרות פאר דיא פעען.

דיא פעלקער, וואָס זיינען געקומען צו דער אויסשטעלונג מיט זייערע קעניגע, האָבען געקענט דיעזע הערליכע געביידע בעטראכטען. זיא האָט געוואַרט אויף זיי, אום זיי צו פערבלענדען און ארייצכאַפּען אין איהר גאָלדענעם גרוב.

סאקאר איז געזעסען, וויא א קעניג, אין זיין קאַבינעט, וואָס איז אויסגעפּוצט געווען מיט גאָלד און סאמעט. מען האָט אָנגעשטעלט מעהר מענשען, און איצט זיינען דאָרט באַשעפטיגט געווען פיער הונדערט אָנגעשטעלטע. סאקאר אליין האָט איבער זיי געהערשט און זיי אלע האָבען זיך פאר איהם געבוקט, איהם פערגעטערט.

אין דער אמת׳ן איז סאקאר געווען דער אליין־הערשער איבער דער „וועלט־באַנק“, דיא דירעקטאָרען האָבען גאָר קיין דעה ניט געהאט ביי איהם, זיי האָבען נור גוט געהייסען אלעס, וואָס ער האָט געטהאָן.

קאראָלינע איז פון דעם אַלעם נישט צופריעדען געווען. זיא איז געווען געגען אַזאַ גלאַנץ און פּוץ. זיא האָט געטענה׳ט, אז דיא באַנק האָט פערלאָרען דיא פריהערדיגע עהרליכע איינפאכקייט, וואָס מען האָט געזעהן אין דער פריהערדיגער געביידע פון דער „וועלט־באַנק“. דיא קונדען, וואָס

זיינען געוואוינט געווען צו דער איינפאכקייט פון דער גע־
ביידע אויף סען־לאזאר, וועלען דעם צוטרוי פערליערען צו
דער „וועלט־באנק", ווען זיי וועלען דערזעהן אזא בלענדענ־
דען גלאנץ אין דער נייער געביידע.

סאקאר האט איהר אויף דעם געענטפערט, אז דיא אלע
קונדען וועלען שטעהן בלייבען פערוואונדערט און מיט דרך
ארץ, ווען זיי וועלען אריינקומען אין דער נייער געביידע פון
דער באנק און דיא, וואס האבען אריינגעטראגען אין דער
באנק צעהן פראנק, וועלען, בערוישט פון פערטרויען, נאך
צעהן פראנק פון זייער טאש ארויסנעהמען.

און ער האט טאקי רעכט געהאט. דיא נייע הערליכע גע־
ביידע האט מעהר בעקאנט געמאכט דיא „וועלט־באנק", וויא
דיא גרעסטע רעקלאמען פון זשאנטרו'ן. ווער עס האט נור
געהאט א ביסעל געלד, האט עס געלייגט אין דער „וועלט־באנק"
און איז העכסט גליקליך געווען, וואס ער האט זיין געלד גע־
לאזט ליגען אין אזא מעכטיגער און הערליכער באנק.

זינט דיא באנק האט זיך אריבערגעקליעבען אין איהר
נייער געביידע, האט קאראלינע זיך דערפיהלט, וויא פון דער
וועלט אפגעריסען. פריהער, ווען דיא באנק איז געווען אין דעם
אלבען הויז אויף סען־לאזאר, וואו זיא האט געוואהנט, איז דארט
געווען פרעהליך און לעבעדיג, מענשען זיינען געגאנגען און גע־
קומען, סאקאר'ן האט זיא אפט געקענט זעהן; איצט אבער,
זינט דיא באנק האט ארויסגעצויגען אויף דער רי דע־לאנדרע,
איז אין דעם הויז אויף סען־לאזאר שטיל געווען וויא אויף א
בית־עולם; דיא פריהערדיגע זאאלען און צימערען, וואו דיא
באנק האט זיך געפונען, זיינען איצט פערשלאסען געווען. סאקאר
האט נאך אפילו געוואהנט דארט, זיא האט איהם אבער נור
געזעהן אבענדס.

דיא טעג האבען זיך פאר איהר געצויגען לאנגע און טרויע־
ריגע. און דאך האט זיא געארבייט פיעל אויף איהר ברו־
דער'ס פלענער, איבערגעשריעבען זיינע פאפיערען, וואס ער
האט איהר צוגעשיקט פון מזרח־לאנד.

מאַנכעסמאָל האָט זיא אין מיטען דער אַרבייט זיך אָפּגע־שטעלט און אײַנגעהערט זיך אויס אַלטער געוואָהנהייט, אום צו הערען, וואָס טהוט זיך אונטען... דאָרט איז אָבער געווען שטיל, קיין הויך האָט זיך ניט געהערט פון יענע ליידיגע זאַאַלען, און ניט ווילענדיג פלעגט זיא דאַן אַ שוידער טהאָן...

נאַכדעם פלעגט זיא נעהמען טראַכטען, וואָס טהוט זיך דאָרט אין דער רי דע־לאַנדרע? אין דער נייער געביידע?

דערווייל־ע האָט זיך גענומען טראָגען אַ קלאַנג, אַז סאַקאַר וויל ווידער פערגרעסערען דעם קאַפּיטאַל פון דער „וועלט־באַנק" פון הונדערט מיליאָן אויף הונדערט און פופציג מיליאָן.

דער מאָמענט איז געווען אַ'ן אויסגעצייכענטער פאַר רעק־לאַמען. צוליעב דער וועלט־אויסשטעלונג איז דער עולם זעהר אויפגעלייגט געווען פאַר לוקסוס און אַלע סאָרטען שפּעקולאַ־ציאָנען. יעדער האָט געוואָלט רייך ווערען, יעדער האָט געזוכט מיטלען, וויא רייך צו ווערען, אום צו קענען פערשווענדען אַ סך געלד. יעדער איז גרייט געווען צו שפּעקולירען אויף זיין לעצטען פראַנק.

טויזענדער פאָהנען האָבען געוועהט אין דער לופטען. איבער דיא ברייטע עווענין האָבען זיך געגאָסען כוואַליעס פון ליכט, פערוואַנדלענדיג נאַכט אין העלען טאָג. מענשען פון פרעמדע לענדער האָבען געשטראָהמט איבער דיא גאַסען, אָנגע־פיללט דיא טהעאַטערס, דיא מוזיק־האָללס, דיא ווייןקעלערס און דיא אַנדערע אַמיוזמענט פּלעצער. דיא לופט אַליין איז, דאַכט זיך, אָנגעזאַפּט געווען מיט לוסט צו לעבען, פער־שווענדען און שפּעקולירען.

מיט זיין אינסטינקט פון אַ דורכגעטריבענעם בייטעל־שניידער האָט סאַקאַר פערשטאַנען, אַז אין אַזאַ צייט וועט איהם לייכט זיין אויסצולייזען דיא בייטלען ביי דעם עולם און ער האָט בעשטימט אַ דאָפּעלטע סוממע געלד פאַר רעקלאַמען, וועלכע ער האָט איבערגעגעבען זשאַנטרו'ן.

און באַלד טאַקע האָבען דיא צייטונגען גענומען קלאַפּען איבער דיא צימבלען וועגען דער „וועלט־באַנק". איין צייטונג

האט געשר גבען, אז א געוויסע דאזע דאס איבערגעלאזען אין א דראזשקע הונדערט אקציען פון דער „וועלט באנק“. א צוויי טער האט געדרוקט א רייזע־בעשרייבונג פון קליין אזיען, אין וועלכער ס׳איז בעהויפטעט געווארן, אז יאפאלעאן האט נביאות געזאגט אז אמאל וועט געגרינדעט ווערן אזא „וועלט־באנק“. נאך א צייטונג האט אין א לייט־ארטיקעל בעהאנדעלט די „וועלט־באנק“ בנוגע דער לייזונג פון דער אריענטאלישע פראגע. שוין ניט ריידענדיג פון די נאטיצען אין די פינאנס־צייטונגען.

זייער אייגענע צייטונג „ל׳עספעראנצע“ איז אויך מיט יעדען טאג אלץ מעהר און מעהר פאפולער געווארען, א באנק א פאאר שארפע ארטיקלען, וואס איז דארט געדרוקט געוועזן די לעצטע צייט געגען דעם מיניסטער רוגאן. זיא האט וויעדער גע־גומען ארויסטרעטען אלס א שארף אפאזיציאנעלע קאטוילישע צייטונג. מיט דעם האט זיא זיך פאפולער געמאכט איבער גאנץ פראנקרייך און אויסער פראנקרייך, און אין דער זעלבער צייט האט זיא שוין רעקלאמירט איהר באנק אויך.

ביי דיעזע שרייענדיגע רעקלאמען, ווען עס האט זיך פאר־נאנדערגעטראגען דיא נייעס, אז דער קאפיטאל פון דער „וועלט באנק“ ווערט פארגרעסערט פון הונדערט אויף הונדערט און פופ־ציג מיליאן—האט עס גאר פערדרעהט דיא קעפ פון דיא פראנצ־צויזען. אומעדום, אין דיא ארימסטע שטיבעלאך און אין דיא רייכסטע פאלאצען, אין דיא פארצימערס פון דיא דיענער און אין דיא זאאלען פון דיא הערצאגינען, האט מען נור גערעדט וועגען דעם העלדענמוטהה פון דיא פרומע ארויסגעבער פון „ל׳עספעראנצע“ און וועגען דיא גרויסע ערפאלגען פון דער „וועלט־באנק“, וואס זיא האט שוין אויפגעטהאן און וואס זיא וועט נאך אויפטהאן...

מען האט גענומען ריידען פון דיא גוואלדיגע גרויסע פער־דיענסטען, וואס דיא אקציאנערען פון דער „וועלט־באנק“ האבען געמאכט ביי דיא אקציען פון דער „פעראייניגטער דאמפף־שיף געזעלשאפט“; פון דיא גרויסע אוצרות, וואס זיינען בע־גראבען אין דיא זילבער מינעס ביים בארג כרמל. אין א וו...

וויסער קירכע האט א גלח אין זיינער א דרשה ארויסגעשטעלט די „וועלט באנק" אלס א מוסטער פאר זייע פרומע צוהערער: זאל זיך יעדער פון זיי א מוסר אראפנעהמען, וויא גאט העלפט די אמת'ע פרומע קאטהאוליקען.

אין די רייכע סאלאנען האבען די דאמען געשמועסט פון די אקציען, פון דער אייזענבאהן, וואס די „וועלט־באנק" וועט מאכען אין קליין־אזיען; פון די זילבער־מינעס, פון דער פעראייניגטער „דאמפף־שיף געזעלשאפט".

אין דער אנגענעהמער שטילקייט פון די בודוארען, הינטער טישען, בעדעקטע מיט בלומען, האבען די רייצענדע פרויען מיט בעגייסטערונג געפרעגט ביי זייערע קאוואליערען, אויב זיי האבען אקציען פון דער „וועלט־באנק" און האבען זיי צוגערעדט צו קויפען, ווען זיי, די קאוואליערען, האבען נאך ניט געהאט די דאזיגע אקציען.

און זיי האבען זיך אין דער שטיל גע'סוד'עט, די שעהנע פרויען, אז ירושלים וועט אויסגעקויפט ווערען פון פרעמדע הענד דורך דער „וועלט־באנק" און די קאטהאלישע אמונה וועט הערליך גלענצען... דער פאפסט וועט דארט זיין טהראן האבען, וואו כריסטוס אליין איז געשטארבען...

דאס לעצטע האט מען זיך נור ערלויבט צו דערצעהלען איי'ן אויער.

באלד איז סאקאר געצוואונגען געווען אין דער פריה, אז ער איז געקומען ארבייטען, צו האלטען פערשלאסען די טיהר פון זיין קאבינעט, מחמת זיא איז פשוט בעלאגערט געווען פון גאנצע מענגעס מענשען, געשעפטס־לייט און שטעלעס־זוכער, וואס זיינען געקומען זעהן דעם בעריהמטען געלד־קעניג.

און איינמאל, אין א פריהמארגען פון'ם חודש יולי — מענגעס מענשען האבען זיך געשטופט אין'ם פארצימער און האבען ניט געוואלט אפטרעטען, כאטש דעזשוא האט זיי ערקלעהרט, אז דער דירעקטאר האט קיינעם ניט נעהייסען אריינלאזען, איז סאקאר געזעסען פערשפארט אין זיין קאבינעט מיט צוויי העכערע בעאמטע פון זיין באנק און האט מיט זיי

אויסגעארבייט דעם פּלאַן פון׳ם פערגרעסערען דעם קאפּיטאַל פון דער „וועלט־באַנק“.

אם ענדע האָט ער בעשלאָסען ארויסצולאָזען נייע הונ־דערט טויזענד אקציען וואָס זאָלען אויפהייבען דעם קאפּי־טאַל פון דער „וועלט־באַנק“ ביז צוויי הונ־ע־ט מילליאָן פראַנק.

פּלוצים איז אריינגעקומען דורך א זייטיגער טיר דעזשוא, וועלכער איז איצט געווען סאַקאַר׳ס פּריוואַט בעדיענער.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, מען זאָל מיר ניט שטע־רען! — האָט סאַקאַר א געשריי געטהאָן אויף איהם מיט כעס. — קען מען מיך ניט לאָזען צורוה?

— ענטשולדיגט, גנעדיגער הערר — האָט דעזשוא ארויס־געשטאַמעלט צומישט — דיא גרעפין באַוויליע איז דאָרט און איך האָב געמיינט, אז איהר וואָלט ניט וועלען, אז איך זאָל זיא אייך ניט אריינלאָזען.

— זאָל זיא געהן צום טייפעל! — האָט סאַקאַר א גע־שריי געטהאָן.

באַלד אָבער האָט ער זיך איבערגעלייגט און געזאָגט.

— נו, פיהר זיא אריין דורך דער זייטיגער טהיר. און פאַר דיא אַנדערע שטעל ארוים מיין שטעקען און זאָלען זיי אַלע איהם קושען, אויב זיי ווילען. איך וויל היינט קיינעם ניט זעהן פון יענע עזלען.

סאַקאַר האָט אויפגענומען דיא גרעפין און איהר טאָכטער גאָר ניט העפליך. ער האָט ארויסגעשיקט זיינע צוויי בעאַמטע און האָט נור אין זינען געהאַט, וויא אם גיכסטען פּטור צו ווע־רען פון זיינע אונגעבעטענע געסט און דערנאָך צוריק אריינ־רופען דיא בעאַמטע.

— איך וויל אייך בעטען, גנעדיגע פרוי — האָט ער גע־זאָגט — צו זאָגען אויף גיך, וואָס איהר ווילט, ווארום איך בין זעהר פערנומען.

דיא גרעפין איז צומישט געוואָרען פון אזא אויפנאַהמע.

— אָבער מיין הערר, אויב מיר שטערען...

ער האָט זיי געמוזט בעטען זיך זעצען. דיא טאָכטער,

וועלכע איז מוטהיגער געווען, האט זיך דיא ערשטע אנידערגע־זעצט מיט אן ענטשלאסענער בעוועגונג און דיא מוטער האט גערעדט ווייטער:

— איך בין געקומען ביי אייך פרעגען אן עצה. איך וויים נישט, וואס איך זאל טהאן...

זיא האט איהם דערמאנט, אז ווען דיא „וועלט־באנק" איז געגרינדעט געווארען, האט זיא געקויפט הונדערט אקציען און דערנאך האט זיא נאך צוויי מאל געקויפט אקציען, בעת מען האט פארגרעסערט דעם קאפיטאל, און איצט האט זיא ארום און ארום פיער הונדערט אקציען, אויף וועלכע זיא האט איינ־געצאהלט זיעבען און אכציג טויזענד פראנק. אום צו בעצאה־לען דיא דאזיגע סומע האט זיא געמוזט בארגען אויף איהר פאלוואראק אבלע זיעבציג טויזענד פראנק, ווארים אין גאנצען האט זיא געהאט איהרע אפגעשפארטע ניט מעהר וויא צוואנציג טויזענד פראנק.

— היינט אבער — האט זיא גערעדט ווייטער — האט זיך געפונען א בעלן, וואס וויל ביי מיר אפקויפען מיין פאלווארק אבלע... איז דאס אמת, אז איהר ווילט ווידער פערגרעסערען דעם קאפיטאל פון אייער באנק? איך וואלט דאן מיין פאלווארק פערקויפט און דאס גאנצע געלד אריינגע־ליינט אין אייער באנק.

סאקאר האט זיך געפיהלט געשמייכעלט, וואס דיא דא־זיגע אריסטאקראטישע פרוי האט צו איהם אזא פערטרויען. ער האט איהר גלייך געענטפערט:

— גאנץ ריכטיג. איך לאז ארויס נייע אקציען. איצט גראד בין איך פערנומען מיט'ן אויסארבייטען פון דעם דאזיגען פלאן. יעדע נייע אקציע וועט קאסטען אכט הונדערט און פופ־ציג פראנק. איהר האט פיער הונדערט אקציען, וועט איהר קענען בעקומען צוויי הונדערט נייע, פאר וועלכע איהר וועט דארפען בעצאהלען הונדערט און זיעבציג טויזענד פראנק. דאן וועט איהר האבען אלס אייער אייגענס זעקס הונדערט אקציען....

ביי דיעזער גרויסער סומע געלד זיינען מוטער און טאכ־

טער אביסעל צומישט און אויפגערעגט געוואָרען. וויא שטעלט מען דאָס איין דאָס גאַנצע פערמעגען !

— מען באָט מיר פאַר מיין פּאַלוואַראַק אבלע צוויי הונדערט און פערציג טויזענד פראַנק — האָט דיא מוטער געמורמעלט — אז איך וועל האָבען בעצאָהלט דעם חוב : דיא זיעבציג טויזענד פראַנק, וועט זיך ביי מיר אָפּשטעלען פּונקט אזוי פיעל, וויפיעל איך דאַרף אויף דיא נייע אקציען... עס איז דאָך אָבער אביסעל מורא׳דיג, דאָס גאַנצע פערמעגען אריינצוליייגען אין פּאַפּיערען... דיא הענד האָבען ביי איהר געציטערט ; זיא איז אנשוויגען געוואָרען. אין איהר האָט זיך ערוועקט דאָס איינגעבאָרענע אכטונג פאַר גיטער און וועלדער און דער וויעדערווילען געגען געלד־געשעפטען האָט זיא גענומען מוטשען.

דיא טאָכטער האָט געקוקט אויף איהר מיט לייכטענדיגע קלאָהרע אויגען.

סאקאר האָט געשמייכעלט און איהר חשק אונטערגעגעבען.

— איהר מעגט זיך פערלאָזען אויף אונז — האָט ער גענטפערט — אָבער איהר קענט אונטערזוכען דיא ציפערען, וועט איהר זיך אליין איבערציייגען... שטעלט אייך פאָר, איהר האָט געקויפט דיא נייע צוויי הונדערט אקציען, איהר האָט זעקס הונדערט אקציען, וואָס קאָסטען אייך צוויי הונדערט זיעבען און פופציג טויזענד פראַנק. היינטיגען טאָג לויט דעם קורס איז אַן אקציע ווערטה טויזענד דריי הונדערט פראַנק, קומט אויס, אז אייערע אקציען זיינען ווערטה זיעבען הונדערט אכציג טויזענד פראַנק, הייסט עס, אז איהר האָט פערדיענט דריי מאָל אזוי פיעל, וויפיעל איהר האָט אריינגעטראָגען. נור דאָס איז נאָך ניט דיא ענדע... איהר קענט זיכער זיין, אז דיא אקציען וועלען ווייטער שטייגען, אז עס וועט קיין יאָהר ניט נעהמען און אייערע אקציען וועלען ווערטה זיין א מיליאָן...

— אה, מוטער ! — האָט זיך ניט ווילענדיג ביי אליציא׳ן ארויסגעריסען.

א מיליאָן ! דיא גרעפין האָט א ציטער געטהאָן. אויב זיא וועט האָבען א מיליאָן, וועט זיא קענען בעצאָהלען דיא חובות,

וואס זיא איז שולדיג אויף איהר פּלאץ. ווען וויעדער קענען אַנהויבען צו לעבען אזוי וויא עס פּאסט פאר איהר. זיא וועט שוין מעהר נישט ליידען קיין נויטה. איהר טאָכטער וועט האָבען אויף נדן און וועט קענען חתונה האָבען און איהר זוהן וועט קענען זיין ביי איהר אין דער היים און ניט אין רוים, וואו זער קלימאט איז אזוי שעדליך פאר זיין געזונד.

דער מיליאָן האָט העל געפלאמט פאר איהרע אויגען און זיא איז אין גאנצע צומישט געוואָרען.

דיא גרעפין האָט זיך א קעהר געטהאָן צו איהר טאָכטער.

— נו, וואס האלסטו פון דעם ?

אָבער אַליציא האָט גאָר נישט געענטפערט, זיא האָט לאנגזאם ארונטערגעלאָזען דיא ברעמען, אום צו פערדעקען איהר התפעלות.

— איך האָב גאָר פערגעסען — האָט דיא מוטער געזאָגט מיט א שמייכעל — אז אין דעם פערלאָזטו זיך אין גאנצען אויף מיר.

דאן האָט זיא זיך וויעדער א קעהר געטהאָן צו סאקאר'ן און געזאָגט :

— אך, מיין הערר, מען ריהמט אייך אזוי אומעטום. וואו איך געה, הער איך נור וויא מען לויבט אייך. ניט נור דיא פּרינ־צעסין ארוויעדא, נור אַלע מיינע פריינדינען זיינען פאר אייך בעגייסטערט. פיעלע זיינען מיר מקנא, וואס איך בעלאנג צו אייערע אקציאָנערען און אויב מען זאָל זיי הערען, דארף מען פערקויפען דאס בעט־צייג און אייערע אקציען קויפען.

דיא גרעפין האָט זיך זאָגאר ערלויבט צו זאָגען א וויטץ :

— אמאָל ווייזט זיך מיר אויס, אז דיא מענשען זיינען אביסעל משוגע... עס קען זיין דערפאר, ווייל איך בין שוין ניט יונג. מיין טאָכטער אָבער גלויבט אין אייך, וויא אין גאָט... זיא הערט גאָר ניט אויף צו ריידען פון אייך אין דיא סאלאָנען, וואו זיא געהט מיט מיר.

סאקאר האָט א קוק געטהאָן מיט התפעלות אויף אַליציא'ן : זיא האָט אויסגעקוקט פיעל שעהנער וויא דאס לעצטע מאָל, בעת

ער האָט זיא געזעהן. איהר בלאַסער פּנים איז בעלעבט געווען פון האָפנונג און בעגייסטערונג, זיא האָט זיך אָפּגערופען שטיל און לײדענשאַפטליך:

— וויא הערליך וועט זיין דער נצחון דאָרט... דיא נייע ערא, וואָס וועט זיך דאָרט אָנפאַנגען, דיא שטראַהלען פון דער אמונה, וואָס וועלען דאָרט שיינען און גלענצען...

און בעת זיא האָט עס געזאָגט, האָבען איהרע אויגען אויס־געדריקט עקסטאַז, פאַנאַטישע בעגייסטערונג.

דאַן האָבען זיי אלע א ווײלע געשוויגען, אַקוראַט וויא איהרע ווערטער וואָלטען זיי אלעמען געריהרט.

סאַקאר האָט איהר מיט א וואונק צו פערשטעהן געגעבען, אז ער וואָלט ליעבער געוואָלט, אז מען זאָל אין זיין געגענוואַרט פון דעם דאָזיגען הייליגען ציעל ניט ריידען. פון דעם סוד טאָר קיינער ניט ריידען אין דער הויך.

דערנאָך האָט זיך דיא גרעפין אויפגעהויבען און געזאָגט מיט ענטשלאָסענהייט אין׳ם קול:

— איצט האָב איך ביי זיך בעשלאָסען. היינט אָבענד שרייב איך צו מיין אַדוואָקאַט, ער זאָל פערקויפען מיין פאָל־וואַראָק. אויב איך טהו ניט רעכט, זאָל גאָט מיר פערצייהען.

— גאָט אליין האָט אייך אריינגעגעבען דעם געדאַנק — האָט סאַקאר זיך אָפּגערופען.

און ער האָט זיי בעגלייט צו דער טהיר.

ווען זיי זיינען ארויס האָט סאַקאר בעמערקט דעזשוא׳ן שטעהן ביי דער טהיר פון׳ם קאַבינעט.

— שוין ווידער עמיצער? — האָט ער געפרעגט מיט אונגעדולד.

— ניין — האָט דעזשוא געשטאַמעלט — איך האָב זיי אלעמען אוועקגעשיקט. איך אליין האָב געוואָלט ביי אייך פרעגען אַן עצה וועגען מיינע אקציען.

ער איז געשטאַנען ביי דער טהיר און געקוקט אויף סאַ־קאַר׳ן מיט קאַווירענדיגע אויגען.

— אָה, יאָ, איך דערמאָן זיך טאַקי. איהר זייט אויך אונ־

זערער אן אקציאנער. דיא בעסטע עצה, וואס איך קען אייך געבען, איז צו קויפען דיא נייע אקציען. פערקויפט דאס לעצטע זעמד און קויפט אקציען...

— אבער איך קען דאס ניט טהאן — האט דעזשוא געענטפערט — און ווידער בין איך צופריעדען מיט דעם, וואס איך האב שוין... איהר געדענקט דאך מסתמא, איך האב אנגעפאנגען מיט דיא פיער טויזענד פראנק, וואס מיין זעליגע פרוי האט איבערגעלאזען, און איך האב געוואלט פערדיענען ביז דיא זעקס טויזענד, וואס איך האב פערשפראכען נדן פאר מיין טאכטער. היינט זיינען מיינע אכט אקציען ווערטה צעהן טויזענד פיער הונדערט פראנק. ווען איך זאל זיי פערקויפען, וואלט ביי מיר זיך נאך אפגעשטעלט א היבשע סומע אויסער מיין טאכטער'ס נדן. וויל איך ביי אייך פרעגען, גנעדיגער הערר, צי איך זאל זיי פערקויפען איצט אדער ווארטען, ביז זיי וועלען נאך העכער שטייגען.

סאקאר האט זיך צולאכט:

— געהט, איהר זייט א נאר! — האט ער געזאגט — איהר מיינט אז די אקציען וועלען שוין מעהר ניט שטייגען. זייט רוהיג, איהר וועט נאר אין גיכען קריעגען אכצעהן טויזענד פראנק... איצט געהט און לאזט קיינעם נישט אריין. זאגט זיי, אז איך בין ניטא, איך בין אוועקגעגאנגען. איך האב נאך פיעל ארבייט צו טהאן.

ווען סאקאר איז אליין געבליעבען, האט ער אריינגערופען צו זיך ווידער דיא פריהערדיגע בעאמטע און האט מיט זיי ווייטער געארבייט איבער זיין פלאן.

ענדליך האבען זיי פארטיג געמאכט דעם פלאן: אם אוגוסט זאלען זיי צונויפרופען אן אלגעמיינע פערזאמלונג פון דיא אקציאנערען, אום גוט צו הייסען דעם פראיעקט פון'ם פערגרעסערען דעם קאפיטאל פון דער „וועלט - באנק".

דיא דאזיגע פערזאמלונג וועט געפיהרט ווערען פון העמעלין'ען, וועלכער האט געדארפט אנקומען קיין פאריז אין דיא לעצטע טעג פון'ם חדש יולי.

קאראָלינע האָט פון איהם דורכאויס פערלאַנגט, ער זאָל קומען, וואָרים זיא איז געווען זעהר אונרוהיג, האָט זיך גע־שראָקען פאר א קראך אין דער „וועלט־באַנק", דערפאר האָט זיא פערלאַנגט, אז ער זאָל קומען און פערהיטען דיא „וועלט־באַנק" פון אן אונגליק.

זיא אליין האָט זיך איצט געפיהלט צו שוואך געגען סאַ־קאר'ן. זיא האָט געזעהן, אז סאקאר טרייבט דיא „וועלט־באַנק" צו א גרויסען אונגליק, האָט אָבער קיין מוטה ניט געהאט ארויס־צוטרעטען געגען איהם שטארק. דיא ליעבע צו איהם האָט זיא שוואך געמאכט. קיין מאָל האָט זיא ניט גערעכענט, אז זיא זאָל האָבען אזא שוואך, אזא פרויען־הארץ.

אין דעם אבענד, ווען העמעלין איז געקומען צופאָהרען, האָט סאקאר זיך מיט איהם געטראָפען אין דעם ארבייטס־קאַ־בינעט.

ער איז איהם ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז און האָט זיך ווארעם צוקושט מיט איהם.

קאראָלינע איז אויך דערביי געווען.

דער אינזשיניער איז געווען גליקליך און האָט מיט בע־גייסטערונג דערצעהלט פון דעם גרויסען ערפאָלג, וואָס זיינע אונטערנעהמונגען האָבען געהאט אין דעם מזרח־לאַנד. אי־בערהויפט האָט ער געלייגט דיא גרעסטע האָפנונגען אויף דיא גרויסע אונטערנעהמונגען פון דעם בויען דיא אייזען־באַהנען. דאָס איז געווען זיין הערליכער טרוים, וועלכער ווערט איצט פערווירקליכט. מען דארף נור גרינדען דאָ, אין פאריז, דיא אָריענטאלע אייזענבאהן־געזעלשאפט, דערנאָך געהט מען גלייך צו דער ארבייט.

הערענדיג איהם, איז סאקאר העכסט בעגייסטערט געוואָרן.

— יאָ, מיין טהייערער! — האָט ער אויסגעשריען — מיר וועלען זיין דיא הערען פון פאריז! לאָזט מיר אייך ער־קלעהרען מיין נייעם פלאן. איך דענק, אז עס איז א זשעניאלער פלאן.

און ער האָט איהם דערצעהלט, אז ער וויל פארגרעסערען

דעם קאפיטאל פון דער „וועלט - באנק“ ביז הונדערט און פופציג מיליאן פראנק דורך ארויסגעבען נייע הונדערט טויזענד אקציען. יעדער אקציאנער וועט מוזען בעצאהלען אכט הונדערט און פופציג פראנק פאר א'ן אקציע. דיא דריי הונדערט און פופציג פראנק מעהר, וואס מען וועט אריינטראגען פאר יעדער אקציע, וועט מען אריינלייגען אין רעזערוו־פאנד, וועלכער צוזאמען מיט דיא פריהערדיגע געלדער וועט בילדען א קאפיטאל פון פינף און צוואנציג מיליאן. מיט נאך פינף און צוואנציג מיליאן קען ער אין גאנצען אפצאהלען פאר דיא ערשטע צוויי הונדערט טויזענד אקציען. אום דאס צו עררייכען, דארף ער נור פארבערייטען א באלאנס פון דעם ריינעם איינטראג, וואס דיא באנק האט געהאט אין דעם לויפענדען יאהר פון אלע איהרע אונטערנעהמונגען. ער וויים שוין, אז דער ריינער איינטראג פאר דעם יאהר בעטרעפט זעקס און דרייסיג מיליאן. פון דער דאזיגער סומע זאל מען איינצאהלען פינף און צוואנציג מיליאן אויף'ן קרעדיט פון דיא אלטע אקציאנערען, אויף אזא'ן אופן וועלען דיא אקציאנערען האבען בעצאהלט אין גאנצען פאר אלע זייערע אקציען און דער קאפיטאל פון דער „וועלט־באנק“ וועט דעמאלט, פון 31־טען דעצעמבער, 1867, בעטרעפען הונדערט און פופציג מיליאן פראנק, צוטהיילט אויף דריי הונדערט טויזענד פול בעצאהלטע אקציען. דאן וועט מען קענען איבערשרייבען דיא אקציען אויף דעם נאמען פון דעם אייגענטהימער. דאס וואלט געוועזן א טריאומף. איז דאס ניט א זשעניאלער געדאנק?

— יא! — האט ער אויסגעשריען — א זשעניאלער געדאנק, דאס איז ניט איבערטריבען!

העמעלין האט צומישט איבערגעבלעטערט דעם פלאן און דורכגעקוקט דיא ציפערען.

— איך בין געגען אזא פלאן — האט ער זיך אפגערופען — איך האלט ניט פון אנגעבען איינקינפטע, וואס וועלען ערשט שפעטער זיין, פון וויזען פערדיענסטען, וואס זיינען נאך ניטא. עס וועט אויסזעהן, וויא איהר געהט פערטהיילען פערדיענסטען,

וואָס זיינען פאַקטיש נאָך ניט פערדיענט, און צו טהאָן אזא זאַך איז שטריינג פערבאָטען פון'ם געזעץ!

— אָבער זעהט איהר ניט — האָט סאקאר אויסגעשריען — אַז איך גיב אָן וויניגער פערדיענסטע וויא מיר וועלען האָבען אין דערווירקליכקייט? דיא „פעראייניגטע דאַמפף־שיף געזעלשאַפט", דיא זילבער מינעס ביים באַרג כרמל, דיא באַנק אין טערקיי, זיינען מעהר ווערטה, וויא דיא פינף און צוואַנציג מיליאָן. אויסער דעם, אייערע נייעס, וואָס איהר האָט אונז געבראַכט וועגען דיא אייזענבאַהן — איז דאָס אַלעס ניט מעהר ווערטה, וועט דאָס אונז ניט אַריינברייגען אַ סך מעהר פערדיענסט, וויא איך גיב אָן אין מיין באַלאַנס? האָט איהר שוין פערלאָרען דעם צוטרויען?

העמעלין האָט אַ שמייכעל געטאָהן און איהם בערוהיגט.
ניין, זיין צוטרויען איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי פעסט וויא היינט! אָבער צו וואָס זיך אַזוי איילען? ווארום זאָל מען טהאָן עפּעס, וואָס איז געגען געזעץ?

— ווארום זאָלט איהר בעסער ניט ווארטען ביז קומענדיגען אַפּריל — האָט זיך קאַראָלינע אַריינגעמישט מיט אַ מילדען טאָן — דאַן וועט מען דעם פערדיענסט זיכער האָבען אין קאַסע, און איהר וואָלט איהם געקענט געברויכען לויט אייער פּלאַן. אָדער, אויב איהר ווילט שוין איצט האָבען פערגרעסערט דעם קאַפּיטאַל, ווארום זאָלט איהר ניט מאַכען דעם פּרייז פון דיא נייע אַקציען טויזענד אָדער זאָגאַר צוועלף הונדערט פראַנק? דיא אַקציאָנערען וואָלטען גערן גענומען דיא נייע אַקציען אויף אַזאַ פּרייז אויך. סאקאר האָט זיך פערוואונדערט פון דעם דאָזיגען איינפאַל, און געענטפערט:

— געוויס וואָלטען זיי גענומען אויף אַזאַ פּרייז אויך. און ווען איך מאַך דעם פּרייז פון דיא נייע אַקציען עלף הונדערט אַנשטאַט אַכט הונדערט און פופציג פראַנק, וועט עס מיר אַריינברייגען פונקט די פינף און צוואַנציג מיליאָן, וואָס איך ברויך... אָבער — האָט ער זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטהאָן און אַ קלאַפּ געטהאָן יאָבער'ן טיש — דאָס וועט ניט טויגען. ווארום? ווייל

אזא פלאן איז א צו פשוט'ער, א צו איינפאכער; עס איז ניטא אין איהר גאר נישט ראמאנטישעס, אונגעוועהנליכעס און איבערראשענדעס, וואס זאל אויפרעגען, וואס זאל צוהיצען די פאנטאזיע. איך וויל, אז דער עולם זאל צומישט ווערען פון מיינע אריגינעלע פלענער און זאל מיר שרייען הורראה מיט אויסגעגלאצטע אויגען. אויסער דעם, וועט די פערעפענטליכונג פון אונזערע זעקס און דרייסיג מיליאן פערדינסט אזוי אפקלינגען אויף דער בערזע, אז מיר קענען זיכער זיין, דאס דער קורס פון אונזערע אקציען וועט זיך דעמאלט א הויב טהאן ביז צוויי טויזענד און העכער...

העמעלין, וועלכער האט אין דיעזער צייט איבערגעקוקט טאקאר'ס פראיעקט, וואס ער האט אין האנד געהאלטען, האט פלוצלונג זיך אפגערופען:

— וואס מיך שרעקט איז ניט אזוי דאס פערטהיילען פון דעם פערדיענסט, איידער מיר האבען עס אין אונזער קאסע; דען נאך אלעמען וועלען מיר דאך ביי אונזערע ערפאלגרייכע אונטערנעהמונגען קענען צום סוף יאהר אנווייזען אויף א גרעסערען פערדיענסט; וואס מיך שרעקט אבער איז די קאנטא פון סאבאטיאני. ווארום איך זעה, אז דיעזער מאן, וואס האט ניט איינגעצאהלט קיין איין סו אויף אונזערע אקציען, איז דער אייגענטהימער פון העכער דריי טויזענד אקציען. איך מיין, אז ניט ער אליין האט אזוינע אקציען, אז מסתמא זיינען פאראן נאך אנדערע, פון אונזערע אנגעשטעלטע, אדער דירעקטארען, פיעלייכט, וואס זיינען אייגענטהימער פון אזוינע אקציען. אין אנדערע ווערטער מיינט עס, אז א גאנץ היבשע טהייל פון אונזערע אקציען איז פאקטיש דאס אייגענטהום פון דער „וועלט־באנק“, און דאס איז ענטשיעדען געגען געזעץ. אבער דאס איז נאך ניט אלעס: די דאזיגע אקציען ווייזען, אז פונקט אזוי פיעל און אזוי פיעל באארעס קאפיטאל, וויפיעל זיי זיינען ווערטה, פעהלט אין אונזער קאסע... ווען א באנק ספעקולירט נאכאנאנד מיט איהרע אייגענע אקציען איז דאס פאר איהר א געפעהרליכע ספעקולאציאן.

— קאראָלינע האָט מיט איהרע אויגען אויסגעדריקט, אז זיא שטימט צו צו יעדען וואָרט זיינעם.

— יאָ, יאָ — האָט זיא ארויסגעמורמעלט — דאָס איז א געפעהרליכע ספעקולאציאָן!

— ספעקולאציאָן! — האָט סאקאר אויסגעשריען — ניין, דאָס איז עס ניט! דאָס איז נור איינער פון דיא בעשיצונגס־מיטלען פאר אונזער באנק. מיר מוזען האָבען אין רעזערוו א געוויסע טהייל פון אונזערע אקציען, אום צו קענען קאָנטראָלירען דיא בערזע אין אונזערע אינטערעסען. איך וועל נאָך מעהר זאָגען: ווען עס זאָל האַלטען ביי א קריזיס, מוזען מיר אליין אויפקויפען אונזערע אקציען דורך אונזערע אייגענע מענשען, אום צו ניט דערלאָזען צו א פאניקע. און איצט, מיינע פריינד — האָט ער אומגעביטען דעם טאָן — גענוג צו שרעקען זיך, זייט ניט אזוי פעסימיסטיש! מיר זיינען דאָ און מיר וועלען זיין!! איהר האָט מיר איבערגעגעבען צו פיהרען א שיף און איך וועל זיא פיהרען מיט אזא טריאומף, וואָס עס האָט זיך אייך אפילו קיינמאָל ניט גע'חלום'ט. איך וועל אייך איצט נביאות זאָגען: א'ן אקציע פון דער „וועלט־באנק" וועט וויערטהה זיין און גאָר אין גיכען — ער האָט גענומען ריידען שטילער, אזוי וויא ער וואָלט מורא געהאט פאר זיינע אייגענע ווערטער — דריי טויזענד פראנק! יאָ, דריי טויזענד פראנק!

— דאָס איז דאָך אָבער אן אבסאָלוטע משוגעת! — האָט קאראָלינע אויסגעשריען.

— איך וועל אייך זאָגען אָפען — האָט העמעלין זיך ארייינגעמישט — ווען אונזערע אקציען זאָלען איבערשטייגען דעם פרייז פון צוויי טויזענד פראנק, וועל איך דאָס האַלטען פאר אן אונגליק, וואָרים אזא פרייז איז ניט נאָרמאָל, און פיעל איבערגעכאפט. דעמאָלט וועל איך זיין דער ערשטער צו פערקויפען מיינע אקציען, ניט געטראכט אפילו קיין איין מינוט.

סאקאר האָט א פייף געטהאָן.

— זיי אלע ריידען שטענדיג וועגען פערקויפען, פונ־

דעסטוועגען פערקויפען זיי ניט. סיי־וויא־סיי איך וועל אייך אַלעמען רייך מאַכען אויף צו להכעיס אייך אַליין. פאָלגט בעסער מיר, בערוהיגט זיך און פערלאָזט זיך אין גאַנצען אויף מיר. האָב איך אייך אַמאָל שוין ניט אריינגעבראַכט א גאַנצען קיילעכדיגען מיליאָן ?

ביי דער לעצטער פראַגע זיינער האָבען ברודער און שוועסטער אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערען צומישט. זיי האָבען נעהאַט שוין גאָר אין גאַנצען פערגעסען אָן יענעם מיליאָן, וואָס סאַקאַר האָט זיי אריינגעבראַכט אין דער צייט פון דער היסטאָרישער מהומה אויף דער בערזע, בעת טויזענדער און טויזענדער מענשען זיינען פעראונגליקט געוואָרען... ברודער און שוועסטער האָבען זיך דערפיהלט עפּעס אונאַנגענעהם און שווער.

— וואָס קוקט איהר אַזוי ? — האָט סאַקאַר זיך צולאַכט — דיא אידען האָבען דאָך דעמאָלט דיא הוצאות בעצאָהלט...

קאַראָלינע און העמעלין האָבען זיך אויך צולאַכט.

סאַקאַר דאָט זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט, וואָס זיי זיינען איצט ניט געוועזן אַזוי טרויעריג געשטימט, און, ארויסכאַפּענדיג א בליי־פעדער, האָט ער אויפגעשריעבען עטליכע ציפערען און געזאָגט :

— און איצט לאָמיר זעהן, וויא האַלט עס מיט אייך און וויא וועט עס האַלטען מיט אייך אין א פּאָאָר וואָכען שפּעטער. צוערשט האָט איהר געהאַט פינף הונדערט אַקציען, דערנאָך טויזענד מעהר. ווען מיר וועלען האָבען ארויסגעלאָזען דיא נייע אקציען, וועט איהר האָבען אַזוי פיעל וויא דריי טויזענד. פאַר דיא ערשטע אקציען האָט איהר בעצאָהלט. הייסט עס, אז איהר וועט דאַרפען בעצאָהלען מיט דריי הונדערט און פינף און דרייסיג טויזענד פראַנק ווייניגער. וויפיעל וועט איהר דערפון בעצאָהלען פאַר דיא נייע ? אכט הונדערט טויזענד, צוזאַמען א מיליאָן צוויי הונדערט און פינף און אכציג טויזענד פראַנק. אויף דעם האָט איהר אריינגעלייגט דיא דריי הונדערט טויזענד פראַנק, וואָס איהר האָט געקראָגען

בירושה, און דעם מיליאָן פון דער פריעדענס־דעפעשע. בלייבט איך נאָך פופצעהן טויזענד פראנק איבריג. אייער גע־האַלט, מיין ליעבער העמעלין, איז דרייסיג טויזענד פראנק אַ יאָהר און אויף אונזער קומענדיגער זיצונג וועט מען אייך איהם העכערען אויף זעכציג טויזענד. וויא איהר זעהט, האָט איהר זיך ניט אויף וואָס צו קלאָגען. און איצט וועל איך אייך זאָגען, וואָס איהר וועט ווערטהה זיין אין דער נאָהענטער צו־קונפט — ער האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן פּאַפּיער פאר דיא אויגען — ווען אונזערע אקציען וועלען זיך אויפהויבען צו דריי טויזענד פראנק פאר א שטיק, דאן וועט איהר האָבען א פערמעגען פון ניין מיליאָן!...

זיי זיינען געשטאַנען צוטומעלטע און אויפגערעגטע און האָבען געשוויגען. און וואָס האָבען זיי איהם געקענט זאָגען, דיא דאָזיגע איינפאַכע, גוטהערציגע מענשען, וועלכע זיינען אין דיעזער מינוט ניט פעהיג געווען צו זעהן דיא צווייטע זייט פון אזא רעכענונג?

גאקאר האָט זיך דערווייל אוועקגעזעצט ביים טיש און האָט גענומען רעכנען מיט'ן בלייפעדער אויף וויים פּאַפּיער, וויפיעל מיליאָנען וועלען אויסקומען אויף זיין חלק, ווען אַן אקציע וועט שטייגען ביז דריי טויזענד פראנק. ער אליין האָט, נאַטירליך, אויך געהאַט דריי טויזענד אקציען — אויב ער האָט בעצאָהלט פאר זיי אָדער ניט — דאָס האָט קיינער ניט געקענט וויסען. עס איז געווען דיא שווערסטע זאַך אין דער וועלט, צו דערגעהן א טאָלק, וועלכע אקציען בעלאנגען צו איהם אליין און וועלכע צו דער באַנק.

צום סוף האָט ער מיט איין פיהר מיט'ן בלייפעדער אויס־געשטריכען דיא אַלע ציפערען און, צוקנייטשענדיג דאָס בויגענזעל פּאַפּיער אין זיין פויסט, האָט ער עס נערוועז אריינ־געלייגט אין א קעשענע.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון'ם אָרט.

— איצט מוז איך געהן — האָט ער געזאָגט — איך גלויב אָבער, אז איך לאָז אייך איבער א בערוהיגטע און א צו־

פריע־ענע. אין א וואך ארום איז דיא אלגעמיינע פערזאמ־לונג אין איך האף, אז דיא אקציאנערען וועלען איינשטימיג אננעהמען מיין גאנצען פלאן.

ווען סאקאר איז אוועקגעגאנגען, האט קאראליינע זיך א ווארף געטהאן איהר ברודער אויפ'ן האלז און האט זיך צו־ווי נט.

אה דאס געלד! דאס געלד!—האט זיא געוויינט, האלב פאר גליק, טראכטענדיג פון דעם, אז זיין ארבייט איז ענדליך געקרוינט מיט רייכטהום און בעריהמטהייט, און האלב פאר מורא און שאנדע, דערמאנענדיג זיך אן דיא אלע שענדליכע זאכען, וואס זיא האט געוואוסט וועגען סאקאר'ן און פון וועלכע זיא האט ניט געוואגט צו ריידען אפילו פאר איהר געליעבטען ברודער.

דאן האט זיא זיך בערוהיגט.

— און אפשר איז ער גערעכט—האט זיא צוגעלייגט—אזוי איז שוין דאס לעבען!

דער פערוואלטונגס־ראטה האט געהאט א זיצונג אין דעם נייעם זאאל, וועלכער האט זיך פיעל אונטערשיידען מיט זיין פראכט און גלאנץ פון דעם דונקעלען פערזאמלונגס זאאל אין דער אלטער באנק אויף רי סענט לאזאר.

דא איז אלעס געווען בעשלאגען מיט סאמעט, זייד און גאלד.

דעם פארזיצענדער'ס שטוהל האט אויסגעזעהן מעהר וויא א טהראן, איידער אלס א שטעל פאר א געשעפטס־מאן. אויף דעם קאמין־געזימס איז געשטאנען א גרויסער ביוסט פון דעם פאפסט, וועלכער האט ארונטערגעקוקט אויף דיא פערזאמעלטע מיט א שמייכעלע פון איבערראשונג, אקוראט וויא ער וואלט זיך געוואונדערט, וואס טהוט ער דא צווישען דער דאזיגער געזעלשאפט.

סאקאר האט כמעט אלעמען פון דעם פערוואלטונגס־ראטה איצט געהאט אין זיין האנד. דער מארקיז באהיין, וואס מען האט געוועזט געכאפט שווינדלענדיג מיט רעגיערונגס־קאנ־

טראקטען, האט געהאט צו פערדאנקען סאקאר׳ן ,וואס האט אין דער ריכטיגער צייט מיט זיין געלד איהם גערעטעוועט דעם נאָמען און דיא פרייהייט. אורע, וועלכען דער מיניסטער רונאן האט ארויסגעיאגט פאר איבערגעבען סאקאר׳ן דעם אינהאלט פון דער פריעדענס־דעפעשע, האט זיך איצט צוגעבונדען צו סאקאר׳ן, וויא פריהער צו זיין ברודער דעם מיניסטער. דער וויצע־פרעזידענט גראף דע־ראבין שאגא האט אין געהיים געקראגען הונדערט טויזענד פראנק יעהרליך פאר אונטערשרייבען אלע פאפיערען אהן שום פראגען. דער מארקיז קאלב האט זיך געהייסען צאהלען פאר זיין שווייגען... סעדיל האט גלאט געליהען א גמילת חסד אין דער „וועלט־באנק", וועלכען ער איז ניט אימשטאנד געווען צו בעצאהלען. איין דעגרעמאן נור האט נישט גענומען קיין געלד, וואס דאס האט סאקאר׳ן א ביסעל בעאונרוהיגט.

העמעלין האט געעפענט דיא זיצונג. מען האט אויפגעפאָדערט סאקאר׳ן, ער זאל פארלעזען זיין נייעם פראיעקט, וועלכען דער פערוואלטונגס־ראטה האט געדארפט גוט הייסען.

דער פראיעקט איז, פערשטעהט זיך, איינשטימיג גוט געהייסען געווארען פון דעם פערוואלטונגס־ראטה.

דאן איז פארגעקומען דיא אלגעמיינע פערזאמלונג פון דיא אקציאנערען.

אויף יענער פערזאמלונג האט העמעלין פארגעלעזען זיין רעפארט. ער האט דערוויעזען, אז דיא געשעפטען, וואס דיא „וועלט־באנק" פיהרט שוין, וועלען דעם יאהר אריינברייננען זעקס און דרייסיג מילליאן פערדיענסט. אויף׳ן צווייטען יאהר וועט דער פערדיענסט נאך זיין פיעל גרעסער. דיא פעראייניגטע דאמפף־שיף געזעלשאפט וועט אריינברייננען מילליאנען, דיא ביינק אין קאנסטאנטינאפאל, דיא אייזענבאהנען, וואס דיא „וועלט באנק" וועט מאכען אין קליין־אזיען, דיא זילבער־מינעס ביים כרמל—דאס אלעס וועט אריינברייננען הונדערטע און הונדערטע מיליאנען. דערפאר—האט ער געענדיגט זיין רעפארט—מוז מען אננעהמען סאקאר׳ס פראָ־

יעקט, פאַרגרעסערען דעם קאַפּיטאַל, כדי מען זאָל קענען אַלע געשעפטען וויא געהעריג אויספיהרען.

דיא גאַנצע פערזאַמלונג האָט אונטער הורא־געשרייען גע־שטימט פאַר דעם פּראָיעקט, קיין איינער האָט ניט געשטימט דאַגעגען.

אין דיא נעקסטע טעג האָבען אַלע פּאַריזער צייטונגען גע־צימבעלט וועגען דער „וועלט־באַנק“ אונטער דער פעהיגער אַנ־פיהרערשאַפט פון זשאַנטרו׳ן. דיא אַלע איינצעלהייטען פון ז׳ער אַלגעמיינער פערזאַמלונג האָבען דיא צייטונגען בעשריע־בען, דיא אַלע גרויסע וואונדער, וואָס דיא „וועלט באַנק“ האָט אויפגעטהאָן און וועט אויפטהאָן. אפילו דיא אַלטע צייט־טונג „פינאַנסיער“ איז אויך אָפּגעקויפט געוואָרען און זיא איז אויך אַרוים מיט בעגייסטערטע אַרטיקלען איבער דער „וועלט־באַנק.“

דיא דאָזיגע צייטונג האָט פאַר דיא צוועלף יאָהר פון איהר עקזיסטענץ זיך ערוואָרבען זעהר אַ בכבוד׳דיגען נאָמען צווי־שען דעם בעסערען, אַנשטענדיגערען קלאַס.

איצט, ווען דיעזע צייטונג איז אויך אַרויסגעטראָטען פאַר דער „וועלט־באַנק“, האָט געלד גענומען שטראָמען אין דער קאַססע פון דער באַנק פון אַלע זייטען. דיא גאַנצע געשעפטס־וועלט, דיא גרויסע גוטס־בעזיצער, דיא מיליאָנערען, האָבען זיך אַ האַפּ געטהאָן צו קויפען דיא אַקציען פון דער „וועלט־באַנק“ און אין פערלויף פון אַ פּאָאַר טעג זיינען זיי אויסגע־קויפט געוואָרען אין גאַנצען צו פופצעהן הונדערט פראַנק אַ שטיק.

און אין מאָנאַט אויגוסט האָט מען שוין פאַר דיא זעלבע אַקציען געצאָהלט צוויי טויזענד פראַנק, און מען האָט נאָך אַלץ געקויפט און געטריעבען דעם קורס פון דיא דאָזיגע אַק־ציען אַלץ העכער און העכער. עס האָט זיך געדאַכט, אַזוי וויא עס וואָלט זיך געעפענט דיא פערבאָרגענע היילען מיט גאָלד און בריליאַנטען, פון וועלכע עס ווערט דערצעהלט אין דיא וואונדער־מעשה־לאַך פון „טויזענד און איין נאַכט“.

מען האָט גערעדט פון דמשק, באגדאד, נאכדעם יהודה, נאכדעם כינא אליין — אז דיא אלע לענדער וועלען עראָבערט ווערען פאר פראנקרייך דורך דיא אונטערנעהמונגען פון דער „וועלט־באנק". מען האָט גערעדט פון דיא ביליאָנען, וואָס מען וועט אויסגראָבען אין דיא דאָזיגע מזרח־לענדער. דאָס, וואָס נאפּאָלעאָן מיט זיינע סאָלדאַטען האָבען ניט געקענט אויפטהאָן, דאָס וועלען דיא רידלען און דיא לאָמען פון דיא פשוט'ע ארבייטער אויפטהאָן אונטער דער פיהרערשאפט פון דער „וועלט־באנק".

און צו דעם אלעם האָבען נאָך דיא רעליגיעזע פרויען צוגעגעבען זייער בעגייסטערטען חלום'ען פון דעם פאפּסט מלוכה אין ירושלים, וואָס דיא „וועלט־באנק" וועט גרינדען. און דער דאָזיגער פאנטאסטישער חלום'ן האָט אָנגעשטעקט מענשען פון אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט.

נאָך דיא גרויסע געשעפטס־לייט, נאָך דיא אריסטאָקראַטישע גוטס־בעזיצערס און דיא שעהנע פרויען, איז געקומען דיא מענגע, דער המון, פון דיא אָרימע בעלי בתים און ארבייטער מיט זייערע עטליכע הונדערט פראנק, וואָס זיי האָבען אָפּגעשפּאָרט פאר יאָהרען, דיא דאָרפישע גלחים, דיא קליין־שטעדטעלדיגע אדוואָקאטען, דער לאָקיי, דער קאָך, דיא דיענסט־מיידעל — דיא אלע אָרימע מענשען — און האָבען זייער בלוטיגע געלד געבראכט אין „וועלט־באנק".

דער דאָזיגער אונגעוועהנליכער פוראָר, וואָס דיא „וועלט־באנק" האָט געמאכט, האָט זיך זעהר צוגעפּאסט צו דעם גלאנץ און פּראכט, מיט וועלכע עס זיינען נאָך אָנגעגאנגען דיא פעסטליכקייטען אויף'ן מארס־פעלד לכבוד דער וועלט־אויסשטעלונג אין פּאריז.

גאנץ פּאריז איז פער'שיכור'ט געוועזען פון יענע פעסטליכקייטען. מיליאָרדען פּאָהנען האָבען געוועהט אין דער לופטען. דער דורשט נאָך'ן פערגניגען האָט ארומגעכאפּט גאנץ פּאריז, האָט זיך געטראָגען, וויא א מעכטיגער שטראָם, פון גאס צו גאס, פון הויז צו הויז — סיי צווישען דיא רייכע און סיי

צווישען דיא אָרימע—עס האָבען אין פּאריז אָפּגעלעבט דיא אַלט־גרויע טעג פון סדום, בבל און נינוה...

פון אַלע עקען פון דער וועלט זיינען אהין אָנגעקומען קעניגע, פּרינצען און פּרינצעסינס פון א העכערען צי פון א ניעדעריגערען גראד.

פּאריז האָט זיך שוין אָנגעשריען הייזעריג, ווען עס האָט געזעהן פאָהרענדיג איבער דיא גאסען דעם קייזער פון רוסלאַנד, אויסטרייך, דעם סולטאַן, דעם קהעדיוו, ווילהעלם'ן פון פּרייסען און זיין טרייען בולדאָג, ביסמארק'ן.

דיא קאַנאָנען האבען ניט אויפגעהערט צו שיסען. דיא טהעאַטערס, דיא רעסטאָראַנען, דיא טראָטואַרס, זיינען געווען צו קליין פאר דער גרויסער מאססע אנגעפאָהרענע געסט.

נאפּאָלעאָן דער דריטער האט אליין מיט זיין אייגענע האנד פּערטהיילט דיא דריי טויזענד מעדאַלען צו דיא גליקליכע בעטהייליגער אין דער וועלט־אויסשטעלונג. דערביי איז דיא צערעמאָניע געווען אזא, וואס קיין לאַנד האט נאָך ביז דאמאלס ניט געזעהן. אזוי וויא אין א גלענצענד־אויסגעשטאַטעטער דראמע אויף דער ביהנע, איז נאפּאָלעאָן דאן ערשיענען פאר דעם עולם אַלס דער העררשער פון אייראָפּא, אַלס דער שענקער פון פריעדען.

אין דעם זעלבען טאָג איז אנגעקומען פון יענעם זייט ים דיא נייעס פון פראַנקרייך'ס מפּלה אין מעקסיקא. דאס האט אפּגעהילכט וויא דאס קלינגען פון א גלאָק, וואס האט אנגעזאָגט דעם אנהויב פון סוף.

סאקאַר'ס שטערן האט איצט געלייכטעט אזוי העל, וויא נאָך קיינמאָל ביז אהער. צו וואס ער האט געשטרעבט זיינע אַלע יאהרען, דאס האט ער איצט, ענדליך, געהאט עררייכט.

דאס רייכטהום איז איצט זיין שקלאַף געווען, א זאַך אין זיינע הענד, מיט וועלכער ער האט געקענט טהאָן, וואס ער אַליין האט געוואָלט.

זיין אמאָליגעס רייכטהום האט קיין האפט ניט געהאט: וויא אזוי עס איז צו איהם געקומען, אזוי איז עס צורונען דורך

פערבארגענע לעבער... אבער דאס איצטיגע רייכטהום זיינס איז געווען אן עבטעס, א פעסטעס, א קעניגרייך פון גאלד, וואס האט געוועלטיגט, זיצענדיג אויף א טראהן פון פולע זעק מיט רענדלאך.

און דיא דאזיגע קעניגרייך האט ער ניט, וויא גונדערמאן, ערווארבען — דורך גאנצע דורות פון שפארען און זאמלען אוצרות — ניין, ער האט זיך מיט שטאלץ בעריהמט, אז ער אליין האט עס ערווארבען, וויא א העלדישער קריעגער, וועלכער מיט איין מאך פון זיין האנד נעהמט איין א גאנצעס לאנד.

אין דיא פריהערדיגע צייטען האט אויך פאסירט, אז ער איז געווען שטארק געהויבען, אבער קיינמאל נאך האט ער אזוי ניט געפיהלט גאנץ פאריז ביי זיינע פיס, וויא איצט.

איצט, פיהלענדיג זיך זעהר שטארק, האט ער געהייסען זשאנטרו׳ן נאך ענערגישער און שארפער ארויסטרעטען אין דער צייטונג „לא עספעראנצע“ אין׳ם נאמען פון דיא קאטאליקען געגען רוגאן׳ען פאר זיין צוויי־דייטיגער פאליטיק בנוגע דער רומישער פראגע.

ער איז איצט אויך ארויסגעטראטען אפען מיט אטאקעס געגען דיא אידישע באנקירען, איבערהויפט געגען גונדערמאן׳ען, וועלכער איז מיט זיין ביליאן געווען זיין שטארקסטער קאנקו־רענט.

ווארום זאל א קריסטליכע באנק, וועלכע פערטרעט דיא קאטוילויקען פון דער גאנצער וועלט, ניט זיין דיא דעה־זאגערין אויף דער בערזע? ווארום זאל דיא „וועלט באנק“ ניט גע־וועלטיגען איבערן קרעדיט? ארונטער מיט דיא אידישע פיאווקעס! ארונטער מיט גונדערמאן׳ען!

און סאקאר האט שוין געזעהן, וויא גונדערמאן איז בע־זיעגט און וויא ער אליין האט פערנומען זיין פלאץ...

גונדערמאן האט זיך אבער פערהאלטען צו דיא דאזיגע אלע אטאקעס אזוי קאלטבלוטיג וויא אימער, האט נור געווארט אויף דער ריכטיגער צייט און געלעגענהייט, ווען איהם צו ענטפערען...

סאקאר׳ס ליידענשאפטען האבען זיך ניט געקענט זעטי־גען מיט דיא מיליאָנען אליין, זיי האבען אויך גענומען פאָדערן ליבע.

קאראלינע איז פאר איהם געווען נור א פריינדין, ביי וועלכע ער האט אמאָל ליעב געהאט צו פרעגען אן עצה, וויא ביי זיינע אן אייגענער פרוי. דיא באראָנעסע סאנדאָרף, טראָץ איהרע ברענענדיגע אויגען און רויטע ליפען, האט איהם אויפ־געהערט צו אינטערעסירען. זיא איז געווען צו קאלט, צו גלייכגילטיג, צו איהם.

אגב האט ער קיינמאָל ניט געליעבט דיא פרויען אלס אן אמת ליידענשאפטליכער ליעבהאָבער, ער איז ניט געווען פון אזא טויג געקנאָטען. ער האט זיי אלע מאָל געליעבט מיט אן אבזיכט, מיט א מיין; מען זאָל ריידען פון איהם, וויא פון א דאָן־זשואן, א לאוועלאס.

און איינמאָל איז איהם אריינגעפאלען צו קויפען אויף צוועלף שטונדען איינע פון דיא גרעסטע שעהנהייטען, וואס פלעגען בעזוכען דעם קייזערליכען הויף, דיא בעריהמטע מא־דאם דע־זשעמאן, מיט וועלכער עס האט איהם בעקאנט גע־מאכט זיין זוהן מאקסים.

דיא דאָזיגע מאדאם דע־זשעמאן איז בעריהמט געוואָרען דורך דעם פאקט, וואס דער קייזער נאפאָלעאָן דער דריטער האט איהר פאר איין אבענד ליעבע בעצאָהלט הונדערט טויזענד פראנק מיט א מעדאל פאר איהר מאן. איהר מאן איז גע־ווען א פיינער הערר און איז אין געזעלשאפט בעקאנט געווען נור דורך דעם, וואס ער איז געווען איהר מאן.

דאס פאארעל האט געפיהרט זעהר א רייך לעבען און איז אויפגענומען געוואָרען אומעדום אין דער העכסטער געזעל־שאפט, ביי דיא מיניסטאָרען און אין קייזערליכען הויף.

איהר ליעבע האט דיא דאָזיגע שעהנהייט פערקויפט נור דריי—פיער מאָל דורכ׳ן יאהר און דאס געלד, וואס זיא האט פאר דעם געקראגען, האט געסטאיעט איהר און איהר מאן אויף א גאנצען יאהר לעבען...

קורץ: און אבענד ליעבע האט ביי דער דאָזיגער מאַדאַם דע־זשעמאַן געקאָסט שרעקליך טהייער, נור דאס טאָקי האט נאָך מעהר גערייצט סאקאר'ן, און ער איז צופריעדען געווען צו בעצאָהלען צוויי הונדערט טויזענד פראַנק פאַר דעם דאָזי־גען קייזער־ביסען...

אין דער זעלבער צייט האט ער געפּרובט זיין מזל ביי דער קליינער מאַדאַם קאָנין אויך. דיא שעהנע בלאָנדע פרוי פון דעם פּאַפּיער־מאַגאַזין, וואוהין ער פלעגט אָפּט אריינקומען, האט איהם קורץ, אבער מיט א ליעבענסווירדיגען שמייכעל גע־ענטפערט:

— ניין, דאָס ניט. קיינמאָל ניט!

און האט ויא זיך איינמאָל איינגעשפּאַרט „ניין”, איז געווען פערפאַלען.

— אבער ווארום? איך האב דאָך אייך געזעהן מיט אנ־אַנדער'ן, וויא איהר זייט ארויסגעגאַנגען פון א האָטעל אויף דער פּאַנאָראַמען־פּאַסאַזש...

זיא איז רויט געוואָרען, האט אבער דאָך איהם דרייסט אנגעקוקט.

— איהר ווייסט דאָך וועמען איך מיין? — האט ער נערעדט ווייטער — איך מיין גוסטאַוו סעדילל, אייער געליעב־טען...

זיא האָט פריילעך א שאָקעל געטהאָן מיט איהר בלאָנדען קאָפּ. ניין, ניין! זיא האט ניט קיין געליעבטע! קיין מאַן קען זיך ניט בעריהמען, אז ער זאָל מיט איהר פערברייגגען צוויי מאָל. פאַר וועמען האלט ער זיא? איינמאָל מיט א מאַן, יא! דורך א צופאַל, פאַר פערגעניגען, און אוים, ניט מעהר! דער־פאַר זיינען זיי אלע געבליעבען איהרע פריינד, זיינען איהר דאַנקבאַר און האַלטען עס בסוד...

— ווארום ניט מיט מיר? ווייל איך בין ניט יונג גענוג פאַר אייך?

זיא האט זיך פרעהלאַך צולאַכט און איהם פערשטעהן נעגעבען, אז אויף יונגקייט קוקט זיא ניט. זיא האט נאָך על־

טערע מענער פון איהם, מיאוסערע, נאכגעגעבען, אפילו ניט קיין רייכע אויך...

— היינט ווארום? פארוואס? — איז ער צוגעשטאנען צו איהר.

— מיין גאט, גאנץ איינפאך, ווייל איהר געפעהלט מיר ניט!

און זיא האט דערביי געמאכט אזא מינע, אקוראט וויא עס וואלט איהר אויף אן אמת פערדראסען, ווארום ער געפעלט איהר ניט.

— אלזא, הערט — האט ער דאן געזאגט — איך גיב אייך, וויפיעל איהר ווילט אליין... ווילט איהר טויזענד, צוויי טויזענד?...

זיא האט געשאקעלט מיט איהר בלאנדען קאפ און ליע־בענסווירדיג געשמייכעלט.

— ווילט איהר... נו, צעהן—צוואנציג טויזענד?

זיא האט וועיך ארויפגעלייגט איהר האנד אויף זיינער און איהם אפגעשמעלט:

— ניט צעהן, ניט פופציג און ניט הונדערט טויזענד! מיט קיין געלד קענט איהר מיך ניט קויפען! איהר זעהט דאך, אז איך טראג ניט אויף זיך אפילו קיין פיצעלע ציערונג. מען האט מיר אפט פארגעשלאגען געלד, פרעזענטען און וואס ניט! איך וויל אבער ניט נעהמען. איז דאס אליין ניט גענוג, אז מען האט פערגניגען?...

— הערט אויס! — האט ער זיא געוואלט ווידער אונ־טערברעכען.

זיא אבער האט איהם ניט געוואלט מעהר לאזען ריידען.

— אויסער דעם, מוזט איהר וויסען, אז מיין מאן ליעבט מיך פון גאנצען הארצען און איך האב איהם אויך זעהר ליעב. ער איז זעהר א'ן אנשטענדיגער מענש, מיין מאן. און דער־פאר טאקי וויל איך ניט, ער זאל זיין אונגליקליך... וואס זאל איך טהאן מיט אייער געלד, ווען איך וועל עס ניט קענען אפ־געבען מיין מאן? מיר זיינען ניט ארעם און אמאל, ווען מיר

וועלען אויפגעבען אונזער געשעפט, וועט זיך ביי אונז אפשטעלען א היבש פערמעגען. קורץ: רעדט זיך ניט איין, אז מען קען מיך קויפען פאר געלד. ניין, ניין, אפילו פאר א מיליאן ניט!

און דערביי איז עס געבליבען. א גאנצען מאנאט האט ער זיא פערפאלגט, געבעטען זיך ביי איהר און זיא האט אלץ גע'טענה'ט איהר'ס מיט א שמייכלענדיגען פנים: ניין, און ניין, פאר א מיליאן ניט!..

דאס האט איהם א היבשע ביסעל פערוואונדערט: וויא? מיט געלד, הייסט עס, קען מען ניט אלעס קויפען? דא איז געוועזען א פרוי, וועלכע אנדערע האבען זיא געקראגען אומזיסט און ער האט זיא ניט געקענט קריעגען פאר קיין געלד! איהר „ניין" איז שטארקער געוועזען פון אלע זיינע מיליאנען... דאס האט איהם צומישט, ערוועקט אין איהם א צווייפעל אין דער אלמעכטיגקייט פון גאלד, און ער האט אויף אן אמת געליטען.

דאס האט אבער ניט לאנג געדויערט: אין איין שעהנעם אבענד האט זיין אייטעלקייט טריאומפירט ניט איבער דער קליינער מאדאם קאנין, נור איבער דעם געדאנק, אז דאס גאלד איז ניט אלמעכטיג.

אויף א מיניסטער'ס א באלל איז ער ערשיענען געארעמט מיט דער צוויי הונדערט טויזענד פראנק'דיגער מאדאם דעזשעמאן, אום אלע זאלען זעהן, וואס פאר א טהייערען ביסען ער קען זיך ערלויבען... הינטער זיי איז געגאנגען מאדאם דעזשעמאן'ס מאן.

ווען זיי זיינען ערשיענען, האבען זיך דיא געסט, וואס זיינען געשטאנען אין גרופפען, צוטהיילט און געמאכט א ברייטען דורכגאנג פאר דעם צוויי הונדערט טויזענד פראנק־דיגען פרעכען קאפריז, פאר דעם דאזיגען סקאנדאל פון עפענטליכער פראסטיטוציאן. ארום זיי האט מען געשמייכעלט, זיך גע־סוד'עט, אבער אהן כעס און מיט פרעהליכע מינעם.

אין הינטערגרונד פון דעם זאאל האט מען זיך געשטופט מיט נייגעריגקייט ארום א'ן אנדער פערזאן אין א ווייסער

קיראסירען־פארמע. דיא פערזאן איז געווען ביסמארק, וועל־כער איז ארויסגעטראטען מיט זיין הויכער פיגור איבער אלע־מען. ווען סאקאר איז דורכגעגאנגען דעם זאאל געארעמט מיט דער מאדאם דע־זשעמאן און איהר מאן אהינטער זיי, האט ביסמארק זיך אפגעשטעלט און זיי נאכגעקוקט מיט נייגעריגער פערוואונדערונג.

קאראלינע איז ווידער אליין געבליעבען. איהר ברודער העמעלין האט פארבראכט אין פאריז ביז דיא ערשטע טעג פון'ם מאנאט אקטאבער ווענען דיא געזעצליכע פארמאליטעטען, וואס האט געפאדערט דאס פערגרעסערונג פון'ם קאפיטאל פון דער „וועלט־באנק".

און ווידער איז ער געגאנגען אויף סאקאר'ס וואונש צום נאטאריוס לעלאריין אין דער רי סענט־ען און האט דארט אנגעגעבען דיא פאלשע ערקלעהרונגען, אז אלע נייע אקציען זיינען אונטערשריעבען און דאס געלד פאר זיי איז איינגעצאהלט.

דערנאך איז ער אוועקגעפאהרען קיין רוים, וואו ער האט געטראכט צו פערברענגען צוויי מאנאטען. דארט האט ער געוואלט אונטערזוכען זעהר וויכטיגע געשעפטען, פון וועלכע ער האט קיינעם קיין ווארט נישט געזאגט. עס האט זיך אודאי געהאנדעלט וועגען זיין חלום מכות אפקויפען ירושלים פאר דעם פאפסט. חוץ דעם האט ער געהאט נאך א פראיעקט: צו מאכען דיא „וועלט־באנק" פאר א'ן אלוועלטליכע קאטהוילישע באנק, וואס זאל פערטרעטען דיא אינטערעסען פון אלע קאטהוליקען און וועלכע זאל אויסראטען פון דער גאנצער וועלט דיא אידישע באנקען...

פון רוים האט ער געוואלט צוריקפאהרען קיין קאנסטאנטינאפאל, אום ווייטער צו ארבייטען וועגען דיא אייזענבאהן אין ביירוטה.

פון פאריז איז ער ארויסגעפאהרען גליקליך און צופריעדען. עס האט איהם נור א ביסעלע געשראקען דיא צו גרויסע און גיכע הצלחה פון דער „וועלט־באנק" און דערפאר האט ער זיין שוועסטער געהייסען, איידער ער איז אוועקגעפאהרען,

צו פערקויפען זייערע אקציען, וויא נור זיי וועלען שטייגען העכער וויא צוויי טויזענד פראנק.

ווען קאראלינע איז געבליעבען אליין, האט זיא זיך געפיהלט נאך מעהר צוטומעלט וויא פריהער. באלד אין דער ערשטער וואך פון אקטאבער האט דער קורס פון דיא אקציען געשטיגען ביז צוויי טויזענד הונדערט פראנק און ארום זיך האט זיא נור געהערט פריידענס־געשרייען, ווערטער פון דאנק און האפנונג.

דעזשוא איז צושמאלצען געווארען פון שמחה און דאנקבארקייט, דיא גרעפינס בעוויליע האבען זיא געגומען בעהאנדלען וויא א דאמע זייערס גלייכען, ווייל זיא איז געווען א פריינדין פון יענעם גוטען און ערלען סאקאר׳ן, וואס האט זיי גערעטעט פון נויטה, וועלכער וועט זייער אלטען אריסטאקראטישען נאמען ווידער דערהייבען...

ארום איהר האט געהילכט א קאנצערט פון לויבען און ריהמען, און בענשען סאקאר׳ן... אלע האבען איהם געבענשט, וויא דיא גרויסע, אזוי דיא קליינע, וויא דיא רייכע, אזוי דיא ארימע. דיא רייכע, ווייל זיי זיינען נאך רייכער געווארען; דיא ארימע, ווייל זיי זיינען שוין מעהר ניט ארעם געוועזן.

פאריז האט זיך נאך ניט געהאט אויסגעטשוכעט פון דער וועלט־אויסשטעלונג, וואס האט זיך געהאט ניט לאנג געשלאסען, און דיא שפעקולאציאן־שיכרות האט ביים עולם נאך שטארק געברענט.

דאס אלעס האט קאראלינע׳ן זעהר שטארק בעאונרוהיגט, דאס הארץ האט איהר געזאגט, אז עפעס איז ניט גלאט, וויא עס בעדארף זיין, אז עפעס גראבט זיך אונטער אונטער דער פעסטער געביידע פון דער „וועלט־באנק“—וואס? האט זיא נישט געקענט בעשטימט זאגען. זיא האט אבער געפיהלט, אז דיא מעכטיגע געביידע פון דער „וועלט־באנק“ שוידערט אויף צייטענווייז, וויא פאר א׳ן ערד־ציטערניש.

אגב האט זיא דעמאלט פון דעם אליין ניט געקענט טראכטען, זיא האט נאך געהאט אנדערע דאגות אויף׳ן קאפ.

וויקטאָר האָט זיך אין „ארבייטס־הויז" א סך פערבע־סערט און דאָך האָט זיא סאַקאר'ן ביז אהער וועגען איהם ניט דערצעהלט; עס האָט איהר וועה געטהאָן דאָס איהם צו דער־צעהלען, ווייל ער וועט זיך געוויס מוזען שעהמען פאַר איהר.

מאַקסים'ן האט זיא בעצאָהלט דיא צוויי טויזענד פראַנק, וואָס זי האָט ביי איהם געבאָרגט, אום אויסצולייזען וויקטאָר'ן,
[illegible]
מעשען פערשפּראָכען, האט זיא זיך קיין עצה ניט געקענט גע־בען. זיא האט זיך בעראַטהען מיט מאַקסים'ען, וואס זאָל זיא טהאָן, וואָס זאָל זי ענטפערען בוש'ן און מעשען'ען, וועלכע האָ־בען פון איהר דאס געלד געפאָדערט.

מאַקסים האט זיך פון איהר אויסגעלאַכט. זיי זיינען גנבים — האָט ער איהר געזאָגט — זיא זאָל זיי קיין סו ניט גע־בען, ווייל דער פאטער וועט בייז זיין, אויב זיא וועט זיי געלד געבען.

דאַן האָט זיא בוש'ן און מעשען'ען אָפּגעזאָגט. זיי קענען טהאָן וואס זיי ווילען, קיין געלד וועט זיא זיי ניט געבען.

דאמאלס האט בוש בעשלאָסען צו ווענדען זיך צו סאַקאר'ן אליין.

ער האָט איהם אָנגעשריעבען א בריעף, ער זאָל צו איהם קומען, ווייל ער דאַרף מיט איהם ריידען וועגען אַלטע פּאַפּיע־רען, וואס זיינען געפונען געוואָרען אין א הויז אין דער רי־דע־לאַ־ארפּ. דערביי האט ער איהם אומישנע אויך אנצוהערעניש נענעבען אויף דער אַלטער געשיכטע, אום איהם אנצושרעקען.

דער בריעף איז אנגעקומען קאַראַלינע'ן אין האנד, און זיא האט גלייך דערקענט אָן דער האַנדשריפט, אז ער איז פון בוש'ען. אפריהער האט זיא געוואָלט לויפען צו בוש'ן און בע־צאָהלען איהם דיא פיער טויזענד פראַנק, אום צו פערשפּאָרען סאַקאר'ן דעם עגמת נפש. דאַן אבער האט זיא זיך מישב געווען, אַז אַזוי איז בעסער: סאַקאר וועט זיך ענדליך דערוויסען דאס, וואָס ער מוז אַמאָל וויסען, דורך אַנאַנדערען און עס וועט איהר פערשפּאָרען איהם צו דערצעהלען... און ווידער, קען גאר

אין גאנצען זיין, אז דער בריעף איז וועגען אנאנדער זאך, ניט וועגען דעם.

פארנאכט, ווען סאקאר איז אהיים געקומען און האט דעם בריעף איבערגעלעזען אין איהר געגענווארט, האט זיא בעמערקט אז ער איז נור אביסעל ערנסטער געווארען, דערפאר האט זיא געמיינט, אז אין דעם בריעף האנדעלט זיך עפעס וועגען א געלד־שוועריגקייט און ניט וועגען יענער געשיכטע. אין דער אמת'ן אבער האט זיך אין הארצען סאקאר זעהר געשראקען און איז אונרוהיג געווארען, וואס זיינע פאפיערען זיינען אריינגעפאלען אין אזעלכע שמוציגע הענד. ער האט מיט א כלומרשט ריהיגער מינע אריינגעלייגט דעם בריעף אין קעשענע און האט בעשלאסען צו זעהן זיך מיט בוש'ן.

סאקאר האט אבער אפגעלייגט זיין בעזוך פון איין טאג אויפ'ן אנדערען, ווייל ער איז דאמאלס געווען זעהר בעשעפטיגט.

דער קורס פון דיא אקציען האט ווידער געשטיגען ביז צוויי טויזענד דריי הונדערט פראנק. סאקאר איז געווען גליקליך, כאטש ער האט געפיהלט, אז עפעס ארבייט געגען איהם אויף דער בערזע, אז עס געפינען זיך דארט מענשען, וואס סטארען זיך, אז דער קורס אויף זיינע אקציעס זאל פאלען. צוויי מאל האט ער שוין געמוזט אונטערשטעלען אייגענע מענשען, אז זיי זאלען קויפען דיא „וועלט־באנק" אקציען, כדי דער קורס זאל ווייטער שטייגען. אט אזוי האט זיך אנגעהויבען דיא סיסטעם צו קויפען דיא אייגענע אקציען און מיט זיי צו שפעקולירען.

און איינמאל אין א פארנאכט האט סאקאר זיך ארויסגערעדט וועגען דעם פאר קאראלינע'ן:

— איך פערשטעה גאנץ גוט, אז געגען אונז וועט זיך אויפהויבען א הייסער קאמפף אויף דער בערזע. גונדערמאן ציטערט פאר אונז און ער האט שוין אנגעהויבען זיין קאמפף... איך דערקען זיין ארט קעמפפען: ער פערקויפט סיסטעמא־

טיש, הײנט אַזוי פיעל, מאָרגען אַזוי פיעל, יעדען טאָג אַלץ מעהר, ביז מיר װעלען אָנהויבען שװאַנקען...

— אויב ער פערקויפט אונזערע אַקציען, טהוט ער קלוג — האָט קאַראָלינע געזאָגט.

— ער טהוט קלוג? — האָט ער איבערגערעדט — װאָס מײנט איהר?

—אודאי טהוט ער קלוג. מײן ברודער האָט אײך שוין געזאָגט, אַז אַ העכערער קורס פון צװײ טױזענד איז אַ משוגעת.

ער האָט זיא אָנגעקוקט אויפגערעגט.

— אַזוי! — האָט סאַקאַר אויסגעשריען — אפשר װעט איהר אויך פערקויפען? גוט, טהוט עס, אויב איהר װילט מיך בעגראָבען!

קאַראָלינע איז רויט געװאָרען, װאָרים נעכטען האָט זיא טאַקי געשיקט פערקויפען טױזענד אַקציען.

אַזוי אָבער װיא ער האָט ביי איהר דירעקט ניט געפרעגט, אויב זיא האָט פערקויפט, האָט זיא ניט געהאַלטען פאַר נויטיג דאָס איהם צו ד'ערצעהלען. זיא איז אָבער באַלד צומישט געװאָרען, װען ער האָט געזאָגט:

— אַזוי גאָר! איצט פערשטעה איך שוין: נעכטען, צום בײשפיעל, איז אויף דער בערזע אָנגעקומען אַ גאַנצער פּאַק אַקציען און װען איך װאָלט ניט אונטערגעשטעלט מײנע מענשען זיי צו קויפען, װאָלט דער קורס געפאַלען... גונדערמאַן האָט עס נישט געטהאָן. זײן טאַקטיק איז אַנאַנדערע: ער פערקויפט נישט פיעל אויף אײנמאָל, ער געהט לאַנגזאַם און דערפאַר איז ער געפעהרליכער... אַך, מײן ליעבע, כאָטש איך בין זיכער, דאָך ציטער איך... דאָ איז ניט קײן פראַגע פון מײן לעבען, נור פון מײן געלד און פון מענשען'ס!...

און פון דעמאָלט אָן האָט סאַקאַר מעהר נישט געהערט צו זיך אַלײן. טאַקי אמת, ער האָט מיליאָנען געהאַט, הצלחה געהאַט, האָט טריאומפירט, דאָך איז ער געשטאַנען אין שטענדיגער סכנות, געשלאָגען צו װערען.

איצט האָט ער שטענדיג געטראַכט, וויא אַזוי נישט צו דערלאָזען, מען זאָל איהם מנצח זיין. ער האָט אפילו קיין צייט נישט געהאַט צו בעזוכען דיא באַראָנעסע פאַנדאָרף אויף דער קליינער קוואַרטיר, פאַר וועלכע ער האָט איצט גע־צאָהלט. ער איז אין גאַנצען אריינגעטהאָן געוועזן אין זיינע פּלענער, וויא אַזוי צו בעקעמפּפען זיינע געגנער, וויא אַזוי צו בעזיעגען זיי און וויא אַזוי צו טרייבען דעם קורס פון דיא „וועלט־באַנק“ אַקציען אַלץ העכער און העכער...

פון דער באַראָנעסע פאַנדאָרף האָט ער דיא לעצטע צייט געכאַפּט דעם זעלביגען פּסק, וואָס אַמאָל דער אָבער־פּראָקוראָר דעלקאַמבר.

איינמאָל, אין אַ שעהנעם פאַרנאַכט, אַז ער איז געקומען אויף דער קליינער קוואַרטיר, האָט ער דיא באַראָנעסע געפונען אין דיא אַרעמס פון סאַבאַטיאַני, פּונקט וויא דעלקאַמבר האָט זיא דעמאָלט אין זיינע אַרעמס געפונען.

ביי דער שטורמישער סצענע, וואָס איז נאָכדעם פאָרגע־קומען צווישען איהם און דער באַראָנעסע, האָט זיא זיך מודה געוועזן פאַר איהם, אַז זיא האָט מיט סאַבאַטיאַני'ן צוטהאָן געהאַט אויס נייגעריגקייט, ווייל זיא האָט זיך אַזוי פיעל אָנ־געהערט וועגען איהם, וועגען זיין קענען ליעבען, פון איהרע בעקאַנטע דאַמען, אַז זיא האָט ניט געקענט ביישטעהן איהר שטאַרקען פערלאַנג.

סאַקאַר האָט איהר פערציהען, ווען זיא, ענטפערענדיג איהם אויף זיין פראַגע, האָט איהם ערקלערט, אַז סאַבאַטיאַ־ני'ס ליעבע איז גאַר ניט אַזוי אַי־אַי־אַי...

זייט דעם האָט ער זיא אָנגעהויבען צו בעזוכען נור איין מאָל אין וואָך, ווייל זיא האָט איהם אָנגעהויבען צו ווערען איבערדריסיג.

ער האָט איהר אויפגעהערט צו געבען עצות וועגען דער בערזע אויך און אַז ער האָט יאָ אַמאָל אַ'ן עצה געגעבען, האָט זיא, פאָלגענדיג איהם, פיעל געלד פערלאָרען.

דיא באַראָנעסע האָט איהם אויפגעהערט צו גלויבען. חוץ

דעם האט זיא עפעס געהערט ריידען וועגען דער „וועלט־באנק“. קיין וויכטיגעס און בעשטימטעס האט מען אפילו ניט דער־צעהלט, עס האט זיך אבער געטראגען א קלאנג, אז עפעס איז מיט דער „וועלט־באנק“ ניט גלאט, אז א ווארים געפינט זיך אין דער פרוכט...

דיא בארא̈נעסע האט בעשלאסען אריבערגעהן אין דער רעדאקציאן פון דער צייטונג „ל'עספעראנצע“ און אויספרע־גען דעם רעדאקטאר זשאנטרו'ן, אפשר וועט זיא עפעס פון איהם דערגעהן.

— מיין הערר — האט זיא געזאגט — וואס איז דאס ? איהר ווייסט דאך מסתמא... דער קורס פון אייערע אקציען האט ווידער געשטיגען אויף צוויי הונדערט פראנק און דאך רעדט מען אויף דער בערזע, אז מיט דער „וועלט־באנק“ האלט עפעס שמאל....

זשאנטרו אבער האט אזוי וויניג געוואוסט, וויא זיא. ער איז געזעסען ביים קוואל פון דיא אלע נייעס, האט זיי אליין פארגעברייטעט און דאך האט ער קלאהר גאר נישט געוואוסט.

ער פלעגט זיך אמאל אויף שפאס צוגלייכען צו א זייגער־מאכער, וואס, זיצענדיג צווישען הונדערטע זייגערס, האט קיין מאל ניט געוואוסט דיא ריכטיגע צייט.

— איך וויים גאר נישט, אבער טאקע גאר נישט — האט איהר זשאנטרו געענטפערט.

— איהר ווילט מיר נישט זאגען.

— אויף מיין עהרענווארט, איך וויים נישט. איך האב אין זינען געהאט ביי אייך אליין צו פרעגען, איז סאקאר דען שוין מעהר נישט ליעבענסווירדיג ?

דיא בארא̈נעסע האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ: ניין. ער איז געווארען ביי זיך דרייסטער. אפשר זאל ער ווידער ביי איהר פרובען זיין מזל ; ער האט זיך אבער גלייך מיישב געווען, אז איצט איז נאך ניט דיא צייט.

— א שאד — האט ער געזאגט — וואס איהר ווייסט אויך נישט ; איך האב געמיינט, אז ביי אייך וועל איך ריכטיג

דערגעהן... בעסער איז פאַרצובערייטען זיך וואָס פריהער געגען א קאַטאַסטראָפע... איך גלויב אפילו נישט, אז דיא קאַטאַסטראָפע זאָל באלד געשעהן, נור דאָך פאסירען אזוינע זאכען אויף דער וועלט...

און וואָס לייגגער ער האָט אויף דיא באַראָנעסע געקוקט, אַלץ קלאָהרער האָט זיך אין זיין קאָפּ צוואוויקעלט א פּלאַן:

— ווייסט איהר, וואָס איך וואָלט אייך געראטהען? — האָט זשאַנטרו דערנאָך איהר געזאָגט — ווען סאקאר האָט אייך פערלאָזען, מוזט איהר זיך בעפריינדען מיט גונדערמאַן׳ען.

דיא באַראָנעסע האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— מיט גונדערמאַן׳ען? ווארום? איך בין מיט איהם אביסעל בעקאַנט. איך האָב איהם געטראָפען אין געזעלשאפט ביי רואוויל אין קעללער.

— זעהר גוט, וואָס איהר קענט איהם... בעזוכט איהם... געהט צו איהם אריבער, מאַכט אייך עפּעס אן אויס־רייד, רעדט מיט איהם, בעפריינדעט אייך מיט איהם... בעטראַכט נור, וואָס דאָס הייסט! צו זיין גונדערמאַן׳ס פריינדין, הייסט דיא וועלט בעהערשען!

דיא באַראָנעססע האָט פערשטאַנען, וואָס ער מיינט, האָט אָבער קיין פאראיבעל ניט געהאט אויף איהם און געשמיי־כעלט.

אָבער פאר וואָס מיט גונדערמאַן׳ען? — האָט זיא נאָך אַמאָל געפרעגט.

זשאַנטרו האָט איהר ערקלעהרט, אז גונדערמאַן בע־קעמפּפט איצט סאקאר׳ן, דאָס וויים ער זיכער. אויב סאקאר איז שוין נישט מעהר ליעבענסווירדיג צו איהר, מוז זיא זיך פערבינדען מיט דעם געגנערישען צד און דערוויל מאקי מיט דעם צד אויך ניט איינרייסען, אזוי וועט זיא קענען זיכערער וואָס געוואָהר ווערען.

— ווילט איהר — האָט זשאַנטרו איהר פאָרגעשלאָגען — וועלען מיר זיךביידע פערבינדען: איהר וועט מיר זאָגען,

וואָס איהר וועט געוואָהר ווערען און איך וועל אייך זאָגען, וואָס איך וועל וויסען.

און ווען ער האָט איהר האַנד אָנגענומען, האָט זיא זיך א ריס געטהאָן פון איהם, ווייל זיא האָט געמיינט, אז ער וויל עפּעס אַנדערש.

— אָה, זייט רוהיג, — האָט ער זיך א כאַפּ געטהאָן — איך טראַכט ניט מעהר פון דעם... מיר זיינען דאָך שוין גוטע פריינד... שפּעטער אמאָל וועט איהר מיך אליין בע־לוינען...

דאַן האָט זיא איבערגעלאָזט איהר האַנד אין זיינער און געלאַכט. זיא האָט שוין מעהר נישט געפיהלט קיין פעראַכ־טונג צו איהם, האָט פערגעסען אָן דעם, וויא איהר פאטער האָט איהם אמאָל מיט'ן פוס ארויסגעוואָרפען פון הויז.

באַלד צו־מאָרגענס איז דיא באַראָנעססע געגאַנגען צו גונדערמאַן'ען.

זייט דיא אַקציען פון דער „וועלט־באַנק" האָבען איבער־געשטייגט דעם קורס פון צוויי טויזענד, האָט ער ניט אויפ־געהערט צו פיהרען א קאַמפּף אין געהיים געגען דיא „וועלט באַנק".

זיין קאַמפּף האָט ער געפיהרט קאַלטבלוטיג און מיט מאַ־טעמאַטישער רעכנונג.

זיין רעכנונג איז געווען אזא: אַן אקציע איז ווערטה, ערשטענס, איהר אָפיציעלען פּרייז, דאַן דיא פּראָצענטען, וואָס זיא ברייננט אריין לויט דעם אמת'ן פערדיענסט, וואָס דיא אַק־ציען־געזעלשאַפט האָט. בלאָזט מען אָבער אויף דעם קורס פון אַקציען אויף א קינסטליכען אופן וויים איבער זייער ווערטה, מוז זיך אזא אויפבלאָזען סוף כל סוף ענדיגען מיט א פּלאַצען.... דאָך האָט ער נים געקענט אָפּלייקענען דעם פאַקט זיך אליין, אז סאַקאַר'ס גרויסע און שנעלע ערפאָלגען האָבען איהם צו־מישט און דערשראָקען.

דערפאַר איז איהם אזוי וויכטיג געווען צו בעקעמפּפען סאַקאַר'ן. ער האָט געוואָלט נים נור ביי איהם ארויסרייסען

צוריק דיא אכט מילליאָן, וואָס ער האָט פריהער פארלאָרען אויף דער בערזע, בעת סאקאר האָט אויסגענוצט דיא פריע־דענס־דעפּעשע, נור ער האָט אין גאנצען געוואָלט אויסראַ־טען דיא „וועלט־באנק”. פאר איהם איז עס געווען א פראגע פון לעבען און טויט.

ער האָט גענומען פערקויפען דיא „וועלט־באנק” אק־ציען יעדען טאָג אלץ מעהר און מעהר. פערליערענדיג דערביי יעדעס מאָל בעדייטענדע סוממען, זיינע פערלוסטען אָבער האָט ער בעצאָהלט מיט דער זיכערהייט פון א מענשען, וואָס ליעגט אריין געלד אין א שפּאָר־קאססע.

ווען דיא באראָנעססע איז צוגעגאנגען צו זיין שרייב־טיש, האָט זיא איהם געטראָפען א צוגעקיהלטען, הוסטענדיג. ארום איהם האָט א מענגע פון שפּעקולאנטען און קאָ־מיססיאָנערען געליארעמט מעהר וויא ווען עס איז פריהער, ווייל עס האָט געדארפט געמאכט ווערען אן הלואה צו אן אוים־לענדישער רעגיערונג און גונדערמאן איז געווען דער אָנפיהרער פון דער דאָזיגער הלואה.

— מיין הערר — האָט דיא באראָנעססע זיך געווענדעט צו איהם — איך בין געקומען צו אייך וועגען א געוויססען אנ־שטאָלט פאר אָרימע... מיר מאכען א לאטעריע...

ער האָט איהר נישט געלאָזט ענדיגען. ער פלעגט אלע מאָל נעהמען צוויי בילעטען פון יעדער לאָטעריע, בפרט נאָך, ווען דיא דאָזיגע בילעטען האָבען איהם געבראכט דאמען פון דער הויכער געזעלשאפט.

אָבער באלד האָט ער געמוזט בעטען ביי איהר ענט־שולדיגונג; א געהילף האָט איהם דערלאנגט א בינטעל פּאַ־פּיערען. דיא באראָנעססע איז צומישט געוואָרען פון דיא גרויסע ציפערען, וואָס זיא האָט דערהערט.

— צוויי און פופציג מילליאָן, זאָגט איהר? און וויא גרויס איז דער קרעדיט?

— זעכציג מילליאָן.

— זאָל מען העכערען דעם קרעדיט אויף פינף און זיעב־ציג מיליאָן.

ער האָט זיך שוין געוואָלט צוריקקעהרען צו דער באַראָ־נעססע, ערשט א וואָרט, וואָס איז ארויסגערעדט געוואָרען צווישען זיין איידעם און א מעקלער, האָט זיין אויפמערק־זאמקייט צוגעצויגען.

— אָבער ניין! — האָט ער זיך אָנגערופען — צו פינף הונדערט זיעבען און זיעבציג און א האלב פראנק!... דאָס מאכט כמעט א האלבען פראנק ווייניגער אויף אן אקציע.

— אָה, הערר גונדערמאן — האָט דער מעקלער זיך אָפגע־רופען — עס איז דאָך אין גאנצען אן אונטערשיעד אין דריי און פערציג פראנק!

— דריי און פערציג פראנק איז זעהר פיעל. וואָס מיינט איהר, איך גנב'ע מיין געלד?...

אום ער זאָל קענען אונגעשטערט רייזדען מיט דער באַראָ־נעסע, האָט ער זיא איינגעלאַדען מיט איהם אריינגעהן אין עס־צימער. ער האָט גוט פערשטאַנען, אז זיא איז נישט גע־קומען צו איהם וועגען אן אנשטאַלט פאר אָרימע, נור וועגען אן אנדער געשעפט. דעריבער האָט ער זיך גלייך געווענדעט צו איהר, וויא נור זיי זיינען אריין אין עס־צימער:

— נו, איצט קענט איהר מיר זאָגען, וואָס איהר האָט געוואָלט...

זיא האָט געמאכט א פערוואונדערטען פנים. וואָס הייסט? וואָס פאלט איהם איין? זיא האָט איהם גאָר נישט געוואָלט זאָגען, זיא וויל איהם נור בעדאנקען פאר דיא בילעטען, וואָס ער האָט גענומען.

— אלזאָ, איהר ווילט מיר גאָר נישט זאָגען?

ער האָט ועמיינט, אז זיא איז צו איהם געקומען מיט עפּעס א געהיימער שליחות פון סאקאר'ן, וועגען עפּעס א נייעם איינפאל פון דעם דאָזיגען נאַר.

זיא האָט געקוקט אויף איהם מיט יענעם שמייכעל, וואָס פלעגט אזוי אויפרעגען דיא מענער.

— ניין, ניין, איך האָב גאָר נישט צו זאָגען, נור אז איהר זייט שוין אזוי גוט, וואָלט איך אייך וועלען בעטען...

זיא האָט זיך צו איהם צוגעבויגט און א גלעט געטהאָן מיט איהרע הענטעלעך זיינע קניע. דאַן האָט זיא אָנגעהויבען אויסגיעסען פאר איהם דאָס הארץ. זיא האָט חתונה געהאט מיט אַן אויסלענדער, וואָס פערשטעהט זיא נישט, ווייס ניט וויפיעל אזא פרוי, וויא זיא, דאַרף צום פערלעבען. דערפאר האָט זיא געמוזט אָנפאנגען צו שפּיעלען אויף דער בערזע, אום צו פערדיענען אויף אלעס, וואָס איהר איז נויטהיג. צום סוף האָט זיא זיך גענומען קלאָגען פאר איהם, אז זיא איז עלענד, אז זיא האָט קיינעם ניט, ווער זאָל איהר עצות געבען, וויא, אויף וואָס און ווען צו שפּיעלען. דער קלענסטער פעהלער אויף דער בערזע קאָסט צו טהייער — האָט זיא געענדיגט.

— אָבער — האָט ער זיך אָפּגערופען — איך האָב גע־מיינט, אז איהר האָט שוין עמיצען, וואָס גיט אייך עצות...

— אה, קיינעם ניט — האָט זיא ארויסגעמורמעלט, א מאַך טהאָענדיג מיט א האנד: — ניין, ניין, איך האָב קיינעם ניט!... ווען איך וואָלט געוואָלט איינעם האָבען, וואָלט איך געוואָלט האָבען נור אייך, דעם מעכטיגען, דעם גאָט! און אין דער אמת'ן, וואָס וואָלט אייך געשאדט, ווען איהר וואָלט געוועזען מיין גוטער פריינד, א וואָרט מיר א מאָל גע־זאָגט, נישט מעהר וויא א וואָרט!.... ווען איהר וואָלט וויסען, וויא גליקליך איך וואָלט דעמאָלט געוועזען, וויא דאנקבאר איך וואָלט אייך געווען, אָה, מיט מיין גאנצען הארצען, מיט מיין גאנצען וועזען!...

זיא האָט זיך נעהענטער צו איהם צוגערוקט און גע־אטהעמט אויף איהם מיט איהר ווארימען אטהעם, מיט דעם פיינעם און בערוישענדען דופט, וואָס האָט זיך געטראָגען פון איהר גאנצען וועזען.

ער איז אָבער געבליעבען גאנץ רוהיג, האָט ארויסגענומען פון א פּרוכט־שאַלע, וואָס איז פאר איהם אויפ'ן טיש געשטאַ־נען, א פּאָאר וויינטרויבען און גענומען זויגען.

און ווען דיא באַראָנעססע האָט איהר פערפיהרערישע הענטעלע ווידער אויף זיין קניע ארויפגעלייגט און גענומען פיהרען מיט איהרע גירינגע פינגערלאך, האָט ער מיט א שמייכעל איהר הענטעלע פון זיין קניע ארונטערגענומען און שטום א מאך געטהאָן צו איהר מיט'ן קאָפּ, אקוראט וויא ער וואָלט איהר געזאָגט, אז דאָס איז ניט נויטהיג.

דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו איהר מיט אן אָפענער שפּראך:

— הערט אויס—האָט ער צו איהר געזאָגט—איהר זייט זעהר ליעבענסווירדיג און איך וואָלט גערן עפּעס געטהאָן פון אייערט־וועגען... שעהנע פריינדין, אויב איהר וועט מיר אַמאָל געבען א גוטע עצה, פערשפּרעך איך אייך אויך א גוטע עצה צו געבען... קומט און זאָגט מיר, וואָס מען טהוט דאָרט, וועל איך אייך דאַן זאָגען, וואָס איהר זאָלט טהאָן... נו, וואָס? אָפּגעמאַכט?

ער איז אויפגעשטאַנען און זיא האָט געמוזט געהן מיט איהם צוריק אין קאַנטאָר.

זיא האָט גוט פערשטאַנען זיין פּאָרשלאָג — זיא מוז שפּיאָנירען און פערראַטהען סאַקאַר'ן — זיא האָט איהם קיין בעשטימטען ענטפער אויף דעם ניט געגעבען און האָט ווידער גענומען ריידען וועגען דער לאָטעריע פאַר דער אנשטאַלט. ער האָט אָבער מיט א שאָקעל מיט'ן קאָפּ איהר פערשטעהן געגעבען, אז ער נויטיגט זיך ניט אין איהר הילף, אז ער וועט זיך אָהן איהר בעגעהן, אז דאָס, וואָס מוז פּאַסירען, וועט סיי־וויא־סיי פּאַסירען, אפשר אביסעל שפּעטער...

אז זיא איז אוועקגעגאַנגען, האָט גונדערמאַן זיך באַלד פערטיעפט אין אַנדערע געשעפטען. דיא בערזען־ספּעקולאַנטען האָבען ארום איהם געטומעלט. דיא אָנגעשטעלטע זיינע זיינען ארומגעלאָפען הין און צוריק און דיא אייניקלאך זיינע האָבען אויף געליאַרעמט און געשריען, שפּיעלענדיג זיך.

ער האָט זיך אניעדערגעזעצט ביי זיין שמאָלען טישעל, האָט זיך פערטיעפט אין א נייעם געדאנק, וואָס איז איהם

פלוצים איינגעפאלען, און האט שוין מעהר נישט געהערט ארום זיך...

צוויי מאל איז דיא בארענעססע סאנדארף געגאנגען אין דער רעדאקציאן, אום צו דערצעהלען זשאנטרו'ן וואס גונדער־מאן האט איהר געזאגט, אוןביידע מאל האט זיא איהם ניט געטראפען. ביז איין מאל האט דע־זשוא זיא אריינגעפיהרט צו זשאנטרו'ן אין קאבינעט. אין דער זעלבער צייט איז דע־זשוא'ס טאכטער נאטאליע געזעסען אין קארידאר אויף א באנק מיט זשארדאן'ס פרוי מארצעלא, וועלכע האט דעמאלט געווארט אויף איהר מאן, וואס איז ארויסגעגאנגען קריעגען געלד, אום צו בעצאהלען בוש'ן זיין חוב.

— פערשטעהט איהר, מאדאם — האט נאטאליע צו איהר געזאגט — דער פאטער וויל ניט פערקויפען.... עס איז אפילו דא איינער, וואס שרעקט איהם אן און הייסט איהם פערקויפען... איך וועל ניט אנרופען דעם נאמען פון יענעם מאן, ווייל געווים איז ניט זיין זאך אנצושרעקען מענשען... איך וויל אויך ניט, דער פאטער זאל פערקויפען, ווייל דער קורס וועט נאך שטיי־גען. בין איך ניט גערעכט, מאדאם?

— אוודאי! — האט מארצעלא קורץ געענטפערט.

— ווייסט איהר, היינט שטעהען שוין דיא אקציען אזוי הויך וויא צוויי טויזענד פינף הונדערט — האט נאטאליע וויי־טער גערעדט — איך פיהר דיא רעכנונג, מיין פאטער אליין קען קוים שרייבען... אלזא בעטרעפען אונזערע אכט אקציען צוואנציג טויזענד פראנק. א היבש פערמעגען, ניט אמת? פריהער האט ־ער פאטער געוואלט פערקויפען, ווען דיא אק־ציען זיינען ווערטה געווען אכצעהן טויזענד, ווארים אזוי פיעל האט ער געוואלט האבען; זעקס טויזענד פאר מיין נדן און צוועלף טויזענד פון זיינטוועגען, ער זאל האבען פון וואס צו לעבען אויף דיא עלטערע יאהרען, ווען ער וועט שוין נישט קע־נען ארבייטען. עס איז אבער געווען א גליק, וואס ער האט נישט פערקויפט: איצט האבען מיר מיט צוויי טויזענד פראנק מעהר! אצינד וועלען מיר נאך האבען מעהר, אם ווייניג־

סטען אזא קאפיטאל, וואס זאל אונז אריינטראגען א טויזענד פראנק א יאהר פראצענט, און מיר וועלען עם האבען, הערר סא־קאר אליין האט עם אונז פערשפראכען . . .   אך, הערר סאקאר איז אזא ליעבער מענש ! . . .

מארצעלא האט ניט ווילענדיג זיך צולאכט.

— ווילט איהר שוין נישט חתונה האבען ? — האט זיא נאטאליע׳ן געפרעגט.

— איך וועל חתונה האבען, ווען דער קורס וועט אויפהע־רען צו שטייגען. מיר וואלטען געוואלט וויא אם גיכסטען, בע־זאנדערס טהעאדאר׳ס פאטער, וועלכער דארף האבען דאס געלד פאר׳ן געשעפט. מען קען דאך אבער ניט פערשטאפען דעם קוואל, ווען דאס געלד שטראמט. אה, טהעאדאר פערשטעהט עם גאנץ גוט. ווען מיין פאטער וועט מעהר געלד האבען, וועט עם איהם אמאל אנקומען . . .   דאס טאר מען ניט פערגעסען... ליינענט איהר דיא ארטיקלען איבער דיא אקציען ?

און ניט ווארטענדיג אויף מארצעלא׳ס ענטפער, האט זיא גערעדט ווייטער :

— יעדען אבענד לייען איך דיא ארטיקלען . . .   מיין פא־טער ברייננט מיר דיא צייטונגען... ער לייענט פריהער אליין און איך מוז איהם נאך אמאל לייענען...   מען ווערט קיין מאל ניט מיעד, לעזענדיג דיא צייטונגען. אזוי שעהן בעשרייבען זיי דארט אלעס. ווען איך געה שפעטער שלאפען, איז דער קאפ ביי מיר פול און דערנאך חלומ׳ט זיך דערפון . . . דער פאטער זאגט אויך, אז איהם חלומ׳ט זיך זעהר גוטע חלומות. פארגעסטער האב איך און דער פאטער געזעהן דעם אייגענעם חלום, אז מיר שארען געלד אויף דיא גאסען.

זיא האט זיך אונטערבראכען און ווידער געפרעגט מאר־צעלא׳ן :

— און וויפיעל אקציען האט איהר ?

— איך האב קיין איינע נישט — האט מארצעלא גע־ענטפערט.

נאטאליע׳ס בלאנדער פנים מיט דיא פלאטערענדע העלע

לאָקען האָט אויסגעדריקט טיעפען רחמנות. וויא אונגליקלאך זיינען דאָס דיא מענשען, וואָס האָבען נישט קיין אקציען פון דער „וועלט־באנק".

אין דער זעלבער מינוט האָט איהר פאָטער זיא א רוף געטהאָן און, דערלאנגענדיג איהר א פּאַק קאָרעקטורען, האָט ער איהר געהייסען דאָס אָפּטראָגען אין א צווייטע רעדאקציאָן.

און זיא איז אוועק מיט א מינע פון א קאפּיטאליסטקע.

וויא נור מארצעלא איז אליין געבליעבען, איז איהר געוואָרען זעהר טרויעריג אויף'ן הארצען. אין דרויסען רעגענט אזוי און איהר מאן מוז ארומלויפען זוכען, וואו צו לייהען געלד! ער האָט געלד אַזוי פיינד, ער קען אפילו נישט מאָהנען קיין געלד ביי דיא, וואָס זיינען איהם שולדיג און דאָך...

זיא האָט זיך גענומען דערמאָהנען אָן דיא אלע יסורים, וואָס זיא האָט היינטיגען טאָג איבערגעלעבט זייט אין דער פריה אָן.

באלד אין דער פריה, ווען איהר מאן איז נור וואָס ארויס פון הויז, זיא איז נאָך דעמאָלט אין גאנצען ניט געווען אָנגעטהאָן, איז פּלוצים בוש געקומען מיט צוויי שמוציגע מענער — אפשר געריכטס־בעאמטע און אפשר פּשוט'ע באנדיטען — און האָט איהר געזאָגט, אז ער וועט צונעהמען אלע איהרע זאכען, אויב זיא וועט איהם נישט באלד בעצאָהלען דעם חוב. אומזיסט האָט זיא גע'טענה'ט, אז ער האָט איהר נישט געלאָזט וויסען פריהער, אז ער האָט קיין רעכט נישט אוועקצונעהמען ביי איהר דיא זאכען. בוש אָבער האָט איהר ערקלערט, אז ער האָט יאָ א רעכט אויף דיא זאכען און האָט געהייסען דיא מענער צו טהאָן זייער פליכט. זיא האָט זיך גענומען בעטען, מען זאָל דיא זאכען ניט אָנריהרען, ביז איהר מאן וועט אהיים קומען.

איהר בעטען האָט אָבער ניט געהאָלפען... דאן האָט זיך פערפיהרט א קאמפּף צווישען דיא דריי מענער און דער האלבאנגעטאָטענער פרוי מיט דיא צולאָזטע האָאָר.

דיא מענער האָבען שוין גענומען פערשרייבען דיא זאכען און זיא האָט פערשלאָסען דיא שראנקען און זיך אוועקגעשטעלט

געגען טיר מיט דעם פּעסטען בעשלוס, ניט צולאָזען זיי ארויס־טראָגען איהרע זאכען.

איהר אָרימע וואָהנונג, אויף וועלכער זיא איז שטאָלץ געווען, איהרע פּאָר שטיקלעך מעבעל, וואָס זיא האָט אזוי ליעב געהאט צו פּוצען, דיא פאָרהאנגען, וואָס זיא האָט אליין אויפ־געהאנגען, — ניין, זיא וועט ניט דערלאָזען דאָס אוועקצו־נעהמען ביי איהר!

זיא האָט גענומען שרייען, אַז סיידען דיא זאכען איהרע וועלען זיי ארויסטראָגען איבער איהר טויטען קערפּער. זיא האָט אָנגעהויבען צו זידלען בוש'ן, אַז ער איז אַ'ן אונפערשעהמטער גנב, אַ האלז־שניידער; ער שעהמט זיך נישט צו מאָהנען זיעבען הונדערט דרייסיג פראַנק מיט פונפצעהן סענטים, חוץ נייע אונקאָסטען, פאַר אַ חוב פון דריי הונדערט פראנק, וועלכען ער האָט געקויפט צוזאמען מיט אלטע אייזען און שמאַטעס פאַר פינף פראַנק. פיער הונדערט פראַנק האָט ער ביי זיי שוין ארויסגעריסען און איצט וויל ער נאָך ביי זיי דיא זאכען אויך אוועקרויבען!... ער וויים, דאכט זיך, גאַנץ גוט, אַז זיי זיינען עהרליכע מענשען און זיי וואָלטען איהם גלייך בעצאָהלט דעם גאנצען חוב, ווען זיי וואָלטען דאָס געלד געהאט, און איצט בענוצט ער זיך, וואָס זיא איז אליין אין הויז און וואָס זיא וויים ניט דעם געזעץ, אום זיא אָנצושרעקען און זיא ברענגען צו טרעהרען...

— באנדיט! גנב! גנב!

בוש האָט זיא נאָך איבערגעשריען און געקלאַפּט זיך העפ־טיג אין ברוסט.

וואָס? ער איז נישט קיין עהרליכער מאַן? ער האָט דאָך דעם חוב געקויפט! דאָס געזעץ איז אויף זיין זייט און איצט וויל ער מאכען איינמאָל פאַר אלע מאָל אַ סוף...

און ווען איינער פון דיא דאָזיגע שמוציגע מענשען האָט דערנאָך מיט גוואַלד געוואָלט עפענען דיא שופלאָדען, אום ארויסצונעהמען דיא וויים־צייג, האָט זיא זיך אוועקגעשטעלט און האָט געשריען, אַז זיא וועט צונויפרופען אלע מענשען פון

הויז, אזוי, אז בוש איז געוואָרען ווייכער. צום סוף, נאָך א גוטער האַלב שעה אַרומרייסען זיך, איז ער מרוצה געוואָרען צו ווארטען ביז מאָרגען, האָט אָבער דערביי געשוואָרען, אז אויב מען וועט איהם מאָרגען נישט ברייגגען דאָס געלד, וועט ער באַלד דיא זאַכען צונעהמען.

אָה, וויפיעל זיא האָט געליטען! דיעזע שמוציגע מענשען האָבען זיך אין איהר ריין היים אריינגעריסען, און האָבען מיט זייערע הענד בעשמוצט אַלעס, וואָס האָט זיך איהר געדאַכט אזוי ריין און זויבער, דיא בעט אפילו איהרע צו־וואָרפען און איבערגעלאָזען הינטער זיך אזא מיאוס'ן גערוך, אז נאָך זייער אוועקגעהן האָט זיא געמוזט דיא פענסטער עפענען!

דערנאָך האָט זיא נאָך אַנאַנדערע קרענקונג געהאַט. עס איז איהר איינגעפאַלען, צו געהן צו איהרע עלטערן בעטען דאָס געלד, וואָס זיא האָט געדאַרפט. איהר מאַן וועט אבענדס אַהיים קומען, וועט ער זיך נישט דאַרפען דרעהען דעם מות.

און זיא האָט זיך פאַרגעשטעלט, וויא זיא וועט קריגען דאָס געלד ביי איהרע עלטערן, וויא זיא וועט בעצאָהלען בוש'ן און שפּעטער, ווען איהר מאַן וועט אַהיים קומען, וועט זיא איהם דערצעהלען אַלעס וואָס עס איז פאַרגעקומען צווישען איהר און בוש'ן מיט זיינע מענשען, וויא זיא האָט זיך מוטהיג אוועקגעשטעלט געגען זיי, און ער וועט זיך אזוי פרעהען און לאַכען, און אזוי שטאָלץ זיין אויף איהר.

מיט א קלאַפּענדיגען הארצען איז זיא אריינגעקומען אין דאָס שעהנע הויז פון איהרע עלטערן, אין דאָס זעלבע הויז, וואו זיא איז אויפגעוואַקסען. דאָרט האָט מען זיא אויפגענומען אזוי קאַלט, וויא זיא וואָלט א פרעמדע געוועזען. אזוי וויא איהרע עלטערן האָבען זיך גראד דעמאָלט געזעצט צום טיש עסען מיטאג, האָט זיא זייער איינלאַדונג אַנגענומען, צו עסען מיט זיי, אום זיי נישט צו דערצאָרענען געגען זיך.

בעת'ן עסען האָט מען נור גערעדט וועגען דעם קורס פון דיא „וועלט־באַנק" אקציען, וועלכער האָט נעכטען געשטיגען נאָך אויף צוואַנציג פראַנק. צו איהר גרויסען וואונדער האָט

זיא דערזעהען, אז איהר מוטער, וועלכע פלעגט פריהער ציטערען פון דעם געדאַנק אַליין וועגען שפּיעלען, איז איצט געוואָרען נאָך אַ ליידענשאַפטליכערע שפּיעלערין וויא איהר פאָטער. איצט האָט זיא זיך מיט איהם אַרומגעקריעגט, וואָרום ער איז ניט דרייסט גענוג ביים שפּעקולירען.

באַלד נאָך'ן סוף האָט זיא זיך אויפגערעגט, ווייל דער מאַן איהרער האָט זיך אויסגערעדט, אַז זיי האָבען געדאַרפט פער־קויפען זייערע פינף און זיעבציג אַקציען אויף דעם איצטיגען קורס פון צוויי טויזענד פינף הונדערט און צוואַנציג פראַנק. דאָס וואָלט זיי אַריינגעבראַכט דיא שעהנע סומע פון הונדערט און אַכציג טויזענד, ריינעם פערדיענסט הונדערט טויזענד פראַנק. דאָס ווייב האָט זיך גענומען קאָכען. סטייטש, וויא קען ער גאָר דענקען פון דעם, ווען דיא צייטונג „פינאַנסיר" אַליין פערזיכערט, אַז דער קורס פון דיא דאָזיגע אַקציען וועט אין גיכען שטייגען ביז דריי טויזענד? דיא צייטונג „פינאַנ־סיר" וויים וואָס זיא שרייבט, אויף איהר קען מען זיך פער־לאָזען. האָט ער אַליין ניט געזאָגט, אַז ווען דיא דאָזיגע צייטונג שרייבט עפּעס, איז עס הייליג. ניין, זיא וועט איהם בשום אופן נישט לאָזען פערקויפען! בעסער וועט זיא דאָס הויז פערקויפען, אום נאָך מעהר אַקציען צו קענען קויפען!

מאַרצעלאַ האָט זיך צוגעהערט צו דעם דאָזיגען געשפּרעך צווישען איהר פאָטער און מוטער און דאָס האַרץ האָט איהר פערקוועטשט. וויא קען זיא בעטען ביי זיי פינף הונדערט פראַנק באָרגען, ווען זיי זיינען אין גאַנצען אַריינגעטהאָן אין דיא ספּעקולאַציאָנען אויף דער בערזע?

צום סוף, ווען מען האָט זיך פון טיש אויפגעהויבען, האָט זיא זיך געמאַכט האַרץ און זיא איז אַרוים מיט דעם געשפּרעך: זיא מוז פינף הונדערט פראַנק האָבען, מען וויל ביי איהר אַוועק־נעהמען דאָס מעבעל, אין אַזאַ נויט קענען דיא עלטערן זיא ניט איבערלאָזען אויף גאָט'ס בעראָט...

דער פאָטער האָט גלייך דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזען און האָט פערלעגען אַנגעקוקט דיא מוטער. און דיא מוטער האָט

זיך צושריען: ניין! פינף הונדערט פראנק! וואו זאָלען זיי דאָס נעהמען? זייער גאַנצער קאַפּיטאַל איז אריינגעלייגט אין דיא אַקציען. דערנאָך האָט זיא איהר גענומען אויפוואר־פען דיא אַלטע טענות: ווען זיא האָט זיך פערליעבט אין א הונגער־ליידער, א ביכער־מאַכער און מיט איהם חתונה געהאַט, דאַרף זיא נור אַליין דיא פאָלגען פון דער דאָזיגער נארישקייט טראָגען און ניט ווען זיי אַרויפוואַרפען אויף איהרע עלטערן. ניין, קיין איין פּרוטה וועט זיא ניט געבען פאַר פּוילענצער, וועלכע ווילען אויסברענגען נור פרעמדעס געלד!

און אַזוי איז מארצעלא פון זיי אוועק מיט א פערבלו־טיגטען הארצען, וואונדערענדיג זיך, וואָס איז דאָס געוואָרען מיט איהר מוטער, וועלכע איז אַמאָל געווען אַזוי גוט און פער־שטענדיג.

איבער דער גאַס איז מארצעלא געגאַנגען, וויא א נאַכט־וואַנדלערין; זיא האָט געקוקט אויף דער ערד, אויב זיא וועט ניט געפינען קיין געלד.

דאַן איז איהר איינגעפאַלען, צו ווענדען זיך צו איהר אָנ־קעל שעוו און זיא איז טאַקע גלייך אוועקגעלאָפען צו איהם אויפ׳ן קוואַרטיר.

דעם אָנקעל האָט זיא געטראָפען אַליין, ער האָט גערויכערט זיין פּיפּקע. אַז ער האָט דערהערט, וואָס זיא פערלאַנגט פון איהם, איז ער שטאַרק פערצווייפעלט געוואָרען און איז גע־וואָרען בייז אויף זיך אַליין, ווארום ער פערלעבט זיינע קליינע פערדיענסטען, וויא אַן אמת׳ער שאַרלאַטאַן. ער וואָלט איצט געקענט האָבען עטליכע הונדערט פראנק, אום צו קענען איהר העלפען.

ווען ער האָט דערהערט, אַז איהרע עלטערן האָבען איהר ניט געוואָלט העלפען, האָט ער זיי געגומען זידלען. זייט זיי האָבען זיך אריינגעלאָזען מיט לייב און לעבען אין דיא שפּעקולאַציאָנען ווייל ער מיט זיי ניט האָבען קיין מגע ומשא. האָט איהם דען זיין אייגענע שוועסטער ניט געזידעלט לעצטע וואָך, ווייל ער האָט איהר געראַטהען דיא אַקציען צו פערקוי־

פען ? ווען זיא וועט אמאָל האָלז און נאַקען ברעכען, וועט ער אויף איהר קיין רחמנות ניט האָבען.

דערנאָך איז סאַקאַר אריין, מאַרצעלאַ האָט זיך געהאַל־ליידיגע הענד און דאַן האָט זיא געמוזט ביי זיך פועל'ן צו געהן צו איהר מאַן אין רעדאַקציאָן, אום איהם צו לאָזען וויסען וועגען אַלעס. וואָס אַנדערש האָט זיא געקענט טהאָן ? און בוש'ן האָט מען דאָך געמוזט בעצאָהלען !

זשאַרדאַן, וואָס זיינס אָנגעשריבענעס ווערק האָט נאָך קיין פערלעגער ניט אָנגענומען, איז גלייך אוועקגעלאָפען קריע־גען געלד, ניט וויסענדיג, וואוהין ער זאָל געהן בעטען, צי ביי פריינד אָדער ביי צייטונגען, פאַר וועלכע ער פלעגט פון צייט־צו־צייט שרייבען. ער האָט געבעטען זיין פרוי, זיא זאָל געהן אהיים, זיא אָבער האָט מורא געהאַט צו געהן אהיים און האָט געוואַרט אויף איהם דאָ אויף דער באַנק.

ווען נאַטאַליע איז ארויסגעגאַנגען און מאַרצעלאַ איז גע־בליעבען זיצען אליין אויף דער באַנק, האָט דעזשוא צוגעטראָ־גען איהר א צייטונג, זיא זאָל זיך ניט פיהלען לאַנגווייליג.

— אפשר וויל דיא מאַדאַם לעזען א צייטונג ? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, — האָט זיא א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ — איך דאַנק אייך.

דערנאָך איז סאַקאַר אריין, מאַרבעלאַ האָט זיך געהאַל־טען גאַנץ דרייסט געגען איהם און איהם פרעהלאָך דערצעהלט, אַז זיא וואַרט אויף איהר מאַן, וועלכען זיא האָט געשיקט צו בעזאָרגען א געוויסען אונאַנגענעהמען געשעפט פאַר איהר. סאַ־קאַר, וועלכער האָט זיך פערהאַלטען פריינדליך צו יונגע פּאָר־לאָך, האָט איהר פאָרגעלייגט צו וואַרטען אויף איהר מאַן אין זיין קאַבינעט, נור זיא האָט איהם געענטפערט, אַז אין קאָרי־דאָר פיהלט זיא זיך אויך גאַנץ בעקוועם.

דערווייל'ע האָט ער דערזעהן, וויא דיא באַראָנעססע סאַנ־דאָרף איז ארויסגעגאַנגען פון זשאַנטרו'ס צימער. ער האָט זיך פערוואונדערט. דאָך דאָט ער איהר געענטפערט מיט א העפ־

ליבען שמייכעל אויף איהרען, וויא געוועהנליך בעקאנטע, וואס גריסען זיך.

ביי זיך אין קאבינעט האט זשאנטרו ערקלעהרט דער באראנעססע, אז ער האט מורא איהר עצות צו געבען. גונדערמאן — האט ער ביי זיך געטראכט — וועט זיכער זיעגען, נור סאקאר קען זיך נאך לאנג האלטען און מען וועט נאך קענען ביי איהם פיעל געלד פערדיענען. ער האט דעריבער איהר געראטהען, אבצו־ווארטען און מיט קיינעם פון זיי ניט איינדרייסען. דאס בעסטע וואלט געוועזן דורך ליעבענסווירדיגקייט ארויסציהען דיא סודות וויא ביי איינעם אזוי ביים אנדערען, אום צו קענען זיי אויסנוצען ביי דער ריכטיגער געלעגענהייט.

— אלזא, איצט האלט זיא זיך מיט אייך? — האט סאקאר געזאגט, אריינקומענדיג צו זשאנטרו׳ן אין קאבינעט :— איצט איז אייער צייט.

— ווער? — האט זשאנטרו זיך געמאכט נישט וויסענדיג

— אה, יא! איהר מיינט דיא באראנעססע? אבער, ליעבער הערר סאקאר, זיא פערגעטערט נור אייך, זיא האט מיר ערשט דאס געזאגט.

סאקאר האט א מאך געטהאן מיט א האנד, וויא א מענש, וואס לאזט זיך ניט נארען. ער האט אנגעקוקט זשאנטרו׳ן, וועלבער איז אונטערגעגאנגען אין זיין העסליכער אויסגעלאסענהייט, און האט א טראכט געטהאן, אז דיא זעלבע פרוי, וועלכע האט זיך געקענט אפגעבען סאבאטיאני׳ן אוים פשוט׳ער נייגעריגקייט, צו וויסען, וויא סאבאטיאני איז געבויט, איז פעהיג אפצוגעבען זיך זשאנטרו׳ן אויך. ווייל טאקע דער לאסטער האט פון איהם אזא הורבן געמאכט...

— איהר דארפט זיך ניט פאר מיר פערענטפערען, מיין פריינד — האט סאקאר געזאגט — איך קען דיא פרויען. ווען א פרוי שפיעלט, וועט זיא זיך אפילו אפגעבען דעם גאסען־יונג, וואס וועט איהרען אן ארדער בעזארגען.

זשאנטרו האט זיך טיעף בעליידיגט פון דיא דאזיגע ווער־

טער, האָט אָבער געלאַכט און ערקלעהרט, אז דיא באַראָנעססע איז געקומען וועגען אן אנאָנסע.

סאקאר האָט אָבער מעהר פון איהר נישט געוואָלט ריידען. זיא האָט איהם מעהר נישט געקימערט. ער איז געגאנגען איבער'ן צימער הין און צוריק, האָט זיך אויף א רגע אָפּגעשטעלט פאר'ן פענסטער און ארויסגעקוקט אויף דעם איינטאָניגען, גרויען רעגען, וואָס האָט געגאָסען אין דרויסען, איז ווידער געגאנגען איבער'ן צימער הין און צוריק און איז זעהר צופריעדען געווען. געסטערן האָבען דיא אקציען ווידער געשטיגען אויף צוואנציג פראנק, זיי וואָלטען מעהר געשטיגען, ווען עס וואָלט ניט אריינגעקומען א גאנצער פּאק אקציען צו פערקויפען. טייפעל, דיא פערקויפער לאָזען ניט אָפּ! ער האָט נישט געוואוסט, אז קאראָלינע האָט ווידער פערקויפט טויזענד אקציען, וויא דער ברודער האָט איהר געהייסען טהאָן פאר זיין אוועקפאָהרען.

סאקאר האָט זיך ניט געקענט קלאָגען אויף זיינע געשעפטען. וואָס איהם רעגט נור אויף — האָט ער זיך אויסגערעדט פאר זשאַנטרו'ן — איז דאָס, וואָס דיא לעצטע צייט בעמערקט ער קלאָהרער, אז זיינע געגנער פיהרען אָן געגען איהם אן אָרגאניזירטען קאמפף, זיי האַלטען אין איין פערקויפען דיא אקציען פון דער „וועלט-באַנק“, ווענדען אָן אלע מיטלען, אום זייער קורס זאָל אָנהויבען צו פאלען, און דורך דעם געבען א שטאַרקען קלאַפּ דער „וועלט-באַנק“. ער ווייסט אויף זיכער, אז דיא אידישע באַנקירען, פון גונדערמאן אָנגעפיהרט האָבען געגרינדעט א פאָנד פון דריי הונדערט מיליאָן, אום איהם צו רואינירען. אָה, באַנדיטען!

ער האָט אָבער מורא געהאט צו דערצעהלען, אז איבער דער שטאָדט טראָגט זיך ארום א קלאַנג, אז די „וועלט-באַנק“ איז שוין ניט אזוי שטאַרק, וויא פריהער. פאר דעם דאָזיגען קלאַנג האָט ער זיך געשראָקען.

אין דיעזער מינוט האָט זיך דיא טהיר אן עפען געטהאָן, און אורע איז אריינגעקומען.

— איהר זייט עס, פערר̈עטהער ? — האָט זיך סאקאר אויף איהם ארויפגעוואָרפען.

ווען אורע האָט געוואָהר געוואָרען, אז רוגאן וויל זיין ברודער בשום אופן נישט קענען, האָט ער איבערגעבעטען דעם מיניסטער, וואָרים ער איז איבערציינגט געווען, אז אָהן רוגאן׳ס שטיצע מוז דיא „וועלט-באנק“ פאלען.

ער איז ווידער געוואָרען רוגאן׳ס לאקיי, און איז בערייט געווען צו קריכען אין פייער און אין וואסער פאר דעם „גרויסען מאן“.

— ווער ? איך בין א פערר̈עטהער ? — האָט ער זיך אָפּגערופען מיט א בריטען שמייכעל אויף זיין פויערשען פנים — דאָך בין איך געקומען צו אייך מיט א פריינדליכען ראטה.

סאקאר האָט איהם אָבער נישט געוואָלט הערען און האָט געשריען מיט א נצחון אין קול :

— אהא, צוויי טויזענד פינף הונדערט פראנק נעכטען, צוויי טויזענד פינף הונדערט און צוואנציג פראנק היינט !

— איך וויים שוין, איך האָב דאָך פריהער פערקויפט פון מיינע אקציען.

סאקאר האָט זיך אָנגעצונדען :

— וואָס ? איהר האָט אויך פערקויפט אקציען ? טאקי זעהר שעהן !... איצט איז עס מיר קלאָהר : צוליעב רוגאן׳ען האָט איהר זיך פאראייניגט מיט גונדערמאן׳ען געגען מיר...

אורע האָט איהם אָנגעקוקט צומישט.

— וואָס פאלט אייך איין ? — האָט אורע געזאָגט — ווארום עפּעס זאָל איך זיך פעראייניגען מיט גונדערמאן׳ען ? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן ! איך האָב פערקויפט, ווייל איך קען פערדיענען געלד. דיא אקציען שטעהען גוט, פערקויף איך. איהר קענט דאָך מיך, איך וויל ניט איינשלינגען דיא גאנצע וועלט...

— א מיטגליעד פון פערוואלטונגס-ראטה ! — האָט סאקאר זיך געקאכט — אז איהר פערקויפט, ווער וועט שוין אונז

טרויען? וואס זאָל מען דיינקען, ווען מען זעהט, אז איהר פערקויפט דיא אקציען, בשעת זיי האלטען אין שטייגען? איך וואונדער זיך איצט נישט, וואס מען רעדט, אז מיר וועלען באלד פּלאַצען.. דיא מיטגליעדער פון פערוואלטונגס־ראטה אליין פערקויפען, לאָמיר אלע אויך פערקויפען... און דיא פּאַניק איז דאָ!

אורע האָט געשוויעגען, האָט נאָר א דריק געטהאָן מיט דיא אקסלען. אייגענטליך איז דאָס געווען זיין באַבע׳ס דאגה, געלד האָט ער שוין געמאַכט, מעג איצט קומען א פּאַניק! ער האָט איצט נאָר געטראכט, וויא אזוי זאָל ער איבערגעבען סאַקאר׳ן רוגאן׳ס ווערטער און ניט ליידען דערביי.

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, מיין ליעבער — האָט ער זיך אין א ווייַלע ארום אפּגערופען — אז איך בין געקומען צו אייך מיט א פריינדליכען ראטה... טאָ הערט אויס און זייט פערנינפטיג: אייער ברודער איז שטארק אויפגעבראכט און וועט אייך ניט וועלען קענען, אויב אייער צייטונג וועט ווייטער איהם אזוי אטאַקירען.

סאקאר האָט איינגעהאלטען זיין כעס און געזאָגט:

— האָט ער אייך געשיקט, איהר זאָלט מיר עס זאָגען?

— יאָ, — האָט אורע געענטפערט, — מיינט ניט, אז ער איז בייז אויף אייך, וואס אייער צייטונג „לעספּעראנצע" אטאַקירט איהם פערזענליך, דאָס הייבט איהם ניט אָן צו ארען, ער שטעהט איבער אזוינע קלייניגקייטען! וואָס איהם אַארט אָבער איז דאָס, וואָס איהר שטערט זיין פּאָליטיק. איך ראטה אייך דאָס גוט ארומטראכטען איידער איהר ענטפערט, ווארים ער וועט אייך בלייבען א שונא אויף טויט, אויב איהר וועט ווייטער אזוי אָנגעהן מיט דיא אטאַקעס...

— נו, אודאי, — האָט סאקאר זיך אפּגערופען סארקאַסטיש — איך בין מיין גוטען ברודער׳ס זעהר א שלעכטער ברודער. נעכטען האָט ער זיך ערקלערט אלס דער בעשיצער פון דעם פּאַבסט און פערשוואָרענער שונא פון דיא ליבעראלען, און היינט, אום איינצוהאלטען זיין מיניסטער־שטעלע, שטיצט

ער דיא ליבעראַלען און וויל נאָך, אז איך זאָל אויך מאכען פריינדליכע מינעס צו דיא פיינד פון דיא קאַטויליקען...

— אָבער איהר ווייסט דאָך, אז דער קייזער האַלט מיט איהם, און דאָס איז דיא הויפּט זאַך. דער קייזער האָט איהם געשיינקט אַן ארדען מיט ברילליאַנטען.

אָבער סאקאר האָט איהם ווייטער ניט געלאָזט ריידען.

— דיא „וועלט־באַנק“ — האָט ער אויסגעשריען — איז פאר זיי צו שטארק געוואָרען. א קאַטוילישע באַנק, וואס וועט דיא גאַנצע וועלט עראָבערען דורך איהר געלד — וויא קען מען אַזאַ זאַך דולדען? אַלע פריידיינקער, אַלע פריימויערער שווידערען פון דעם געדאַנק אליין.... און אפשר האָט מען נאָך מיט גונדערמאַן'ען צו פערהאַנדלען וועגען א נייער הלואה. וואס קען פון א רעגיערונג ווערען, ווען זיא זאָל זיך ניט אויפפרעסען פון שמוציגע אידען?... און דערפאר וויל מיך מיין ברודער, דער דומקאָפּ, אום זיין שטעלע איינצוהאַלטען, צו־וואַרפען צו דיא ליבעראַלען און דיא אידען, זיי זאָלען מיך פרעסען.. געהט און זאָגט איהם, מיין ברודער, אז איך פייף אויף איהם!....

ער האָט זיך אויסגעצויגען אין זיין גאַנצען וואוקס און האָט זיך נאָך מעהר צוהיצט:

— איהר פערשטעהט מיך? איך פייף אויף איהם, דאָס איז מיין ענטפער. זאָגט עס איהם!

אורע האָט א דריק געטהאָן דיא אקסלען. זשאַנטרוי וועלבער האָט דיא גאַנצע צייט פון דעם דאָזיגען געשפּרעך ארייגעקוקט אין קארעקטור־בלעטלאך פון זיין צייטונג, האָט פערוואונדערט א בליק געטהאָן אויף סאקאר'ן.

וויא שעהן איז ער געווען, דער דאָזיגער באַנדיט, אין זיין כעס! און מיט אַזא זיכערקייט האָט ער איצט גערעדט, אז זשאַנטרו איז אין דיזער מינוט ווידער איבערצייגט געוואָרען, אז ער, סאקאר, וועט דאָך בלייבען דער זיעגער.

— גוט, גוט — האָט אורע געזאָגט — אה, איך האָב אייך נאָך עפּעס וואס פארגעסען צו זאָגען: דעלקאַמבר, דער אָבער־

פּראָקוראָר, ער האסט אייך, דאכט זיך... היינט האָט איהם דער קייזער געמאכט פאר יוסטיץ־מיניסטער.

סאקאר איז געבליבען שטעהן צומישט. באלד אָבער האָט ער זיך א כאפּ געטהאָן:

— ער איז אויך א זויבערער מענש! אזוי, האָט מען איהם פאר א מיניסטער געמאכט? אָבער וואס קימערט עס מיך?

— איך מיין גאָר נישט — האָט אורע געענטפערט — נור אייער ברודער וויל, איהר זאָלט וויסען, אז אויב עס וועט אייך אָן אונגליק טרעפען, וויא עס קען פּאסירען מיט יעדען געשעפטסמאן, דארפט איהר אויף איהם ניט רעכנען, אז ער וועט זיך פאר אייך אננעהמען, ער וועט זיך צוליעב אייך ניט צוקריגען מיט דעלקאמבר'ן.

— געהט צום טייפעל מיט מיין ברודער און מיט דעלקאמבר'ן צוזאמען! — האָט סאקאר געשריען — איך לאך פון אייך אלע!

אין דיעזער צייט איז אריינגעקומען דעגרעמאן. ביז אהער איז ער קיינמאָל ניט געקומען אין דער רעדאקציאָן, דערפאר, אז ער איז איצט אריינגעקומען, האָבען זיי זיך אלע פערוואונדערט, און דאָס האָט געמאכט א סוף צו דעם אויפגערעגטען געשפּרעך.

וויא געוועהנליך, האָט ער העפליך אלעמען געדריקט דיא האנד. זיין פרוי האָט געמאכט א באלל, אויף וועלכען זיא אליין האָט געזאָלט זינגען, דערפאר איז ער געקומען איינלאדען זשאנטרו'ן אויף'ן באלל, אום דיא ציימונג זאָל וועגען דעם א שעהנעם בעריכט געבען.

בעזאָנדערס האָט ער זיך ארומגעכאפּט מיט סאקאר'ן.

— וואס מאכט אונזער גרויסער מאן? — האָט ער סאקאר'ן געפרעגט.

סאקאר האָט איהם אויף זיין פראגע ניט געענטפערט, נור ער האָט א פרעג געטהאָן:

— איהר האָט שוין אויך אייערע אקציען פערקויפט?

— פערקויפט? אָה, ניין! איך האָב נאָך ניט פערקויפט!
— האָט דעגרעמאַן געענטפערט.

ער האָט זיך הערצליך און אויפריכטיג צולאַכט.

— אין אונזער לאַנגע טאָרען מיר קיינמאָל ניט פערקויפען! — האָט סאַקאַר אויסגעשריען.

—קיינמאָל נישט, געווים! — האָט דעגרעמאַן געזאָגט — דאָס וואס איך האָב טאַקע געוואָלט זאָגען. קיינער פון אונז וועט ניט פערקויפען. מיר אַלע זיינען סאָלידאריש; איהר ווייסט, אז איהר קענט זיך אויף מיר פערלאָזען.

ער האָט אַלע דריי איינגעלאַדען צו זיך אויף'ן באַל און איז ארויסגעגאַנגען.

— דאָס, אַלזאָ, איז אייער ענטפער? — האָט אורע זיך אָפּגערופען, ווען דעגרעמאַן איז אוועקגעגאַנגען.

— קיין איין וואָרט נישט מעהר, — האָט סאַקאר געענטפערט מיט ביטערניש אין קול.

ער האָט אומישנע ניט בעגלייט אורע'ן ביז דער טהיר, און ווען ער איז פערבליבען מיט זשאַנטרו'ן ווידער אויג אויף אויג, האָט ער אויסגעשריען:

— איצט קריעג אויף לעבען און טויט! קיין שאָנעווען מעהר! דיא גאַנצע באַנדע מוז קריגען איהר לוין! ענדליך קען איך פיהרען א קאַמפף, וויא איך מיין!

מאַרצעלאַ איז נאָך געזעסען אין'ם קאָרידאָר אויף דער באַנק. דער זייגער איז ערשט געווען פיער, דאָך האָט שוין דעזשוא אנגעצונדען דיא לאַמפּען, מחמת דעם מיאוס'ען וועטער אין דרויסען, דיא וואָלקענס און רעגען, איז פריה פינסטער געוואָרען.

יעדעס מאָל, בעת דעזשוא איז מאַרצעלאַ'ן פערבייגעגאַנגען, האָט ער איהר צוגעוואָרפען א וואָרט, אום איהר זאָל ניט זיין אונמוטהיג זיצענדיג אַליין.

אגב איז ארום איהר איצט לעבעדיגער געוואָרען. דיא שרייבער פון דער צייטונג זיינען ארומגעלאָפען אהין און צוריק,

הויכע בעפעהלעז האָבען זיך געהערט פון דעם דערבייאיגען זאאל — דיא צייטונג האָט געדאַרפט באלד ארויסגעהן.

פלוצלונג האָט זיא דערזעהן פאר זיך שטעהן איהר מאַן. ער איז געוועזן אין גאנצען דורכגענעצט, געבראָכען, און נאָך דעם ציטערען פון זיינע ליפּען און נאָך זיינע טרויעריגע אויגען האָט זיא פערשטאַנען, אז ער איז געקומען מיט גאָר ניט.

— קיין געלד האָסטו ניט געקראַגען? — האָט זיא ארויס־געשטאַמעלט און איז בלייך געוואָרען.

— גאָר נישט, ערגעץ נישט געקראָגען! — האָט ער גע־ענטפערט.

מארצעלא האָט א קרעכץ געטהאָן:

— מיין גאָט!

אין דער זעלבער מינוט איז סאַקאר ארויסגעגאַנגען פון זיין קאַבינעט און ער האָט זיך זעהר פערוואונדערט, וואָס זיא זיצט נאָך אויף דעם זעלבען אָרט.

— וויא פרוי זשארדאַן—האָט ער אויסגעשריען—אייער מאַן איז ערשט געקומען צוריק? וואָס לאָזט איהר איהם אזוי ארומלויפען איבער דיא גאַסען? און וויעדער, ווארום האָט איהר נישט בעסער געוואַרט אין מיין קאַבינעט?

זיא האָט אויף איהם אויפגעשטעלט איהרע פערצווייפעל־טע אויגען און פּלוצים איז איהר איינגעפאַלען א געדאַנק און ניט ארומטראַכטענדיג איהם, האָט זיך זיך געווענדעט צו סאַ־קאר׳ען:

— הערר סאַקאר, איך וויל אייך עפּעס בעטען... פיעלייכט וועט איהר אזוי גוט זיין און מיט אונז ארייננגעהן אויף איין מינוט אין אייער קאַבינעט.

— נאַטירליך, ווערטהע מאַדאַם!

זשארדאַן האָט פערשטאַנען, וואָס זיא וויל טהאָן, און זיא געוואָלט איינהאַלטען.

— ניין! ניין! — האָט ער איהר געשעפּצעט אין אויער אריין. מארצעלא האָט זיך אָבער א ריעס געטהאָן פון איהם און ער האָט געמוזט געהן מיט איהר.

הערר סאקאר—האט זיא געזאגט, באלד וויא דיא טיהר האט זיך פערמאכט הינטער זיי—מיין מאן איז צוויי שטונדען ארומגעלאפען לייהען פינף הונדערט פראנק און האט נישט געקראגען, ער אליין וואגט נישט ביי אייך געלד צו בעטען, דערפאר בעט איך ביי אייך...

זיא האט איהם דערצעהלט, וויא בוש האט זיך אריינ־געריסען צו איהר אין וואהנונג מיט נאך צוויי מענער, וויא ער האט געוואלט אלע איהרע זאכען צונעהמען און וויא זיא

— בוש! — האט סאקאר אויסגעשריען—דער אלטער האט איהם געמוזט פערזיכערען, אז מארגען וועט זיא איהם דעם חוב בעצאהלען.

רויבער האלט אייך אין זיינע לאפעס?...

— נו, גוט! — האט ער זיך דערנאך געווענדעט פריינד־ליך צו זשארדאן'ען, וועלכער איז געשטאנען פאר איהם א בלייכער און א צומישטער: — איך וועל אייך לייהען דיא פינף הונדערט פראנק. איהר האט זיך באלד געדארפט ווענדען צו מיר.

סאקאר האט זיך געזעצט, אום א משעק צו שרייבען, פלוצים האט ער זיך דערמאנט אן בוש'ס בריעף צו איהם, אן דעם, אז ער דארף ביי איהם זיין. ווארום זאל ער טאקי גלייך צו איהם נישט פאהרען?

— הערט אויס — האט ער זיך געווענדעט צו זשארדאן און זיין פרוי — איך קען איהם צו גוט, דעם רויבער... עס איז בעסער, אז איך אליין זאל צו איהם געהן... אפשר וועל איך קענען אייערע וועקסלען ביי איהם ארויסקריעגען פאר העלפט געלד.

מארצעלא'ס אויגען האבען גענומען שיינען פאר דאנק־בארקייט.

— אה, הערר סאקאר, וויא גוט איהר זייט! דו זעהסט— האט זיא זיך געווענדעט צו איהר מאן — הערר סאקאר האט אונז נישט אויפגעגעסען!

זשארדאן האט זיך אווארף געטהאן צו איהר אויף'ן

האַלז און זיא אַרומגענומען. דאָס האָט ער איהר בעדאַנקט פאַר איהר איבערגעבענהייט צו איהם. ער האָט סאַקאר'ן דיא האַנד אויף געדריקט, דאַנקענדיג איהם, נור יענער האָט זיך אָפּגעוועהרט פון איהם:

— ניין! ניין! — האָט סאַקאר געזאָגט — איהר דאַרפט מיר נישט דאַנקען. איך האָב אַ'ן אמת'ען פערגניגען אייך צו העלפען. עס איז זעהר פיין פון אייך, וואָס איהר ביידע ליעבט אייך אַזוי... פאָהרט אַהיים און זייט רוהיג.

אין דרויכען איז געשטאַנען סאַקאר'ס קאָטש, האָט ער זיך אַריינגעזעצט און איז אַוועקגעפאָהרען צו בוש'ען.

אַרויפגעהענדיג אויף דיא טרעפּ, האָט ער לאַנג געקלונ־גען ביי דער אַלטער, אָפּגעבליאַקירטער טיהר און קיינער האָט איהם נישט געענטפערט. ער האָט מיט כעס אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פויסט אין טיהר און געוואָלט שוין אַוועקגעהן, ערשט ער האָט דערהערט אַ שליאַפּען פון פיס אַהינטער דער טיהר, און זיגמונד איז אַרויס.

— אָה, איהר זייט עס! — האָט זיגמונד געזאָגט — און איך האָב געמיינט, אַז מיין ברודער האָט פאַרגעסען דעם שלי־סעל און ער קלאַפּט. אַז מען קלינגט, עפען איך נישט. ער וועט מסתמא באַלד קומען. אויב איהר ווילט, קענט איהר אויף איהם וואַרטען.

מיט זיינע וואַקעלדיגע טריט האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אין זיין צימער, סאַקאר נאָך איהם. אין צימער איז מעהר נישט געוועזען, וויא אַ'ן אייזערנע בעט, צוויי שטוהלען און אַ פּאָאר פּאָליצעס מיט ביכער. פאַר דעם קאַמין איז געשטאַ־נען אַ קליין איינועלע, דאָס פייער אין וועלכען איז נישט לאַנג אויסגעגאַנגען.

זעצט זיך, הערר סאַקאר — האָט זיגמונד געזאָגט — מיין ברו־דער וועט מסהמא באַלד קומען.

סאַקאר האָט זיך אָבער נישט געוואָלט זעצען און האָט געקוקט אויף דעם הויכען, בלאַסען מענשען מיט דיא פער־חלום'טע קינדער־אויגען, אין וועמען דיא שווינדזוכט האָט

שוין טיעף איהרע נעגעל אריינגעלאָזט, און ער האָט זיך גע־וואונדערט, וויא זיין פּנים האָט זיך אויסגעצויגען, זייט ער האָט איהם דאָס לעצטע מאָל געזעהן.

— איהר זייט קראַנק געווען? — האָט סאקאר געפּרעגט, אום עפּעס צו זאָגען.

זיגמונד האָט גלייכגילטיג א מאך געטהאָן מיט א האַנד.

— ע! וויא געוועהנליך—האָט ער געענטפערט—איך האָב געהאט א שלעכטע וואָך. דאָס וועטער, ווייסט איהר... אָבער עס מאַכט נישט, אזוי איז אויך גוט.. איך קען נישט שלאָפען ביי נאַכט, ארבייט איך מעהר. איך האָב פיעבער א ביסעל, גיעט עס מיר ווארימקייט צו דער ארבייט. אה, איך האָב אזוי פיעל ארבייט!

ער האָט זיך געזעצט ביים טיש, אויף וועלכען עס איז געלעגען א דייטשעס בוך, וואָס ער האָט נעכטען בעקומען...

— דאָס איז א לעבענס־ווערק—האָט ער געזאָגט—צעהן יאָהר האָט מיין רבי קאַרל מארקס אויף דעם געארבייט און איצט האָבען מיר עס.. דאָס איז אונזער ביבעל. דאַ איז זיא.

סאקאר האָט מיט נייגעריגקייט א קוק געטהאָן אויף דאָס בוך, אָבער דיא שפּיציגע דייטשע בוכשטאבען האָבען איהם אָפּגעשראָקען.

— איך וועל שוין ווארטען ביז דאָס בוך וועט איבער־זעצט ווערען—האָט ער געזאָגט מיט א שמייכעל.

זיגמונד האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און בע־מערקט, אז ניט יעדער וועט אימשטאַנד זיין צו פערשטעהן דאָס בוך, ווען עס וועט אפילו איבערזעצט ווערען. דאָס איז קיין בוך פאר פּראָפּאגאנדא. אָבער וואָס פאר א לאָגישע קראפט, וואָס פאר א רייכטהום פון בעווייזען ענטהאלט דאָס דאָזיגע בוך וועגען דעם, אז דיא געזעלשאַפט ווערט צושטערט דורך דער היינטיגער קאפּיטאַליסטישער סיסטעם.

— אלזאָ, דאָס איז דער אייזערנער בעזים, וואָס וועט ארויסקעהרען דעם גאַנצען קאַפּיטאַליזמוס?—האָט סאקאר ווידער געשפּאָסט.

— יא, האט זיגמונד געגטפערט—אלעס, וואס איך האב אייך אמאל ערקלעהרט, און נאך מעהר, איז געזאגט אין דיעזען בוך אין א פראכטפאלער שפראך. קענט איהר דען אפלייקענען דעם פאקט, אז אונזערע אידעען האבען שוין געמאכט גרויסע פארטשריטע? אייער „וועלט־באנק" — זיין וואקסען, וואס איך האב פערפאלגט מיט ליידענשאפטליכען אינטערעס, — פערשטעהט איהר ניט, אז עס איז א שטארקער בעוויין פאר דיא ריכטיגקייט פון אונזער גאנצער וועלט־אנשויאונג? אז איהר ארבייט מעהר פאר אונז, וויא אפילו פאר זיך אליין? אונזער צוקונפטיגער קאלעקטיוויסטישער שטאאט וועט אמאל נור דארפען טהאן דאס וואס איהר טהוט איצט, דאס הייסט, אוועקנעהמען דיא גרויסע קאפיטאלען און ערקלעהרען זיי פאר דאס אייגענטהום פון דער גאנצער געזעלשאפט, וויא איהר נעהמט איצט אוועק דיא קליינע קאפיטאלען און ערקלעהרט זיי פאר דאס אייגענטהום פון דער „וועלט־באנק". מיט דעם, וואס איהר פעראייניגט דיא קליינע קאפיטאלען אין גרויסע סינדיקאטען און טראסטען, שפארט איהר אונז איין א גרויסע ארבייט: איהר אליין קלייבט זיי פאר אונז אין דיא סינדיקאטען און מיר וועלען קלייבען פון דיא סינדיקאטען, וועלכע מיר וועלען פעראייניגען אין איין גרויסען געזעלשאפטליכען סינדיקאט.אייגענטליך, וועלען מיר נור פארטזעצען אייער ארבייט. ווארום וואס איז אייער ארבייט? ארייננעהמען דיא קאפיטאלען פון דער גאנצער וועלט אין אייער באנק, ניט אמת? און מיר ווילען דאס אויך: איין באנק, איין ווארע־הויז און אזוי ווייטער, וואס זאל בעלאנגען צו דער גאנצער געזעלשאפט. אה, איהר טהוט פיעל, זעהר פיעל פאר אונז!

ער האט גענומען א מטבע, וואס איז געלעגען אויף'ן טיש, צווישען זיינע פינגער און האט צונעלייגט:

—ווען מיר וועלען האבען אונזער געזעלשאפט, ווען מענשען און פאסירונגען וועלען רייף זיין פאר דער דאזיגער געזעלשאפטליכער ארדנונג, דאן וועלען מיר אפשאפען דיא דאזיגע מטבע'לאך.

— וואס אפשאפען געלד? — האט סאקאר אויסגע־שריען — וואס פאר א משוגעת!

— יא, דאס גאנצע געלד, דיא מטבעות, דיעזע אלע וועלען אפגעשאפט, צושמאלצען ווערען, אין אונזער צוקונפטיגער געזעלשאפט איז פאר זיי קיין פלאטץ ניטא. יעדער בירגער וועט קריגען בילעטען, אויף וועלכע עס וועט זיין אנגעוויעזען פונקט אזוי פיעל, וויא פיעל ער האט ארבייט אויפגעטהאן. אויף דיעזע בילעטען וועט ער קענען קריעגען אלעס, וואס ער וועט נויטיג האבען, אין דיא געזעלשאפטליכע שפייכלערס... דאס געלד אבער, דיא מטבעות, מוז אפגעשאפט ווערען!

—אבער דאס איז דאך א'ן איינפאכע משוגעת — האט סאקאר אויסגעשריען—קיין גאלד מעהר, קיין זילבער, גאר נישט, וואס גיט דעם לעבען א ווערטה?

— ווארום עפעס א משוגעת? דאס געלד וועט ניט נויטיג זיין אין דער צוקונפטיגער געזעלשאפט—האט זיגמונד געזאגט.

— און איך זאג אייך, אז דאס איז א משוגעת! דאס געלד וועט ניט נויטיג זיין אין דער צוקונפטיגער געזעלשאפט—האט זיגמונד געזאגט.

— און איך זאג אייך, אז דאס איז א משוגעת! דאס געלד אפשאפען! — האט סאקאר געשריען—אבער דאס געלד איז דאך דאס לעבען אליין. אהן געלד וואס בלייבט אין לעבען?

אויסער זיך פאר אויפרעגונג האט סאקאר געטראטען איבער'ן צימער הין און צוריק. ווען ער איז דאס פענסטער פערבייגעגאנגען, האט ער ארויסגעקוקט, אום צו זעהן, אויב דיא בערזע שטעהט נאך: אפשר האט דער שרעקליכער מענש מיט זיין אטהעם זיא אוועקגעבלאזען. זיא איז נאך געשטאנען, אבער גאנץ אונדייטליך אין דער דונקעלהייט פון דער צופאלענדיגער נאכט.

איבריגענס איז עס זעהר נאריש פון מיר, וואס איך שפאר זיך מיט אייך. אזא זאך וועט קיינמאל ניט זיין; אהן געלד

וועט מען קיינמאָל נישט אויסקומען—האָט סאַקאַר אויסגע־שריען.

— זאָגט עס ניט—האָט זיגמונד זיך אָפּגערופען—מען קען אַלעס אָפּשאַפען, ווען מען וויל נור. און די פאָרמע פון׳ם רייכטהום האָט זיך שוין געענדערט אויך אין פערגלייך מיט אַמאָל. אַמאָל האָבען זיך גערעכענט פאַר די הויפּט־רייכע די אייגענטהימער פון פעלדער, וועלדער, פון גרונד־אייגענ־טהום, און היינט—די אייגענטהימער פון אַקציען, פון ווערטה־פּאַפּיערען. אַזוי קענען פערנעהמען אין דער צוקונפט די אַרבייטס־בילעטען דעם פּלאַטץ פון ווערטה־פּאַפּיערען. איין זאַך נור, וואָס איך קען אייך צוגעבען—האָט ער צוגעלייגט מיט אַ געבראָכענעם קול—אַז עס וועט נאָך לאַנג דויערען, איך וועל שוין דאָס נישט דערלעבען, און וויא איך וואָלט געוואָלט זעהן די דאָזיגע געזעלשאַפט! איך בין אָבער צופריעדען מיט דעם, וואָס איך האָב געטהאָן... איך וועל שטאַרבען און מיין ווערק וועט בלייבען, אין וועלכען איך האָב דאָס לעבען פון יענער גליקליכער געזעלשאַפט געשילדערט. אָה, דיעזע צוקונפטיגע געזעלשאַפט, וויא קלאָהר זעה איך זיא פאַר מיינע אויגען! אַלעס, וואָס געהערט דיעזער צוקונפטיגער געזעל־שאַפט, איז פאָראויסגעזעהן, אַלע פראַגען זיינען פערענטפערט, די העכסטע גערעכטיגקייט, דאָס פאָלקאָמענע גליק הערשט אין יענער געזעלשאַפט. אָט דאָ, אין די דאָזיגע פּאַפּיערען, איז אַלעס אויסגערעכענט מאַטהעמאַטיש אויף׳ן האָאָר.

און מיט זיינע אויסגעמאָגערטע הענד האָט ער זיך גענו־מען גראָבען אין די געשריעבענע בויגענס פּאַפּיער.

זיגמונד, וואָס האָט נישט געגעסען, נישט געשלאָפען, וועלכער איז שוין כמעט געוועזן אַ טויטער מענש, האָט זיך גע־פּרעהט מיט דעם געדאַנק, אַז אַנדערע מענשען וועלען אַמאָל קענען גליקליך לעבען...

— וואָס טהוט איהר דאָ? — האָט סאַקאַר פּלוצים דער־הערט אהינטער זיך אַ גראָבע שטימע. דאָס איז געוועזן בוש,

וועלכער איז געשטאַנען און מורא געהאַט, טאָמער וועט דעם ברודער פערשאַדען דאָס ריידען.

ער איז צוגעגאַנגען צום אייוועז און אַז ער האָט דערזעהן, אַז ער איז קאַלט, האָט ער צוהאַקט עטליכע שפּענדלעך און אונטערגעצונדען. דאַן האָט ער גענומען אַ בעזים, אויסגע־קעהרט דעם צימער, געגעבען דעם ברודער דיא מעדיצין, וואָס ער האָט אַלע צוויי שטונדען געדאַרפט נעהמען, און האָט זיך ערשט בערוהיגט, ווען זיגמונד האט זיך אין בעט אריינגעלייגט אויסרוהען.

— הערר סאַקאַר, ווילט איהר אפשר מיט מיר אריינגעהן אין מיין קאַנטאָר? — האָט ער זיך צו איהם געווענדעט.

אין זיין קאַנטאָר איז דעמאָלט געזעסען דיא פרוי מעשען. דריי יאָהר האָבען זייביידע געזוכט לעאָניא קראַן, וואָס אויף איהר נאָמען איז געווען אויסגעשטעלט דער וועקסעל אויף צעהן טויזענד פראַנק פון דעם פערשטאָרבענעם גראַף באָווילע, וועלכע האָבען איהר געזאָלט אויסגעצאָהלט ווערען, ווען זיא איז מינדיג געוואָרען. דעם וועקסעל האָט פאַר בוש'ען גע־קויפט מעשען'ס קאָזין מיט'ן נאָמען פעאַ אין אַ פּאַק אַלטע פּאַפּיערען, וואָס איז פערבליעבען נאָך דעם טויט פון אַ גע־וויסען סוחר און פּראָצענטניק. בוש האָט אָבער גאָר נישט געקענט טהאָן מיט דעם דאָזיגען וועקסעל אָהן יענער מיידעל, אויף וועמענס נאָמען ער איז אויסגעמאַכט געוואָרען. היינט האָט פרוי מעשען פּלוצים געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס מיידעל געפינט זיך אין אַ'ן עפענטליכען הויז אין פּאַריז. זיא האָט גלייך געלאָזט וועגען דעם וויסען בוש'ן און ער איז אוועק מיט איהר אין דאָס עפענטליכע הויז, צו זעהן זיך מיט יענער לעאָניא קראַן.

ביי דעם אנבליק פון דער דאָזיגער לעאָניא קראַן, איז בוש נשתומם געוואָרען.

ער האָט דערזעהן פאַר זיך אַ דיקע געפּאַלענע פרוי, מיט שטייפע שווארצע האָאָר אראָבגעקאָמט אויף'ן שטערען, וועל־

כע איז שוין זייט צעהן יאָהר געווען געזונקען אין דעם תהום פון שאַנדע.

ער האָט אָנגעהייבען צו אונטערהאַנדלען מיט איהר און איז צום סוף דורכגעקומען מיט איהר פאַר טויזענד פראַנק.

פאַר דיא דאָזיגע סוממע האָט זיא איהם פאַרקויפט דעם גאַנצען חוב פון'ם וועקסעל.

אצינד האט ערשוין געקענט דריקען דיא גרעפין באוויליע זיא זאָל זיי בעצאָהלען דיא צעהן טויזענד פראַנק.

— איך האב אויף אייך געוואַרט, הערר סאַקאַר — האט בוש געזאָגט, ארייגפיהרענדיג איהם אין זיין קאַנטאָר : — איך וויל מיט אייך ריידען וועגען א געוויסע זאַך... איהר האט דאָך מיין בריעף ערהאַלטען ?

אין דעם ענגען צימער, וואָס איז אָנגעשטאָפּט געווען פולל מיט פאַפּיערען, האָט א קליין לעמפּעל געברענט. דיא פרוי מעשען איז דאָרט געזעסען אויף'ן איינציגען שטול אונבע־וועגליך און שטום. סאַקאַר האָט נישט געוואָלט ווייזען, אז ער איז געקומען וועגען זיין אייגען געשעפט, דערפאַר האָט ער מיט פעראַכטונג אין קול געזאָגט :

— ענטשולדיגט, איך בין געקומען וועגען דעם חוב פון איינעם פון מיינע רעדאַקטאָרען... דער קליינער זשאַרדאַן, א רייצענדער מענש, ווערט פון אייך פערפאָלגט אויף דעם שענד־ליכסטען אופן... ערשט היינט אין דער פריה האָט איהר זיך געגען זיין פרוי בענומען אזוי, אז יעדער אַנשטענדיגער מענש מוז רוים ווערען...

דאָס האָט בוש גאָר ניט ערוואַרטעט און ער איז צומישט געוואָרען. ער האָט פערגעסען צוליעב וואָס ער האָט איינגע־לאַדען סאַקאַר'ן און גענומען ריידען וועגען דער געשיכטע מיט זשאַרדאַן'ען.

— זשאַרדאַן ? אזוי, איהר זייט געקומען וועגען זשאַר־דאַן'ען ?... אין געשעפט, מיין הערר, וויל איך פון קיין זאַך נישט וויסען, וויא נור דאָס : ווער עס איז שולדיג, דער מוז בעצאָהלען... מיט אזא געזינדעל דאַרף מען זיך ניט צערעמאָ־

ניען. גאנצע עטליכע יאהר האט געדויערט ביז איך האב פון זיי מיט מיה און מאטערניש קוים ארויסגעריסען פיער הונ־דערט פראנק! צום טייפעל! מארגען וועל איך זייערע זאכען פערקויפען, אויב זיי בעצאהלען מיר נישט היינט אבענד די דריי הונדערט פראנק מיט די פופצעהן סענטימס.

סאקאר האט איהם נאך מעהר געוואלט אויפרעגען, פון די כלים ארויסברייננגען, דערפאר האט ער איהם געזאגט, אז די גאנצע געשיכטע קאסט איהם מסתמא נישט מעהר וויא צעהן פראנק און ער האט שוין פערציג מאל אזוי פיעל גע־קראגען. בוש איז שיער ניט דערשטיקט געווארען פאר כעס.

— אט איז דיר! — האט ער אויסגעשריען—איהר אלע קענט נור דאס זאגען!.. און קאסטען, וואס איך האב דערביי געהאט? פון דריי הונדערט פראנק איז דורך געריכטס־קאָ־סטען דער חוב געוואקסען ביז איבער זיעבען הונדערט פראנק. וואס געהט עס מיך אן? מען צאהלט ניט, קלאג איך אן. אויב די געריכטס־קאסטען זייענען אזוי הויך, בין איך ניט שולדיג... און אז איך האב געקויפט דעם חוב פאר צעהן פראנק, איז וואס? דארף איך איהם דערפאר אפגעבען אויך פאר צעהן פראנק? און מיין ריזיקע? און מיין לויפען? און מיין קאפ־ארבייט?... גראד וועגען זשארדאן'ס חוב קענט איהר פרעגען אט ביי דיעזער פרוי, וואס זיצט דא: זיא וויים, וויפיעל מיה דאס האט אונז געקאסט, וויפיעל גאסען זיא אליין האט אויסגעמאסטען, זוכענדיג זשארדאן'ען. וויפיעל פאר שיך זיא האט שוין צוריסען, קלעטערענדיג אויף די טרעפ פון די צייטונגען. און וויפיעל מאל האט מען זיא פון די רע־דאקציאנען ארויסגעווארפען, בעת זיא האט געבעטען זשאר־דאן'ס אדרעס. זייט רוהיג, דער דאזיגער חוב קאסט מיך גענוג.

ער האט זיך היננעריסען און, אנווייזענדיג אויף די פעק פאפיערען ארום זיך, האט ער אויסגעשריען מיט נאך מעהר היץ:

— דא האב איך פאר איבער צוואנציג מיליאן וועקסלען פון אלע צייטען, פון פערשיעדענע שיכטען פון דער געזעל־

שאַפּט, וויא פון גאָר קליינע, אזוי פון גאָר גרויסע... גיט אהער איין מיליאָן און נעהמט זיך אַלע... איהר דאַרפט נישט פערגעסען, אז נאָך מאַנכע בעלי חובות יאָג איך זיך נאָך זייט א פערטעל יאהרהונדערט! פאַר א פּאָאַר לומפּיגע פראַנקען מיז איך געדולדיג וואַרטען, ביז דער אָדער יענער בעל חוב וועט רייך ווערען אָדער א ירושה קריעגען... קוקט אָן אָט דיא גאַנצע פּעק, וואָס ליעגען דאָ. דאָס איז דערווייליע נישט מעהר וויא רויהע מאַטעריע, פון וועלכער איך דאַרף ערשט שאַפען לעבען, דאָס הייסט מיין חיונה, און איין גאָט וויים, וויפיעל מיה און צייט דאָס קאָסט מיך! און איהר ווילט, איך זאָל, ווען איך קריעג שוין ענדליך איינעם, וואָס קען בעצאָהלען, איהם אַ'ן אָדער ניט עפּענען? ניין, ניין, אזוי נאַריש בין איך ניט! איהר אַליין וואָלט אויך אזוי נאַריש ניט געווען.!

סאַקאַר האָט ארויסגענומען זיין בריעף־טאַש און געזאָגט:

— איך וועל אייך געבען צוויי הונדערט פראַנק און איהר גיט מיר א קוויטירונג אויף זשאַרדאַן'ס גאַנצען חוב.

אָבער בוש האָט זיך נאָך מעהר צוהיצט:

— צוויי הונדערט פראַנק, קיינמאָל אין לעבען ניט! ער דאַרף מיר בעצאָהלען דריי הונדערט מיט פופצעהן סענטימס, איך פערלאַנג אַפילו דיא סענטימס.

מיט א גלייכגילטיגע שטימע און קאַלטבלוטיגע מינע האָט סאַקאַר אוועקגעלייגט דאָס געלד אויף'ן טיש און געזאָגט עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד:

— איך וועל אייך געבען צוויי הונדערט פראַנק.

בוש, דערזעהענדיג דאָס געלד, איז ווייכער געוואָרען.

— איך בין צו שוואַך—האָט ער געזאָגט מיט טרעהרען אין דיא אויגען—וואָס פאַר א העסליך געשעפט! אויף מיין עהרענוואָרט, מען בערויבט מיך, מען בעררייסט מיך! נעהמט נעהמט נאָך אנדערע וועקסלען פאַר אייערע צוויי הונדערט פראַנק! שעהמט זיך נישט, נעהמט, וואָס איהר ווילט!— האָט ער צוגעלייגט מיט הארץ.

ווען בוש האָט אונטערגעשריעבען דיא קוויטירונג און

דערלאַנגט סאַקאַר'ן, איז ער אַזוי צובראָכען געוועזן פון אויפרעגונג, אַז ער וואָלט אָפּגעלאָזען סאַקאַר'ן און מיט איהם ניט גערעדט וועגען זיין אייגען געשעפט. אָבער פרוי מעשען האָט זיך דאָ אריינגעמישט:

— און יענע געשיכטע? — האָט זיא ארויסגעמורמעלט.

דאַן האָט זיך בוש אַ כאַפּ געטהאָן. איצט וועט ער אַ ביסעל נקמה האָבען אָן איהם. אָבער אַלעס, וואָס ער האָט צוגעגרייט פון פריהער: זיין פאָדערונג, די פראַגען,—דאָס אַלעס איז ביי איהם איצט פון מוח ארויס און ער האָט גלייך אָנגעהויבען פון דעם עיקר:

— יאָ, איך האָב אייך געשריבען, הערר סאַקאַר, איך האָב מיט אייך אַ'ן אַלטע רעכנונג...

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד, גענומען „סיקאַרדאָ'ס" פּאַפּיערען און זיי אַוועקגעלייגט אויף'ן טיש פאַר סאַקאַר'ן.

אין 1852טען יאָהר האָט איהר געוואָהנט אין דער רו דע־דאַ־אַרפּ. דאָרט האָט איהר אונטערגעשריבען צוועלף וועקסלען צו פופציג פראַנק אויף דעם נאָמען פון אַקטאַוויאַ שאַוועל, אַ'ן אַכצעהן יעהריגע מיידעל, וואָס איהר האָט אויף דיא טרעפּ פערגוואַלדיגט... דאָס ליגען זיי, אייערע וועקסלען. איהר האָט קיין איינעם פון זיי נישט בעצאָהלט. איהר האָט פון דאָרט ארויסגעצויגען און קיין אַדרעס נישט איבערגעלאָזט. ערגער פון אַלעס איז דאָס, וואָס דיא וועקסלען האָט איהר אונטערגעשריבען מיט אַ פאַלשען נאָמען—סיקאַרדאָ—דעם נאָמען פון אייער ערשטער פרוי...

סאַקאַר איז זעהר בלייך געוואָרען און געקוקט פאַר זיך צומישט.

דיא גאַנצע פערגאַנגענהייט זיינע האָט פאַר איהם אָפּגעלעבט און ער האָט געפיהלט אַזוי וויא אַ שווערע משא וואָלט זיך אויף איהם אַרונטערגעלאָזט און וואָלט איהם געדריקט און געשטיקט. אויף אַ מינוט האָט ער דעם קאָפּ פערלאָרען און ער האָט ארויסגעשטאַמעלט:

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?.. וויא אזוי קומען צו אייך זייא וועקסלען?

ער האָט ארויסגענומען געלד און געוואָלט גלייך בעצאָה־לען. אין דיעזער מינוט האָט ער נור איין געדאַנק געהאַט אין זינען: וואָס גיכער דיא וועקסלען ארויסקריעגען פון בוש'עס הענד.

— קיין קאָסטען האָט איהר דאָך נישט געהאַט? עס מאַכט אוים זעקס הונדערט פראַנק... איך האָב אפילו געקענט פיעל זאָגען וועגען דעם, אָבער איך וועל בעסער שווייגען. דאָ האָט איהר זעקס הונדערט פראַנק...

ער האָט איהם דערלאַנגט דאָס געלד.

— וואַרט אַ ווײַלע!—האָט בוש אויסגעשריען—איך בין נאָך ניט פאַרטיג! דיא פרוי מעשען, וואָס איהר זעהט דאָ, איז אקטאַוויא'ס אַ קרובה און דיא וועקסלען זיינען איהרע... דיא אָרימע אקטאַוויא איז איבער אייך פעראונגליקט געוואָרען, זיא איז אין שרעקליכען עלענד ביי דער פרוי מעשען גע־שטאָרבען, וועלכע האָט זיא צו זיך גענומען... ווען פרוי מעשען זאָל וועלען, וואָלט זיא אייך געקענט דערצעהלען שעהנע גע־שיכטעס..

— שרעקליכע געשיכטעס! — האָט פרוי מעשען אונטער־געכאַפּט מיט איהר קוויטשענדיגען קול.

צומישט האָט סאַקאַר זיך אומגעקוקט אויף איהר. זיא איז געזעסען צונויפגעקאָרטשעט אויף'ן שטול. סאַקאַר האָט אַלע מאָל רוהיג זיא ניט געקענט אָנקוקען, מחמת איהר האַנדעל מיט ווערטהלאָזע אַקציען און פלוצים איז זיא נאָך פערמישט אין דער דאָזיגער געשיכטע אויך!

ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען.

— ווירקליך, עס טהוט מיר הערצליך לייד—האָט ער געשטאַמעלט—נור אז זיא איז שוין געשטאָרבען, זעה איך נישט איין... סיי־וויא־סיי, דאָס געלד בעצאָהל איך... נעהמט דיא זעקס הונדערט...

בוש האָט ווידער דאָס געלד אָפּגעשטופּט פון זיך.

—ענטשולדיגט! איהר ווייסט נאָך ניט אַלעס... עס איז דאָ אַ קינד... עס איז שוין פערצעהן יאָהר אַלט און איז אַזוי ﬠהנליך צו אייך, אַז איהר וועט ניט קענען איהם פערלייקענען...

סאַקאַר איז נאָך מעהר צומישט געוואָרען און געשטאַמעלט:

— אַ קינד! אַ קינד!..

דאַן האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן דאָס געלד און ווידער בעהאַלטען אין זיין בריעף־טאַש. ער איז מיט אַמאָל צו זיך געקומען און האָט דרייסט געזאָגט:

—הערט נור, איהר שפּיעלט זיך מיט מיר? אויב עס איז דאָ אַ קינד, וועל איך אייך קיין סו אפילו ניט געבען. דאָס קינד וועט דאַן ירשה'נען זיין מוטער, דאָס קינד וועט דאַן דאָס געלד קריעגען און נאָך מעהר וויא דאָס געלד, און איהר קריעגט גאָר נישט.. אַ קינד? דאָס פרעהט מיך, עהרענוואָרט. וואו איז דאָס קינד? איך וואָלט עס וועלען זעהן!..

איצט איז בוש צוטומעלט געוואָרען. אויף אַזאַ מפּלה האָט ער זיך גאָר ניט גערעכט. ער האָט געוואוסט, אַז קאַראָלינע האָט קיין הארץ נישט געהאַט צו דערצעהלען סאַקאַר'ן פון זיין קינד און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ווען ער וועט איצט פון דעם דערצעהלען סאַקאַר'ן, וועט ער איהם דערנאָך קענען צודריקען צו דער וואַנד, ערשט נאַדיר! ער פרעהט זיך גאָר, וואָס אַ קינד איז פערבליעבען פון יענער!... ער האָט זיך דאָך אָבער געמאַכט האַרץ און גערעדט ווייטער, דערצעהלט סאַקאַר'ן, אַז דער פרוי מעשען קומט נאָך, חוץ דיא וועקסלען, זעקס טויזענד פראַנק, וואָס זיא האָט אָקטאַוויא'ן געליהען, און ערציהונגס־קאָסטען; ער האָט אויך דערצעהלט, אַז קאַראָלינע האָט אויף דער רעכענונג שוין געגעבען צוויי טויזענד פראַנק, איידער זיא האָט אריינגעגעבען וויקטאָר'ן אין „ארבייטס־הויז“.

וואָס מעהר סאַקאַר האָט זיך דערוואוסט, אַלץ מעהר האָט ער זיך אויפגערעגט.

— וואָס הייסט זעקס טויזענד פראנק ! — האָט ער זיך געבייזערט — מיט וואָס קען מען איהם בעווייזען, אז מען האָט דעם אינגעל נישט בערויבט אויף פיעל מעהר ? און וויא אזוי האָבען זיי געוואגט אויסצונארען ביי זיינער א בעקאנטער דאַמע צוויי טויזענד פראנק. זיין קינד האָט מען שלעכט ערצויגען און איצט פערלאנגט מען נאָך פון איהם, סאקאר'ן, ער זאָל דערפאר בעצאָהלען יענע מענשען, וואָס זיינען פעראנטוואָרטליך פאר דיא שלעכטע ערציהונג פון זיין קינד ! מיינען זיי טאָקי, אז ער איז אזא דומקאָפּף ?

— איהר בעקומט גאָר נישט ! קיין איין סיו נישט, איהר הערט ? קיין איין סיו נישט ! — האָט ער געשריען.

בוש איז גרין און געל געוואָרען.

מיר וועלען שוין זעהן ! — האָט ער געסטראשעט — מיר וועלען נאָך הערען, וואָס דאָס געריכט וועט דערצו זאָגען...

— רעדט נישט קיין נארישקייטען ! איהר ווייסט דאָך, אז דאָס געריכט פערנעהמט זיך נישט מיט אזוינע זאכען... און טאָמער האָפט איהר, אז איהר וועט קענען ביי מיר אַרויסרייסען געלד, זאָג איך אייך אפריהער, אז איהר האָט א טעות. פאר קיין סקאנדאַלען האָב איך ניט מורא. א קינד ? זעהר שעהן, זעהר אנגענעהם ! איך זאָג אייך : איך פיהל זיך געשמייכעלט, וואָס איך האָב א קינד פון יענער !

ער האָט זיך א לאָז געטהאָן צום ארויסגאנג. פרוי מעשען האָט איהם פערשטעלט דיא טהיר מיט איהר דיקען קערפּער. ער האָט זיא אָפּגעשטויסען פון דער טהיר און איז ארויסגעלאָפען.

זיא האָט איהם נאָכגעשריען מיט איהר קוויטש :

— באנדיט ! פערדאָרבענער מענש !

— איהר וועט נאָך הערען ! — האָט איהם נאָכגעשריען בוש — מיר זיינען נאָך נישט פאַרטיג !

סאקאקר איז אזוי אויפגערעגט געוועזן, אז ער איז געפאָהרען גלייך אהיים. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער זעהן קאַ־

ראַלינע׳ן און אויסריידען איהר פאר דיא צוויי טויזענד פראנק, וואָס זיא האָט נעגעבען פרוי מעשען.

— אָבער מיין טהייערע — האָט ער איהר געזאָגט — מען ווארפט ניט אזוי מיט געלד... פארוואָס האָט איהר מיך נישט געפרעגט?

קאראָלינע האָט זיך אפריהער דערשראָקען. הייסט עס, דער בריעף איז טאקע געווען וועגען דעם, זיא האָט קיין טעות ניט געהאט. באלד אָבער איז זיא צופריעדען געווען, וואָס אַנ־אנדערער האָט איהם שוין דערצעהלט דיא מעשה וועגען וויק־טאָר׳ן. עס איז נור איהר געווען ניט אנגענעהם, וואָס סאקאר שעהמט זיך נישט פאר איהר, וואָס ער רעדט מיט איהר אזוי אָפען און פריי פון דער שענדליכער געשיכטע.

— איך האָב אייך נישט געוואָלט קיין קריינקונג מאכען, האָט זיא זיך פערענטפערט — דאָס אונגליקליך קינד איז זעהר פערדאָרבען געווען... איך וואָלט אייך שוין לאַנג געהאט דערצעהלט, ווען נישט א געוויסער געפיהל...

— וואָס פיר א געפיהל?... אויפריכטיג גערעדט, איך פערשטעה אייך ניט!

זיא האָט איהם מעהר גאָר נישט געזאָגט; א שווערע טרויעריגקייט און מיעדקייט האָט זיא ארומגענומען. ער, פערקעהרט, האָט אויסגעדריקט פרייד און האָט אין גאנצען געשטראהלט, אקוראט וויא ער וואָלט מיט אמאָל אינגער גע־וואָרען.

— דאָס אָרעם קינד! — האָט ער אויסגעשריען מיט שמחה — איך וועל עס זעהר ליעב האָבען, איך פערזיכער אייך! איהר האָט גוט געטהאָן, וואָס איהר האָט איהם אריינ־געגעבען אין „ארבייטס־הויז" און ארויסגעריסען איהם פון דעם שמוץ. איך וועל איהם פון דאָרט ארויסנעהמען און וועל איהם זיך לאָזען לערנען. מאָרגען וועל איך פאָהרען איהם זעהן, יא, באלד מאָרגען, אויב איך וועל נישט זיין זעהר בע־שעפטיגט.

אויף מאָרגען האָט סאקאר געהאט א זיצונג; עס זיי־

נען אוועק צוויי טעג, דערנאָך א גאנצע וואָך און ער האָט קיין צייט נישט געהאט צו פאָהרען אין „ארבייטס־הויז“, אום וויקטאָר'ן צו זעהן. ער האָט פון וויקטאָר'ן זעהר פיעל געשמועסט, נור דיא געשעפטען פון דער „וועלט־באַנק“ האָבען ביי איהם דיא גאנצע צייט אוועקגענומען.

אין דיא ערשטע טעג פון דעצעמבער זיינען דיא אקציען פון דער „וועלט־באַנק“ געשטיגען ביז צוויי טויזענד זיעבען הונדערט פראנק. דאָך האָט מען שוין הויך גערעדט, אז דיא „וועלט־באַנק“ וועט באלד קראכען און אין דער זעלבער צייט זיינען איהרע אקציען געשטיגען אלץ העכער און העכער, געטריעבען פון דער משוגענער ספעקוליאציאָן־שיכרות. סאַקאר האָט געלעבט אין דעם איבערטריבענעם שיין פון זיין טריאומף, דורך דעם דאָזיגען גאָלד־רעגען, וואָס ער האָט איבער פאריז געלאָזט גיסען, איז ער געוועזן וויא פון א הערליכקייטס־שיין בעשטראהלט. דאָך איז ער געוועזן קלוג גענוג, אום צו פיהלען, אז דער באָדען וואַקעלט אונטער זיינע פיס, אז ער וועט לאנג נישט קענען אויסהאַלטען.

יעדען טאָג איז אָנגעקומען אויף דער בערזע זעהר פיעל אקציען צו פערקויפען און ער האָט געמוזט זעהן, אז אלע זאַלען אָפּגעקויפט ווערען אויף דעם פרייז פון דעם הויכען קורס. דיא שונאים זיינע, וואָס האָבען אויף אזא אופן געגען איהם געקעמפפט, האָבען שוין געמוזט פערליערען גוואַלדיגע סומען געלד און דאָך זיינען זיי נאָך ניט מיעד געוואָרען און האָב געקעמפפט ווייטער געגען איהם, ווייטער און ווייטער. וואָס שטעקט עס אזוינס אין דיא אידען, וואָס זיי זיינען אזוי האַרטנעקיג, אזוי פערביסען? וועט ער מיט זיי קיין מאָל נישט פארטיג ווערען? איבערהויפּט האָט איהם פערביטערט דער פאקט, וואָס היגטער גונדערמאַן'ען זיינען געשטאַנען נאָך אַנדערע, אמאָליגע פריינד פון דער „וועלט־באַנק“, וועלכע האָבען פערלאָרען זייער צוטרויען און זיינען אריבער צו גונדערמאַן'ען אום צו ראטעווען זייער פעל.

אמאָל האָט סאקאר זיך אויסגערעדט זיין הארץ פאר קאַ־

ראַלינע׳ן : אַלע האָבען זיך צו איהם גענומען, מען בע־קעמפפט דיא „וועלט־באַנק“.

— איך מוז זיך מודה זיין פאר אייך — האָט זיא גע־זאָגט — אז איך האָב אויך פערקויפט. דיא לעצטע טויזענד אקציען האָב איך פערקויפט צו צוויי טויזענד זיעבען הונדערט פראנק.

סאַקאר איז געבליעבען שטעהן, וויא פון א דונער דער־שלאָגען, אקוראט וויא ער וואָלט פאר זיך דערזעהן דעם שוואר־צען פעררעאטה אליין.

— איהר האָט פערקויפט ! — האָט ער געשריען — איהר ! איהר ? ! מיין גאָט !

זיא האָט איהם ביי א האנד אָנגענומען און זיא ווארעם געדריקט. זיא האָט איהם דערמאָנט, אז זיא און איהר ברו־דער האָבען איהם נאָך פריהער געווארענט, אז זיי ווילען פער־קויפען. העמעלין, וואָס איז נאָך געוועזען אין רוים, האָט איהר פיעל בריעף געשריעבען וועגען דעם. דער הויכער קורס פון דיא אקציען האָבען איהם געשראָקען. געסטערן האָט זיא אויך פון איהם א בריעף ערהאלטען, זיא זאָל פערקויפען, דערפאר האָט זיא פערקויפט.

— איהר ! איהר ! — האָט סאַקאר געשריען — איהר בעקעמפפט מיך הינטער׳ן רוקען . אייערע אקציען האָב איך געמוזט אָפּקויפען !

ער איז אַזוי דערשלאָגען געווען, אז זיא האָט אויף איהם שטארק רחמנות געקראָגען.

— מיין טהייערער — האָט זיא גענומען ריידען צו איהם — הערט אויס... בעדענקט נור : אונזערע דריי טויזענד אקציען האָבען אונז איינגעבראכט מעהר וויא זיעבען און א האלב מיליאָן פראנק... איז דאָס נישט א געוואלדיגער פער־דיענסט ? אַזאַ גרויס פערמעגען שרעקט מיך, איך קען גאָר ניט גלויבען, אז עס איז מיין אייגענס... אגב האנדעלט זיך דאָ ניט וועגען אונזערע אינטערעסען אליין... בעדענקט

גור, וואס זאלען טהאן דיא אנדערע מענשען, וואס האבען זייער גאנץ פערמעגען אריינגעלייגט אין אייערע הענד, דיא גוואלדיגע גרויסע סומען פון אזוי פיעל מיליאנען, מיט וועלכע איהר שפעקולירט ? ! און צו וואס טויג אייך צו טרייבען אזוי הויך דעם קורס ?... זאל דער קורס נישט אזוי הויך זיין... פון אלע זייטען הער איך, אז דיא „וועלט־באנק" מוז קראכען... דער קורס קען דאך נישט אימער שטייגען, עס איז גאר קיין שאנדע, ווען דיא אקציען וועלען ווידער זייער ריכטיגען ווערטה אננעהמען. ערשט דעמאלט וועט דיא „וועלט־באנק" זיין פעסט, דאס איז דיא איינציגע רעטונג פאר איהר.

סאקאר האט זיך העפטיג א כאפ געטהאן:

— דער קורס מוז שטייגען !— האט ער אויסגעשריען — ביז דריי טויזענד מוז ער ביי מיר שטייגען, אזוי וויל איך ! איך האב געקויפט אקציען און וועל ווייטער קויפען, ווען מ'זאל דערביי מוזען אונטערגעהן ! יא, אונטערגעהן וועל איך און אלעם מיט מיר, אויב איך וועל דעם קורס נים ברייגגען ביז דריי טויזענד פראנק !

נאך דעם 15־טען דעצעמבער האבען דיא קורסען געשטי־גען אויף צוויי טויזענד אכט הונדערט פראנק, אויף צוויי טויזענד ניין הונדערט פראנק. און דעם 21־טען דעצעמבער האט דער קורס געשטיגען אונטער דער משוגענער אויפרעגונג פון דיא בערזען־שפעקוליאנטען אויף דריי טויזענד און צוואנ־ציג פראנק. דער גאנצער מענשליכער פערשטאנד, דער אמת'ער בעגריעף פון ווערטה איז וויא פערשוואונדען געווארען ביי דיא בערזען־שפעקוליאנטען.

באלד האט מען גענומען שמועסען, אז גונדערמאן האט פערלארען אזוי פיעל געלד אין זיין קאמפף געגען סאקאר'ן, אז עס איז גאנץ מעגליך, ער זאל האלז און נאקען ברעכען. דיא מוחות זיינען צומישט געווען, מען האט געווארט, וואס ווייטער וועט זיין.

אין דיעזען מאמענט האט זיך סאקאר געפיהלט וויא אן

אמת'ער קעניג. ווען זיין קארעטע האט זיך אפגעשטעלט פאר דער „וועלט-באנק", האט א דינער פערשפרייט א שעה־נעם טעפיך פון דער קארעטע ביז דיא טרעפ פון דער באנק און סאקאר איז איבער איהם געטראטען וויא א גאט...

אויפ'ן סוף פון יענעם יאהר, דעם 31־טען דעצעמבער, איז אום האלב איינס אוהר דער גרויסער בערזענ־זאל שוין געווען געפאקט מיט מענשען. אן אונגעוועהנליכע אויפרעגונג האט זיך געשפיערט אין דיא שטימען און אין דיא אוואיעס פון דיא אנוועזענדע. דיא מלחמה, וואס איז זייט וואכען אנגע־פיהרט געווארען צווישען דיא שפעקוליאנטען, האט היינט, דאכט זיך, דערגרייכט איהר העכסטע מדרגה. אבער קיינער האט קיין אהנונג ניט געהאט, אז דער ענטשיידענער קאמפף איז אזוי נאהענט.

אין דרויסען האט געהערשט א העפטיגער פראסט; אבער א ליכטיגע זון האט געווארפען קרומע שטראהלען דורך דעם הויכען גלעזערנעם דאך און בעשטראהלט מיט א וואריי־מער ליכטיגקייט דעם אונמוטהיגען זאאל, וועלכער האט אונ־טער דיא אלעגארישע מאלערייען נאך פראכטיגער אויסגע־זעהן. צווישען דיא זיילען האט זיך געטראגען דער הייסער אטהעם פון דיא צוהיצטע מענשען, טראץ דעם קאלטען לופט־צוג, וואס האט זיך אהן אויפהער אריינגעריסען אהין דורך דיא געעפענטע טהירען.

דער שפעקוליאנט מאזער, וואס האט אלע מאל שפעקו־לירט אויף „פאלען", איז דעמאלט געווען אונרוהיגער און בלייכער וויא געוועהנליך. ער איז צוגעגאנגען צו פילערא, וואס האט שפעקולירט אויף „שטייגען", און האט געזאגט:

— האט איהר שוין געהערט, וואס מען דערצעהלט?...

ער האט געמוזט הויך שרייען, אום פילערא זאל אין דעם ארומיגען טומעל און געפילדער הערען, וואס ער זאגט.

— מען זאגט, אז אין אפריל וועלען מיר האבען א מלחמה... מיט קיין אנדער זאך קען מען נישט ערקלעהרען דיא געוואלדיגע פארברייטונגען. דייטשלאנד וויל אונז קיין

צייט נישט געבען, מיר זאָלען איינפיהרען דיא נייע מיליטער־רעפאָרמען... און אגב וויל ביסמארק...

פילערא האָט זיך הויך אויף'ן קול צולאכט.

— אָך, לאָזט מיר צופריעדען מיט אייער ביסמארק! דיעזען זומער האָב איך מיט איהם פינף מינוט געשפראָכען, אזוי וויא איך שפרעך איצט מיט אייך. ער האָט אויף מיין געמאכט א'ן איינדרוק פון א גאנץ גוטמוטהיגען מענשען... אויב איהר זייט ניט צופריעדען איצט נאָך דעם גוואלדיגען ערפאָלג פון אונזער וועלט־אויסשטעלונג, ווען מען אייך שוין קיינמאָל נישט קענען צופריעדענשטעלען. יאָ, מיין ליעבער, אייראָפּא געהערט איצט צו אונז.

מאָזער האָט אבער געשאָקעלט פערצווייפעלט דעם קאָפּ און גע'טענה'ט זיינס. זיינע טענות זיינען יעדע וויילע פערטרונקען געוואָרען אין דעם ארומיגען געטומעל און געפילדער.

— דער צושטאנד פון דעם קורס איז צו גוט — האָט ער גע'טענה'ט — און וואָס צופיעל איז ניט געזונד. עס איז פונקט וויא דיא קראנקהאפטע פעטס ביי דעם דיקבייכיגען.

— אלע אקציען שטעהן צו גוט. אזוי קען לאנג נישט אנהאלטען, עס מוז פלאצען... איז דען דאָס ניט א משוגעת, צום ביישפיעל, וואָס דיא אקציען פון דער „וועלט־באנק“ איז איבער דריי טויזענד געשטיגען?

— אהא, דאָס וואָס דוא מיינסט! — האָט פילערא אויסגעשריען.

און ער איז צו איהם צוגעגאנגען נעהענטער און צוגעלייגט:

— מיין פריינד, דער קורס פון דיא דאָזיגע אקציען וועט היינט שטייגען ביז דריי טויזענד זעכציג פראנק... און אייך אלע וועט דער שווארץ יאָהר נעהמען!... איך זאָג אייך!...

עטוואָס צומישט פון פילערא'ס ווערטער, האָט מאָזער זיך אומגעקוקט און דערזעהען סאלאמאָן'ען.

— אה, איהר זייט עס? — האָט מאָזער אויסגעשריען,

קוקענדיג אויף סאלאמאן'ען, וועלכער האט געשמייכעלט וויא געוועהנליך.

זיין שמייכעל איז מאזער'ן גאר ניט געפעהלען געווארען. אין איהם האט ער געזעהען, אז סאלמאן האלט אויך מיט דער מיינונג פון פילערא, און ער איז נאך מעהר אונרוהיג געווארען.

— אויב איהר ווייסט עטוואס — האט זיך מאזער געוועגדעט צו פילערא — דאן זאגט. איך האלט אלע מאל מיט גונדערמאן'ען, ווייל גונדערמאן איז גונדערמאן. מיט איהם צו האלטען איז אלע מאל גוט.

— ווער האט אייך געזאגט, אז גונדערמאן שפיעלט אויף „פאלען" ? — האט פילערא זיך צולאכט.

מאזער האט אויף איהם אויסגעגלאצט א פאר צושראקענע אויגען. שוין עטליכע חדשים הערט ער אלץ אויף דער בערזע, אז גונדערמאן וויל סאקאר'ן דערשטיקען מיט זיינע מיליאנען, און מיט אמאל נא דיר גאר א נייעס: גונדערמאן שפיעלט ניט אויף פאלען! ווער קען דא וויסען דעם אמת אין דער דאזיגער וועלט פון ליגען און בעטרוג!

— דאס איז אונמעגליך — האט מאזער געמורמעלט — טאקי אמת, גונדערמאן'ס ארדערס האב איך אליין נישט געזעהן. פונדעסטוועגען גלויבט זיך עפעס ניט, אז גונדערמאן זאל נאכגעבען. וואס דענקט איהר סאלמאן?

און אזוי וויא סאלמאן האט געשוויגען, איז ער ווידער צומישט געווארען.

— אה — האט ער ווידער אנגעהויבען און אנגעוויזען מיט א וואונק אויף א דיקען מאן, וואס איז אין דיעזער צייט פערבייגעגאנגען: — ווען דער זאל וועלען, וואלט ער אונז געקענט דערצעהלען, וויא עס האלט מיט גונדערמאן'ען. דער זעהט ווייט.

דאס איז געוועזן דער בעריהמטער אמאדיע, וועלכער האט אמאל געקויפט ביליגע אקציען, וועלכע קיינער האט אין האנד ניט געאלט נעהמען און דורך וועלכע ער האט זיך מיליאנען

ערוואַרבען. פון יענער צייט אָן האָט ער צווישען דיא בער־זען־שפּעקוליאַנטען געהאַט אַ נאָמען פון אַ פינאַנס־זשעני.

— דער אמת איז — האָט פּילערא פּלוצים געזאָגט מיט זיין זיכערען טאָן — אַז דאָס ווענדעט זיך אַלץ פון'ם מזל. עס זיינען פאַראַן מענשען מזל'דיגע און ניט מזל'דיגע. וואָס אַנבע־לאַנגט מיר, טראַכט איך ניט פיעל, איידער איך קויף. עס איז פאַר מיר גענוג צו זעהן אָט יענעם מאַן, וואָס שטעהט דאָרט מיט זיין שטאָלצער מינע — האָט ער אָנגעוויעזען אויף סאַ־קאר'ן, וועלכער איז נור וואָס אריין און האָט זיך געשטעלט אויף זיין שטענדיגען פּלאַץ, פון וואַנען ער האָט ארויסגעגעבען זיינע בעפעהלען: — עס איז מיר גענוג, זאָג איך, צו זעהן יענעם מאַן, אום נישט צו טראַכטען און קויפען דיא אקציען פון זיין באַנק.

גונדערמאַן האָט זיך קיינמאָל ניט געוויעזען אַליין אויף דער בערזע.

אין דעם דאָזיגען נאָך־האַלבען־טאָג איז סאקאר געשטאַ־נען אויף זיין פּלאַץ, אָנגעלייגט אויף אַ זייל, אַ'ן עלעגאַנטער, אַ פרעהליכער, אָהן אַ סמן פון זאָרג, דאַכט זיך.

— האָט איהר געהערט — האָט זיך מאָזער אָפּגערופען מיט אַ שטילען קול — אַז מען בעשולדיגט איהם, אַז ער אַליין קויפט אויף זיינע אקציען. אויב דאָס איז אמת, וועט ער באַלד געהן קאַפּוט.

— אַך, נארישקייטען! — האָט פּילערא אויסגעשריען — פון וואַנען און וויא אַזוי קען מען וויסען, ווער עס קויפט און ווער ניט.

אין דער אמת'ן, האָט סאקאר אַזוי געפיהרט זיין געשעפט אויף דער בערזע, אַז קיינער, אויסער זיינע „שטרוי־לייט", וואָס האָבען געקויפט פאַר איהם, האָט אויף זיכער ניט גע־וואוסט, אַז ער קויפט. היינט דעם לעצטען טאָג פון יאָהר, האָט ער זיך געריכט אויף אַ גרויסען קאַמפּף און ער האָט דע־ריבער פאַרגעברייט זיינע אַלע „שטרוי־לייט" צו קויפען און נישט צו לאָזען פאַלען דעם קורס.

פּלוצים האָט מאַזער, וועלכער האָט געשמעקט אַרום זיך, וואָס עס הערט זיך, האָט זיך צוריקגעקעהרט צו פּילעראַ'ן און אַרויסגעשעפּצעט:

— איך האָב געהערט מיט מיינע אייגענע אויערען פון אמאדיען, אַז גונדערמאַן האָט אַן אָרדער געגעבען צו פערקױ־פען אויף צעהן מיליאָן אַקציען... אַה, איך וועל פערקויפען ביז צום לעצטען העמד!...

— צעהן מיליאָן! דער טייפעל זאָל איהם נעהמען—האָט געמורמעלט פּילערא אַביסעלע צושראָקען—אָט דאָס הייסט אַ קאַמפּף אויף לעבען און טויט!

אויף דער גאַנצער בערזע האָט איצט געקאָכט וועגען גונ־דערמאַן'ס אויפטראַג. מען האָט געשריען און געליאַרעמט, גע־שושקעט זיך און גע'סוד'עט, אַנדערע האָבען געגלויבט, אַז עס איז דאָ אַזאַ אויפטראַג, און ווידער אַנדערע ניט.

— דאָך האַלט איך זיך ביי מיינס—האָט פּילערא געזאָגט, —אַז דער קורס וועט היינט שטייגען. דיא זונן שיינט צו שעהן, אַלעס וועט נאָך ווידער שטייגען!

— אַלעס וועט היינט ברעכען! — האָט מאַזער זיך מיט איהם געשפּאַרט און האָט געזיפצט.

סאַלמאַן, וועלכער איז געשטאַנען הינטער זיי און זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך, האָט אַזוי רעטזעלהאַפט גע־שמייכעלט, אַז אי מאַזער, אי פּילעראָ זיינען צומישט געוואָרען.

וואָס טהוט זיך דאָ? ער מוז וויסען, דיעזער ביטרער סאַלמאַן, אויב גונדערמאַן האָט טאַקי אַזאַ אָרדער געגעבען. און אפשר שפּיעלט ער גאָר אי אויף „פאַלען", אי אויף „שטיי־גען?..."

מאַזער איז גאָר צוטומעלט געוואָרען.

שטעהענדיג אויף זיין פּאָסטען, האָט סאַקאַר געזעהען אַרום זיך דיא מחנות פון שמייכלער און קונדען. נאָכאַנאַנד האָבען זיך הענד צו איהם אויסגעשטרעקט און ער האָט זיי אַלע נעדריקט מיט גלייכער גליקליכער צופריעדענהייט. דערביי האָט ער אַנדערע אויף אַ בעזונדערען אופן געהיימע צייכענס

מיט דיא הענד און אויגען געמאכט. מאנכע האבען פערבייגע־הענדיג פון איהם א ווארט געכאפט און זיינען אוועקגעלאפען פון איהם ענטציקט. א סך האבען זיך אפגעשטעלט נעבען איהם און זיינען פון איהם נישט אפגעטראטען, האלטענדיג פאר אן עהרע צו שטעהן נעבען איהם.

אפט איז ער געווען פריינדליך מיט מענשען, וועמענס נאמען ער האט אפילו נישט געוואוסט. דער קאפיטאן שאננע האט, צום ביישפיעל, איהם געמוזט דערמאהנען מאזשענד'ס נאמען, אום ער זאל וויסען, ווער ער איז.

דער קאפיטאן, וועלכער האט זיך געהאט איבערגעבע־טען מיט זיין שוואגער מאדזשען, האט איהם אלץ איינגערעדט, ער זאל פערקויפען זיינע אקציען פון דער „וועלט־באנק", אבער איין פריינדליכער האנד־דרוק פון סאקאר'ן איז גענוג געווען, אז מאדזשען זאל מעהר ניט וועלען הערען וועגען פערקויפען.

סעדיל, גוסטאוו'ס פאטער, דער זיידען־פאבריקאנט, וועל־כער איז אין גאנצען געווען אפהענגיג איצט מיט זיין גאנצען געשעפט און רעפוטאציאן פון דעם ערפאלג פון דער „וועלט־באנק", איז געווארען פעסט ביי זיך, נאכדעם וויא סאקאר האט איהם א פאר ווערטער געזאגט.

אורע, קאלב, מארקיז דע־באהאיין, וועלכע האבען שוין געהאט פערקויפט זייערע אקציען, זיינען אויך געשטאנען הינ־טער סאקאר'ן, היטענדיג טאמער וועט זיין וואס צו „כאפען".

ווען דעגרעמאן איז אריינגעקומען, האבען אלע פאר איהם אפגעטראטען רעספעקטפול א וועג. אויף דער בערזע האט ער געהאט א גרויסען איינפלוס; זיין פריינדליכע קאמעראדשאפט־ליכע האלטונג מיט סאקאר'ן האט א טיעפען איינדרוק געמאכט. דיא וואס האבען געקויפט אויף „שטייגען", האבען געשטראהלט פאר פרייד, בעת זיי האבען דערזעהן דעגרעמאן'ען נעבען סא־קאר'ן, ווייל דעגרעמאן האט געהאט א שם פון זעהר א כיט־רען מענשען, וואס וואלט זיך דער ערשטער ארויסגערוקט, ווען דיא „וועלט־באנק" וואלט נישט געווען פעלזען־פעסט.

דאָס אַלעס האָט בעוויעזען, אַז דיא „וועלט־באַנק" האַלט נאָך נישט ביים פּלאַצען.

אַנדערע פערבייגעהער האָבען זיך נור דורכגעוואָרפען מיט סאַקאַר'ן מיט געהיימע בליקען; דאָס זיינען געווען זיינע איבערגעבענע מענשען, דיא „שטרוי־לייט", וואָס האָבען אויף אַזאַ אופן פון איהם געהיימע אָרדערס געקראָגען.

אַזוי, צום ביישפּיעל, איז צוויי מאָל פערבייגעגאַנגען סאַבאַטאַני מיט זיין שטענדיגען שמייכעל און האָט, דאַכט זיך, גאָר ניט געקוקט אין סאַקאַר'ס זייט און דאָך האָבען זיי איינער דעם אַנדערן געהיימע צייכענס געגעבען. זשאַנטרי איז געשטאַנען פאַר אַ'ן אויסגעהאַנגענער בּרעט און איז כלומר'שט פערטיעפט געווען אין לעזען אַ טעלעגראַמע פון דער אויסלענדישער בערזע, אין דער אמת'ן אָבער האָט ער זיך צוגעהערט, וואָס מען רעדט אַרום איהם.

דער קאָמיסיאָנער מאַססיאַ איז שנעל פערבייגעלאָפען סאַקאַר'ן און אַ געהיימען מאָך געטהאָן צו איהם מיט'ן קאָפּ, לויפענדיג מסתמא וועגען עפּעס אַ'ן אָרדער.

וואָס נעהענטער דיא צייט האָט זיך גערוקט צו דעם מאָמענט, ווען דיא בערזע האָט זיך געדאַרפט עפענען, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען דער טומעל, אַלץ גרעסערע שטראָהמען מענשען האָבען זיך איבערן זאַאַל געטראָגען מיט מעכטיגען ליאַרם און געפּילדער.

אַלעס האָט געוואַרט אויף דעם עפענען זיך פון דער בערזע. אָט האָבען זיך בעוויעזען מאַזאַ און יאַקאָבי פון דעם מאַקלערצימער. זיי זיינען געגאַנגען איינער נעבען אַנדערן, דאַכט זיך,ביידע גוטע פריינד, כאָטש אין דער אמת'ן זיינען זיי זייט וואָכען געווען דיא ביטערסטע געגנער, האָבען אָנגעפיהרט אַ ביטערן קאַמפּף איינער געגען אַנדערן, און וועלכען איינער פון זיי האָט געמוזט אונטערגעהן.

אויף דעם פרעהליכען און לעבעדיגען מאַזאַ, מיט זיין יונגען שלאַנקען וואוקס, האָט זיך אָפּגעשפּיעגעלט אַ ניט־פערוואָלקענטער גליק. ער האָט געטראָטען לייבט און עלאַסטיש.

יאַקאָבי, פּערקעהרט, אַ זעכציגער, האָט געטראָטען מיט שווע־
רע טריט. דער ברייטער פּנים פון דיעזען הויכען, דיקען מאַן
האָט גוטמוטהיג געשמייכעלט.

מיט דיא נאָטיץ־ביכער אין דיא הענד האָבען דיעזעביידע
בערזען־מעקלער גערעדט פון דעם שעהנעם וועטער, אקוראַט
וויא אין זייערע נאָטיץ־ביכער וואָלטען זיי ניט געהאַלטען דיא
מיליאָנען, מיט וועלכע זיי וועלען באַלד מערדעריש קעמפּפען,
וויא מיט גראַנאַטען.

— ניט אמת, אַ שעהן קאַלט וועטער?

— יאָ! שטעלט זיך נור פאָר, איך בין געקומען צופוס,
אַזוי שעהן איז דאָס וועטער!

זיי זיינען אריין אין דעם גרויסען רונדען פּלאַץ, וואָס
הייסט דער „פּאַרקעט". דער דאָזיגער „פּאַרקעט" איז נור
געווען פאַר דיא זעכציג געשוואָרענע בערזען־מעקלערס און איז
אָפּגעצוימט געווען פון דעם גרויסען פּובליקום מיט שטאַכעטען.
דאָרט זיינען זיי ביידע שטעהן געבליעבען, האָבען ווייי־
טער געפיהרט זייער גלייכגילטיגען געשפּרעך און אין דער זעל־
בער צייט פער׳גנב׳עט געקוקט, וואָס טהוט זיך אַרום זיי.

דאָ האָבען זיך אויך געפונען דיא פערשיעדענע ברענטשעס
פון דעם געלד־מאַרק. דריי קאָמיסאַרען זיינען דאָ געזעסען
אויף הויכע שטוהלען מיט אָפּענע גרויסע ביכער פאַר זיך. אין
דיא דאָזיגע פערשיעדענע ברענטשעס איז יעדער בערזען־מעק־
לער פערטראָטען געווען דורך זיינעם אַ געהילף מיט אַ בעזונ־
דערן נאָטיץ־ביכעל. דיא בערזען־מעקלערס אַליין אין „פּאַר־
קעט" האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט דיא ספּעקולאַציאָן־אָרדערס.

מאַזא האָט דאָ אַלע טאָג געהאַט זיין הויפּט געהילף בער־
טהיע און נאָך אַנדערע זיינע געהילפען, צווישען זיי אויך דעם
קליינעם פלאַרי, וועלכער האָט געדאַרפט פאַר איהם בעזאָרגען
דיא טעלעגראַמען.

דער קליינער פלאַרי, וועלכער האָט געגלויבט אין סאַ־
קאַר׳ס שטערן, האָט, שפּיעלענדיג אויף „שטייגען", זיך ער־
וואָרבען אַ היבשען פערמעגען.

אין יענעם טאָג איז טשוטשוש פריינד געקומען פון טע־לעגראַפען קאנטאר מיט א גאנצען פּאַק טעלעגראַמען. ער האָט ארויסגערופען זיין פּרינציפּאַל מאַזאַ'ן פון „פּאַרקעט" און ביי איהם מיט פרייד געפרעגט:

— וואָס זאָל איך טהאָן מיט דעם, גנעדיגער הערר? זאָל איך זיי אַליין סאָרטירען?

— געוויס זאָלט איהר עס טהאָן. וואָס שטעהט דאָ אין דיא טעלעגראַמען?

— אַלץ אָרדערס אויף קויפען אַקציען פון דער „וועלט־באַנק" — האָט פּלאָרי געענטפערט מיט התפעלות.

— ווירקליך? דאָס איז גוט — האָט מאַזאַ געענט־פערט און זיך צוריקגעקעהרט אין „פּאַרקעט" שטאַרק צופריע־דען.

ער איז געוועזן דער הויפּט אַגענט פון דער „וועלט־באַנק", אַזוי וויא יאַקאָבי דער הויפּט־אַגענט פון גונדערמאַן'ען, און ער האָט אַזוי פיעל געשטיצט סאַקאַר'ן, אַז דער שיקזאַל פון דער „וועלט־באַנק" איז איצט געוועזן זיין אייגענער שיקזאַל.

איבערקוקענדיג דיא טעלעגראַמען, האָט ער מיט צופריע־דענהייט איבערגעלעזען איינע פון וועגדאַם, פון דעם ספּעקו־ליאַנט פּעיען, וועלכער האָט איהם געשיקט אַ'ן אָרדער צו קוי־פען פאַר הונדערטע קליינע קונים, פאַר אָרימע מענשען, וואָס האָבען זייער לעצט ביסעל געלד אריינגעלייגט אין דיא אַקציען.

ער האָט זיך צוריקגעקעהרט צו דעם קליינעם פּלאָרי'ן, וועלכער איז דאָרט נאָך געשטאַנען הינטער דיא שטאַכעטען, און איהם געזאָגט:

— איהר וואָלט בעסער געוואַרט אויבען און צוגענומען דיא דעפּעשען דירעקט פון דיא טעלעגראַפיסטען. ברייננט זיי מיר ארונטער אין סאָרטירטע פּעקלאַך.

פּלאָרי איז פערשוואונדען. מאַזאַ האָט זיך ווידער גע־שטעלט אויף זיין אָרט און האָט איצט אנגעהויבען צו ערהאַל־טען אָרדערס איינעם נאָך'ן אַנדערען פון זיינע קונדען, וואָס

זיינען צושפרייט געווען איבער דער געוואלדיג גרויסער געביידע.

יעדער פון דיא זעכציג געשוואָרענע בערזען־מעקלערס האָט געהאט אָרדער־ליסטען פון א בעזונדערען קאָליר. מאזא'ס זיינען געווען גרינע, דער סימבאָל פון האָפנונג. יאקאָבי האָט געהאלטען גאנצע פעק פון ליסטען בלוט־רויטע איןביידע הענד. ער האָט געוואוסט, אזוי וויא יעדער איינער אויף דער בערזע, אז יאקאָבי פערטרעט דיא גונדערמאנס און דער בלוט־רויטער פארב פון דיא אָרדער ליסטען איז אין יענעם טאָג געווען א צייכען פון א בלוטיגען, אונ'רחמנות'דיגען קאמפף.

נעבען יאקאָבי'ן איז געשטאנען דעלאראק, זיין שוואגער, א קריסט, וועלכער איז געווען פערהייראטה מיט זיין אידישער שוועסטער.

דער דיקער דעלאראק האָט דיא לעצטע צייט געקראָגען אָרדערס פון דעגרעמאן'ען, וועלכער האָט אויפגעגעבען אי מאזא'ן, אי יאקאָבי'ן. דער קאָליר פון זיינע אָרדער ליסטען איז געווען העל־בלוי, וויא דער הימעל אין א שעהנעם אפריל־טאָג.

— הערר מאססיא פרעגט אויף אייך — איז צוגעגאנגען צו מאזא'ן איינער פון דיא דיענער.

מאזא איז שנעל צוגעגאנגען צו דעם פלאץ, וואו מאססיא האָט אויף איהם געווארט, הינטער דיא שטאַכעטען, אום צו הערען פון איהם די לעצטע נייעס פון דער „קוליסע", דער פלאץ, וואו עס זיינען געשטאנען דיא ניט־געשוואָרענע בערזען־מעקלערס. דארט, אונטער א גרויסען זייגער, זיינען געשטאנען דיא „קוליסען־מעקלער", אין פוטערס, מיט דיא קאָלנערס אויפגעשטעלט, און האָבען זיך געעסטארעט צו דערוואָרעמען, גרייטענדיג זיך צו דער „ארבייט". דער קליינער נאטאנסאָן, דער געשיקטעסטער צווישען זיי, איז דאָרט מעהר געווען פערנומען פון דיא איבריגע, וויא געוועהנליך.

אין דריי ווערטער האָט איהם מאססיא ערקלערט, אז דער קורס היינט וועט פאלען, ווייל פיעל אקציען איז אנגעקומען צום פערקויפען אונטער דער קוליסע. סאקאר האָט נעכטען גע־

הייסען קויפען צו דריי טויזענד פינף און דרייסיג פראנק, דאס הייסט פינף פראנק מעהר וויא דיא אקציען זיינען נעכטען גע־שטאנען.

— גוט, — האט מאזא געענטפערט — מיר וועלען עס האבען אין זינען גלייך ביים אנפאנג.

דער זייגער האט געשלאגען איינס און דער גלאק האט אנגעזאגט, אז דיא בערזע עפענט זיך.

— אקציען פון דער „וועלט־באנק" האב איך צו פערקויפען! — האט זיך דערהערט יאקאבי'ס הויכער קול — אקציען פון דער „וועלט־באנק" האב איך צו פערקויפען!

ער האט ניט דערמאנט קיין פרייז, ווארטענדיג אימיצער זאל אנבאטען א פרייז.

דיא זעבציג געשווארענע בערזען־מעקלערס זיינען זיך צו־נויפגעקומען נעהענטער איינעם צום אנדערען און האבען אויס־געזעהען וויא א מענגע דועליסטען, וואס זיינען בערייט געווען צו קעמפפען אויף לעבען און טויט.

— וויא טהייער? — האט זיך דערהערט מאזא'ס דינער, אבער שניידענדער קול.

— צו דריי טויזענד און דרייסיג קויף איך! — האט זיך דעלאראק אנגערופען.

אימיצער האט א באט געטהאן א העכערען פרייז.

— דריי טויזענד און פינף און דרייסיג אהער!

— איך קויף צו דריי טויזענד און פערציג! — האט גע־שריען מאזא.

— וויפיעל? — האט יאקאבי געפרעגט.

— דריי הונדערט.

ביידע האבען פערשריבען און דער מסחר איז געמאכט געווארען. דער קורס אלזא אויף דיא אקציען פון דער וועלט־באנק האט היינט ווידער געשטיגען אויף צעהן פראנק.

מאזא איז גלייך צוגעגאנגען צו דעם קאמיסאר, וועלכער האט אויף זיין בוך געהאט דיא אקציען פון דער „וועלט־באנק", און האט איהם געהייסען אריינשרייבען אין בוך, אז אזוי פיעל

און אזוי פיעל אקציען האט ער געקויפט פאר אזא און אזא פרייז. דיא קורסען פון דיא אנדערע ווערטה פאפיערען זיינען דערווייל פעסטגעשטעלט געוואָרען און דיא מעקלערס האבען געאיילט צו דיא קאָמיסארען, זיי זאָלען אין בוך איינשרייבען.

זיצענדיג אויף זייערע הויכע שטוהלען, האָבען דיא קאָמיסארען קוים צייט געהאט אריינצושרייבען אין זייערע ביכער דיא אלע נייע קורסען, וועלכע דיא מעקלערס און זייערע געהילפען האבען צו זיי פון אלע זייטען אויסגעשריען.

דען אין דיא אנדערע בראנזשעס האט דער מסחר אויך געקאָכט און געליארעמט. זייט דיא בערזע האט זיך געעפענט, איז דער געפילדער געוואָרען אלץ ווילדער און ווילדער און צייטענווייז האט זיך אויסגעדראכט, אז גאנצע מחנות ווילדע רויב-פויגלען שטורמען.

סאקאר איז געשטאנען אויף זיין פלאץ און האט געשמייכעלט מיט נצחון. דער דאָזיגער שטייגען אויף צעהן פראנק איז געוועזן זיין ענטפער אויף דעם קלאנג, וואס האט זיך פריהער געטראָגען, אז היינט, דעם לעצטען טאָג פון יאָהר, וועט דיא „וועלט-באנק" קריגען איהר ערשטען קלאפ.

מעהר אנהענגער האָבען איהם ארומגערינגעלט, האלטענדיג פאר א גרויסע עהרע צו שטעהן נעבען איהם. אורע האָט אויסגעשריען אויפ'ן קול, אז ער האָט געטהאָן א גרויסע נארישקייט, וואס ער האט פערקויפט זיינע אקציען פאר צוויי טויזענד פינף הונדערט א שטיק. דעגרעמאן האָט ארומגעשפאצירט מיט מארקיז באהאיין אונטער'ן ארעם און צופריעדען געשמייכעלט. מאזשען האָט געלאכט פון דעם קאפיטאן שאווע, וואס האָט איהם פריהער צוגערעדט צו פערקויפען זיינע אקציען; און פילערא האָט זיך גערייצט מיט דעם צרה'דיגען מאזער'ן, וועלכער האָט געזידעלט דיא גאנצע וועלט, ווארום מען צאָהלט אזוינע משוגענע פרייזען פאר דיא אקציען פון דער „וועלט-באנק".

א גאנצע שטונדע האָט זיך דער קורס געהאלטען. דאָך האָט יאקאָבי ווייטער פערקויפט, ווייטער און ווייטער. און

פלוצלונג האט זיך גענומען טראגען א קלאנג צווישען דער מענ־גע, אז דיא אקציען פון דער „וועלט־באנק" זיינען געפאלען אויף פינף פראנק, אויף צעהן, אויף פופצעהן, ביז דער קורס איז געפאלען אויף דריי טויזענד פינף און צוואנציג פראנק.

גראד אין דיעזער צייט איז זשאנטרו צוגעגאנגען צו סא־קאר'ן און האט איהם געזאגט, אז דיא באראנעסע זאנדארף, וואס ווארט אין דרויסען אין איהר וואגען, פרעגט, אויב זיא זאל פערקויפען.

סאקאר, וועלכער איז איצט געווען שטארק אונרוהיג אי־בער דעם פאלען פון דעם קורס, האט אויסגעשריען פערביטערט:

— זיא זאל מיך לאזען צורוה! איך וועל זיא אומבריינ־גען, אויב זיא וועט פערקויפען!

מאססיא, געוואהר ווערענדיג, אז דער קורס איז געפאלען, איז ער גלייך צוגעלאפען צו סאקאר'ן. ער האט פערשטאנען אז סאקאר דארף איהם אין דיעזען מאמענט.

סאקאר האט איהם איינגערוימט:

— שנעל צו נאטהאנסאן'ען! פיער הונדערט, פינף הונ־דערט... וויפיעל עס וועט נויטיג זיין צו קויפען!..

מאססיא האט זיך גענומען דורכשטופען דורך דער קו־ליסע, מאזער און פילערא נאך איהם, וועלענדיג פון איהם דער־געהן דיא אורזאכע, ווארום דער קורס איז פלוצלונג געפאלען. מען האט איהם געהאלטען פאר סאקאר'ס אן אייגענעם מענ־שען און מען האט געוואוסט, אז ער האט געמאכט נעבען איהם א גרויסען פערמעגען.

איצט, פלעגט ער זאגען, אז אום צו מאכען געלד, דארף מען ניט זיין דוקא א איד.

פערבייגעהענדיג סאבאטיאני'ן האט מאססיא איהם עפעס געזאגט, און סאבאטיאני האט אויך גענומען קויפען אקציען, דאך איז דיא אטאקע אויף דיא אקציען פון דער „וועלט־באנק" געווען אזא שווערע, אז מען האט דעם קורס ניט געקענט איינ־האלטען און ער איז געפאלען נאך אויף פינף פראנק.

נאך איין פיערטעל שעה איז פערבליבען ביז צום צומא־

בען דיא בערזע. איצט איז דער גערודער דאָרט געווען שרעקליך. אַלע האָבען געשריען און געליאַרעמט, אזוי וויא משוגעים; א הייזעריגער שרייען און ליארמען האט זיך געטראָגען פון פּאר־קעט, אקוראט ווִיא מען וואָלט געקלאפּט איבער צוּבראָכענע קופּערנע קעסלען; סאקאר'ס לאגע איז געוואָרען געפעהרליך.

פּלוּצלונג איז געקומען צו לויפען אהן אן אטהעם דער קליינער פלאָרי מיט א נייעם פּאק טעלעגראַמען.

— מאזא! מאזא! — האָט ער געשריען. ער האָט אין זיינע הענד געטראָגען סאקאר'ס זיעג. א טעלעגראמע פון ליאָן האט געלאָזט וויסען, אז דאָרט האָבען דיא אקציען פון דער „וועלט־באנק" זעהר געשטיגען און זעהר פיעל איז פערקויפט געוואָרען. פון אנדערע שטעדט זיינען אויך אנגעקומען אזעלכע טעלעגראמען.

דער איינדרוק, וואס דיעזע טעלעגראמען האָבען געמאַכט, איז געווען א גאָלדענער, און גלייך האָט זיך דער קורס פון דיא „וועלט־אקציען" וויעדער א הויב געטהאָן.

— צו דריי טויזענד פערציג פראנק קויף איך אקציען פון דער „וועלט־באנק"! — האָט מאזא געשריען.

און דעלאראקי, וואס איז פערוואָרפען געוואָרען מיט אָר־דערס, האָט געשריען:

— צו דריי טויזענד פינף און פערציג קויף איך.

— איך פערקויף צו דריי טויזענד פינף און פערציג! — האָט געשריען יאקאָבי.

— אהער! — האָט געליארעמט דעלאראקי.

—איך קויף צו דריי טויזענד פופציג — האָט אונ־טערגעכאפּט מאזא.

— וויפיעל? — האָט יאקאָבי געשריען.

— פינף הונדערט... אהער!...

דער ליארם איז געוואָרען אזוי גרויס, אז דיא מעק־לערס אפילו האָבען ניט געקענט הערען, וואס זיי ריידען איי־נער צום אנדערען. האָבען זיי גענומען ריידען אויפ'ן וואונק, מאַכענדיג איינער צום אַנדערען צייכענס. מען האָט געזעהן

ווייט־געפענטע מיילער, פון וועלכע מען האט אבער קיין קול נישט געהערט; דיא הענד נור אליין האבען גערעדט: א מאך מיט א האנד פון זיך, אנאנדער מאך צו זיך, א הויבען פון פינגער, וואס האבען בעצייכענט דיא צאהל פון אקציען; א מאך מיט'ן קאפ האט געמיינט „יא", א שאקעל מיט'ן קאפ — „ניין". דאס איז געווען איינער פון יענע אנפאלען פון משוגעת, וואס האט אמאל אנגעכאפט דיא דאזיגע שפעקו־ליאנטען.

פון דיא אויבערשטע גאלערעען, וואו עס האט זיך געפונען דיא טעלעגראפען־קאנטאר, האבען ארונטערגעקוקט פרויען־קעפ מיט שרעק און פערוואונדערונג אויף דאס אונגעוועהנליכע שוישפיעל.

דא און דארטען האט א ווילדע מענגע געטראטען איינער אויפ'ן אנדערן, געליארעמט, געהויבען דיא הענד, געגלאצט מיט דיא אויגען, געקויפט און פערקויפט און געאיילט זיך אריינצושרייבען זייערע ארדערס, איידער דיא בערזע פערמאכט זיך.

דיא קאמיסארען אויף זייערע הויכע שטוהלען האבען קיין צייט ניט געהאט דעם אטהעם אפצוכאפען, אריינשרייבענדיג אין זייערע ביכער.

ארום דעם פארקעט האבען זיך אפגעשפיעלט זאנדערבארע, ווילדע סצענעס. דיא מעהרסטע פון דיא בערזענמעקלערס זיינען ארומגעלאפען, וויא פון רוחות געיאגט, און האבען ווילד געמאכט מיט דיא הענט. אין צענטער זיינען געלעגען קופעס פון צוריסענע ארדער־ליסטען, בלויע, גרינע און העל־רויטע, וויא צופליקטע בלומען.

איבער'ן גאנצען זאאל האט זיך דער עולם בעוועגט, אנגעשטעקט פון דער ווילדקייט פון דיא מעקלערס, אהין און צוריק אויך מיט ווילדע תנועות. און דיא ווינטערדיגע זון האט ארונטערגעקוקט דורך דעם הויכען גלעזערנעם דאך אויף דיא נייע הויכע זיידענע היט פון דיא צו־ווילדעטע שפעקוליאנטען.

פלוצים האָט דאָס קלינגען פון׳ם גלאָק אָפּגעהילכט אי־בער זייערע קעפּ, און וויא דורך א כישוף זיינען אלע גלייך געקומען צו זיך און מיט אמאָל איז שטיל געוואָרען, קיין סימן נישט פערבליעבען פון דעם אָט ערשטיגען ווילדען ליאַרם.

דער האַנדעל אויף דער בערזע האָט זיך פאר דעם טאָג געענדיגט. סאקאר׳ס נצחון איז געוועזען זעהר גרויס. זיינע אַקציען האָבען געשטיעגען ביז דריי טויזענד זעכציג פראנק...

איידער סאקאר האָט פערלאָזען דעם זאאל, האָט ער זיך אויסגעצויגען אין זיין גאנצען וואוקס, אַקוראט וויא ער וואָלט מיט איין בליק געוואָלט ארומכאַפּען דעם גאנצען עולם. עס האָט זיך געדאַכט, אז ער איז מיט אמאָל אויסגעוואקסען ער האָט זיך געפיהלט, אז ער איז מיט אמאָל אויטגעוואקסען; ער האָט זיך געפיהלט אזוי שטאָלץ, אז זיין גאנצע קליינע פערזאָן האָט זיך אויפגעבלאָזען, אויפגעהויבען הויך....

ער האָט מיט דיא אויגען, דאכט זיך, געזוכט גונדער־מאַן׳ען, וועלכער איז דאָרט ניט געווען; וויא ער וואָלט איצט געוואָלט אויף איהם א קוק טהאָן, זעהן, וויא ניעדער־געשלאָגען און דער׳הרג׳עט דיעזער איד איז! אם ווייניג־סטען, האָט ער געוואָלט, אז דיא אלע שקלאַפען פון גונדער־מאַן׳ען, אלע אידען, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען און זייערע צייהן געקריצט, זאָלען איהם איצט זעהן אין זיין גרוי־סען נצחון.

אָט דאָס איז געווען זיין גרויסער טאָג, דער טאָג, וואָס וועט אויף לאנג בלייבען אין זכרון ביי דיא פינאַנס־מענער.

סאקאר׳ס קינדער, זיינע פריינד, זיינען צו איהם צוגעלאָ־פען און האָבען איהם גראטולירט מיט בעגייסטערונג.

דער מארקיז באהאיין, סעדיל, קאלב, אורע, האָבען איהם ביידע הענד געדריקט. דעגרעמאן האָט איהם מיט זיין פאלשען שמייכעל געוואונשען גליק; אין הארצען האָט ער גוט גע־וואוסט, אז פון אזוינע גליקען און נצחונות געהט מען אונטער אויף דער בערזע. מאזשענד איז אזוי געווען בעגייסטערט, אז

עס האָט זיך איהם געגלוסט ארויפצופאלען סאקאר׳ן אויף׳ן האלז און קושען.

דעזשוא, וועלכער איז אויך געקומען צו לויפען אהער, אום צו הערען נייעס, איז איצט געשטאנען ניט ווייט פון סאקאר׳ן און האָט פאר בעגייסטערונג אזש געוויינט.

זשאנטרו איז פערשוואונדען, מסתמא איז ער אוועק אי־בערגעבען דיא נייעס דער באראָנעסע סאנדאָרף. מאססיא און סאבאטיאני האָבען געשטראהלט פאר גליק, וויא נאָך א גרויסען זיעג אויף א שלאַכטפעלד.

נעבען דיא טירען האָבען פילערא און מאזער זיך גענומען קריגען, וויא געוועהנליך, וועהרענד דער זאאל האָט זיך גענו־מען אָפליידיגען פון דעם עולם. באלד האָט זיך נור אָפגע־שטעלט אין זאאל דער רויך פון סיגארען, א בלויליכער וואל־קען, וועלכער האָט דורך דעם אויפגעוואָרפענעם שטויב פון אזוי פיעל שיך אויסגעזעהען געדיכטער.

מאזא און יאקאָבי זיינען ווידער געגאנגען איינער נע־בען אנדערען מיט רוהיגע מינעס. זיי זיינען געגאנגען אין מעק־לער־צימער. אין הארצען אָבער זיינען זייביידע געוועזען אויפ־געראַגט — יאקאָבי טרויעריג אויפגערעגט, ווייל אויסער גונ־דערמאן׳ס היינטיגען גרויסען פערלוסט, האָט ער אליין היינט אויך א היבש פערמעגען פערלאָרען, שפּילענדיג אויף זיין איי־גענער רעכנונג אויך. מאזער, פערקעהרט, וועלכער האָט אליין נישט געשפּיעלט אויף זיין אייגענער רעכנונג, איז געוועזען גליקליך אויפגערעגט איבער דעם גרויסען זיעג פון זיין קונד.

זיי האָבען א ווײלע געשמועסט איינער מיט׳ן אנדערן, איבערגעבענדיג זייערע נאָטיץ־ביכער צו ליקווידאטאָרען, וועלכע האָבען געדאַרפט איבערשרייבען דיא אָפּגעמאכטע געשעפטען.

אין דעם זאאל פאר דיא געהילפען האָבען פלאָרי און גוס־טאוו סעדיל זיך שטארק געפרעהט. זיי האָבען היינט געמאכט א היבשע מטבע, שפּעקולירענדיג אין געהיים אויף זייער איי־גענער רעכנונג. איצט וועט פלאָרי קענען געבען זיין טשוטשו

דיא בריליאַנטענע אוירינגען, וואָס ער האָט איהר שוין לאַנג פערשפּראָכען, און גוסטאוו סעדיל וועט קענען געבען זיין זשערמיין גיר פאַר זעקס מאָנאַט געהאַלט אין פאָראויס.

אין דעם דאָזיגען זאַאל איז אָנגעגאַנגען אַ שטיפעריי צווי־שען דיא יונגע געהילפען, וויא צווישען שוהל־קינדער. מען האָט געקנאַקט וויצען, געטאַנצט און געשפּרונגען, געוואָרפען זיך מיט דיא היט און א. וו.

אין דער קוליסע האָט מען נאָר וואָס געענדיגט דיא לעצ־טע געשעפטען. נאַטהאַנסאָן, אין גאַנצען שטראַהלענדיג מיט פרייד איבער סאַקאַר׳ס זיעג, האָט זיך ענדליך בעוויזען אין דרויסען אויף דיא טרעפּ און איז באַלד פערשוואונדען צווי־שען דעם גרויסען עולם פון שפּעקולאַנטען, וואָס איז דאָרט נאָך געשטאַנען און געשמועסט וועגען סאַקאַר׳ס היינטיגען גרויסען זיעג.

אין עטליכע שטונדען שפּעטער וועט דיא דאָזיגע גאַנצע וועלט פון שפּעקולאַנטען, מעקלערס, זשאַבערס און קאָמיס־סיאָנערען זיך אויספּוצען פאַר דיא ביינאַכטיגע פערגעניגענס. מאַנכע פון זיי וועלען אַוועק אין אַ טהעאַטער, אַנדערע אין אַ רעסטאָראַן און ווידער אַנדערע צו אַ שעהנע פרוי.

אין גאַנץ פּאַריז האָט מען יענעם אָבענד נור גערעדט פון דער מלחמה צווישען גונדערמאַן׳ען און סאַקאַר׳ן. מען האָט דערצעהלט, אַז גונדערמאַן האָט ביי דער דאָזיגער מלחמה אַ היבשע ביסעל מילליאָנען פערלאָרען.

נאַטירליך, פאַר גונדערמאַן׳ען איז דאָס ניט געוועןן גע־פעהרליך, דער מילליאַרד, וואָס איז אין זיינע קעלערס געלע־גען, האָט איהם נאָך אַ לאַנגע צייט געקענט שטיצען אין דער דאָזיגער מלחמה, וויא לאַנג און וויא מערדעריש זיא זאָל ניט זיין. זיין מאַכט איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געקענט פערקויפען דיא אַקציען פון דער „וועלט־באַנק“ אונטער׳ן פּרייז, ביז ביי סאַקאַר׳ן וועלען זיך אויסנעהמען דיא רעזערוו־מילליאָנען, מיט וועלכע ער פּלעגט קינסטליך אַרויפטרייבען דעם קורס פון זיינע אַקציען.

נאָך קיינמאָל האָט ער אויף דער בערזע ניט געהאַט אַזאַ געפעהרליכען קאָנקורענט וויא סאקאר'ן, און אויף דער בערזע האָט ער אליין געוואָלט זיין דע הערשער, כאָטש ער פלעגט זאָגען, אַז ער איז נים קיין שפעקולאַנט, נור אַ געלד־הענדלער, האָט ער דאָך גוט געוואוסט, אַז אום צו זיין דער בעל הבית איבער'ן געלד־מארק, מוז ער זיין בעל הבית איבער דער בערזע.

דערפאר האָט ער ניט געקעמפפט, אום געלד צו געווינען, נור פאר זיין קעניג־שטעלע האָט ער געקעמפפט, פאַר זיין לעבען אליין. און דעריבער איז ער געווען אַזוי הארטנעקיג אין זיין קאַמפף.

מען האָט איהם איצט אויך אָפט געזעהן שפּאַציערענדיג מיט זיין בלייכען, מיעדען פּנים, רוהיג וויא געוועהנליך. ער האָט געגלויבט נור אין דער לאָגיק. דאָס, וואָס דיא אַקציען פון דער „וועלט־באַנק" האָבען געשטיגען אַזוי הויך האָט ער געהאלטען פאר אַ ווילדע משוגעת; זיי מוזען פאַלען צוריק, וויא אַ שטיין, וואָס מען שליידערט אין דער הויך.

און אַזוי האָט ער געוואַרט. זיינע אנהענגער און זיינע געגנער האָבען געקוקט און זיך געוואונדערט איבער זיין קאַלט־בלוטיגקייט. סאקאר, פארקעהרט, האָט געוועקט ארום זיך אַלץ מעהר און מעהר ענטהוזיאַזמוס. דיא סאלאָן־דאמען, וואָס האָבען, שפּעקולירענדיג, דורך איהם געלד געמאַכט, האָבען פון איהם גערעדט, וויא פון אַ גאָט און זיי אַלע האָבען נביאות געזאָגט, אַז דיא אידישע באַנקען מוזען אונטערגעהן און דיא קאַטוילישע באַנק וועט הערשען איבער דער וועלט.

דער פאַקט אָבער איז געווען, אַז וועהרענד סאקאר'ס אנהענגער האָבען טאַקע געמאַכט פערמעגענס, שפּעקולירענדיג אויף „שטייגען", האָט זיך דיא קאַסע פון דער „וועלט־באַנק" אין דער זעלבער צייט אויסגעשעפּט אין דעם דאָזיגען קאַמפּף פון מיליאָנען. פון דיא צוויי הונדערט מיליאָן, איבער וועלכע סאקאר האָט געהאַט צו שאַפען איז צוויי דריטעל שוין

אויסגעגעבען געוואָרען אויף צו שטיצען דעם קורס פון דיא אַקציען.

דער דאָזיגער קינסטליכער ארויפטרייבען פון דעם קורס דורך אויפקויפען איהרע אייגענע אַקציען, איז געווען אַ טויט פאר דער „וועלט-באנק". פון אָנפאנג איז סאקאר געווען פאָר־זיכטיגער, שפּעטער אָבער, היינגעריסען פון דעם צוטרויען, וואָס עס האָבען איהם ארויסגעוויזען דיא טויזענדע קונדען און אַקציאָנערען, האָט ער דעם קאָפּ פערלאָרען. ער האָט מעהר שוין נישט געטראַכט, וויא נור פון גרויסע זיעגען און נצחונות. אה, ווען ער וואָלט געהאַט גונדערמאַן'ס מילליאָנען!

ער האָט געמוזט מודה זיין פאר זיך אַליין, אַז זיין קאַסע איז שוין באַלד ליידיג און ווען עס זאָל וויעדער דער קורס פון זיינע אַקציען פאַלען, וועט איהם שווער זיין צוריק איהם ארויפצוטרייבען.

דעם דריטען יאנואר זיינען דיא אַקציען פון דער וועלט־באַנק פּלוצלונג געפאַלען אויף פופציג פראַנק.

דיא וועלט פון דיא שפּעקולאַנטען האָט דאַן אַ שוידער גע־טהאָן און פון אַלע זייטען האָט זיך דערהערט אַ צושראָקענער טומעל:

— דיא אַקציען פון דער „וועלט-באנק" פאַלען! דיא אַק־ציען פון דער „וועלט-באנק" פאַלען!

אויף מאָרגען איז סאקאר געשטאַנען אויף זיין פּלאַץ און גע־הייסען קויפען פיעל אקציען, דער קורס האָט וויעדער געשטיגען אויף דרייסיג פראַנק.

אזוי איז געוועזען ביז דעם צעהנטען יאנואר: איין טאָג איז דער קורס געפאלען און אויף מאָרגען וויעדער געשטיגען. אין דער קאַסע איז שוין קיין געלד מעהר נישט פערבליבען און סאקאר האָט געמוזט שיקען אייניגע וועקסלען צו דיסקאָנטירען.

זיין צוהיצטע פאַנטאַזיע האָט גענומען טראַכטען וועגען אפּקויפען דיא אַלע אויסערגעוועהנליכע אקציען פון דער „וועלט באנק", דאַן ערשט וואָלט זיין זיעג געווען אַ פעסטער און אַ זיכערער.

דערצו אָבער האָט ער געדאַרפט האָבען א זיעבען־אכט מי־ליאָן ! אָה, ווען ער וואָלט דאָס געהאַט, אלע אקציען וואָלט ער דאַן אפגעקויפט און מיט גונדערמאַן'ען און אלע אידען וואָלט ער א סוף געמאכט !

און טראכטענדיג פון דעם האָט סאַקאר נעכט גאַנצע ניט געקענט שלאָפען, זיין פאַנטאַזיע האָט איהם שוין געמאָלען, וויא ער האָט אָלע זיינע אקציען אין דיא הענד און וויא גונדערמאַן איז דערשטיקט.

דעם צוועלפטען יאַנואַר איז אויף דער בערזע פאָרגעקומען אַן אמת'ע שחיטה. קיינמאָל האָבען מענשען ניט געקעמפפט מיט אזוי פיעל בעטרוג און פאַלשקייט, אויפאָפפערענדיג דער־ביי פריינדשאַפט, קרובה'שאַפט, עהרע, וויא אין דעם דאָזיגען קאַמפף פאַר דאָס געלד־בייטעל. און קיינמאָל האָט זיך סאַקאר ניט געפיהלט אזוי פערלאָזען, טראָץ זיין מוטהיגען האַלטען זיך, וויא אין דעם דאָזיגען טאָג.

דעם פערצעהנטען איז דער קורס פון דיא אקציען פון דיא „וועלט־באַנק" געפאַלען ביז צוויי טויזענד אכט הונדערט און אכציג, דאָס הייסט, אויף צוויי הונדערט פראַנק.

דאָך איז סאַקאר ביי זיך אין גאַנצען ניט געפאַלען, ווייל לויט דער אטאַקע פון גונדערמאַן'ס מענשען האָט מען גע־קענט ערוואַרטען נאָך ערגערעס.

דאָס ערשטע מאָל זייט מאָנאַטען האָט מען דיא מענשען, געשפעקולירט אויף "פאַלען", געדאַרפט געלד אויסצאָהלען, אנ־שטאַט וואָס ביז אהער האָבען זיי געצאהלט.

מאַזא האָט דאָס דאָזיגע געלד אויסגעצאָהלט פאַר דער „וועלט־באַנק".

איצט איז קלאָהר געוועזן, אז ביז דעם ערשטען פעברואַר מוז זיך דיא דאָזיגע שרעקליכע מלחמה ענדיגען אהער אָדער אהין.

זינד סאַקאר האָט געדאַרפט פיהרען אזא בלוטיגען קאַמפף האָט ער גענומען זוכען פערגניגען אין דיא אבענדען, אום צו פערגעסען זיך.

קאראלינע'ן האט ער אויסגעמיידט; ער האט ניט גע־קענט פערטראָגען איהרע פּאָרווירפע, איהר בעקלאגען זיך אויף דיא שווינדלען. ער האט ווידער אנגעהויבען צו בעזוכען דיא באראָנעסע סאנדאָרף. ביי איהר האט ער זיך אפּגערוהט און קיינער האט איהם ביי איהר ניט געשטערט. מאנכעס מאָל איז ער ביי איהר אנשלאָפען געוואָרען און האט עטליכע שטונ־דען געשלאָפען. דאמאלס האט דיא באראָנעסע ביי איהם גע־זוכט אין דיא טאשען און געלייענט אַלע פּאפּיערען, וואס זיא האט ביי איהם געפונען און אויף אזא אופן האט זיא פיעל סודות געוואָהר געוואָרען. און איינמאָל א פארנאכט האט סא־קאר, אויפכאפּענדיג זיך פלוצלונג, זיא דערזעהן ביי דער דאָזיגער ארבייט. זיין שווערע האנד האט זיך מיט דער באראָ־נעסע אפּגערעכענט, אזוי וויא מען רעכענט זיך אָפּ מיט א גנב. ער האט זיא געשלאָגען, זיא האט דיא קלעפּ צוגענומען און אויף מאָרגען האט ער זיא ווידער געשלאָגען, ביז דעם פופצעהנטען יאנואר, ווען דיא באראָנעסע האט פערלאָרען אויף איהרע אקציען צעהן טויזענד פראנק, דאן האט זיא בע־שלאָסען אפּצורעכענען זיך מיט סאקאר'ן.

זיא איז אוועק צו זשאנטרו'ן אום צו מיישב זיין זיך מיט איהם.

— מיין טהייערע — האט זשאנטרו געענטפערט — איך גלויב אויך, אז איהר זייט גערעכט... עס איז שוין צייט מיר זאָלען איבערגעהן צו גונדערמאן'ען. געהט צו איהם אריבער און דערצעהלט איהם, וואס איהר ווייסט. ער האט דאָך אייך פערשפּראָכען אבצודיענען, אויב איהר וועט איהם נייעס ברייננגען.

אויף מאָרגען בעת זיא איז געקומען צו גונדערמאן'ען, האָט זיא איהם געטראָפען אין אַ שלעכטען מוטה. נעכטען האָ־בען דיא אקציען פון דער „וועלט־באנק" ווידער געשטיגען. וועט ער שוין קיינמאָל מיט זיי ניט פאַרטיג ווערען. אזוי פיעל געלד האָט איהם דער דאָזיגער קאמפּף שוין אָפּגעקאָסט און

מען זעהט נאָך אַלץ ניט קיין סוף! און ער האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך אַריינגעלאָזען אין דיעזען קאַמפּף. אפשר וואָלט פאַר איהם גלייכער געווען, ווען ער זאָל זיך געהאַט אויך בעטהייליגען אין דער גרינדונג פון דער דאָזיגער באַנק. ער האָט אָנגעהייבען צו צווייפלען אין דער מאַכט פון לאָגיק.

אַזוינע מאָמענטען זיינען ביי איהם געווען זעלטען.

דיא טירען פון זיין אַרבייטס־קאַבינעט זיינען געווען צוגעמאַכט, דיא אַלע אָנגעשטעלט האָבען געציטערט פאַר זיין צאָרן, דיא קאָמיססיאָנערען האָט ער אויפגענומען גראָב.

— אַה, איהר זייט דאָס? — האָט ער זיך אָנגערופען צו דער באַראָנעססע, בעת זיא איז צוגעגאַנגען צו זיין טיש: — איך האָב היינט קיין צייט נישט צו פערברייננגען מיט פרויען.

— דיא באַראָנעססע איז פון דער אויפנאַהמע צומישט געוואָרען און אָהן פיעל הכנות באַלד געזאָגט:

— און אויב איך וואָלט אייך געזאָגט, אַז דיא „וועלט־באַנק" האָט שוין נישט מיט וואָס צו קעמפּפען און אַז סאַקאַר איז שוין געצוואונגען געווען וועקסלען דיסקאָנטירען אין אויסלאַנד?

גונדערמאַן האָט דערשטיקט אין זיך דיא פרייד. זיינע אויגען זיינען געבליעבען קאַלט וויא פריהער און מיט דער זעלבער גראָבקייט געענטפערט:

— דאָס איז ניט אמת!

— וואָס הייסט ניט אמת, ווען איך האָב עס מיט מיינע אייגענע אויערען געהערט, מיט מיינע אייגענע אויגען געזעהן?

זיא האָט איהם אָנגערופען ביים נאָמען דיא באַנקירען אין וויען, פראַנקפורט, בערלין, ביי וועלכע סאַקאַר האָט זיינע וועקסלען דיסקאָנטירט. ער קען עס אויסגעפינען ביי זיינע געשעפטס־פריינד, דאַן וועט ער איבערצייגט זיין, אַז דאָס איז אמת. אויסער דעם האָט זיא איהם דערצעהלט, אַז דיא „וועלט־באַנק האָט אַליין אויפגעקויפט איהרע אַקציען, אום דעם קורס צו טרייבען הויך, און דערביי האָט זיא גע'פטור'ט צוויי הונדערט מיליאָן.

גונדערמאן האט זיא אויסגעהערט מיט זיין פינסטערער מינע און אין קאפ האט ער שוין אויסגעארבייט דעם גאנצען פלאן פון דעם ווייטערדיגען קאמפף. איצט איז ער שוין געווען זיכער אין זיין זיעג. ער האט געוואוסט, פון וואס פאר א שמוציגער קוועלע זיא האט זיך דאס דערוואוסט, און ער האט פעראכטעט סאקאר׳ן, פארוואס ער האט זיך אנפערטרויט אזא פרוי.

וויא זיא האט געענדיגט, האט ער אנגעשטעלט אויף איהר זיינע גרויסע, פערלאשענע אויגען און געזאגט:

— נו, וואס איז?—וואס געהט מיך דאס אלעס אן?

— איך האב געמיינט, ווייל איהר שפיעלט אויף „פא־לען“—האט זיא געשטאמעלט, צומישט פון זיין רוהיגקייט און גלייכגילטיגקייט.

אבער גונדערמאן האט זיא אונטערבראכען:

— איך? ווער האט דאס אייך געזאגט, אז איך שפע־קוליר אויף „פאלען“? איך קום קיינמאל ניט אויף דער בערזע. איך שפעקוליר ניט. דאס אלעס געהט מיך גאר נישט אן.

זיין שטימע האט געקלונגען אזוי אונשולדיג, אז דיא צומישטע באראנעססע וואלט איהם געגלויבט, ווען זיא וואלט ניט געפיהלט אין דער זעלבער צייט אין זיין קול א פערבאר־גענעם שפאט. עס איז איהר איינגעפאלען, אז ער טרייבט שפאס מיט איהר.

— אלזא, ליעבע פריינדין—האט ער ווידער געזאגט, אזוי וויא איך בין איצט זעהר פערנומען, אויב איהר האט מיר נישט צו זאגען עפעס אינטערעסאנטעס... ער האט איהר אנ־געוויעזען אויף דער טיהר.

דאס האט זיא ענדליך אויפגערעגט.

— איך האב אייך פערטרויט — האט זיא ארויסגערעדט מיט כעס—איך האב מייןווארט געהאלטען און געקומען און אייך דערצעהלט... דאס איז בעטרוג. איהר האט דאך מיר פערשפראכען, אז אויב איך וועל אייך ניצליך זיין, וועט איהר מיר אויך ניצליך זיין מיט א ראטה...

ער האט זיך אויפגעהייבען און זיא אונטערבראכען. דיע־זער מענש, וועלכער האט קיינמאל ניט געשמייכעלט, האט איצט הויך א לאך געטהאן, אזוי שטארק איז איהם געפעלען געווארען, וואס ער האט אויסגענארט דיעזע יונגע שעהנע פרוי.

—א ראטה? דאס וועל איך אייך קיינמאל נישט ענט־זאגען—האט ער געזאגט—ליעבע פריינדין, מיין ראטה איז, איהר זאלט קיינמאל נישט שפעקולירען. אייער שענהייט וועט פון דעם ליידען, ווארים עס איז זעהר העסליך, ווען א פרוי שפיעלט אויף דער בערזע...

גלייך וויא דיא באראנעססע איז ארויס אויפגערעגט פון זיין צימער, האט ער זיך פערשלאסען מיט זיינע צוויי זיהן און זיין איידעם, האט פערטהיילט דיא ראלען, געשיקט נאך יאקאבי׳ן און דיא אנדערע מעקלערס, אום פארצובערייטען דעם גרויסען קלאפ פאר מארגען. זיין פלאן איז געווען איינפאך: צו פארפלייצען דעם מארק מיט דיא אקציען פון דער „וועלט־באנק“. איצט האט ער געוואוסט, אז סאקאר וועט ניט אימ־שטאנד זיין צו קויפען אלע אקציען, וועט נישט קענען מעהר שטיצען דיא קורסען מיט א׳ן אויסגעליידיגטע קאססע.

דיא געוואלדיגע מאכט פון זיינע מיליארדען האט ער אין גאנצען בעשלאסען ארויסצושטעלען, אום צו געבען דעם לעצ־טען ענטשיידענעם קלאפ זיינע געגנער.

דיא לאגיק האט געמוזט זיעגען, דען יעדע אקציע, וואס שטייגט איבער איהר אמת׳ען ווערטה, איז אונבעדינגט פער־אורטהיילט צום אונטערגאנג...

דעם זעלבען טאג ארום פינף פארנאכט איז סאקאר גע־גאנגען צו דעגרעמאן׳ען. ער איז זעהר אויפגערעגט געווען, ער האט געפיהלט דיא געפאהר און געזוכט דעגרעמאן׳ס הילף. איהם איז קלאהר געווען, אז אויב ער וויל נישט אונטערגעהן, מוז ער דערלאנגען זיינע שונאים א׳ן ענטשיידענעם קלאפ. זיין גרויסער פלאן האט איהם רוהען ניט געלאזט, דער פלאן פון צונויפזאמלען זעקס הונדערט מיליאן און אפקויפען אלע אקציען.

דענגרעמאַן האָט איהם אויפגענומען מיט זיין געוועהנ־ליכער ליעבענסווירדיגקייט אין זיין פירסטליכען פאַלאַץ.

ביז איצט איז ער פערבליעבען טריי צו דער „וועלט־באַנק“, גלויבענדיג נאָך אַלץ אין איהר ערפאָלג. אפילו נאָך דעם פּופּצעהנטען, נאָך דעם פאַלען פון דיא אַקציען, האָט ער אויך נאָך געגלויבט, אַז זייער קורס וועט ווידער שטייגען. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט ער זיך פאַרזיכטיג ארומגע־קוקט, אום ביי דעם ערשטען שלעכטען צייכען צום שונאַ אריבערגעהן. סאַקאַר'ס פּלאַן אַפּצוקויפען אַלע אַקציען, האָט אויף איהם אַ'ן איינדרוק געמאַכט און ארויסגערופען זיין אויפ־ריכטיגע בעוואונדערונג פאַר סאַקאַר'ס גרויסע פעהיגקייטען און ענערגיע. דער פּלאַן איז אפילו געווען אַ משוגענער, אָבער זיינען דען ניט אַלע גרויסע קריעגס־און בערזען־מענער פער־בלענדעטע משוגעים, וואָס ווערען געקרוינט פון'ם ערפאָלג?

ער האָט איהם פערשפּראָכען צו העלפען נאָך ביי דער מאָרגענדיגער בערזע. כאָטש ער האָט שוין פיעל אָרדערס גע־געבען, האָט ער פערשפּראָכען צו געבען זיין מעקלער דעלע־ראַק, נאָך אָרדערס, אויסער דעם וועט ער זיך זעהן מיט זיינע בעקאַנטע, ער וועט גרינדען אַ גאַנצע געזעלשאַפט, וואָס זאָל שטיצען דעם הויכען קורס פון זייערע אַקציען. ער רעכענט, אַז דיא נייע געזעלשאַפט וועט קענען שאַפען אַ סוממע פון אַ הונדערט מיליאָן. דאָס איז דערווייליע גענוג.

סאַקאַר האָט גענומען שיינען פאַר פרייד און באַלד האָט ער געמאַכט אַ פּלאַן, וויא אַזוי צו פיהרען מאָרגען דיא מלחמה: צוערשט וועט מען דעם קורס אַ ביסעל לאָזען פאַלען, זאָלען זיך דיא שונאים פרעהען אַ ווייליע און מיינען, אַז זיי וועלען זיעגען; דאַן, נאָך זייער כלומרש'דיגען זיעג, וועט קומען דענגרעמאַן מיט זיינע מענשען און וועלען אָנהויבען באָמבאַר־דירען מיט זייערע מילליאָנען, ביז דער שונא וועט אויף טויט דערשטיקט ווערען.

ביידע האָבען זיך געזעגענט זעהר לוסטיג, ביידע זיינען זיכער געווען אין זייער זיעג.

אין א שטונדע שפעטער, ווען דעגרעמאן האט זיך נור וואס אנגעטהאן, אום צו פאהרען ערגעץ שפייזען, איז געקומען צו איהם דיא באראנעססע סאנדארף.

ניט האבענדיג, מיט וועמען זיך עצות צו האלטען, איז איהר איינגעפאלען צו ווענדען זיך צו דעגרעמאן'ען.

א געוויסע צייט האט מען גערעדט, אז זיא שטעהט מיט איהם אין נאהענטע בעציהונגען, אין דער אמת'ען אבער, זיינען זיי נור געווען נאהענטע גוטע פריינד.

זיא האט איהם דערצעהלט, וויא זיא איז געווען ביי גונ־ זערמאן'ען און אז ער האט איהר געזאגט, אז ער שפיעלט ניט אויף „פאלען". דעגרעמאן האט געלאכט און זיך געמאכט, אז ער גלויבט גונדערמאן'ען.

— אויף דער בערזע קען מען גאר נישט וויסען — האט ער געזאגט—וויא ווער עס קויפט. דיא בערזע איז וויא א גע־ דיכטער וואלד ביינאכט, יעדער טאפט אין דער פינסטערניש. הערט מען זיך צו אין דער דאזיגער פינסטערניש צו נארישע באבע־מעשות, מוז מען זיך מיט דער נאז אנקלאפען.

— זאל איך, הייסט עס, ניט פערקויפען — האט זיא אונרוהיג געפרעגט.

— פארקויפען? צו־וואס? דאס וואלט געווען דיא גרע־ סטע משוגעת. מארגען ווען מיר ווידער זיין דיא הערען פון דער בערזע. דיא אקציען פון דער „וועלט־באנק" וועלען ווידער שטייגען ביז דריי טויזענד הונדערט פראנק. דערווייל־ע האלט! וויא שפעטער וועט ניט זיין, מיט דעם מארגענדיגען קורס וועט איהר זיכער צופריעדען זיין... מעהר קען איך אייך נישט זאגען.

דיא באראנעססע איז אוועקגעגאנגען. דעגרעמאן האט שוין געוואלט זיין פאלאץ פערלאזען, ערשט עס האט זיך דער־ הערט א נייער קלונג. ער האט ביי זיך בעשלאסען נישט אויפצונעהמען מעהר קיינעם און פאהרען. ווען אבער דער לאקעי האט איהם אריינגעטראגען דעלעראקי'ס קארטע, האט ער בעפוילען איהם גלייך אריינצופיהרען.

דעלאראקי איז געווען זעהר אויפגערעגט און ווען דער לאקעי איז ארויס, האט ער געזאגט:

— הערט נור, מיין טהייערער, איך קען דאך רעכנען אויף אייער פריינדשאפט, ניט אמת? דאס איז א סוד... מיין שוואגער יאקאבי האט מיר פערטרויט, אז גונדערמאן און אנדערע האבען בעשלאסען צו מאכען מארגען א'ן ענד צו דער „וועלט־באנק". זיי וועלען פערפלייצען דיא בערזע מיט אק־ציען... יאקאבי האט שוין דיא ארדערס בעקומען...

— צום טייפעל! — האט דעגרעמאן ארויסגעמורמעלט צווישען דיא ציינער און איז בלייך געווארען.

איהר פערשטעהט—האט דעלאראקי געזאגט ווייטער—איך האב זעהר גרויסע ארדערס אויף „שטייגען", כמעט אויף פופ־ציג מיליאן... מיט אזא סוממע קען מען לייכט ברעכען האלז און נאקען... דערפאר פאהר איך איצט ארום צו אלע מיינע בעסטע קונדען, זאלען זיי וויסען... פיעלייכט איז עס ניט אזוי ריכטיג, אבער איך מיין דיא טובה פון מיינע קונדען...

— צום טייפעל! — האט דעגרעמאן ווידער אויסגע־שריען.

— קורץ, מיין פריינד, וואס דענקט איהר, זאל איך טהאן מיט אייערע ארדערס?

— פערקויפט מיינע אקציען, פערקויפט! — האט דעגרע־מאן אויסגעשריען—קויפט נישט, פערקויפט! אין געשעפטען, וואס מוזען פאלען, בלייב איך ניט. איך וויל ניט זיין קיין העלד, איך וויל ניט איינשטעלען! איך האב ביי אייך פאר דריי מיל־ליאן אקציען, פערקויפט! פערקויפט אלע!

דעלאראקי האט זיך געאיילט צו זעהן אנדערע זיינע קונדען.

דעגרעמאן האט איהם געדריקט ביידע הענד און געזאגט:

— איך דאנק אייך, איך דאנק אייך זעהר, איך וועל עס אייך קיינמאל נישט פערגעסען. פערקויפט, פערקויפט אלע!

און ווען ער איז דערנאך ווידער אליין געבליעבען, האט

ער אריינגערופען דעם דינער און איהם געהייסען אין ארדנונג ברייננען זיינע האָר און באָרד.

אה, וואָס פאר א לעהרע ער האָט דאָס מאָל געהאַט! שיער ניט אריינגעפאלען, וויא א נארישער איננעל. וואָס דען, אז מען האָט געשעפטען מיט א משוגענעם!

אין דעם זעלבען אבענד האָט אויף דער קליינער בערזע אויסגעבראָכען דיא פאניק. דער קורס פון דיא „וועלט באנק'ס" אקציען איז זעהר געפאלען. דיא מעקלערס, וואָס האָבען דאָ גע־האַנדעלט, זיינען אלע געווען פון דער „קוליסע". דיא נאַכט איז געווען אַ פינסטערע. א גרויסער עולם האָט זיך פערקליעבען אונטער דעם שווארצען הימעל און געקוקט, וויא דיא שפעקולאנ־טען קויפען און פערקויפען. א סך אקציען פון דער „וועלט־באנק" איז געווען צו פערקויפען, קיינער האָט אָבער ניט געקויפט. פער־שידענע קלאנגען וועגען דעם אונטערגאנג פון דער „וועלט־באנק" האָבען זיך דאַרטען געטראָגען. מען האָט זיך געשראָקען — פיעל, וואס זיינען געקומען קויפען, האָבען פערקויפט.

דער עולם האָט גענומען פיהלען, אז עס קומט א גרויסער קראך.

אויף מאָרגען איז געווען א מיאוסער וועטער; א גאנצע נאַכט האָט גערעגענט און נאָך איצט ניט אויפגעהערט. דער צו־גאַנגענער שנעע האָט זיך פערוואנדעלט אין געלע קויט און אין בלאָטע. האלב איינס האָט אויף דער בערזע און ארום דער בערזע שוין געקאָכט. דיא נאַסע רעגענשירמס, פון וועלכע עס האט געקאפעט, האָבען אנגעמאכט גאנצע טייכען אין זאאל. דיא שווארצע וועגד זיינען פייכט געווען וויא פון אן אונגעזונדען שוויים. פון דעם הויכען גלעזערנעם דאך איז געפאלען ארונ־טער א דונקעל־רויטליכעס ליכט איבערפיללט מיט אומעט.

צומישט פון דיא קלאנגען, וואָס האָבען זיך געטראָגען, האָט דער עולם געזוכט מיט דיא אויגען סאקאר'ן. ער איז געשטאַ־נען אויף זיין שטענדיגען פלאץ פרעהלאך און מוטהיג, וויא אימער, זיכער, וויא אין דיא גרעסטע טעג פון זיין טריאומף. געווים האָט ער געוואוסט, אז אויף דער קליינער בערזע זיינען

נעכטען זיינע אקציען געפאלען אויף גאנצע דריי הונדערט פראנק און ער האט זיך געריכט, אז זיינע שונאים וועלען איהם היינט ביטערער אטאקירען, אבער ער איז געווען זיכער, אז זיין פּלאן, וואס ער האט פּארבערייטעט פאר היינט, וועט האבען גרויס ערפאלג.

פריהער וועט ארויסטרעטען דעגרעמאן מיט זיינע ארדערס, דערנאך דיא פרישע מיליאנען, מיט וועלכע דעגרעמאן און זיינע פרייגד וועלען אנהויבען באמבארדירען. ער וועט זיכער מנצח זיין. זיין אייגען געלד האט ער ניט געקענט ארויסשטעלען אין קאמפּ[illegible] ווייל דיא רעזערוו־קאסע פון דער „וועלט־באנק" איז שוין גע[illegible] אין גאנצען אויסגעליידיגט....

[illegible] האט אנגענומען זיינע ארדערס, און גאנץ גרויסע, ווען ע[illegible]יהם דערצעהלט פון דעגרעמאן'ס שטיצע, כאטש סא[illegible]יהם נאך ניט בעצאהלט דיא פריהערדיגע רעכנונג. זיין [illegible]טיק איז געווען צו לאזען דעם קורס פאלען אויף עטליכע פראנק, אבער ניט אויף פיעל, ביז דעגרעמאן מיט זיינע מענשען וועלען ארויסטרעטען און נעהמען קויפען.

דיא אויפרעגונג אויף דער בערזע איז געווען אזוי גרויס, אזוי פיעל מענשען האבען גערעדט פון א פאניק, אז אפילו מאססיא און סאבאטיאני האבען פון זיך דיא מאסקעס ארונטערגעווארפען און זיינען צוגעגאנגען צו סאקאר'ן און האבען מיט איהם אפען זיך מיישב געווען, וויא און וואס צו טהאן.

זיי זיינען אבער באלד פון איהם אוועק. סאבאטיאני צו מאזא'ן און מאססיא צו נאטהאנסאן'ען, צו דער „קוליסע".

צעהן מינוט צו איינס איז אריינגעקומען מאזער מיט א געל פנים און צוטראגען. א גאנצע נאכט האט איהם דער לעבער געמוטשעט און ער האט אן אויג ניט געקענט צומאכען.

אז ער איז צוגעגאנגען צו פּילערא'ן, האט יענער איהם, וויא געוועהנליך, גענומען „קיבעצען" גאר אהן רחמנות:

— איהר זייט עס, מיין ליעבער? דער לעבער מוטשעט אייך אודאי? אלע זיינען היינט פרעהלאך, אויפגעלעגט; היינט וועלען מיר אייך, פערקויפער, אנקוועטשען שוין גוט דיא נאז...

איהר מעגט זיך ריכטען... זעה נור, וויא פער'צרה'ט ער קוקט אוים! א גליק, וואס ניט אלע מענשען טראָגען זייער קראנקען לעבער אויף דער נאָז!...

און דאָך איז פּילערא'ס פרעהליכקייט געווען א געמאכטע, א געצוואונגענע. ארום איהם איז גאָר ניט געווען פרעהלאך. דער רעגען אין דרויסען, דיא אומעטיגע האלב־פינסטערניש אין זאאל מיט דיא פייכטע ווענט, דאָס סוד'ען זיך פון מענשען דאָ און דאָרט, דיא צוטראָגענע פּנים'ער, דיא אונרוהיגע אויגען ארום — דאָס אלעס האָט ווייט ניט געמאכט קיין פרעהליכען איינדרוק. מענשען זיינען ארומגעגאנגען מיט אזוינע מינעם און האָבען אזוי געריעדט, אקוראט וויא זיי וואָלטען זיך געפונען ביי א קראנקען אין צימער.

— וואָס שווייגט איהר, סאלמאן? — האָט פּילערא גע־פרעגט מיט געמאכטער פרעהליכקייט — איהר האָט מורא צו ריידען?

— אודאי האָט ער מורא! — האָט זיך ארייגגעמישט מאזא.

ארום סאקאר'ן האָבען זיך פערקליבען אלץ מעהר און מעהר מענשען, וועלכע האָבען אין זיינע אויגען געזוכט אן ענט־פער אויף דיא שרעקליכע קלאנגען, וואָס האָבען זיך געטראָ־גען. מענשען האָבען שפּעטער דערצעהלט, אז דעגרעמאן און אורע זיינען אומיטנע יענעם טאג ניט געקומען אויף דער בערזע. קאָלב האָט אויך געלאָזט וויסען, אז ער קען ניט קומען, מחמת ער איז זעהר פערנומען. דערפאר איז דאָ געווען מארקיז באהיין, וועלכער איז ארומגעגאנגען צופריעדען וויא אלע מאָל, זייענדיג זיכער אז, אזוי צי אזוי וועט ער מאכען געלד. דען מאזא האָט נעהאָט זיינע אָרדערס אויף צו קויפען אקציען פון דער „וועלט־באנק" און יאקאָבי אויף צו פערקויפען דיא זעלבע. מיט אנ־דערע ווערטער: ער האָט אין איין צייט שפּעקולירט אי אויף „שטייגען", אי אויף „פאלען".

דיא מענשען ארום סאקאר'ן, זיינע בלינדע אנהענגער, האָבען זיך באלד בערוהיגט, וויא נאָר זיי האָבען דערהערט א

פּאָר ערמוטערענדע ווערטער פון זייער געטשקע'ס ליפּען. זיין שמייכעל האָט אָנגעצונדען האָפנונג אין סעדיל'ן הארצען, זיין האנד־דרוק האָט גערעדט פון מיליאָנען צו מאזשענד'ן... ער איז געווען אזוי זיכער ביי זיך, אז ער האָט זיך גענומען קלאגען אויף א קליינינקייט:

— שטעלט זיך נאָר פאָר — האָט ער געזאגט צו דיא ארו־מיגע — שטעלט זיך נאָר פאָר, וואס פאר אן עגמת נפש איך האָב היינט. מען האָט מיר נעכטען געבראכט א קאמעליע (אזא בלום) און מען האָט זיא איבער דער נאכט איבערגעלאָזט אויף'ן הויף אין אזא קאלטען וועטער און איצט איז זיא פער־פראָרען.

דיא דאָזיגע געשיכטע האָט זיך באלד צוטראָגען איבער'ן גאַנצען זאאל אלס בעווייז פון דעם, וויא שטארק זיכער ער איז ביי זיך, ווען ער קען דיינקען פון אזא קליינינקייט, מסתמא איז ער איבערצייגט אין זיין זיעג.

— וויא שטאָלץ ער שטעהט עס! — האָט זשאנטרו איינ־גערוימט מאססיא'ן אויפ'ן אויער, בעת יענער איז איהם פער־בייגעגאנגען.

פונקט אין דעם זעלבען מאָמענט האָט סאקאר צוגערו־פען צו זיך זשאנטרו'ן און ביי איהם געפרעגט, אויב דיא באַ־ראָנעסע ווארט דאָרט אין איהר קאָטש, וויא אימער, בשעת פלעגט זיך ריכטען אויף א קריזיס.

— זיא ווארט — האָט זשאנטרו געענטפערט — און זי האָט אייך געשיקט זאָגען, אז זיא איז לייב און זעלע מיט אייך. מיר אלע זיינען דא, וויא איין מאַן.

סאקאר האָט צופריעדען א שמייכעל געטהאָן, כאָטש ער האָט וועניג געטרויט איהר איבערגעבענהייט צו איהם. אין דעם דאָזיגען קריטישען מאָמענט איז ער געווען איבער־צייגט, אז ער וועט זיעגען, אז דיא אלע זיינע טויזענדער קליי־נע קונדען און אקציאָנערען, וואס האָבען איהם פערגעטערט, וועלען שטעהן מיט איהם, וואס דאָרט זאל ניט פּאסירען.

צום סוף האָט זיך דערהערט דאס קלינגען פון'ם גלאָק.

וויא דער קלאנג פון א שטורם־גלאק האט זיך דורכגעטראגען איבער דיא צומישטע מוחות פון דיא ספעקולאנטען.

מאזא, וועלכער האט פלארי'ן געזאגט, וואס צו טהאן, האט זיך שנעל צוריקגעקעהרט אויף זיין פלאץ אין פארקעט, וועהרענד פלארי, בלייך און אויפגערעגט, איז אוועקגעלאפען אין דער טעלעגראפען־קאנטאר, אום אויפנעהמען די דעפעשען מיט ארדערס. זייט א געוויסער צייט האט ער פערלארען, מחמת ער האט נאך אלץ געגלויבט אין דעם מזל פון דער „וועלט באנק" און סאקאר'ן. היינט האט ער בעשלאסען צו ספעקולירען ווידער, ווייל ער האט אונטערגעהערט אונטער דיא טיהר, ווען סאקאר האט דערצעהלט מאזא'ן, אז דענגרעמאן וועט איהם היינט שטיצען מיט הונדערט מיליאן.

דיא געשווארענע בערזען־מעקלער אין פארקעט האבען אויסגעזעהען אזוי צוטראגען, וויא דיא קונדען זייערע אין זאאל. זינט דעם לעצטען מאל פאלען פון דיא „וועלט־באנק"־אקציען האבען זיי געפיהלט, אז דער באדען אונטער זיי האט גענומען זינקען. זיי זיינען געווען געגוג ערפאהרען, אום צו וויסען, צו וואס אזא פאלען קען פיהרען זיי אלעמען. שווין־זשע וועט ווידער זיין א פאניק, וואס ברעכט אויס יעדע צוועלף־פופצעהן יאהר און לאזט זיך נאך איבער דער'הרג'עטע און צוקאליעטשעטע אין דיא טויזענדער ?

דיא דריי קאמיסארען זיינען געזעסען אויף זייערע הויבע שטוהלען מיט דיא פעדערס אין דיא הענד און האבען געווארט.

באלד האט זיך דערהערט יאקאבי'ס באס־שטימע : —
איך האב אקציען פון דער „וועלט־באנק" צו פערקויפען !
אקציען פון דער „וועלט־באנק" פערקויף איך צו צוויי טויזענד אכט הונדערט !

דאס איז געווען דער לעצטער קורס פון קליינער בערזע געבטען ביי־נאכט.

מאזא האט גערעכענט, אום ניט צולאזען ווייטער פאלען דעם קורס, צו קויפען גלייך אויף דעם דאזיגען פרייז.

זיין שטילער קול האָט איבערגעשריען דיא אַלע איבעריגע:

— צו צוויי טויזענד אכט הונדערט נעהם איך.... דריי הונדערט שטיק!...

מאזא האָט אָבער לאַנג נישט געקענט האַלטען דעם קורס. פון אַלע זייטען האָט מען אָנגעבאָטען אקציען פון דער „וועלט־באַנק" צו פערקויפען. א האַלבע שטונדע לאַנג האָט ער פערצווייפעלט געקעמפּפט און געקויפט, קיינער איז איהם אָבער נישט געקומען צו הילף, אום צו פערמיידען דעם שנעלען פאַלען פון דיא אַקציען. צו זיין איבערראשונג האָט איהם אפילו דיא קוליסע אויך ניט אונטערשטיצט. וואו איז נאַטהאנסאן? ווארום קויפט ער ניט? וואָס ווארט ער? ערשט שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט, אז נאַטהאַנסאָן, דער־וויסענדיג זיך פון דער אמת'ער לאַגע, האָט איבערגעגעבען זיינעם א פריינד צו פערקויפען דיא אַלע אַקציען, וואָס ער האָט פאר סאקאר'ן געקויפט, פון דעם האָט דער קורס פון דער „וועלט־באַנק'ס" אַקציען אויך מורא'דיג געליטען.

מאססיא, וועלכער האָט ספּעקולירט אויף זיין אייגענער רעכנונג נור אויף „שטייגען", איז צוגעלאָפען צו מאזא'ן און האָט איהם איבערגעגעבען וועגען דער שרעקליכער לאַגע ביי דער „קוליסע". דעמאָלט האָט מאזא דעם קאָפּ אין גאַנצען פערלאָרען און אויסגעשאָסען זיינע לעצטע פּאַטראָנען מיט דעם, וואָס ער האָט אויף איין קלאַפּ אָפּגעקויפט דיא גאַנצע צאָהל אַקציען, וואָס ער האָט אין זינען געהאַט צו קויפען, ביז ד'עגרעמאַן וועט אָנקומען מיט זיין פערשפּראָכענער הילף. דאָס האָט ווידער אויפגעהויבען דעם קורס אויף צוויי טויזענד זעקס הונדערט און פופציג, און סאקאר, מאזא און זייערע אָנהענגער האָבען שוין ווידער גענומען האָפען אויף א זיעג, אויב מען זאָל דעם שטייגען אזוי אָנהאַלטען ווייטער, ביז דעג־ר'עמאַן'ס הילף... זשאַנטרו איז ארויסגעלאָפען, אנזאגען דיא גוטע בשורה דער באַראָנאַססע סאַנדארף און פלארי איז א גליקליכער אוועקגעלאָפען זוכען סאבאטיאַני'ן זיין „שטרויַ־מאַן", אום איהם צו געבען א נייעם אָרדער צו קויפען.

אָבער אום צוויי אוהר, ווען קיין הילף איז נאָך אַלץ ניט אָנגעקומען, איז מאזא גאָר צומישט געוואָרען. וואָס טהוט זיך דאָרט? ווארום קומט ניט דעגרעמאַן מיט זיין געזעל־שאפט?

ער האָט דערפיהלט אַ קאַלטען שוויים אויף׳ן שטערן, כאָטש ער האָט זיך געסטארעט אויסצוקוקען דרייסט און מונטער.

יאקאבי האָט ווידער אָנגעהויבען אָנצובאָטען נייע און ווידער נייע אקציען פון דער „וועלט־באנק", מאזא האָט שוין אָבער מעהר ניט געקויפט. ער האָט געקוקט מיט ווילדע אויגען אויף דעלאראָקי, דעגרעמאַן׳ס מעקלער, און האָט זיך געוואונ־דערט, ווארום שווייגט ער.

דער דיקער בערזען־מעקלער מיט זיין ברייטער באָרד און רייכען אויסזעהן האָט געשוויגען, אקוראט וויא ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט.

און פּלוצלונג, אנשטאט צו ווארפען זיך אין קאמפף פאר דעם קורס פון דער „וועלט־באנקס" אקציען, אנשטאט צו קוי־פען דיא דאָזיגע אקציען, וויא מען האָט געקענט ערווארטען פון דעגרעמאַן׳ס מעקלער, האָט ער מיט אַ הייזעריגען קול גע־נומען שרייען:

— אקציען פון דער „וועלט־באנק" האָב איך צו פערקוי־פען! אקציען פון דער „וועלט־באנק"....

אין ווייניגער פון עטליכע מינוטען האָט ער אָנגעבאָטען פאר עטליכע מיליאָן אקציען פון דער „וועלט־באנק" צו פער־קויפען. עטליכע שטימען האָבען זיך אָנגערופען. דיא קורסען האָבען גענומען פאלען.

— צו צוויי טויזענד דריי הונדערט פערקויף איך! צו צוויי טויזענד דריי הונדערט....

— וויפיעל?

— פינף הונדערט.... זעקס הונדערט...

מאזא האָט ניט געגלויבט זיינע אויערען. וואָס רעדט דעלאראקי? וואָס טהוט זיך דאָ? אנשטאט דער הילף,

וואָס ער האָט ערוואַרטעט, האָבען זיך בעוויעזען נייע פיינדליבע רעגימענטען... פון אַלע זייטען איז דיא דאָזיגע שרעקליכע אַטאַקע אָנגעגאַנגען אויף דיא אַקציען פון דער „וועלט־באַנק“, אפילו פון יענע זייטען, פון וואַנען מען האָט הילף ערוואַרטעט.

א מורא׳דיגע פאַניק האָט אויסגעבראָכען.

אין דעם דאָזיגען מאָמענט האָט מאזא געפיהלט, וויא דער טוידט וואָלט אויף זיין פּנים געהויכט מיט זיין פראָסטיגען אַטהעם. סאַקאר איז איהם שולדיג געוועזן גרויסע סומען געלד און איצט איז איהם קלאָר געווען, אז צוזאַמען מיט דער „וועלט־באַנק“ און סאַקאר׳ן געהט ער אויך אונטער.

און דאָך איז זיין שעהן, דונקעל פּנים מיט דיא דינע וואָנצעם געבליבען אונבעוועגליך און דרייסט. ער האָט ווייטער געקויפט, האָט אויפגענומען דיא אַלע אָנגעבאָטענע אַקציען מיט זיין דינעם, שניידענדיגען קול. זיינע געגנער יאַקאַבי און דעלאַראַקי האָבען ארויסגעוויעזען מעהר אנגסט פון איהם, כאָטש זיי האָבען זיך געסטאַרעט ניט ארויסצו־ווייזען עס, דען איצט איז זיי קלאָר געוואָרען מאזא׳ס געפעהרליכע לאַגע און זיי האָבען זיך געפרעגט, אויב ער וועט אומשטאַנדע זיין צו צאָהלען נאָך אזא פּאַניק.... זייערע הענד האָבען זיך קראַמפּהאַפט בעוועגט, זייערע שטימען האָבען מיט מעכאַנישער געוואָהנהייט געשריען : „אַקציען צו פערקויפען“, וועהרענד אין זייערע שטאַרע בליקען האָט זיך אָפּגעשפּיעגעלט די גאַנצע שרעק פון דער געלד־דראַמאַ.

און אין א האַלבער שעה שפּעטער האָט דיא פּאַניק אַלעמען ארומגעכאַפּט. אפילו דיא, וואָס זיינען אָט ערשט געווען דיא פערברענטסטע אָנהייגער פון סאַקאר׳ן, וואָס האָבען אין איהם געגלויבט, וויא אין א גאָט, האָבען זיך אַ כאַפּ געטהאָן צו פערקויפען זייערע אַקציען, כאָטש וויפיעל עס־איז ראַטעווען !.... אַ מבול פון ארדערס צו פערקויפען האָט אַ שטראָם געטהאָן פון אלע זייטען אין פּאַרקעט אריין, פון אלע זייטען האָבען גערעגענט צעטלאַך און צעטלאַך...

און דער דאָזיגער ים פון פּאַפּיערען, וואָס האָט זיך אַ גאַס גע־טהאָן פון אַלע זייטען, האָט דעם חורבן געבראַכט נאָך שנע־לער... דער קורס האָט גענומען זינקען מיט אַ מורא׳דיגער שנעלקייט: טויזענד פינף הונדערט, טויזענד צוויי הונדערט, ניין הונדערט... קיין קויפערס זיינען שוין מעהר ניט געווען, דער שלאַכטפעלד איז פערוויסט געוואָרען און אויף איהם זיינען איצט געלעגען אָהן אַ צאָהל טויטע און צוקאַליעטשעטע...

דיא דריי קאָמיסאַרען, זיצענדיג אויף זייערע הויכע שטוהלען, האָבען איצט אויסגעזעהן, וויא בעאַמטע, וואָס האָ־בען אין זייערע ביכער אריינגעשריבען טויט־פּאַסירונגען...

ארום האָט געהערשט אַ שרעקליכע שטילקייט, אַ בית־עולם שטילקייט, אקוראַט וויא אַלע אַנוועזענדע וואָלטען זייערע שטימען פערלאָרען פאַר שרעק. דיא דאָזיגע שטילקייט איז געוואָרען נאָך מורא׳דיגער, ווען אין אַ ווײַלע ארום האָט זיך דיא בערזע געשלאָסען און עס איז בעקאַנט געוואָרען, אַז דיא אַקציען פון דער „וועלט־באַנק" זיינען געפאַלען ביז צו דעם קורס פון אַכט הונדערט און דרייסיג...

מאַזאַ איז אריינגעגאַנגען מיט יאַקאָבי׳ן און דעלאַראַ־קי׳ן אין מעקלער־צימער. ער איז צוגעגאַנגען גלייך צום שענק־טיש און אויסגעטרונקען אַ גלאָז ביער, אום צו קיהלען דעם פייער, וואָס האָט אין איהם געברענט.

דאָס צימער ארום איהם האָט אויסגעזעהן, וויא געוועהנ־ליך, מיט זיין לאַנגען טיש אין דיא פערציג ווייכע קרעסלאַס, עס האָט זיך איהם אָבער אויסגעוויזען אַזוי פרעמד, אַזוי אונ־בעקאַנט, אקוראַט וויא ער וואָלט דאָ דאָס ערשטע מאָל געווען. ד׳ערנאָך האָט ער שטום אַ דריק געטהאָן יאַקאָבי׳ן און דעלאַראַ־קי׳ן דיא הענד, דערביי זיינען זיי אַלע דריי בלייך געוואָרען — און ער איז אַרויס.

ביי דער טהיר האָבען אויף איהם געוואַרט פלאַרי און גוסטאַוו סעדיל, דער ערשטער איז געווען מורא׳דיג דערשלאָ־גען: ער האָט היינט פערלאָרען טויזענד הונדערט פראַנק, וועל־כע ער איז קיינמאָל ניט אימשטאַנדע געווען צו בעצאָהלען;

דער צווייטער, גוסטאוו, איז געווען רוהיג וויא אימער און האָט זאָרגלאָז געשמייכעלט, הפּנים וואָס זיין פאָטער איז היינט רו־איגירט געוואָרען האָט ער זיך שטארק ניט גענומען צום הארצען.

מאזא איז צוגעגאנגען צו זיי, האָט זיי געזאָגט א פּאָאַר ווערטער און איז דערנאָך צוזאמען מיט זיי אוועק צו זיך אין קאנטאָר.

און סאקאר? א געוויסע צייט האָט ער, קוקענדיג דער גע־פאַהר מוטהיג אין פּנים אריין, ניט פערשטאנען אין גאנצען זיין חורבן... וואָס מיינט דאָס דיא דאָזיגע מהומה? וואו איז דאָס דעגרעמאַן מיט זיינע מענשען? ווארום טרעטען זיי ניט ארוים? און אז ער האָט גאָכדעם געהערט, וויא דיא קורסען פאלען מיט אזא אימפּעט, האָט ער צונויפגענומען אלע זיינע כוחות, אום צו שטארבען, וויא א מאַן.

א שניידענדיגער פּראָסט האָט איהם ארומגענומען אין גאנצען, ער האָט דערפיהלט וויא פון דיא פיס ביז'ן קאָפּ פרירט ער, בעת עס איז איהם קלאָהר געוואָרען וואָס ארום איהם טהוט זיך. עס האָט איהם ניט וועה געטהאָן דאָס פער־לאָרענע געלד, ער האָט אויך ניט געטרויערט נאָך דיא פער־געניגענס, וואָס ער וועט פון היינט אָן ניט קענען מעהר גע־ניסען, נור דער גלענצענדער זיעג פון גונדערמאַן'ען, וואָס יענער פערבלייבט דער קעניג פון'ם געלד־מארק — דאָס האָט איהם מורא'דיג וועה געטהאָן; וואָס ער איז בעזיעגט און ער־ניעדריגט—דאָס האָט איהם שרעקליך געמוטשעט.

אין דיעזען מאָמענט האָט ער אין דער אמת'ן הערליך אויסגעזעהן; זיין גאנצע קליינע פיגור האָט זיך אויסגעצויגען אין איהר גאנצען וואוקס אין קאמפּף געגען שיקזאל; זיין פּנים און אויגען זיינען וויא פארגליוועוערט געוואָרען. ער האָט דער־פיהלט, אז דער ווילדער צאָרן און פערצווייפלונג פון דיא פער־אונגליקטע וועט זיך באלד אין א שטורם פערוואנדלען, און דעם דאָזיגען שטורם האָט ער געוואָלט אויפנעהמען אליין און מיט א רוהיגער מינע.

און באלד האָט טאקע דער שטורם איבער'ן גאנצען זאאל

אויסגעבראָכען, גאַנצע כוואַליעס פון צאָרן און פערצווייפלונג האָבען זיך צו איהם צוגעטראָגען, צונויפגעדריקטע פויסטען, קללות און זידלערייען; דעם דאָזיגען שטורם אָבער האָט ער געענטפערט מיט אַ רוהיגען שמייכעל...

ער האָט פון ווייטען בעמערקט מאַזשענד'ן, וועלכער איז געוועזן בלייך, וויא דער טויט, און וועלכען קאַפּיטאַן שאָווע האָט אונטער דיא הענד געפיהרט, שרייענדיג, אז ער האָט איהם געוואָרענט, געבעטען זיך ביי איהם, ער זאָל פערקויפען; איצט קען ער זעהן, וואָר איז גערעכט געוועזן. דערנאָך איז איהם פערביייגעגאַנגען סעדיל מיט אויגען, וויא ביי אַ משוגענעם; דער אַמאָל־רייכער פאַבריקאַנט איז איצט געוועזן אַ בלוטיגער אביון. דאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געדריקט סאַקאַר'ן דיא האַנד, אַקוראַט וויא ער וואָלט וועלען זאָגען, אַז ער איז אויף איהם ניט בייז. זשאַנטרו איז אַרויסגעלאָפען אַנזאָגען דער באַראָנעסע דיא שרעקליכע בשורה. זיא וועט געוויס פאַלען אין היסטעריקע, וויא יעדעס מאָל, בעת זיא פלעגט פיעל פערלירען. דאן האָט סאַקאַר בעמערקט סאַלמאַן'ען, מאַזער'ן און פילעראַ'ן, דער ערשטער מיט זיין רעטזעלהאַפטען שמייכעל, דער צווייטער מיט אַ זויערען פנים, כאָטש ער האָט היינט פיעל געלד געוואונען, און דער לעצטער פרעהלאך און שטאָלץ, וויא אַלע מאָל, כאָטש ער האָט היינט אַ גרויסע סומע געלד פערלאָרען.

סאַקאַר האָט זיך אָבער ביז אַהער נאָך אין גאַנצען ניט פערלאָרען און איז געשטאַנען פעסט אויף זיינע פיס.

פלוצים האָט ער דערהערט הינטער זיך דעם נאָמען פעיא, און דער נאָמען פון דעם דאָזיגען שפּעקולאַנט פון וועגדאָם האָט איהם דערמאָנט אן דיא טויזענדער אָרימע לייט, פעיא'ס קונ־דען, וואָס האָבען זייער לעצט ביסעל געלד אַריינגעלייגט אין דיא אַקציען און איצט זיינען זיי אַלע בעגראָבען אונטער דיא חורבות פון דער „וועלט־באַנק". דערנאָך האָט ער פאַר זיך דערזעהן דעם אַלטען דעזשוא מיט דער העכסטער פערצווייפ־לונג אין דיא אויגען. אין דער זעלבער צייט האָבען זיך איהם

פאַרגעשטעלט דיא בלייכע פערצוויפעלטע פנים'ער פון דער אַלטער גרעפין באוויליע און איהר טאָכטער און זיי האָבען גע־קוקט אויף איהם מיט טרעהרען אין דיא אויגען, אַזוי אומ־גליקליך, אַזוי רחמנות'דיג . . .

ערשט דעמאָלט האָט סאקאר, דיעזער רויבער, וואָס האָט, דאכט זיך, קיין מענשליך הארץ ניט געהאט, און וועלכער האָט שטאָלצירט מיט דעם, וואָס זיינע קניע האָבען קיינמאָל ניט געוואוסט, וואָס דאָס מיינט אַזוינס וואנקען, — ערשט דעמאָלט האָט ער דערפיהלט, וויא דיא קניע בויגען זיך אונטער איהם, און ער האָט זיך ארונטערגעלאָזט אויף דער באַנק, נעבען וועל־כער ער איז דיא גאַנצע צייט פריהער געשטאַנען.

און דיא אויפגערעגטע פערצוויפעלטע מענשען האָבען זיך נאָך געטראָגען צו איהם צו און געסטראשעט איהם צו דער־שטיקען. ער האָט פעררינען דעם קאָפּ אין דער הויך, אַזוי וויא ער וואָלט געזוכט לופט פאר זיין אָטהעם.

פלוצים איז ער אויפגעשפּרונגען, וויא אימיצער וואָלט איהם אַ ביס געטהאָן: ער האָט דערזעהן אויבען אויף דער גאַ־לעריע, וואו דיא טעלעגראַפען־קאַנטאָר האָט זיך געפונען, פרוי מעשען. זיא האָט זיך פון דאָרטען ארונטערגעבויגען מיט איהר שווערען, פעטען קערפּער און בעטראכט דאָס שלאַכטפעלד. נעבען איהר איז געלעגען דיא אַלטע לעדער־טאַש.

איידער זיא האָט דיא ווערטהלאָזע אַקציען אַהין אַריינגע־קוועטשט, האָט זיא דיא טויטע בעטראַכט, וויא אַ הונגעריגע ווילדע חיה.

דאן איז סאקאר ארויס פון זאאַל. אַלעס אין איהם איז געוועזען וויסט און קאַלט און ער האָט געמוזט אָנשטרענגען זיין גאַנצע ווילענס־קראַפט, אום צו געהן גלייך, מיט פעסטע טריט. דיא געדאַנקען אין זיין מוח זיינען וויא פערגליווערט געוואָ־רען. ער האָט ניט געפיהלט דיא ערד אונטער זיינע פיס און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער לויפט איבער אַ דיקען וואָלענעם טעפּיך. פאר זיינע אויגען האָט זיך געטראָגען אַ נע־

בעל־שלייער און אין זיינע אויערען האָט געהילכט און גע־ליאַרמט.

ווען ער איז אַרונטער פון דיא ברייטע טרעפּ, האָט ער דיא מענשען ניט געקענט אונטערשיידען. זיי האָבען זיך איהם אויסגעוויזען, וויא שוועבענדע גייסטער, וויא אונבעשטימטע געשטאַלטען, וואָס האָבען אַרויסגעלאָזט אַזוינע מאָדנע, וויא פון ווייטען אָפּהילכענדיגע טענער.

איהם האָט זיך אויסגעוויעזען, אַז ער זעהט בוש'ס ברייטען פּנים; אַז ער האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט ריידען מיט דעם פּרעהליכען נאַטהאַנסאָן'ען, וועמענס שטימע האָט צו איהם געקלונגען, וויא פון ווייטע ווייטקייט ; אַז סאַבאַטיאַני און מאַססיא בעגלייטען איהם. און דאַן האָט ער זיך ווידער דערזעהן אין מיטען פון אַ גרויסער מענגע מענשען, דאַכט זיך מאַזשענד און סעדיל'ן אויך צווישען זיי, און זייערע אַלעמענס פּנים'ער האָבען זיך געמישט און געפּלאָנטערט פאַר זיינע אויגען. און בעת ער האָט געעפענט זיין רעגען־שירם, אום צו פערשווינדען אין דעם רעגען, האָט ער זיך געווענדעט מיט יענער רוהיגער שטימע, מיט וועלכער ער פלעגט נור ריידען אין דיא טעג פון זיין גרעסטען טריאומפף, צו דיא אַרומיגע נעבעל־געשטאַלטען:

— אַה, וויא מיך ערגערט, וואָס מען האָט דיא קאַמעליא לעצטע נאַכט איבערגעלאָזען אויפ'ן הויף. אין אַזאַ וועטער האָט זיא געמוזט פערפראָרען ווערען, ניט אמת?

.11

אין דעם זעלבען אָבענד האָט דיא פּערצוויפעלטע קאַראָלינע אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו איהר ברודער, וועלכער האָט זיך נאָך געפונען אין רוים, און שפּעטער אין דריי טעג איז העמעלין געווען אין פּאַריז.

זיין ערשטע בעגעגניש מיט סאַקאַר'ן איז געווען אַ שטורמדיגע. זיי האָבען זיך געטראָפען אין דעם זעלבען גרויסען צימער, העמעלין'ס אַמאָליגער ארבייטס־קאַבינעט, וואו דיא ערשטע פּלענער פון גרינדען דיא „וועלט־באַנק“ זיינען געבאָרען

געוואָרען. אין דיא דריי טעג האָבען דיא אקציען פון דער „וועלט־באַנק" נאָך ניעדריגער געזונקען: דער קורס איז גע־פאַלען ביז פיער הונדערט און דרייסיג און האָט ניט אויפגע־הערט ווייטער צו פאַלען. דאָס שליסען זיך פון דער „וועלט־באַנק" האָט מען געקענט ערווארטען יעדע מינוט.

קאראָלינע האָט זיך ניט אריינגעמישט אין דער הייסער אונטעררעדונג צווישען סאַקאר'ן און איהר ברודער. זיא האָט זיך נור צוגעהערט און געשוויגען. עס האָבען זיא געמוטשעט געוויסענביסע, זיא האָט זיך בעשולדיגט, ווארום זיא האָט דיא גאַנצע צייט געשוויגען. אנשטאָדט צו פערקויפען איהרע אייגענע אקציען און שווייגען, האָט זיא געדאַרפט ווארנען דיא אַנדערע מענשען און זיא אַליין האָט געדאַרפט ענערגישער ארויסטרעטען געגען סאַקאר'ן. איהר הארץ האָט געבלוטעט פאַר איהר ברודער, וועלכער איז איצט בעפלעקט געווען אַלס פרעזידענט פון דער „וועלט־באַנק" און וועמענס אַלע פלענער זיינען איצט צוזאַמען מיט דער „וועלט־באַנק" בע־גראָבען. נאָך מעהר האָט זיא געליטען, וואָס אין הארצען האָט זיא געפיהלט, אז זיא קען ניט ארויסטרעטען געגען סאַקאר'ן, אז זיא האָט קיין קרעפטען ניט אויף איהם ארויפ־צוּוואַרפען דיא שולד פאַר דעם דאָזיגען אונגליק, ווייל זיא האָט איהם געליעבט, ווייל זיא האָט צו איהם געהערט דורך יענעם געהיימען באַנד, פון וועלכען זיא האָט קיין קרעפטען ניט געהאַט צו בעפרייען זיך...

און אזוי שטעהענדיג צווישען דיא דאָזיגע ביידע מענער, וואָס יעדער פון זיי איז איהר נאָהענט געווען, האָט זיא ניט געוואוסט, אויף וועמען'ס זייט צו שטעלען זיך. דאָ איז איהר הארץ צעריסען געוואָרען פאַר סאַקאר'ען און דאָ פאַר איהר ברודער.

אין דעם אַבענד פון דער קאַטאַסטראָפע איז זיא געוועזט ארויסגעטראָטען געגען סאַקאר'ן; אַלעס, וואָס עס האָט זיך ביי איהר אין הארצען אָנגעקליעבען פאַר דיא לעצטע עטליכע חדשים, האָט זיא געוואָלט אויסגיסען. ווען זיא האָט איהם

אָבער דערזעהן מיט זיין שמייכעל, ווען זיא האָט אַ טראַכט געטהאָן, וויפיעל כוחות ער דארף איצט האָבען, אום אויף דיא פיס צו קענען איינשטעהן, דעמאָלט האָט זיא זיך געמוזט זאָגען, אַז זיא האָט קיין רעכט ניט צו געבען דעם לעצטען שטויס אַ מענשען, וואָס האַלט זיך קוים אויף דיא פיס, און זיא האָט בעשלאָסען צו שווייגען.

העמעלין אָבער איז שרעקליך בעפאַלען סאַקאר׳ן. ער האָט אַטאַקירט אָהן רחמנות דיא שפּעקולאַציאָן־משוגעת פון דער „וועלט־באַנק", צוליעב וועלכער זיא איז חרוב געוואָרען.

ער האָט צוגעגעבען, אַז אַ באַנק מעג בעשיצען דעם קורס פון איהרע אַקציען, עס מוז דאָך אָבער זיין אַ גרענעץ דערביי. אַ קורס פון צוויי טויזענד האָט מען געקענט אָנהאַלטען ביי אַ׳ן אויסגערעכענטער, פאָרזיכטיגער שפּעקולאַציאָן. אָבער העכער פון דעם קורס, איבערהויפּט העכער פון אַ צוויי טויזענד פינף הונדערט קורס, איז דער ווייטערדיגער טרייבען פון׳ם קורס געווען אַ פערברעכען אי פון מאָראַלישען אי פון געזעצליכען שטאַנדפּונקט. איצט האָט העמעלין שוין געוואוסט אַלעס. ער האָט דורכגעזעהן דיא ביכער און גאַנץ לייכט אויסגעפונען דעם גאַנצען שווינדעל, אַז סאַקאר האָט אונטערגעשטעלט מענשען צו קויפען אַקציען אויף דער רעכנונג פון דער געזעלשאַפט, אום דער קורס זאָל שטייגען. ער האָט דורכגעקוקט סאַבאַטיאַני׳ס קאָנטאָ און ער האָט אין שאַרפע ווערטער אַטאַקירט סאַקאר׳ן, וואָס אויף סאַבאַטיאַני׳ס נאָמען איז פערשריעבען געווען זיעבען און צוואַנציג טויזענד אַקציען, וואָס האָבען בעטראָפען אַ׳ן ערך פערציג מיליאָן פראַנק. נאַטירליך, סאַבאַטיאַני׳ס קאָנטאָ איז אין דער אמת׳ען געווען סאַקאר׳ס קאָנטאָ...

מאָנאַט פיר מאָנאַט איז העמעלין דורכגעגאַנגען דיא ביכער פאַר דיא גאַנצע לעצטע צוויי יאָהר, און איהם איז קלאָהר געוואָרען דער גאַנצער סדר פון סאַקאר׳ס שפּעקולאַציאָנען.

אַם אָנפאַנג האָט מען ווייניג געקויפט, פאָרזיכטיג געקויפט, דערנאָך מעהר און מעהר, ביז סאַבאַטיאַני האָט אויף

זיין נאָמען געהאַט אַקציען אויף פערציג מיליאָן. איז דאָס ניט אַ ווילדע משוגעת: מען נעהמט אַזאַ אונפעראַנטוואָרטליכען מענשען וויא סאַבאַטיאַני און מען פערשרייבט אויף זיין נאָמען אַזוי פיעל אַקציען!.. און סאַבאַטיאַני איז ניט געווען דער איינציגער אַזוי! מען האָט געקויפט אויף דיא נעמען פון פערשיעדענע בעאַמטע און מיטגליעדער פון דעם פערוואַלטונגסראַטה נאָך צוואַנציג טויזענד אַקציען, וואָס האָבען אויך בעטראָפען אַ'ן ערך פערציג מילליאָן. אויסער דעם, האָט דיא „וועלט־באַנק“ נאָך געהאַט מעהר וויא צוואַנציג טויזענד אַקציען, וואָס זיינען איינמאָל אין יאַנואַר געקויפט געוואָרען און האָבען בעטראָפען זיעבען און זעכציג מילליאָן פראַנק, און צעהן טויזענד אַקציען, וואָס אַ'ן אַגענט האָט געקויפט פאַר סאַקאַר'ן און וועלכע האָבען בעטראָפען פיער און צוואַנציג מילליאָן.

דאָס אַלעס האָט בעוויעזען, אַז דיא געזעלשאַפט האָט געהאַט אין איהרע הענד נור אַ פערטעל טהייל פון דיא אַקציען, וואָס זיא האָט ארויסגעגעבען, און האָט פאַר זיי בעצאָהלט דיא געוואַלדיגע סוממע פון צוויי הונדערט מילליאָן—דאָס, וואָס האָט זיא בעגראָבען!...

העמעלין האָט געוויינט פאַר כעס און שמערצען. ווען ער האָט פערלאָזען פאַריז, איז דיא „וועלט־באַנק“ אַזוי גוט געשטאַנען. ער האָט גראַד איצט אויסגעפיהרט זיין פּלאַן, אַז זיא באַנק זאָל אַנערקענט ווערען פון אַלע קאַטהאָליקען, אום אַלע קאַטהאָליקען פון דער גאַנצער וועלט זאָלען זיך אַרום איהר פעראייניגען, כדי מען זאָל קענען אָפּקויפען ירושלים פאַר דעם פּאַבסט וועלכער ווערט איצט אַזוי פערפאָלגט, און מיט אַמאָל... פון אַלעס איז פערבליעבען שטויב און רויך; אַלעס איז בעגראָבען געוואָרען אונטער דעם שטראָם פון שפּעקולאַציאָנען!...

זיין אויפרעגונג איז געוואַקסען: ער האָט געשריעבען און געפאָדערט, מען זאָל איהם ערקלעהרען, ער וויל וויסען, וועלכע געהיימע מאַכט, וועלכע טייפעלשע מאַכט האָט אונטערגע־

טריעבען סאקאר'ן, ער זאָל מיט זיינע אייגענע הענד צושטערען דיא מעכטיגע געביידע, וואָס ער אַליין האָט אויפגעבויט...

סאָקאר האָט זיך ניט געקאָכט. ער האָט צוריק זיין קראַפט געקראָגען און אָנגעהויבען איהם אויפוויזען, אז ער איז אין דעם אונגליק ניט שולדיג. מען האָט איהם פערראַטהען, דיא נעהענטסטע פריינד פון דער באַנק האָבען איהם פערראַטהען און פערלאָזען אין דעם סאמע קריטישען מאָמענט... מען מאכט איהם איצט פאָרווירפע, אז ער האָט געשווינדעלט, פאַרוואָס אָבער האָט מען איהם קיין פאָרווירפע דעמאָלט נישט געמאַכט, בעת דורך דיעזע שווינדלען האָבען מענשען זיך פערמעגענס ערוואָרבען, מיליאָנען? ער האָט געטהאָן דאָס זעלבע, וואָס אַלע באַנק־דירעקטאָרען טהוען, נור מיט מעהר פערשטאַנד און ענערגיע. נאָך איצט גיט ער נאָך אויך ניט אויף זיין זשעניאַלען פּלאַן, אַלע אַקציען אויפצוקויפען, אום גונדער־מאַן'ען צו דערשטיקען. מען דאַרף נור האָבען געלד, נו, איז ער בערייט אָנצוהייבען אַרבייטען אויף'ס ניי, ווידער פון אָנ־פאַנג... אַ ספּעציעלע פערזאַמלונג פון דיא אַקציאָנערען איז פּעררופען געוואָרען אויף קומענדען מאָנטאָג. דיא אַקציאָנערען וועלען זיכער שטיצען דיא באַנק. דערווייל שטיצען דיא אַנ־דערע גרויסע קרעדיט־הייזער און באַנקען, וואָס גיעבען יעדען טאָג געוויסע סוממען, אום נויטיגע, קליינע חובות צו בעצאָהלען, זוייל זיי האָבען מורא, אויב דיא „וועלט־באַנק" וועט פּלוצים באַנקראָטירען, וועט עס זיי אויך שעדיגען.

— אָבער זעהט איהר נישט איין — האָט העמעלין גע־זאָגט—אז דיא שטיצע, וואָס דיא שונאים גיעבען אונז, איז פאר אונז אַ זיכערער טויט? זייער פּלאַן איז צו געווינען צייט פאר זיך, צו פערזיכערען אַפריהער זיך, אום דערנאָך צו קענען אונז טיעפער בעגראָבען... דער איין פאַקט, אז גונדערמאַן שטיצט אונז, בעווייזט, וואָס מיר קענען ערוואַרטען....

און אין דער אמת'ען איז גונדערמאַן געוועזען דער ערשטער, וואָס האָט סאָקאר'ן הילף אָנגעבאָטען, אום צו פערמיידען אַ

באלדיגע פאניק. ער האט געהאנדעלט וויא יענער, וואס האט אונטערגעצונדען א הויז און דערנאך אליין געהאלפען עס לע־שען, אום צו ראטעווען דיא הייזער ארום.

און אז העמעלין האט דערמאנט גונדערמאן'ען, האט סא־קאר געמאכט א'ן אונגעדולדיגע מינע און אויסגעשריען:

— אך, גונדערמאן! ער וויל ווייזען, אז ער איז א פיינער מאן און ער מיינט, אז מיט זיין פיינקייט וועט ער מיך פער־וואונדען אויף טויט.

— מיין פריינד—האט זיך פלוצים אנגערופען קאראלינע, וועלכע האט ביז איצט געשוויעגען: — מיר דאכט זיך, אז אויב דיא באנק וועט אפילו פאלען אין גאנצען, וועט מיין ברודער אויך נישט קאמפראמיטירט ווערען. איהר ווייסט דאך, אז אונזערע אקציען האבען מיר פערקויפט פיעל פריהער, אזוי, אז קיינער וועט איצט נישט קענען חושד זיין מיין ברודער, אז ער האט אומיסטנע געטריעבען אזוי הויך דיא קורסען, אום צו בעקומען מעהר געלד פאר זיינע אקציען... איך מוז אייך אויך זאגען, אז איך גלויב ניט אין אייערע האפנונגען; און דאך זייט איהר גערעכט, מען מוז קעמפפען ביז דעם לעצטען אויגענבליק, און מיין ברודער וועט אייך זיכער ניט שטערען!

זיא האט וויעדער רחמנות געהאט אויף דעם מאן, וועלכען זיא האט אזוי געליעבט, כאטש זיא האט שוין מעהר נישט גע־וואלט האבען צו טהאן מיט זיינע פלענער.

געוויס! — האט העמעלין אונטערגעכאפט, ווערענדיג א ביכעל וויי‌כער: — גאנץ געוויס וועל איך אייך ניט שטערען; אויב נור איך וועל אייך קענען מיט וואס ניט איז העלפען רעטען דיא באנק, וועל איך עס זיכער טהאן.

און אין דאזיגען מאמענט פון העכסטען נויטה און שרעק־ליכסטער געפאהר האט סאקאר בערוהיגט העמעלין'ען און זיין שוועסטער מיט דיא דאזיגע געהיימע ווערטער:

— איהר קענט רוהיג שלאפען... איך טאר דערווייל אייך נישט דערצעהלען, נור איך פערזיכער אייך, אז אין א וואך ארום

וועט אפילו קיין סימן ניט פערבלייבען פון דעם דאָזיגען אונ־גליק.

דיא זעלבע ווערטער האָט סאַקאַר געזאָגט יעדען, אלע זיינע גוטע פריינד און קונדען, דיא גרעפין באַוויליע, מאַזשענד, סעדיל, דעזשוא און טויזענד אַנדערע, וואָס זיינען צו איהם געקומען אַ׳ן עצה פרעגען, אויב עס איז נישט בעסער צו פער־קויפען דיא אַקציען איצט מיט גרויסען אָנוועהר. סאַקאַר האָט זיך געשוואָרען, אַז דער קורס וועט נאָך ווידער שטייגען, ביז צוויי טויזענד, דריי טויזענד פראַנק.

און זיי אַלע האָבען איהם ווידער בלינד געגלויבט, טראָץ דעם וואָס דורך איהם זיינען זיי אַלע אונגליקליך געוואָרען. זאָל ער נור קומען אַ ביסעל צו זיך, ער וועט זיי שוין ארויסשלעפען פון דעם אונגליק! אַזאַ מאַן, וויא ער, וועט עס קענען—האָבען זיי אַלע געדענקט.

און נאָך מעהר וויא זיי האָבען אין איהם געגלויבט, האָט ער אַליין אין זיך געגלויבט: לאָז נור זיין דיא פערזאַמלונג פון דיא אַקציאָנערען, ער וועט שוין זיי בעגייסטערען אַזוי, אַז זיי וועלען דיא באַנק ניט לאָזען פאַלען.

סאַקאַר האָט געהאָפט, אַז זיין ברודער רוגאַן וועט איהם העלפען. דאָס טאַקי האָט ער געמיינט, בעת ער האָט יעדען פערזיכערט, אַז דיא אַקציען פון דער „וועלט־באַנק" וועלען וויע־דער שטייגער. אָבער ווען ער האָט געטראָפען דעגרעמאַן׳ען אונ־טער פיער אויגען און האָט איהם פאָרווירפע געמאַכט, ווארום ער האָט איהם פערלאָזען, האָט דעגרעמאַן איהם געענטפערט:

— מיין פריינד, ניט איך, נור אייער ברודער האָט עס גע־טהאָן!

סאַקאַר האָט דאַן פערשטאַנען, אַז דעגראַמען האָט פיר זיך רעכט: ער איז דאָך צוגעשטאַנען צום געשעפט אויף דער אויסדריקליכער בעדינגונג, אַז רוגאַן זאָל אויך צו דעם געשעפט געהערען. צום סוף גאָר האָט ער געזעהן, אַז סאַקאַר פיהרט אַ קאַמפף געגען רוגאַן׳ען דורך זיין צייטונג! ווייניגסטענס איז דאָס געווען פאַר דעגרעמאַן׳ען אַ גוטער תירוץ. צומישט

פון דעם דאָזיגען ענטפער, איז סאקאר'ן קלאָהר געוואָרען, אַז עס איז געווען אַ גרויסער טעות פון זיין זייט, וואָס ער האָט זיך מיט זיין ברודער געקריעגט: אין דיעזען מאָמענט וואָלט נור זיין ברודער איהם געקענט ראַטעווען...

מיט אַ שווערען הארצען האָט ער געשיקט אורע'ן צום מי־ניסטער רוגאן, ער זאָל ביי יענעם פועל'ן איהם צו העלפען. דער־ביי אָבער האָט ער דעם ברודער אויך געלאָזט וויסען, אַז זיין אַמאָליגען פאָרשלאַג, צו פערלאָזען פראַנקרייך, וועט ער איצט אויך ניט אָננעהמען און איהם אָנצוהערעניש געגעבען, אַז איהם לוינט זיך איצט צו העלפען דער „וועלט־באַנק", ווייל אויב עס וועט זיין אַ סקאַנדאַל, וועט פאַר איהם, אַלס סאקאר'ס ברו־דער, דאָס אויך זיין מיאוס...

אורע איז אָבער צו איהם מיט קיין ענטפער פון דעם מי־ניסטער ניט געקומען, ער האָט איהם נור געענטפערט דורך אַ בריעף, ער זאָל געדולד האָבען...

אין דער אמת'ן אָבער האָט רוגאן בעשלאָסען, איינמאָל פאַר אַלע מאָל פּטור צו ווערען פון זיין ברודער, וואָס האָט איהם זייט יאָהרען פערשוואַרצט דיא אויגען מיט זיינע סקאַנ־דאַליזע מעשים. ער האָט גוט געוואוסט, אַז מיט גוטען וועט ער ביי איהם ניט פועל'ן צו פערלאָזען פראַנקרייך, האָט ער בעשלאָסען צו צווינגען איהם דערצו מיט געוואַלד. איין מאָל וועט ער פון איהם האָבען אַ'ן עפענטליכען סקאַנדאַל און וועט פון איהם פּטור ווערען. ער האָט זיך בעקלערט, אַז מען זאָל סאקאר'ן פערקלאָגען און דערנאָך, ווען מען וועט איהם פער־משפּט'ן, וועט מען איהם דיא מעגליכקייט געבען צו אַנטלויפען. דעמאָלט וועט ער גאָט דאַנקען, ווען מען וועט איהם לאָזען אַנטלויפען.

אויסער דעם, האָט איהם זיך פון פּאָליטישען שטאַנדפּונקט איצט שטאַרק געלוינט, צו פערניכטען דיא „וועלט־באַנק", אום אונטערצו'חנפה'נען זיך צו דיא ליבעראַלען, וואָס האָבען גע־קוקט אויף דער באַנק, וויא אויף אַ שטאַרקער בעשיצערין פון דעם פּאַפּסט, דעם געפעהרליכסטען שונא זייערען.

מען האָט דערנאָך דערצעהלט, אז דער יוסטיץ־מיניסטער דעלקאמבר האָט פאָראויס געזאָגט רוגאן'ען, וויא ער וועט בע־האנדלען סאקאר'ן, אויב ער וועט אריינפאלען צו איהם אין דיא הענד, און רוגאן האָט איהם אויף דעם געענטפערט:

— איך וועל איך טיעף פון מיין הארצען דאנקען, אויב איהר וועט מיך בעפרייען פון איהם.

פון דעמאָלט אָן האָט דעלקאמבר נור ארויסגעקוקט, אז זיין דם שונא סאקאר זאָל צו איהם אין דיא הענד אריינפאלען. און אויף אזא אופן האָט סאקאר געקענט זיך ריכטען יעדען טאָג אויף א פּראָצעס.

איינמאָל איז בוש געקומען צום פּראָקוראָר, וואָס איז געוועזן דעלקאמבר'ס א פלימעניק, אָנקלאָגען סאקאר'ן. ער האָט גע־זעהן, אז אויב ניט איצט וועט ער פון סאקאר'ן קיינמאָל נישט ארויסקריגען דיא פיער טויזענד פראנק, וואָס מען האָט דער פרוי מעשען ניט בעצאָהלט פאר דעם קליינעם וויקטאָר'ס ער־ציהונג. ער האָט אין זינען געהאט אָנצוקלאָגען סאקאר'ן אויף דעם, וואָס ער האָט זיין אייגען קינד פערלאָזען. דערביי וואָלט דאָך געמוזט ארויס אין דער עפענטליכקייט דיא גאנצע מיאוס'ע געשיכטע מיט וויקטאָר'ס מוטער, האָט ער גערעכענט, אז סא־קאר וועט ניט דערלאָזען צו אזא סקאנדאל און וועט גלייך בע־צאָהלען דיא פיער טויזענד פראנק.

דער פּראָקוראָר אָבער האָט אין דער גאנצער געשיכטע ניט געזעהען קיין אורזאַך פאר א קרימינעלע קלאגע געגען סאקאר'ן, אָבער אזוי וויא ער האָט געוואָלט סאקאר'ן ארייננקריגען אין זיינע הענד, האָט ער בוש'ן געראטהען, ער זאָל אָנקלאָגען סא־קאר'ן פאר ספּעקולירען מיט זיינע געלד, וואָס ער האָט געהאל־טען אין דער „וועלט־באנק“ און פאר פאלשען באנקראָט. דאן וועט מען קענען סאקאר'ן ארעסטירען.

בוש האָט אין אָנפאנג ניט געוואָלט, ווייל ער האָט מורא געהאט, אז ווען סאקאר וועט ארעסטירט ווערען, וועט דיא „וועלט־באנק“ זיכער אונטערגעהן און דאן וועט ער דאס געלד ניט קענען אויסמאָהנען, דערנאָך אָבער האָט ער זיך געלאָזט

איינריידען פון דעם פּראָקוראָר. אגב האָט ער זיך מישב געווען, אַז ווען דיא „וועלט־באַנק" וועט אונטערגעהן, וועט ער איהרע אַקציען קענען קויפען אויף׳ן פּוד...

דער יונגער פּראָקוראָר איז דערנאָך אַוועקגעלאָפען צו זיין אָנקעל. סאַקאַר׳ס שיקזאַל איז איצט פערזיעגעלט געוואָרען.

אויף מאָרגען האָט סאַקאַר געהאַט אַ זיצונג מיט דיא צוויי אָוידיטאָרס פון דער באַנק און מיט אַ פאָרשטעהער פון געריכט. דיא זיצונג איז פאָרגעקומען אין דער געביידע פון דער באַנק און אויף איהר איז בעשפּראָכען געוואָרען דיא באַלאַנץ, וועלכער האָט געזאָלט פאָרגעלעזען ווערען אויף דער פערזאַמלונג פון דיא אַקציאָנערען דעם קומענדיגען מאָנטאָג. דיא „וועלט־באַנק" האָט געמוזט אויפהערען ,צו צאָהלען, וואָרים דיא סוממען, וואָס דיא אַנדערע באַנקען האָבען אריינגעשיקט, זיינען ניט גענוג געווען צו דעקען דיא אַלע איינצאָהלונגען, וואָס מען האָט פון איהר איצט געפאָדערט פון אַלע זייטען.

דאָס געריכט האָט ערקלעהרט דיא „וועלט־באַנק" אַלס באַנקראָט, נאָכדעם וויא עס האָט אונטערזוכט איהרע ביכער. סאַקאַר האָט אָבער נאָך ניט אויפגעגעבען זיינע האָפנונגען. אין דעם זעלבען טאָג אָבער, בעת ער האָט געוואָרט אויף אַ׳ן ענטפער פון דיא געשוואָרענע בערזען־מעקלערס וועגען ארויסהעלפען איהם, האָט מען איהם געמעלדעט, אַז דריי לייטע ווילען איהם זעהן אין דעם צווייטען צימער. ער איז ארויסגעלאָפען אהין, מיינענדיג, אַז מען האָט עס איהם ענדליך געבראַכט דעם ערוואַרטעטען ענטפער פון דיא בערזען־מעקלערס, ערשט ער האָט דאָרט געטראָפען, אין׳ם צימער, אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר און צוויי דעטעקטיוום מיט אַ בעפעהל צו אַרעסטירען איהם. דער פּראָקוראָר, ווען ער האָט ערהאַלטען דעם רעפּאָרט פון׳ם געריכט וועגען דער „וועלט־באַנק", האָט גלייך בעשלאָסען צו אַרעסטירען סאַקאַר׳ן אויף׳ן גרונד פון גרויסע אונגעזעצליכקייטען, וואָס דער געריכטס־פאָרשטעהער האָט אויס־

נעפונען אין דיא ביכער. מיט בוש'ס קלאגע האט ער זיך דער־
ביי אויך בענוצט.

אין דער זעלבער צייט האט מען העמעלין'ען אויף ארע־
סטירט ביי איהם אין הויז. איצט האט שוין מעהר קיין פער־
זאמלונג פון דיא אקציאנערען ניט געקענט פארקומען. דיא
„וועלט־באנק" האט אויסגעהויכט איהר לעצטען אטהעם.

קאראלינע איז אין דער־היים ניט געווען, בשעת מען האט
ארעסטירט איהר ברודער. ער האט נור צייט געהאט אנצו־
שרייבען פאר איהר עטליכע צייל'ען. ווען זיא איז געקומען
אהיים און איבערגעלעזען זיינע עטליכע ווערטער, איז זיא
צוטומעלט געווארען. אויף אזא צרה האט זיא זיך גאר ניט
גערעכנט. פארוואס האט מען איהם ארעסטירט? ער האט
דאך קיין אנטהייל ניט גענומען אין דיא אלע שווינדלען, ער
איז דאך גאר דיא גאנצע צייט ניט געווען אין פאריז! נאך
מעהר: באלד נאך'ן באנקראט האט זיא מיט איהר ברודער
אפגעגעבען זייער גאנצעס געלד, אויסער דיא דריי הונדערט
טויזענד פראנק, וואס זיי האבען פון דער ירושה געהאט, און
עס אפגעגעבען אויף דיא חובות פון דער באנק צו בעצאהלען.
זיי האבען עס געטהאן, ווייל זיי האבען געוואלט האבען א
רוהיגען געוויסען.

זיא האט בעשטעלט א'ן אדוואקאט, אום צו בעפרייען איהר
ברודער. זיא איז ארומגעלאפען פון איינעם צו אנדערען און
געבעטען, מען זאל איהר ברודער שטיצען און האט מיט טרעה־
רען אין דיא אויגען גע'טענה'עט, אז ער איז ניט שולדיג.

אין דער זעלבער צייט האט זיא אין איהר הארצען געגנו־
מען האסען סאקאר'ן, וואס נור ער אליין איז געווען שולדיג
אין איהר ברודער'ס אונגליק און שאנדע.

זיא האט זיך ניט ווילענדיג דערמאנט אן יענע צייטען,
ווען סאקאר פלעגט פון איהר לאכען, וואס זיא ציטערט אזוי
פאר אונגעזעצליכקייטען, וואס זיא גריבעלט זיך אזוי אין דעם
געזעץ־בוך, און איצט האט זיא זיך ניט געקענט פערצייהען,
ווארום זיא איז דעמאלט ניט ארויסגעטראטען ענערגישער גע־

נען דיא דאָזיגע אונגעזעצליכקייטען. זיא האָט געדאַרפט וויסען, אַז סוף כל סוף וועט קיין גוטעס פון דעם ניט אַרויסקומען.

אין אַ קורצער צייט האָט זיא אָנגעהויבען אויסצומיידען סאַקאַר׳ס נאָמען צו דערמאָנען, און האָט זיא איהם אמאָל יא דערמאָנט, איז איממער מיט האַס, וויא זיא וואָלט דעם נאָמען פון איהרען אַ בלוטיגען שונא דערמאָהנט.

זיא האָט יעדען טאָג בעזוכט איהר ברודער אין טורמע און סאַקאַר׳ן האָט זיא קיין איין מאָל ניט בעזוכט, אַקוראַט וויא ער וואָלט פאַר איהר געוועזן געשטאָרבען.

אָפט פלעגט איהר אויסקומען צו הערען בעליידיגונגען און קללות פון דיא קרבנות, וואָס פלעגען צו איהר קומען אַהיים שרייען און קלאָגען. זיא האָט גערולדיג איבערגעטראָגען דיא דאָזיגע סקאַנדאַלען און געטראַכט נור, וויא אַזוי אַרויסצוראַטעווען דעם ברודער.

אַם מעהרסטען האָט קאַראָלינע׳ן וועה געטהאָן פאַר דער גרעפין באַוויליע און איהר טאָכטער אַליציע, וועלכע זיא האָט אָפט געזעהן דורך איהר פענסטער.

ערשט פאַר צוויי וואָכען האָבען דיא דאָזיגע אונגליקליכע פרויען געהאַט אַ פערמעגען פון אַ מיליאָן און אַכט הונדערט טויזענד פראַנק אין זייערע זעקס הונדערט אַקציען, און היינט זיינען דיא אַקציען גאָר נישט ווערטה. אויף איין מאָל האָבען זיי פערלאָרען אַלעס: דיא צוואַנציג טויזענד פראַנק, וואָס דיא גרעפין האָט אָפגעשפּאָרט פון איהר עסען אויף נדן פאַר אַליציע׳ן, דיא זיעבציג טויזענד פראַנק, וואָס זיא האָט געבאָרגט אויף איהר גוט אבלע, און דיא צוויי הונדערט און פערציג טויזענד פראַנק, וואָס זיי האָבען בעקומען, בשעת זיי האָבען דעם דאָזיגען גוט פערקויפט. פון וואָס וועלען זיי איצט קענען לעבען? זייער פּאַלאַץ איז געוועזן פערלייגט און זיי האָבען געמוזט צאָהלען אַכט טויזענד פראַנק יעהרליך אויף׳ן היפּאָטעק (מאָרטגעדזש), אויף לעבענסמיטעל האָבען זיי אויך געדאַרפט האָבען אַם ווענינגסטען זיעבען טויזענד פראַנק — און פון וואַנען האָבען זיי דאָס אַלעס איצט געקענט נעהמען?

איין אויסוועג האָבען זיי איצט געהאַט: נישט צו וואַרטען, ביז דיא בעלי חובות וועלען זיי אַרויסוואַרפען פון זייער פּאַלאַץ, נור גלייך אַליין איבערציהען ערגעץ אין אַ ווייטע געגענד אין אַ וואָהנונג פון אַ צוויי צימערען און לעבען אין דחקות און נויט און קאַרגען זיך אַ ביסען ברויט.

דאָס אָבער האָט דיא אַלטע גרעפין אַזוי לייכט ניט געקענט טהאָן. זיא, דיא גרעפין באַווילע, זאָל פערלאָזען איהר פּאַלאַץ, און גיין וואָהנען אין אַ'ן אָרימע קוואַרטיר, עפענטליך אַרויסווייזען, אַז זיא איז אָרעם, רואינירט, — וויא אַזוי קען זיא דאָס טהאָן, וויא אַזוי?!

אַמאָל האָט קאַראָלינע געזעהן, וויא דיא צוויי גרעפינען, דיא מוטער מיט דער טאָכטער, שטעהן אין דער אַלטאַנקע פון'ם גאַרטען און וואַשען וועש. זייער אַלטע קעכין איז קראַנק געווען און האָט זיי נישט געקענט העלפען. איהר מאַן, וואָס איז געווען קוטשער, שווייצאַר און לאַקעי, האָט זיך פון עלטער שוין נישט געקענט ריהרען פון אָרט, דעריבער האָבען דיא גרעפינען אַלעם אַליין געמוזט טהאָן. און דאָך, ווען עס האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון טיר־גלאָק, האָבען מוטער און טאָכטער אַלעם געוואָרפען און געלאָפען אין זייערע צימערען, אום צו אויספּוצען זיך, אום צו בעווייזען זיך פאַר דיא געסט אין זייערע אַריסטאָקראַטישע קליידער. זיי האָבען גענעבען נאָך אַ פּאָר געזעלשאַפטס־אַבענדען, גאָט אַליין ווייס, וויפיעל ניט דערגעסענע טעג דאָס האָט זיי געקאָסט, און נאָך צוויי וואָכען האָבען זיי געקענט אָנהאַלטען פאַר דער וועלט זייער אַמאָליגע הערליכקייט. דאָס אַלעם האָט קאַראָלינע צוגעזעהן דורך איהר פענסטער, און דאָס האַרץ איז ביי איהר צוריסען געוואָרען פאַר רחמנות אויף זיי.

אויף מאָרגען האָט קאַראָלינע איבערגעלעבט נאָך גרעסערע יסורים. מען האָט איהר געמעלדעט, אַז דעזשוא וויל זיא זעהן. זיא האָט זיך געמאַכט האַרץ, בעשלאָסען איהם אויפצונעהמען דרייסט און איז אַרויסגעגאַנגען צו איהם.

— נו, מיין אָרעמער דעזשוא, וואָס הערט זיך עפּעס...

זיא האָט ניט געענדיגט. זיא האָט זיך זעהר דערשראָקען, ווען זיא האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם. ער איז געוועזען זעהר בלייך, זיינע אויגען זיינען געוועזען טויט און אין גאַנצען איז ער געשטאַנען צוגויפגעקאָרטשעט, איינגעהויקערט.

— גו, גו — האָט זיא איהם געוואָלט טרייסטען — דוא דאַרפסט זיך אַזוי דאָס לעבען ניט נעהמען. איך האָף, אַז דיין געלד וועט ניט אין גאַנצען פערלאָרען געהן.

דאַן האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ לאַנגזאַמער שטימע:

— אָה, מאַדאַם, ניט וועגען דעם בין איך צו אייך געקומען! אוודאי, דיא ערשטע צייט איז דאָס געוועזען אַ שווערער קלאַפּ פאַר מיר, ווייל איך בין געוועהנט געוועזען צו דענקען, אַז איך בין רייך. אַז מען געווינט, איז מען וויא שכור... נור דערנאָך... איך האָב שוין ביי מיר גע׳פּועל׳ט זיך וויעדער אַ נעהם טהאָן צו דער ארבייט און ארבייטען אַזוי לאַנג, ביז איך וואָלט וויע־דער געהאַט דאָס געלד פיר איהר נדן... אָבער איהר ווייסט ניט?...

גרויסע טרעהרען האָבען זיך גענומען קייקלען איבער זיינע באַקען.

— איהר ווייסט ניט... — האָט ער געזאָגט מיט געוויין — זיא איז דאָך אַנטלאָפען.

— אַנטלאָפען? ווער? — האָט קאַראָלינע זיך פער־וואונדערט.

— נאַטאַליע, מיין טאָכטער! איהר חתן׳ס פאָטער איז געקומען צו אונז און געזאָגט, אַז זיין זוהן וועט חתונה האָבען מיט אַ מיידעל, וואָס האָט אַכט טויזענד פראַנק נדן. איז זיא אין כעס געוואָרען. איך פערשטעה גאַנץ גוט, וואָרום. ביי איהר איז קיין סוף ניט פערבליעבען און זיא האָט איצט ניט געקענט דערבענען, אַז דער חתן זאָל מיט איהר וועלען חתונה האָבען... אָבער איך... איך האָב זיא אַזוי ליעב געהאַט. איך האָב מיר קיין טאַבאַק ניט געקויפט, כדי זיא זאָל האָבען אויף אַ שעהנעם הוט. איך בין דאָך געוועזען איהר מאַמע אויך. איך האָב זיא

אַליין אויפגעהאָדעוועט און זיא איז געווען מיין איינציגע טרייסט אויף דער וועלט.

דיא טרעהרען האָבען פערשטיקט זיינע ווערטער און ער האָט געיאָמערט אויף'ן קול.

— אה, איך בין אַליין שולדיג—האָט ער זיך געקלאָגט ווייטער — ווען איך וואָלט מיינע אַקציען פערקויפט, ווען איך האָב אָן זיי געקענט פערדיענען אַכט טויזענד פראַנק אויף נדן, וואָלט זיא שוין איצט געווען פערהייראַטהע. נור איהר ווייסט דאָך... דער קורס האָט געשטיגען און איך האָב גע־וואָלט יעדען טאָג מעהר געלד מאַכען... אה, איך אַליין בין שולדיג. בעסער וואָלט געווען, ווען איך זאָל זיך אין טייך אַריינוואַרפען!

קאַראָלינע איז זעהר געריהרט געוואָרען און האָט זיך איהם געלאָזט אויסוויינען. זיא האָט דאָך געוואָלט אַלעס וויסען.

— זיא איז אַנטלאָפען, מיין אַרמער דעזשהוא, וואָס הייסט זיא איז אַנטלאָפען?

און ווען זיא האָט עס ביי איהם געפרעגט, איז ער פּלוצלונג צומישט געוואָרען און זיין פּנים האָט זיך אָנגעצונדען.

— יאָ, זיא איז אַנטלאָפען געוואָרען, שוין דער דריטער טאָג... זיא האָט זיך בעקענט מיט אַ הערר, וואָס וואָהנט געגענ־איבער אונז, מיט אַ גאַנץ פיינעם הערר, דאַכט זיך, אַ מאַן אַ יאָהר פערציג אַלט... קורץ, זיא איז אַנטלאָפען.

און וועהרענד ער האָט ווייטער דערצעהלט, האָט פאַר קאַראָלינע'ס אויגען זיך געטראָגען דאָס בילד פון דער שעהנער בלאָנדער נאַטאַליע'ן, דיא טאָכטער פון דער פאַריזער גאַס. קלאָהרער פון אַלעס האָט זיא געזעהן נאַטאַליע'ס שעהנע אויגען מיט דעם רוהיגען און קאַלטען בליק, פולל מיט אונגעוועהנליכער זעלבסטזוכט. דער פאָטער האָט זיא פערגעטערט און זיא איז געבליעבען ריין און אונשולדיג, כל זמן דאָס האָט זיך פאַר איהר געלוינט, און זיא איז פון'ם וועג אַראָב, האָט איהר ריינקייט און אונשולד פערקויפט, ווען דאָס האָט זיך איהר ווידער געלוינט.

— מיין גאָט! — האָט דעזשוא ווייטער גערעדט, כלי־פּענדיג: — זעהר גוט האָט זיא ביי מיר נישט געהאַט... ווען מען איז שעהן, ווילט זיך לעבען בעסער. דאָך האָט זיא זיך זעהר שלעכט אויפגעפיהרט געגען מיר! זיא האָט זיך אַפילו מיט מיר נישט געזעגענט, קיין בריעף ניט איבערגעלאָזט, נישט פערשפּראָכען, אַז איך וועל נאָך אמאָל זיך קענען זעהן מיט איהר. זיא האָט דיא טיהר פערשלאָסען און ניטאָ מעהר קיין טאָכטער! איהר זעהט, וויא דיא הענד ציטערען ביי מיר? איך בין גאָר אָהן אַ קאָפּ! איך זוך אַרום אין שטוב, כאָטש איך ווייס, אַז זיא איז ניטאָ, אַז איך וועל זיא שוין מעהר נישט געפינען. גאָט מיינער, שוין זשע וועל איך שוין מעהר מיין קינד ניט זעהן, מיין ארעם, טהייער קינד?!

ער האָט אויפגעהערט צו וויינען און זיינע שטילע שמער־צען האָבען אַזוי גערירט קאראלינע׳ן, אַז זיא האָט אָנגעכאַפּט זיינעביידע הענד און קיינע אַנדערע ווערטער ניט געקענט געפינען פאַר איהם, וויא נור:

— מיין אָרמער דעזשוא! מיין אונגליקליכער דעזשוא!..

זיא האָט געוואָלט זיינע געדאַנקען אָפּרייסען פון זיין טאָכטער און גענומען ריידען מיט איהם וועגען דער „וועלט־באַנק“. זיא האָט זיך בעשולדיגט, ווייל זיא האָט איהם גע־לאָזט אַקציען קויפען און האָט זיך אויסגעדריקט וועגען סאַ־קאַר׳ען זעהר פריינדליך, ניט דערמאָנענדיג זיין נאָמען. דע־זשוא איז גלייך געוואָרען אַ לעבעדיגער—דיא שפּעקולאַציאָן־ליידענשאַפט האָט אין איהם ערוואַכט—און ער האָט אויס־געשריען:

— הערר סאַקאַר איז גערעכט געווען, וואָס ער האָט מיר ניט געלאָזט פערקויפען. דאָס געשעפט איז געגאַנגען גלענצענד און מיר וואָלטען זיי אַלע געווען אויפגעגעסען, אַלע שונאים פון אונזער באַנק, ווען ניט דיא פאַלשע מענשען, וואָס האָבען אונז פערראַטהען.... אה, מאדאם, ווען הערר סאַקאַר וואָלט איצט פריי געווען, וואָלט אַלעס אַנדערש געווען. אונ־זער אונגליק איז, וואָס מען האָט איהם אין געפענגנים אַריינ־

געזעצט. נור ער אליין וואלט אונז געקענט ראטעווען.... איך האב עס דעם אונטערזוכונגס־ריכטער געזאגט: „מיין הערר גיט אונז צוריק הערר סאקאר'ן, און איך וועל איהם ווידער מיין גאנץ געלד אנטרויען, איך וועל איהם אפילו מיין גאנץ לעבען אנטרויען, ווייל דיעזער מאן איז א גאט, איהר הערט? ווייל ער קען מאכען אלעס, וואס ער וויל!"

פערוואונדערט האט איהם קאראלינע אנגעקוקט. וויא? דעזשוא איז אויף איהם גאר ניט בייז? ער גלויבט נאך אין איהם, וויא אין א גאט? וואס פאר א מעכטיגען איינדרוק האט סאקאר געמוזט מאכען אויף דעם ווילענלאזען המון, אום אז א דעזשוא זאל נאך אפילו איצט אין איהם אזוי גלויבען!...

— קורץ, ווערטהע מאדאם — האט דעזשוא ווידער אנגעהויבען — איך בין געקומען צו אייך, נור מיין ביטער הארץ אויסצוריידען פאר אייך. אויב איהר וועט זיך זעהן מיט הערר סאקאר'ן, זאלט איהר איהם זאגען, אז מיר האלטען נאך מיט איהם.

און מיט וואקלענדע טריט איז ער אוועקגעגאנגען.

ווען זיא איז דערנאך אליין געבליבען, האט איהר אויף א ווײלע דאס לעבען זיך אויסגעוויעזען אזוי העסליך. דער צער פון דעזשוא'ן האט איהר דאס הארץ צוריסען און איהר פעראכטונג צו סאקאר'ן איז נאך שטארקער געווארען.

אין יענעם טאג האט זיא געהאט געסט איינעם נאך'ן אנדערען. באלד נאך דעזשוא'ן זיינען געקומען צו איהר זשאר־דאן מיט זיין פרוי מארצעלא. זיי זיינען געקומען פרעגען, אויב זייערע עלטערען מאזשינד וועלען שוין טאקי גאר נישט ער־האלטען פאר דיא אקציען פון דער „וועלט־באנק".

זיי האבען געהאט פינף און זיעבציג אקציען, וואס האבען זיי געקאסט אן ערך פון אכציג טויזענד פראנק. דיא אקציען זיינען דערנאך ווערטה געווען צוויי הונדערט און צוואנציג טויזענד פראנק. נור אם ערגסטען איז געווען דאס, וואס דער אלטער מאזשינד האט שפעטער ספעקולירט אויף קרעדיט און בעת דער קורס איז געפאלען, האט ער געמוזט בעצאהלען צוויי

הונדערט טויזענד פראנק, און ער איז געבליעבען אָהן א סו און האָט נאָך זיין הויז אויך געמוזט פערקויפען.

— איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, וואָס פון מיין מוטער איז געוואָרען! — האָט מארצעלא דערצעהלט קאראָלינע'ן — זיא איז אַלע מאָל געווען קארג, פארזיכטיג, און בעת דער פאפא האָט ספעקולירט, האָט זיא איהם רוהען ניט געלאָזט, ער זאָל אזוי לאנג ספעקולירען, ביז ער וועט האָבען זיין מיליאָן. דער פאָטער וואָלט געפאָלגט דעם אָנקעל שאווע'ן, וואָס האָט געשריען, מען זאָל דיא אקציען פערקויפען, זי ?בער האָט בשום אופן דאָס ניט דערלאָזט, און איהם געטריעבען צו קויפען ווייטער און ווייטער...

עס טהוט מיר זעהר לייד דאס אייך צו זאָגען — האָט קאראָלינע געזאגט — אָבער מיר דאכט זיך, אז אייערע עלטערען וועלען שוין פאר זייערע אקציען גאר ניט בעקומען.... א רחמנות! אלטע לייט, געוואהנט צו א גוט לעבען, וואס וועלען זיי איצט טהאָן?

— מיר וועלען זיי מוזען העלפען — האָט זשארדאן געענטפערט — מיר זיינען אפילו ניט רייך, נור עס הייבט אָן בעסער צו ווערען און מיר וועלען זיי ניט לאָזען ליגען אויף דער גאס.

זשארדאן האָט דערלעבט איצט זיין גליקליכע צייט. מיט א קורצער צייט צוריק איז זיין ערשטער ראמאן ערשיענען אין א בוך און האָט גרויס ערפאָלג געהאט. איצט איז ער געווען רייך, האָט פערמאָגט זיינע עטליכע טויזענד פראנק און אַלע טהירען זיינען פאר איהם איצט אָפען געווען; ער האָט געברענט פאר אונגעדולד צו נעהמען זיך פאר א נייער ארבייט און איז זיכער געווען, אז ער וועט ווייטער אויף האָבען ערפאָלג.

— ווען מיר וועלען זיי ניט קענען נעהמען צו זיך — האָט ער ווייטער גערעדט — וועלען מיר פאר זיי דינגען א קליינע קווארטיר. ניט געפעהרליך, מיר וועלען זיי ניט לאָזען הונגערען.

מארצעלא, וועלכע האָט געקוקט אויף איהר מאַן מיט פערליעבטע אויגען, האָט זיך גענומען טרייסלען פאר התפעלות:

— אה, פויל, פויל, וויא גוט דו ביזט!

און זיא האָט זיך צו־וויינט.

— בערוהיגט זיך, ליעבעס קינד, איך בעט אייך, — האָט קאראָלינע געזאגט, צולויפענדיג צו דער יונגער פרוי מיט א פערוואונדערטען פנים: — איהר דארפט עס אזוי ניט נעהמען זיך צום הארצען.

— לאָזט מיך. לאָזט מיך—האָט מארצעלא געזאָגט, — איך וויין ניט דערפאר... ווען איך האָב חתונה געהאט, האָבען מיר מיינע עלטערען ניט געוואלט געבען קיין נדן, ווייל איך האָב געוואָלט הייראטהען מיין פויל'ן, כאָטש ער איז געווען אָרים... ווען זיי וואָלטען מיר דאמאלס געגעבען נדן, וואָלט דיא בערזע ביי זיי ווייניגער אויפגעפרעסען...

קאראָלינע און זשארדאן האָבען זיך געמוזט צולאכען. אָבער דאס האָט גאָר ניט בערוהיגט מארצעלא'ן און זיא האָט געוויינט ווייטער:

— דאָס איז אָבער נאָך ניט אלעס: ווען פויל איז געווען מיין חתן, האָט זיך מיר איינמאָל גע'חלום'ט, אז איך בין א פרינצעסין און איך ברייננ מיין ארימען פרינץ פיעל, פיעל אוצרות, אום איהם בעהילפיג צו זיין א גרויסער דיכטער צו ווערען... צום סוף מוז ער מיך האָבען אויף זיין קאָפּ און איצט נאָך מיינע עלטערען... אה, וויא ביטער מיר איז!...

זשארדאן האָט ארומגענומען זיין פרוי.

— וואָס פלאפּעלסטו, נארישע ווייבעלע מיינע?—האָט ער ארויסגערעדט מיט ליעבע אין קול—דיינע עלטערן האָב איך צו פערדאנקען, וואָס איך האָב אזא ליעבינקע, שעהנינקע ווייבעלע. איז דאָס ווייניג? וועלכע אוצרות פון דער וועלט וואָלטען מיר געקענט אזוי גליקליך מאכען, וויא דיין ליעבע?

מיט איינמאָל האָט זיא זיך בערוהיגט, גליקליך פון דעם געדאנק וועגען זיין הייסער ליעבע. זיא האָט איהם געענט־

פערט מיט א גליקליכען שמייכעל, און ער האט דערוויילע גע־
רעדט ווייטער:

— ווען דיינע עלטערן וועלען ניט זיין דאגעגען, וועלען מיר פאר[illegible] נעהמען א וואהנונג אין גלישי. דארט האב איך געזעהן ביליגע הייזלעך מיט גערטלאך. ביי אונז אויף'ן קוואר־טיר איז אפילו גאנץ שעהן, אבער צו ענג, איבערהויפט נאך, ווען מיר ריכטען זיך...

ער האט זיך א קעהר געטהאן מיט א שמייכעל צו קאראלי־נע'ן, וועלכע איז טיעף גערירהט געווען פון דער דאזיגער פאמיליען־סצענע.

— מיר וועלען באלד זיין זאלבע־דריט—האט ער געזאגט —ניט אמת, מאדאם, אז דאס איז דיא טהייערסטע מתנה, וואס א מאן קען זיך ווינשען פון זיין פרוי?

מארצעלא איז רויט געווארען. קאראלינע האט אויף איהר א קוק געטהאן און האט ערשט בעמערקט, אז זיא הארף ווערען מוטער. איהרע אויגען זיינען פערלאפען מיט טרעהרען.

— אה, איהר ליעבע קינדער—האט זיא געזאגט, טיעף גערירהט — אימר זאל איהר זיך אזוי ליעב האבען,, אימער: דאן וועט איהר אימער זיין גליקליך!

איידער זיי זיינען אוועקגעגאנגען, האט זשארדאן איהר נאך דערצעהלט פון דער רעדאקציאן „ל'עספעראנצע". אלע מיטארבייטער האבען שפעקולירט, נור ער איינער ניט. דער־פאר האבען איהם אלע דארט פעראכטעט. ווען סאקאר איז ארעסטירט געווארען, איז דיא צייטונג אויך געפאלען, אלע מיטארבייטער זיינען זיך צולאפען, נור איין זשאנטרו איז געבליעבען. ער קלאמערט זיך אן דער צייטונג מיט דער הארט־נעקיגקייט פון א פערצווייפעלטען. ער איז שוין א פערלארע־נער מענש. דיא דריי גוטע יאהר, וואס ער האט געהאט, האבען פון איהם א תל געמאכט. ער האט גע'שיכור'ט און געהול־טא־יעוועט, האט זיך ארויפגעווארפען אויף'ן לעבען, וויא א הונ־געריגער אויף א רייכען מאהלצייט. און דאך לעבט מיט איהם

דיא באראנעססע סאנדארף, ווארים זיא דענקט, אז דורך איהם וועט איהר געלינגען צוריק אפגעווינען דאס געלד, וואס זיא האט פערלארען אויף דער בערזע.

זערהערט דעם נאמען פון דער באראנעססע, איז קאראלי־נע א ביסעל בלאס געווארען. זשארדאן, וועלכער האט ניט גע־וואוסט פון דער געגנערשאפט פון דיאביידע פרויען, האט דערצעהלט ווייטער:

— איך וויים ניט, ווארום זיא האט זיך איהם אפגעגעבען. נור אויב דיעזער טיעף געזונקענער קערל געדענקט נאך, וויא איהר פאטער האט איהם מיט דיא פים געטראטען, האט ער איצט זיין נקמה!.. איך בין אמאל געקומען אין דער רעדאק־ציאן אריין, אום צו מאהנען, וואס מיר קומט, און איך האב צופעליג בייגעוואהנט אזא סצענע, וואס איך וועל קיינמאל אויף מייז לעבען ניט פערגעסען. ווען איך האב געעפענט דיא טיהר פון זשאנטרו׳ס צימער, האב איך מיט מיינע אויגען אליין גע־זעהן, יויא זשאנטרו האט זיא געפאטשט, וויא דיא ניעדריגסטע שטראסען־פרוי. איז עס ניט שרעקליך !

מיט אן אויסדרוק פון עקעל האט קאראלינע איהם געהייסען שווייגען. זיא האט געפיהלט אזוי וויא דיא דאזיגע אונער־הערטע ערניעדערונג וואלט זיא אליין בעשמוצט.

מארצעלא האט זיך אויפגעהויבען פון׳ם ארט און זיא אנ־גענומען פאר א האנד.

— מיינט ניט — האט זיא געזאגט — אז מיר זיינען געקו־מען אייך ערגערען. פערקעהרט, מיין פויל לאזט ניט אויף הערר סאקאר׳ן קיין איין שלעכטע ווארט ריידען.

— צו מיר איז ער שטענדיג גוט געווען — האט זשארדאן געזאגט — איך וועל איהם קיין מאל ניט פערגעסען דיא טובה, וואס ער האט מיר געטהאן מיט דעם, וואס ער האט מיך בעפרייט פון דעם שרעקליכען בוש׳ן. אויב איהר וועט איהם זעהן, מאדאם, גיט איהם איבער מיין גרוס און זאגט איהם, אז זשארדאן און זיין פרוי זיינען איהם זעהר דאנקבאר.

ווען זיי זיינען אוועקגעגאנגען, איז קאראלינע געוועז אוי־

סער זיך פאר כעס. זיי זיינען איהר דאנקבאר, פאר וואס? ווייל ער האט רואינירט זייערע עלטערן, דיא מאזשענדעס? דיעזע זשארדאן'ס זיינען איהם אזוי דאנקבאר, וויא דעזשוא. און דאך איז זשארדאן אזא אינטעליגענטער מענש, א שריפט־שטעלער, ער האט דאך אודאי געדארפט קוקען מיט קלארע אויגען אויף סאקאר'ן, אויף דעם נידערטרעכטיגען סאקאר'ן, ועלכער האט א גאנצע וועלט צושטערט!

אין דעם זעלבען טאג האט קאראלינע געדארפט צו געהן צו מאזא'ן וועגען דאקומענטען, וואס זיא האט נויטיג געהאט פאר איהר ברודער'ס פראצעס, און אויך וועגען דעם, צו גע־וואהר ווערען, וואס ער, מאזא, וועט זאגען, אויב מען וועט איהם רופען אלס עדות.

זיא האט געהאט מיט איהם אפגערעדט, זיא זאל ביי איהם זיין ארום פיער נאכמיטאג, נאך בערזע־צייט, און אזוי וויא ביז פיער האט זיא נאך געהאט אנדערטהאלבען שטונדען, האט זיא דערווייל גענומען ברייגגען אין ארדנונג דיא דאקומענ־טען, וואס זיא אליין האט צונויפגעקליבען. אין דיא דאזיגע דאקומענטען האט זיא געזוכט אן ענטפער אויף דער פראגע: וואו זיינען דיא אלע מיליאנען פון דער „וועלט־באנק" אהינ־געקומען?

מען האט גערעדט, אז גונדערמאן אליין האט ביי דעם דאזיגען קראך געכאפט בלויז ארום פופציג מיליאן, דאס אי־בעריגע איז פערבליבען ביי דיא פערשיעדענע שפעקולאנטען, אי פון סאקאר'ס צד, אי פון גונדערמאן'ס צד. צום ביישפיעל, דעגרעמאן האט געכאפט פון צוועלף ביז פופעהן מיליאן. דער מארקיז באהיין, וועלכער האט געשפעקולירט אי אויף „שטיי־גען", אי אויף „פאלען", האט פון זיין לעצטער שפעקולאציאן אויף „פאלען" ארייגגעקראגען צוויי מיליאן פון יאקאבי'ן. מאזא'ן אבער, וועלכער האט פאר איהם שפעקולירט אויף „שטייגען", האט ער ניט געוואלט בעצאהלען דיא גרויסע סומע, וואס ער האט פערשפיעלט בעת'ן קראך, שפעקולירענדיג אויף „שטייגען".

מאזא האט איהם געסטראשעט, אז ער וועט איהם פאר־קלאגען, הגם ער האט גוט געוואוסט, אז ער קען גאר נישט נעה־מען ביים מארקיז, ווייל אלעס איז ביי איהם אויף זיין ווייב'ס נאמען. מאזא, וועלכער איז רואינירט געווארען, האט אין גאנ־צען דעם קאפ פערלארען.

כמעט אלע מיטגליעדער פון פערוואלטונגס־ראטה האבען אפגעלעקט א פעט ביידעל; מאנכע, וויא אורע און קאלב, דער־מיט וואס זיי האבען פערקויפט זייערע אקציען פאר דעם קראך אויף דעם העכסטען קורס און דיא אנדערע, וויא דעגרעמאן און דער מארקיז, דערמיט, וואס אין דער לעצטער מינוט האבען זיי זיך פעראייניגט מיט דיא שונאים פון דער „וועלט־באנק".

אויסער דעם, האט דער פערוואלטונגס־ראטה אויף איינער פון זיינע לעצטע זיצונגען, בעת דיא „וועלט־באנק" האט שוין געהאלטען שמאל בעשלאסען אויסצוצאהלען יעדען פון זיינע מיטגליעדער דיא סומע פון הונדערט און עטליכע טויזענד פראנק.

מען האט אויך געוואוסט, אז דעלאראק און יאקאבי האבען אויך פערשטאכען דיא פינגער מיט בעדייטענדע סומען; אז נאטהאנסאן האט געמאכט דריי מילליאן און מחמת דעם איז ער איצט געווארען דער קעניג פון דער „קוליסע".

דער דאזיגער נאטאנסאן האט געשפיעלט אויף זיין איינענער רעכנונג. וועהרענד ער האט געשפיעלט פאר סאקאר'ן אויף „שטייגען", האט ער בעת'ן קראך פאר זיך אליין אין גע־היים געשפיעלט אויף „פאלען".

דיעזע און זייא אנדערע ציפערען זיינען דאך ניט גע־ווען בעשטימטע, און קאראלינע האט אויף קלאהר ניט גע־קענט אויסגעפינען, ווער וויפיעל האט געוואונען, ווייל דער מסחור אויף דער בערזע פערבלייבט א סוד פאר דער אויסערער וועלט און דיא בערזענ־מעקלערס האלטען פאר זייער פליכט אפצוהיטען דעם דאזיגען סוד.

אפילו פון דיא נאטיץ־ביכלעך האט מען אויף קלאהר

גאָר ניט געקענט ארויסקריעגען, מחמת איינצעלנע נעמען ווע־רען דאָרט ניט פערשריעבען. אזוי, צום ביישפּיעל, האָט זיא ניט געקענט דערגעהן, וויפיעל געלד סאבאטיאני האָט פער־כאפּט, ווען ער איז פערשוואונדען באלד נאָך'ן קראַך.

סאבאטיאני'ס פערשווינדען איז געווען נאָך א שווערער קלאַפּ פאר מאזא'ן. דיעזער שווינדלער האָט ניט געוואוסט, ביז מען וועט איהם ארויסטרייבען פון דער בערזע און ער איז אנטלאָפען געוואָרען פריהער.

דערנאָך האָט קאראָלינע גענומען אויסרעכענען דיא אונ־גליקען, וואָס דער קראַך פון דער „וועלט־באנק" האָט הינטער זיך איבערגעלאָזט. וויפיעל אונגליקען! וואָס פאר א חורבן! פיעל אנדערע באנקען האָבען געמוזט באנקראָטירען, ווייל מען האָט אויפגעהערט צו טרוימען. פאר דיא דאָזיגע באנקיערען און שפּעקוליאנטען האָט איהר ניט געאַרט; דאָס האַרץ אָבער האָט איהר וועה געטהאָן פאר יענע אונגליקליכע אָרימע לייט, וואָס זיינען אריינגעשלעפּט געוואָרען אין דער שפּעקו־ליאַציאָן דורך דער פּרעססע, דורך רעקלאַמען. זיא האָט זיך דערמאָנט אָן מאזשענדע, דיא גרעפין באוויליע, דעם אלטען דעזשואַ; זיא האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פאבריקאנט סע־דיל, דער איינציגער עהרליכער מענש אין דעם פערוואלטונגס־ביורא. דיעזער אונגליקליכער סעדיל איז איצט אין גאנצען רואינירט געוואָרען...

וואָס וועט איצטער ווערען פון סעדיל'ס זוהן, גוסטאַוו'ן, וועלכער איז אזוי געוואוינט צו לעבען א „גוטען טאָג", — וואָס וועט פון איהם איצט ווערען, נאכדעם וויא זיין פאָטער איז געוואָרען א בלוטיגער אָרימאן? געווים א שווינדלער, א פּשוט'ער טויגעניכטס! מען האָט שוין דערצעהלט וועגען עפּעס א שמוציגען סקאנדאל, וואָס ער האָט געהאַט מיט זשער־מיין גיר, וועלכען ער האָט ארויסגעגעבען וועקסלען אויף פופ־ציג טויזענד פראַנק.

קאראָלינע האָט זיך נאָך דערמאָנט אָן דעם קאָמיסיאָ־נער מאססיא, וועלכער איז אויך אונטערגעגאנגען אין דעם

דאָזיגען חורבן. זיא האָט איהם געקענט, דעם דאָזיגען מענשען, מיט דיא גרויסע, לאַבענדיגע אויגען, מיט דער מינע פון א געשלאָגענעם גוטמוטהיגען הונד, וועלכער פלעגט אויסמעסטען גאנץ פאריז פאר אן אָרדער.

מיט דעם אויפקומען פון דער „וועלט - באנק" איז ער אויך דערהויבען געוואָרען, איז געוואָרען איינער פון סאקאר'ס מענשען און האָט געקראָגען א דעה אויף דער בערזע. און איצט איז ער געלעגען מיט צובראָכענע ריפען צווישען דיא טויזענדער אַנדערע צוקאָליעטשעטע און דער'הרג'עטע און האָט ווידער געקרעכצט זיין אלט ליעדעלע, אז מען מוז זיין א איד, אום צו עפעס צו קומען אויף דער בערזע.

און וויפיעל מענשען זיינען פעראונגליקט געוואָרען, וואָס זייער נאָמען וועט מען קיין מאָל גאָר ניט וויסען! ווי פיעל שרעקליכע שטילע דראמען האָט געשאפען דער דאָזיגער חורבן צווישען דיא קליינע בעלי בתים, צווישען דיא קליינע אקציאָנערען, וועלכע האָבען זייערע לעצטע אָפגעשפאָרטע עטליכע הונדערט פראנק — אפשר דיא ארבייט פון א גאנץ לעבען — ארייגעשפארט אין דיא דאָזיגע שלים - מזל'דיגע אקציעס! ווער נור האָט ניט געקויפט דיא אקציען פון דער „וועלט - באנק". ווער נור האָט ניט שפעקולירט! אמאָליגע הויז - דינער, בלייכע אלטע מוידען, דאָרף - פריסטער, און מיט איין קלאַפּ זיינען זיי אלע רואינירט געוואָרען, וויא פון א פלוצימדיגער עדר - ציטערניש.

הונדערטע הערץ - רייסענדע בריעף זיינען אָנגעקומען פון זוענדאָם, וואו דאָס פערשווינדען פון דעם באנקיער פעיאַ האָט אָנגעמאכט נאָך א גרעסערען חורבן.

דער דאָזיגער פעיאַ, וואָס האָט שפעקולירט פאר זיי און אויף זיין אייגענער רעכענונג, האָט נאָך'ן קראך פערכאפט ביי זיינע קונדען עטליכע הונדערט טויזענד פראנק און איז אנטלאָפען.

נעהענדיג שפעטער צו מאַזאַ'ן, איז קאראָלינע'ן אויף דיא נעדאנקען געקומען, וואָס פאר אן אונגליקען האָבען דיא לעצטע

פּאָר וואָכען געטראָפען דעם דאָזיגען מאזא'ן, פעיאָ האָט ביי איהם פערכאפּט הונדערט טויזענד פראנק ; סאבאטיאַני איז אַנטלאָפען פון פּאריז און איז איהם שולדיג געבליעבען צוויי הונדערט טויזענד פראנק ; דער מארקיז באהאין און דיא באראָנעסע סאנדארף האָבען איהם ניט געוואָלט בעצאָהלען א מיליאָן פראנק, וואָס זיי האָבען פערלאָרען אויף דיא אקציען, וואָס ער האָט פאר זיי געקויפט ; סעדיל'ס באַנקראָטירען האָט איהם געקאָסט א מיליאָן און סאקאר איז איהם שולדיג געבליעבען אכט מיליאָן פאר דיא הלואות, וואָס מאזא האָט געמאכט דער „וועלט־באַנק". חוץ דעם האָט פלאָרי ביי איהם דיא לעצטע טעג גע'גנב'עט הונדערט און אכציג טויזענד פראנק, וואָס ער האָט געדארפט האָבען, אום ניט צו פער־לירען זיין טשוטשו. דעם קליינעם פלאָרי האָט מען ארעסטירט, אָבער דאָס געלד איז פארלאָרען געגאנגען.

אז קאראָלינע איז אריינגעקומען צו מאזא'ן אין קאנטאָר, האָט זיא באלד דערפיהלט דעם חורבן. פאר דער קאַסע זיינען געשטאַנען א מענגע מענשען און דיא קאַסירער האָבען זיי מיט ציטערענדיגע הענד אויסגעצאָהלט חובות ; זיי האָבען גע־וואוסט, אז באלד וועט דיא קאַסע לעער זיין. דיא אַנדערע בע־אַמטע, א זיעבען מאן, זיינען געזעסען און האָבען געלעזען צייט־טונגען, זיי האָבען גאָר ניט געהאט צו טהאָן.

—— איך וויים ניט, אויב איהר וועט זיך קענען זעהן מיט הערר מאזא — האָט איהר געזאָגט בערטהיער, דער שעף פון דער ביוראָ, וועלכער איז ארומגעגאנגען א דערשלאָגענער אי־בער דאָס אונגליק פון'ם געשעפטס־הויז : —ער איז ניט גע־זונד, פערקיהלט. א גאנצע נאכט האָט ער דאָ געארבייט אין א קאלטען צימער, איצט איז ער ביי זיך אין וואוינונג, רוהט זיך אוים.

— איך בעט איך, מיין הערר—איז קאראָלינע פון איהם ניט אָבגעטראָטען — זעהט, איך זאָל מיט איהם קענען עטליכע ווערטער ריידען. עס האנדעלט זיך וועגען מיין ברודער'ס בע־פרייאונג. הערר מאזא וויים, אז מיין ברודער איז ניט שולדיג

אין דיא שווינדלען פון דער „וועלט־באנק“ און זיין עדות זאָ־גען איז פיר אונז זעהר וויכטיג. איך וויל ביי איהם אויף פרע־גען עטליכע זאכען, וואָס נור ער אליין וויים.

— נור, ווארט איין מינוט — האָט בערטהיע געזאָגט — איך וועל פּרובירען... זייט אזוי גוט, ווארט אויף אין דיע־זען צימער.

ער האָט זיא אריינגעפיהרט צו מאזא'ן אין קאבינעט און איז גלייך ארויס.

דאָרט איז געווען זעהר קאַלט און אונמוטהיג, נור אַלעס איז דאָרט געלעגען און געשטאַנען אויף'ן ריכטיגען פּלאַטץ. אויף'ן שרייב־טיש איז געלעגען א בינטעל אָרדער־ליסטען, העל־גרינע ליסטען, דער קאָליר פון האָפנונג.

בערטהיע האָט זיך באַלד צוריקגעקעהרט.

—איך האָב צוויי מאָל געקלונגען און קיינער האָט מיר ניט געענטפערט—האָט ער געזאָגט—איהר וואָלט אליין געפּרופט—האָט ער געזאָגט—איהר וואָלט אליין געפּרופט, אָדער קומט אנאנדערסמאָל.

קאראָלינע האָט זיך אויפגעהייבען און איז ארויסגעגאנגען. פעריבייגעהענדיג אויף'ן ערשטען שטאָק דיא טיהר פון מאזא'ס וואָהנונג, האָט זיא זיך אָפּגעשטעלט און שוין געוואָלט אויס־שטרעקען דיא האַנד צום טיהר־גלעקעל. פּלוצים האָט זיא דער־הערט א געשריי, א געוויין און א ליארם. און באַלד האָט זיך דיא טיהר מיט א'ן אימפּעט געעפענט און פון דאָרטען איז ארויסגעלאָפען א צושראָקענער לאקעי מיט א געשריי:

—גאָט מיינער! אונזער הערר!.. אונזער הערר!..

און ער איז אוועקגעלאָפען איבער דיא טרעפּ.

קאראָלינע איז געבליעבען שטעהן פאַר דער אָפענער טיהר, וויא א'ן איינגעגראָבענע פאַר שרעק. זיא האָט באַלד פער־שטאַנען, אז דאָרט האָט עפּעס א'ן אונגליק געטראָפען און זיא האָט א שוידער געטהאָן. זיא האָט געוואָלט אנטלויפען, אָבער אנשטאָדט דעם האָט וויא א געהיימע קראַפט זיא אין דער אָפע־נער טיהר אריינגעשלעפּט.

אינעווייניג זיינען אלע טיהרען געווען אפען. קאראלינע איז אריין אין זאאל.

אויף'ן שוועל פון'ם זאאל זיינען געשטאנען צוויי דיענ־סטען, מסתמא דיא קעכין און דאס קאמער־מעדכען, און האבען געיאמערט:

—אך גאט! גאט! אונזער הערר! אונזער הערר!..

דיא אפשטארבענדע ליכט פון דעם גרויען ווינטער־טאג האט זיך שוואך אריינגעריסען אין צימער דורך דיא דיקע זיי־דענע גארדינען. אבער אין'ם צימער איז געווען זעהר ווארעם, דיקע שייטלאך האלץ האבען לאנגזאם געברענט אין'ם קאמין און האבען בעלייכטעט דיא וואנד מיט א געל־רויטען שיין. אויף א טיש איז געשטאנען א בוקעט פרישע ראזען, אין דער צייט זעהר א טהיירער בוקעט, וואס דער בערזען־מעקלער האט נעכ־טען געבראכט פאר זיין פרוי. זייער דופט האט זיך צומישט מיט דער אנגענעהמער ווארימקייט אין'ם זאאל. פון יעדען ווינקעלע אין דיעזען הויז האט געאטהעמט מיט גליק און ליעבע, האט ארויסגעשטראהלט דער לוקסוס און רייכטהום. דארט, אונטער דעם רויטען שיין פון'ם קאמין, איז געלעגען מאזא אויף א זאפע מיט א צושמעטערטען קאפ, מיט א רעוואלווער אין האנד, און פאר איהם איז געשטאנען זיין יונגע פרוי, וועלכע איז געקומען צו לויפען אויף'ן קנאל פון זיין רעוואלווער, און איהר פערצווייפעלטער יאמער און געשריי האט דאס קאראלינע דער־הערט, בעת זיא האט געוואלט פריהער אנקלינגען.

ווען זיא האט דערהערט דעם קנאל פון'ם רעוואלווער, האט זיא דעמאלט איהר פיער יאהריגען אינגעלע אויף'ן שויס גע־האלטען; דאס אינגעלע האט זיך ארומגעכאפט פאר שרעק ארום איהר האלז און דאס זעקס יאהריגע מיידעלע האט זיך מיט'ן גאנצען כוח צוגעדריקט צו דער מאמע'ס קלייד.ביידע קינדערלאך האבען גענומען שרייען מיט אימה'דיגע קולות, ווען זייער מאמע האט גענומען שרייען.

קאראלינע האט קודם כל געוואלט זיי ארויספיהרען פון'ם זאאל.

— גנעדיגע פרוי, איך בעט אייך, גערט ארויס פון דאנען...

זיא אליין האט נעציטערט און שיער גע'חלש'ט. פון מא־זא'ס צושמעטערטען קאפ האט גערונען בלוט אויף דער סאמע־טענער זאפע און פון דארט אויף'ן טעפיך. אויף דער פאדלאגע איז געווען א גרויסער בלוטיגער פלעק, וואס איז אלץ גרעסער געווארען, גרעסער און גרעסער. קאראלינע'ן האט זיך אויפגע־דאכט, אז דאס דאזיגע בלוט האט זיא אויך אין גאנצען פער־שפריצט.

— גנעדיגע פרוי, איך בעט אייך, געהט ארויס, קומט מיט מיר—האט קאראלינע זיך געבעטען.

דיא אונגליקליכע פרוי מיט'ן אינגעל אויף דער האנד און מיט דער מיידעלע ביים קלייד האט אבער נישט געהערט, ניט געריהרט זיך פון'ם פלעק, וויא זיא וואלט צוגעוואקסען געווארען צום ארט. זיי אלע דריי, דיא מוטער מיט דיא קינדערלעך, זיי־נען געווען בלאנד און פריש, וויא מילך און בלוט, דיא מאמע האט אויסגעזעהן אזוי צארט און אונשולדיג וויא איהרע קינ־דערלעך. זיי אלע דריי האבען הויך געשריען, ארויסגעקלאגט פון זיך דעם מורא'דיגען שמערץ.

קאראלינע האט זיך אווארף געטהאן אויף דיא קניע און וויינענדיג ווייטער געבעטען:

— אה, גנעדיגע פרוי, איהר צורייסט מיר דאס הארץ. אום גאטעס ווילען, קומט אוועק פון דאנען, קומט מיט מיר אריין אין דעם צווייטען צימער!

אבער דיא מורא'דיגע יאמערדיגע גרופפע האט זיך פון'ם ארט ניט געריהרט. דיא מוטער האט געשריען מיט אימה'דיגע קולות, דיא בלאנדע האאר צולאזען און דיא אויגען אויסגע־גלאצט אויף איהר מאן'ס בלוט; און דיא קינדערלעך האבען זיך געדריקט צו איהר און אויך געשריען.

קאראלינע האט זיך אויפגעהייבען. אין איהר מוח האט זיך געמישט. זי האט געהערט שריט, א געלאף, שטימען. זי איז ארויסגעלאפען, פערפאלגט פון דעם מורא'דיגען יאמער פון דער מוטער און קינדער.

אין דרויסען איז געווען קאַלט און דער הימעל גרוי. זיא האָט גענומען געהן לאַנגזאַמער, מורא האָבענדיג מ'זאָל זי מחמת איהר צושטערטען אויסזעהן, ניט אָננעהמען פאַר א פערברעכע־רין און זיא ניט אַרעסטירען.

וויא אין חלום איז זיא אַהיים געגאַנגען. אין מוח האָט איהר גערוישט און געטומעלט, פאַר דיא אויגען האָבען זיך גע־טראָגען דיא אַלע שרעקליכע בילדער, דער גאַנצער חורבן, וואָס זיא האָט געזעהן אין דיא לעצטע עטליכע וואָכען, און איהר נשמה האָט געקרעכצט און געיאָמערט.

ניין, סאַקאַר מוז זיין שטראָף קריעגען! זיא טאָר אויף איהם ניט קוקען, וויא ביז אַהער: אַקוראַט וויא ער וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען. ער איז יא דאָ אויף דער וועלט, און ער מוז זיין לוין קריעגען! אַך, זיא האָט הפנים זעהר ווייניג געליעבט איהר ברודער, ווען עס האָט ביי איהר אַזוי לאַנג גע־דויערט, ביז זיא האָט אָנגעהייבען צו האַסען סאַקאַר'ן, דעם שרעקליכען מענשען, וואָס האָט רואינירט איהר ליעבען, גוטען, אונשולדיגען ברודער!

איהר גוטער ברודער, ער איז פערשפּאַרט הינטער דיא אייזערנע גראַטעס פון געפענגניס! אה, קיין רחמנות פאַר סאַ־קאַר'ן! לאָז ער אונטערגעהן צוזאַמען מיט זיינע קרבנות, זאָל ער בעגראָבען ווערען, בעגלייט פון דיא יאָמערען און קללות פון דער גאַנצער וועלט!

זיא איז פערבייגעגאַנגען דיא בערזע. דיא זונן איז הינטער איהר פערגאַנגען און געוואָרפען אויף דער מעכטיגער געביידע אַ גרויליך רויטען שיין. עס האָט זיך געדאַכט, אַז הינטער דער בערזע גנב'עט זיך אַ פייער... וויא טרויעריג און פערלאָ־זען זיא האָט איצט אויסגעקוקט!

עס וועט נעהמען אַ היבשע צייט, ביז דיא בערזע ויעט וויע־דער קומען צו זיך פון דעם לעצטען מורא'דיגען קלאַפּ. דאַן וועלען אַוועק וויעדער אַ צעהן־פופצעהן יאָהר, ביז אַ נייעם פּאַניק, ביז אַ נייעם חורבן...

אָבער אין דעם דאָזיגען פּאַרנאַכט האָט קאַראָלינע געזעהן

אין דעם רויטען שיין הינטער דער בערזע עפּעס וויא א סימן, אז דיא וועלט וועט אין גיכען אונטערגעהן.

עס זיינען אוועק מעהר וויא זיבען חדשים זינט מען האט סאקאר'ן און האמעלען'ען ארעסטירט, און זייער פּראצעס איז נאך אלץ ניט פּארגעקומען. קאראלינע, וואס האט צוויי מאל א וואך בעזוכט איהר ברודער, האט דעמאלט אין מיטען פון מאַ־נאט דעצעמבער, אום דריי אוהר נאכמיטאג, אויך געזאלט צו איהם געהן. סאקאר'ן האט זיא נאך קיינמאל ניט בעזוכט, כאטש מען האט איהר פיעל מאל געזאגט, אז ער בעט זיא זעהר, זיא זאל זיך מיט איהם זעהן.

ער, סאקאר, האט פאר איהר מעהר ניט עקזיסטירט. דער־פאר אבער האט זיא ניט פערלארען דיא האפנונג צו בעפרייען איהר ברודער און ווען זיא האט זיך מיט איהם געזעהן, איז זיא געוועזן לוסטיג און פרעהליך, האט איהם דערצעהלט, וויא זיא ארבייט פאר זיין בעפרייאונג, און איהם בלומען געבראכט.

זיא האט נור וואס געמאכט א בוקעט רויטע בלומען, ווען דיא אלטע סאפיע, דיא דיענסט פון דער פּרינצעסין ארוויעדא איז אריינגעקומען און איהר געזאגט, אז דיא פּרינצעסין וויל זיא זעהן.

קאראלינע איז אונרוהיג געווארען. זיא האט געפיהלט, אז דא מוז עפּעס זיין ניט קיין געוועהנליכע זאך, ווען דיא פּרינ־צעסין רופט זיא.

דיא פּרינצעסין האט זיא שוין נישט געזעהן זייט עטלי־כע מאנאטען, יוארים באלד נאך'ן חורבן פון דער „וועלט־באנק" האט זיא זיך ענטזאגט צו זיין סעקרעטערין אין דער „ארבייטס־הויז" און איז אהין זעלטען געקומען, אום גע־וואהר צו ווערען, וויא וויקטאר פיהרט זיך אויף.

זיא האט באלד געפיהלט, אז דיא פּרינצעסין וויל זיא זעהן וועגען איהם.

דיא פּרינצעסין האט שוין געהאט אויסגעגעבען אויף פער־שיעדענע אנשטאלטען דיא דריי הונדערט מילליאן, וואס זיי־נען איבערגעבליעבען נאך איהר מאן'ס טויט. איצט האט זיא

זיך שוין גליקליך געפיהלט, ווען פון דעם גאנצען פערמעגען, וואס איהר מאן האט אנגעראבעוועט, איז קיין סענטים ניט פערבליעבען.

נאך מעהר: איצט איז זיא אליין שולדיג געווען געלד אנדערע און האט ניט געהאט פון וואנען צו בעצאהלען, דערי־בער איז איהר פאלאץ אויסגעשטעלט געווארען צום פערקויפען.

דיא אלטע סאפיע, בעגלייטענדיג קארא־לינע'ן צו דער פרינצעסין, האט פאר איהר אויסגערעדט דאס הארץ. איהר טהייערע מאדאם, דיא פרינצעסין, האט זיך אונגליקליך געמאכט אויף'ן גאנצען לעבען. זיא האט פאר זיך גאר נישט איבערגעלאזט, ניט אפילו גענוג אויף ברויט מיט מילך. דיא פרינצעסין זאגט, אז זיא דארף גאר נישט, אז נאך דעם חודש וועט זיא אריינטרעטען אין א קלויסטער און וועט מעהר דיא וועלט נישט זעהן.

קאראלינע האט געטראפען דיא פרינצעסין אין דעם זעלבען שווארצען אנצוג, אין וועלכען זיא האט זיא געזעהן פאר דיא לעצטע פיער יאהר.

דיא פרינצעסין איז ערשט אלט געווען א יאהר ניין און דרייסיג און זיא האט נאך אויסגעזעהן זעהר ליעבליך.

— איך האב נאך אייך געשיקט—האט דיא פרינצעסין געזאגט, ווען קאראלינע איז אריינגעקומען: — ווייל איך וויל אייך דערצעהלען פון אייער וויקטאר'ן, וועלכען איהר האט אריינגעגעבען אין „ארבייטס־הויז“.

קאראלינע'ן האט א זעץ געטהאן אין הארצען. אה, דאס אונגליקליכע קינד! זיין פאטער האט איהם אפילו קיין איין מאל ניט געזעהן, איידער מען האט איהם ארעסטירט. וואס וועט פון איהם ווערען?

— א שרעקליכע געשיכטע האט נעכטען פאסירט אין דער „ארבייטס־הויז“—האט דיא פרינצעסין גערעדט ווייטער— קיין מאכט אין דער וועלט קען עס שוין ניט פעררינכטען, אבער איהר מוזט עס וויסען.

קאַלט און רוהיג האָט דיא פּרינצעסין איהר דערצעהלט אַ געשיכטע, פון וועלכער ביי קאַראָלינע'ן איז דאָס בלוט פער־גליווערט געוואָרען אין הארצען. דיא לעצטע דריי טעג האָט זיך וויקטאָר בעקלאָגט אויף קאָפּ־שמערצען און כאָטש דער דאָקטאָר האָט איהם פערדעכטיגט, אַז ער מאַכט זיך קראַנק, ווייל ער פוילט זיך צו ארבייטען, האָט מען איהם דאָך ער־לויבט צו ליינען זיך אין בעט. נעכטען נאָכמיטאג איז אליציע באַווילע געקומען אין „ארבייטס־הויז" מיט איהר מוטער דיא אַלטע גרעפין, אום צו זוכען טרייסט צו זייערע ליידען אין דער ארבייט פאַר'ן אַנשטאַלט. אליציע האָט זיך געשטעלט העל־פען מאַכען אָרדנונג אין דעם שראַנק מיט רפואות. דער שראַנק שטעהט אין האָלל צווישען דיא צוויי אבטהיילונגען פאַר דיא מיידלאַך און אינגלאַך. וויקטאָר איז געלעגען אליין אויף דער בעט אין דער אבטהיילונג פאַר אינגלאַך.

דיא באַרמהערציגע שוועסטער, וואָס איז דאָרט געווען מיט אליציע'ן, האָט געמוזט אויף עטליכע מינוט אַוועקגעהן, און ווען זיא האָט זיך צוריקגעקעהרט, האָט זיא זיך פערוואונ־דערט, וואָס אליציע איז ניטאָ אין האָלל. זיא האָט אַ ווײלע געוואַרט און דערנאָך זיא גענומען זוכען. זיא איז נאָך מעהר פערוואונדערט געוואָרען, ווען זיא האָט דערזעהן, אַז דיא אבּ־טהיילונג פאַר דיא אינגלאַך איז פערשלאָסען פון אינעווייניג.

זיא איז אַריין אַהין דורך'ן קאָרידאָר און האָט דערזעהן אליציע'ן ליגען אויף דער בעט, וואו וויקטאָר איז פריהער גע־לעגען, מיט אַ האַנד־טוך אַרום איהר פּנים, כדי זיא זאָל ניט קענען שרייען. דיא קליידער אויף איהר זיינען געווען צוריי־סען... און איהר פּאַרטמאַנע איז געלעגען אָפען אויף ד'ערד. קורץ: מען האָט גלייך געקענט פערשטעהן, וואָס דאָרט האָט געשעהן. וויקטאָר האָט זיא מסתמא גערופען, זיא זאָל איהם דערלאַנגען אַ גלאָז מילך. ווען זיא איז אַריין צו איהם, האָט דער פופצעהן־יעהריגער יונג אַ וואָרף געטהאָן זיך אויף איהר, דאָס מויל איהר פערשטאָפּט, געוואָרפען זיא אויף דער

בעט, געשענדעט, בע׳גנב׳עט און דערנאָך אויף גיך זיך אָנ־געטהאָן און איז אַנטלאָפען.

אליציע׳ן האָט מען אהיים געבראכט א קראנקע, א האלב טויטע.

קאראָלינע האָט שיער ניט גע׳חלש׳ט פאר צער. דאָס בלוט אין איהרע אָדערען איז פערגליווערט געוואָרען. און ניט ווי־לענדיג האָט זיא זיך דערמאָנט אָן דער געשיכטע מיט סאקאר׳ן און אקטאוויע׳ן אויף דיא טרעפ; וויקטאָר האָט געטהאָן פונקט וויא זיין פאָטער!.. אָבער ווארום האָט עס געדארפט טרעפען מיט אליציע׳ן, מיט דיעזער אונגליקליכער טאָכטער פון דער אָפּשטארבענדער אריסטאָקראטיע. ווי אונברחמנות׳דיג איז דער שיקזאל!

— איך וויל אייך ניט מאכען קיין פאָרווירפע—האָט דיא פרינצעסין גערעדט וויטער — איהר זייט ניט שולדיג... אָבער דאָס אינגעל, וואָס איהר האָט גענומען אונטער אייער שוטץ, איז שרעקליך פערדאָרבען.

און א טראכט טהאָנדיג א ווילע, האָט זיא צוגעלייגט:

— מען קען נישט אונבעשטראָפט לעבען צווישען געוויסע מענשען. מיך אליין מוטשעט אויך דאָס געוויסען, ווארום איך האָב ערלויבט צו גרינדען דיא „וועלט־באנק" אין מיין פאלאץ. אזוי דאכט זיך מיר אמאל, וויא איך אליין וואָלט אויך געווען שולדיג אין דער דאָזיגער אונטערנעהמונג, וואָס האָט פעראונ־גליקט אזוי פיעל מענשען. איך האָב ניט געטאָרט צולאָזען, אַז אין מיין הויז זאָל געגרינדעט ווערען אזא שווינדלערישע אונטערנעהמונג... איצט אָבער איז שוין פארפאלען. דאָס הויז וועט שוין מעהר ניט געהערען צו מיר און איך אליין וועל מעהר ניט געהערען צו דער וועלט... גאָט וועט מיר מוחל זיין!

א שמערצליכער שמייכעל האָט גענומען שפּיעלען אויף איהרע ליפּען און זיא האָט א מאך געטהאָן מיט א האנד, אזוי וויא זיא וואָלט וועלען פון זיך אָפּשטויסען דיא גאנצע וועלט און פערשווינדען אויף אייביג, וויא א גוטע געטין.

קאַראָלינע האָט אָנגעכאַפּט די פּרינצעסין פאַר א האַנד, האָט זיא געדריקט און געקושט און געמורמעלט צומישט:

— פערטהיידיגט מיך ניט! איך בין שולדיג!... איך לויף שוין צו דער אונגליקליכער מיידעל, איך וויל זיא זעהן...

און זיא איז ארויסגעלאָפען. די פּרינצעסין מיט דער אַלטער דיענסט האָבען דאַן זיך גענומען פּאַקען פאַר דער גרויסער רייזע, וועלכע האָט זיי געדאַרפט צושיידען נאָך ניין און דרייסיג יאָהר לעבען צוזאַמען.

מיט דריי טעג צוריק האָט די אַלטע גרעפין באוויליע ענדליך בעשלאָסען, איבערצולאָזען איהר פּאַלאַץ די בעלי חובות. פאַר די לעצטע זעקס חדשים האָט זיא ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָהלען די צינזען פאַר דעם היפּאָטעק (מאָרטגיידזש) אויף'ן פּאַלאַץ און איהר אדוואָקאַט האָט איהר געראַטהען, זיא זאָל איבערלאָזען דעם פּאַלאַץ און אריינציהען אין א'ן אָרימע וואָהנונג.

זיא וואָלט אפשר ניט געפאָלגט זיין עצה און וואָלט ווייטער געפּרופט נאַרען די וועלט מיט איהר כלומרשט גרויסאַרטיגען לעבען, וויא ביז אַהער, ווען ניט א נייעם אונגליק. זיא האָט ערהאַלטען א בריעף פון רוים, אז איהר זוהן פערדינאַנד, וואָס האָט דאָרט געדיענט אין דעם פּאַבסט מיליטער, איז געשטאָרבען פון שווינדזוכט. דאָס אונגליק האָט די גרעפין אזוי ניעדערגעשלאָגען, אז זיא האָט פערגעסען אָן איהר גאוה. איהר אַלטען פערד האָט זיא פערקויפט, די קעכין איז בעגאַנגען אויף'ן מארק איינקויפען אין א שמוציגען שירץ, האָט געקויפט פאַר צוויי סו פּוטער און א פונט ווייסע בעבלאָך; די גרעפין אליין האָט זיך געוויעזען אויף דער גאַס אין א שמוציגען מאַנטעל און צוריסענע שיך. איבער א נאַכט איז קיין זכר ניט געבליעבען פון יענער שטאָלצער אריסטאָקראַטקע, וועלכע האָט אזוי לאַנג און אזוי פערביסען געקעמפּפט פאַר איהר נאָמען און פאַר איהר פערגאַנגענהייט.

זי האָט איבערגעצויגען מיט איהר טאָכטער אין איין גרוי־

סען צימער, וועלכער האָט פאַר זיי געדיענט אי אלס שלאָף־צימער, אי אלס זאַאל.

אין דעם זעלבען טאָג, ווען דיא גרעפין האָט געהאַט אריינגעצויגען אויף איהר נייער קוואַרטיר, האָט איהר בעזוכט אַן אונגעריכטער גאַסט, וועלכער האָט זיא אין גאַנצען צו־טומעלט.

צום גליק איז אליציע דעמאָלט אין דער־היים ניט געווען.

דער גאַסט איז געווען בוש מיט זיין ברייטען, שמוציגען פּנים און פערפּלעקטען ראָק.

ער האָט גלייך פאָרגעלייגט זיין געשעפט, געוויזען דעם וועקסעל, וואָס איהר מאַן האָט געגעבען לעאַניע קראַן, און פערלאַנגט, זיא זאָל איהם בעצאָהלען.

ער האָט איהר אין קורצען דערצעהלט דיא גאַנצע גע־שיכטע, וויא אַזוי דער גראַף האָט ארויסגעגעבען דער מיי־דעל דעם דאָזיגען וועקסעל. ער, בוש אליין, פערטרעט דיא מיידעל. זיא וועט זיך פאַר קיין סקאַנדאַל ניט אָפּשטעלען, אויב זיא וועט איהר געלד ניט קריגען.

דיא גרעפין איז בלייך געוואָרען, וויא א טויטע. זיא האָט געפרעגט, ווארום האָט דיא מיידעל ביז איצט געשווי־גען. דאַן האָט איהר בוש דערצעהלט א גאַנצע געשיכטע: דער וועקסעל איז פערלאָרען געגאַנגען און ערשט דאָ ניט לאַנג האָט מען איהם געפונען אין א קופערט.

אַז דיא גרעפין האָט איהם ערקלעהרט, אַז דאָס איז ניט איהר זאַך, האָט בוש געזאָגט, אַז זיין זאַך איז דאָס אויך ניט. מאָנטאג אָדער דיענסטאג וועט ער ביי איהר וויעדער זיין מיט לעאַניע קראַן אליין. זונטאג קען זיא ניט אוועקגעהן פון דעם הויז, וואו זיא ארבייט...

דעם זעלבען מאָנטאג, ווען מען האָט געבראַכט אליציע'ן אהיים א גע'חלש'טע פון „ארבייטס־הויז“, איז בוש צו איהר געקומען מיט לעאָניע'ן.

דיא גרעפין איז דעמאָלט געזעסען אין גאַנצען געברא־

כען אויף א שטוהל און האט קיין שום כח ניט געהאט אפילו צו קרעכצען. אליציע איז געשלאפען אויף דער בעט.

— דא האט איהר מיין קונדין — האט בוש געזאגט — מיר מוזען א סוף מאכען...

דערזעהן דיא גאסען־פרוי, האט דיא גרעפין זיך צונויפ־געקארטשעט. זיא האט אויסגעגלאצט דיא אויגען אויף לעא־ניע'ן. יענע האט געהאט א ברייט, פלאך פנים, מיט געקור־קודעלטע שווארצע האאר, וואס זיינען איהר געפאלען אויף דיא אויגען, און אויסגעפוצט איז זיא געווען שטארק אויפ־פאלענד. מען האט גלייך זיך געקענט אנשטויסען, מיט וואס זיא בעשעפטיגט זיך.

אין דער גרעפינ'ס הארצען האבען זיך געעפענט דיא אלטע וואונדען:

גרויסער גאט! פאר אזוינע ניעדריגע בעשעפעניסען איז דער גראף איהר אונטריי געווען!

— מיין קונדין האט קיין צייט ניט — האט בוש געזאגט גראב — נאך אמאל וועט זיא ניט קומען צו אייך. זיא געפינט זיך אין א הויז אין דער רי פעדרא און זעלטען ווען קען זיא ארויסגעהן פון'ם הויז.

— אין דער רי פעדרא? — האט דיא גרעפין געפרעגט. ניט פערשטעהענדיג וואס ער מיינט.

— נו, יא, דארט איז זיא... אין א'ן עפענטליכען הויז.

וויא א'ן אפגעבריהטע, איז דיא גרעפין אויפגעשפרונגען, איז צוגעלאפען צו דער בעט, וואו אליציע איז געלעגען, און פערצויגען דעם פארהאנג.

אין איהר פיעבער האט אליציע זיך א ריהר געטהאן אונ־טער דער דעקע.

— גאט מיינער — האט דיא גרעפין געטראכט — זיא זאל נור ניט הערען, וואס ער האט געזאגט, זיא זאל נור ניט זעהן דיעזע פרוי!

— פערשטעהט איהר? — האט בוש ווייטער גערעדט — דאס מיידעל האט מיר איבערגעגעבען איהר פראצעס. איך בין

איהר פערטרעטער און ניט מעהר, דעריבער האָב איך געוואָלט, זיא זאָל אַליין געהן צו אייך און מיט אייך ריידען. נו, לעאָניע, רעדט!

לעאָניע, וועלכע איז ניט געוועהנט געווען צו אזעלכע גע־שעפטען, האָט אַנגעקוקט בוש'ן מיט איהרע גרויסע, טרויעריגע אויגען, וויא ביי אַ געשלאָגענעם הונד, און זיך געפיהלט אביסעלע צומישט. באַלד אָבער האָט זיא זיך דערמאָנט אָן דיא טויזענד פראנק, וואָס בוש האָט איהר פערשפּראָכען, און זיא האָט געעפענט דאָס מויל. בשעת זיא האָט גערעדט מיט איהר הייזעריגען, פער'שכור'טען קול, האָט בוש ארויסגענומען דעם גראַף'ס וועקסעל און איהם אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש.

— אָט דאָס טאַקי — האָט זיא געזאָגט, אָנוויי זענדיג אויפ'ן וועקסעל: — איז דאָס זעלבע פּאַפּיר, וואָס דער גראַף הערר קאַרל האָט מיר אונטערגעשריבען... איך בין דיא טאָכ־טער פון קראָן, איהר האָט דאָך איהם מסתמא געקענט, מאַדאַם? הערר קאַרל איז פון מיר ניט אָפּגעטראָטען און האָט פערלאַנגט פון מיר פערשיעדענע שווייגערייען... מיר האָט פון דעם גע־עקעלט. ניט וואהר, ווען מען איז יונג און אונערפאַהרען, ווייס מען גאָר נישט און מען וויל ניט גוט זיין צו אַלטע הער־רען? נור איינמאָל אין אַ'ן אבענד האָט הערר קאַרל מיך אריינגעפיהרט אין אַ שטאָל און דאָרט האָט ער מיר דאָס פּאַ־פּיער אונטערשריבען...

דיא גרעפין איז געשטאַנען וויא פערשטיינערט. דאַן האָט זיך איהר אויסגעוויעזען, אַז זיא האָט געהערט אַ קרעכץ פון אהינטערן פּאָרהאַנג.

— שווייגט! — האָט זיא אויסגעשריען פערצווייפעלט.

לעאָניע אָבער איז ניט אַנשווייגען געוואָרען. איצט, אַז זיא האָט אָנגעהויבען צו ריידען, האָט זיא דורכאויס געוואָלט אויסריידען ביז'ן סוף.

— עס איז דאָך ניט עהרליך — האָט זיא גערעדט ווייטער — ניט צו וועלען בעצאָהלען פאַר פעראונגליקען אַ'ן אונשול־דיג מיידעל... יאַ, מאַדאַם, הערר קאַרל איז געווען אַ באַנדיט,

אַ מערדער!... אַלע פרויען, װעמען איך האָב דיא געשיכטע דערצעהלט, האָבען מיר דאָס געזאָגט... און איך פערזיכער אייך, אַז דאָס, װאָס ער האָט געהאַט פון מיר, איז װערטה געװען, מען זאָל דערפאַר בעצאָהלען...

—אה, שװײגט! שװײגט! — האָט דיא גרעפין געשריען ניט מיט איהר קול, אױפהױבענדיג ביידע הענד געגען לעאָניע'ן, אַקוראַט, װיא אום צו שלאָגען זי: — שװײגט!

לעאָניע האָט זיך דערשראָקען און ניט װילענדיג זיך פערשטעלט דעם פּנים מיט'ן עלענבויגען, װיא אַלע שטראָסען־פרויען װאָס זיינען געװאָהנט אָפּט פעטש צו כאַפּען. אַ מינוט איז דערנאָך שטיל געװען אין'ם צימער און פון הינטער דעם פאָרהאַנג האָט זיך װידער דערהערט אַ קרעכצען און פערשטיקטער שלוכצען.

— אַלזאָ װאָס װילט איהר? — האָט דיא גרעפין געפרעגט מיט אַ הייזעריגער און ציטערענדיגער שטימע.

— איהר פערשטעהט ניט, װאָס זיא װיל! זיא װיל, מען זאָל איהר בעצאָהלען. דיא אונגליקליכע האָט דאָך רעכט, װען זיא זאָגט, אַז דער גראַף באַװיליע האָט זעהר שלעכט געגען איהר געהאַנדעלט, װיא אַ געװעהנליכער באַנדיט.

— אַזאַ חוב װעל איך קיינמאָל ניט בעצאָהלען.

— אויב אַזוי װעלען מיר גלייך פאָהרען פון דאַנען אין געריכטס־הויז און מיר װעלען אָנגעבען דיא קלאַגע, װעלכע איך האָב ביי זיך אַ פאַרטיגע. איהר קענט זיא זעהן... אָט דאָ איז זיא... אַלע פאַקטען, װאָס לעאָניע האָט אייך דאָ דערצעהלט, זיינען אָנגעגעבען אין דער קלאַגע...

— מיין הערר, איהר װעט עס ניט טהאָן; מיט גװאַלד דאַרפט איהר ניט װעלען אַרויסרייסען ביים צװייטען געלד.

— איך װעל עס זיכער טהאָן — האָט בוש געענטפערט — װארום געשעפט איז געשעפט.

אַ שרעקליכע מיעדקייט איז בעפאַלען דיא גרעפין, אַ מורא'דיגע פערצװייפלונג. איהר לעצטער שטאָלץ איז מיט אַמאָל געבראָכען געװאָרען, איהר גאַנצע װילענס־קראַפט האָט

זיא פערלאָרען. זיא האָט גענומען ברעכען דיא הענד און שטאַמלען:

— איהר זעהט דאָך אָבער אונזער לאַגע... קוקט אָן אונ־זער היים... מיר האָבען שוין גאָר נישט... מאָרגען וועלען מיר שוין אפשר ניט האָבען וואָס צו עסען... וואו זאָל איך איצט נעהמען אַזוי פיעל געלד, פון וואַנען?... צעהן טויזענד פראַנק, גאָט מיינער!...

— אה! — האָט בוש געזאָגט מיט אַ שמייכעל — אַזוינע פיינע דאַמען, וויא איהר, קענען אַלע מאָל נאָך עפּעס געפינען, אויב זיי זוכען נור וויא געהעריג איז...

דערביי האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף אַ קליין ציערונג־קעסטעלע, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם קאַמין־געזימס. אין דער־פריה, בעת דיא גרעפין האָט זיך אויסגעפּאַקט, האָט זיא דאָרט אוועקגעלייגט דאָס קעסטעלע און פערגעסען עס צונעה־מען.

דיא גרעפין האָט זיין בליק בעמערקט און אויסגעשריען:

— וואָס? איהר מיינט דיא ציערונג? ניין, ניין, דאָס קיינמאָל ניט!

דיא גרעפין האָט אַ כאַפּ געטהאָן דאָס קעסטעלע, וויא זיא וואָלט עס געוואָלט פערטהיידיגען. דאָס לעצטע ביסעל ציערונג, דיא איינציגע אַנדענקונג פון איהר עהרליכע פערגאַנ־גענהייט, וואָס זיא האָט געהאַלטען פאַר איהר טאָכטער אַלס נדן, איז איצט געווען דער איינציגער הילפס־מיטעל געגען הונ־גער.

— קיינמאָל נישט! — האָט זיא געשריען—בעסער וואָלט איך מיר געלאָזט אַ שטיק פליישׁ אויסשניידען!

אין דיעזער צייט איז אריינגעקומען קאַראָלינע. זיא איז געווען זעהר אויפגערעגט.

אז זיא האָט דערזעהן דיא אונערוואַרטעטע סצענע, האָט זיא געוואָלט גלייך אַרויסגעהן, נור דיא גרעפין האָט זיא מיט איהרע בליקען שטום געבעטען, זיא זאָל בלייבען, און זיא איז געבליעבען.

בוש האָט אָנגעטהאָן דיא הוט און לעאָניע, וועלכע האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר געשראָקען, איז צוגעגאַנגען צו דער טיהר.

— קורץ, גנעדיגע פרוי, הייסט עס, אז מיר מעגען געהן? —האָט בוש געפרעגט.

ער איז אָבער נאָך ניט אוועקגעגאַנגען. אנשטאָט דעם האָט ער ווידער גענומען דערצעהלען דיא זעלבע געשיכטע מיט דיא שענדליכסטע ווערטער, כדי צו ערניעדריגען דיא גרעפין פאר קאַראָלינע'ן.

— נו, אדיע! מיר געהען גלייך אין געריכטס־הויז. דיא גאַנצע געשיכטע וועט בעשריעבען ווערען נאָך דיא וואָך אין דיא צייטונגען... נור אין דעם וועט איהר אַליין זיין שולדיג. איהר אַליין האָט עס געוואָלט!

אין דיא צייטונגען! אזא שרעקליכער סקאַנדאַל וועט בעשריעבען ווערען עפענטליך! איז דען נאָך ניט גענוג, וואָס דאָס אַלטע פערמעגען איז אוועק מיט'ן רויך, אַלעס מוז מיט איהם אונטערגעהן אין שמוץ, אַלעס? ! דיא עהרע פון דעם נאָמען זאָל לכל הפחות גערעטעט ווערען, דיא עהרע פון דעם נאָמען!

און זיא האָט געעפענט דאָס קעסטעלע, און עס האָבען ארויסגעבלישצעט פון דאָרט אויהרינגען, א בראַסלעט, דריי רינגען, ברילליאַנטען און רובינען מיט אַלט־מאָדישע פאַסונגען.

בוש איז צוגעגאַנגען נעהענטער. זיינע אויגען האָבען גענומען קוקען אַזוי צערטליך און פריינדליך.

— אה, דאָס איז ניט ווערטה קיין צעהן טויזענד פראַנק— האָט ער געזאָגט—ערלויבט מיר דאָס אָנצוקוקען.

ער האָט יעדעס שטיקעל ציערונג בעזונדער בעטראַכט, גערעהט אהער און אהין צווישען זיינע דיקע פינגער און גע־קוקט אויף זיי געגען ליכט. ער איז נתפעל געוואָרען פון דער ריינקייט פון דיא רובינען און דיא אַלטע ברילליאַנטען, מיט וואָס פאר א וואונדערבאַרען פייער זיי האָבען געלייכטעט!!

— זעקס טויזענד פראַנק איז עס ווערטה! — האָט ער

ענדליך געזאגט—איך רעכען נור דיא שטיינער, דיא פאסונגען רעכען איך ניט, זיי זיינען אלט מאדיש, גאר נישט ווערטה... נור וואס זאלען מיר טהאן? מיר ווענלען זיך מוזען בעגניגען מיט זעקס טויזענד פראנק...

דיא גרעפין האט אבער דאך ביי זיך ניט געקענט פועל'ן אוועקצוגעבען דאס ציערונג. איהר האנער האט ווידער אין איהר ערוואכט. זיא האט ביי איהם ארויסגעריסען דאס ציערונג און עס צו זיך צוגעדריקט. אה, ניין! דאס קען מען פון איהר ניט פערלאנגען... אוועקצואווארפען דאס ציערונג, וואס איהר מוטער האט געטראגען און וואס איהר טאכטער האט געזאלט צו דער חופה טראגען!!

הייסע טרעהרען האבען זיך גענומען גיסען איבער איהרע באקען. איהר שמערץ איז געווען אזוי ריהרענד, אז לעאניע האט איבער איהר רחמנות געקראגען און גענומען צופען בוש'ן ביים ראק, ער זאל מיט איהר אוועקגעהן.

זיא האט געוואלט אנטלויפען פון דאנען, זיא האט ניט געקענט צוזעהן, וויא מען טהוט אן יסורים אזא אלטער פרוי מיט אזא גוטען פנים.

בוש אבער האט זיך פון'ם ארט ניט געריהרט און קאלט־בלוטיג צוגעקוקט דיא גאנצע סצענע. איצט איז ער שוין זיכער געווען, אז ער וועט דאס ציערונג בעקומען. ווארים פון לאנג־יעהריגער ערפאהרונג האט ער געוואוסט, אז טרעהרען ביי א פרוי זיינען אימער א סימן פון שוואכקייט.

עס וואלט נאך לאנג געדויערט, ביז דיא גרעפין וואלט אפגעגעבען דאס ציערונג, ווען אין דיעזער מינוט וואלט זיך ניט דערהערט פון אהינטער'ן פארהאנג א שרעקליכער געוויין:

— אה, מוטער, זיי ווענלען מיך אומברייננגען!! גיעב זיי אוועק אלעס, זאלען זיי אלעס צונעהמען! אה, מוטער, זיי זאלען אוועקגעהן, זיי וועלען מיך אומברייננגען! זיי וועלען מיך אומברייננגען!

דיא גרעפין האט זיך א צאפעל געטהאן. איהר טאכטער

ווייס איצט דיא גאנצע שרעקליכע געשיכטע, ווארט דארט דער־שטיקט פאר שאנד!

זיא האט א שמיץ געטהאן דאס ציערונג בוש'ן אין פנים אריין און האט איהם מיט לעאניע'ן ארויסגעשטופט פון'ם צימער. דערנאך האט זיא אוועקגערוקט דעם פארהאנג און זיך א ווארף געטהאן אויף אליציע'ס קישען. מוטער און טאכטער'ס טרעהרען האבען זיך אויסגעמישט...

קאראלינע האט פריהער געוואלט ארויסטרעטען געגען בוש'ען און ניט צולאזען דיא אונגליקליכע פרויען אזוי שרעק־ליך צו בערויבען. נור זיא האט פערשטאנען, אז עס וועט א סך ערגער זיין, אויב מען וועט בוש'ן ניט נאכגעגעבען. זיא האט איהם שוין גוט געקענט.

אה, דיעזער טיעפער ים פון אונגליק און ליידען! זיא איז געווארען צומישט. וואס טהוט זיא דא? שוין־זשע איז זיא געקומען אהער, אום אויסצודריקען איהר מיטגעפיהל צו דער געשענדעטער אליציע'ן? און וויא פערשטעהט זיא דאס ניט, אז זיא דארף וועגען דעם ניט ריידען אין אליציע'ס גע־גענווארט, אז זיא טאר וועגען דעם ניט ריידען? וויא אזוי האט זיא עס גלייך ניט פערשטאנען? וואס דען, העלפען זיי מיט געלד? זיא אליין איז אבער איצט אויך אזוי ארעם, אז זיא ווייסט ניט, וואו וועט זיא דאס געלד נעהמען פאר איהר ברודער'ס פראצעס.

צום סוף איז זיא צוגעגאנגען צו זיי מיט טרעהרען אין דיא אויגען און זיי ביידען צוגעדריקט צו איהר הארצען. דאס איז געווען אללעס, וואס זיא האט געקענט טהאן פאר זיי אין דיעזער מינוט פון שווערען נויטה. און דיא ביידע פרויען האבען געפיהלט, אז זיא ליידעט מיט זיי, פיהלט מיט זיי זייערע שמערצען, און זייערע טרעהרען האבען געפלאסען זאנפטער, ניט אזוי ביטער, ביי דעם געדאנק, אז עס איז נאך דא א מענש, וואס פיהלט און ליידעט מיט זיי.

ווען קאראלינע איז ווידער געווען אויף דער גאס, האט זיא דערזעהן פון וויטענס בוש'ן שטעהן מיט דער פרוי מעשען.

ער האט געהאט נעבען זיך א דראזשקע, האט ער ארויפגע־שטופט לעאניע'ן אויף דער דראזשקע און איז מיט איהר ערגעץ אוועקגעפאהרען.

קאראלינע האט שוין געוואלט אוועקגעהן, ערשט פרוי מעשען איז צו איהר צוגעגאנגען. זיכער, אז זיא האט דא אויפגעוואַרט אויף קאראלינע'ן, ווייל וויא נור זיא איז צוגע־גאנגען צו איהר, אזוי גלייך האט זיא גענומען ריידען פון וויקטאר'ען. זיא האט שוין געוואוסט דיא גאנצע געשיכטע וועגען איהם מיט אליציע'ן. זייט סאקאר האט איהר ניט געוואלט בעצאהלען דיא פיער טויזענד פראנק, וואס זיא האט געמאהנט פאר וויקטאר'ן, האט זיא געזוכט פערשיעדענע מיטלען, וויא דאס געלד ארויסצוקריעגען. דעריבער איז זיא אפט געגאנגען אין „א ביימס־הויז", אום דארט געוואהר ווע־רען, וואס מיט וויקטאר'ן טהוט זיך. אויף אזא'ן אופן האט זיא דערוואוסט דיא געשיכטע מיט וויקטאר'ן און אליציע'ן. זיא האט שוין אין קאפ געהאט א פארטיגען פלאן, ווארום זיא האט גלייך געזאגט קאראלינע'ן, אז זיא וועט זיך סטארען אויפצוזוכען וויקטאר'ען. מען קען דאך ניט דערלאזען, אז פון איהם זאל ארויסוואקסען א רוצח. מען מוז איהם זעהן צו ערציהען פאר א מענשען. בשעת זיא האט עס געזאגט, האבען איהרע אויגעלעך דערקענט אן קאראלינע'ס פנים, אז זיא האט רחמנות אויף'ן אינגעל, און זיא האט זיך דערפרעהט, ווייל דאס האט איהר געגעבען האפנונג, אז זיא וועט נאך קענען ביי קאראלינע'ן ארויסרייסען געלד, אויב זיא זאל געפינען וויק־טאר'ען.

— אלזא, מאדאם, אפגעמאכט ? — האט פרוי מעשען געזאגט צו קאראלינע'ן — איך וועל זיך סטארען, אויפצוזו־כען וויקטאר'ן. אויב איהר וועט וועלען עפעס געוואהר ווערען וועגען איהם, קענט איהר קומען צו בוש'ן, דארט וועט איהר מיך זיכער טרעפען... וויקטאר'ן וועל איך געוויס געפינען.

מיט א נייער הארץ־קלעמעניש איז קאראלינע געקומען אהיים.

דיעזער ווילדער וועלפעלע, דיעזער גייסטיג־פערקרי־פעלטער אינגעל, וויקטאָר, וואָס וועט פון איהם ארויסוואק־סען, אויב מען זאָל איהם איבערלאָזען אויף הפקר ?

זיא האָט אויף גיך אָפגעגעסען איהר פריהשטאָק און איז אוועקגעפאָהרען צו מאקסים'ען. מאקסים איז דאָך זיין ברו־דער, ער איז רייך און זיין פפליכט איז צו זעהן, אז וויקטאָר זאָל ניט געהן פערלאָרען.

ווען זיא איז געקומען צו מאקסים'ן אין פאלאץ, האָט זיא דאָרט געטראָפען פאקען מעבעל. דיא טעפּיכער האָט מען ארונטערגענומען און דיא בילדער פון דיא וואנד. דיא שטיקער מעבעל האָט מען איבערצויגען מיט לייוועגד.

באלד איז מאקסים ארוים פון שלאָף־צימער. ווען ער האָט זיא דערזעהן, האָט ער זי בעגריסט קאלט און ניט פריינד־ליך.

— איהר זייט עס ? גוט וואָס איהר זייט געקומען. פערשפּאָרט מיר צו שרייבען צו אייך. איך פאָהר אוועק.

— איהר פאָהרט אוועק ? וואָס מיינט איהר ? — האָט קאראָלינע זיך פערוואונדערט.

— יאָ, נאָך היינט פאָהר איך אָפּ קיין נעאפּאָל, וואו איך רעכען צו ־ ברייגגען דעם גאנצען ווינטער.

ער האָט ארויסגעשיקט דעם דינער און צוגעלייגט :

— וואָס מיינט איהר, אז פיר מיר איז עס אן עהרע, וואָס מיין פאָטער זיצט זייט זעקס מאָנאטען אין טורמע ? איך וויל דאָ ניט זיין, ווען מען וועט איהם משפּט'ן. אָה, וויא איך האָב פיינד דעם ארומשלעפּען זיך ! אָבער אין נעאפּאָל איז גאנץ שעהן, איך נעהם מיט זיך פערשיעדענע זאכען, וואָס וועלען מיר דאָרט צוניץ קומען, און אפשר וועט מיר דאָרט ניט זיין לאנגווייליג.

זיא האָט א קוק געטהאָן אויף איהם און געזאָגט :

— איך בין געקומען צו אייך וועגען א וויכטיגער זאך. איך וויל וויעדער אייער הילף...

און זיא האָט דערצעהלט דיא געשיכטע מיט דעם

באנדיט וויקטאר, וועלכער האט בערויבט און פערגוואלדיגט א מיידעל און איז אנטלאפען.

— מיר טארען איהם ניט איבערלאזען אזוי — האט זיא גערעדט — מיר טארען ניט דערלאזען, אז פון איהם זאל ארויסוואקסען א ווילדע בעסטיע.

ער האט זיא ווייטער ניט געלאזט ריידען. מיט א בלייכען פנים און שטילען ציטערען, אקוראט וויא ער וואלט דערפיהלט אויף זיך א שמוציגע האנד, האט ער אויסגעשריען:

— נאך דאס האט געפעהלט! א פאטער א גנב, א ברודער א מערדער... איך האב צו לאנג געווארט, איך האב נאך געזאלט אוועקפאהרען פאר־אכטאגען. דאס איז העסליך, שרעקליך, אזא מענשען, וויא איך, צו שטעלען אין אזא לאגע!

און ווען זיא איז ווייטער צו איהם צוגעשטאנען, האט ער איהר געענטפערט גראב:

— לאזט מיך צופריעדען! אויב אייך איז אנגענעהם צו לעבען אין אזא שמוץ, לעבט זיך, אבער מיך לאזט צו־רוה! איך האב אייך שוין איין מאל געווארענט נעגען מיין פאטער, אבער דאס איז אייער זאך. פון מיר קענט איהר גאר נישט ערווארטען, אפילו קיין פינגער אין קאלטען וואסער וועל איך פאר זיי ניט אריינטהאן.

קאראלינע האט זיך אויפגעהויבען.

— אדיע!

— אדיע!

פון דארט איז קאראלינע אוועק צו דער „ארבייטס־הויז“. און צום ערשטען מאל האט זיך איהר אוועקגעשטעלט דיא פראגע: צו וואס איז דער גאנצער פירסטליכער לוקסוס אין דער „ארבייטס־הויז, דיא שפיעל־פלעצער, דיא פארקס? דער מארמאר אין דיא שפייז־צימערען, אויף דיא טרעפ און קארידארען? צו וואס טויג דער גאנצער אנשטאלט, ווען מען קען דארט ניט אויסבעסערען א איינגעל, וועלכער האט אין זיך געהאט אריינגעזויגען דיא ניט געזונדע, פערדערבענדע לופט פון א קויטיגער סביבה?

זיא איז גלייך אוועק צום הויז־דירעקטאָר, האָט איהם פערוואָרפען מיט פראגען און געוואָלט וויסען אלע פּרטים פון יענער שרעקליכער געשיכטע. אָבער פון איהם האָט זיא אויך מעהר נישט געוואָהר געוואָרען, וויא דאָס, וואָס דיא פּרינצע־סין ארוויעדא האָט איהר דערצעהלט. וואו וויקטאָר איז אהינ־געקומען, האָט דער דירעקטאָר אויך ניט געוואוסט, ער האָט נור געוואוסט, אז וויקטאָר איז וויא אין דער נאכט איינגעזונ־קען געוואָרען און מוז זיך ערגעץ ארומשלעפּען א הונגעריגער, ווייל אין אליציע׳ס פּאָרטמאָנע איז מעהר וויא דריי פראנק ניט געווען. ער האָט אויך דערצעהלט קאראָלינע׳ן ,אז פון דער געשיכטע האָט ער ניט געמעלדעט אין פּאָליציי, אום ניט צו קאָמפּראָמעטירען אליציע׳ן.

קאראָלינע האָט איהם בעדאנקט דערפאַר און זיא האָט אויך בעשלאָסען ניט צו זוכען וויקטאָר׳ן דורך פּאָליציי.

איהר איז איינגעפאלען, אויסצופרעגען דיא בארעמהער־ציגע שוועסטער, אפשר וועט זיא פון איהר זיך דערוויסען מעהר איינצעלהייטען, וויא אזוי דיא שרעקליכע געשיכטע האָט פּאַ־סירט. זיא איז ארויף אין דער אבטהיילונג פאר קראנקע און האָט אויפגעזוכט דיא בארעמהערציגע שוועסטער. אָבער פון יענער האָט זיא אויך מעהר ניט ארויסגעקראָגען, וויא דאָס, וואָס זיא האָט שוין געוואוסט.

אין דער זעלבער צייט, ווען זיא איז געשטאנען אין דער אבטהיילונג פאר קראנקע, האָט זיא געהערט א פרעהליכען געשריי פון קינדער, וואָס האָט זיך געטראָגען פון׳ם הויף, און דעמאָלט איז איהר קלאָהר געוואָרען, וויא נויטיג עס איז אזא אנשטאלט, וויפיעל גוטעס ער טהוט אויף; ניט אלע קינדער זיינען דאָך אזוינע באנדיטען, וויא וויקטאָר!

זיא איז צוגעגאנגען צום פענסטער און ארויסגעקוקט אויף׳ן הויף, וואו דיא קינדער האָבען זיך פרעהלעך געשפּיעלט.

פּלוצים האָט זיא דערהערט פון קראנקען־זאאל דערביי א קריסטאָלענעם קלאנג פון העלע מיידעלשע שטימען, און זיא

איז צוגעגאנגען צו דער אָפּענער טיהר פון דעם קראַנקען־זאאל און פער׳גנב׳עט אהין אריינגעקוקט.

דיעזער שנעע־ווייסער קראַנקען־זאאל מיט זיינע ווייסע ווענד און זיינע פיער בעטלעך מיט ווייסע פאָרהאנגען האָט אויסגעזעהן זעהר ציכטיג און פריינדליך. א ברייטער זונען־שטראהל האָט געשאָטען א גאָלדענעם שטויב אין דעם ווייסען זאאל.

אין דער ערשטער בעט האָט קאראָלינע דערקענט די קליינע מאַגדאַלענא, יענע מיידעלע, וואָס איהר מאמע האָט איהר אמאָל פארזאָגט, זיא זאָל גאָט בעטען פאַר סאַקאר׳ן. ניט לאנג איז זיא וויעדער קראַנק געוואָרען. איהר אָרגאניזם איז געוועזן שוואך און בלוט־ארם, מחמת דיא שיכרות פון איהרע עלטערן, און מיט איהרע גרויסע אויגען פון א׳ן ערוואַקסענער פרוי איז זיא עהנליך געוועזן צו א בלייכען שלאנקען הייליגען בילד, וואָס מיר זעהען ארויסגעשטעלט אין דיא פענסטער פון קירכעס.

זיא איז איצט אַלט געוועזן דרייצעהן יאָהר און דיא מוטער איז ביי איהר אויך געשטאָרבען. איינמאָל א ביינאַכט האָט איהר מוטער געקראָגען פון א מאַן א שטויס מיט׳ן פוס אין אונטערלייב, ווייל זיא האָט פון איהם פערלאַנגט דיא זעקס סו, וואָס ער האָט איהר ניט געוואָלט בעצאָהלען, און זיא איז פון דעם געשטאָרבען.

קאראָלינע האָט געזעהן, וויא מאַגדאַלענא, אין א לאנגען ווייסען העמד, מיט צולאָזטע בלאָנדע האָאר, איז געשטאַנען אויף דיא קניע אין איהר בעט און פאָרגעלעזען א געבעט פאַר דיא דריי קלענערע מיידעלעך, וואָס זיינען געלעגען אין דיא אנדערע בעטען.

ליינט צונויף דיא הענד, אזוי! עפּענט פאנאנדער וויט אייערע הערצער—האָט מאַגדאַלענא גערעדט.

דיא דריי מיידלעך האָבען זיך אויך געשטעלט אויף דיא קניע אין זייערע בעטלעך. צוויי זיינען אַלט געוועזן פון 8 ביז צעהן יאָהר, דיא דריטע קוים פינף.

מיט דיא לאנגע ווייסע העמדער, דיא צונויפגעלייגטע צארטע הענטעלעך און דיא ערנסטע פערטרוימטע פנים׳לעך, האבען זיי אויסגעקוקט, וויא מלאכים׳לאך.

— און איצט זאגט מיר נאך ווארט פאר ווארט... ליעבער גאט, בעלוין הערר סאקאר׳ן פאר זיין גוטסקייט, שענק איהם פיעל יאהרען און פיעל גליק.

מיט זייערע העלע מלאכים־שטימעלעך האבען דיא קינ־דערלאך אלע צוזאמען מיט בעגייסטערונג איהר נאכגעזאגט דיא ווערטער:

— ליעבער גאט, בעלוין סאקאר׳ן פאר זיין גוטסקייט, שענק איהם פיעל יאהרען, פיעל גליק!

א׳ן אויפגערעגטע האט קאראלינע געוואלט צולויפען צו דיא קינדערלעך און הייסען זיי שווייגען. ניין, ניין, סאקאר האט ניט פערדיענט דיא ליעבע פון אזוינע רייניגקע הערצע־לאך! עס איז געווען א בעליידיגונג פאר קינדערשע אונ־שולד צו בעטען פאר איהם, צו בענשען איהם. דאך איז זיא צו דיא קינדער ניט צוגעלאפען. זיא האט א שוידער געטהאן פון קאפ ביז דיא פיס און טרעהרען האבען זיא גענומען שטי־קען: זיא קען דאס ניט טהאן, זיא טאר דאס ניט טהאן... זיא טאר׳ניט פער׳סם׳ע זייערע קינדערשע הערצעלעך מיט איהר סם. זאלען דיא קינדערלאך גלויבען אין גוטסקייט. און וויעווער איז סאקאר דען ניט געווען גוט צו זיי? האט ער דען ניט יעדען מאנאט זיי געשיקט שפיעל־צייג? איז ער דען ניט געווען דער בעשעפער פון דעם דאזיגען אנשטאלט?

און טראכטענדיג אזוי איז איהר קלאהר געווארען, אז אפילו א סאקאר האט אויך פיעל גוטעס געטהאן.

בשעת דיא קינדער האבען ווידער אנגעהויבען זייער געבעט נאך אמאל פון אנפאנג, איז זיא אוועקגעגאנגען, מיט־נעהמענדיג מיט זיך דעם קלאנג פון דיא דאזיגע מלאכים־שטימעלאך, וועלכע האבען געבענשט יענעם מאן, וואס האט א וועלט חרוב געמאכט.

פון דארט איז זיא אוועקגעגאנגען צו איהר ברודער אין געפענגניס.

זיא האט איהם געטראפען זעהר טרויעריג.

אין דיא ערשטע עטליכע וואכען האט ער ניט געקענט גלויבען, אז מען זאל איהם באמת קענען בעשולדיגען. פארוואס? מען האט איהם געמאכט פאר א פרעזידענט געגען זיין ווילען. דיא גאנצע צייט, וואס דיא באנק האט עקזיסטירט, איז ער געוועזען אין אויסלאנד און האט קיין אנטהייל ניט געקענט נעהמען אין דיא דאזיגע אלע שווינדלען. הייגט פארוואס זאל מען איהם בעשטראפען? אבער, ווען ער האט איבערגערעדט מיט זיינע אדוואקאטען, איז איהם קלאהר געווארען, אז ער איז פאר אלעם פעראנטווארטליך. קאראלינע האט פון איהם אויך ניט בעהאלטען, אז איהר גאנצע ארבייט, צו דערווייזען זיין אונשולד, העלפט גאר ניט.

און דא האט זיך ארויסגעוויעזען זיין קינדערשער גלויבען. ער האט זיך אין גאנצען איבערגעגעבען אונטער גאט'ס השגחה, ניט געקלאגט זיך, ניט בעשולדיגט קיינעם, און זיין שוועסטער קאראלינע, דיא פריידיינקערין, האט זיך געוואונדערט איבער דער מערקווירדיגער גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכער ער האט זיך פערהאלטען צו זיין אונגליק.

נור צייטענווייז איז איהם טרויעריג געווארען, ווען ער האט זיך דערמאנט, אז זיינע גרויסע פלענער, אויפצולעבען דיא מזרח-לענדער, וועלען איצט ניט אויסגעפיהרט ווערען. דאך האט ער פעסט געגלויבט, אז זיינע פלענער וועלען ניט אפשטארבען, עס האט איהם נור שטארק וועה געטהאן, וואס ער אליין וועט דיא דאזיגע גרויסע פלענער ניט אויספיהרען. מיט א געבראכענער שטימע פלעגט ער אמאל זיך פרעגען, פאר וועלכער זינד האט איהם גאט ניט פערגינגט, אז ער זאל זיין דער אויפבויער פון א גרויסער קאטהאלישער באנק, וועלכע זאל אויפריכטען א קעניגרייך אין ירושלים פאר דעם פאבסט? אזא באנק וואלט געקענט פעראייניגען אלע קריסטליכע פעלקער אין איין נאציאן, וואס וואלט צובראכען דיא געלד-מאכט

פון דיא אידען. ער האט אבער נביאות געזאגט, אז אזא באנק וועט שפעטער אמאל געגרינדעט ווערען פון „פרומע, ריינע זענד“, איהם האט נור וועה געטהאן, וואס זיינע הענד, ווען ער וועט זיך בעפרייען פון געפענגניס, וועלען ניט זיין גענוג ריין, אום צו טהאן דיא דאזיגע גרויסע ארבייט.

יענעם טאג, ווען קאראלינע איז צו איהם געקומען, האט ער פון דעם געטראכט און דערפאר איז ער געוועזן אזוי אונ־מוטהיג.

א צוטראגענער האט ער זיך צוגעהערט צו דעם, וואס קאראלינע האט איהם דערצעהלט. פלוצים האט ער זיא איבערגעבראכען:

— פארוואס ווילסטו ניט זעהן זיך מיט איהם?

זיא האט א ציטער געטהאן. זיא האט פערשטאנען, אז ער מיינט סאקאר'ן און א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ „ניין“.

— דו טארסט איהם ניט ענטזאגען—האט ער געזאגט שטיל—דו ביזט דאך זיינע מעהר וויא א בעקאנטע... געה צו איהם.

גרויסער גאט, דער ברודער ווייס אלעס! קאראלינע איז רויט געווארען; זיא האט זיך א ווארף געטהאן אין זיינע ארמס, אום ער זאל נישט זעהן, וויא זיא שעהמט זיך. דערנאך האט זיא שטאמלענדיג געפרעגט, פון וואנען ער ווייס פון דעם, וואס זיא האט געהאלטען פיר א סוד פאר אלעמען.

— מיין גוטע קאראלינע—האט ער געענטפערט—איך ווייס שוין לאנג דערפון... איך האב ערהאלטען בריעף אהן אונטערשריפטען... איך האב דיר קיינמאל דערפון ניט גע־זאגט, דו ביזט א פרייע פרוי, מיר האבען גאנץ אנדערע אנ־זיכטען... דאך ווייס איך, אז דו ביזט דיא בעסטע פרוי אויף דער גאנצער וועלט... געה, בעזוך איהם!

און ער האט זיא אנגעקוקט מיט זיין פרעהליכען שמייכעל, געגומען דעם בוקעט בלומען, וואס זיא האט געבראכט פאר איהם, און צוגעלייגט:

— נעהם פאר איהם דעם בוקעט און זאג איהם, אז איך בין ניט בייז אויף איהם.

צובראכען פון זיין גוטמוטהיגקייט און איהר שאנד, איז קאראלינע אוועק צו סאקאר׳ן. דערצו האט זיא געהאלטען פאר נויטהיג צו בעזוכען איצט סאקאר׳ן, אום צו דערצעהלען איהם וועגען וויקטאר׳ן.

אזוי וויא איהר נאמען איז שוין לאנג געשטאנען אויף זיין ליסטע פון סאקאר׳ן בעזוכער, האט מען זיא גלייך אריינגעלאזען צו איהם אין געפענגנים־קאמער.

ער איז דאן געזעסען ביי א טיש און גערעכענט אויף א גרויכען בויגען פאפיער, וואס איז אין גאנצען פערשריעבען געווען מיט ציפערען. אז ער האט זיא דערזעהן, איז ער אויפגעשפרונגען מיט א פריידענס־געשריי:

— איהר זייט עס... אה, וויא גוט איהר זייט! וויא גליקליך איך בין!

ער האט אריינגענומען איהרע הענד צווישען זיינע; זיא האט געשמייכעלט צומישט און קיין ווארט ניט געקענט ארויסריידען. דערנאך האט זיא אנידערגעלייגט דעם בוקעט בלומען אויף׳ן גרויסען בויגען פאפיער מיט דיא ציפערען.

— איהר זייט א מלאך! — האט ער געשטאמעלט א גליקליכער און געקושט דיא שפיצען פון איהרע פינגער.

צום סוף איז זיא געקומען צו זיך.

— איך מוז אייך זאגען, אז איך האב צו אייך ניט געוואלט געהן — האט זיא ארויסגערעדט — אין מיין הארצען בעדאם איך אייך, אבער מיין ברודער האט פון מיר פערלאנגט, אז איך זאל צו אייך געהן...

— ניין, ניין, זאגט דאס ניט, קאראליינע! זאגט בעסער, אז איהר זייט גענוג גוט און קלוג, אום מיך צו פערשטעהן און פערגעבען...

זיא האט איהם אונטערבראכען:

— אייך פערגעבען? איהר פערלאנגט צופיעל פון מיר.

אָבער איך בין געקומען צו אייך, ווייל איך וויל אייך דער־צעהלען א טרויעריגע געשיכטע.

און אין איין אָטהעם האָט זיא איהם איבערגעגעבען דיא גאַנצע געשיכטע וועגען וויקטאָר'ען, וועגען זיין פערגוואַלדי־גען דיא יונגע גרעפין באַווילע און זיין פערשווינדען.

א צוטומעלטער האָט סאַקאר אויסגעהערט דיא דאָזיגע גע־שיכטע, ניט אונטערברעכענדיג קאראָלינע'ן ניט מיט איין וואָרט, ניט מיט איין מינע. ווען זיא האָט געענדיגט, האָבען צוויי גרויסע טרעהרען זיך ארויסגעקייקעלט פון זיינע אויגען און בענעצט זיינע באַקען.

— דער אונגליקליכער! דער אונגליקליכער!! — האָט ער געשטאַמעלט.

נאָך קיינמאָל האָט קאראָלינע איהם ניט געזעהן וויינען. זיא איז טיעף געריהרט געוואָרען פון דיעזע גרויע, גרויסע טרעהרען, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון אזא פערהארטעוועטען האַרצען.

— און איך האָב דעם אינגעל אפילו קיין איין מאָל ניט געזעהן! — האָט ער אויסגעשריען—איך האָב זיך אַלץ געקליע־בען און געקליעבען איהם צו זעהן און קיינמאָל קיין צייט ניט געפונען פאַר דעם... דיא פערפלוכטע געשעפטען האָבען מיך אין גאַנצען אויפגעפרעסען.. יאָ, יאָ, אַלע מאָל איז עס אזוי: ווען מען טהוט ניט גלייך עפּעס, טהוט מען עס קיינמאָל ניט... זייט איהר זיכער, אז איך קען איהם ניט זעהן? פיעלייכט וואָלט מען איהם אהער צו מיר געבראַכט?

זיא האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— ווער ווייס — האָט זיא געזאָגט—וואו ער שלעפּט זיך דאָרט אַרים אין דעם הו־הא פון דעם שרעקליכען פּאַריז?

א לאַנגע צייט איז סאַקאר דערנאָך ארומגעגאַנגען איבער'ן צימער הין און צוריק און געשוויעגען. דאַן האָט ער אויסגע־שריען:

— מען האָט געפונען פאַר מיר מיין אינגעל און איך האָב איהם ווידער פערלאָרען... איך וועל איהם שוין קיינמאָל ניט

זעהן. אַט אזא גליקליכער מענש בין איך! ! אַה, מיין גאָט, עס איז דיא זעלבע געשיכטע וויא מיט דער „וועלט־באַנק״.

ער האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט ביים טיש און געבעטען קאַראָלינע׳ן זיך זעצען געגען איהם.

און אז זיא האָט זיך אַניעדערגעזעצט, האָט ער מיט היטץ זיך א כאַפּ געטהאָן דערצעהלען פאר איהר דיא געשיכטע פון זיין פּראצעס, האט גענומען פאר איהר ערקלעהרען, וויא אזוי ער וועט זיך פערטהיידיגען.

אין וואָס בעשולדיגט מען איהם? מען בעשולדיגט איהם, אז ער האָט עטליכע מאָל פערגרעסערט דעם אקציען־קאַפּיטאָל פון דער באַנק, אום אַרויפצוטרייבען הויך דעם קורס פון זיינע אקציען; מען בעשולדיגט איהם, אז דיא איינצאהלונגען אויף דיא אַקציען זיינען ניט געווען פולע און אז מען האָט אונגעזעצליך פערשריעבען אַקציען אויף סאבאטיאני׳ס נאָמען. אז ער האָט פערטהיילט פאַלשע דיווידענדען, און, שליסליך, אז דיא באַנק האָט איהר גאַנצען קאַפּיטאָל פערלאָרען אין שפּעקולאציאָנען מיט דיא אייגענע אַקציען...

— איהר הערט אָבער, וואָס איך האָב אויף דעם צו ענטפערען — האָט ער אויסגעשריען.

און ער האָט איהר אָנגעהויבען צו ערקלעהרען, וואָס ער האָט צו ענטפערען אויף דיא דאָזיגע אַלע בעשולדיגונגען.

ער האָט געטהאָן נור דאָס, וואָס יעדער פיהרער פון א גרויסער באַנק וואָלט אויף זיין פּלאַץ געטהאָן. דיא פיהרער פון אַלע פּאַריזער גרויסע באַנקען וואָלט מען געדאַרפט פערשפּאַרען אין געפענגניס. אויב מען האָט איהם פערשפּאַרט. איהם אָבער האָט מען אויסגעקליבען פאר א שעיר לעזאזל פאר אַלעמען׳ס זינד. און ווארום האָט מען ניט פערקלאָגט אויך די מיטגליעדער פון פערוואַלטונגס־ראַטה, וויא אורע׳ן, דעגרעמאָן׳ען, באהאין׳ען, וועלכע זיינען אזוי פעראַנטוואָרטליך פאר דיא אונגעזעצליכקייטען, פּונקט אזוי וויא ער און העמעלען? איז עס ניט א קלאָרער בעוויז, אז הינטער דעם פּראָצעס איז פערשטעקט א פּערזענליכע אינטריגע? דער פּראָצעס מוז

זיך ענדיגען מיט א זיעג פאר איהם, בוש'ס קלאגע האט מען שוין צוריקגעוויעזען, דיא גאנצע קלאגע ווערט מוזען צוריקגעוויזען ווערען. זיי האבען קיין רעכט ניט געהאט צו ערקלעהרען דיא „וועלט־באנק" פאר באנקראט, ווארים קיינער פון דיא דעפאזיטארס האט ניט געליטען, נור דיא אקציאנערען פון דער באנק אליין. דאס געריכט און דיא רעגיערונג, זיי האבען אונגליקליך געמאכט דיא אקציאנערען, מיט דעם, וואס זיי האבען צוגעמאכט דיא באנק. דאס איז געווען א פערשווערונג , א קאנספיראציאן, אפצוראמען פון וועג א מעכטיגען קאנקורענט פון דעם איד גונדערמאן'ען.

— אה, ווען איך וואלט געווען פריי, איך וואלט זיי דאן שוין בעוויזען, ווער איך בין !

קאראלינע איז איבערראשט געווארען פון זיינע ווערטער. קיין סמן פון חרטה, ער איז נאך איצט אויך איבערצייגט, אז ער האט געהאנדעלט ריכטיג. זיא האט זיך דערמאנט אן זיין אלטע טהעאריע וועגען דעם, וויא נויטיג איז ספעקולאציאן פאר דעם פארטשריט פון דער מענשהייט, אז אהן ספעקולאציאן וואלט דיא מענשהייט קיינמאל ניט פראגרעסירט. האבענדיג אזא טהעאריע, האט ער מיט זיינע געוויסענלאזע הענד דיא גוואלדיגע מאשין איבערגעהייצט, ביז זיא איז צופלאצט געווארען און פערוואונדעט אלע מענשען ארום איהר.

סאקאר האט זיך אויפגעהויבען פונ'ם ארט און ווידער גענומען געהן איבער זיין קאמער הין און צוריק מיט נערוועזע טריט.

— אה, דיא שורקען, זיי האבען גוט געוואוסט, וואס זיי טהוען ,ווען זיי האבען מיך אין געפעגגניס פערשפארט !.... ווען זיי וואלטען עס ניט געטהאן, וואלטען זיי אלע שוין ביז אהער געלעגען אונטער מיינע פיס ! איך וואלט שוין לאנג געזיעגט, זיכער געזיעגט !

זיא האט זיך א כאפ געטהאן פערוואונדערט.

— וואס מיינט איהר, איהר וואלט שוין לאנג געזיעגט ? אהן איין פראנק אין קאססע ?

— אודאי — האט ער געענטפערט מיט ביטערקייט — איצט בין איך בעזיעגט, הייס איך א שופט... ווען איך וואלט געזיעגט, וואלט איך געווען דער עהרליכסטער און בעריהמ־טעסטער מאן. מען טאר זיך ניט לאזען בעזיעגען, א ניט איז מען אויף מארגען א נאר און א שווינדלער... אה, איך פער־שטעה, וואס מען זאגט אויף מיר, איהר דארפט מיר ניט דער־צעהלען. מען זאגט מסתמא, אז איך בין א רויבער, א גנב, אז דיא אלע מיליאנען האב איך ארונטערגעלאזט אין טאש; מען וואלט מיך דערווארגען, ווען מען זאל מיך אין דיא הענד ארייננקריגען ; אדער, וואס נאך ערגער איז, מען דריקט מיט רחמנות דיא אקסלען און מען זאגט, אז איך בין א נאר, א משוגענער.... אבער שטעלט זיך נור פאר, וואס וואלט געווען, ווען איך וואלט ערפאלג געהאט? ווען איך וואלט גונדער־מאן׳ען בעזיעגט און דעם געלד־מארק ערשבערט, — וואלט איך דען ניט געווען דער גרעסטער העלד? וואלט דען גאנץ פאריז דאן ניט געלעגען צו מיינע פיס?

— אבער איהר האט ניט געקענט זיעגען — האט קאראַ־ליגע אויסגעשריען — איהר האט ניט געקענט האבען קיין ער־פאלג, ווייל אייער גאנצע האנדלונג איז געווען ניט לאגיש און ניט גערעכט.

— ניט לאגיש און ניט גערעכט? — האט ער אויסגע־שריען מיט כעס — וואס פאלט אייך איין? דאס געלד איז ביי מיר אויסגעגאנגען, און דאס אלעס. וואלט נאפאלעאן ביי וואטערלא געקענט ארויסשיקען געגען שונא נאך א הונדערט טויזענד מאן, וואלט ער געבליבען דער זיעגער און דיא גאנצע וועלט וואלט היינט אנדערש אויסגעזעהן. וואלט איך דאן גע־האט דיא נויטיגע פאאר הונדערט מילליאן, געגען מיין שונא ארויסצושטעלען, וואלט איך היינט געווען דיא וועלט בע־הערשט!

— אבער דאס איז דאך שרעקליך — האט זיא אויסגע־שריען אויפגערעגט — וויא? איהר האלט אז איהר האט נאך

ווייניג אונגליקליך געמאכט, נאך בלוט און טרעהרען וואלט זיך איך געוואלט?

ער האט ווידער גענומען לויפען איבער'ן קאמער הין און צוריק, דאן האט ער זיך ווידער אפגעשטעלט נעבען איהר און ארויסגערעדט גלייכגילטיג:

— דאס לעבען קימערט זיך ניט וועגען אזוינע זאכען; יע־ער טראט פארווערטס דערשטיקט אונטער זיך טויזענדער לעבענס...

א ווײלע האבען זיי דערנאך ביידע געשוויגען. ער איז ארומגעגאנגען איבער'ן קאמער הין און צוריק און זיא, נאכקוקענדיג איהם, האט ביי זיך געפרעגט: ווער איז דער מאן? וואס איז ער? א באנדיט? א העלד? וואס פאר א געדאנקען זיינען דורכגעגאנגען אין זיין מוח אין דיא זעקס חדשים, זייט ער זיצט פערשטיקט אין דעם דאזיגען ענגען קאמער צווישען דיא נאקעטע פיער וועגד, מיט א קליין אייזערנער בעטעל און א טיש און צוויי שטוהלען?

פלוצלונג האט ער זיך ווידער אנידערגעזעצט ביים טיש מיעד און ארויסגערעדט האלב שטיל:

— אייגענטליך איז גונדערמאן גערעכט... אויף דער בערזע טויג ניט דיא ליידענשאפט... אה, דער שורקע, איז א גליקליכער מענש, ער האט ניט קיין בלוט און קיינע נערווען. ער דארף שוין ניט קיין פרויען און קיין ווײן! איבריגענס דענק איך, אז ער האט קיינמאל קיין בלוט ניט געהאט אין זיינע אדערען, אז אלע מאל האט אין זיינע אדערען געפלאסען אייז־וואסער... געוויס, איך בין צופיעל ליידענשאפטליך און דערפאר טאקע האב איך ניט איינמאל האלז און נאקען געבראכען. דיא זעלבע ליידענשאפט האט מיך היינגעריסען, געהויבען הימעל־הויך און דערנאך צוריק א שליידער געטהאן טיעף אין דער ערד אריין! אה, איצט איז עס מיר קלאהר, אז מיין צו שטארקע ליידענשאפט איז מיין אונגליק. דאס איז אבער אזא אונגליק, צו וועלכען עס איז קיין הילף

ניטאָ. איצט בין איך אַ פערלאָרענער מענש, פערלאָרען אויף איביג!

דאַן האָט ער אויסגעשריען מיט צאָרן:

— אָה, דיעזער גונדערמאַן, דיעזער שמוציגער איד, האָט מיך בעזיעגט, ווייל ער האָט ניט קיין בלוט, ווייל ער האָט ניט קיין שום פערלאַנג צו געניסען! ער איז דער סימבאָל פון זיין גאַנצען אידישען פאָלק. קאַלט און אויסגערעכענט מאַרשירט דאָס אידישע פאָלק צווישען דיא פעלקער און בעזיעגט זיי מיט זיין גאָלד. איהר קענט שפּייען אויף דיא אידען, איהר קענט זיי טאָפּטשען אונטער דיא פיס, זיי פערלירען זיך ניט, ווערען רייכער און שטארקער, און מעכטיגער! דיעזער גונדערמאַן האָט שוין אַ מיליארד, ער ועט אמאָל האָבען צוויי מיליאַרדען, ער וועט האָבען פינף מיליאַרדען, ער וועט ווען עס איז האָבען צעהן מיליאַרדען און דעמאָלט וועט דיא גאַנצע וועלט ליגען אונטער זיינע פיס. זייט יאָהרען שריי איך דאָס, אָבער איך שריי צו טויבע אויערען. זיי מיינען, אַז איך שריי דאָס דער־פאַר, ווייל איך פערגין ניט גונדערמאַן'ען זיין געלד. ניין, מיין בלוט שרייט עס, מיין הארץ, מיין האַס צו דער דאָזיגער אי־דישער ראַססע. יאָ, דער האַס צו דיא אידען שטעקט אין מיין בלוט, אין דיא וואָרצלען פון מיין גאַנצען וועזען!

— איך קען ניט פערשטעהן אַזאַ האַס — האָט קאַראָלינע געענטפערט געלאַסען — פאַר מיר זיינען דיא אידען אַזוינע מענשען, וויא דיא אַנדערע. זיי זיינען אָפּגעזונדערט פון אונז, אָבער ווער האָט זיי צו דעם געצוואונגען?...

סאַקאַר האָט ניט געהערט, וואָס זיא האָט געזאָגט, און האָט גערעדט ווייטער מיט נאָך מעהר כעס:

— איך קען ניט צוזעהן, וויא אַלע רעגיערונגען פון דער ציוויליזירטער וועלט ליעגען אויף דיא קניע פאַר דיא דאָזיגע אידען. פראַנקרייך, צום ביישפּיעל, איז מיט לייב און זעעל פערקויפט צו גונדערמאַן'ען, אַקוראַט וויא אָהן גונדערמאַן'ס געלד וואָלט זיא ניט געקענט עקזיסטירען. איהר ווייסט, וואָס איך פיהל צו מיין ברודער רוגאָן, וועלכער האָט זיך ענטזאָגט

מיר צו העלפען, בעת איך האָב ביי איהם געבעטען הילף פאר דער קאטאסטראָפע, פונדעסטוועגען וואָלט איך איהם דאָס אויך מוחל געווען, ווען ער וואָלט זייך אזוי ניט פערקויפט צו דיא אידען. ער האָט עס דערשטיקט דיא „וועלט־באנק", אום צוליעב טהאָן גונדערמאן'ען. אָבער זיין מפלה וועט ער אויך אין גיכען האָבען, און ניט נור ער אליין. זאָל נור אויסברעכען א מלחמה צווישען פראנקרייך און דייטשלאנד, פראנקרייך וועט זיכער געשלאָגען ווערען. גונדערמאן האָט עס אויך פיעל מאָל געזאָגט, אז אין פאל פון א מלחמה מיט דייטשלאנד, וועט דייטשלאנד ביי אונז אוועקנעהמען אונזערע פראָווינצען.... זאָלען זיי קומען און אוועקנעהמען, זאָלען זיי...

קאראָלינע איז צומישט געוואָרען פון זיינע ווערטער און האָט איהם געבעטען שווייגען.

— ניין, ניין — האָט זיא אויסגעשריען — איהר טאָרט ניט ריידען אזוי. דאָס איז א פערברעכען געגען אונזער פאַטערלאנד. אויסער דעם, זייט איהר אונגערעכט, אין גאנצען אונגערעכט, ווען איהר דענקט, אז אייער ברודער איז שולדיג. ניט ער, נור דעלקאמבר האָט עס אלעס געמאכט.

סאקאר האָט סארקאסטיש א שמייכעל געטהאָן:

— אָה, דעלקאמבר נעהמט איצט נקמה!

זיא האָט איהם אָנגעקוקט מיט פרעגענדע אויגען.

— עס איז אַ'ן אַלטע געשיכטע צווישען אונז ביידען... איך וויס, אז מען וועט מיך פער'משפט'ן...

זיא האָט פערשטאנען, וואָס פיר א געשיכטע צווישען זיי האָט געקענט פאָרקומען, און האָט מעהר וועגען דעם ניט גערעדט. נאָך א קורצען שווייגען, האָט סאקאר א כאפ געטהאָן עטליכע בויגען פאפיער פון'ם טיש און געזאָגט:

— עס איז זעהר שעהן פון אייך, וואָס איהר זייט געקומען, טהייערע פריינדין; איהר מוזט מיר פערשפרעכען וויעדער צו קומען, ווארים איך וויל זיך מיט אייך מיישב זיין וועגען פערשיעדענע פלענער... אָה, ווען איך וואָלט איצט געהאט געלד!...

זיא האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן. מיט זיין לעצטען אויסגעשריי האָט ער בעריהרט אזא פראגע, וואָס זיא האָט זיך דיא גאנצע צייט געפרעגט: וואָס האָט ער געטהאָן מיט זיינע מיליאָנען, וועלכע ביי איהם האָבען זיך געדארפט אָפּשטעלען? האָט ער זיי אין אַן אויסלענדישער באנק אוועקגעשיקט, אָדער ער האָט זיי ערגעץ בעגראָבען אונטער אַ בוים, וואָס נור ער אליין ווייס?

— אָבער איהר האָט דאָך געלד ?? — האָט זיא געזאָגט — דיא צוויי מיליאָן, וואָס איהר האָט געמאכט נאכדעם וויא אורע האָט אייך געבראַכט פון רוגאָן'ען דעם אינהאַלט פון דער דעפּעשע, דאַן דיא ניין מיליאָן, וואָס איהר האָט געקראָגען פאר אייערע דריי טויזענד אקציען, וואָס איהר האָט פערקויפט, בעת דער קורס האָט דערגרייכט דיא דריי טויזענד פראנק.

— איך האָב אפילו קיין סו ניט, מיין ליעבע! — האָט ער אויסגעשריען מיט אַזאַ אויפריכטיגע פערצווייפלונג אין קול, אז קאראָלינע האָט איהם געמוזט גלויבען.

— איך האָב קיינמאָל ניט בעהאַלטען פאר זיך קיין סענטים. צוזאמען מיט אלעמען בין איך אונטערגעגאנגען. אמת, איך האָב פערקויפט מיינע אקציען, איך האָב אָבער גלייך אנדערע געקויפט. קיין סו האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט ביי מיר... איך בין נאָך געבליעבען שולדיג דעם אונגליקליכען מאַזאָ'ן אַ דרייסיג, פערציג טויזענד פראנק... איך האָב איצט גאָר נישט, גאָר נישט!

דיעזע ערקלעהרונג זיינע האָט זיא אויסגעהערט מיט אמת'ע פרייד; עס איז איהר גרינגער געוואָרען אויפ'ן הארצען און זיא האָט גענומען שפּאס מאכען איבער איהר אייגענער אָרימקייט.

— איך און דער ברודער האָבען זיך אויך אין גאנצען אויסגעבייטעלט — האָט זיא געשפּאסט — איך ווייס אפילו ניט, אויב עס איז אונז פערבליעבען געלד גענוג אויף איין מאָנאט צו לעבען... אָה, דיעזעס געלד, דיעזע ניין מיליאָן, וואָס מיר האָבען געוועזט געהאט, איהר האָט גאָר קיין בעגריעף ניט,

וואָס פאַר א לאסט זיי זיינען געווען פאַר מיר און וויא לייבט מיר איז געוואָרען יענעם אבענד, ווען מיר האָבען דאָס געלד אָפּגעגעבען צו בעצאָהלען דיא חובות פון דער באַנק! אפילו דיא דריי הונדערט טויזענד פראַנק, וואָס מיר האָבען געקראָגען אַ ירושה, זיינען אויך אוועק. מיך פערדריסט אָבער ניט; איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אז געפונענע געלד, ניט קיין פערדיענטע, האָט קיין ווערטה ניט... און איצט קענט איהר אליין זעהן, אז איך בין פרעהליך, אז איך לאַך אפילו!

ער האָט מיט אַ נערוועזער בעוועגונג אַ כאַפּ געטהאָן דיא פּאַפּיערען פון'ם טיש און, פאָכענדיג מיט זיי אין דער לופטען, האָט ער אויסגעשריען:

— איהר וועט נאָך זיין רייך, זעהר רייך!

— וויא אזוי?

— גלויבט איהר דען, אז איך האָב שוין אויפגעגעבען מיינע פּלענער? ניין! איך האָב נאָך קיינמאָל אזוי גרינדליך ניט געאַרבייט אויף מיינע פּלענער, וויא אין דיא לעצטע זעקס חדשים דאָ. מיינע אנקלעגער בעהויפּטען, אז נור דיא פּעראייניגטע דאַמפּף־שיף געזעלשאַפט האָט אונז אריינגעבראַכט פערדיענסט. דאָס איז אפילו אמת, אָבער ווארום? ווארום האָבען דיא זילבער מינען ביים כרמל, דיא נאציאָנאַל־באַנק אין טערקיי ניט אריינגעבראַכט אונז קיין פערדיענסט? איהר ווייסט, ווארום? ווייל איך האָב זיך צו דעם ניט גע־קענט אָפּגעבען. אָבער זאָל איך נור ארויסגעהן פריי, וועט איהר שוין זעהן, וואָס איך וועל נאָך אויפטהאָן...

זיא האָט איהם געוואָלט אונטערברעכען. ער איז אָבער אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און האָט זיך אויסגעצויגען אין זיין גאַנצען וואוקס אויף זיינע קורצע פיסלאַך און אויסגע־שריען מיט זיין שניידענדיגער שטימע:

— אלעס איז דאָ אויסגערעכענט אויפ'ן האָאָר ביז דער לעצטער ציפער... איהר קענט זעהן! דיא זילבער מינען און דיא באַנק אין טערקיי — דאָס איז אלץ קליינינקייטען, שפּיעלערייען, מיט וועלכע איך וועל זיך מעהר ניט פערנעה־

מען! מיר מוזען שאפען עטוואס גרויסעס, קאלאסאלעס. דעם אייזענבאהן אין דיא מזרח־לענדער מוזען מיר האבען ירושלים, באגדאד, גאנץ קליין־אזיען מוזען מיר האבען אין אונזערע הענד! וואס נאפאלעאן איז ניט אימשטאנד געווען אויפצוטהאן מיט זיין שווערד, דאס וועלען מיר אויפטהאן מיט געלד!... איך האב מיינע פלענער נאך ניט אויפגעגעבען. נאפאלעאן האט דאך געקענט צונויפקלייבען אן ארמעע, בעת ער האט זיך צוריק געקעהרט פון עלבא, און איך דארף זיך נור אויך ווייזען, און געלד וועט נעהמען פליסען צו מיר פון אלע זייטען! דאן וועלען מיר ברעכען גונדערמאן'ען אויך. איך דארף נור האבען דריי הונדערט מיליאן, און דעמאלט האב איך דיא גאנצע וועלט אין מיין האנד!

זיא האט אנגעכאפט זיינע ביידע הענד און האט ליידענשאפטליך אויסגעשריען:

— ניין, ניין, שווייגט! איך האב פאר אייך מורא!

געגען איהר איינענעם ווילען האט דיא שרעק פאר איהם זיך פערוואנדעלט אין בעוואונדערונג. אין דעם דאזיגען ענגען קאמער, ווייט פון דער לעבעדיגער וועלט האט זיא דערפיהלט פאר זיך א מעכטיגע קראפט, וואס האט זיך געריסען צים קאמפף, א האפנונג, וואס האט בשום אופן ניט געוואלט זיך אויסלעשען, א לעבען, וואס האט בשום אופן ניט געוואלט שטארבען. אומזיסט האט זיא געזוכט אין איהר הארצען דעם פריהערדיגען האס, וואס זיא האט געטראגען צו דעם מענשען דיא גאנצע לעצטע צייט. אנשטאט דעם האט זיא דארט געפונען רחמנות צו איהם, רחמנות און דיא אלטע ליעבע. גאנץ אונבעמערקט פאר איהר האט סאקאר ווידער געוואונען זיין מאכט איבער איהר און זיא האט קיין כוח ניט געהאט צו וועהרען זיך געגען דעם...

— עס איז דאך אלעס אוים — האט זיא געשטאמעלט, דריקענדיג זיינע הענד: — קענט איהר זיך ניט בערוהיגען?

אבער ווען ער האט זיך אויפגעהויבען אויף דיא שפיץ פינגער און צוגעדריקט זיינע ליפען צו איהרע ווייסען לאקען,

דעמאָלט האָט זיא זיך פּלוצים א כאפּ געטהאָן, אָפּגעהאַלטען איהם מיט א האַנד און געזאָגט מיט א טרויעריגען קול:

— ניין, ניין, דאָס ניט!... אלעס איז צווישען אונז געענדיגט, געענדיגט אויף אימער... איך בין צופריעדען וואָס איך האָב אייך דאָס לעצטע מאָל געזעהן, אזוי וועלען מיר זיך צושיידען ניט קיין פיינד, אדיע!

און זיא איז אוועק.

ער איז געבליעבען שטעהן ווי געריהרט. דאן אָבער האָט ער זיך א חאפּ געטהאָן, צונויפגעלייגט זיינע פּאַפּיערען און אוועקגעשארט אויף'ן טיש דיא בלעטלאך פון דעם בוקעט, וואָס קאראָלינע האָט איהם געבראכט.

ערשט אין דריי חדשים ארום, אם ענדע דעצעמבער, איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון דער „וועלט-באַנק".

סאקאר'ן און העמעלען'ען האָט מען פער'משפּט צו פינף יאָהר אין געפענגנים און צו בעצאָהלען צו דריי טויזענד פראַנק, נור א חודש, איידער דער פּראָצעס האט זיך אנגעהויבען, האָט מען זיי ארויסגעלאָזט אויף ערבות און דערייבער האָבען זיי זיך געקענט שטעלען צום געריכט אלס „פרייע אָנגעקלאָגטע". דאָס האָט זיי געגעבען דאָס רעכט אן אפּעלאַציאָן צו מאַכען און פריי צו בלייבען פיער און צוואנציג שטונדען נאָך'ן פער'משפט'ען. דעמאָלס האָבען זיי ביידע צייט געהאט צו פערלאָזען פראנקרייך.

רוגאָן האט עס פערלאנגט, ווייל ער האט ניט געוואָלט האָבען קיין ברודער אין געפענגנים. דיא פּאָליציי אליין האָט זאָגאר אכטונג געגעבען, אז סאקאר זאָל אָפּפאָהרען. ער איז אָפּגעפאָהרען נאָך בעלגיען. אין דעם זעלבען טאָג איז העמעלין אויך אָפּגעפאָהרען נאָך רוים.

נאָך דריי חדשים זיינען אוועק. קאראָלינע האט זיך געקליעבען צו פאָהרען צו איהר ברודער אין רוים, וואו ער האָט געהאט א שטעלע אלס אינזשיניער און וואו זיא איז זיכער געוועזען צו קריעגען לעקציאָנען פאר זיך. פאר'ן אוועקפאָהרען, האָט זיא געוואָלט געוואָהר ווערען, אויב וויקטאָר איז

געפונען געוואָרען. זיא האָט זיך דערמאָנט, אַז פרוי מעשען האָט איהר אַמאָל געזאָגט, אַז אויב זיא וועט וועלען זיך עפּעס דערוויסען וועגען וויקטאָר'ן, זאָל זיא קומען צו בוש'ען, וואו מען קען זיא טרעפען יעדען טאָג ארום פיער נאכמיטאָג.

זיא איז אוועק צו בוש'ען און האָט געטראָפען דיא טהי־רען פון זיין וואוינונג ברייט אָפען. אין דער דונקעלער קיך האָט זיך געהערט דאָס קאָכען פון וואסער, און אין דעם צוויי־טען ענגען צימער איז געזעסען דיא פרוי מעשען אין בוש'ס קרעסלא צווישען א בארג פּאַפּיערען, וועלכע זיא האָט פּעק־וויין־געשלעפּט פון איהר אלטער לעדער־טאַשע.

— אָה, איהר זייט עס — האָט מעשען זיא אויפגענומען — איהר זייט געקומען אין זעהר א שלעכטער צייט. הערר זיגמונד איז א גוסס און דער אונגליקליכער בוש געהט פון זינען אראָפּ. ער ליעבט זיין ברודער מעהר וויא זיין לעבען. ער לויפט ארום וויא א משוגענער. איצט איז ער ווידער אוועק־געלאָפען נאָך א דאָקטאָר... איהר זעהט, איך מוז אכטונג געבען אויף זיין געשעפט; ער האָט דיא גאנצע וואָך אפילו קיין איין פּאַפּיער ניט געקויפט, קיין איין וועקסעל ניט אָנגע־קוקט. צום גליק האָב איך ערשט געמאכט א גוטען געשעפט, אָה, זעהר א גוטען געשעפט, מיט וועלכען בוש וועט זיך שטאַרק פרעהען, ווען ער וועט ווידער קומען צו זיך....

קאראָלינע איז אַזוי צוטומעלט געוואָרען, אַז זיא האָט גאָר אין גאַנצען פערגעסען וועגען וואָס זיא איז אַהער גע־קומען, וואָרים אין דיא פּעק פּאַפּיערען, וואָס פרוי מעשען האָט געשלעפּט פון איהר לעדער־טאַש, האָט זיא דיא אקציען פון דער „וועלט־באַנק" דערקענט. דיא אַלטע טאַש האָט שיער ניט געפּלאַצט פון אַזוי פיעל פּעק פון דיא דאָזיגע אקציען.

פרוי מעשען איז געוועזן זעהר גליקליך פון דער מציאה, וואָס זיא האָט געהאַנדעלט, און זיא האָט מיט שמחה גערעדט:

— איהר זעהט? דאָס אַלעס האָב איך געקויפט פאַר צוויי הונדערט און פופציג פראַנק, פינף טויזענד אקציען...

עס מאַכט אויס איין סו פאר אן אקציע, הע? א סו פאר אקציען, וועלכע זיינען נאָך גאָר ניט לאנג ווערטה געוועז העד כער דריי טויזענד פראַנק א שטיק! ... איצט פערקויפט מען זיי אויפ'ן פונט, וויא געוועהנליך פאַפּיער... מיר וועלען אָבער צו דעם ניט צולייגען. מיר וועלען עס פערקויפען אַם קנאַפּסטען צו צעהן סו א שטיק. דיא, וואס ווילען באנקראָ־טירען זוכען זיי. פערשטעהט איהר מיך? דיא אקציען האָ־בען געהאַט זעהר א גוטען נאמען און ווען איינער וויל באנקראָטירען,, קען ער ווייזען אַזוינע טויזענד אקציען און טענה'ען, אַז ער איז אַן אָפּפער פון דער „וועלט־באנק" קאַ־טאַסטראָפע, ביי וועלכער ער האָט פערלאָרען טויזענד מאָל דריי טויזענד פראַנק... דאָס וועט הייסען אַן אנשטענדי־גער, שעהנער באַנקראָט... יאָ, מיר וועלען מאַכען פון דעם שעהנע געלד!...

אין דיעזער צייט האָט זיך דערהערט פון דעם דער־בייאיגען צימער א פערשטיקטער, אויפגערעגטער קול.

— הערר זיגמונד רעדט שוין וויעדער צו זיך — האָט מעשען זיך אונטערבראָכען — אַזוי פון איין דער פריה אַן... אַך, גאָט מיינער! דאָס וואסער קאָכט! איך האָב גאָר פאַר־געסען... מען דאַרף עס פיר זיגמונד'ען. ליעבע פרוי, אויב איהר ווילט אַזוי גוט זיין, געהט צו איהם אריין און זעהט, אויב ער דאַרף נישט עפּעס...

פרוי מעשען איז ארויסגעלאָפען אין קיך און דיא גוטע קאַראָלינע — אין צימער צום קראַנקען.

דאָס אָרים צימער איז געוועזען בעלייכטעט פון דער גאָל־דענער אפּריל־זונן. איהרע שטראַהלען זיינען געפאַלען אויף דעם טישעל פון טענענהאָלץ, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען פיעל מאַנוסקריפּטען, דיא ארבייט פון צעהן שווערע יאָהר.

אויף דער שמאָלער אייזערנער בעט איז געזעסען זיג־מונד, אָנגעשפּאַרט אויף דריי קישען און אָנגעטהאָן אין אַ רויטער פלאַנעלענער בלוזע. דער שווינדזיכטיגער האָט פאַר'ן טויט גערעדט אָהן אויפהער. ער האָט גערעדט אָט פערפלאָנ־

טערט, אונפערשטענדליך, און באַלד קלאָהר און טיעף זיניג. זיין לאַנגער, מאָגערער פּנים איז געווען אויפגערעגט און זיינע ווייט־אויסגעגלאָצטע אויגען האבען געקוקט פאר זיך, אַזוי וויא זיי וואָלטען עפּעס געפרעגט.

ווען זיא איז אַריינגעטראָטען, האָט זיגמונד זיך אַ כאַפּ געטהאָן, אַקוראַט וויא ער וואָלט זיא געקענט, כאָטש ביז אַהער האָט ער זי נאָך קיינמאָל ניט געטראָפען.

— אַה, איהר זייט עס — האָט ער געזאָגט — איך האָב אייך געזעהן אין גייסט און אייך גערופען מיט אַלע מיינע כּוחות... קומט אַהער... נעהענטער, נאָך נעהענטער... איך וויל אייך דערצעהלען אַ סוד...

כאָטש זיא האָט זיך געשראָקען, איז זיא דאָך צוגעגאַנ־גען נאָהענט צו איהם און ער האָט זיא געצוואונגען צו זע־צען זיך נעבען איהם אויף אַ שטוהל.

— איך האָב ניט געוואוסט, אָבער איצט וויים איך עס — האָט ער גענומען ריידען שטיל — מיין ברודער האַנדעלט מיט פּאַפּיערען, דאָרט אין זיין געשעפטס־צימער האָב איך געהערט מענשען וויינען... מיין אייגענער ברודער!... אַה, וויא מען וואָלט מיר דאס האַרץ דורכגעשטאָכען מיט אַ הייסען אייזען... אַה, דאָס צורייסט מיר מיין האַרץ... געלד... דיא אונגליקליכע ליידענדע מענשהייט... באַלד וועל איך שטאַרבען, מיין ברודער וועט מיינע פּאַפּיערען אויך פערקויפען... איך וויל ניט... איך וויל ניט...

זיין שטימע איז געוואָרען קלאָהרער:

— הערט — האָט ער זיך געבעטען — מיינע פּאַפּיערען ליגען דאָרט, אויפ'ן טיש ליגען זיי... גיט מיר זיי אַהער... מיר וועלען פון אַלע מאַכען איין פּעקעל און איהר נעהמט עס מיט, נעהמט עס מיט!... אַה, איך האָב אייך גערופען, איך האָב געוואַרט אויף אייך!... ווען מיינע פּאַפּיערען זאָלען פערלאָרען געהן, וועט דיא גאַנצע ארבייט פון מיין לעבען געהן פערלאָרען!

קאראָלינע האט ניט געוואוסט, צי זאָל זיא איהם געבען די פּאַפּיערען, אָדער ניט.

— האָט רחמנות — האָט ער געבעטען — איידער איך שטאַרב, וואָלט איך געוואָלט וויסען, אויב אַלע מיינע פּאַ־פּיערען זיינען גאַנץ... מיין ברודער איז ניטאָ, ער וועט ניט זאָגען, אַז איך נעהם מיר אַליין דאָס לעבען... איך בעט אייך... מיינע פּאַפּיערען!...

— איהר האָט עס ניט געדאַרפט טהאָן — האָט קאַ־ראָלינע געזאָגט מיט רחמנות אין קול און דערלאַנגט איהם דיא פּאַפּיערען פון טיש: — אייער ברודער זאָגט, אַז דאָס שאַדעט אייך...

—עס שאַדעט? אָה ניין! ענדליך איז מיר געלונגען, נאָך פיעל יאָהר אַרבייט, דיא צוקינפטיגע געזעלשאַפט אויפ־צובויען. אַלע פראַגען זיינען פערענטפערט, אַלע... עס איז נור אַ שאַד, וואָס מיר איז קיין צייט ניט פערבליבען דיא אַלע נאָטיצען אין אָרדנונג צו ברייננגען און אַ ווערק פון זיי מאַכען... ניט אמת, איהר וועט דאָך זיי רעטען, ביז עס וועט זיך גע־פינען אַן אַנדערער, וואָס וועט זיי צוזאַמענשטעלען און אַרויסגעבען אין אַ ווערק!

מיט זיינע לאַנגע, דאַרע הענד האָט ער דיא פּאַפּיע־רען גענומען בלעטערען און זיינע אויגען האָבען זיך דערביי אָנגעצונדען אַזוי העל און ליכטיג. ער האָט גענומען ריידען שנעל, זעהר שנעל, און איינטאָניג, וויא דאָס טיק־טאַק פון אַ זייגער:

— אה, וויא קלאָהר איך זעה פאַר זיך יענע גליקליכע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט!... אַלע אַרבייטען, יעדער מוז אַרבייטען, און דאָך איז יעדער פריי. דאָס פאָלק איז נור איין גרויסע געזעלשאַפט. אַלע אינסטרומענטען פון דער אַר־בייט זיינען דאָס אייגענטהום פון אַלע; דיא קהל'שע ווער־הייזער זיינען פול מיט דיא אָנגעאַרבייטע פּראָדוקטען. קיין געלד איז ניט פאַרהאַן, נור פיר אַ צעטעל פון פערפערטיגטער אַרבייט בעקומט מען אַלעס פון דיא קהל'שע ווער־הייזער.

און אז עס איז קיין געלד ניט פאַרהאַן, איז אַ סוף צו שפּעקולאַציאָן, צו גנבה, צו שאַכער און וואָכער און צו דיא אַלע היינטיגע פערברעכענס, וואָס שטאַמען אַרויס פון דעם געלד... און חתונה האָט מען מיט וועמען מען וויל, וואָרים קיין נדן גיט קיינער ניט; מען ערמאָרדעט ניט קיין עלטערען צוליעב ירושה; קיינע פיינדליכע קלאַסען מעהר, קיינע אַרבייט־געבער און קיינע אַרבייטער, קיינע פּראָלעטאַריער און קיינע בורזשואַס מעהר און דעריבער קיין שטראָף־געזעצען מעהר און געריכט־הייזער, קיין בעוואַפענטע מאַכט, וואָס זאָל בעשיצען דיא רייכע געגען דיא הונגעריגע; קיין לוקסוס און קיין עלענד מעהר! אה, איז דאָס ניט אַ גליקליכע געזעלשאַפט, אַ גליקליכע וועלט, אַ גליקליכע מענשהייט?...

דער קראַנקער איז געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר בעגייסטערט, זיין שטימע האָט גענומען קלינגען וייכער און וויא פון דער ווייטער ווייטקייט, אַקוראַט וויא זיא וואָלט זיך דאָרט ערגעץ פערלאָרען אין דיא הויכע הימלען פון דער אַנקומענדער שעהנער צוקונפט, וועלכע ער האָט אָנגעזאָגט.

— איהר זעהט יענעם גרויסען בויגען פּאַפּיער דאָרט?

— האָט ער גערעדט ווייטער — אויף איהם זיינען פערצייכענט דיא פּלענער פון דער צוקינפטיגער פאַמיליע, פרייע הייראַטה און פון ערציהען קינדער אויף קהל'שען רעכנונג. און דאָך איז עס ניט קיין אַנאַרכיע. איהר זעהט דאָרט דעם צווייטען בויגען פּאַפּיער? אויף איהם איז פערצייכענט, וויא אַזוי אַ קאָמיטעט זאָל פערוואַלטען יעדע אבטהיילונג פון דיא קהל'שע ווערקשטאַטען. אין דיא שטעדט און אין דיא דערפער וועלען דיא אַרבייטער אַרבייטען אונטער דער אויפזיכט פון בעאַמטע, וואָס זיי, דיא אַרבייטער, וועלען אַליין ערוועהלען. דיא געזעצע, וואָס וועלען ביי דער אַרבייט גילטען, וועלען זיין געמאַכט פון דיא אַרבייטער אַליין. מעהר וויא דריי־פיער שטונדען אַ טאָג וועט קיינער ניט דאַרפען אַרבייטען, דיא איבעריגע צייט וועט יעדער קענען בענוצען, אום צו געניסען דאָס לעבען. דיא וועלט וועט ניט זיין קיין קאַ־

טערט, ,אונפערשטענדליך, און באלד קלאהר און טיעפזיניג, יעדער וועט קענען בעפריעדיגען זיינע נאטירליכע פערלאנגען; וואו יעדער וועט זיין געזונד, שטארק, שעהן, אינטעליגענט, און וואו יעדער וועט געניסען אין פולער מאס פון דער אונערשעפליכער נאטור.

ער האט א פיהר געטהאן מיט דער האנד ארום דעם ארימען צימער, אקוראט, וויא ער וואלט אריינגענומען אין איהר דיא גאנצע וועלט. אין דעם דאזיגען ארימען צימער, אין וועלכען ער האט געלעבט אזוי ארים, אהן דעם מינדעסטען גענוס, האט ער מיט א ברידערליכער האנד אויסגעטהיילט דיא ניטער פון דער ערד און דיא אוצרות פון דער וועלט. דיא גאנצע גליקזעליגקייט, אלעס גוטעס, וואס ער אליין האט קיינמאל ניט גענאסען, האט ער אויסגעטהיילט מיט א פרייער האנד, וויסענדיג, אז ער אליין וועט דערפון שוין קיינמאל ניט געניסען. אום צו קענען אזוי גליקליך מאכען דיא לייד־דענדע מענשהייט, האט ער זיינע לעצטע יאהרען קראנקער־הייט געארבייט דורך טאג און נאכט, און איצט, ווען דער טויט האט שוין אויף איהם געאטהעמט, האט ער אויך נאך געטרוימט פון זיין גליקליכער מענשהייט.

זיינע הענד האבען אונרוהיג געכאפט דיא בויגענס פא־פיער, און זיינע אויגען, פון וועלכע עס האט שוין ארויסגע־קוקט דער טוידט, זיינען געווען טיעף פערקלעהרט און זיין גאנצער פנים האט געלויכטען מיט ניט אירדישען גליק.

—אה, וויפיעל נייע, ריהרעוודיגע הענד ארבייטען! דיא גאנצע מענשהייט ארבייט, דיא הענד פון אלע לעבעדיגע מענ־שען ארבייטען פאר דאס גליק פון דער וועלט! קיינע פער־מריקענטע פעלדער און קיינע זומפען, אלעס בליהט און וואקסט, בעוואסערט און בעפרוכטעט פון קאנאלען. דארט, וואו עס איז פריהער געווען וויסט, בליהט איצט, דער מענש האט עס אויפגעטהאן. דער מענש איז הויך ענטוויקעלט, און בעהערשט דיא וועלט... שוהלען און ווערשטאטען שטע־הען אפען פאר אלעמען און דאס קינד קלייבט זיך אויס א

האַנד־ווערק לויט זיינע פעהיגקייטען און לויט זיין גייסט. יעדער אַרבייט פיר אַלע און אַלע פיר יעדען... אַה, גליק־ליכע שטאָדט, אידעאַלע שטאָדט פון אַ געזונטער און גליק־ליכער מענשהייט! געבענשטע שטאָדט, טריאומפפירענדע שטאָדט, צו וועלכער דיא מענשהייט האָט געשטרעבט זייט יאָהר־הונדערטע! אַה, שטאָדט, וואָס דיינע ווייסע ווענד זעה איך פינקלען אַזוי נאָהענט נעבען מיר... דאָרט, אין׳ם גליק... אין דעם בלענדענדען זונען־שיין...

זיינע אויגען זיינען פערלאָשען געוואָרען, דיא לעצטע ווערטער זיינע זיינען אָפּגעשטאָרבען אין אַ שטילען הויך. ער האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ אַהינטער און אויף זיינע ליפּען איז פערגליווערט געוואָרען דער שמייכעל פון בעגייסטערונג. ער איז געווען טויט.

קאַראָלינע האָט מיט רחמנות געקוקט אויף דעם טוידטען. פּלוצים האָט זיא דערפיהלט, אַזוי וויא אַ שטורמווינד וואָלט זיך אין צימער אריינגעריסען. דאָס איז אריינגעלאָפען בוש אָהן אַ דאָקטאָר און הינטער איהם פּרוי מעשען, וועלכע האָט זיך פאַר איהם פערענטפערט, וואָרום זיא האָט דעם קראַנקען קיין טהעע ניט דערלאַנגט. אַז ער האָט דערזעהן, וויא זיין ברודער, זיין „קינדעלע" ליגט אויפ׳ן רוקען מיט אַן אָפענעם מויל און שטאַרע אויגען, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַזאַ גע־שריי, וויא אַ חיה, וואָס מען וויל אומברייננגען. מיט איין שפּרונג האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפען אויפ׳ן טויטען. האָט איהם אויפגעהויבען מיט זיינע לאַנגע הענד אין דער הויך, אַזוי וויא ער וואָלט אין דעם טויטען קערפּער זיין אייגענע נשמה געוואָלט אריינהויכען. דיעזער שרעקליכער מענשען־פרעסער, וועלכער איז קאַפּאַבעל געווען פאַר איין פראַנק אַ מענשען אומצוברייננגען, דער זעלבער אונמענש, וואָס האָט אַלע זיינע יאָהרען גערויבט און געשונדען דיא עלענדע מענ־שען פון פּאַריז — ער האָט איצט געיאָמערט אַזוי, אַז ביי קאַראָלינע׳ן איז דאָס האַרץ צוריסען געוואָרען.

גרויסער גאָט, זיין קינד איז טויט! — האָט ער געיאָ־

מערט, אוועקלייגענדיג דעם טויטען אויף דער בעט: — ער וועט שוין מעהר ניט האָבען זיין גוט קינד!

און אין אַן אַנפאַל פון פערצווייפלונג האָט ער געכאַפּט דיא צושאָטענע בעשריבענע בלעטער פון דער בעט און האָט זיי געריסען און צוטראָטען מיט דיא פיס.

אַה, דיעזע אונזיניגע אַרבייט האָט ערמאָרדעט זיין ברודער! אַה, דאָס איז געווען זיין מלאך המות!

קאַראָלינע האט געפיהלט טיעפען רחמנות צו בוש'ן. אַזאַ שמערצליכען יאָמער האָט זיא שוין אַמאָל געהערט. וואו? זיא האָט זיך דערמאָנט, אַז ביי מאזאַ'ן אין הויז. און דער שמערצליכער יאָמער פון מאזאַ'ס פרוי און קינדער האָבען ווידער אָפּגעהילכט אין איהרע אויערען.

זיא איז נאָך אַ ווייל געשטאַנען און זיך צוגעהערט צו בוש'ס יאָמערען, דאַן איז זיא אריין מיט פרוי מעשען אין צווייטען צימער און ביי איהר געפרעגט אויף וויקטאָר'ן. פרוי מעשען האָט איהר געענטפערט, אַז זיא האָט איהם דיא גאַנצע פיער חדשים ארומגעזוכט, אָבער קיין שפור פון איהם קען זיא ניט געפינען. מסתמא וועט מען איהם באַלד געפינען אויפ'ן עשאַפאָט. קאַראָלינע האָט זיא אויסגעהערט מיט שרעק. יאָ, ער איז פערלאָרען! דיא ווילדע חיה שלעפּט זיך דאָרט ערגעץ ארום אויף דער וועלט מיט פערגיפטעטען בלוט אין דיא אָדערען, פון זיינע עלטערען גע'ירש'ענט, און מיט שאַרפע צייהן...

ווען קאַראָלינע איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען, איז זיא איבעררַאשט געוואָרען פון דעם מילדען וועטער.

עס איז געווען אַרום פיער פאַרנאַכט אין חודש אַפּריל. דיא זונן, וואָס איז אונטערגעגאַנגען אויפ'ן האָריזאָנט, האָט געוואָרפען אַ גאָלדענעם שיין איבער'ן בולוואַר.

אין דער לופטען האָט דער פריהלינג געשוועבט און איהם האָט קאַראָלינע פּלוצים דערפיהלט אין איהר נשמה. אין איהר ברוסט האָט מיט אַמאָל ווידער דיא האָפנונג ערוואַכט. מעגליך, אַז דער שעהנער טויט פון דעם ערדלען

טרוימער, פון זיגמונד'ען, וועלכער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטהעם, חלום'דיג פון א וועלט פון יושר, פון א גליקליכער מענשהייט, האָט אַזוי אויף איהר געווירקט. און אפשר דערפאר, ווייל זיא האָט געזעהן הייסע ליעבע דאָרט, וואו זיא האָט ניט ערוואַרטעט צו זעהן, ביי דעם באַנדיט בוש'ן, איז זיא מיט אַמאָל אַזוי פרעהליך געוואָרען. זיא אַליין האָט ניט געקענט זאָגען, ווארום זיא איז אַזוי פרעהליך.

זיא האָט ביי זיך גענומען פרעגען, וויא אזוי קען זיא זיין פרעהליך, ווען אין איהר זכרון זיינען נאָך פריש דיא אַלע בילדער פון יענעם גרויסען חורבן, פאַר וועלכען זיא האָט זיך אַליין אויך געהאַלטען פעראַנטוואָרטליך; אָבער איהר לעבעדיגע נשמה האָט ניט געוואָלט הערען דיא דאָזיגע פראַגען. לעבען האָט דאָרט ערוואַכט, לעבען און האָפנונג און דיא פרייד מיט'ן לעבען... דער לעבענס-זאַפט, דער לעבענס-קוואַל האָט א שטראָם געטהאָן אין איהר מיט אַ געוואַלדיגע מאַכט און האָט אָפּגעשווענקט אַלעס, וואָס איז אין איהר געלעגען שווערעס, טרויעריגעס, ביטערעס, און ווידער איז דאָרט העל און לייכט, און פרעהליך געוואָרען, און ווידער האָט קאראָלינע דערפיהלט, אַז זיא קען ניט זיין טרויעריג, וויא זיא פלעגט אַמאָל לאַכענדיג זאָגען...

שפעטער, איינפּאַקענדיג דיא זאַכען פאַר דער רייזע צו איהר ברודער אין רוים, האָט זיא זיך דערמאָנט אָן אַלע איהרע טרוימען וועגען אויפלעבען דיא מזרח-לענדער; אָן דיא רייזעס איבער יענע לענדער, וואָס דיא בילדער פון דאָרט זיינען נאָך איצט אויך איינגעבאַקען געוועזן אין איהר מוח און הארצען.

און ווען זיא האָט ארומגעבונדען מיט א שנור דיא צונויפגעוויקעלטע פאַפּיערען פון איהר ברודער, וועלכע זיא האָט צו איהם געפיהרט אין רוים, האָט זיא זיך דערמאָנט אָן סאקאר'ן. זיא האָט געוואוסט, אַז ער געפינט זיך איצט אין האָלאַנד און אַז ער איז דאָרט בעשעפטיגט מיט א געוואַלדיגער אונטערנעהמונג, אויסצוטריקענען אונגעהייערע זומפּען. ער

איז, נאָך אַלעמען געבליבען גערעכט: דאָס געלד איז היינט די קראַפט, וואָס שאַפט די וועלט פון מאָרגען, דאָס סם־המות׳דיגע געלד איז די טרייבענדע קראַפט פון יעדען גע־זעלשאַפטליכען וואַקסען... האָט זיא איצט אַזוי געדענקט? גרויסער גאָט! איז דען ניט פאַרהאַן אויף יענער זייט הינ־טער יענעם קויט, יענעם שמוץ, הינטער די פיעלע צוטראָ־טענע קרבנות, הינטער די פיעלע ליידען, וואָס יעדער טראָט פאָרווערטס צו אַ גליקליכערע מענשהייט לאָזט איבער נאָך זיך, — איז דען ניט פאַרהאַן אַן אונבעשטימטעס ווייטעס ציעל, עטוואָס העכערעס, גוטעס און גערעכטעס, צו וועלכען אונזער שיקזאַל שלעפּט אונז אונבעוואוסט פאַר אונז אַליין, און וואָס פילט אָן אונזערע הערצער און נשמות מיט לוסט צו לעבען און האָפען?

דעריבער האָט קאַראָלינע געקוקט מיט פרעהליכע אויגען פאַר זיך. איהר פנים איז נאָך איצט אויך געוועזען יוגענד־ליך־פריש אונטער די שנעע־ווייסע האָאַר, אקוראַט וויא זיא וואָלט אויף דער אַלטערענדער ערד מיט יעדען פריהלינג אינ־גער געוואָרען. און דערמאָנט זיך אָן איהרע פערהעלטניסע מיט סאַקאַר׳ן, האָט זיא זיך פערשעהמט און איהר האָט וועה געטהאָן פאַר דער ליעבע, וואָס איז אַזוי שרעקליך בעשמוצט געוואָרען. וואָרום זאָל מען דאָס געלד נור אַליין בעשולדיגען פאַר דעם שמוץ? איז די ליעבע וויינינגער שמוציג, די ליעבע, וואָס שאַפט דאָס לעבען?

ע נ ד ע.